STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01172

KULTUR UN FOLK

Moissaye J. Olgin

*Permanent preservation of this book was made possible
by Judith & Morris Rabinowitz
in memory of
Aaron & Esther Rabinonitz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קולטור און פֿאָלק

מ. אָלגין

קולטור און פאָלק

אָפּהאַנדלונגען און עסייען וועגן קולטור און וועגן שרייבער

מיט אַ פאָרוואָרט פון פּ. נאָוויק

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1949

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פונעם חבר
ש מ ו א ל ד ע מ ב ו ם
(ניו־יאָרק)
אין הייליקן אָנדענק פון
זיין שוועסטער לאה עלקע
און ברודער ישראל און זייערע משפחות,
וואָס זיינען אומגעקומען אין פוילן,
דורך די היטלעריסטישע רוצחים.

KULTUR UN FOLK

(Culture and the People)

***By* M. Olgin**

Foreword by P. NOVICK

1 9 4 9

PUBLISHED BY YKUF

189 Second Ave., New York 3, N. Y.

209

Printed in the U.S.A.



מ. אָלגין — פֿאָטאָגראַפֿירט אין רעדאַקציע „מאָרגן־פֿרייהייט“, אין 1938.

מ. אָלגינס ווערק אין יידיש

„געלעבט—געקעמפט״, בראָשור, 1906 (אָנגעשריבן אין 1904).
„דער לעצטער קרבן״, בראָשור, 1907 (אָנגעשריבן אין 1904).
„ווען דאָס לעבן רופט״, נאָוועלן און בילדער, 194 ז״ז. דערשינען אין 1912, אין פאַרלאַג „פּראָגרעס״, וואַרשע (פריער דערשינען אונטערן נאָמען „ווען קייטן קלינגען״, שליסט־איין „געלעבט־געקעמפט״, און „דער לעצטער קרבן״).
„דאָס יידישע וואָרט״, כרעסטאָמאַטיע, 2 העפטן, דערשינען אין 1913.
„אין דער וועלט פון געזאַנגען״, אָפּהאַנדלונגען וועגן פּאָעזיע און פּאָעטן, 1919.
„מיין שטעטל אין אוקראַינע״, 1921.
„פון מיין טאָגבוך״, 1926.
„האווילע און יואל״, 1927.
„טראָצקיזם״, 1937.
צעבראָכענע גראַטעס״, 1937.

צווישן די צענדליקער בראָשורן, וואָס אָלגין האָט אָנגעשריבן, געפינען זיך: „וואָס ווילן די סאָציאַליסטן?״ „אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטיי״, „קאָמוניזם — צוליב וואָס און פאַר וועמען?״ (דערשינען אָריגינעל אויף ענגליש אונטערן נאָמען „וואָהאי קאָמוניזם״, און איבערזעצט אויף צוועלף שפּראַכן); „וואָס ווילן די לינקע אין די יוניאָנס?״, „נאָדל־אַרבעטער, וואוהין פירט אייער קאַמף?״, „דער קלאַסן־קאַמף אין אַרבעטער־רינג״, „רעכטס און לינקס אין אַרבעטער־רינג״, „דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן״, „אַב קאַהאַן — ווער איז ער? וועמען פאַרטרעט ער?״

איבערזעצונגען: פון העברייאיש — צוויי בענד מענדעלע מוכר־ספרים; פון פויליש — אַ באַנד דערציילונגען פון עליזא אָרזשעשקאָ, „פרייהייט־קעמפער״ פון א. ניעמאָיעווסקי; פון דייטש — אדלהייד פּאָפּס „יוגנט־געשיכטע פון אַן אַרבעטערין״; פון רוסיש — סעמיאָן יושקעוויטשעס „הונגער״, לעאָניד אנדרייעווס „קעניג הונגער״, „זיבן געהאַנגענע״, „דער געדאַנק״, לעוו טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת״; פון ענגליש — דזשעק לאָנדאָנס „די שטימע פון בלוט״ („קאָל אָוו דהי וואַילד״), דזשאָן רידס „צען טעג וואָס האָבן איבערגערודערט די וועלט״, און אַנדערע.

דערשינען נאָך זיין טויט

„פאָלק און קולטור״, זאַמלונג פון אַרטיקלען, פאַרלאַג „איקוף״, 1939.
געזאַמלטע שריפטן (רעדאַקטירט פון פּ. נאָוויק), באַנד 1 — „1905״, באַנד 2 — „אַמעריקע״, באַנד 3 — „סאָוועטן פאַרבאַנד״.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט פון פּ. נאָוויק 9

פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור

אויפן ברייטן וועג 41
פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור 50
יידישע קולטור אין אַמעריקע 59
די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור 65
דער „פּראָלעטפּען״ 69
אַנדערש 77
וועגן אָפּגעטער און קריטיק 81
קונסט און רעוואָלוציע 86
קולטור און פּאָליטיק 96
צוויי מאָסן 105
לייוויק און הירש לעקערט 116
צו די אוועקגעגאַנגענע 126
„איקוף״ 130
וואָס הייסט קולטור־אַרבעט? 134
מיר און יידיש 137
לאָמיר זיך לערנען ריידן יידיש 141
אַנטיסעמיטיזם און די יידישע קולטור 145
דרך־ארץ פאַרן פאָלק 153

שרייבער און זייערע ווערק

מענדעלע מוכר ספרים ירושה 161
שלום־עליכם 166

זײַט

צוויי בריוו פֿון שלום־עליכמען 176
פּרץ דער ליריקער 181
מאָרים ראָזענפֿעלד 191
ה. ד. נאָמבערג 202
יצחק מאיר ווייסענבערג 212
א. ראַבאָין אַ סאַלוט 221
א. ראַבאָי 227
ז. וויינפּער 243
מלכה לי 252
בער גרין 255
כאַווער־פּאַווער 259
י. א. ראָנטש 265
מאַרטין בירנבוימס לידער 270
מענקע קאַץ 281
חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן 286
צבי הירשקאָן 290
יעקב שייפּער 295
יאָסל קאָטלער 299
משה נאַדיר 304
ביל גראָפּער 311
אַ ליטעראַטור גייט — אַ ליטעראַטור קומט 320
לענין און טאָלסטאָי 331
דער ליכטיקער פּושקין 337
מאַקסים גאָרקי 342

פאַרוואָרט

.1

„אויפן ברייטן וועג" האָט געהייסן דער רעפעראַט, וואָס מ. אָלגין האָט געהאַלטן אין ניו־יאָרק, אין אויגוסט 1937, אין טאַון האָל, אויף דער דער־עפענונג־זיצונג פון אַ לאַנד־קולטור־קאָנפערענץ ערב דעם ערשטן אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. אויפן ברייטן וועג. אויף אַזאַ־אָ וועג איז געגאַנגען דער קולטור־שאַפער, דער קולטור־בויער — מ. אָלגין.

וואָס איז דער עיקר, פאַרוואָס אָלגינס קולטור־שאַפן, קולטור־בויען דאַרף אַזוי כאַראַקטעריזירט ווערן? דער דאָזיקער עיקר באַשטייט ניט אין דעם, וואָס אָלגין איז געווען אַ קולטור־מענטש פון אַ ברייטן פאַרנעם, האָט געהאַט אַ ברייטן אינטערעס אין קולטור — אין אירע פאַר־שיידנסטע אויסדרוקן. אַזאַ אינטערעס האָט ער אַוודאי געהאַט. ער האָט געהאַט אַן אַקטיוון, אַן אינטענסיוון אינטערעס אין קולטור, אין קולטור־אַרבעט, אין ליטעראַטור און ליטעראַטור־פאָרשונג. דאָס איז ביי אים גע־ווען אַ נאַטירלעכע פאָרם פון אויסלעבן זיך — ביזן לעצטן מאָמענט זיינעם. ביי אים אויפן שרייב־טיש האָט מען, נאָכדעם ווי דער לעצטער אַקאָרד האָט אָפּגעקלונגען, געפונען אַן אָנוואָרף פאַר אַ ברייטער שטודיע פון דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט אין זיינע לעצטע שעהן. און אָלגין האָט געהאַט אַן אַקטיוון און אינטענסיוון אינ־טערעס אין דער ליטעראַטור פון פאַרשיידענע פעלקער.

אין אַ גרויסער מאָס איז ער צוגעגרייט געוואָרן דערצו ביים סאַמע אָנ־הויב פון זיין לעבן. „אונדזער שפּראַך", שרייבט ער, ווען ער דערציילט וועגן דער היים פון זיינע עלטערן, „איז געווען יידיש און אוקראַיניש" . . . „צו אַכט יאָר האָב איך זיך אַליין אָנגעהויבן לערנען רוסיש" . . . „ווען איך בין אַלט געווען ניין יאָר האָב איך שוין געלייענט פריי העברייאיש. צו צען יאָר האָב איך שוין געקאָנט לייענען רוסישע ביכער. ניט וויסנדיק, אַז דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינלעכס, האָב איך שוין אין מיינע ייִנגלישע יאָרן געקענט פיר שפּראַכן און געלייענט ביכער אויף דריי שפּראַכן"

(יידיש, העברייאיש, רוסיש). „אוקראַינישע ביכער זיינען מיר אַריינגע־פאַלן אין די הענט אַ סך שפּעטער" (אַלגינס געזאַמלטע שריפטן, „אַמע־ריקע", ז"ז 59־60).

די פּיל־שפּראַכיקייט און די היימישקייט זיינע אין פאַרשיידענע לי־טעראַטורן איז ביי אַלגינען ניט געווען „עפּעס אויסערגעווינלעכס". אין קיעווער אוניווערזיטעט איז ער פאַרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די רעוואָלוציאָנערע סטודענטן, פון גאַנצן אוניווערזיטעט, און דערביי אַרבעט ער צוזאַמען מיט דער יידישער סטודענטן־גרופּע: „פרייהייט". פון אוניווערזיטעט גייט ער אַריבער צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן, הויבט אָן שילדערן, אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם, דעם יידישן רעוואָלוציאָנער — און אויף דעם געביט איז ער געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור — און ווערט ממונה אויף לי־טעראַרישע ענינים אין דער צייטונג פון „בונד" אין ווילנע („וועקער", שפּעטער „פאָלקסצייטונג", „האָפענונג"). אין דער היידעלבערגער אוני־ווערזיטעט באַקענט ער זיך נעענטער מיט דער דייטשער ליטעראַטור, אָבער אין דער זעלביקער צייט שטעלט ער צונויף איינע פון די ערשטע יידישע כרעסטאָמאַטיעס, צוזאַמען מיט די לערער פון די ווילנער אָוונט־קורסן („דאָס יידישע וואָרט", צוויי העפטן, דערשינען אין קלעצקינס פאַרלאַג אין 1913). ער קומט קיין אַמעריקע און באַלד נעמט ער זיך פאַר דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. „כ'האָב באַלד אָנגעהויבן אַנטדעקן שרייבער, און דאָס איז פאַר מיר געווען איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון מיין ערשטן יאָר אין אַמעריקע, אַ יאָר פון שעפערישער אַנטדעקונג, אַזוי צו זאָגן" („אַמעריקע", ז' 24). ער כאַפּט זיך צו צו דרייזערן, האַועלן, דזשעק לאָנדאָנען, פרענק נאָריסן, וואָלט וויטמאַנען. ער איז דער ממונה אויף ליטעראַטור־ענינים אינעם אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, „נייע וועלט", שרייבט דאָרט יעדע וואָך וועגן יידישע שריפט־שטעלער, און גייט אין קאָלאָמביע אוניווערזיטעט, וואו ער האָט זיך גע־קליבן אָפּגעבן זיין דיסערטאַציע אויף דער טעמע: אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור. אונטערן איינפלוס פון איינעם פון זיינע פּראָפעסאָרן האָט אַלגין גע־נומען די רוסישע ליטעראַטור פאַר זיין טעמע.*

---

* די דיסערטאַציע איז אַרויס אין אַ בוך: „עי גאַיד טו ראַשיען ליטעראַטשור" (אַ וועגווייזער צו רוסישער ליטעראַטור), פאַרלאַג „האַרקאָרט ברעיס", ניו־יאָרק, 1920, 323 זייטן — קורצע כאַראַקטעריסטיקן פון 54 רוסישע שרייבער, פון פּושקינען, גריבאָיעדאָוון, לערמאָנטאָוון און גאָגאָלן ביז די סאַמע לעצטע פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ס'איז וואָר: אַלגין האָט געהאַט אַ ברייטן אינטערעס אין ליטעראַטור — אין די ליטעראַטורן פון פאַרשיידענע פעלקער. דאָס האָט ברייטער געמאַכט דעם וועג פון אַלגינען דעם יידישן קולטור־בויער, קולטור־שאַפער. פונדעסטוועגן איז ניט דאָס דער עיקר, ווען מען רעדט וועגן דעם קולטור־בויער אַלגין, וואָס איז געגאַנגען אויפן ברייטן וועג. מען קאָן זיין פאַרקאָכט אין קונסט, זיין אַ קענער פון פאַרשיידענע ליטעראַטורן, אַ פאַרשער, און דאָך גיין אויף אַ גאַר שמאָלן וועג, אפילו זיין איינגעצאַמט אין ד' אמות. אַלגין איז געגאַנגען אויפן „דרך המלך", ווייל ביי אים איז די קולטור ניט געווען אָפּצוטיילן פונעם פאָלק, פונעם לעבעדיקן לעבן, פונעם טאָג־טעגלעכן דראַנג צום „נייעם טאָג", ווי דאָס האָט ביי אים געהייסן.

אין יענעם רעפעראַט, אין אויגוסט 1937, האָט אַלגין גערעדט וועגן דעם ברייטן וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען די אבות פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ (אין זיין ערשטן פעריאָד). „די קלאַסיקער זיינען געשטאַנען אין ענגסטן, אינטימסטן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן, מיטן פאָלק", האָט אַלגין אָנגעוויזן. פונקט אַזוי, און אפשר נאָך מער, קאָן מען זאָגן וועגן אַלגינען: ער איז געווען ענג, אינטים פאַרבונדן מיט די פאָלקס־מאַסן. די ווערק פון די קלאַסיקער האָבן פאַרמאָגט סאָציאַלע אָנלאָדונג, האָט אַלגין אין יענעם רעפעראַט און אין פיל פון זיינע אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אונטערגעשטראָכן. אָבער די קלאַסיקער אונדזערע האָבן פאַרט געלעבט אין דער סביבה פונעם אַמאָליקן תחום, אינעם אַלטן, צאַרישן רוסלאַנד (שלום־עליכם האָט זיך געזעגנט מיט רוסלאַנד אַרום אַכט יאָר פאַר זיין טויט). זיי זיינען געווען צוגעבונדן צום קליינבירגערלעכן שיכט, פון וועלכן זיי האָבן געשטאַמט. זיי „האָבן כמעט ווי פאַרזען דעם אויפקום פון דעם הייניטצייטיקן יידישן פּראָלעטאַריער מיט זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע און קאַמף־גייסט", זאָגט אַלגין אין יענעם רעפעראַט. „דער סאָציאַלער אידעאַל איז ביי זיי, צייטנווייז, געווען מטושטש". דער ברייטער וועג זייערער האָט זיך פאָרט מייסטנס פאַרענדיגט דאָרט וואו עס האָבן זיך אָנגעהויבן די „גוי־אישע" גערטנער . . . אַלגין דער קולטור־בויער איז געווען — אַלגין דער מאַרקסיסט, דער פּאָליטישער פירער, דער קעמפער, וואָס איז געגאַנגען מיט און בראש פון די מחנות קעמפנדיקע יידישע פּראָלעטאַריער, און וואָס זיי, צוזאַמען מיט אים, האָבן מאַרשירט זייט ביי זייט מיט די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע פעלקער, געקעמפט צוזאַמען פאַרן „נייעם טאָג". דאָס האָט געגעבן זיין אַרבעט אויפן געביט פון דער יידישער קולטור ברייטערע האָריזאָנטן, פּערספּעקטיוון אויף דורות (זע: „מיר און יידיש"). דערפאַר האָט

ער פאַרמאָגט דעם אָפּטימיזם, דעם גלויבן אין פאָלק, וואָס ער האָט גע־פאָדערט פונעם יידישן שרייבער.

אָלגינס שאַפן און ווירקן האָט פאַרמאָגט די סאָציאַלע אָנלאָדונג פון דער עפּאָכע פון אויפגייענדיקן סאָציאַליזם.

.2

אָלגינס וועג פון אַ בויער פון דער יידישער קולטור ציט זיך, ווי מיר האָבן שוין געזען, פון „מיין שטעטל אין אוקראַינע" (דער נאָמען פון זיינס אַ ווערק, דערשינען אין 1921). ער דערציילט דאָרט וועגן איינעם אַ משה חיימ׳ס, וואָס האָט פלוצים אָפּגעלאָזט דעם שידוך, כדי צו פאַר־מעסטן זיך אָפּצוגעבן עקזאַמען אויף אַכט קלאַסן גימנאַזיע, און זאָגט אויף אים — מיינענדיק זיך אַליין: „משה איז געווען אַ אונדזעריקער, פון אונ־דזער דור". דער טאַטע, חיים פּנחס׳עס, איז געווען איינער פון די „קאָ־רעננאָיע" (איינגעוואָרצלטע) באַלעבאַטים פונעם שטעטעלע „ב." (בוקי, דרייסיק וויאָרסט פון אומאַן), אָבער אַ קבצן — אַן אָנגעשטעלטער און „שרייבער" אין וואַלד. ער איז געווען אַ למדן, אָבער „אויך מער־ווייניק באַקאַנט מיט דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור. ער האָט אויס־געשריבן אַ העברייאישע צייטונג און געלייענט אַ סך פון די וועלטלעכע העברייאישע שרייבער פון זיין צייט." „. . . אַזוי־אַרום איז אונדזער פאַמיליע געווען אַ געמיש פון אָרטאָדאָקסישער און מאָדערנער יידישקייט און פון נאָענטער באַרירונג מיטן פויערשן לעבן" („אַמעריקע", ז׳ 59).

קיין ביבליאָטעק איז אין שטעטל ניט געווען, אָבער אַז דער מוכר־ספרימניק פלעגט אַריינפאָלן, פלעגט מען ביי אים איינהאַנדלען ליטע־ראַטור. „אנדערע — דערציילט אָלגין אין „שטעטל" — האָבן אפילו אויס־געשריבן יידישע ביכער פון וואַרשע אָדער ווילנע — דורך דער פּאָסט." פלעגן אין שטוב אַריין „אַריינפאַלן" אַלערליי אויסגאַבן. „אין שטעטל האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט אַלטע „השחרס", אַלטע „הבוקר אורס", די ווערק פון גאָטלאָבער, די ווערק פון יהודה ליב גאָרדאָן, פּרץ סמאָלענסקין, ראובן־אשר ברוידעס; געווען נאָך עלטערע ביכער — פון יצחק בער לעווינזאָן; געווען אַ תנ"ך מיטן ביאור און מיט אַ דייטשער איבערזעצונג. ביי איינעם פון די יונגעלייט האָבן זיך פאַרוואַלגערט עטלעכע אַלטע נומערן פונעם „המגיד". די זשורנאַלן און ביכער זיינען קיינמאָל ניט געלעגן ליידיק."

אָט אַזוי האָט דער יונגער משה יוסף, דער מוזיניק אינעם אָרימען אָבער ציכטיקן און קולטורעלן הויז פון דעם „קאָרעננאָיעם" באַלעבאָס פונעם אוקראַיניש־יידישן שטעטל בוקי, איינגעזאַפּט אין זיך סיי די העב־

רייאישע „ספרים חצונים“, סיי די ביכלעך פון דער דעמאָלט גאָר יונגער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, געלייענט רוסישע ביכער. אין זיין „האָורילע און יואל“ שילדערט אַלגין אין וואָסערע וועלטן ער האָט זיך דע־מאָלט געטראָגן (רעדנדיק וועגן זיין העלד יואל). „עס שטייען אויף דיכ־טער מיט גאָלדענע געזאַנגען, עס שטייען אויף געלערנטע מיט וויסן ברייט ווי דער ים“ . . . „ס'ליגט אַ לאַנד — רוסלאַנד. ס'שפּרייטן זיך ברייטע פעל־דער — די באַרימטע פּאָעטישע רוסישע סטעפּעס“. דאָס איז געווען אַ וועלט פון „גרויסע פאַרלאַנגען און ליכטיקע האָפענונגען, ברייט ווי די רוסישע סטעפּעס, אומענדלעך, שוואונגפול, ווי דאָס רוסישע ליד: „עך, טי סטיעפּ מאַיא, סטיעפּ פּריוואָלנאיא“ (עך, דו ברייטער סטעפּ, פרייער סטעפּ מיי־נער). און אַנדערע קלאַנגען האָבן זיך דאָ געהערט. „פון ערגעץ קריכט אַרויס דער מאָטיוו פון אַ לידל, וואָס די מאַמע האָט געזונגען יונגערהייט: „אין דער סאָכע ליגט די מזל ברכה“ („האָורילע און יואל“, ז"ז 73־75).

דאָס יונגע בחורל, משה יאָסל נאָוואָמיסקי, האָט געמוזט אַוועק פון דער היים, וואו עס איז געווען וויניק ברויט, צו ווערן אַ לערער אינעם הויז פון אַ דאָרפס־יידן. „משהן האָט מען געצאָלט — דערציילט אַלגין אין זיין „שטעטל“ — צען קערבלעך אַ חודש מיט עסן. דערפאַר האָט ער פון אינדערפרי ביז נאַכט געדאַרפט זיצן און קנעלן מיט די קינדער, לער־נען זיי חומש און רש"י און תנ"ך און שרייבן יידיש און רוסיש און דייטש און אַלצדינג, וואָס ער קען נאָר. אַמאָל אונטער חגא האָט ער געדאַרפט אונ־טערהעלפן אין קראָם אויך" („שטעטל“, ז' 62). דאָ האָט ער זיך נאָך נענטער באַקענט מיטן לעבן פונעם פּויער און דערזען, אַז מיט דער סאָכע איז ביי אים אויך פאַראַן וויניק מזל־ברכה. צוזאַמען מיט דער נאַטור, מיט דער „סטיעפּ פּריוואָלנאיא“, האָט דער זון פון דער יידישער אָרעמשאַפט איינגעזאַפּט אין זיך דעם צאָרן פון די „געקרענקטע און באַליידיקטע“, סיי פונעם שטעטל און סיי פונעם דאָרף, — די „געקרענקטע און באַליידיקטע“, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט מיט אַ סך יאָרן שפּע־טער, אין יענעם רעפעראַט אין אויגוסט 1937, ווען ער האָט געשטעלט פאָ־דערונגען דעם יידישן שרייבער.

דער נייַנצנטער יאָרהונדערט האָט זיך דערנעענטערט צום סוף. אין רוסלאַנד איז געבאָרן געוואָרן די מאַרקסיסטישע פּאַרטיי, די „רוסלענ־דישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי“. עס איז געבאָרן גע־וואָרן דער „בונד“ און דער פּאָליטישער ציוניזם. דעם יונגן משה האָט אַ צי געטאָן אין שטאָט אַריין. אויסגעדריקט האָט זיך דאָס אין דעם באַ־גער נאָך בילדונג. „אין יענע יאָרן — שרייבט אַלגין — האָבן מיר נאָך

געגלויבט אין וויסנשאַפט און בילדונג ווי אין די גרעסטע דערלייזער. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז קוים וועלן מענטשן ווערן געבילדעטער, פאַרשטענדלעכער, אויפגעקלערטער, וועט די ערד ווערן אַן גן־עדן . . . ״ („שטעטל״, ז׳ 56). פאַרן יונגן אַלגין זיינען אָנגעשטאַנען יאָרן פון „אַריינפּאַמפּען״ אין זיך, ווי אַן עקסטערן (לערנענדיק זיך אַליין) די אַכט קלאַסן גימנאַזיע אין דריי יאָר צייט, אין שטעטל ראַגאטשעוו, וואָלינער גובערניע. זיין אויסקומעניש האָט ער דערביי פאַרדינט פון אוראָקן. „ס׳איז געווען קאַטאָרשנע אַרבעט. דריי יאָר האָט דער בחור אָפּגעפּויקט פופצן שעה אַ טאָג, זומער און ווינטער, אין די גרעסטע היצן און אין די גרעסטע קעלטן; זיבן שעה אַ טאָג מיט די תלמידים, אַכט שעה מיט זיך אַליין. עס איז אַ וואונדער וואָס ער איז ניט געפאַלן אונטער דער משא. אָבער די ב.׳ער זיינען עקשנים. נעמען זיי זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ אַריין, מעג דונערן און בליצן: זיי וועלן טאָן זייערס. משה חיימס האָט אָפּגעאַרבעט דריי יאָר נאָכאַנאַנד, פופצן שעה אין טאָג אויפן זייגער.״ „. . . ווען ער האָט געענדיקט די דריי יאָר איז ער געווען אַ געבילדעטער מענטש: געקענט ניט נאָר דעם גאַנצן קורס פון אַכט קלאַסן גימנאַזיע מיט לאַטיין און גריכיש, נאָר אויך געהאַט אַ פיינע ידיעה אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור, געהאַט געלייענט אי דאַרווינען, אי ספּענסערן, אי מיללן, אי אַנדערע ווערק איבער געזעלשאַפטלעכע פראַגן״ („שטעטל״, ז׳ 64). אָט־די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וועלכע האָבן אים געוויס באַוועגט די גאַנצע צייט, האָבן באַלד גענומען די אויבערהאַנט און אַריינגעגעבן אַ זין און אַן אינהאַלט אין זיין וועג צו בילדונג און קולטור.

מיט יאָרן שפּעטער, אין זיין אַרבעט וועגן נאָמבערגן (געפינט זיך דאָ אין דעם בוך), האָט אַלגין געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פונעם עקסטערן, וועלכער „איז שוין אָפּגעריסן פונעם שטעטלשן געזעלשאַפטלעכן קיבוץ״, אָבער איז נאָך ניט צוגעשטאַנען צו קיין נייעם. „ער האָט פאַרוואָרפן די אַלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, און קיין פעסטע וויסנשאַפטלעכע וועלט־אָנשויאונג האָט ער זיך ניט באַשאַפן. יחידים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, געוואָרן מאַרקסיסטן און רעוואָלוציאָנערן — האָבן זיי געפונען אַ באָדן; אַנדערע יחידים האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין בירגערלעכן לעבן און פאַרגעסן די ,יוגנטלעכע טרוימען׳ ״. אַלגין האָט געהערט צו די יחידים, וואָס זיינען געוואָרן מאַרקסיסטן, רעוואָלוציאָנערן. זיין טריאומף ביי די עקזאַמענעס (אין בעלאַצערקאָוו) וואו מ׳האָט אים „פאַרוואָרפן״ מיט „פיאַטערקעס״ (פינפען) און זיין אָנקומען אין קיעווער אוניווערזיטעט, האָבן אים ניט אָפּגעריסן פונעם עיקר, פון דער וועלט־אָנ־

שויאונג, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט געשאַפן. עטלעכע חדשים נאָך זיין אַריינטרעטן אינעם אוניווערזיטעט (אין 1900) פאַרעפנטלעכט ער אַ פּראָקלאַמאַציע (אויף רוסיש) — די ערשטע פּרוכט פון זיין פּען. ער ווערט פאַרזיצער פונעם סטודענטישן צענטראַל־קאָמיטעט. אין דער זעלביקער צייט, ווי שוין געזאָגט פריער, פאַרבינדט ער זיך מיט דער יידישער סטודענטישער גרופּע („פרייהייט") און באַלד — מיט דער אויפשטייגנדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דער אויפשטייגנדיקער מאָדערנער, וועלטלעכער, פּראָגרעסיווער יידישער קולטור.

.3

דאָס דאָזיקע דאַרף מען איבזינען האָבן: די מאָדערנע יידישע קולטור איז אויפגעשטיגן צוזאַמען מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

נאַציאָנאַליסטן, „עסטעטיקער" — וואָס פאַרגעסן דעם־אַ היסטאָרישן פאַקט — האָבן פּרובירט אַוועקמאַכן אַלגינס ראָל פון אַ יידישן קולטור־שאַפער, צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ פּאָליטישער פירער, אַ וואָרט־זאָגער פון די יידישע קאָמוניסטן און אַ פירער פון די קאָמוניסטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל. אָבער גראָד דאָס האָט אים ערשט ראוי געמאַכט צו זיין אַ יידישער קולטור־פירער פון ערשטן ראַנג.

דער לייענער וועט געפינען אין דעם בוך אַלגינס אייגענע פּאָלעמיק מיט די „ריינע" קולטור־מענטשן. לאָמיר דאָ וואַרפן אַ בליק צוריק אויף אַלגינס יוגנט־יאָרן.

ווען די צאַרישע רעגירונג האָט אַראָפּגעלאָזט איר אייזערנע פויסט אויף דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטנשאַפט פון קיעווער אוניווערזיטעט, האָט זי 218 סטודענטן „אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן" אויף אַ יאָר צייט (אָפּגעדינט האָבן זיי זיבן חדשים). אַלגין איז, פאַרשטייט זיך, געווען צווישן די „אָפּגעגעבענע". ווען מאַקסים גאָרקי האָט זיך דערוואוסט, וואָס מ'האָט מיט די קיעווער סטודענטן געטאָן, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צום רוסישן שריפטשטעלער וואָלערי ברױסאָוו — אַזוי ווי נאָר גאָרקי האָט געקאָנט (זע אַלגינס אַרבעט וועגן גאָרקין). דער בריוו — וועגן וועלכן די ברייטע וועלט האָט זיך דערוואוסט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, לאַנג נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — האָט זיך פאַרענדיקט מיט עטלעכע ווערטער אויפן חשבון פונעם רוסישן שרייבער איוואַן בונין:

„איך פאַרשטיי ניט — האָט גאָרקי געשריבן — פאַרוואָס ער (בונין)

נעמט ניט זיין שיינעם טאַלאַנט, וואָס איז ווי מאַטע זילבער, און שאַרפט אים ניט אָן ווי אַ מעסער, כדי אים אַריינצושטעכן דאָרט וואו מען דאַרף.״

באַגרייפט מען קולטור לויט גאָרקיס נוסח, קולטור ווי אַן אָרגאַנישן עלעמענט פון קאַמף קעגן דאָס שלעכטע און בייזע — ס׳הייסט: אמתע קולטור — באַגרייפט מען דעמאָלט די ראָל פון אַלגינען דעם קולטור־בויער; באַגרייפט מען אויך פאַרוואָס ער האָט כסדר אָנגעוויזן אויף די קלאַסיקער. זיי האָבן טאַקע זייערע שיינע טאַלאַנטן „אָנגעשאַרפט״ אויף אַלערליי קאַמפן — מענדעלע אויף זיין שטייגער, שלום־עליכם אויף זיינעם און פרץ (אין זיין ערשטן פעריאָד) אויף זיינעם.

מען מוז בפירוש אינזינען האָבן, אַז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז אויפגעשטיגן צוזאַמען מיט דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. ווייל ס׳איז געוואָרן לעבעדיק אויף די בירזשעס, ווייל ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „זאַבאַסטאָווקעס״, ווייל ס׳האָט זיך געהויבן דער פּאָליטישער באַוואוסטזיין ביי די יידישע מאַסן, ווייל ס׳האָבן זיך באַוויזן פּאַרטיי־מענטשן, איז געבאָרן געוואָרן אַ יידישע מאַסן־ליטעראַטור.

אַוודאי, ווען מ׳זאָל מעסטן וואָס דער פּילזייטיק־טאַלאַנטפולער מענטש אַלגין איז געווען „מער״, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז „מער״ איז ער געווען אַ פּאָליטישער פירער, אַ מאַרקסיסטישער לערער און קעמפער. ער איז ניט געווען קיין קולטור־בויער און ליטעראַטור־פאָרשער „לויטן פאַך״ (כאָטש אַ „פאַך״ איז עס אַ חשובער). אַלגין האָט זיין שרייבערישע „קאַריערע״ אָנגעהויבן מיט יענער פּראָקלאַמאַציע אין קיעווער אוניווערזיטעט. באַלד האָט ער זיין פען — די „גאָלדענע פען״ פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג — גוט פאַרשאַרפט און אָנגעהויבן שרייבן פּראָקלאַמאַציעס — פלאַקאַטן, שאַל־רופן צו רעוואָלוציע קעגן צאַריזם. און לירישע מאָטיוון פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף האָט ער אָנגעהויבן שרייבן. און אַ פּובליציסט איז ער געוואָרן. און אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער. אויב מען האָט אים בעסער געקענט צוליב זיינע פּראָקלאַמאַציעס, זיינע לירישע מאָטיוון, זיינע לייט־אַרטיקלען, זיינע קאָרעספּאָנדענצן — פון דער גאַסור־דאַרסטווענע דומע און פון די פּאָגראָמען אין ביאַליסטאָק, האָמעל און זשיטאָמיר — איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל דאָ האָט ער זיך אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע יידישע (און ניט נאָר יידישע) שרייבער מיט זיין סטיל, מיטן דיכטערישן אָטעם, וואָס זיין פּובליציסטיק האָט פאַרמאָגט, מיט דער פאַרברייטער פאָלקסטימלעכקייט, מיט וועלכער זיין שפּראַך האָט שעמערירט. אַלגין האָט אויך זיין שטייגער גערופן צו רעוואָלוציע קעגן צאַריזם, גערעדט אין נאָמען פון די „געקרענקטע און באַליידיקטע״,

געטראָגן דאָס מאַרקסיסטישע וואָרט, געזונגען וועגן נצחונות, געוויינט אויף די פּאָגראָמען — און ווייטער צאָרנדיק געוועקט און גערופן. ער האָט געהאַט דעם שוואונג פון אַ רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסט — און פון אַ דיכטער, וואָס קאָן אויפהויבן דעם פאָרהאַנג איבערן ליכטיקן מאָרגן. דאָס האָט אים אויסגעטיילט פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע שרייבער. צו־ליב דעם האָט ער באַלד ביי זיינע ערשטע טריט געפאַנגען די הערצער פון גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

צוליב דעם האָט ער די מאַסן אויפגעהויבן קולטורעל. זיין ליטעראַ־רישע אַרבעט אין די אויסגאַבן פון „בונד" איז געווען ניט אָפּצוטיילן פון זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

ביים אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, נאָך אָקטאָבער 1917, איז אָלגין געוואָרן איינער פון די הויפּט־גרינדער פון דער „פרייהייט" — „מאָרגן פרייהייט" * און איר לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר. ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסטישער פירער. ער איז געווען רעדאַקטאָר פונעם „האַמער" (דערשינען צווישן 1925 און 1939), אַ זשורנאַל פאַר מאַרקסיסטישער טעאָריע, פּובליציסטיק, שיינער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק. ער איז געווען אַ פאָלקס־רעדנער, אַ לערער, אַ לעקטאָר. ער האָט איבערגעזעצט מאַרקסיסטישע ווערק און בעלעטריסטישע. ער האָט אַליין געשריבן בעלעטריסטיק.

צווישן די אַלע געביטן פון אָלגינס טעטיקייט און זיין קולטור־אַרבעט איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין קיין מחיצה. ווי אַ פּאָליטישער פירער האָט ער ערשט געשאַפן קולטור, און אַוודאי ווי דער רעדאַקטאָר פון אַזעלכע קולטור־אָרגאַנען, ווי די „מאָרגן־פרייהייט" און דער „האַמער", און אַוודאי ווי דער בויער פון „פּראָלעטפּען" און אומדערמידלעכער קעמפער פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, און אַוודאי ווי איינער פון די הויפּט־גרונטלייגער פונעם „איקוף".

עס איז פאַר אָלגינען אפשר ניט נויטיק געווען צו פּאָלעמיזירן מיט די אַבסקוראַנטן, וואָס געוואָלדעוועט, אַז פּאָליטיק הרגעט אַוועק די קולטור (כאָטש ער האָט יאָ פּאָלעמיזירט). ער אַליין איז געווען אַ באַווייז פון דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג צווישן אמתער קולטור און דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, צווישן פּראָגרעסיווער קולטור און דעם קאַמף פאַר פּראָגרעס.

ווען אָלגין האָט אין יענעם רעפּעראַט, אין אויגוסט 1937, געזאָגט די

* די „פרייהייט" האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין אַפּריל 1922, ווי אַ פאַרמיטאָג־צייטונג. אין יוני 1929 האָט זי אָנגעהויבן דערשיינען ווי אַ פרימאָרגן־צייטונג: „מאָרגן־פרייהייט".

אומפאַרגעסלעכע ווערטער: „מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור וואָס איז דורכגעציטערט מיטן געפּיל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס פילט זיך געקרענקט און באַליידיקט דאָרט וואו מענטשלעכע נשמות, מענטשלעכע ווערדע, ווערן געקרענקט און באַליידיקט״. — ווען ער האָט די ווערטער געזאָגט, און גערופן יידישע ליטעראַטור־שאַפער צו גיין אויפן וועג פון אונדזערע קלאַסיקער, האָט פון אים אַרויסגערעדט דער קעמפער, דער קאָמוניסט, דער שאַל־רופער צו אַ „בעסער לעבן״, דער גראַטעס־ברעכער, דער הונגער־מאַרשירער, דער וואָס האָט באַזונגען די בת־מלכה, די ניו־יאָרקער דרעסמאַכערן (פרויען־קליידער אַרבעטערן), ווען זי גייט אַרויס אויף דער פּיקעט־ליניע בשעת אַ סטרייק, — וואו מ׳פלעגט אויך אָלגינען טרעפן. דערפאַר איז אָלגינס שאַפן געווען אַזוי סאָציאַל אָנגעלאָדן.

אָלגין איז געווען אַ קעמפער אויפן יידישן קולטור־פראָנט, אַ קריגער. ער האָט זיך געשלאָגן פאַר פּראָגרעסיווער קולטור, פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ער האָט געקעמפט קעגן די, וואָס האָבן געזוכט און זוכן אָפּצורייסן די קונסט פונעם לעבן, די קולטור פונעם קאַמף פאַר אַ „נייעם מאָרגן״.

4.

אָלגינס פּאָליטישער וועג איז, ווי באַוואוסט, צעטיילט אויף צוויי שאַרף־פאַרשיידענע העלפטן. פון אַרום 1903 ביז אַרום 1920 איז ער געווען אַ פירער פון „בונד״ אין אַלטן רוסלאַנד, פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע. אויף דער העלפט פון זיין געזעלשאַפטלעכן וועג האָט אָלגין געהאַט באַגריפן וועגן ליטעראַטור, וועגן קולטור בכלל, וואָס שפּעטער האָט ער קעגן זיי געקעמפט, — ווי ער האָט שפּעטער געקעמפט קעגן די פּאָליטישע באַגריפן, אָן וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן אין דעם דאָזיקן פּעריאָד.

דאָס איז ריכטיק, אָבער צו־פּשוט דאַרף מען דאָס ניט אויפפאַסן. אין זיין פּאָליטישער אַרבעט פונעם ערשטן פּעריאָד זיינען געווען עלעמענטן, וואָס פאַרבלייבן. ניט אומזיסט איז אינעם בוך „1905״ פון זיינע געזאַמלטע שריפטן אַריינגענומען געוואָרן אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט געשאַפן אין די יאָרן 1904־1906. אָפּגערעדט שוין פון זיין „געלעבט־געקעמפט״, אָנגעשריבן אין 1904, וואָס איז אַ שיינענדיקער מוסטער פון דער רעוואָלוציאָנער־יידישער קלאַסיק (וועלכע איז גאָרניט גרויס). אינעם „בונד״, ווי באַוואוסט, האָבן זיך געפונען עלעמענטן, וועלכע זיינען באַאיינפלוסט גע־

וואָרן פונעם באַלשעוויזם (פאַרוואָס זיי האָבן זיך געפונען אינעם „בונד" איז אַן אַנדער ענין; זע פאָרוואָרט צום בוך "1905"). פיל פון אַלגינס אַרטיקלען אין דער בונדישער פרעסע זיינען געווען, קאָן מען זאָגן, באַל־שעוויסטיש אָנגעהויכט. אַזוי איז אַלגינס באַציאונג צו ליטעראַטור ניט געווען דורכאויס אַ מענשעוויסטישע.

אין זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען" (1919) דריקט אויס אַלגין דעם „ריין־עסטעטישן", „קונסט־לשם־קונסט" צוגאַנג צו ליטעראַטור. דער־פאַר האָט זיך אַלגין פון דעם בוך אָפּגעזאָגט (אין דעם בוך זיינען אַריין עסייען איבער ליטעראַטור און אָפּשאַצונגען פון אַ ריי שרייבער, וואָס אַל־גין האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט צווישן 1908 און 1918). אָבער אין זיין אָפּ־שאַצונג וועגן פּרצן, כאָטש בכלל אַ „ריין־עסטעטישע", רוקט ער אַרויס די לידער, וואו מען זעט

„פּרץ דעם שטראָפער, פּרץ דעם פּראָטעסטאַנט קעגן אומוויסנקייט, אונטערטעניקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפער קעגן אומגערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן. ער לאַכט פון די „נאַכט־וועכטער", די פרומע פאַלקס־פירער, וואָס ווילן האַלטן דאָס פאָלק אין דער פינצטער; ער שפּעט פון דער אמונה, וואָס האַלט אין אירע הענט געבונדן די חכמה און וואָס איז גרייט צו פאַרברענען אויפן שייטערהויפן דעם אמת, אויב ער וועט פּרו־בירן אויפדעקן אַ פאַלשקייט; ער שיט ביטערע סאַרקאַזמען אויף נעבעכ־דיקע קרבנות, וואָס פאַלגן דעם באַפעל פון די שטאַרקע (דאָרט, ז' 147).

פּרץ, זאָגט אַלגין, האָט די דאָזיקע „אַלטע מאָטיוון" פון די משכילים אָנגעפילט מיט „אומדערוואַרטערטער פרישקייט". ער האָט אין זיי אַריינ־געגעבן „אַ ניי לעבן".

אַלגין ווייזט אָן אויף דער „אומגעוויינטלעכער אויסדרוק־קראַפט" פון „ביים פרעמדן חופּה־קלייד" (וואָס שליסט אין די „צוויי ברידער"). ער זאָגט: „די גאַנצן סעריע לידער „ביים פרעמדן חופּה־קלייד" — די גראַ־ציעזע, קאַפּריזנע, דופּטיקע מישונג פון ריטמען, קלאַנגען, מעלאָדיען, מאָטיוון געהערט צו דאָס שענסטע פון דער אַרבעטער־ליריק." *

אין איינעם פון זיינע עסייען וואָס ער האָט געשריבן אין 1908 זאָגט ער:

„צי דען מיינען טאַקע אונזערע קריטיקער באמת, אַז דער קאַמף, דער בלוטיקער רעוואָלוציאָנערער קאַמף, וועלכן מיר האָבן אָקאָרשט איבער־

* דער אַרטיקל וועגן פּרצן — „פּרץ דער ליריקער" — ווערט איינגעשלאָסן דאָ אין דעם בוך טאַקע צוליב די מאָמענטן וואָס ווערן דאָ אָנגעוויזן און דער עיקר צוליב דעם כדי צווישן די אַלע אַרטיקלען וועגן יידישע שרייבער, וואָס ווערן געדרוקט אין דעם בוך, זאָל זיך געפינען אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרצן.

געלעבט, האָט זיך געפירט פאַר העכערן די שכירות אויף אַ דרייער, פאַר קירצער מאַכן דעם אַרבעטס־טאָג אויף אַ פערטל שעה — און ניט פאַר די העכסטע גייסטיקע באַדערפענישן פון דעם מענטשן? צי דען איז די טרייב־קראַפט אין דעם גאַנצן פּראָלעטאַרישן קאַמף נאָר די שטרעבונג צו עקאָנאָמישער זיכערקייט, נאָר די גשמיות׳דיקע אינטערעסן, און ניט דער ווונטש צו לעבן ווי מענטשן, דאָס הייסט צו געניסן אַלצדינג, וואָס ס׳איז פאַראַן שיינס און איידלס אין דער מענטשלעכער קולטור?״

כאָטש ער האָט גראָד פּאָלעמיזירט קעגן די „דעמאָקראַטיש־פּראָלע־טאַרישע פּובליציסטן, וואָס זיינען פשוט איבערצייגט, אַז די פּאָעזיע פונעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף באַשטיין אין לויטער קאַמפס־לידער און קריגס־מאַרשן,״ דריקט אָלגין מיט די ווערטער אויס אַזוינס, וואָס ער האָט שפּעטער מיט יאָרן ברייט אַנטוויקלט, אין קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, און פאַר אַ „ברייטן פאַרנעם״ אין דער־אָ ליטעראַטור. אָן ספק האָבן פיל פון די „דעמאָקראַטיש־פּראָלעטאַרישע פּובליציסטן״, אין יענער צייט, בשעת און באַלד נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, פאַרמאָגט אַ סעקטאַנטישן צוגאַנג אין דער פראַגע (שפּעטער זיינען אויך געווען אַזעלכע) — און אויך דאָס האָט אַוודאי געווירקט, אַז די רעאַקציע קעגן זיי זאָל זיין אַ „ריין עסטעטישע״. אָבער עלעמענטן — כאָטש שוואַכע — פון דעם, וואָס אָלגין האָט שפּעטער, נאָכאַמאָל, ברייט אַנטוויקלט, האָבן זיך געפונען אין זיינע אַרבעטן איבער ליטעראַטור אויך פאַר 1920־1921. אָלגין האָט זיך אָבער פון יענעם בוך — „אין דער וועלט פון געזאַנגען״ — און פון זיין צוגאַנג צו ליטעראַטור אינעם ערשטן פּעריאָד פון זיין גע־זעלשאַפטלעכן לעבן אָפּגעזאָגט, און מיט רעכט.

ווען ער האָט זיך — אין 1920־1921 — פאַרנומען אויפן באָלשע־וויסטישן וועג און איז געוואָרן אַ קריגער אויפן קולטור־פראָנט, אין קאַמף פאַר פּראָגרעסיווער קולטור, פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, האָבן אים קעגנער פאָרגעוואָרפן זיין פריערדיקע שטעלונג. אָלגין האָט אָפּגע־ענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוויזן פאַרוואָס יענע שטעלונג איז געווען אַ פאַלשע. פּונקט ווי אויפן פּאָליטישן געביט, בנוגע דעם מענ־שעוויזם און בונדיזם, אַזוי האָט ער אויפן געביט פון קולטור, בנוגע דעם סתם־קולטוריזם, באַוויזן ווי פאַלש און שעדלעך דער פריערדיקער צו־גאַנג איז געווען. ער האָט אויך דאָ פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן, קול־טור מיט פּאָליטיק. אין זיין בוך „צעבראָכענע גראַטעס״ (1937), ווען ער רעדט וועגן „בונד״ בכלל, וואַרפט אָלגין פאָר: „דער ,בונד׳ האָט ניט אנערקענט קיין קלאַסן־צעטיילונג אויפן געביט פון קולטור, ער האָט ניט געקעמפט פאַר פּראָלעטאַרישער קולטור״. ווען די ווערטער זיינען גע־

שריבן געוואָרן, האָט שוין אַלגין געהאַט הינטער זיך פופצן יאָר קאַמף פאַר אַזאַ קולטור (זע זיינע אַרטיקלען „אַנדערש", „קונסט און רעוואָלוציע" און אַנדערע).

.5

ביז אַלגין האָט זיך ניט באַפרייט פון דעם „ריין־עסטעטישן" צוגאַנג צו קולטור איז ער ניט געווען קיין קולטור־בויער אין ברייטן זין. זיין אַנטייל אין די ווילנער אָוונט־קורסן איז געווען מער השכלה־אַרבעט: געבן גאַנצע אָדער האַלבע אַנאַלפאַבעטניקעס בילדונג. קיין מאַסן־קולטור בויער איז אַלגין אין זיין ערשטן פעריאָד ניט געווען — און ניט אומ־זיסט. דער קונסט־לשם־קונסט צוגאַנג האָט ניט דערלאָזט קיין קולטור־אַרבעט, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

אַלגין איז געווען אַ בויער פון קולטור, פון קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פון אַ גאַנצן קולטור־פראָנט, אין זיין צווייטן, באַלשעוויסטישן פעריאָד: פון 1921 ביז נאָוועמבער 1939, ווען ער איז געשטאָרבן. שוין די „פריי־הייט" און דער „האַמער" זיינען געווען באַדייטנדיקע קולטור־פאָזיציעס פון ברייטע יידישן מאַסן אין אַמעריקע און אויסער אַמעריקע (און אַזאַ פאָ־זיציע איז די „מאָרגן־פרייהייט" פאַרשטייט זיך, פאַרבליבן, גייענדיק ווייטער אויף דעם וועג, אויף וועלכן אַלגין האָט זי געפירט). אָבער אַלגין איז געווען דער בויער פון אַ גאַנצער ריי קולטור־אָרגאַניזאַציעס — די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען און דעם יידישן מוזיק פאַרבאַנד, די אַרבעטער־קלובן (איצט — פאָלקס־צענטערן, קולטור־קלובן), דעם יידישן אַרבעטער אוניווערזיטעט (איצט — אינסטיטוט פאַר יידישער בילדונג). ער האָט געפירט אַ קאַמף פאַר קולטור אין אַרבעטער־רינג. ער איז געווען אַ בויער פון דעם יידישן פאָלקס־אָרדן און אַ קעמפער פאַר קולטור אין דעם אָרדן. ער האָט געבויט דעם „פראָלעטפען" און דעם אַרטעף (איצט — טעאַטער־אַנסאַמבל). זיין ראָל ווי אַ גרינדער און בויער פון „פראָלעטפען" און פון „איקוף" איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אַלגין האָט אין משך פון דעם דאָזיקן, צווייטן, פעריאָד ממש גע־פירט אַן אומאויפהערלעכע שלאַכט פאַר פראָגרעסיווער קולטור. אין דער „פרייהייט" פון אַפּריל 1922, באַלד ווי זי איז געבאָרן געוואָרן, טרעפן מיר זיינס אַן אַרטיקל וועגן די שולן פון אַרבעטער־רינג (אין יענער צייט האָט נאָך איסט בראָדוועי באַקעמפט יידישע קינדער־שולן, אויך די שולן פון אַרבעטער־רינג). ער הויבט אָן זיין קאַמף קעגן פאַלשע טעאָרעטישע איינשטעלונגען בנוגע „קולטור און פּאָליטיק" (1922). ער רופט כסדר:

„לערנען! לערנען! לערנען!‟ ער איז אַליין אַ לערער אין יידישן אַר־בעטער אוניווערזיטעט און אַן אומאויפהערלעכער בויער פון דער אינסטי־טוציע (זיין „בלאַנדזשעט ניט אין דער פינצטער‟, דער לעצטער אַרטיקל צוהילף דער אינסטיטוציע, געשריבן אין אָקטאָבער 1939, איז געווען זיין לעצטער אַקאָרד אויף דעם געביט).

ער האָט סיגנאַליזירט וועגן דער געפערלעכער לאַגע פון יידישן ביכער־מאַרק נאָך אין 1923 (אַרטיקל: „מען קויפט ניט קיין יידישע ביכער‟) און פאָרגעשלאָגן פלענער פאַר ביכער־פאַרשפּרייטונג. צום ענין „די יידישע שפּראַך‟, אַ באַליבטע טעמע זיינע, אויף וועלכער ער האָט געשריבן נאָך אין 1911 („די יידישע שפּראַך אין אונדזער פּריוואַט־לעבן‟, אין זאַמל־בוך „צייט־פראַגן‟) האָט ער כסדר זיך אומגעקערט. („שפּראַך און שריי־בער‟, „מיר און יידיש‟, 1928 ; „די יידישע שפּראַך און די אַרבעטער־שול‟, 1929 ; „קלאַסנקאַמף און שפּראַך‟, 1933 ; „לאָמיר זיך לערנען ריידן יידיש‟, 1937).

אַלגין האָט צייטנווייז געשריבן מער וועגן קולטור־פראַגן ווי וועגן „ריין‟ פּאָליטישע פראַגן, אָבער כמעט אַלע אַרטיקלען זיינע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַקציעס, מיט אָרגאַניזיר־אַרבעט. כמעט אַלע זיינע לי־טעראַריש־קריטיש אַרטיקלען, זיינען געווען געלעגנהייט אַרטיקלען. אַ שרייבער האָט אַרויסגעגעבן אַ נייעם בוך — דאַרף מען עפּעס זאָגן (ווען די צייט און דאָס געזונט האָבן דערלויבט). קלייבט זיך אַ צוזאַמענפאַר פון אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע — דאַרף מען שרייבן, צוגרייטן אַ רעפעראַט. ליידט די יידישע ליטעראַטור אַ פאַרלוסט, אַ שרייבער שטאַרבט — מוז מען געבן כאָטש אַ לויפנדיקע אָפּשאַצונג פון אים. מיר האָבן פאַר זיך דאָ אין דעם בוך פיל געלעגנהייט־אַרטיקלען, מייסטנס צייטונגס־אַרטיקלען (צוליב דעם זיינען פון פיל אַרטיקלען און רעפעראַטן אויסגעלאָזט געוואָרן שטעלן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן לויפנדיקן מאָמענט ; פון אַנדערע אַרטיק־לען און רעפעראַטן ווערן געגעבן נאָר אויסצוגן). ניט געקוקט דערויף גיט יעדער ליטעראַריש־קריטישער אַרטיקל אַ פאַרטרעט פונעם באַטרעפנדיקן שרייבער, ווייזט אָן אויפן אָרט זיינעם אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ ריי אָפּשאַצונגען (א. ראַבאַי, צבי הירשקאַן, וו. גראַפער און אַנדערע) זיינען, קאָן מען זאָגן, איינציק אין זייער מין אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

צוליב דעם, וואָס אַלגין האָט געשריבן כמעט אַלע אַרטיקלען צו באַשטימטע געלעגנהייטן (נאָך אַמאָל, ווען ער האָט עס געקאָנט באַוויזן) פעלן אין דעם בוך אָפּשאַצונגען פון אַ ריי שרייבער — סיי פון די קלאַ־

סיקער, סיי פון היינטיקע, רעוואָלוציאָנערע יידישע שרייבער. ווען אַלגין אַליין וואָלט דעם בוך צונויפגעשטעלט, וואָלט ער אַוודאי אויסגעפּילט די בלויזן . . .

ביי יעדן אַרטיקל וואָס איז אַריין אין דעם בוך, ווערט אָנגעגעבן ווען ער איז געדרוקט געוואָרן, און וואו. געוויסע אַרטיקלען דאַרפן געלייענט ווערן מיט אַן אויג אויף דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן. למשל, זיין אַרטיקל: „אָפּגעטער און קריטיק", געשריבן אין 1923. מ'האָט דעמאָלט געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, אַראָפּרייסן דעם איינפלוס פון די בורזשואַזע „אָפּגעטער".

מ'האָט געדאַרפט ברעכן — כדי צו בויען.

6.

די קאַמפּן וועלכע אַלגין האָט געפירט אויפן געביט פון קולטור, האָבן זיך געוויקלט אַרום צוויי לאָזונגען, אָדער פּאָזיציעס:

פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור;

איקוף.

דער איקוף, וואָס אַלגין איז געווען איינער פון זיינע הויפּט־באַגרינ־דער און גרונטלייגער, איז, אמת, צושטאַנד געקומען ערשט אין 1937. אָבער פּראָגרעסיווע קולטור־אַרבעט, צווישן די ברייטע שיכטן פון פאָלק, איז געטאָן געוואָרן אויך איידער דער איקוף איז געבאָרן געוואָרן. קעמפנ־דיק פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, האָט אַלגין געזוכט צו גיין צוזאַמען מיט שרייבער, קולטור־טוער, וועלכע זיינען ניט געווען אין „פּראָ־לעטפען" — די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָלעטאַרישע יידישע שרייבער.

אין אַ לענגערער אָפּשאַצונג פון דעם פּראָלעטאַרישן און בכלל פּראָ־גרעסיוון ליטעראַרישן פראָנט אין אַמעריקע, געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אין משך פון אַפּריל, מאַי און יוני 1937, האָט אַלגין מיט רעכט אָנגעוויזן: „יעדע אָפּשאַצונג פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע מוז נעמען אין באַטראַכט דיביידע באַשטאַנד־טיילן פון דעם לינקן ליטעראַרישן פראָנט: ערשטנס, די שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן אידענטיפיצירט מיטן קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלע־טאַריאַט, וואָס נעמען אָן די פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי" . . . „צווייטנס, די שריפטשטעלער, וואָס אַרבעטנדיק אויפן אַלגעמיי־נעם־יידישן (בורזשואַזן) קולטור־געביט, האָבן זיי רעוואָלוציאָנערע סימ־פּאַטיעס, אָנערקענען ביז אַ געוויסער מאָס דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, זיינען פריינטלעך געשטימט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד." אויף וויפיל

אָלגין האָט דעם „צווייטנס“ געהאַלטן פאַר אַ וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון דער פּראָגרעסיווער קולטור אין אַמעריקע און אויף וויפיל ער האָט מיט דעם טיפּ שריפטשטעלער און קולטור־טוער געזוכט צו אַרבעטן, קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט די איקוף־אַרבעט געטאָן נאָך איידער דער איקוף איז געשאַפן געוואָרן.

די צוויי הויפּט־ליניעס פון זיין קולטור־אַרבעט, דער קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און דער קאַמף פאַרן איקוף (נאָך פאַר 1937) זיינען געגאַנגען פּאַראַלעל און האָבן זיך אָפט צונויפגעגאָסן. דאָס זיינען געווען צוויי אָרגאַנישע באַשטאַנד־טיילן פון אָלגינס קולטור־אַרבעט.

זיינע אַרטיקלען וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און פּראָלעטאַרישע שרייבער, וואָס אַ ריי פון זיי געפינען זיך אין דעם בוך, צייכענען אָן דעם היסטאָרישן וועג פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אָלגין האָט געפירט די שלאַכט פאַר דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור — יאָ, אַ שלאַכט — מיט זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן די „אָפּגעטער“, מיט זיין פּאָלעמיק קעגן ש. ניגער, קעגן ד. איגנאַטאָוו (וואָס דער לייענער וועט געפינען אין דעם בוך), מיט זיין קאַמף אויף דער ליניע: „קונסט און רעוואָלוציע“, „קולטור און פּאָליטיק.“ ער האָט פּאַקטיש די שלאַכט, ווי מיר האָבן געזען, אָנגעהויבן מיטן געבורט פון דער „פרייהייט“ (אַפּריל 1922). דאָ, אין דער „פרייהייט“, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון דערציען נייע, יונגע שרייבער און איבערדערציען עלטערע. אין דעם פּראָצעס האָט אָלגין געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל. ער האָט געהאָלפן צייטיק מאַכן דעם באָדן פאַר דער פּראָלעטאַרישער יידישער ליטעראַטור דורך אַ לענגערער סעריע אַרטיקלען אין דער „פרייהייט“, אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, וועגן דער נייער סאָוועטישער ליטעראַטור אויף רוסיש. ער האָט געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דעם „פּראָלעטפּען“, אין זיין גרינדונג (1929) און טעטיקייט אין משך פון צען יאָר צייט.

די גרינדונג און די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַריינגעשריבן אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט צוגעשריבן ווערן צו יחידים. עס זיינען געווען היסטאָרישע סיבות פאַר דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען“, און אָלגין אַליין האָט אויף זיי אָנגעוויזן.

אין דער שוין־דערמאָנטער לענגערער סעריע אַרטיקלען פון אַפּריל־יוני 1937 (וועלכע איז צופיל פאַרבונדן מיט טאָג־פראַגן און האָט דערריבער, מיטן אויסנאַם פון איין קורצן פראַגמענט וועגן „פּראָלעטפּען“ און עטלעכע עסקיזן וועגן שרייבער, דאָ אין דעם בוך ניט געקאָנט אַריין) וויזט

אָלגין אָן אויף דעם פּאָלגנדיקן וויכטיקן מאָמענט. געוויינלעך האַלט מען, אַז דער „פּראָלעטפּען“ איז געבאָרן געוואָרן, אין 1929, צוליב דעם, וואָס אַ ריי שרייבער־מיטלויפער זיינען, בשעת די דעמאָלטיקע פּאַלעסטינע־געשעענישן און דער אָנגעצונדענער נאַציאָנאַליסטישער כוואַליע, אַוועק פון דער „מאָרגן־פרייהייט“; צוליב דעם, וואָס דער קאַמף צווישן די נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישע קרעפטן, פון איין זייט, און די פּראָגרעסיווע קרעפטן, פון דער אַנדערער, האָט זיך פאַרשאַרפט. אָלגין באַווייזט, אַז אַזאַ צוגאַנג איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. יענע געשעענישן האָבן געבראַכט צו אַ קריזיס — אַ פון פריער אָנגעוואַקסענע סיטואַציע. אַ וויכטיקערע ראָל אין דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען“ האָט געשפּילט דער קאַמף פאַר אידייאישקייט אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך לאַנג פאַר די פּאַלעסטינע־געשעענישן. דער דאָזיקער קאַמף איז געווען פאַרבונדן — ווייזט אָן דער מאַרקסיסט אָלגין — מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין אַמעריקע און מיט די אַנטוויקלונגען אויפן אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן פראָנט.

„דער קריזיס פונעם קאַפּיטאַליזם, — זאָגט דאָרט אָלגין — וואָס איז אויסגעבראָכן מיט אַ באַזונדערער פוריע אין נאָוועמבער פונעם זעלביקן יאָר (1929), האָט פון איין זייט געעפנט נייע, פיל ברייטערע מעגלעכקייטן פאַרן קלאַסן־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט געדינט אַלס אַוואַנגאַרד, און האָט צו דער זעלביקער צייט געגומען צוציען צום לינקן פראָנט אַלץ מער יידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי סיי אַזוינע, וואָס זיינען פון אים אַוועקגעגאַנגען מיטן אָנהויב פון דער פּאַלעסטינע־וואַקכאנאליע, סיי נייע, וואָס האָבן מיט אים קיינמאָל ניט מיטגעאַרבעט.“

דער קריזיס פון 1929, אויפן יידיש־ליטעראַרישן פראָנט, איז געווען אַ הויך־פּונקט אין אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן אַ סך יאָרן פאַר דער גרינדונג פון „פּראָלעטפּען“, איז פאָרגעזעצט געוואָרן און דויערט ווייטער — דער קאַמף פאַר אידייאישקייט אין דער ליטעראַטור, אין דער קולטור.

אָלגין האָט, ווי מיר האָבן געזען, אין די 20קער יאָרן געהאָלפן צייטיק מאַכן דעם באָדן פאַר דער גרינדונג פון דעם „פּראָלעטפּען“. פון אַ ריי אַרטיקלען זיינע אין די דרייסיקער יאָרן זעען מיר, ווי ער האָט געהאָלפן פירן דעם קאַמף פאַר אַ געהעריקער אידייאישער איינשטעלונג פון דער אָרגאַניזאַציע. אין אַפּריל 1933 טרעפן מיר אין דער “מאָרגן־פרייהייט“ אָלגינס אַן אַרטיקל: „פאַר אַ ברייטן פאַרנעם אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור“ (ווערט געדרוקט דאָ אין דעם בוך צוליב זיין היסטאָרישן ווערט). און נאָך איינעם: „פאַר אַ נעענטערן צוגאַנג פון אונדזער ליטעראַטור צו דער פּראָלעטאַרישער וועלט.“ אין דעם ערשטן אַר־

טיקל גיט אַלגין, אויפֿן גרונט פֿון אַ סטאַטיסטיק פֿון טעמעס, אויף וועלכע פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן דעמאָלט געשריבן, אַ ריי אָנווייזונגען און שטרייכט אונטער די דערגרייכונגען און די בלויזן אינעם שאַפֿן פֿון די שרייבער. אין דעם צווייטן אַרטיקל פּאָלעמיזירט ער מיט מיטגלידער פֿון „פּראָלעטפּען". אַזאַ פּריינטלעכע פּאָלעמיק האָט זיך עטלעכע מאָל אַנט־וויקלט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אין מערץ פֿון זעלביקן יאָר (1933) טרעפֿן מיר אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" צוויי אַרטיקלען וועגן „סיגנאַל", אָרגאַן פֿון „פּראָלעטפּען", און אין יולי — ווידער אַן אַרטיקל, און אין אָקטאָבער — ווידער פּאָלעמיק. אַלגין האָט געלערנט, גערופֿן צו אַ „ברייטן פֿאַרנעם", און צו אַ „נעענטערן צוגאַנג" צום פֿאָלק. מיט שונאים האָט ער זיך געשלאָגן, ווי דאָס איז צו זען פֿון זיינע אַרטיקלען (דאָ אין דעם בוך) וועגן ש. ניגערס צוגאַנג צום דיכטער אהרן קורץ.

פּונקט אַזוי — און אפֿשר נאָך מער — אינטענסיוו און אימפּעטיק האָט אַלגין אַנטוויקלט זיין אַרבעט פֿאַרן איקוף, ווי ער וואָלט געפֿילט, אַז קיין סך צייט איז אים ניט געבליבן . . .

פֿון פֿעברואַר 1937, ווען עס זיינען אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט" פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן די טעזיסן וועגן דעם דעמאָלט געפּלאַנעוועטן אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, — טעזיסן וואָס ער האָט געהאָלפֿן אויס־אַרבעטן — ביז דער גרינדונג פֿונעם איקוף, אין סעפּטעמבער, האָט אַלגין, אַ פֿאַרנומענער אויף פֿיל געביטן, שוואַך אין געזונט, אַנטוויקלט אַ ממש פֿאַרכאַפּנדיק־ברייטע אַרבעט. ער האָט געהאַלטן רעפֿעראַטן, וואָס אַ ריי פֿון זיי געפֿינען זיך, אינגאַנצן אָדער טיילווייז, אין דעם בוך. ער האָט פּאָלעמיזירט קעגן די „26" שרייבער — סאָוועטן־האַסער אָדער זייערע מיטגייער, שאָוויניסטן — וואָס האָבן מיט זייערע דערקלערונגען אין דער פּרעסע און אַלערליי מיטלען געזוכט ניט צו דערלאָזן, אַז דער קאָנגרעס זאָל צושטאַנד־קומען. ער איז אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען, האָט געאַרבעט אין קאָמיסיעס. בשעת ס'איז אין אויגוסט 1937 פֿאָרגעקומען אין ניו־יאָרק די לאַנד־קולטור־קאָנפֿערענץ, מיט 800 דעלעגאַטן פֿון אַלע טיילן לאַנד, איז חוץ האַלטן רעפֿעראַטן, באַטייליקן זיך אין דיסקוסיעס, אַרבעטן אין קאָמיסיעס, געווען די שווערע אַרבעט פֿון העלפֿן צונויפֿ־שטעלן די דעלעגאַציע . . . און מ'האָט געדאַרפֿט קריגן פֿאַר איר אויף הוצאות קיין פּאַריז. און דאָרט, אויפֿן ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קול־טור־קאָנגרעס, אין סעפּטעמבער 1937, איז אַלגין געווען די צענטראַלע פֿיגור, האָט געהאַלטן דעם הויפּט־רעפֿעראַט, געאַרבעט אין קאָמיסיעס, אָנגעשריבן דעם מאַניפֿעסט. און נאָך פּאַריז האָט ער ערשט אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע אַרבעט!

דער קאַמף מיט דער לייוויק־גרופּע האָט אָפּגענומען אַ סך כוחות. די גרופּע האָט איר קאַמף אָנגעהויבן נאָך אין פּאַריז (לייוויק האָט געבראַכן די פאַרשטענדיקונג ניט אויפצוהייבן קיין קאָנטראַווערזע פראַגן). אין משך פון 1938 און 1939 זיינען בסדר געווען שוועריקייטן מיט דער גרופּע. (אין דעם אַרטיקל „צו די אָוועקגעגאַנגענע", וואָס ווערט געדרוקט דאָ אין דעם בוך צוליב זיין היסטאָרישן ווערט, ווערט נאָר אָנגעוואונקען אויף די שוועריקייטן). עס איז אויסגעקומען צו זאָרגן זיך וועגן מאַטעריעלע ענינים — ווי אַזוי דער איקוף זאָל קאָנען עקזיסטירן. אַלגין האָט אויך אויף דעם געגעבן אַ סך געטאָן.

ער האָט געשריבן פאַרן איקוף קאָנספּעקטן, אויפרופן. ער האָט אָר־גאַניזירט קאָנפערענצן, באַראַטונגען. ער האָט געשריבן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" — דער אינסטרומענט, וואָס האָט דעם איקוף געהאָלפן צו־שטאַנד־קומען און וואָס אָן אָט־דעם אינסטרומענט וואָלט די עקזיסטענץ פונעם איקוף ניט מעגלעך געווען.

אַלגין — דער פּאָליטישער פירער, דער קאָמוניסט, איז געווען איינער פון די הויפּט־גרונטלייגער פונעם איקוף און זיין געטרייסטער בויער. ער איז געווען פאַר אַ ברייטן איקוף, וואָס זאָל אַרומנעמען יידן פון אַלערליי ריכטונגען — אויב זיי שטימען נאָר איין, אַז ס'איז נויטיק צו בויען פּראָגרעסיווע יידישע קולטור. אין יענעם רעפעראַט פון אויגוסט 1937 האָט ער אָנגעוויזן, אַז דער קאָנגרעס „קאָן אין אַ גרויסער מאָס אָפּשאַפן די צעשפּליטערטקייט, די פאַרפרעמדקייט, דאָס ניט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן צווישן די פּראָגרעסיווע טוער אויפן געביט פון ליטעראַטור". אין זיין „צו די אָוועקגעגאַנגענע" האָט ער דערמאָנט דער לייוויק־גרופּע: „מיר האָבן געהאַלטן אונדזער אָפּמאַך, ווײַלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מיר אייניקן זיך אויף אַ פּלאַטפאָרמע פון פּראָגרעסיווער וועלטלעכער יידישער קולטור און ברענגען ניט אַריין אינעם איקוף די מיינונגס־פאַר־שיידנקייטן, וואָס צעטיילן די טוער."

„דער איקוף וועט לעבן, דער איקוף וועט וואַקסן", — האָט אַלגין פאַרענדיקט. — „דער איקוף וועט פאַרזעצן זיין אַרבעט צו שטאַרקן דאָס יידישע פאָלק, כדי עס זאָל קאָנען ביישטיין קעגן אַלע אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע שונאים."

דאָס קלינגט ווי אַן אַנזאָג.

7.

אין די דערמאָנטע טעזיסן איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דריי גע־

פארן, וואָס באַדראָען די יידישע קולטור:

1. פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם.
2. אַסימילאַציע.
3. נאַציאָנאַליזם.

אין די טעזיסן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן ווי לעבנס־נויטיק עס איז פאַר דער יידישער קולטור צו באַקעמפן די דרויסנדיקע געפאַר (1), ווי די אינעווייניקסטע (1 און 2). דער דאָזיקער קאַמף בלייבט. ער איז איצט, אין געוויסע פּרטים, נאָך דרינגלעכער ווי ער איז געווען אין 1937, ווען די טעזיסן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דורך דעם פאָרליגנדיקן בוך פון די געזאַמלטע שריפטן זיינע ווירקט אָלגין ווייטער ווי אַ קעמפער אויף די דריי געביטן.

אָלגין זאָגט אונדז, אַז ס'איז ניט מעגלעך פאַר איינעם, וועמען די יידישע קולטור איז נאָענט, ניט צו באַטייליקן זיך, מיט מעשים, אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. אין דער איצטיקער סיטואַציע איז ניט מעגלעך פאַר אַ בויער פון דער יידישער קולטור, פאַר אַ קולטור־טוער, ניט צו באַטייליקן זיך, מיט מעשים, אין קאַמף קעגן מלחמה. אַלץ וואָס איז פרעמד און טויט־פיינטלעך דער קולטור בכלל און דער יידישער קולטור בפרט געפינט זיך אויף דער זייט פון די, וואָס זוכן אָנצוצינדן אַ נייע וועלט־מלחמה. אַלץ וואָס איז פיינטלעך די פעלקער בכלל און דעם יידישן פאָלק בפרט געפינט זיך אויף דער־אָ זייט.

אין די טעזיסן רעדט זיך וועגן דעם נאַציזם, וועלכער האָט אַרויס־געדרוקט די טעאָריע פון „העכערע" און „נידעריקערע" קולטורן, און האָט באַדראָעט די יידישע קולטור, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „נידע־ריקע". אָבער בשעת דער נאַציזם, וועלכער האָט דעמאָלט, אין 1937, דירעקט געווירקט אין דייטשלאַנד, האָט קיין יידישע קולטור־פּאָזיציעס אין דעם לאַנד גופא — אין דייטשלאַנד — ניט באַדראָעט (זיי זיינען שוין געווען אָפּגעווישט, ווי גרויס, אָדער קליין זיי זיינען דאָרט פריער ניט גע־ווען, מיט יידישן ישוב צוזאַמען), באַדראָעט דער היינטיקער ראַסיזם די יידישע קולטור אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער, וואו עס וואוינט אַ מערהייט פון יידישן פאָלק.

דער אַנגלאָ־זאַקסיזם האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אַנטוויקלט אין אַמע־ריקע די טעאָריע פונעם „שמעלץ־טאָפּ", וואָס דאָס האָט אייגנטלעך באַ־דייט, אַז די „העכערע", אַנגלאָ־זאַקסישע, קולטור שלינגט איין די קול־טורן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די דאָזיקע טעאָריע האָט באַנקראָ־טירט, אָבער די טענדענץ איינצושלינגען און אויף פאַרשיידענע אופנים

אונטערצודריקן די „נידעריקע״ קולטורן האָט זיך, מיטן פאַרמעסט פון אַמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם צו באַהערשן די וועלט, פאַרשטאַרקט. אין דעם שלעכטן מצב פון דער יידישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן שפּילט אָן ספק אַ ראָל דער עלעמענט פון דרוק מצד דעם הערשנדיקן אַנגלאָ־זאַקסיזם, דירעקטער דרוק — דורך פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע דיסקרימינאַציעס, און אינדירעקטער דרוק — דורך אַ פאַראַכטנדיקער באַציאונג צו יידיש־רעדנדיקע און יידיש־לייענענדיקע.

צוזאַמען דערמיט האָט זיך פאַרשטאַרקט די געפאַר פון אינעווייניק: אַסימילאַציע. די וואָס האָבן אַלעמאָל געקוקט מיט גרינגשאַצונג אויפן „זשאַרגאָן״, אויף דער שפּראַך פון די קאָמפּנדיקע יידישע פאָלקס־מאַסן; די וואָס האָבן אַלעמאָל דורכגעפירט אינעם יידישן פאָלק די ראָל פון די אַגענטן פון די באַהערשער און באַצווינגער, האָבן איצט זייער אַרבעט פאַרשטאַרקט, — אין באַדינגונגען, וואָס זיינען, צוליב דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן דרוק, גינסטיקער פאַר זיי.

רעדט מען פון די אַגענטן פון די באַהערשער און באַצווינגער, טאָר מען ניט אויסלאָזן פון אויג די „פאַרווערטס״־אַסימילאַטאָרן, די טעאָרעטיקער פון „פּאָטעיטאָ״־יידיש, * וואָס האָבן צוליב אָפּאָרטוניזם, צוליב זייער וואולגאַרקייט, און דער עיקר צוליב זייער אַסימילאַטאָרישער איינשטעלונג, פאַרמיסטיקט דאָס יידישע לשון און אונטערגעגראָבן די פונדאַמענטן פון דער יידישער קולטור ביים סאַמע אָנהויב, ווען דאָס יידישע לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך גענומען אויספורעמען. אָט־דאָ ליגט ווידעראַמאָל איינע פון די גרונטיקע סיבות, פאַרוואָס דער מצב פון דער יידישער קולטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַזאַ געפאַלענער.

מ. אָלגין האָט קעגן דעם קאַהאַניזם, ווי ער האָט באַצייכנט די „פאַרווערטס״־„ריכטונג״, אָן אויפהער געקעמפט. אין זיין בראָשור: „אַב. קאַהאַן, ווער איז ער? וועמען פאַרטרעט ער?״ (געבויט אויף אַ סעריע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, אין 1935), אין וועלכער עס ווערט באַהאַנדלט די ראָל פון קאַהאַניזם אין פּאָליטיק, אין דער סאָציאַליסטישער און טרעיד־יוניאָניסטישער באַוועגונג, אין דער פרעסע און אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, זאָגט אָלגין: „דער קאַהאַניזם איז אַסימילאַטאָריש. דער קאַהאַניזם פּרעדיקט ,אַמעריקאַניזאַציע׳ פאַר די אי־

---

* אין 1921, אין אַ דיסקוסיע וועגן יידיש און יידישע קינדער־שולן, האָט די רעדאַקציע פון „פאַרווערטס״, וועלכע האָט בנוגע ביידע ענינים פאַרנומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג, אַרויסגעזאָגט זיך דערפאַר, אַז מען זאָל ביים רעדן און שרייבן יידיש באַנוצן „פּאָטעיטאָ״ (אָנשטאָט „קאַרטאָפל״), „ווינדע״ (אָנשטאָט „פענצטער״) א. אַז. וו.

מיגראַנטן. אָבער דאָס איז ,אַמעריקאַניזאַציע' פון אַ באַזונדערן סאָרט.״

גערויס, זאָגט אַלגין, דער אַרבעטער דאַרף זיין אײַנגעוואָרצלט אינעם לאַנד, אין זיין סאָציאַלן לעבן, פאַרבונדן מיט די קאַמפן פון די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן. ער דאַרף

„פאַרבינדן זיין אייגענעם גורל מיטן גורל פונעם גאַנצן פראָלעטאַריאַט פון לאַנד. דאָס איז די אמתע אַמעריקאַניזאַציע. זי פאָדערט אַ געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט דער לאַנד־שפּראַך, אָבער זי קאָן אויך געפירט ווערן אויף אַנדערע שפּראַכן. זי איז ניט אַזוי אַ באַקאַנטשאַפט מיט אויבערפלעכלעכע זאַכן, מיט זיטן און מאַנערן, ווי אַ באַקאַנטשאַפט מיט פונדאַמענטן: זי פאָדערט גרינטלעכע שולונג פון מאַרקסיזם־לעניניזם, און דאָס קאָן מען קריגן ניט דווקא ווען מען מאַכט נאָך די פירעכצן פון דער אַמעריקאַנער מאַסע. זי קאָן אָפט אַרויסטרעטן קעגן אָט־די פירעכצן מיט קריטיק.

„די אַמעריקאַניזאַציע, וואָס דער קאַהאַניזם פרעדיקט, איז פון אַן אַנדער סאָרט. זי זאָגט דעם אימיגראַנט: דײַנע זיטן זייַנען שלעכט שוין דערפאַר אַליין, וואָס זיי זייַנען די זיטן פון ,גרינע'. די היגע זיטן זייַנען גוט דערפאַר, וואָס זיי זייַנען אַמעריקאַניש. דער קאַהאַניזם האָט כסדר געלערנט די יידישע מאַסן פאַראַכטונג פאַר דער קולטור, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון יענער זייט ים. דער קאַהאַניזם האָט געזאָגט, אַז יענע קולטור איז אַ ,גרינע', מיט יענער קולטור דאַרף מען זיך שעמען. פאַרוואָס? ניט דערפאַר, וואָס זי איז געווען אַ בורזשואַזע, אַ נאַציאָנאַליסטישע קולטור, דורכגעוועבט מיט רעליגיע. דאָס איז ביים קאַהאַניזם דווקא ניט געווען קיין חסרון. דער קאַהאַניזם האָט ניט געפרעדיקט קיין פראָלעטאַרישע אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער האָט געזוכט אייַנפלאַנצן אַכטונג פאַר דער וואולגאַרער און אויבערפלעכלעכער בורזשואַזער גאַסן־קולטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן.״

„...די ענגלישע שפּראַך איז ביים קאַהאַניזם העכער ווי די יידישע. ווער עס רעדט ענגליש איז דערמיט שוין גופא אַ העכערער מענטש, ווי דער וואָס רעדט נאָר יידיש, כאָטש דער ערשטער מעג רעדן וועגן האופּטמאַנס פּראָצעס* און דער צווייטער וועגן פּערספּעקטיוון פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף״ („אב. קאַהאַן״, 1935, ז״ז 16־18).

אַלגין האָט דאָ אָנגעוויזן אויף איינעם פון די פונדאַמענטאַלע אומגליקן פונעם יידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אויפן „קאַהאַניזם״. די דאָזיקע וואולגאַריזירנדיקע, אַסימילאַטאָרישע און אין דער זעלביקער צייט נאַציאָנאַליסטישע שיטה, האָט אַרייַנגעטראָגן פוילעניש אינעם „יידישן קוואַרטאַל״, אָנהויבנדיק פון די שפּעטע אַכציקער יאָרן, — ווען דער דאָ־

---

* ברונאָ האופּטמאַן איז געמשפּט געוואָרן פאַר „קידנעפּן״ דאָס קינד פון טשאַרלז לינדבערג (וועלכער איז אין 1927 אַריבערגעפלויגן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן).

זיקער קוואָרטאַל האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן פורעמען, ווען צו די ברעגן פון אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן קומען גרויסע מאַסן יידן פון מזרח־אייראָפּע. די שיטה האָט זיך דער עיקר אויסגעצייכנט מיט אָפּאָרטוניזם און פּריננציפּלאָזיקייט, מיט הכנעה צו די מאַכט־האָבנדיקע, מיט דינסט צו דער בורזשואַזע און קעגנערשאַפט צום קלאַסן־קאַמף. דערפון האָט זיך גענומען איר אויבערפלאַכלעכער, וואולגאַרער, זיך־צופּאַסנדיקער „אַמעריקאַניזם". דערפון האָט זיך גענומען דער שונד, די ציניש באַציאונג צו די „קרענקס", וואָס האָבן געוואָלט יידישע קולטור.

נאָכדעם ווי דער איקוף איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן טיילן פון דער קאַהאַניזם־גרופּירונג געביטן זייער טאַקטיק. זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף אַ קאָנקורענץ־פירמע („ציקאָ"). פונדאַמענטאַל האָט זיך אָבער ווייניק געביטן. די באַציאונג צו דער געפאַר „נומער איינס" פאַר דער יידישער קולטור קאָן דאָ דינען ווי אַ קריטעריע. דער „קאַהאַניזם", אָדער יענער טייל זיינער, וואָס האָט צוליב טאַקטישע מאָטיוון „אָנגענומען" יידישע קולטור, וויל ניט וויסן פון קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, קעגן מלחמה — די דם־שונאים פון קולטור בכלל און יידישער קולטור בפרט.

דער קאַמף קעגן בורזשואַזער אַסימילאַציע בלייבט. פונקט אַזוי בלייבט דער קאַמף קעגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. און אויך דאָ, בנוגע נאַציאָנאַליזם, איז די געפאַר איצט — אָדער ערשט איצט — גרעסער, ווי זי איז געווען אין 1937.

8.

די קאַטאַסטראָפע, וואָס אונדזער פאָלק האָט געליטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געהאַט אַ טאָפּלטע ווירקונג. זי האָט אַרויסגערוקט געטאָ־קעמפער, פּאַרטיזאַנען, בכלל קעמפער קעגן פאַשיזם, וואָס פיל פון זיי זיינען נאָך דער מלחמה אַריבער צום בויען סאָציאַליזם. פון זייער ביישפּיל האָבן גרויסע מאַסן יידן געלערנט, אַז אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף, האַנט און האַנט מיט די מאַסן פון די אַנדערע פעלקער, שטיצנדיק זיך אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס, ליגט דער שליסל צום קיום פון יידישן פאָלק. פון דער אַנדערער זייט האָט די קאַטאַסטראָפע אַריינגעוואָרפן געוויסע עלעמענטן אין יאוש, אַריינגעטריבן אין אָפּגעזונדערטקייט, געשאַפן אַ באָדן פאַר מיסטיקער, גאָט־זוכער, משיחיסטן און אַלערליי אָבסקוראַנטן; פאַר אַזעלכע וואָס רופן צוריק צו דער געטאָ, וואו ס'איז, לויט זייער שיטה, געווען „גאַנצקייט".

ס'איז קיין נייעס ניט, אַז אַזעלכע עלעמענטן זאָלן אין געוויסע פּע־

ריאָדן זיך לאָזן הערן. אין דער גרויסער אַרבעט זיינער וועגן מאַקסים גאָרקין, וואָס געפינט זיך דאָ אינעם בוך,* האָט אַלגין געבראַכט די פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס גאָרקי האָט געשריבן נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905:

„אָט זעען מיר זיי, אויפגערודערטע און נעבעכדיקע; זיי באַהאַלטן זיך פון דער רעוואָלוציע וואו נאָר זיי קאָנען; אין די טונקעלע ווינקעלעך פון מיסטיציזם, אין די חנעוודיקע גאָרטן-שטיבעלעך פון עסטעטיזם, אין די קינסטלעכע געביידעס וואָס זיי האָבן אויף גיך אויפגעשטעלט פון גע־גנבעטע מאַטעריאַלן. אומעטיקע און הילפלאָזע וואַנדערן זיי אַרום איבער די לאַבירינטן פון מעטאַפיזיק, און ווידער און אָבער קערן זיי זיך אום צו די שמאָלע סטעזשקעס פון רעליגיע, וואו עס איז אָנגעוואָרפן דאָס מיסט פון יאָרהונדערטן, און אומעטום ברענגען זיי מיט זיך זייער וואול־גאַריטעט, זייער היסטעריש קרעכצן פון אַ נשמה, וואָס איז געבראָכן פון קליינלעכער מורא, זייער אָרימקייט, זייער חוצפה, און אַלצדינג צו וואָס זיי רירן זיך צו, באַוואָרפן זיי מיט אַ האָגל פון שיינע, אָבער ליידיקע ווער־טער, וועלכע קלינגען פאַלש און נעבעכדיק."

ווי טרעפלעך די דאָזיקע עכט-גאָרקישע כאַראַקטעריסטיק איז פאַר יענע יידישע (געוועזענע) דיכטער, וואָס קראַצן כסדר אין דער עפנטלעכ־קייט די וואונדן פון זייער „לעצטקייט", וואָס פאַרכליניען זיך ממש פון אונטערגאַנג און פאַפירענעם קידוש השם, וואָס גלאָריפיצירן — ניט גבורה, נאָר אומקום, וואָס זאָגן תחינות אין גראַמען און גיבן עס אָן פאַר פּאָעזיע, וואָס ווילן בויען יידישע „קולטור" אונטערן דאַך פון בית־מדרש, אָדער זוכן צו שאַפן פון „יידישלאַנד", אָדער יידישיזם, אַ מין נייע געטאָ.

ס'איז וואָר: די געפאַר פון נאַציאָנאַליזם-שאָוויניזם, די געפאַר פון אינעווייניק, פּאַראַלעל, אָדער אפילו אָרגאַניש פאַרבונדן, מיט אַסימילאַ־ציע, איז איצט שטאַרקער ווי אין 1937. זיינען דעריבער היינטצייטיק די וואָרנונגען פון אַלגינען אין דעם רעפעראַט „אויפן ברייטן וועג" און אין אַנדערע פון זיינע אַרבעטן, וואָס גייען אַריין אין אָט-דעם בוך.

אין יענעם רעפעראַט האָט ער געוואָרנט קעגן אַ „קולטור", וואָס טיילט אָפּ דעם „ייד" פונעם „גוי"; וואָס האַלט, אַז „וואָס יידיש איז גוט און וואָס ניט-יידיש איז שלעכט." אין זיין רעפעראַט אין פּאַריז, אויפן ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס („פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור") האָט ער באַקעמפט די איינשטעלונג פון „היסטאָרי־

* אַלגין האָט וועגן גאָרקין אַ סך געשריבן. אין פאַרלאַג „אינטערנעשאַנאַל פּאַב־לישערס" איז אין 1933 אַרויס זיינע אַ גרעסערע אַרבעט (אויף ענגליש): „מאַקסים גאָרקי, שרייבער און רעוואָלוציאָנער".

שער מיסיע", פון אַ פאָלק — אַ „בחיר", אַ פאָלק — אַ „משיח". ער האָט גערוואָרנט: „די אַלע אידייען זיינען אונטערערדיש פאַרבונדן מיט אַסימי־לאַציע". ער האָט אָנגעוויזן, אַז די „משיחיסטן" פאַרלייקענען דעם ווערט פונעם יידישן פאָלקס־לעבן, „שאַפן אַ גרינגשאַצונגביים פאָלק צו זיין אייגענער אַלטעגלעכער עקזיסטענץ." און נאָך האָט ער דאָרט געזאָגט:

„...די קולטור איז ניט קיין זעלבסטצוועק. זי איז ניט קיין „בת־השמים". זי איז ניט קיין קאָלעקציע הייליקייטן, וואָס דאַרפן אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ שראַנק הינטער גלאָז. עס קאָן זיין אַ געפאַר, אַז מענטשן זאָלן ווערן פאַרוואַנדלען די קולטור אין אַ זעלבסטצוועק, לכל־הפחות אייניקע פון אירע צווייגן. אַזאַ צוגאַנג וואָלט געשמעקט מיט פּעדאַנטן אַריסטאָקראַטיזם. עס איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז מענטשן זאָלן באַטראַכטן די יידישע קולטור ווי אונדזער אייציק פּאָטערלאַנד, און ווי עס פּאַסירט אַזוי אָפט אין די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זאָלן זיי פאַרזען דאָס לעבעדיקע פאָלק צוליב דער אַבסטראַקטער אידייע „פּאָטערלאַנד", אָדער, נאָך ערגער, וועלן סובאָרדינירן דאָס פאָלק דער אידייע פון אַ קולטור־פּאָטערלאַנד. די דאָזיקע געפאַר איז באַזונדערס גרויס צווישן עלעמענטן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין ברייטערן סאָציאַלן אידעאַל און וואָס פילן דאָך דעם אומבאַצווינגלעכן דראַנג פון קולטורעלן שאַפן."

עס איז בפירוש פאַראַן די גרויסע געפאַר — איצט פאַראַן — פון „סובאָרדינירן דאָס פאָלק דער אידייע פון אַ קולטור־פּאָטערלאַנד", אָפּגעריסן פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סביבה, פון ניט וועלן נעמען אין אַכט דאָס לאַנד, אין וועלכער דאָס פאָלק לעבט און איז איינגעוואָרצלט, די אָרטיקע קאַמפן, אין וועלכע דאָס פאָלק איז פאַרוויקלט, צוזאַמען מיט די ניט־יידישע מאַסן. די דאָזיקע געפאַר איז באַזונדערס גרויס צווישן קולטור־טוער, וואָס „פאַרמאָגן ניט קיין ברייטערן סאָציאַלן אידעאַל."

אין די טעזיסן, וואו עס ווערט גערופן צום קאַמף קעגן דער „בורזשואַזער אַסימילאַטאָרישער טעאָריע", ווערט גלייכצייטיק גערופן צום „קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם, וואָס מאַכט פון דער יידישער שפּראַך אַ פעטיש און שטרעבט אַזוי־אַרום אָפּצוזונדערן די יידישן מאַסן פון די פּראָגרעסיווע מאַסן אין אַנדערע פעלקער, אָפּשוואַכנדיק אַזוי־אַרום דעם פראָנט פון קאַמף קעגן רעאַקציע."

אָלגין איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליסט. דערפאַר איז געווען פולבלוטיקייט אין זיין יידישער קולטור־אַרבעט. דערפאַר איז די אַרבעט זיינע געווען אַזוי פאָלקיש, אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן לעבן און שטרעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט פאַרמאָגט געזונטע נאַציאָנאַלע וואָרצלען און איז געווען אַזוי אָנגעלאָדן מיט אידייאישקייט און סאָציאַלן אינהאַלט.

9.

דערפאַר זיין גרויסע ליבע צו יידיש, זיין קאַמף פאַר דער ריינקייט פון יידיש, זיין ראָל ווי אַ מייסטער־בויער פון יידיש־לשון.

ניט קיין וואונדער, וואָס שלום־עליכם האָט אים אין אַ פּערזענלעכן בריוו (אין 1915) געלויבט פאַר זיין „דרך־ארץ פאַר דער יידישער שפּראַך". ניט נאָר דרך־ארץ. אָלגין האָט געקעמפט פאַר יידיש. ער האָט זיך גע־שלאָגן פאַר דער חשיבות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און פאַר דער חשיבות פון דער פאָלקס־שפּראַך.

ער איז געווען איינער פון אירע געטרייסטע און באַגאַבסטע מייסטער־בויער. ער האָט ניט סתם געהאַט אַן אייגענעם סטיל, וואָס איז עד היום אַ מוסטער פון ליטעראַרקייט, פּרעציזקייט און פאָלקסטימלעכקייט. ער איז ניט סתם געווען דער מייסטער פונעם געשליפענעם קורצן זאַץ, וואָס האָט שעמערירט מיט פאָלקישן חן. ער איז ניט סתם געווען דער גרויסער לינגוויסט, וואָס האָט גרינג באַהערשט אפילו פרעמדע שפּראַכן, און וואָס האָט געהאַט אין זיין וואָקאַבולאַר אַן אוצר פון אידיאָמען, אימאַזשן, יאָ־דערדיקע שפּריכווערטלעך; אַ וואָקאַבולאַר, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַר־לאָרן זיין ערנסטקייט און — מען קאָן זאָגן — וויסנשאַפטלעכקייט. אָלגין איז געווען אַ פּיאָנער אויפן געביט פון מאָדערניזירן די יידישע פּובלי־ציסטיק, אָדער איינער פון אירע געציילטע פּיאָנערן. און ער איז געווען איינציק אין זיין מין אין דעם פּרט פון פאָרמולירן די קאָמפּליצירטסטע פראַגן אין פּשוטע און לויטערע טערמינען, אין דעם פּרט, וואָס אפילו ווען ער האָט געשריבן וועגן „פראַזאַאישע" ענינים האָט דער סטיל זיינער פאַר־מאָגט מוזיק, ריטם און דעם שוואונג פון דיכטונג.

ווען אָלגין האָט זיך באַוויזן אויפן געביט פון דער יידישער פּובלי־ציסטיק, האָט אין דער יידישער פּרעסע נאָך געהערשט מגידות, מאַמריסטיק. אין אַמעריקע איז די יידישע פּרעסע ממש געווען פאַרמיסטיקט מיט דייטשמעריזמען. אָלגין האָט ניט נאָר באַוויזן, אַז מען קאָן מיט אַ מי־נימום ווערטער, אין אַ פּשוטן לשון, באַהאַנדלען די סאַמע ערנסטע פראַגן, נאָר אַז אין דער זעלביקער צייט זאָל דאָס אָנגעשריבענע פאַר־כאַפּן די פאַנטאַזיע פון ברייטע מאַסן. בשעת אַנדערע,* וואָס האָבן גע־זוכט צו מאָדערניזירן די יידישע פּובליציסטיק, האָבן אַליין געדאַרפט אַרבעטן אויף זיך, כדי אַרויסצוגרייניקן פון זייער סטיל דעם מגידישן, אָדער דייטשמערישן פּסולת, האָט אָלגין אַזאַ אַרבעט פאַרשפּאָרט. לייענט איר וואָס ער האָט געשריבן אין אָנהייב פון הייגטיקן יאָרהונדערט (טייל־וויַיז צונויפגעזאַמלט אין זיין בוך „1905") זעט איר, אַז זיין סטיל איז פון

אָנהייב אָן געווען אַ „פאַרענדיקטער" — ווייל פון אָנהויב אָן אַ פשוטער און פאַרטיפטער, אַ וויסנשאַפטלעכער און פאָלקסטימלעכער.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס זוכן אַוועקצומאַכן אָלגינס פּראָקלאַמאַציעס. ווי נעבעכדיק די לייט זיינען! איינגאַנצן האָט אָלגין גערופן צו אַ רעוואָלוציע, צו באַפרייען דאָס גרויסע רוסלאַנד פונעם צאַריזם! און איינגאַנצן האָט ער עס געטאָן ניט נאָר ווי אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אין דער זעלביקער צייט ווי אַ קינסטלער, ווי אַ דיכטער!

לאָמיר דאָ טאַקע ברענגען אויסצוגן פון איינער פון אָלגינס פּראָקלאַמאַציעס. זי וועט אילוסטרירן — חוץ אַנדערע „קלייניקייטן" — אויך אָלגינס ראָל ווי אַ מייסטער־בויער פון יידישן לשון.

נאָכן 9טן יאַנואַר, 1905, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, געשריבן פון דער „גאָלדענער פעדער" — פון דעם יונגן אָלגינען:

„חברים!

„אויף די גאַסן פון פעטערבורג איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע באַריקאַדע. דריי הונדערט טויזנט אַרבעטער זיינען אַרויס אויפן גאַס צו פאָדערן פרייהייט, צו קעמפן פאַר פרייהייט, צו שטאַרבן פאַר פרייהייט.

„דער קייסער האָט אַרויסגעשיקט זיינע סאָלדאַטן, און זיי האָבן געשאָסן און געטויט אונדזערע ברידער און זיי האָבן פאַרגאָסן טייכן בלוט.

„דאָס בלוט האָט קיינעם ניט דערשראָקן. אָט־די ביקסן וועלן ניט מציל זיין דעם קייסער מיט זיין באַנדע פון אַ מפּלה. גענוג האָבן זיי זיך שוין געבאָדן אינעם אַרבעטערס בלוט! גענוג האָבן זיי אונדז געהאַלטן אין קייטן!

„מיר האָבן יאָרן לאַנג געקעמפט אין נאָמען פון סאָציאַליזם. מיר האָבן לאַנג מלחמה געהאַלטן קעגן דער מאַכט פון קאַפּיטאַל, און מיר האָבן יאָרן לאַנג ניט אויפגעהערט צו פירן דעם שטרייט קעגן דער זעלבסט־הערשונג, וואָס האָט געענטפערט מיט שמיץ און מיט קוילן, מיט פאָגראָמען און הריגות אויף אַלע אונדזערע פאָדערונגען. מיר האָבן באַגאָסן די ערד פון רוסלאַנד מיט אונדזער בלוט און איצט שפּראָצט פון דער דאָזיקער ערד די פרייהייט.

„דער גרויסער טאָג איז געקומען! עס איז געקומען די רעוואָלוציע! זי האָט זיך אָנגעהויבן אין פעטערבורג, זי וועט אָנצינדן מיט איר פייער דאָס גאַנצע לאַנד! אָדער גובר זיין, אָדער שטאַרבן! אָדער באַקומען פרייהייט, אָדער באַקומען דעם טויט! נעמט זיך, חברים, אין אַלע שטעט צו דער מלחמה! וואַרפט אַוועק אייער אַרבעט אין די ווערקשטאַטן, אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די מאַגאַזינען און קאָנטאָרן!

„... זאָלן אַלע גאַסן ווערן אַ פעלד פון מלחמה! זאָלן אונדזערע פאָנען שוועבן אין דער הויך! לאָמיר אָפּגעבן דאָס בלוט פון אונדזער האַרצן און באַקומען דאָס רעכט פון מענטשן!

„פאָדערט:

„1. צוזאַמענרופן אַ קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג פון פאָלקס־פאַרטרעטער. די פאַרטרעטער דאַרפן אויסקלייבן דאָס גאַנצע לאַנד, סיי מענער, סיי פרויען, צו וואָס פאַר אַ נאַציע, צו וואָס פאַר אַ גלויבן זיי זאָלן ניט געהערן, אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן, געהיימען און דירעקטן וואַל־רעכט.

„2. אָפּשאַפן די הערשאַפט פון אַ קייסער אין רוסלאַנד און איינפירן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, דאָס הייסט, אַזאַ אָרדענונג, אַז דאָס פאָלק זאָל האָבן די איינציקע דעה סיי ביים אַרויסגעבן און דורכפירן אַלע געזעצן פון לאַנד, סיי ביי דעם אויסקלייבן אַלע באַאַמטע, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן.

„3. תיכף איינפירן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אין אַלע פאַבריקן, זאַוואָדן, ווערקשטאַטן, מאַגאַזינען, קאָנטאָרן און אַזוי ווייטער.

„4. אומבאַרירלעכקייט פון פּערזאָן אין הויז, ד. ה., אַז קיין פּאָליציי, קיין זשאַנדאַרמען, זאָלן ניט טאָרן אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ פּריוואַט הויז און ניט מאַכן קיין אונטערזוכונגען און קיין אַרעסטן אָן אַ באַשטימונג פון געריכט.

„5. אומבאַגרעניצטע פרייהייט צו רעדן און דרוקן. פרייהייט צו פאַרזאַמלען זיך, צו פאַראייניקן זיך און צו סטרייקן. פרייהייט צו גלויבן אין יעדער אמונה.

„6. אַלע נאַציעס זאָלן זיין גלייך אין פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. יעדע נאַציע זאָל האָבן פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג, ד. ה., פרייהייט צו בילדן און לערנען זיך אויף דער אייגענער שפּראַך און צו ריידן אין דער שפּראַך אין אַלע איינריכטונגען פון דער מלוכה און אויף פאַרזאַמלונגען.

„7. תיכף באַפרייען אַלע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע פאַר פּאָליטישע און רעליגיעזע ענינים און אַ סוף מאַכן פון אַזעלכע באַשולדיקונגען.

8. תיכף אַ סוף מאַכן פון דער מלחמה מיט יאַפּאַן. אָפּשאַפן דעם מיליטאַריזם און אַנשטאָט דעם באַוואָפענען דאָס גאַנצע פאָלק.

„צום קאַמף, חברים! צום קאַמף אַלע — ווער ס׳קאָן ניט לעבן אָן פרייהייט! זאָל ווערן אַ סוף פון דער שקלאַפעריי, זאָל זיך ענדיקן די וויסטע ממשלה!

„צום געווער! נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע די פּאָליטישע פרייהייט! עס לעבע די דעמאָקראַטישע רעפּובליק! עס לעבע דער סאָציאַליזם!“

די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע איז פאַרשטייט זיך, קודם־כל, אַ היסטאָרישער פּאָליטישער, רעוואָלוציאָנערער דאָקומענט. מיר ווילן זי דאָ פון דעם שטאַנדפּונקט ניט באַהאַנדלען, ווי מיר ווילן ניט באַהאַנדלען די ראָל פונעם „בונד“ (וועגן דעם זע פאָרוואָרט צום בוך „1905“). אָבער אין דעם דאָקומענט, געשריבן פון אַלגינען בשעת ער האָט פּאַקטיש געשטעלט זיינע ערשטע טריט ווי אַ שרייבער (זיין „געלעבט־געקעמפט“ האָט

ער אָנגעשריבן אינגאַנצן מיט זעקס חדשים פריער) זעען מיר אָלגינען דעם מייסטער פון קאָמפּאָזיציע, פון קאָנסטרוקציע, דעם מייסטער פון יידיש. מיטן אויסנאַם פון דעם „עס לעבע“, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַן אייזן־פעסט אָנגענומענער טערמין אין רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס, האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ פּשוטן, פאָלקסטימלעכן יידיש, וואָס דאָס אַליין איז אין יענער צייט געווען אַ שטיק רעוואָלוציע . . . מיר האָבן פאַר זיך דעם זעלביקן סטיל ווי אין זיין מאַניפעסט אויפן צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, אַרויסצוגיין פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (1921), ווי אין דעם קאָנספּעקט פאַר דער נייער צייטונג, „פרייהייט“, ווי אין דעם ערשטן לייט־אַרטיקל פון דער צייטונג, ווי אין דעם מאַניפעסט פון דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

פּשטות. בידלעכקייט. פאַנטאַזיע. פּרעציזקייט. פאָלקסטימלעכקייט. קלאָר מאַכן אַן ענין אָן דריידלעך, אָן אַ „שלשלת“. ניט קיין וואונדער — ווידעראַמאָל — וואָס אָלגין האָט מיט זיין שרייבן פון סאַמע־אָנהויב געפאַנגען די הערצער פון גרויסע מאַסן.

יידיש איז אין אָלגינס הענט געוואָרן אַן ערשט־קלאַסיקער אינסטרומענט צו באַוועגן אַ פאָלק אין קאַמף פאַר פרייהייט, ברויט און קולטור. ווער האָט געקאָנט האָבן די חוצפה צו זאָגן, אַז אַזאַ לשון איז „זשאַרגאָן“?

די לויטערקייט פון סטיל האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אָלגינען, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע טעאָרעטישע אַרבעט: „סאָציאַליסטישע פּראַקציעס אינעם ציוניזם“ (1906), ווי ווען ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געשריבן זיין פאַרטיפטע טעאָרעטיש ווערק: „טראָצקיזם“. דאָ, אין דעם בוך, געפינט זיך אַ גאַנצע ריי אָלגינס פאַרטיפטע אַרבעטן און עסייען וועגן קולטור, וועגן שרייבער. דערמיט ווערט אָפּגעלייקנט די מיינונג פון די, וואָס כאָטש זיי האָבן געמוזט אַנערקענען, אַז אָלגין איז געווען דער מייסטער פון יידישן וואָרט, זיינען זיי אָבער באַשטאַנען דערויף, אַז ער איז געווען „נאָר“ אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר. דאָס אַליין איז אַוודאי אויך ניט געווען קיין קלייניקייט. אויף דעם געביט איז ער געווען אַ קינסטלער! פון אָלגינס פען זיינען אָבער אַרויס, ווי מיר האָבן געזען, אַ ריי פאַרטיפטע טעאָרעטישע אַרבעטן. און אַזאַ כוח האָט געהאַט זיין יידיש, אַז קאָמפּליצירטע ענינים זיינען ביי אים אַרויסגעקומען קלאָר, לויטער, און אַלע מאָ מיט חשיבות.

אַלעמאָל האָט זיך אָלגין געשלאָגן פאַרן מאַמע־לשון, מען זאָל עס האַלטן ריין, מען זאָל דערפאַר האָבן דרך־ארץ. דעריבער האָט ער אין 1912

צונויפגעשטעלט די כרעסטאָמאַטיע „דאָס יידישע וואָרט". דעריבער האָט ער געשריבן: „לאָמיר זיך לערנען ריידן יידיש" (זע דאָ אין דעם בוך). אָבער דערפאַר ווייל זיין יידיש איז ניט געווען אַ „פּאַטערלאַנד" פאַר זיך אַליין, נאָר די שפּראַך פון פאָלק, דער אינסטרומענט פאַר אַ בעסער לעבן פאַרן פאָלק, פאַר ברויט און קולטור, האָט זיין יידישע קולטור־ארבעט פאַרמאָגט קערנדיקייט, די פּערספּעקטיווע אויף דורות (זע זיין „מיר און יידיש").

.10

שלום־עליכם האָט אַלגינען געלויבט פאַר זיין „דרך־ארץ פאַר דער יידישער שפּראַך". דער דאָזיקער דרך־ארץ איז געווען אַן אָרגאַנישער עלעמענט, אַן אויסדרוק, פונעם „דרך־ארץ פאַרן פאָלק" — דער נאָמען פון אַן אַרטיקל, וואָס אַלגין האָט, מיטן סטיל פון אַ פּובליציסט — אַ דיכטער, אָנגעשריבן אַ פאַר וואָכן פאַר זיין טויט, לכבוד אַ קאָנפערענץ פונעם איקוף, וואָס ער האָט געהאָלפן צונויפרופן. אַלגין האָט דאָרט געזאָגט:

„ווער עס וויל אַרבעטן מיטן פאָלק אויף זיין וועג צום ליכטיקן לעבן, דער דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַרן גייסט פון פאָלק, וואָס איז אַ גייסט פון סאָציאַלן יושר און באַפרייאונג.

„...נאָר מענטשן באַזעלטע מיטן גייסט פונעם נייעם לעבן קאָנען זיין די טרעגער פון אַ קולטור וואָס איז נויטיק פאַרן פאָלק. נאָר מענטשן וואָס האָבן דרך־ארץ פאַרן פאָלק, קאָנען טאָן די קולטור־אַרבעט, וואָס ברענגט דעם פאָלק די געוואונטשענע פּרוכט. נאָר מענטשן וואָס פילן די אינעווייניקסטע שפּרודלדיקע שאַפונגס־קרעפטן פונעם פאָלק, קאָנען זיי אַרויסרופן צום לעבן. נאָר די וואָס גלויבן אין פאָלק און אין זיין צוקונפט און אין אַ יושרדיקער און עדלעכער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין דער צוקונפט, קאָנען גיין מיטן פאָלק אויף זיין אחריות־שווערן וועג."

די ווערטער, געשריבן ביים סאַמע סוף פון זיין לעבן, האָבן ווי אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דער אַרבעט פון אַלגינען דעם קולטור־בויער. מיט דעם דאָזיקן סך־הכל, ווי אַ מאָטאָ — דרך־ארץ פאַרן פאָלק — איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דאָס פאַרליגנדיקע, פּערטע, בוך פון אַלגינס ירושה, צו העלפן שטאַרקן די פּראָגרעסיווע יידישע קולטור, און די אידייאישקייט אין דער קולטור, און שטאַרקן די אחריות און דעם גלויבן אין פאָלק און אין זיין צוקונפט און אין אַ יושרדיקער און עדלעכער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

פ. נאָוויק

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1949.

פאַר אַ פּראָגרעסיווער
יידישער קולטור

אויפן ברייטן וועג

די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז אַמאָל געגאַנגען אויף אַ ברייטן וועג. אַלע פילן, אַז היינט צו טאָג גייט זי אויף אַ ריי שמאָלע וועגן — מיט דעם אויסנאַם פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו די רעוואָלוציע און די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג האָט געשאַפן די ברייטסטע מעגלעכקייטן פאַר אַ שעפערישן אויפשוואונג. אַלע די, וואָס קימערן זיך וועגן דעם גורל פון דער יידישער ליטעראַטור אין די בורזשואַזיע לענדער, שטעלן די פראַגע: ווי אַזוי קען מען דאָס מעגלעך מאַכן, אַז אונדזער ליטעראַטור זאָל ווידער אַרויפגיין אויפן ברייטן וועג, וועלכער דאַרף, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיין אין הסכם מיט דער נייער צייט?

דער אמת איז, אַז די טראַדיציע פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, ווי זי — אָט־די טראַדיציע — איז פאַרקערפּערט אין די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און פרץ, האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט באַווירקן די יידישע ליטעראַטור, אָבער עס דאַרף קאָנסטאַטירט ווערן, אַז בשעת געוויסע ריכטונגען האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ דירעקטן ציל — אויפלעבן אין דער נייער סביבה פונעם לעבן פון די יידישע מאַסן און אין איינקלאַנג מיט דעם פּראָגרעסיווסטן אידעאַל פון אונדזער צייט, דאָס בעסטע פון דער קלאַסישער טראַדיציע, זיינען אַנדערע ריכטונגען און שטרעמונגען באַוואוסטזיניק אַוועקגעגאַנגען פון יענעם ברייטן וועג.

דער וועג פון די קלאַסיקער איז געווען אַ ברייטער. די קלאַסיקער זיינען געשטאַנען אינעם ענגסטן, אינטימסטן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן, מיטן פאָלק. זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען דאָס פאָלק, די דערפאַרונגען פון גאַנצן פאָלקישן קאָלעקטיוו, און זיי האָבן דעריבער געקענט זאָגן: „דאָס פאָלק — דאָס בין איך". אויך דאָ זיינען געווען גרענעצן: סיי מענדעלע מוכר ספרים, סיי שלום־עליכם האָבן כמעט ווי פאַרזען דעם אויפקום פון דעם היינטצייטיקן יידישן פּראָלעטאַריער מיט זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע און קאַמף־גייסט. אָבער די אָריענטאַציע פון אַלע קלאַסיקער

רעפעראַט געהאַלטן אויף דער פייערלעכער דערעפענונג־זיצונג פון דער לאַנד־קולטור־קאָנפערענץ, אין טאַון־האָל, ניו־יאָרק, דעם 28טן אויגוסט, 1937, ערב דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז.

איז געווען אויף די מאַסן. די ליטעראַרישע אַרבעט איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין די אינטערעסן פון די מאַסן. דער אינדיווידועלער שאַפונגס־דראַנג — אַ קראַפט אַ מעכטיקע אין די קלאַסיקער — האָט זיי באַוואויגן אויסצופורעמען אויף אַ מעגלעכסט פאָל־קאָמענעם אופן די שטרעבונגען און בענקשאַפטן פון די ברייטע מאַסן. די שטרעבונג איז געווען — צו אַ בעסער מענטשלעך לעבן. די בענק־שאַפט איז געווען — צו אַן אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. די שטרעבונג האָט זיך נישט אַלעמאָל אויסגעדריקט ביי די קלאַסיקער אין אַ דעפיניטיווער פּראָגראַם. דער סאָציאַלער אידעאַל איז ביי זיי, צייטנווייז, געווען מטושטש. אָבער דער פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע האָט העל געברענט אין די ווערק פון די גרינדער פון דער מאָדערנער יידישער לי־טעראַטור. דאָס אָננעמען זיך אַקטיוו פאַר דעם פאַרפאָלגטן, באַליידיקטן, אונטערדריקטן איז איינס פון די שענסטע זייטן אין דער קלאַסישער שאַ־פונג. דאָס האָט ניט אויסגעשלאָסן די שאַפונג פון אינדיווידועלע כאַ־ראַקטערן, לעבעדיקע פּערזאָנען. פאַרקערט, דאָס האָט סטימולירט צו דיפערענצירן די יידישע מאַסע, זי ווייזן אין איר מענטשלעכקייט, וואָס דאָס הייסט אין איר באַשטיין פון לעבעדיקע, מיט לעבן־אָנגעזאַפּטע און צום לעבן זיך רייסנדיקע יחידים. אָבער די יחידים זיינען געווען — אין די ווערק פון די קלאַסיקער — נישט קיין אָפּגעזונדערטע, אויסטערלישע, „אויסגעדיכטעטע" געשטאַלטן, נאָר טיפּן, יידישע מענער און פרויען, פון וועלכע עס איז צונויפגעשטעלט דאָס פאָלק. טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס די קלאַסיקער האָבן זיך געפילט ווי שליחי צבור פונעם פאָלקס־קאָלעק־טיוו און וואָס זיי האָבן גערעדט נישט צו אַ קרייזל, נאָר צו אַ פאָלק, האָבן זיי געקענט אויסהאַמערן די צאָלרייכע יידישע געשטאַלטן.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון די ערשטע פאַר צענדליק יאָר פון דער מאַסן־אימיגראַציע געפינען מיר אַ פלעיאַדע קלאַסיקער: ווינטשעווס־סקי, מאָריס ראָזענפעלד, עדלשטאַט, באָוושאָווער, ליעסין, וואָס שטעלן אויך אַוועק די יידישע ליטעראַטור אויפן ברייטן וועג. די סביבה, די סאָ־ציאַלע באַדינגונגען, דער פאַרנעם זיינען דאָ אַנדערש. אין אַ בהלה־אַטמאָספערע, וואו הונדערטער טויזנטער און אפילו מיליאָנען זוכן דורכן חבוט־הקבר פונעם סוועט־שאַפּ זיך אַריינצופּאַסן אינעם נייעם לעבן, האָט די שטים פון די קלאַסיקער — לויט דער מאָס פון זייער טאַלאַנט, קלענער ווי די דערמאָנטע דריי ריזן — געקלונגען הילכיקער, אינטענסיווער, אומ־געדולדיקער און — קלאָרער. די מערסטע אַמעריקאַנישע קלאַסיקער זיי־נען געווען אויסגעשפּראָכענע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן. זייער ענ־

לעכקייט מיט מענדעלען, שלום־עליכמען און פרצן באַשטייט אין נאָענט־קייט צום פאָלק — ווי זיי האָבן עס געפונען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן — אין ריידן פאַרן גאַנצן פאָלקס־קאָלעקטיוו, אין פילן זיך פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אים, אין קוקן אויף דער ליטעראַטור ווי אויף אַ גרויסער געזעל־שאַפטלעכער פונקציע. אינעם דינסט פון אַ געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, אי־נעם באַוואוסטזיניקן שטרעבן צו וועקן מיט זייער פלאַמיקן וואָרט די ברייטסטע יידישע מאַסן. עס איז געוועזן שוואונג און פאַרנעם אין דער קלאַסיק פון דער יידישער ליטעראַטור אויף ביידע זייטן אָקעאַן.

אינעם פעריאָד נאָכן אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און פאַר דער מלחמה, און דער עיקר — אינעם נאָך־מלחמהדיקן פעריאָד אין דער יידישער ליטעראַטור פון די בורזשואַזע לענדער, גייט שוין נישט די יידישע ליטעראַטור אויף דעם ברייטן וועג.

אויך די פעריאָדן פאַרצייכענען אַ באַדייטונגספולע אַנטוויקלונג, אַ באַרייכערונג ערטערוויז אין טעמאַטיק, אָבער נאָך מער אין פּרט פון קינסטלערישער טעכניק, אַן אויפקום פון גאַנצע קאַדרען טאַלאַנטפולע שרייבער. אָבער דער אַלגעמיינער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור ווערט שמעלער, ריכטיקער געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין איין־אײנציקער, אַל־געמיינער־אָנערקענטער ברייטער וועג. עס זיינען דאָ וועגן און וועגעלעך און ביי־וועגן און שטעגן, וועלכע פירן אָפט אין ערגעץ נישט. עס איז דאָ אַ וועלט מיט שרייבער, אייניקע פון זיי גאָר גרויסע טאַלאַנטן; עס איז דאָ אַ גרויסער אויפלעב פון דער יידישער שפּראַך ווי אַ קונסט־אינ־סטרומענט; עס איז דאָ געזעלשאַפטלעכער אינטערעס פאַר טאַלאַנטן. עס איז אָבער ניטאָ די איינע גרויסע יידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל פאַר־נעמען דעם אויבנאָן, דעם צענטראַל־פּלאַץ אין דעם קולטור־לעבן פון די יידישע מאַסן, וואָס זאָל זיין אַליין דאָס צענטראַל־פעלד פון יידישער מאַסן־קולטור, וואָס זאָל זיין דער אָנערקענטער וועג־ווייזער פון דעם פאָלק.

די ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אין ליטע און פוילן, ווי „דער צווייטער דור קלאַסיקער" און אין אַמעריקע ווי די „יונגע" — נישט גע־קוקט אויף דער פאַרשיידנקייט, וואָס איז דיקטירט דורך פאַרשיידענע גע־זעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע סביבות, ווייזט אויף אייניקע ענלעכקייטן פון טענדענץ ביי דער גאַנצער ניט־ענלעכקייט פון אויסדרוק. איין טענדענץ איז — נאַציאָנאַליזם. די גרופּע קינסטלער און קריטיקער, וועלכע פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין רוסלאַנד, פאַר דער מלחמה, און צווישן וועלכע עס שיינען אַרויס די נעמען: אַש, אַנ׳סקי, באָמ־בערג, נסתר, הירשביין, אָנכי, וויטער, בעל־מחשבות, ניגער, וואָלט

געקענט באַצייכנט ווערן מיטן נאָמען נעאָ־נאַציאָנאַליסטן. זייער נאַציאָנאַליזם, להיפּוך צו די נאַציאָנאַליסטישע טענער, וואָס האָט זיך נישט זעלטן געהערט אין די ווערק פון מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, און וואָס זיינען מערסטנס געווען אַן אויסדרוק פון נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, איז אַפּאָלאָגעטיש. דער גייסט פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־קריטיק, וואָס האָט דורכגעדרונגען די ווערק פון די קלאַסיקער אין זייער באַציאונג צו די אומנאָרמאַלקייטן און העסלעכקייטן פונעם יידישן לעבן, פאַרשווינדט כמעט אינגאַנצן ביי די נעאָ־נאַציאָנאַליסטן און ווערט פאַרביטן מיט אַ גייסט פון ראָמאַנטיש פאַרהערלעכן די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן און דער עיקר די נאַציאָנאַלע פאַרגאַנגענהייט. די אַמעריקאַנישע „יונגע" — וועלכע בילדן אייגנטלעך נישט קיין איינהייטלעכע שול, נאָר וועלכע האָבן געפּרוּווט אַרויסשטעלן אַ פּלאַטפאָרמע פון ניט־געזעלשאַפטלעכקייט, האָבן אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט אָנערקענט איין געזעלשאַפטלעכע טענדענץ — נאַציאָנאַליזם. אין יושר צו אָט־דער גרופּע, וועלכע איז אייגנטלעך ניט קיין גרופּע, נאָר כמעט די גאַנצע פירנדיקע ריכטונג אין דער יידישער אַמעריקאַנישער ליטעראַטור קורץ פאַר דער מלחמה * און וועלכע מען קען מיט רעכט באַצייכענען: „דער צווייטער דור אַמעריקאַנישע יידישע קלאַסיקער", מוז געזאָגט ווערן, אַז זי איז קיינמאָל נישט געבליבן געטריי ביזן סוף דעם „אידעאַל" פון ניט־געזעלשאַפטלעכקייט. די ווערק פון לייוויק, אָפּאַטאָשו, ראַבאָי, מ. ל. האַלפּערן, ל. שאַפּירא, דוד איגנאַטאָוו, טייטלוויז אויך די ווערק פון משה נאַדיר, וועלכער האָט זיך נישט אידענטיפיצירט מיט דער גרופּע „יונגע", נאָר געטיילט איר אידעאָלאָגיע, שפּעטער די ווערק פון די יינגערע „יונגע": ז. ווייגפּער, ב. גלאַזמאַן, זיינען דאָך געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע מאָטיוון אפילו אין דער צייט, ווען זיי אַלע האָבן זיך נאָך נישט אָנגעהויבן באַוואוסטזיניק אָריענטירן אויף לינקס. אָבער אין דער זעלביקער צייט הערן זיך אין די ווערק פון אַ גרויסן טייל פון אָט־די שריפטשטעלער, ווי פון אַ סך אַנדערע, עלטערע, (פּינסקי, קאָברין) די שאַרפע טענער פון אַזאַ נאַציאָנאַליזם, וואָס גרענעצט זיך כמעט מיט שאָוויניזם. אין די ווערק פון שלום אַש, וועלכער געהערט פונקט אַזוי צו דער אַמעריקאַנישער, ווי צו דער אייראָפּייאישער יידישער ליטעראַטור, ווערט דער שאָוויניזם אַ באַוואוסטזיניקע ריכטונג (כמעט אינגאַנצן פריי פון נאַציאָנאַליזם ביים צווייטן דור קלאַסיקער זיינען דוד בערגלסאָן, אברהם רייזען, ז. ליבין).

---

* דאָס הייסט, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. — רעד.

אַן אַנדער ריכטונג איז דער אינדיווידואַליזם, וועלכער נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען — פון סימבאָליזם ביז עקספרעסיאָניזם און וועלכער געפינט זיין שאַרפסטן אויסדרוק אין די אינזיכיסטן. יהואש אין אַמעריקע איז דער דיכטער, וואָס האָט פאַרבונדן דעם עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם מיטן עקסטרעמען אינדיווידואַליזם, פון וועלכע אַ מאָדערנער גלגול עס איז דער היינטיקער אינזיכיזם. דער אינדיווידואַליזם שטעלט דעם טראָפּ אויפן דיכטער אַלס יחיד, אויף זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, וועלכע קענען אָפט האָבן אַ ווערט נאָר פאַר אים אין זיין ווינקל. ס׳איז די שטרעבונג, וואָס פירט אַוועק פונעם ברייטן וועג פונעם סאָציאַלן לעבן אויף די שמאָלע און גאַנץ אָפט אומפּרוכטבאַרע געביטן פון פּסיכאָלאָגישער ראַפינירטקייט־זוכעריי. מאַני לייב, זישא לאַנדוי, טיילוויז יוסף ראָלניק און ראובן אייזלאַנד זיינען געווען די גרינדער פון אָט־דער שול, וועלכע ווערט פאָרגעזעצט פון אַ גאַנצער סעריע עפּיגאָנען.

דאָס אַלץ ווערט אָפט באַגלייט מיט אַ פאָרם־לשם־פאָרם טענדענץ, וואו דער גאַנצער קינסטלערישער איך איז אָנגעשטעלט נישט אויף דעם וואָס, נאָר אויף דעם ווי אַזוי, נישט אויף דעם בעסטן קונסט־מעטאָד צו דערגרייכן די ברייטסטע מאַסן, נאָר אויף דעם אויסטערלישן, ביזאַרן, וואָס ווערט על־פּי טעות פאַרטוישט מיטן אָריגינעלן. וואָס ווייטער פונעם לעבן מיט זיין געזונטן שטורעם און דראַנג, אַלץ אָריגינעלער — אינעם באַגריף פון אַזוינע פּאָעטן.

סיי קעגן אַפּאָליטיזם, סיי קעגן שאָוויניזם, קעגן אינדיווידואַליזם און קונסט־לשם־קונסט פאָרמאַליזם האָט זיך אין די לעצטע יאָרן באַוואוסטזיניק אַוועקגעשטעלט די גרופּע, וואָס האָט זיך גענומען שאַפן אין אַמעריקע — פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. די דאָזיקע גרופּע, אין וועלכער עס געפינען זיך סיי מענטשן אַריבערגעקומענע פון די „יונגע״: נאַדיר, ראַבאָי, וויינפּער, מלכה לי, גלאַזמאַן, סיי מענטשן, וואָס האָבן נאָר טיילוויז געהערט צו די „יונגע״: קורץ, מילער, יאָסל קאָטלער, סיי אַריבערגעקומענע, וואָס האָבן פריער נישט געהערט צו קיין גרופּע, ווי צבי הירשקאַן, סיי קינסטלער, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג (מעינקע קאַץ, מ. א. סול, מאַרטין בירנבוים, י. גרינשפּאַן, כאַווער־פּאַווער, י. א. ראָנטש, א. מייזעל, משה שיפּריס, פסח מאַרקוס, ל. כאַנוקאָוו, ל. סאָברין, ל. יורמאַן, מ. באָרנשטיין און אַנדערע), שטרעבט צו פאַרבינדן די בעסטע פאָרם פון קונסט־אויסדרוק, דעם רעוואָלוציאָנערן רעאַליזם, מיט אַ נאָענטקייט צו די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע מאַסן און מיט אַ קונסט־טעטיקייט, וואָס דינט דעם אידעאַל פון סאָציאַלער באַפרייאונג. וואָס דאָס הייסט גלייכ־

ציטיק די אָפּשאַפונג פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דאָס אויפשטעלן פון באַדינגונגען פאַר אַן אויפבלי פון נאַציאָנאַלער קולטור אויף אַ סאָציאַליסטישער באַזע. די פּראָלעטאַרישע שרייבער האָבן געהאַלטן הויך די טראַדיציע סיי פון די דריי גרויסע קלאַסיקער, סיי פון די קלאַסיקער פון דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור. זייער וועג איז נישט געווען אויסגעבעט מיט רויזן. די אַרבעט פון אויסשמידן אַן אייגענע אידעאָלאָגיע, פון אַנטוויקלען אַ שרייבער־קאָלעקטיוו, פון אָנמערקן די פּאַסיקע קונסט־טעכנישע מיטלען, פון באַלעבן דעם נייעם סאָציאַלן שטאָף מיט דעם אָטעם פון אמתער קונסט, איז געווען אַ שווערע, ווייל קיינמאָל ביז אַהער נישט קיין אויסגעפּרואווטע. די פּראָלעטאַרישע שרייבער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך שוין אַרויסגערוקט נייע באַדייטנדיקע טאַלאַנטן, אַחוץ די אָנערקענטע עלטערע, האָבן פאַרשריבן אַ באמת ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. צו זייער פרייד האָבן זיי, דער עיקר פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, דערזען, אַז אַ גרופּע פונעם צווייטן דור קלאַסיקער, געוועזענע „יונגע“, אָריענטירט זיך מער און מער אויף לינקס, אַזוי אַז עס ווערט מעגלעך די אויסבילדונג פון אַ געמיינזאַמען לינקן ליטעראַרישן פראָנט. אָבער אויך די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור איז ביז אַהער געבליבן נאָר איין ריכטונג, איינער פון פילע וועגן פון דער אַמעריקאַנישער יידישער ליטעראַטור.

וואָס ס'איז נויטיק און צו וואָס עס דאַרף שטרעבן דער קולטור־צענטער, וועלכער וועט, לאָמיר האָפן, אַרויסוואַקסן פונעם איצטיקן גרויסן קולטור־צוזאַמענקום אין אַמעריקע, איז צוריק אַרויספירן די יידישע ליטעראַטור אויפןברייטן וועג, איר אומקערן די חשיבות(וואָס זי האָט געהאַט אין די הענט פון די קלאַסישע מייסטערס, אָבער אין דער זעלביקער צייט זי האַלטן אויף דער הויך פון דער היינטיקער עפּאָכע און אין הסכם מיטן שענסטן אידעאַל פון דער היינטיקער צייט.

מיר דאַרפן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין בלוט און פלייש און נערוון און מאַרך פון דעם יידישן פאָלק. אַ ליטעראַטור, וואָס קען סיי דאָס לעבן פון דעם שאַפּ־אַרבעטער אויף דער זיבעטער עוועניו אָדער אינעם ריווער רוזש פּלענט,* סיי דאָס לעבן פונעם יידישן פאַרמער ערגעץ אין נאָרטדאַקאָטאַ, אָדער ניו־דזשוירזי, סיי דאָס לעבן און די איבערלעבונגען און די דערפאַרונגען פונעם יידישן פּראָפעסאָר אין אַ ניי־ענגלענדער קאַלעדזש, און פון זיין שכן, דעם באַלעבאָס פון אַ קליידער־„ריפּעיר־שאַפּ“ אין דעם

* די זיבעטע עוועניו (גאַס) איז אַ צענטער פון די נאָדל־פאַכן אין ניו־יאָרק. דער ריווער רוזש פּלענט — די פאָרד־פאַבריק ביי דעטראָיט. — רעד.

זעלביקן שטעטל, סיי דאָס לעבן פֿון דעם יידישן „קאַראַבעיניק" אין דרום, סיי דאָס לעבן פֿון דעם יידישן מלוכה־באַאַמטן ערגעץ־וואו אין אַן אָפֿיס אין וואַשינגטאָן. מיר דאַרפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין פּונקט אַזוי אינטים דורכגעוועבט מיטן לעבן פֿון אָט־די מאַסן, וואָס זאָל אַזוי קענען זייערע פּראָבלעמען, זייערע מאָנונגען, זייערע שטרעבונגען, ווי מיר זעען דאָס אין אַזוינע אומשטערבלעכע מוסטערן, ווי „ווינטשפֿינגערל", אָדער „יידישע קינדער", אָדער „רייזע נאָטיצן".

מיר דאַרפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס דער גורל פֿון אָט־די מיליאָנען זאָל זיין איר עסק, אַ ליטעראַטור וואָס זאָל נישט זיין בלויז אַ באַאָבאַכטערין, אַ רעגיסטרירערין, נאָר איינע וואָס מישט זיך אינעם לעבן, וואָס פּרוּווט פֿורעמען דאָס לעבן, קנעטן עס אַזוי און אַזוי (לויט גאָרקיס אומשטערב־לעכן אויסדרוק). אַזאַ ליטעראַטור וועט אומפֿאַרמיידלעך שטיין אויפֿן צד פֿון די אונטערדריקטע און עקספּלואַטירטע. זי וועט אומפֿאַרמיידלעך אויס־דריקן דאָס, וואָס ס'טוט זיי ווי. אַזאַ אויסדרוק, געמאַכט פֿון מאָדערנע קולטור־מענטשן, מוז אומבאַדינגט אָננעמען די פֿאָרמע פֿון סאָציאַלן פּראָ־טעסט.

מיר דאַרפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס איז דורכגעציטערט מיטן געפֿיל פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס פֿילט זיך געקרענקט און באַליידיקט דאָרט, וואו מענטשלעכע נשמות, מענטשלעכע ווערדע ווערן געקרענקט און באַ־ליידיקט. מיר דאַרפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל האָבן דעם מוט אויפֿצו־דעקן די איבלען פֿון אַ גאַנצער וועלט, וואָס זאָל זיך נישט שרעקן פֿאַר אָט־די איבלען ווען זי געפֿינט זיי אויך אינעם יידישן לעבן, און וואָס זאָל אין דער זעלביקער צייט פֿאַרמאָגן גענוג אָפּטימיזם, גענוג גלויבן אין די שאַפֿנ־דיקע קרעפֿטן פֿון די מאַסן אַזוי, אַז זי זאָל קענען איבערצייגן מיליאָנען אין דער מעגלעכקייט פֿון פֿאַרוואַנדלען די איצטיקע וועלט אין אַ וועלט פֿון גערעכטיקייט און געזיכערטן פֿרידן.

מיר דאַרפֿן אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל דינען נישט אַ קלייזל, נישט אַ גרופּע נישט אַ „ריכטונג", נאָר דעם פֿאָלק. אַזאַ ליטעראַטור וועט זיך במילא נישט קענען פֿאַרשפּאַרן אין די ד' אמות פֿון אינדיווידועלער פּסי־כאָלאָגיע, ווי טשיקאַווע זי זאָל נישט זיין פֿאַרן אינדיווידועלן קינסטלער. אַזאַ ליטעראַטור וועט זיך נישט קענען אָפּקערעווען פֿון די דרינגענדיקסטע פֿאָדערונגען פֿונעם לעבן, ווייל אַניט וועט די מאַסע זיי נישט הערן. אַזאַ ליטעראַטור וועט דאַרפֿן ריידן מיט דער שפּראַך, וואָס דאָס פֿאָלק זאָל פֿאַרשטיין, און דורך געשטאַלטן, וואָס זיינען נאָענט צום לעבן פֿונעם פֿאָלק. אַזאַ ליטעראַטור וועט זיך מוזן לערנען אויף די מוסטערן פֿון די גרויסע

קלאַסיקער און אויפן בעסטן, וואָס די פאָלגנדיקע דורות שרייבער האָבן אַרויסגעבראַכט. זי וועט דאַרפן איבערפורעמען די ריזיקע מאַסע דערפאַרונגען פון דורות פאָלקס־לעבן אין דעם שמעלץ־אויוון פון אַ נייער קונסט, וועלכע זאָל אי ווערט זיין דעם נאָמען קונסט, ווייל זי גיט אונדז די ווירקלעכקייט אין איר אמת און אין אירע טיפּישע געשטאַלטן, אי זיין צוגעגנגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר די פאָלקס־מאַסן.

אַ ליטעראַטור, וואָס אָטעמט פריי, ברייט, שטאָלץ; וואָס פאַרנעבלט נישט, נאָר קלערט אויף און מאַכט ליכטיק; וואָס אויב זי באַקלאָגט זיך אויף עפּעס, איז כדי באַלד אָנצואווייזן, ווי אַזוי דאָס שלעכטע אָפּצושאַפן און דעם פעלער פאַרריכטן; וואָס זוכט נישט קיין פאַרגעניגן אין קלאָגן, נאָר אין מונטערן און שטאַרקן און ווייזן דעם אויסוועג; אַ ליטעראַטור, וואָס פילט זיך נישט אַליין פאַרבלאָנדזשעט און אומבאַהאָלפן, נאָר שטייט אין קאָנטאַקט מיט די וואַקסנדיקע סאָציאַלע קרעפטן, וועלכע זוכן נאָר אַ תיקון; אַ ליטעראַטור וואָס טיילט נישט אָפּ דעם „ייד" פונעם „גוי", וואָס פאַלט נישט אַריין אינעם פאַטאַלן טעות פון דערקלערן, אַז וואָס יידיש איז גוט און וואָס ניט־יידיש אין שלעכט, נאָר ווייזט אָן וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שעדלעך סיי אינעם יידישן לעבן, סיי אינעם אַרומיקן נישט־יידישן לעבן (אויף וועלכן די יידישע ליטעראַטור טאָר בשום אופן נישט פאַרמאַכן אירע אויגן); אַ ליטעראַטור, וואָס זעט די גאָר ברייטע פּערספּעקטיווע, וואו די בעסטע זין פון אַלע פעלקער מאַרשירן האַנט און האַנט, יעדער מיט זיינע באַזונדערע אייגנשאַפטן, מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און מיט זיין נאַציאָנאַלן לעבן, אָבער אַלע צוזאַמען אין איין ריכטונג — צו אַ באַפרייטער מענטשהייט. אַזאַ ליטעראַטור און נאָר אַזאַ קען באַפרידיקן די באַדערפעני‌שן פון אונדזער גרויסער און פאַראַנטוואָרטלעכער עפּאָכע.

קען אַזאַ ליטעראַטור געשאַפן ווערן? מיר זיינען זיכער, אַז מיט דער פאַראייניקונג פון קרעפטן, פאַר וועלכער דער איצטיקער צוזאַמענקום לייגט דעם פונדאַמענט, קען מען אַ סך דערגרייכן. מען קען אין אַ גרויסער מאָס אָפּשאַפן די צעשפּליטערטקייט, די פאַרפרעמדקייט, דאָס נישט־פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן צווישן די פּראָגרעסיווע טוער אויפן געביט פון ליטעראַטור, די פיינטלעכקייט וואָס עקזיסטירט אָפּט צוליב ריינער מיספאַרשטענדעניש. מיר שטעלן זיך נישט פאָר, אַז אידייען־ריכטונגען קענען אָפּגעווישט ווערן. אַלס מאַרקסיסט אָנערקען איך, אַז קלאַסן־ליניעס אין קולטור־אַרבעט זיינען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז מיר קענען שאַפן אין אַמעריקע אין דער איצטיקער

צייט אַ קלאַסנלאָזע יידישע קולטור. מיר ווייסן אָבער, אַז, זייענדיק צעטיילט אויף קלאַסן און גרופּעס, געהערט דאָך די ריזיקע מערהייט פונעם יידישן פאָלק, די גרויסע האָרעפּאַשנע יידישן מאַסע, צו איין לאַגער — דעם לאַגער פון די עקספּלואַטירטע, קעגן וועלכע עס שטייט דער אַנדער לאַגער, דער לאַגער פון די גרויסע עקספּלואַטאַטאָרס מיט זייערע אַרויסהעלפּער. ווען מיר רעדן דאָ וועגן אַ צענטער פאַר דער יידישער קולטור און וועגן אַ יידישער ליטעראַטור, וואָס גייט אַרויס אויפן ברייטן וועג, מיינען מיר דאָ אַ צענטער פאַר דער קולטור פון די עקספּלואַטירטע און אַ ליטעראַטור, וואָס דינט די עקספּלואַטירטע — דאָס זיינען ראָשם ורובם פונעם יידישן פאָלק.

צווישן די ליטעראַרישע קרעפטן, וואָס אָריענטירן זיך אויפן לאַגער פון די עקספּלואַטירטע, קענען זיין מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, ריכטונג־פאַרשיידנקייטן און אידייען־קאַמף. אָבער עס דאַרף נישט זיין קיין בירגער־קריג. עס דאַרף נישט זיין קיין קריגס־צושטאַנד, ווי ער האָט געהערשט ביז נישט לאַנג אויפן קולטור־געביט. פאַרקערט, עס קען זיין אַ פאַרשטענדעניש, אַן אַרויסהעלפן איינער דעם אַנדערן, אַ קעגנזייטיקע דערמוטיקונג, וואָס דאָס קען נאָר פירן צו אַ באַרייכערונג פאַר אַלעמען. דאָס קען זיין די קראַפט, וואָס וועט דערפאָלגרייך פאַרטיידיקן די יידישע קולטור קעגן אינעווייניקסטע און אויסווייניקסטע שונאים — אין דער ערשטער ליניע דער פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס הויבן זייער העסלעכן קאָפּ אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס קען אויך זיין אַ באַפרוכטנדיקע קראַפט, וואָס וועט אַרויספירן די יידישע ליטעראַטור אויפן ברייטן שעפערישן וועג.

פאַר אַ פּראָגרעסיווער יידישער קולטור

אויב מיר ווילן, אַז קלאָרקייט פון באַגריפן זאָל זיין אונדזער וועג־ווייזער און רעאַליזירבאַרקייט פון פאָרשלאָגן אונדזער ריכט־שנור, טאָרן מיר אויף קיין איין מאָמענט נישט אַרויסלאָזן פון אויג דאָס פאָלק, וועמען מיר האָבן זיך אונטערגענומען דינען מיט אונדזער איצטיקער אַקציע. מיר דאַרפן נאָכאַנאַנד געדענקען זיינע אייגנשאַפטן, זיינע שטרעבונגען, זיינע זעאונגען, דעם פאַרנעם פון זיינע קרעפטן, אין דער ערשטער ליניע — זיין שייכות צו קולטור.

דאָס פאָלק — דאָס זיינען אַלע די, וואָס אַרבעטן אויף דעם אָדער אַנדערן אופן צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. דאָס פאָלק — דאָס איז דער פאַבריק־אַרבעטער פון די גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען; דאָס איז דער קאָנטאָר־אָנגעשטעלטער — וועמען מיר אין אַמעריקע רופן „ווייסער־קאָלנער־שקלאַף“ — אין די אומצאָליקע אינדוסטריעלע, קאָמערציעלע און אַנדערע אַנשטאַלטן; דאָס איז דער קליינער און מיטלער בעל־מלאכה, קרעמער, הענדלער, וואָס קען בשום אופן נישט אידענטיפיצירט ווערן עקאָנאָמיש מיט די הערשנדיקע קלאַסן; דאָס איז, ענדלעך, דער פילצאָליקער שיכט אינטעליגענטן פון אַלערליי גראַדאַציעס און פאַכן. אָט־די גרויסע האָרעפּאַשנע מאַסע, ראשה ורובה פון יעדער נאַציע, איז עקאָנאָמיש נישט איינהייטלעך, אָבער די צעטיילונגען און ספּאָראַדישע רייבונגען צווישן אירע פאַרשיידענע גרופּעס זיינען נישט אין אַן ערך שוואַכער, ווי די אינטערעסן, וואָס האַלטן זי צוזאַמען. דאָס גיט אונדז דאָס פולע רעכט צו באַטראַכטן זי ווי איין גרויסע סאָציאַלע קאַטעגאָריע, ווי איין ריזיקן קערפּער: דאָס פאָלק.

אַזוי ווי אָט־דאָס פאָלק באַשטייט פון עקאָנאָמיש־געקריוודעטע, פון האָרעפּאַשניקעס, וועמען עס קומט אָן גאָרניט אַזוי גרינג צו „מאַכן אַ לעבן“, דעריבער איז אין אים טיף איינגעוואָרצלט אַ פּראָטעסט קעגן עקספּלואַטאַציע און אַ שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער פּראָ־טעסט מעג נאָר געפינען זיין אויסדרוק אין דעם פאָלקס־ליד, אָדער פאָלקס־לעגענדע, אָדער אין פיינטלעכקייט צום אינדיווידועלן גביר; די שטרע־

אויסצוגן פונעם רעפעראַט געהאַלטן אויפן ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, פּאַריז, 28טן סעפּטעמבער, 1937.

בונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט מעג זיין אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן — ווי זי איז אָפּט אין דערווירקלעכקייט ביים פאָלקס־מענטש — מיט ספקות אין דער מעגלעכקייט ווען עס איז אָפּצושאַפן דעם יאָר־טויזנט־לאַנגן סאָציאַלן אומרעכט. אָבער דער פּראָטעסט איז דאָ. די שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט איז אַ ווירקזאַמע קראַפט. דער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט אין זיין וויסנשאַפטלעך אויסגעקריסטאַליזירטער פאָרם — סאָציאַליזם — דאָרט וואו ער ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פאָלק ווי אַ פּאָליטישער פּאָסטולאַט, ווי אַ פּראָגראַם, פאַר וועלכן עס איז נויטיק צו שטרייטן, האָט אַלעמאָל געפונען הייסע אָנהענגער צווישן פאָלק.

אין פאָלק לעבט אַ דראַנג צו פרייהייט, אַ דראַנג צו עקאָנאָמישער זיכערקייט, אַ דראַנג צו פאַרבעסערן זיין עקזיסטענץ. דאָס איז אַ דינאַמישע קראַפט, וואָס באַוועגט אים אויסצוקלייבן דעם וועג פון פּראָגרעס. מעגן יחידים און באַזונדערע גרופּעס פון דעם גרויסן פאָלקס־מאַסיוו אָפּגעשפּאָלטן ווערן אויף זייטיקע אָדער אויף רעטראָגראַדנע וועגן, מעג אַ גאַנץ פאָלק אונטער אַ ברוטאַלן דרוק — ווי אין די פאַשיסטישע לענדער — צייטווייליק געשטויסן ווערן אויף צוריק; דאָס פאָלק, אין זיין געזונטער שטרעבונג צו לעבן אין זיכערקייט און פרייהייט, ציט זיך נאָכאַנאַנד פאָראויס. דאָס פאָלק אין זיין טאָטאַליטעט איז פּראָגרעסיוו.

די געזונטע שטרעבונג צום לעבן איז נישט אָפּצוטיילן פון דער שטרעבונג איינצוהאַלטן די אייגענע אידענטיטעט. וויפיל מאָל מען האָט שוין אָפּגעזאָגט דעם יידישן פאָלק דאָס לעבן. וויפיל „פאָראויסזאָגער" האָבן דערקלערט, אַז אין 25 אָדער 40 אָדער 50 יאָר וועט ווערן אויס יידן. ביי אונדז אין אַמעריקע האָבן זייער איינפלוסרייכע און אויבנאויף קאָמפּעטענטע מענטשן דערקלערט צוריק מיט 25 יאָר, אַז אין אַ פערטל יאָרהונדערט, דער עיקר אויב דער שטראָם פון עמיגראַציע ווערט שוואַכער, וועלן יידן זיך האָבן אויסגעלערנט ענגליש און — „איפּסאָ פאַקטאָ" — זיך האָבן פאַרוואַנדלט אין אַמעריקאַנער. דאָס לעבן האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם פּראָגנאָז. די עמיגראַציע איז פאַקטיש אָפּגעשטעלט שוין 23 יאָר. די גרעסטע מערהייט יידן האָבן זיך אויסגעלערנט אַ ביסל ענגליש — ווער מער, ווער ווייניקער. די צאָל יידיש־ריידנדיקע איז נישט געוואָרן קלענער. די חשיבות פון דער יידישער שפּראַך איז געוואָרן גרעסער. עס האָט זיך אַנטוויקלט גראָד אין די לעצטע 25 יאָר אַ גרויסע יידישע קולטור. עס איז אויסגעוואַקסן אַ רייכע פיל־פאַרצווייגטע יידישע ליטעראַטור. דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע פילט זיך יידיש.

פון דער שטרעבונג אָנצוהאַלטן די אייגענע געשטאַלט, דעם איי־

גענעם פאָלקס־פּנים, איז ניט אָפּצוטיילן די שטרעבונג צו דערהאַלטן די אייגענע שפּראַך, יידיש. וויפיל ימים פון פאַראַכטונג עס זיינען נישט אויסגעגאָסן געוואָרן אין דער יידישער סביבה אויף דער יידישער פאָלקס־שפּראַך; וויפיל פאַראורטיילן עס זיינען נישט געזייט געוואָרן קעגן יידיש צווישן דער ניט־יידישער וועלט, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ פאַרדאַרבנדיקע צוריק־ווירקונג לכל־הפּחות אויף אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ; וואָס פאַר אַ שטראָמלונגען עס זיינען נישט געלייגט געוואָרן אויפן וועג פון דער יידישער שפּראַך אין דער פאָרם פון קאָנקורענץ־אַנשטאַלטן מיט אַ סך בעסערער אויסשטאַטונג. — דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן ביים יידיש, דאָס יידישע פאָלק האָט אַנטוויקלט זיין יידיש, ווייל דאָס יידישע פאָלק וויל נישט אָנווערן זיין אייגענעם פּנים.

נישט נאָר דאָס — דאָס יידישע פאָלק איז טיף איבערצייגט, אַז עס האָט אַ רעכט צו לעבן ווי אַ פאָלק, אַז יעדער איינער, יחיד אָדער כלל, וואָס וויל באַגרענעצן אָט דאָס רעכט, איז זיין שונא, ווי ער אַליין זאָל זיך נישט רופן און אונטער וועלכער מאַסקע ער זאָל נישט דערשיינען. דאָס יידישע פאָלק איז איבערצייגט, אַז עס איז זיין פליכט צו קעמפן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זיין רעכט צו לעבן, און דאָס הייסט אויך פון זיין רעכט צו נוצן יידיש ווי זיין נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע שפּראַך. דאָס אַלץ גילט פאַר יעדן לאַנד, פאַר יעדן קאָנטינענט, אָן שום אויסנאַם. ביי דער יידישער מאַסע איז בדרך כלל נישטאָ דער קאָנפליקט „ייד־מענטש". עס איז פאַר איר נאַטירלעך צו זיין ייד־מענטש, מענטש־ייד, אפילו נישט טראַכטנדיק וועגן אַ דראַמע. דאָס פאָלק, די מאַסע איז דער פרוכטבאַרער באָדן, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס די טייערע געוויקסן פון קולטור. דאָס פאָלק — איז דער אמתער שאַפער פון זיין קולטור. אויב דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק בנוגע אַלע פעלקער, איז דאָס באַזונדער בולט בנוגע די יידן. כמעט יעדע פערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון דער יידישער קולטור פאַר די לעצטע דריי־פערטל יאָרהונדערט, איז געקומען פון דער מאַסע. די גרויסע שרייבער, דיכטער, דראַמאַטורגן, זינגער, שפּילער, גרינדער פון טעאַטערס, אָרגאַניזירער און וועקער פונעם פאָלק — פונוואַנען האָבן זיי געשטאַמט? פון דער אָרעמשאַפט, פון האָרעפּאַשנע משפּחות. ווער האָט זיי אָפּגעשאַצט? דאָס פאָלק. וואו האָבן זיי געפונען קאָמפּענסאַציע פאַר זייערע אָפטע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אַרויסצורייסן זיך פונעם חושך און דערגרייכן הויכן, פון וואַנען עס עפענען זיך נייע האָריזאָנטן? ביי די מאַסן, פון וואַנען זיי זיינען געקומען.

די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען אַ שלאָגנדיקער היסטאָרישער ביישפּיל. אין שרעק, אין אימפּעט, אין אַ בהלה־אַטמאָספערע האָבן זיך הונדערטער טויזנטער פאָלקס־יידן אַ לאָז געטאָן צו די פון ווייטן־שיינענדיקע ברעגן. דער שטראָם לויפנדיקע איז געשטיגן העכער און העכער. באַלד האָבן זיך אין איילעניש אַ באַזעץ געטאָן אין אַ טאָטאַל־פרעמדן און גאָרנישט באַזונדער פריילעכן לאַנד מיליאָנען האָרעפּאַשנע יידן. זייער ערשטע זאָרג איז געווען: ברויט. זיי האָבן זיך ווי היישעריקן אַ וואָרף־געטאָן אויפן „סוועט־שאַפּ". די ריזיקע מערהייט איז קולטורעל געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניווא. קיין אינטעליגענץ איז אַזוי גוט ווי נישט געווען. די אַריבערגעקומענע אינטעליגענטן האָבן בדרך כלל זיך געשטעלט אויפן וועג פון אַסימילאַציע און זיינען אַוועק פונעם פאָלק. די מאַסע איז געווען רוי, צעברעקלט, טיילווייז דעמאָראַליזירט דורך דעם איבערלויף אין אַ נייער סביבה.

און דאָס וואונדער איז דאָך געשען. די מאַסע האָט אַרויסגערוקט נישט נאָר אירע אָרגאַניזירער און פירער, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, נאָר אויך אירע קולטור־קרעפטן. דאָס יידישע פאָלק אין די פאַראייניקטע שטאַטן הערט נישט אויף אַרויסצורוקן אַלץ נייע שאַפנדיקע קרעפטן. פאַר די, וואָס שטייען נעענטער צום פאָלק, איז אַ פרייד צו זען, ווי עס שפרודלט אין די טיפענישן מיט געזונטע פרישע כוחות, וואָס וואַרטן נאָר אויף זייער תיקון.

אַ פאָלק, וואָס שאַפט, אַ פאָלק, וואָס שטרעבט אָנצוהאַלטן זיין געשטאַלט, האָט נישט קיין גרונט צו וועלן פאַרלייקענען זיין עבר. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך קיינמאָל נישט אָפגעזאָגט פון זיין געשיכטע. דאָס יידישע קולטור־שאַפן מוז שטיין אין דער אָדער יענער פאַרבינדונג מיט דער קולטור־טראַדיציע פון דורות. אָבער דער עבר איז דאָך אַ קאָנגלאָמעראַט פון ליכט און שאָטן, פּראָגרעס און רעגרעס. די טראַדיציע ווייס פון העלדן, וואָס האָבן אָפגעגעבן אַלץ פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, זי ווייס אָבער אויך פון אַזוינע, וואָס האָבן געהאַמעוועט דעם וועג פון דעם פאָלק צו אַ ליכטיקערן לעבן. עס איז נאַטירלעך פאַר די שאַפער פון דער היינטוועלטיקער יידישער פּראָגרעסיווער, וועלטלעכער קולטור — וואָס שטאַמט אַרויס פון דעם טיף־צעאַקערטן און מיט זאַמען אָנגעפילטן באָדן פון דעם פאָלקס־לעבן — צו שטרעבן אָנצוקניפּן זייער אַרבעט אָן דער טראַדיציע, וואָס איז געווען פּראָגרעסיוו אין איר צייט און וואָס קען העלפן פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון פּראָגרעס היינט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין אייגענער יידישער שפּראַך,

אויף זיין אייגענער יידישער קולטור. אָבער דאָס זעלביקע רעכט אָנערקענט דאָס פאָלק פאַר אַנדערע פעלקער. דאָס יידישע פאָלק וויל לעבן אין פרידן און שכנותדיקער פריינטשאַפט מיט אַלע אַנדערע פעלקער. עס אָנערקענט דאָס רעכט פון יעדן אַנדערן פאָלק אויף זיין אייגענער עקזיסטענץ, זיין אייגענער היסטאָרישער טראַדיציע, זיין קולטורעלן שאַפן. דער איז אַ קנאַפער פריינט פון דעם יידישן פאָלק, וועך עס שטעלט אַרויס די טעאָריע, אַז פעלקער־פיינטשאַפט איז כלומרשט אַ היסטאָרישער געזעץ. דער ווייט־פאַרשפרייטער פאַקט פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פון וועלכער עס ליידט מיט וואַקסנדיקער אינטענסיווקייט דאָס יידישע פאָלק, איז אַ רעזולטאַט ניט פון איינגעבוירענע, אין די פעלקער איינגעוואָרצלטע „נאַטירלעכע נייגונגען“, נאָר פון דער הערשנדיקער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם. דער ביישפיל פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו מיט דער אָפשאַפונג פון דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם, איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן פון פילצאָליקע פעלקער, וואָס דויערט שוין קרוב צו צוואַנציק יאָר, איז די בעסטע אָפלייקענונג פון דער טעאָריע פון איינגעבוירענעם פעלקער־האַס. דאָס גילט נישט נאָר בנוגע דירעקטער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, נאָר אויך בנוגע קינסטלעך אויפגעהעצטן נאַציאָנאַלן האַס צווישן מאַסן; ער איז נישט קיין נאַטירלעכע, אין דער פעלקער־פסיכאָלאָגיע איינגעוואָרצלטע אייגנשאַפט. ער איז אַן אומגעזונטער פראָדוקט פון דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם.

פונקט ווי דאָס יידישע פאָלק אָנערקענט דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעכע רעכט פון אַלע אַנדערע פעלקער צו לעבן אין פרידן און נישט שולדיק זיין קיין פאַרענטפערונג פאַר זייער עקזיסטענץ, אַזוי אָנערקענט עס פאַר זיך אַליין די אומנויטיקייט צו „פאַרענטפערן“ זיין לעבן. דערמיט ווערט במילא אויסגעשלאָסן דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלער היסטאָרישער „מיסיע“, פון אַ פאָלק — אַ „בחיר“, אַ פאָלק — אַ „משיח“. די אַלע אידייען זיינען אונטערערדיש פאַרבונדן מיט דעם אַסימילאַציע־צוגאַנג. אויפן יידישן פאָלק ווערט אַרויפגעלייגט די פליכט צו זיין בעסער פון אַנדערע פעלקער. עס איז נישט גענוג פאַרן יידישן פאָלק צו לעבן און שאַפן און פראָגרעסירן. ניין: עס דאַרף דווקא זיין אַ וועג־ווייזער פאַר אַנדערע פעלקער. עס דאַרף נעמען אויף זיך זייערע לאַסטן. עס דאַרף זיין אַ „דערלייזער“ . . .

אָפגעזען פון דעם טעאָלאָגישן און מיסטישן אונטערשלאַק פון אָט־דער טעאָריע, האָט זי די טענדענץ צו פאַרלייקענען דעם ווערט פון יעניקן פאָלקס־לעבן, וואָס האָט נישט קיין פאַרבינדונג מיט משיחות. דאָס הייסט

שאַפן אַ גרינגשעצונג ביים פאָלק צו זיין אייגענער אַלטעגלעכער עקזיסטענץ. און דאָס הייסט — אַנטוואָפענען דאָס פאָלק אין זיין קאַמף פאַרן לעבן.

די יידישע קולטור איז אַ שאַפונג און אַ געצייג פון פאָלק. זי איז דער קאָמפּלעקס גייסטיקע ווערטן, וואָס מאַכן מעגלעך די פאָלקס־מאַסן אויסצוטרעטן זייער ווייטערדיקן וועג צו אַ געזיכערטער, מענטשלעכער צוקונפט, באַזירט אויפן פּרינציפּ פון סאָציאַלן יושר. (דער קאָמפּלעקס מוז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַריינגעמען נישט נאָר „באַוואוסטזיין", נאָר אויך מאַטעריעלע קעגנשטאַנדן, ווי ביכער, קונסט־ווערק, געביידעס, ווי אויך אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטורן, ווי פאַראיינען, געזעלשאַפטן א. אַז. וו. — וועלכע זיינען אַליין אויך אַן ענין פון באַוואוסטזיין, נאָר פון אַן אַנדער גאַטונג — אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצוגעבן זיך מיט דעטאַלן פון דעפיניציעס). קולטור אָן פאָלק איז בלוטלאָז, איז אַ שאָטן. פאָלק אָן קולטור איז בדרך כלל אָן אוממעגלעכקייט, וואָרום יעדעס פאָלק שאַפט זיין אייגענע קולטור. אָבער פאָלק מיט אַ שוואַכער קולטור איז שוואַך. אין דער מאָס, ווי עס וועט וואַקסן די יידישע פאָלקס־קולטור, וועט דאָס פאָלק ווערן שטאַרקער. אין דער מאָס, ווי עס וועלן שטאַרקער ווערן די יידישע סאָציאַלע מאַסן־קרעפטן, וועט אויך שטאַרקער ווערן די יידישע קולטור.

דערפון איז קלאָר, אַז די קולטור איז נישט קיין זעלבסט־צוועק. זי איז נישט קיין „בת־השמים". זי איז נישט קיין קאָלעקציע הייליקייטן, וואָס דאַרפן אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ שראַנק הינטער גלאָז. עס קען זיין אַ געפאַר, אַז מענטשן זאָלן וועלן פאַרוואַנדלען די קולטור אין אַ זעלבסט־צוועק, לכל־הפחות אייניקע פון אירע צווייגן. אַזאַ צוגאַנג וואָלט געשמעקט מיט פעאָדאַלן אַריסטאָקראַטיזם. עס איז דאָ אַ גרויסע געפאַר, אַז מענטשן זאָלן באַטראַכטן די יידישע קולטור ווי אונדזער איינציק פאָטערלאַנד און, ווי עס פאַסירט אַזוי אָפט אין די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זאָלן זיי פאַרזען דאָס לעבעדיקע פאָלק צוליב דער אַבסטראַקטער אידייע „פאָטערלאַנד". אָדער נאָך ערגער, וועלן סובאָרדינירן דאָס פאָלק דער אידייע פון אַ קולטור־פאָטערלאַנד. די דאָזיקע געפאַר איז באַזונדערס גרויס צווישן עלעמענטן, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין ברייטערן סאָציאַלן אידעאַל און וואָס פילן דאָך דעם אומבאַצווינגלעכן דראַנג פון קולטורעלן שאַפן.

די אַנאַלאָגיע צווישן קולטור און פאָטערלאַנד, קולטור און היים, קען אַקצעפּטירט ווערן, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען ביידע באַגריפן ווערן אויס־

געלײדיקט פון זײער מעטאַפיזישן אינהאַלט. דאָס פּאַטערלאַנד איז טײער אַ מענטשן נישט דערפאַר, וואָס עס האָט מיסטישע קוואַליטעטן, איבער־נאַטירלעכע כוחות, װעלכע באַפוילן אים צו שטרײטן פאַר זײן עקזיסטענץ. דאָס פּאַטערלאַנד איז טײער אַ מענטשן — און טײער דעם גאַנצן פאָלק — װײל דאָס פאָלק דאַרף עס האָבן װי אַן אָרט צום לעבן. װאָס מער דאָס פּאַטערלאַנד געהערט דעם פאָלק — און ניט אַ הײפל אוזורפּאַטאָרן אָדער אַ קלאַס פּריװילעגירטע — אַלץ מער איז דאָס פאָלק גרײט צו פאַרטײדיקן דאָס פּאַטערלאַנד, װײל דאָס איז זײן אײגנס, זײן הײם, זײן מעגלעכקײט זיך אויסצולעבן נאָרמאַל, און נישט װײל דאָס איז באַשאָנקען מיט סודות־פולע אַטריבוטן. װאָס מער די יידישע קולטור װעט זײן די קולטור פון פאָלק, אַלץ מער װעט דאָס פאָלק זי האָדעװען, צערטלען, אַנטװיקלען, פאַרטײדיקן און ברענגען פאַר איר קרבנות — אָבער נאָר דערפאַר, װײל די קולטור איז נײטיק װי אַ באַװאָפענונג פאַר די מאַסן אין זײער קאַמף פאַרן לעבן.

שוין דערפון אַלײן — אָפּגעזען פון אומבאַשטרײטבאַרער אויגנשײנ־לעכקײט און סטאַטיסטישע דאַטן — איז קלאָר, אַז די יידישע קולטור מוז געשאַפן װערן אויף דער שפּראַך פון יידישן פאָלק. די שענסטע קולטור, געשאַפן אין לאַטײן, װאָלט געװען אַ קנאַפּע ישועה פאַר אַ מאָדערן פאָלק. די אַסימילירטע „יאַהודים" האָבן אויפגעשטעלט אַ זײער שײנעם קולטור־צענטער אין האַרצן פון דער יידישער אָרעמשאַפט־געגנט אין ניו־יאָרק. אָבער די קולטור, װאָס זײ האָבן פון דאָרט געפּראָװוט פאַרשפּרײטן, איז געװען אויף ענגליש. דער אײנפלוס אויף דער אָרומיקער יידישער באַ־פעלקערונג איז געבליבן — נול. די אָרומיקע באַפעלקערונג איז געװען צװישן די אָפּגעשטאַנענסטע אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע, ביז עס האָבן זיך נישט געעפנט עטלעכע קולטור־צענטערס, קלובן, קורסן, ביבליאָטעקן אויף יידיש.

גײען מיר אַרויס פון דער הנחה, אַז די קולטור איז אַן אינסטרומענט, אַ מעכטיקער קאָמפּלעקס פון אינסטרומענטן, אין די הענט פון פאָלק אין זײן קאַמף פאַרן לעבן, איז שוין דערפון געדרונגען, אַז די קולטור מוז זײן צוגענגלעך פאַר אַלץ ברײטערע שיכטן פון פאָלק, אַז די גאָר גרויסע מאַסע פון האָרעפּאַשנע יידן זאָל זי קענען באַהערשן.

דאָ שטײט אויף אין איר גאַנצער גרויס די פראַגע פון יחיד און כלל. עס איז װײט פון אונדז װעלכע נישט איז טענדענץ צו פאַרלײקענען די ראָל פון שאַפנדיקן יחיד. קולטור־שאַפונג װערט געשפּײזט פון פאָלק, אָבער קולטור־װערטן װערן געשאַפן דורך יחידים. דאָס פאָלק אַלײן האָט

אָנערקענט דעם פאַקט — דערמיט וואָס עס באַשענקט קולטור־טוער־יחידים מיט פאַרערונג און ליבשאַפט. דער יחיד דאַרף האָבן די פולע פרייהייט צו שאַפן לויט זיינע פעיאיקייטן, נייגונגען, קענטעניש, טעמפעראַמענט. וואָס גרעסער די שאַפנדיקע פערזענלעכקייט, אַלץ שאַרפער אויסגעשפּראָכן איז איר אינדיווידואַליטעט. וואָס מער פרייהייט דער שריפטשטעלער, דיכ־טער, דראַמאַטורג, מאָלער, סקולפּטאָר, מוזיקער וועט האָבן אויף אויסצו־דריקן זיין אייגענע שאַפנדיקע פערזענלעכקייט, אַלץ ווערטפולער — ceteris paribus — וועט זיין דער פּראָדוקט פון זיין שאַפן. וועגן דעם זיינען קיין צוויי מיינונגען נישט פאַראַן אין דער קולטור־וועלט.

און דערפון איז שוין קלאָר, אַז עס קען נישט זיין קיין רייד וועגן „דיקטירן" דעם שאַפנדיקן יחיד — אַ באַשולדיקונג, וואָס איז אָפט גע־הערט געוואָרן דער עיקר קעגן דעם לינקן קולטור־פראָנט. אַ קולטור־שאַפער, וואָס איז העכער פון אַ גוטן בעל־מלאכה, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן די קרעאַטיווע קונסטן, קען ניט אַרבעטן לויט אַ באַפעל אָדער באַשטעלונג. ער דאַרף אַרבעטן לויט זיין אינעווייניקסטן אמת, לויט זיין אימפּולס, לויט זיין אייגענער השגה.

אָבער עס איז נישטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן די אַלע הנחות און דעם פּאָסטולאַט פון מאַסנהאַפטיקער יידישער קולטור, פון אַ יידישער קולטור, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר די ברייטסטע יידישע מאַסן. עס ווענדט זיך נאָר אינעם צוגאַנג פון די קולטור־טוער צו זייער אַרבעט. עס ווענדט זיך אָן דער ציל־איינשטעלונג פון דער אַרבעט. אויך איז ניטאָ קיין ווידערשפּרוך צווישן דער שאַפונגס־פרייהייט פון יחיד און דער פּלאַנמעסיקייט פון קול־טור־אויפבוי.

אויב די יידן פעלט אַ פּלאַן און אַן אָרגאַניזאַציע פון קולטור־אַרבעט, האָט אָבער די מאַסנהאַפטיקייט געפעלט נאָר ספּאָראַדיש און נאָר ווי אַן אויסנאַם. דאָך קען מען פאַרצייכענען דאָ און דאָרט, אין פאַרשיידענע לענ־דער און אין קלענערע קרייזן, אַ מין קולטור־סנאָביזם, אַ מין טענדענץ זיך וואָס העכער אָפּצוזונדערן פון דעם פאָלק. אָפט איז דאָס ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון ניט גלויבן, פון פאַרצווייפלונג: די „לעצטע מאָהיקאַנער" פון דער יידישער קולטור שליסן זיך כלומרשט איין אין זייער אייגענעם אויסדערוויילטן קרייז און שטאַרבן מיט אַ געהויבענעם טויט. אָבער די טענ־דענץ איז דאָ. די בעסטע רפואה קעגן איר איז אַ ברייט געעפנטער טויער פאַר פרוכטבאַרער קולטור־אַרבעט אין סאַמע קאָך פון האַרעפּאַשנעם לעבן, אַ סך פרישע לופט, אַ סך רויט בלוט. די שאַנס פון דעקאַדענץ מוזן

ווייכן קעגן דעם געזונטן מאַרש פון די מאַסן אונטער דער פאָן פון זייער אייגענער קולטור.

דאָס פאָלק דאַרף דעריבער לעבן אַלעמאָל און אונטער אַלע אומשטענדן אין דעם באַוואוסטזיין פון די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער יידישער קול־טור. קולטור — איז פאַרבינדונג מיט דעם פאָלק. קולטור — צו פאַר־שטאַרקן זיינע כוחות. קולטור — פאַרקערפּערט אין אַ פאָלקס־מאַסע, וואָס איז בעסער פּייאיק צו גיין פאָראויס צו דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט, וואָס לעבט אין איר ווי אַ גרויסער פּאָטענציעלער כוח.

עס וואָלט נאָר געווען אַ טרואיזם, ווען מען וואָלט באַזונדער אונטער־געשטראָכן, אַז מאַסנהאַפטיקייט שליסט נישט אויס טיפקייט, עכטקייט, ערנסט, ערשטקלאַסיקייט. ווען מיר ריידן וועגן פּאָפּולאַריזאַציע, וואָס דאָס איז אַ באַזונדערע קונסט, ריידן מיר געוויס נישט וועגן אַ פון־אויבן־אַרונ־טער־באַציאונג פון קולטור־אַרבעט „פאַרן פאָלק" (גראָשן־ביכלעך מיט אַ טיי־לעפעלע אַדולטערן וויסן). מיר ריידן וועגן ערנסטער פאָרשונג, גרוי־סער קונסט, ערשטקלאַסיקער ליטעראַטור. מיר ריידן וועגן דעם בעסטן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט קען פּראָדוצירן. מיר ריידן אָבער וועגן פּראָ־דוצירן די אַלע אמתע קולטור־ווערטן מיט אַן אויג אויפן פאָלק און אין ענגן קאָנטאַקט מיט די מאַסן. וואָרום נאָר אַזוי וועלן מיר שאַפן אַן עפעק־טיווע קולטור, וואָס איז אַ היסטאָרישער כוח.

יידישע קולטור אין אַמעריקע

1. די יידישע שפּראַך איז די שפּראַך פון באַדייטנדיקע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אין אַ ריי אַנדערע לענדער. נישט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע הערט אויף צו ריידן יידיש, איז די יידישע שפּראַך עד היום אַ גרויסער פאַקטאָר אינעם לעבן פון די יידישע אַמעריקאַנישע מאַסן. פאַר די לעצטע פופצן יאָר, נישט געקוקט אויף געזעצלעכע פאַרבאָטן, איז דאָך אַריינגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ גרויסע צאָל יידישע אימיגראַנטן, וועמעס שפּראַך איז יידיש. די איבערוועגנדיקע מערהייט פון די געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע לעבט זיך אויס אין יידיש. נישט געקוקט אויף די פאַראויסזאָגונגען פון די אַסימילאַטאָרן פון צוריק מיט אַ יאָר 25, אַז אין אַ פערטל יאָרהונדערט וועט כמעט ווי נישט בלייבן קיין יידיש־ריידנדיקע עלעמענטן אין אַמעריקע, איז די יידישע שפּראַך אַ פאַקט. די צאָל יידישע שולן, יידישע קלובן און אַנדערע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן איז נישט נאָר נישט פאַרקלענערט געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, זי איז אויסגעוואַקסן.

אַדאַנק דער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויזירונג פון אַ גרויסער טייל פון די יידיש־ריידנדיקע האָרעפּאַשנע מאַסן, מערקט זיך אין דעם לעצטן יאָרצענדליק אַ פאַרשטאַרקטע טענדענץ צווישן די עלטערן צו לערנען זייערע קינדער יידיש און צווישן די קינדער צו לערנען זיך יידיש, כדי צו קאָנען מיטלעבן מיט זייערע עלטערן אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, וועלכע ווערן געפירט אויף יידיש.

2. אין משך פון די לעצטע 25 יאָר איז אין אַמעריקע, וואו ס'איז אויסגעוואַקסן דער גרעסטער יידישער קיבוץ, געשאַפן געוואָרן אַ גרויס און פילזייטיק יידיש קולטור־לעבן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מאָדערנע

דער ערשטער, גרעסערער, טייל פון די טעזיסן, וואָס מ. אָלגין האָט אויסגעאַרבעט (צוזאַמען מיט י. סולטאַן) בשעת דער ערשטער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס איז פּראָיעקטירט געוואָרן; פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט“ דעם 6טן פעברואַר, 1937.

יידישע קולטור, וועלכע ציילט אַ גרויסע פּלעיאַדע שריפטשטעלער, דער־ציילער, דיכטער, דראַמאַטורגן, עסייאיסטן. אין היפּוך צו דער יידישער ליטעראַטור פון דעם ערשטן פּעריאָד פון דער יידישער עמיגראַציע, וועלכע האָט געצויגן איר יניקה אין אַ גרויסער מאָס פון דער „אַלטער היים" און וועלכע האָט געקוקט אויף זיך מערסטנס ווי אויף אַ ליטעראַטור אַ צייט־ווייליקער, ביז דער „אַמעריקאַניזירונג" פון די יידישע מאַסן, שטאַמט די מאָדערנע ליטעראַטור פון דעם היגן יידישן לעבן, קוקט אויף זיך ווי אויף אַ בירגערין פון דעם אַמעריקאַנישן קולטור־לעבן און שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע פון גרויסער קונסט, וועלכע איז נישט נידעריקער ווי די קונסט אין אַנדערע שפּראַכן. דער לינקער פליגל פון אָט־דער מאָדערנער לי־טעראַטור האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן וועג פון דעם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, פון סימפּאַטיע מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און מיט דער לע־ביניסטישער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער לינקער פראָנט האָט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי פּראָלעטאַרישע קינסטלער, וועלכע שטעלן זיך פאַר אַ דירעקטער אויפגאַבע צו דינען דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט זייער ליטעראַרישער אַרבעט. די יידישע שריפטשטעלער פונעם לינקן פראָנט אין אַמעריקע קוקן אויף זיך ווי אויף יורשים פון דער רעוואָלו־ציאָנערער טראַדיציע פון די ערשטע גרויסע פּראָלעטאַרישע שריפטשטע־לער אין אַמעריקע: ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד, באָוושאָווער, עדעלשטאַט. זיי קוקן אויף זיך ווי אויף קאַמפּס־ברידער פון דער פּראָלעטאַרישער לי־טעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די מאָדערנע אַמעריקאַניש־יידישע ליטעראַטור קאָן פאַרצייכענען מיט שטאָלץ אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער, וועלכע פאַרנעמען אַן אויבן־אָן אין דער אַלוועלטלעכער יידישער ליטעראַטור. ענלעכע דערגרייכונגען קאָנען פאַרצייכנט ווערן אויפן געביט פון דעם טעאַטער, דער געשיכטע־פאָרשונג, דער זשורנאַליסטיק, דער קריטיק, דער שול א. אַז. וו.

אַ באַזונדער אָנגעשטרענגטע קולטורעלע שאַפונגס־אַרבעט האָט זיך פאַר די לעצטע 15 יאָר אַנטוויקלט ספּעציעל אין דעם לינקן סעקטאָר פון די יידישע מאַסן און דער עיקר אַרום דער מיליטאַנטער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ האָבן מיר נישט נאָר די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, נאָר אַ גאַנצע ריי קינדער־שולן אויף יידיש, אַ גאַנצע ריי אַרבעטער־קלובן און גע־זעלשאַפטלעכע צענטערס, אַ נעץ פון אַרבעטער־כאָרן איבערן לאַנד מיט אַזאַ אָנגעזעענעם קאָמפּאָזיטאָר ווי דער פאַרשטאָרבענער יעקב שייפער און אַ ריי אַנדערע, דער יידישער אַרבעטער־טעאַטער „אַרטעף", וואָס האָט גע־מאַכט טעאַטער־געשיכטע מיט אייניקע פון זיינע אויפפירונגען א. אַז. וו.

3. די יידישע קולטור, וועלכע איז אין זייער אַ גרויסער מאָס אַ מאַסן־קולטור אינעם טאָפּלטן זין פון דעם וואָרט: אַ קולטור געשאַפן דורך מענטשן, וואָס שטאַמען פון דער מאַסע און געשאַפן מיט דעם צוועק צו באַדינען די מאַסן, באַגעגנט אויף איר וועג אַ גאַנצע ריי שונאים אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע.

דער וויכטיקסטער פון די אויסנווייניקסטע שונאים איז דער וואַקסנדיקער פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, וועלכע האָבן זיך גענומען אונטערגראָבן נישט נאָר די יידישע קולטור, נאָר דאָס לעבן גופא פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. די פאַשיסטן באַנוגענען זיך נישט מיט פּאָגראָמען, מיט פיזישע אַטאַקעס אויף די יידן, מיט אָפּשניידן פון זיי די קוואַלן פון חיונה, מיט פאַראָרעמען די מאַסן אַזוי שווידערלעך, אַז די עקזיסטענץ פון קולטור ווערט געוואַלטיק פאַרשווערט, נאָר זיי האָבן נאָך אַרויסגערוקט די גיפטיקע ראַסן־טעאָריע וועגן „העכערע" און „נידעריקע" קולטורן. די יידישע קולטור ווערט ביי זיי פאַרצייכנט אַלס אַ „נידעריקע" קולטור, די קולטור פון אַ נידעריקן פאָלק. דערמיט ווילן זיי באַשאַפן אַן אַטמאָספערע פון פאַראַכטונג צו דער יידישער קולטור צווישן ברייטע קרייזן פון דער נישט־יידישער קולטור אפילו צווישן געוויסע עלעמענטן פון דעם יידישן פאָלק. דאָס אַלץ פאַרשווערט די אַרבעט פון בויען די יידישע קולטור — און דאָס רופט זיך אָפּ מיט באַזונדערער פיינלעכער שווערקייט אויף די האָרעפּאַשנע מאַסן און זייער רעוואָלוציאָנערער יידישער קולטור. פון דער אַנדערער זייט רופט עס אַרויס, אַלס רעאַקציע, אַן איבערגעטריבענעם נאַציאָנאַליסטישן געפיל צווישן געוויסע שיכטן יידישע קולטור־שאַפער און קולטור־טוער, וועלכע שטרעבן דורכצופירן אַ שאַרפע דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער יידישער קולטור און קולטור פון אַנדערע פעלקער, מיט דעם צוועק אָפּצוזונדערן די יידישע מאַסן פון די מאַסן פון אַנדערע פעלקער און מיט אַ שטרעבונג צו פאַרטיפן דעם אָפּגרונט צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן.

צו די אינעווייניקסטע שונאים פון דער יידישער קולטור מוז מען צורעכענען די עלעמענטן, וועלכע קוקן מיט גרינגשעצונג אויף דער יידישער שפּראַך און אַלצדינג, וואָס ס׳ווערט געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך; וועלכע האָבן זיך אַלץ נאָך נישט באַפרייט פון דעם געדאַנק, אַז יידיש איז אַ „זשאַרגאָן"; וועלכע ווילן אויסבייטן די שפּראַך און די קולטור פון די יידישע מאַסן אויף אַן אַנדער שפּראַך און אַן אַנדער קולטור, דער עיקר אויף דער שפּראַך און קולטור פון דער הערשנדיקער נאַציע אין יעדן לאַנד.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו דער אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם

האָבן נאָך נישט דערגרייכט אַזאַ מדרגה פון מאַכט, ווי אין אַנדערע לענדער, מערקט זיך דאָך פאַר די לעצטע יאָרן אַ באַדייטנדיקער וואוקס סיי פון פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, סיי פון אַן אַנטיסעמיטישער ברייט־פאַרצווייגטער פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט שוין געבראַכט צו פאַרשטאַרקטע דיסקרימינאַציעס קעגן יידן. די יידישע שפּראַך ווערט אַרויסגעשטעלט פון די פאַשיסטן און אַנטיסעמיטן צו שפּאָט און צו שאַנד; זי ווערט דערקלערט פאַר אַ שטערונג צו דער הונדערט־פּראָצענטיקער „אַמעריקאַניזירונג“ פון די יידן, וועלכע ווערן באַטראַכט ווי „אומגעווינטשטע“ און „נידעריקע ברואים“.

אין אַמעריקאַנער רעגירונגס־קרייזן מערקט זיך אַ קוק אויף דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור פון אויבן אַרונטער. זיי ווערן טאָלערירט — אויך נישט אַלעמאָל און דער עיקר נישט אין דער צייט פון מלחמה — ווי מיר האָבן עס געזען אין די יאָרן 1917־1919, ווען יידישע פאַרזאַמלונגען אין געזעלשאַפטלעכע געביידעס זיינען פאַרבאָטן געוואָרן און יידישע רעדאַקציעס האָבן געדאַרפט צושטעלן וואָרטערלעכע ענגלישע איבערזעצונגען פון יעדער שורה, וואָס איז געדרוקט געוואָרן — אָבער די רעגירונג האַלט לחלוטין נישט פאַר איר אויפגאַבע צו העלפן די, וואָס נוצן די יידישע שפּראַך אַלס זייער מוטער־שפּראַך, מיט לערער, קורסן, געביידעס פאַר קלובן און אַנדערע הילף. בדרך כלל קאָן מען זאָגן, אַז די הערשנדיקע קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַן אומגינסטיקע שטעלונג צו יידיש און עס איז ביי זיי אַנטוויקלט דער געדאַנק, אַז וואָס גיכער די יידישע מאַסן וועלן פאַרגעסן יידיש, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אַמעריקע. די אידייע וועגן אַ פיל־שפּראַכיקער מלוכה איז אינגאַנצן פרעמד סיי דער הערשנדיקער מלוכה־טעאָריע, סיי דער הערשנדיקער פּראַקטיק. דער רעזולטאַט איז, אַז אַלץ, וואָס ס'ווערט געשאַפן אויף יידיש אינעם געביט פון קולטור, ווערט געשאַפן אויף דעם בלוט און שווייס פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. די יידישע בורזשואַזיע, דער עיקר אירע העכערע אָנפירנדיקע קרייזן, האָבן אינגאַנצן איבערגענומען די אַסימילאַטאָרישע טעאָריע וועגן דעם, אַז יידיש איז אַ שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן אַלס בירגער פון אַמעריקע און אַז די יידן דאַרפן וואָס שנעלער אַוועקוואַרפן זייער מוטער־שפּראַך, יידיש, און זייער אייגענע יידישע קולטור.

די שיכטן, וואָס זיינען געבליבן געטריי דער יידישער שפּראַך און קולטור, וואָס האָבן זיי אַרומגערינגלט מיט איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט, וואָס האָבן זיך פאַר זיי מוסר נפש געווען און וואָס האַלטן זיי אויס

ביזן היינטיקן טאָג, זיינען די האַרעפּאַשנע מאַסן מיט די קלאַסן־באַוואוסט־זיניקע אַרבעטער בראש.

4. אַ ריי זייער וויכטיקע פּראָבלעמען זיינען אויסגעוואַקסן אינעם לעבן פון דער יידישער שפּראַך און קולטור פאַר די לעצטע יאָרן.

א) די פראַגע וועגן צוריקשלאָגן די אַטאַקעס פון די פאַשיסטן קעגן דער יידישער קולטור — אַ פראַגע, וועלכע שטייט באַזונדערס שאַרף אין די פאַשיסטישע און האַלב־פאַשיסטישע לענדער.

ב) די פראַגע וועגן באַקעמפן די שטרויכלונגען, וואָס ווערן גע־שטעלט דער יידישער שפּראַך און קולטור אינעווייניק צווישן די יידישע מאַסן גופא: קאַמף קעגן דער בורזשואַזער אַסימילאַטאָרישער טעאָריע, און קאַמף קעגן דעם נאַציאָנאַליזם, וועלכער מאַכט פון דער יידישער שפּראַך אַ פעטיש און שטרעבט אַזוי־אַרום אָפּצוזונדערן די יידישע מאַסן פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין די אַנדערע פעלקער, אָפּשוואַכנדיק דערמיט דעם פראָנט פון קאַמף קעגן רעאַקציע.

ג) די פראַגע וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע קולטור־שאַפער: שריפטשטעלער, דיכטער, דראַמאַטורגן, שוישפּילער, לעקטאָרן, דיריגענטן א. אַז. וו. עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז כמעט אָן אויסנאַם איז די לאַגע פון די יידישע קולטור־שאַפער אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די קולטור, וואָס ווערט געשאַפן, ווערט אָפט געשאַפן אונטער די שווערסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע גרענעצן זיך אָן הונגער.

ד) די פראַגע וועגן העכערן דעם ניוואָ פון דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור; קאַמף קעגן שונד אין דער פרעסע און אין טע־אַטער; קאַמף קעגן וואולגאַריטעט אין דער ליטעראַטור; פאַר העכערע סטאַנדאַרדן פון קינסטלערישער שאַפונג; פאַר אַ מער פּראָגרעסיווער אי־דעאָלאָגיע אין דער יידישער קולטור.

ה) די פראַגע וועגן אויפהויבן אויף אַ העכערער שטופע דעם קולטור־מצב פון די ברייטע יידישע מאַסן. עס איז נישט צו לייקענען, צום באַ־דויערן, אַז ברייטע יידישע מאַסן, וועמעס שפּראַך איז יידיש און וועמעס קולטורעלע דערציאונג קאָן נאָר פאָרקומען אויף יידיש, זיינען אין אַ גרויסער מאָס דערוויטערט פון קולטור און געפינען זיך אויף אַ זייער נידעריקער שטופע. די פראַגע וועגן צוציען זיי צו דער קולטור, די פראַגע וועגן אַריינלייגן צו זיי אין די הענט אַריין אַ גוטע יידישע צייטונג און אַ גוט יידיש בוך, די פראַגע וועגן אַריינציען זיי אין קורסן, שולן, געזעלשאַפט־לעכע צענטערס און אַנדערע אַזעלכע אינסטיטוציעס שטייט אומעטום, ווי אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פולער שאַרפקייט.

5. די אַלע פראַגן קאָנען נישט געלייזט ווערן ספּאָנטאַן. עס איז נייטיק אָרגאַניזירטע, פּלאַנמעסיקע טעטיקייט, כדי אַריינצוטראָגן אָרדע־נונג אין דעם כאַאָס פון דער קולטור־אַרבעט אין די פאַרשיידענע לענדער, וואו עס געפינען זיך יידישע מאַסן. עס איז נייטיק אָרגאַניזירטע פּלאַנ־מעסיקע אַרבעט סיי מצד די קולטור־שאַפער, סיי מצד די קולטור־טוער.

די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור

די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור איז עלטער פון 25 יאָר. זי איז כמעט אַזוי אַלט, ווי די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. זי האָט אַ בירגער־רעכט, וואָס געהערט אויך צו אונדזער ליטעראַרישער ירושה.

אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון „עמך", אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט דעם בלוט און מאַרך פון דעם עקספּלואַטירטן פּראָסטן מענטשן — דעם „בזיעת־אַפּיך"־ניק — אַ ליטעראַטור, וואָס איז פון איר געבורט אָן און מיט איר עקזיסטענץ גופא געווען אַ פּראָטעסט קעגן דעם שיינעם יידן, דעם גביר, דעם תקיף, ווי אויך די כלי־קודש, וועמעס אינסטרומענט איז געווען העברייאיש; אַ ליטעראַטור, וואָס האָט יאָרצענדליקער נאָכאַנאַנד געליטן פון דער גרינגשעצונג פון דער יידישער אינטעליגענץ, אפילו פון דער, וואָס האָט אַליין געשריבן יידיש (און וואָס ליידט פון דער גרינגשעצונג ביזן היינטיקן טאָג) — אַזאַ ליטעראַטור האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט נישט אין זינען האָבן דעם קבצן, דעם בעל־מלאכה, דאָס פאָלק, אין היפּוך צו זייגע באַהערשער און משגיחים.

עס האָבן געדאַרפט אַוועקגיין צענדליקער יאָרן ביז די יידישע ליטעראַטור האָט, אין די ווערק פון שלום אַש און טײַלוויז אין די לעצטע צען יאָר פון פּרצס שאַפן, זיך „דערלעבט" צו זען אַ פאַרהערלעכונג פונעם יידישן גביר, פונעם „שיינעם יידן", פונעם באַלעבאַטיש־איינגעפונדעוועטן לעבנס־שטייגער. פּרצס שאַפן, אויב מען זאָל נעמען זיין ערשטן, מער פּראָגרעסיוון פּעריאָד, מענדעלעס שאַפן, שלום־עליכמס שאַפן — דאָס אַלץ איז דאָך אין גרויסן און גאַנצן אויסגעוועבט און איינגעקנופּט מיט דעם, וואָס מיר רופן היינט די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסע.

די פּראָלעטאַרישע ריכטונג, אויב מען זאָל נעמען דעם באַגריף „פּראָלעטאַריש" נאָר אין דעם זין פון שייכות צו לוין־אַרבעטער, צו מענטשן,

---

דערשינען אין אַלמאַנאַך, וואָס דער יידישער פּראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדן האָט אַרויסגעגעבן אין 1940: „דער בייטראָג פון יידן צום אויפבוי פון אַמעריקע." דאָס איז אַן אַריינפיר צו אַ גרעסערער אַרבעט, וואָס מ. אָלגין האָט אָנגעהויבן שרייבן פאַר דעם אַלמאַנאַך און וואָס איז מיט זיין טויט איבערגעריסן געוואָרן.

וואָס פאַרקויפן זייער אַרבעטס־קראַפט, כדי אויף אַזאַ אופן צו קענען עק־זיסטירן עקאָנאָמיש, איז דעריבער מער איינגעוואָרצלט אין דער טראַ־דיציע פון דער יידישער ליטעראַטור, ווי פון וועלכער נישט איז אַנדערער ליטעראַטור פון אונדזער צייט, אפילו מער ווי אין דער טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור פון פאַר דער רעוואָלוציע, ווייל כאָטש דאָרט האָט אויך פאַרנומען דעם אויבן־אָן דער עקספּלואַטירטער, איז דאָס געווען מער דער פויער, ווי דער מאָדערנער פאַבריק־אַרבעטער. וועגן יידישע אַרבעטער האָט געשריבן — פון דער ערשטער גרויסער פּלעיאַדע קלאַ־סיקער — י. ל. פּרץ. וועגן יידישן אַרבעטער האָבן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס געשריבן כמעט אַלע קלאַסיקער פון דעם צווייטן דור — מיט אַזוינע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן, ווי אברהם רייזען, ש. אַנ־סקי, דוד בערגעלסאָן, דוד פּינסקי, לעאָן קאָברין, ז. ליבין, יעקב גאָרדין, יוסף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, אַ. ראַבאָי, פּרץ הירשביין און נאָך און נאָך — און דער גרעסטער טייל פון אָט־די שריפטשטעלער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם פּראָלעטאַריער און אים פאַרקערפּערן אין זייערע ווערק נאָך פאַר דער פון אונדז ווילקירלעך־אָנגעצייכנטער גרענעץ פון „די לעצטע 25 יאָר.“

דעם באַגריף „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“ דאַרף מען אָבער נעמען נאָך אין אַ מער באַגרענעצטן אומפאַנג און אין אַ סאָציאַל־פּאָליטישן ליכט. אין אָט־דעם זין וועלן מיר אָנרופן פּראָלעטאַריש די שריפטשטעלער, וואָס שטעלן זיך אויפן פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט, וואָס דאָס הייסט אויפן שטאַנדפּונקט פון דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע, דורך וועלכער די מלוכה־מאַכט גייט איבער אין די הענט פונעם פּראָלעטאַריאַט און עס ווערט איינגעפירט די סאָציאַליסטישע סיסטעם. אַזאַ שריפטשטעלער באַטראַכט, געוויינלעך, זיין ליטעראַרישע אַרבעט ווי אַ טייל פון דעם געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די עקספּלואַטירטע אין דער געגנוואַרט און פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע אין דער צוקונפט. דער אוממיטלבאַרער אָביעקט פון זיין שאַפן איז דער פּראָלעטאַריאַט, וועמען ער שטרעבט אויפצוהויבן, פאַרפיינערן, קרעפטיקן, אָרגאַניזירן אַלס דעם קלאַס, וואָס טראָגט שוין היינט אין זיך דעם אידעאַל פון אַ נייעם מאָרגן אויף אַן אומפאַרגלייכלעך העכערער קולטורעלער שטופע. אַזאַ שריפט־שטעלער איז שוין דווקא נישט באַגרענעצט צו שילדערונגען „פונעם אַר־בעטער־לעבן“; זיין געביט איז אַ סך ברייטער; עס איז פאַקטיש אומבאַ־גרענעצט. אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער נעמט פאַר זיין מאַטעריאַל יעדן

געביט פונעם לעבן פון דער מענטשהייט, אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אין דער געגנוואַרט. די קוואַליטעט „פראָלעטאַריש" ווערט רעאַליזירט נישט אַזוי דורך דעם פאַראַרבעטן סאָציאַלן שטאָף, ווי דורך דעם אופן, ווי ער ווערט פאַראַרבעט: דער געזיכטס־פונקט, דער צוגאַנג, קורץ — די וועלט־אָנשויאונג פונעם אויטאָר.

אויך ווען מען ווענדט־אָן אָט־דעם באַגריף צום ענין פראָלעטאַרישע ליטעראַטור, דאַרף מען אָנערקענען, אַז די דאָזיקע ליטעראַטור איז ביי אונדז נישט קיין פנים חדשות. דער בנין פון דער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור שטייט אויף אַ קרעפטיקן, גוט־געפורעמטן פונדאַמענט: די ווערק פון ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָוושאָווער, טייטלוויז מאָריס ראָזענפעלד — די גרויסע קלאַסיקער, פון וועלכע אייניקע האָבן באַארבעט דעם באָדן פון דער פראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער זעלביקער צייט, ווי די דריי אַלגעמיין־אָנערקענטע קלאַסיקער פון דער גאַנצער ליטעראַטור — מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם — האָבן מיט אַזוי פיל ענערגיע, ליבשאַפט און טאַלאַנט באַארבעט דאָס פעלד פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

מען קען פרעגן — און עס איז כדאי צו אונטערזוכן — אויף ווי ווייט יעדער איינער פון די פיר דערמאָנטע גרינדער פון דער פראָלעטאַרישער ריכטונג האָט געהאַט אַן אויסגעהאַלטענע פראָלעטאַרישע וועלט־אָנשויאונג און אויף ווי ווייט ער האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון אַנדערע, נישט־פראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס און זייערע אידעאָלאָגיעס. אָבער איינס שטייט פעסט: די פיר פראָלעטאַרישע קאָריפייען בילדן די פראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע ירושה פון דער יידישער ליטעראַטור.

די היינט־צייטיקע פראָלעטאַרישע יידישע ליטעראַטור, וועלכע באַשטייט פון צוויי הויפט־שטראָמען: די פראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און די פראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין דער ערשטער ליניע די פאַראייניקטע שטאַטן, שפּייזט זיך פון צוויי קוואַלן — פון דער אַלגעמיינער ירושה און פון דער פראָלעטאַרישער ירושה פון דער יידישער ליטעראַטור. אָן דעם ביישפּיל פון די גרויסע קלאַסיקער פון דעם ערשטן און צווייטן דור וואָלט די היינט־צייטיקע פראָלעטאַרישע שרייבער געפעלט די מייסטערשאַפט, וואָס איז נויטיק פאַר דער גרויסער קונסט; אָן דעם ביישפּיל פון די גרויסע פראָלעטאַרישע קלאַסיקער וואָלט זיי געפעלט דער באַזונדערער צוגאַנג צום סאָציאַלן מאַטעריאַל.

עס קען נישט זיין די אויפגאַבע פון אָט־די קורצע באַמערקונגען צו געבן אפילו אַ קורצן איבערבליק איבער די פירנדיקע שריפטשטעלער און די ווערק פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין איר נייער תקופה, וועלכע הויבט זיך אָן, לפי ערך, מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און וועלכע נעמט אַרום, אויף אַזאַ אופן, אַ פּעריאָד פון אַ יאָר צוואַנציק. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע, פיל־פאַרצווייגטע, אין גאַנצן נייע, און דורך איר נייקייט און דרייסטקייט, אייגנטימלעכע ליטעראַטור פון אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער, און אַז אין אַמעריקע האָבן מיר אויך אַ ליטעראַטור מיט אַזוינע צוויי צענדליק שריפטשטעלער פון דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען. די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, בלייבנדיק אין דער טראַדיציע פון דער עמכ׳דיקייט, פאָלקישקייט, קהל־אָריענטאַציע פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, פּרואווט זיך דערהויבן אויף דער מדרגה פון דער אידעאָלאָגיע פון דעם פּראָגרעסיווסטן קלאַס אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, וועלכער מאַרשירט צום סאָציאַליזם. (דערביי בלייבט דער אונטערשייד, וואָס בשעת אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד האַנדלט זיך עס וועגן דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם און דעם פאַרשווינדן פון קלאַסן־קעגנזאַצן אין לאַנד, האַנדלט זיך עס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועגן דער פאַרשאַרפונג פונעם קלאַסן־קאַמף).

לאָמיר דאָ אָנמערקן נאָר אייניקע שטריכן פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור:

א) נייקייט פון אינהאַלט — פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון היינט אין אַ שטורעמדיק־אויפגעבורזעטער וועלט.

ב) דראַמאַטישקייט פון אינהאַלט — אין הסכם מיט דער דראַמאַטישקייט פון דער סאָציאַלער לאַגע.

ג) לעבעדיקייט פון ריטם — צו קענען געדעכט זיין צו די פאָדערונגען פון אַ שנעל־זיך־ענדערנדיקער פּאַנאָראַמע.

ד) פרישקייט פון שפּראַך, שפּראַך־שעפערישקייט אין הסכם מיטן סאָציאַלן שטאָף.

ה) אָנגעזעטיקטקייט מיט אידייען.

ו) נאָענטקייט צו די מאַסן, דעריבער נאַציאָנאַל.

די פּראָלעטאַרישע ריכטונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער פּרוכטבאַרסטער אין דער נייער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. איר ווירקונג לאָזט זיך פילן אויך אין אַלע אַנדערע געביטן פון יידישן ליטעראַרישן שאַפן — אפילו צווישן געגנער.

דער „פּראָלעטפּען"

.1

אַן אַנאַליז פון דער ליטעראַטור, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט" און אין „האַמער" פאַר די לעצטע 5־6 חדשים, ווייזט אָן אויף אינטערעסאַנטע אַנטוויקלונגען.

מיר האָבן גענומען נאָר ליטעראַטור, ד. ה. דערציילונגען און לידער — אַן ערך פינף־און־צוואַנציק גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און אַן ערך דרייסיק פּאָעמען און לידער. וואָס־זשע ווייזט זיך אַרויס? לויט דער טעמאַטיק טיילן זיך די דערציילונגען איין אין פאָלגנדיקע גרופּן (איין דערציילונג קאָן געהערן צו איינער אָדער מער גרופּן):

דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַרבעטסלאָזיקייט — 11;
דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט סטרייקס — 7;
דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיטן שאַפּ — 3.

לויט דעם כאַראַקטער פון די פיגורן ווערן די דערציילונגען איינגעטיילט אַזוי:

אומבאַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער — 10;
אומבאַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער, וואָס דערוואַכן זיך צום באַוואוסטזיין אונטערן איינפלוס פון הונגער און אַרבעטער־קאַמף — 5;
באַוואוסטזיניקע פּראָלעטאַריער (פּראָלעטאַריער־קעמפער) — 4;
יידן — 18;
ניט־יידן — 7.

---

1) „מאָרגן־פרייהייט", 17טן אַפּריל, 1933 („פאַר אַ ברייטן פאַרנעם אין אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור"); 2) פראַגמענט פון אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, פאַרעפנטלעכט צווישן אַפּריל אין יוני 1937 אין דער „מאָרגן־פרייהייט". די פאַרהעלטניסמעסיק קורצע נאָטיץ ווערט דאָ געבראַכט ווי מאַטעריאַל צו דער היסטאָרישער ראָל, וואָס דער פּראָלעטפּען האָט געשפילט, ווי ער האָט עקזיסטירט אין דעם פּעריאָד 1929־1940 און צו דער ראָל וואָס די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור שפּילט אונטער אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען (דיכטער־קלוב, קלוב פון דערציילער און עסייאיסטן, ווי בכלל שרייבער אַרום דער „מאָרגן־פרייהייט").

די לידער ווערן איינגעטיילט לויט זייער טעמאַטיק אין די פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

הונגער אין זיינע פאַרשיידענע פאַזן (אַריינגערעכנט קאַמף קעגן הונ־גער) — 10;

צייט־מאַטיוון („מאַרגן־פרייהייט"־יובילײ, דייטשלאַנד, א. אַז. וו.) — 4;

סאַטירישע לידער און פאָעמען — 4;

באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע — 1;

קאַרל מאַרקס — 1;

סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרגליכן מיט אַמעריקע — 1;

טשעין־געגג — 1;

מוליאַרעס — 1;

דערוואַכן פון אַן אומבאַוואוסטזיניקן אַרבעטער צום באַוואוסטזיין — 1;

צווישן די אַלע לידער פאַרנעמען זיך מיט ניט־יידישע אַרבעטער — 3.

וואָס זאָגן אונדז אָט־די ציפערן?

לאָמיר אָנהויבן פון די דערציילונגען. די אַלע דערציילונגען — און צווישן זיי איז דאָ אַ גרעסערע ווערק פון חבר לייב סאָברין: „קאָלאָמביאַ דרעס קאָמפּאַני" — זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גייסט. זיי שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון קלאַסן־קאַמף. זיי אינטערעסירן זיך מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן פונעם אַרבעטער־קלאַס. זיי אינטערעסירן זיך ניט נאָר מיט די יידישע אַרבעטער, נאָר אויך מיט די אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע שפּראַכן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי יאָגן ווייטן, זיי באַאַרבעטן דאָס נאָענטע, דאָס, וואָס ס'געפינט זיך אונטער די הענט. זיי זיינען אויסגערעכנט צו וועקן דעם אַרבעטער און אים מאָביליזירן צום קאַמף. אין דעם זין איז קעגן די דערציילונגען ווייניק־וואָס אויסצוזעצן, הגם דאָ און דאָרטן קען זיך מערקן אַ געוויסער אָפּקלאַנג און נאָכקלאַנג פון באַלעבאַטישן איינפלוס.

דאָס באַווייזט אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג — אַז דער פּראָלעטפּען האָט פאַרענדיקט, אָדער כמעט פאַרענדיקט, זיין רעאָריענטאַציע אויף פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור. אויף ווי ווייט די געשאַפענע ווערק קענען שוין אָנגערופן ווערן פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין דעם אייגנטלעכן זין פון דעם וואָרט, איז אַן אַנדער פראַגע. די אָריענטאַציע איז אָבער דאָ. דער פּראָלעטפּען גייט אויפן פּראָלעטאַרישן וועג. דאָס אַליין איז אַ געוואַלטיקע דערגרייכונג. דערמאָנט מען זיך, אַז ערשט צוריק מיט אַ 2־3 יאָר איז ביי אַ גרויסן טייל פון „פּראָלעטפּען" דער גאַנצער ענין געווען אומקלאָר,

וועט מען זיך מוזן זאָגן, אַז אונטערן איינפלוס פון דער פּאַרטיי, פון דער וואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט אונדזער פּראָלעטפּען געגעבן אַ וואַקס אידעאָלאָגיש.

עמיצער וועט מסתמא פרעגן: סטייטש, דאָ רעדן מיר דאָך אַלץ שוין פון אָפּגעקליבענע זאַכן, ד. ה. פון אַזוינע, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַ רעדאַקציע; און וואָס הערט זיך מכוח די, וואָס זיינען נאָך ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן? אויף דערויף קענען מיר עדות זאָגן, אַז אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט דער אינהאַלט פון די ווערק, וואָס געפינען זיך אין דעם פּאָרטפעל פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און דעם „האַמער", און אויף וויפל אונדז איז בכלל באַקאַנט די פּראָדוקציע פונעם פּראָלעטפּען, איז זי דורכשניטלעך פון דעם זעלביקן סאָרט. מיט די אָדער יענע שאַטירונגען, מיט די אָדער יענע אָפּנויגן, גייט דער פּראָלעטפּען אַלס אַ גאַנצער אויפן וועג פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. פּראָסט גערעדט: מען שרייבט מער ניט ביי אונדז קיין ניט־פּראָלעטאַרישע אָדער גאָר אַנטי־פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור. דער פּעריאָד איז ביי אונדז פאַרענדיקט.

וועגן דער טעכניק פון די דערציילונגען וועט מען נאָך דאַרפן ריידן. מען וועט זי דאַרפן אַנאַליזירן גענויער. דאָ קען מען נאָר זאָגן, אַז די טעכניק איז פאַרשיידנאַרטיק, און דאָ און דאָרטן הויבן זיך אונדזערע שרייבער אָן אינדיווידואַליזירן. סאַברינס „קאָלאָמביאַ", נישט געקוקט אויף אַ געוויסן ביטול־טאָן, וואָס ער קען זיך פון אים ניט באַפרייען און וואָס שטערט אָפט זיין קערנדיקער דערציילונג, איז אינגאַנצן רעאַליסטיש און דערביי אייגנאַרטיק. כאַוווער־פּאַווערס דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמען הויבן זיך אָן דערנעענטערן צו רעאַליזם, הגם עס איז ביי אים נאָך דאָ אַ געוויסע מטושטשקייט פון ליניע און אַ „צוויבער־מעשה"־אייגנשאַפט אינעם אופן פון דערציילן. חבר א. מייזל איז אייגעשנורעוועט, טרוקנדלעך, אָפטמאָל צו איינגעהאַלטן, אָפטמאָל אַזוי איינגעהאַלטן, אַז עס צווייפלט זיך, צי עס איז דאָ אַזוי פיל עמאָציע־אָנלאָדונג הינטער זיינע געמאָסטענע ווערטער, ווי ער וויל דאָס לאָזן פילן, אָבער אויך חבר מייזל איז רעאַליסטיש אויף זיין אייגענעם שטייגער. חבר יורמאַן האָט מלחמה קעגן זיין ווילן — און ער טרעט קענטיק אַרויס אויפן ברייטן רעאַליסטישן וועג. די איבעריקע בעלעטריסטן אונדזערע, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, האָבן דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג ניט נאָר אין פּרט פון אידעאָלאָגיע, נאָר אויך אין פּרט פון טעכניק. פּראָסט גערעדט: מען שרייבט ביי אונדז איצט אין אַלגעמיין אַ היבש ביסל בעסער, ווי מען האָט געשריבן צוריק מיט אַ יאָר דריי, הגם דער שפּאַן אין טעכניק איז קלענער איידער דער

שפּאַן אין אידעאָלאָגיע, וואָס דאָס דערקלערט זיך טאַקע מיט דעם איבער־ברוך גופא.

וואָס־זשע לערנען אונדז די אַלע אויבנדערמאָנטע ציפערן? זיי לערנען אונדז איין זאַך: אַז אונדזערע שריפטשטעלער האַלטן זיך צופיל אָן דעם אוממיטלבאַרן וועלטל, וואָס רינגלט זיי אַרום, און גייען ניט אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין צו זוכן מאַטעריאַל פאַר זייער אַרבעט. וואָס דערפון פאָלגט די פאָדערונג פונעם מאָמענט פאַרן „פּראָלעטפּען": זוכט אַ ברייטערן פאַרנעם.

זאָל מען אונדז ניט מיספאַרשטיין. דאָס, וואָס די פּראָלעטפּעניקעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער אַרבעטער־וועלט, אויף די אַרבעטער־קאַמפן, אויף דער אַרבעטלאָזיקייט, אויף די „עוויקשאָנס", אויף די „ברעד־לאַינס"* — דאָס איז געווען גוט, דאָס האָט סיגנאַליזירט אַ געזונטן קער. אָבער אַדאַנק דעם, וואָס דער קער איז געווען טיילווייז אַ געצוואונגענער, איז ער נאַטירלעך געווען טיילווייז אַ מעכאַנישער. און אַדאַנק דער מעכאַנישקייט האָט זיך באַקומען, אַז די ווערק פון אונדזערע שרייבער זיינען ניט גענוג אינדיווידואַליזירט, ניט גענוג פאַרשיידנאַרטיק, ניט גענוג פאַר־ביק. קורץ: ס'איז ביי אונדז דאָ אַ געוויסער מאָנאָטאָן. אויב עמיצער וויל האָבן אַ דערקלערונג, פאַרוואָס די ווערק פון אונזערע שרייבער ווערן ניט געלייענט מיט דעם זעלביקן אינטערעס, מיט וועלכן עס פלעגן געלייענט ווערן די ווערק פונעם ערשטן דור יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע, דאַרף מען דאָס זוכן אין אָט־דעם מעכאַנישן צוגאַנג צו דער אַרבעטער־וועלט.

ווי באַפרייט מען זיך פון אָט־דעם פעלער (וועלכער איז אָן צווייפל אַ פעלער פון וואוקס)? מיר האָבן געזאָגט: אַ גרעסערן פאַרנעם. אַ גרעסערער פאַרנעם קען זיין אַן אינטענסיווער און עקסטענסיווער. אונטער אינטענסיוו פאַרשטייען מיר אַ טיפער און פרייער אַריינדרינגען טאַקע אין אונדזער אייגענער וועלט. ווען מיר זאָגן, אַז די פּראָלעטפּעניקעס האָבן זיך דורכשניטלעך געוואָרפן צו די זעלביקע טעמעס, ווילן מיר בשום אופן ניט זאָגן, אַז זיי דאַרפן אַוועקגיין פונעם שאַפּ, אָדער אַוועקגיין פון דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל. פאַרקערט, מיר האַלטן, אַז זיי דאַרפן אַהין ערשט אַריינגיין, אַריינדרינגען מיט נייע באַאָבאַכטונגס־מיטלען און מיט אַן אינטימערן צוגאַנג. זיי דאַרפן זיך דאָ פילן פרייער, נאָרמאַלער, היי־

---

* „עוויקשאָנס" — אַרויסזעצונגען פון וואוינונגען, פאַר ניט צאָלן דירה־געלט.
„ברעד־לאַינס" — ברויט־רייען, פאַר ביליקע אָדער אומזיסטע קיכן.

מישער. זיי דאַרפן דאָ מאַכן איין אַנטדעקונג נאָך דער צווייטער. עס איז ניט געזונט, וואָס צווישן 25 דערציילונגען פאַרנעמען זיך נאָר 3 מיטן שאַפּ, אי דאָס איז איינע אַ צופעליקע, פון חבר דרוקער — גיכער אַ פּאַרצייכענונג ווי אַ בעלעטריסטיש ווערק, און נאָר צוויי, חבר סאָברין אין זיין „„קאָלאָמביע דרעס קאָמפּאַני״, און חבר שולמאַן אין זיינע „צוויי שטולן״, גיבן אונדז דעם שאַפּ ווי ער איז. אינטענסיוו פאַרגרעסערן דעם פאַרנעם הייסט זיך נעענטער באַקענען סיי מיטן שאַפּ, סיי מיט אונדזער גאַנצער אַרבעטער־וועלט, וואָס דאָס הייסט, ניט קוקן מעכאַניש, ניט זען קיין שאָטנס, ניט זען „פיגורן״ אַלס אויסגעוויינקסטע מענטשן, אַלס אילוסטראַציעס צו אַ טעזיס וועגן קלאַסן־קאַמף, נאָר זען די מענטשן פון אינעווייניק, אַריינדרינגען אין זייערע טיפעניש, אַריינדרינגען אין די סאַמע קוואַלן פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן און דערזען אונדזער וועלט, ווי זי איז: פאַרשיידנאַרטיק, רייך אין קאָלירן; רייך אין כאַראַקטערן, אָנגעפּילט מיט ריזיקע קאָנטראַסטן, דורכגעציטערט מיט אַ וועלט פון באַוועגונגען, שטרעמונגען, זוכענישן, אויפבּרויז. אינטענסיוו פאַרגרעסערן דעם פאַרנעם פון אונדזער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור הייסט ערשט געבוירן ווערן אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט, זיך נעמען מיט נייעם אימפּעט שטודירן אונדזער סביבה, אונדזערע מענטשן, אונדזערע שנעל־זיך־ענדערנדיקע פאַרבינדונגען.

דאָס איז איינס. דער צווייטער, עקסטענסיוער, מאָמענט פון אויסברייטערן דעם פאַרנעם הייסט — זוכן די קלאַסן־קאָנפליקטן, די קלאַסן־צעטיילונגען, ניט נאָר אין דעם אייגענעם ווינקל, נאָר אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב. עס איז דאָך כאַראַקטעריסטיש, וואָס פון 25 דערציילונגען האָבן מיר אַרום־און־אַרום נאָר 5, וועלכע פּרואוון אַרויסגיין פון אונדזער אוממיטלבאַרן ווינקל מיט זיינע סטערעאָטיפּן. צווישן די דערציילונגען האָבן מיר יורמאַנ׳ס „אונטער קלעפּ״, אין מערץ־נומער „האַמער״ — מיט אַ פאַרזוך צו געבן אַ טשיקאַווען טיפּ פון אַ באָס אַ משוגענעם; כאַווער־פּאַווערס „סקאַטסבאָראָ״ — מיט אַ פאַרזוך צו רעקאָנסטרואירן די סקאַטסבאָראָ־טראַגעדיע; חבר האַרקאַוויס „שניי״ — מיט אַ פאַרזוך צו געבן אַן אַריינבליק אין דעם משוגענעם לוקסוס פון די הערשנדיקע קלאַסן, נאָכאַמאָל יורמאַנס „גוואַלדן פון טורמע־הויף״ — מיט אַ פּראָבע צו שילדערן די פּייניקונגען אין די פּוילישע געפענגענישן, און כאַסקע בליאַכער׳ס „ראָי״ — די ערשטע און ביז אַהער לעצטע זאַך, וואָס מיר האָבן פון אָט־דער חברטע באַקומען. וואָס דאָס הייסט, אַז פון די אייגנטלעכע פּראָלעטפּען־מיטגלידער האָבן פאַר די לעצטע 5־6 חדשים נאָר דריי שרייבער

געפּרואווט אַרויסגיין אויף יענער זייט פון אונדזער אוממיטלבאַרער וועלט (צו וועלכער עס געהערט אויך דער סטערעאָטיפּירטער באָס).

און די וועלט איז דאָך רייך און פאַרשיידנאַרטיק — און די קלאַסן־ליניע גייט דאָך דורך ניט נאָר אין אונדזער אוממיטלבאַרער שכנהשאַפט, נאָר אַזוי ווייט און אַזוי טיף . . .

נאָכאַמאָל: מיר רופן ניט, אַז מען זאָל פאַרלאָזן אונדזער וועלט. פאַרקערט: מיר רופן, אַז מען זאָל זיך ערשט אויפסנייי אין איר אַריינגראָבן מיט קינסטלעריש־פּראָלעטאַרישע אויגן און זי ערשט אָנהויבן שילדערן אין איר אייגנאַרטיקייט. מיר ווילן נאָר זאָגן, אַז אויך אויף יענער זייט פון אונדזער אוממיטלבאַרער וועלט קען מען געפינען מאַטעריאַל, וואָס איז נויטיק פאַרן אַרבעטער און וואָס וואָלט אים מאָביליזירט צום קאַמף.

מיט דער פּאָעזיע איז ביי אונדז אין דעם פּרט באַדייטנדיק בעסער. די פּאָעזיע איז אַרטיקער. דאָס דעקלאַראַטיווע ליד האַלט שוין כמעט אין פאַרשווינדן. דער קער צו רעאַליסטישער פּאָעזיע, צו פּאָעטישער שילדערונג, צו פּאָעטישער כאַראַקטעריסטיק איז שוין געמאַכט. דער סטיל איז אין גרויסן און גאַנצן מער אַנטוויקלט, ווי דער סטיל פון אונדזערע דערציילער. אונדזער פּאָעזיע פאַרמאָגט אויך דעם סאַטירישן עלעמענט, וועלכער פעלט אַזוי שטאַרק אין אונדזער בעלעטריסטיק. אָבער אויך דאָ, פאַרשטייט זיך, דאַרף די איינשטעלונג זיין אויף אַ ברייטערן פאַרנעם אין אינטענסיוון און עקסטענסיוון זין.

2.

א. דער פּראָלעטפּען אַלס גאַנצער האָט זיך געאייניקט אויף דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, דער מאַרקסיסטישער פאַרשטענדעניש פון דער ליטעראַטור. דאָס איז פאַרגעקומען נישט אָן אינווייניקסטע שטרייטן. אין משך פון עטלעכע יאָר, פאַר און נאָך דער גרינדונג פונעם פּראָלעטפּען, איז צווישן די לינקע שריפטשטעלער פאָרגעקומען אַן אינטענסיוועם אידעאָלאָגישער קאַמף. עס זעט איצט אויס כמעט אומגלויבלעך, אַז געוויסע איצט אָנגעזעענע מיטגלידער פון דעם פּראָלעטפּען האָבן נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר געשטעלט די פראַגע: צי איז בכלל פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור? אַזוינע און ענלעכע צווייפלען זיינען איצט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן פון דעם לינקן ליטעראַרישן פראָנט. די קלאַסן־צעטיילונג אינעם געביט פון קולטור און ליטעראַטור, די קלאַסן־איינשטעלונג פון שרייבער און קולטור־טוער, די ראָל פון ליטעראַטור אַלס

פאַקטאָר אינעם קלאַסן־קאַמף — דאָס אַלעס ווערט איצט פאַרשטאַנען פונעם פּראָלעטפּען אין דעם גייסט פון מאַרקסיזם. דער פּראָלעטפּען, וועמעס מיטגלידער זיינען נישט אַלע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, נעמט אָן די פאַרטיי־פירערשאַפט, וועלכע דריקט זיך אויס נישט אין מעכאַנישע „באַפעלן“, נאָר אין חברשער דיסקוסיע און פריינטלעכע אָנווייזונגען. נאָך עטלעכע יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער פּראָלעטפּען אַ רעכט צו זאָגן, אַז ער שטייט אויף אַ סאָלידן אידעאָלאָגישן באַזיס.

ב. די שרייבער פון דעם פּראָלעטפּען — ווי דער פּראָלעטפּען אַלס אַן אָרגאַניזאַציע — פאַרנעמען איצט אַ פיל בכבודיקערן פּלאַץ אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און צווישן די יידישע מאַסן, ווי זיי האָבן פאַרנומען צוריק מיט עטלעכע יאָר. דער פּראָלעטפּען איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער פירער אויפן געביט פון קולטור צווישן אַ גרויסער צאָל יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וועמען ער באַדינט סיסטעמאַטיש. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן, די קינדער־שולן ביים אָרדן, די „קאָמיוניטי צענטערס“ (פריער אַרבעטער־קלובן), דער איקאָר, די פריי־הייט געזאַנגס־פאַראיינען, דער יידישער אַרבעטער־טעאַטער „אַרטעף“ וואָלטן נישט געקענט פאַרצייכענען די גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור פאַר די לעצטע יאָרן אָן דער מיטאַרבעטערשאַפט פון דעם פּראָלעטפּען. דאָס וויסן די אָרגאַניזאַציעס און דאָס וויסן די ברייטע יידישע רעוואָלוציאָנערע מאַסן.

ג. דאָס איז געשען נישט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער פּראָלעטפּען האָט זיך פעסט אַוועקגעשטעלט אויפן באַזיס פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהייט פון זיינע מיטגלידער האָט זיך אַנטוויקלט קינסטלעריש פאַר די לעצטע יאָרן און האָט דערגרייכט העכערע שטופן. אויב נאָך צוריק מיט זעקס־זיבן יאָר האָט די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור זיך מערסטנס רעדוצירט צו פּלאַקאַטן, צו ליטעראַרישע אילוסטראַציעס פון קלאַסן־קאַמף־טעזיסן, זוכט איצט די נייע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אויפצופאַסן און צו פאַר־קערפּערן די פאַרשיידענע זייטן פון דעם געזעלשאַפט־לעבן, באַרייכערנדיק איר האַריזאָנט, נוצנדיק מער פּערפעקטע קינסטלערישע מיטלען. די טענ־דענצן פון „רויטן“ עקספּרעסיאָניזם, רעוואָלוציאָנערן „מאָדערניזם“, הינ־טער וועלכע עס האָט זיך באַהאַלטן אַ געוויסע אויבערפלעכלעכקייט פון באַהאַנדלען דעם סאָציאַלן שטאָף, ווערט פאַרביטן מער און מער אויף סאָ־ציאַליסטישן רעאַליזם. דאָס באַדייט בשום אופן נישט קיין אוניפאָרמירונג פון די פאַרשיידענע שריפטשטעלער. פאַרקערט, גראָד אַ דאַנק דער אַנט־

וויקלונג, דעם וואוקס פון די איינצעלנע פראָלעטפען־מיטגלידער, גראָד אַ דאַנק דעם, וואָס זייערע שעפערישע פערזענלעכקייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן מיט גרעסערער בולטקייט, זיינען די אונטערשיידן פון קינסטלערישע טעמפעראַמענטן, אויפפאַסונגס־אופן, סטיל, ריטם און קאָלאָריט געוואָרן טיפער. אין דעם, ווי אין אַלע אַנדערע פרטים, איז די יידישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פון היינט רייכער, איידער זי איז געווען נאָך צוריק מיט געציילטע יאָרן.

אַנדערש

ווען די אַרבעטער בויען „פּאָלקס־הייזער“ אָדער אַרבעטער־טעמפּלען, איז די אַרכיטעקטור נישט קיין ספּעציפיש פּראָלעטאַרישע, נאָר אַן „אַלגעמיינע“ — דאָס הייסט, אַזוינע וואָס הערשט ביי דער קליין־בורזשואַזיע. די מעבל, די אויסשטאַטונג, די פאַרפּוצונג טראָגן אויף זיך נישט קיין פּראָלעטאַרישן שטעמפּל, — און מיר זיינען נאָך זייער צופרידן, ווען אַלצדינג זעט אויס, לכל הפּחות, „לייטן־גלייך“: גענוג ריין און גענוג צוגעקליבן און מיט אַ מינימום פון קאָמפאָרט. דאָס גלייכן די ביבליאָטעקן, וואָס ווערן איינגעפירט אין די אַרבעטער־אינסטיטוציעס, דאָס גלייכן די לייען־זאַלן, קאָנצערט־זאַלן, גימנאַסטישע זאַלן, עס־צימערן. אפילו די ביכער, וואָס ווערן אין אַזוינע אַנשטאַלטן געלייענט, די מוזיק, וואָס ווערט דאָרט געהערט, די בילדער, וואָס ווערן דאָרט געוויזן, די לעקציעס, די פאָרלעזונגען, די פאַרוויילונגען, — אַלץ איז ניין־און־ניינציק פּראָצענט גענומען ביי דער בורזשואַזיע. דער אַרבעטער־קלאַס האָט אין דעם פּרט נאָך קיין אייגנס נישט געשאַפן.

ווען אַרבעטער פירן אויף „בעסערע“ טעאַטער־שטיק, געשפּילט אויף אַ נייעם שטייגער, האָבן זיי נאָך אויך נישט געשאַפן קיין פּראָלעטאַרישע קולטור. די טעכניק פון שפּילן, די קאָסטיומען, די דעקאָראַציעס, די מוזיק, די פּיעסן גופא זיינען גענומען פון דעם, וואָס די בורזשואַזע וועלט האָט געשאַפן. דער אויסוואַל מעג זיין אַ בעסערער, דער געשמאַק נישט אַזוי ביליק, די פאָדערונג — אַ העכערע, אָבער דער גרונט־מאַטעריאַל שטאַמט פון די הערשנדיקע קלאַסן. די פּראָלעטאַריער נערן זיך פון דעם טיש, וואָס איז געגרייט געוואָרן פאַר די הערשנדיקע קלאַסן.

*
**

. . . מען דאַרף געדענקען, אַז „מאָדערן“ איז בשום אופן נישט דאָס זעלבע וואָס „פּראָלעטאַריש“. אמת, מאָדערניזם איז אַ קינד פונעם היינטיקן אינדוסטריאַליזם, פון דער היינטיקער גרויסשטאָט, פון דער הימל־קראַצער־און־פאַבריק־קולטור, פון דעם אומרו גייסט, וואָס שיילט אָפּ און

„פרייהייט“, 1טן אַפּריל, 1923. אַלגין האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף פאַר פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. ווערט געדרוקט מיט פאַרקירצונגען.

פאַרהאַרטעוועט די נשמות אין אַ עפּאָכע פון שטאָל און עלעקטריק. אמת, דער אַרבעטער־קלאַס איז די טיטאַנישע מאַכט, וואָס באַוועגט אַלע רעדער פון אָט־דעם גרויס־אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליסטישן אַפּאַראַט; אמת, ווידער, אַז דעם אויפגעקלערטן אַרבעטער איז צום האַרצן דער אויפריכטיקער, אויסגעהאַמערטער, אויסנווייניק־דיסהאַרמאָנישער, אינעווייניק־וויכטיקער און באַדייטונגספולער סטיל פון דער מאָדערנער קונסט, — אָבער אַ פאַקט איז, אַז נישט די אַרבעטער האָבן די נייע קונסט באַשאַפן און נישט צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די אַרבעטער איז די נייע קונסט אַנטשטאַנען.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָך נישט זיין אייגענע קולטור. דאָס איז דערפאַר וואָס ער האָט נאָך נישט זיין אייגן לעבן.

מיר זיינען אַריינגעפלאָכטן, אַריינגעקניפּלט אינעם געוועב פון דער בורזשואַזער קולטור. דעם אַרבעטערס פאַמיליע־לעבן איז נאָך אין זייער אַ גרויסער מאָס דאָס פאַמיליע לעבן פון דער קליין־בורזשואַזיע. דעם אַרבעטערס פאַרווייַלונגען זיינען אומגעפער די זעלביקע, ווי די פאַרווייַלונגען פון דעם „ברייטן עולם". דעם אַרבעטערס מאָראַל־באַגריפן זיינען מערסטנס גענומען פון דעם בורזשואַזן שולחן ערוך. די בורזשואַזע וועלט מיט איר שטאַט, שול, פּרעסע, קירך און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, האַלט גע־פאַנגען דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער און פורעמט אים לויט איר איי־גענעם מוסטער.

אָבער אין די פאַלדן פון אָט־דער זיגרייכער וועלט האַלטן שוין אין וואַקסן די עלעמענטן פון אַ נייער קולטור און עס מערן זיך אירע צו־קונפטיקע טרעגער. ס'איז נאָך נישטאָ קיין פּראָלעטאַרישע קולטור, אָבער עס זיינען דאָ אירע זוימען, און ס'איז דאָ דער באָדן, אויף וועלכן זי וועט געדייען.

עס איז דאָ די אַנדערשקייט פון דער פּראָלעטאַרישער לאַגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — און אָט־די אַנדערשקייט רופט אַרויס אַ רעוואָלוציע אין אַלע באַגריפן און אין אַלע ווערטן.

עס איז נישט קיין רעוואָלוציע פון דער צוקונפט. עס איז אַ פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף טויזנטערליי אופנים פאַר אונדזערע אויגן.

ווען אַרבעטער פּיקעטן אין רעגן און קעלט, פּנים אל פּנים מיט אַ לעבנס־געפאַר, דערפילנדיק אַ חוב פאַרן כּלל, ברענגענדיק זיך אַליין אַ קרבן פאַרן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו — לעבט דאָ אַ גייסט, וואָס איז דער בורזשואַזיע נישט באַקאַנט, שמידט זיך דאָ אויס אַ נייע פּסיכאָלאָגיע,

וואָס וועט זיך מוזן אויסדריקן אין אַ נייער קולטור; איז דאָס אַליין שוין אַן עלעמענט פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

ווען אַרבעטער פילן אַז אַ מיטינג־זאַל און שטורעמען אין איין גרויסער מאַסע, — סיי צוליב עקאָנאָמישער, סיי צוליב אַ פּאָליטישער אָדער קולטורעלער פראַגע, וואָס רירט אָן די אינטערעסן פונעם קאָלעקטיוו, — און זיי ווערן פּלוצלינג צונויפגעוואַקסן אין איין הייסן שטראָם, און פאַרגעסן זיך אַליין, און זיינען גרייט צו שטעלן זייער רו און פרידן אין קאָן, און זיינען אפילו קאַפּאַבל צו גיין אין טורמע פאַר די פאָדערונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס, — האָבן מיר דאָ אַן אויסדרוק פון קאָלעקטיוויזם, פון „איינער פאַר אַלע — אַלע פאַר איינעם", וואָס דאָס איז דאָס גרעסטע רייכטום פונעם אַרבעטער־קלאַס. מיר האָבן דאָ דעם אָנזאָג אויף אַ נייער קולטור. הינטער דער אייניקייט פונעם מיטינג־זאַל שטייט די אייניקייט פונעם שאַפּ, און הינטער איר די אייניקייט פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן.

די עקאָנאָמישע לאַגע און דער קאַמף פונעם אַרבעטער־קלאַס מאַכן זיין לעבן אַנדערש, ווי דאָס לעבן פון דער קליין־בורזשואַזיע. דאָס איז דער אָנזאָג אויף דער צוקונפט.

מעג דער אַרבעטער פאַרלאָזן די „פּיקעטלאַין" און קומענדיק אַהיים זיך לאָזן וואוילגיין אין אַ טיפּישער קליינבירגערלעכער סביבה; מעג דער אַרבעטער אַרויס פונעם מיטינג־זאַל און פאַרגעסן די שכינה, וואָס האָט אויף אים גערוט אין דער סביבה פון זיינע חברים; מעג די אַרבעטער־פרוי, וואָס עמאַנציפּירט זיך פון אַ „ברויט־געבער", נאָך גלויבן אין אַלע נאַרישקייטן פון דער אַלטער אָפּגעלעבטער מאָראַל; מעג נאָך אַ אינדיווידועלער אַרבעטער גיין אין שול און דאַווענען גלייך מיט אַלע יידן, — דער אַרבעטער־קלאַס אַלס גאַנצער איז דאָך אַנדערש פון די איבעריקע קלאַסן. דער אַרבעטער־קלאַס באַשאַפט שוין דעם נייעם טיפּ מענטשן.

אַט־דער נייער טיפּ, ווי נאָר ער קומט צום באַוואוסטזיין, הויבט ער אָן זוכן נייע גייסטיקע שפּייז, קאָן ער זיך שוין נישט זעטיקן מיט דער קולטור פון נעכטן. אמת, ער אַליין שאַפט נאָך נישט קיין ממשותדיקע ווערטן. ער האָט נישט דערצו די נויטיקע רו, די נויטיקע פרייהייט. ער איז נאָך געבונדן צו דער טאַטשקע פון דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס־פּראָדוקציע. אָבער ער מאַכט שוין אַן אויסוואַל צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון דער בורזשואַזער קולטור. ער קלייבט אויס דאָס, וואָס עס איז נעענטער צו זיין נשמה. ער קלייבט אויס דאָס, וואָס איז מער אין איינקלאַנג מיטן רעוואָלוציאָנערן טעמפּ פון אונדזער צייט. ער פאַרוואַרפט דאָס, וואָס ס'איז פאַלש און שוואַך. ער באַאיינפלוסט די קולטור־

שאַפונג פון געוויסע בורזשואַזע עלעמענטן. אין זייער זעלטענע פאַלן נעמט ער זיך אַליין צום שאַפן.

קאָלעקטיוויזם, אויפריכטיקייט, מוט, קראַפט־באַוואוסטזיין, אָפּטימיזם, אײַנעווייניקסטע פרייהייט כאַראַקטעריזירן דעם נייעם פּראָלעטאַרישן מענטשן. צו אָט־די פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן, וואָס געבן זיין קלאַס אַ גאַנץ נייעם טאָן, קומט צו די נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג: האַס, פאַראַכטונג, ביטערקייט, עקל. דער מאָדערנער אַר־בעטער איז אַ נייער טיפּ, אַ טרעגער פון דער צוקונפט.

וואָס טיפער עס איז דער אָפּגרונט צווישן דער בורזשואַזער און פּראָ־לעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס ענגער עס ווערן צונויפגעצויגן די קאָ־לעקטיוויסטיש־פּראָלעטאַרישע רייען, וואָס קלאַסן־באַוואוסטער און זעלבסט־באַוואוסטער עס ווערט דער אַרבעטער, וואָס שאַרפער עס דריקן זיך אויס די שטריכן פון דעם נייעם פּראָלעטרישן טיפּ, וואָס הונגעריקער ער ווערט נאָך אידייען, נאָך וויסן, נאָך מאַכט, — אַלץ מער ווערן גע־שאַפן די מעגלעכקייטן פון אַ פּראָלעטאַרישער קולטור.

וועגן אָפּגעטער און קריטיק

וואָס איז אַזוינס טאַבו? דאָס איז אַ זאַך, וואָס פּרימיטיווע מענטשן דערקלערן עס פֿאַר הייליק און אומבאַרירבאַר. אויב אַ זאַך איז טאַבו טאָר מען זי נישט טשעפּען. אויב אַ זאַך איז טאַבו, פֿרעגט מען וועגן איר נישט קיין קשיות. זי איז איבערמענטשלעך, אויסערמענטשלעך. זי האָט געהיימניספֿולע כּוחות: מעג דאָס זיין אַ וואַלד, אַ קו אָדער אַ סקאַלע.

וואָס טוט קולטור? זי צעשטערט אַזוינע אָבערגלויבערישע באַציאונגען צו זאַכן. זי דערנעענטערט זיך צו אַלצדינג מיט אַ פֿראַגע, מיט אַן אונטערזוכונג. זי פּרואווט אַרומנעמען אַלע דערשיינונגען אין כּלל פֿון געזעצן. זי מאַכט פֿאַרשטענדלעך און דעריבער באַהערשבאַר דאָס, וואָס דעם ווילדן איז עס אומבאַגרייפֿלעך און דעריבער געטלעך־מעכטיק.

וואָס טוט קאָמוניזם? ער צעשטערט אַזוינע אָבערגלויבנס אויפֿן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט. ער ווייזט, ווי ענגעלס האָט זיך אויסגעדריקט, אַ וועג, וואָס פֿירט פֿון נויטווענדיקייט צו פֿרייהייט, פֿון געבונדנקייט צו באַהערשונג. קאָמוניזם ווייסט נישט פֿון קיין סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען „הייליק“, „געטלעך“, „אייביק“, באַשירעמט דורך „העכערע כּוחות“.

דאָס זעלביקע טוט דער קאָמוניסטישער געדאַנק אויפֿן געביט פֿון קולטור. עס איז אַ כּלל, אַז די קלאַסן אָדער גרופּעס, וואָס שטייען אויף דער וואַך פֿונעם טאַבו־אָביעקט, זיינען זייער אומצופֿרידן, ווען מען וואַרפֿט אויף זייער טשוטשעלע אַ שטראַל ליכט. דער היטער פֿונעם הייליקן גאָרטן אינעם לאַנד פֿון די ווילדע, דער היטער פֿון פּריוואַטן אייגנטום אינעם לאַנד פֿון קאַפּיטאַליזם, דער היטער פֿון גאָטס פּריווילעגיעס ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד ווילן נישט קיין קריטיק בנוגע זייערע הייליקייטן, מיט וועלכע עס איז אָפֿט פֿאַרבונדן זייער „ברויט מיט פּוטער“, ווי עס זאָגט דער אַמעריקאַנער. עס איז אָבער אויך אַ כּלל, אַז אויב מען צעברעכט נישט די הייליקייט פֿון אַזעלכע אָביעקטן, קען מען זיך נישט דערהויבן אויף אַ העכערן שטאַפּל פֿון מענטשלעכן לעבן.

מיר, אין אונדזער טאָג־טעגלעכן קולטור־לעבן, באַגעגענען זיך אויף

„פֿרייהייט“, 3טן אָקטאָבער, 1926 („באַמערקונגען צו אַן אָנגעווייטיקטער פּראַגע“).

שריט־און־טריט מיט אַזוינע טאַבו־אָביעקטן. מיר באַמערקן אַליין ניט מיט וואָס פאַר אַ ציטערניש מיר גייען פאַרביי זייערע טעמפּלען.

שוין דער נאָמען אַליין: „שרייבער" אָדער „דיכטער" איז טאַבו ביים גע־ווינלעכן מענטשן. אַז מען זאָגט „שרייבער" דאַרף מען שוין פול ווערן מיט דרך־ארץ. אַז מען זאָגט „דיכטער" מוז מען אױפהויבן די אויגן צום הימל — גאַר, להבדיל, ווי אַז מען זאָגט ביים פּשוטן עולם „בישאָף" אָדער „באַנקיר". אין דער שרייבעריי גופא האָבן מיר אויך אַ מאַסע טאַבו־זאַכן. אַ שטייגער: „טאַלאַנט". אַז מען אַנטדעקט ביי אַ מענטשן טאַלאַנט איז דערמיט שוין אַלצדינג געזאָגט; מער דאַרף מען שוין נישט פאָדערן, נישט פרעגן: „טאַלאַנט" . . . אַן אַנדער טאַבו־זאַך איז „עסטעטישער געגוס". נאָך אַן אַנדערער איז „אקוראַט ווי אין לעבן". טאָמער מאָלט אַ מענטש אין אַ דערציילונג אָדער אין אַ דראַמע פּונקט דאָס זעלביקע, וואָס דער לעזער מיינט, אַז עס איז „דאָ אין לעבן" — איז אויס, טאָר מען שוין נישט גיין ווייטער: דער מענטש פאַרדינט אונדזער לויב, אונדזער אַכטונג. נאָך אַ אַ טאַבו: „שריפטשטעלער — העכערע מענטשן". ס'איז אַזוי אָנגענומען ביים ברייטן עולם, אַז אַ שרייבער זעט מער, ווייסט מער, דרינגט טיפער, ווי דער „פּראָסטער" מענטש, אַז מיר זיינען אַלע גרייט צו נעמען דעם שרייבער פאַר אונדזער לערער, וועגווייזער, פירער.

אונדזער פּראָלעטאַרישע קריטיק שטעלט זיך פאַר אַ ציל — צעברעכן דעם טאַבו־דרך־ארץ פאַר די אַלע „אומבאַרירבאַרע" אָביעקטן, וואַרפן אַ שטראַל פון וויסנשאַפטלעכן געדאַנק אויף די אַלע „אייביקע" ווערטן, און אַזוי אַרום, ערשטנס, באַפרייען די אַרבעטער פון שעדלעכער קולטורעלער געבונדנקייט; צווייטנס, מעגלעך מאַכן פאַר זיי אַ טריט העכער צו אַ פרייערן און ברייטערן קולטורעלן לעבן אין הסכם מיט זייער היסטאָרישער לאַגע אין דער געזעלשאַפט.

וואָס זאָגן די קאָמוניסטן? זיי גייען צו יעדער קולטור־דערשיינונג מיט די פּשוטע פראַגן: „פאַרוואָס"? „פון וואַנען שטאַמט דאָס"? „וועמען דינט עס"? זיי גייען צו צו יעדער טאַבו־זאַך מיטן וויסנשאַפטלעכן קריטעריום פון סאָציאַלער אורזאַך אוןווירקונג. עס פאַרשטייט זיך, אַז די היטער פון די הייליקייטן זיינען ניט צופרידן מיט אַזאַ אַריינדרינגען אין זייערע סודות־פולע גערטנער.

וואָס זאָגן מיר וועגן אַ שרייבער? מיר זאָגן, אַז די וועלט איז פול מיט שרייבער, אַז אַ דיכטער איז גאָרנישט אַזאַ זעלטנקייט, אַז מען זאָל פאַר אים דאַרפן פאַלן כורעים. מיר זאָגן בכלל, אַז זעלטנקייט אַליין איז נאָך נישט קיין סימן פון ווערט. אין דעם פּרט חוזרט זיך איבער דער שטרייט, וואָס

מיר פירן אויף אַן אַנדער געביט מיט די בורזשואַזיע עקאָנאָמיסטן: יענע זאָגן, אַז דער ווערט פון אַ סחורה ווערט באַשטימט דורך דעם, וויפל פון דער סחורה מען קען באַקומען אין אַ געוויסער צייט, ד"ה, אויף וויפל זי איז זעלטן; מיר זאָגן: איר ווערט ווענדט זיך אָן דער אַריינגעלייגטער אַרבעט. בנוגע אַ דיכטער זאָגן מיר, אַז זיין ווערט ליגט בכלל נישט אין דעם וואָס ער איז אַן אויסטערלישע זאַך, אַ ספּעציעל באַשאַנקען וועזן: מען קען זיין גאָר אַן אַנטיק און האָבן אַ קליינעם ווערט אָדער גאָר אַ נעגאַטיוון ווערט: אַ שטייגער, גוטע פּרייז-פּייטערס, וואָס זיינען אפשר זעלטענער, ווי גוטע דיכטער, אָדער אַ שטייגער גוטע שווערדן-שלינגער, וואָס זיינען אויך אַ טשיקאַווע זאַך.

אָט-דעם קולט פון דיכטער און שרייבער סתם אין דער וועלט אַריין דאַרף מען בייקומען, אויב מען וויל זיך באמת אַרויפדראַפּען אויף אַ העכערן קולטורעלן שטאַפּל. „אַ-וואַ, אַ גוטער שרייבער!" „אַי, אַ פיינער דיכטער!" — „אַ גרויסער דיכטער, אַ באַרימטער דיכטער", די ווערטער קלאַפּן דעם געוויינלעכן בשר ודם, בפרט דעם אַרבעטער איבערן קאָפּ און לאָזן אים נישט זען די ברייטערע פּערספּעקטיוון.

מיר זאָגן דערמיט נישט, און זאָל מען אונדז נישט אויסטייטשן פאַלש, אַז מען דאַרף זיך באַציען נעגאַטיוו צו יעדן שרייבער און דיכטער, אָדער דראַמאַטורג, אָדער אַקטיאָר, אָדער מאָלער, אָדער זינגער, אָדער אָראַטאָר, אָדער סאָציאָלאָג (יעדערער אין זיין געביט). מיר זאָגן נאָר, אַז מען דאַרף וועגן יעדן שרייבער פרעגן: ווער ביסטו? פון וועלכן קלאַס ביסטו געקומען? וועמענס קלאַסן-פּסיכאָלאָגיע לעבט אין דיר און אין דיינע ווערק? פאַר וועמען שרייבסטו? וועמענס אינטערעסן זיינען די אָמנאָענטסטן? וועמענס אידעאָלאָגיע רעדט אַרויס דורך דיין שרייבן?

מיר זאָגן צו אַ שרייבער: די מתנה פון קאָנען שרייבן, אָדער דיכטן איז אַן און פאַר זיך אַ נויטיקע זאַך, ווייל אָן איר קען מען נישט זיין קיין שרייבער און דיכטער: פּונקט ווי מען קען נישט זיין קיין שמיד, אויב מען קען נישט די מלאכה פון שמידן. אָבער פּונקט ווי מיר פאַלן נישט אויף די קני פאַר דעם שמיד'ס מלאכה, נאָר מיר פרעגן: וואָס טוסטו מיט דיין מלאכה? צי שמידסטו אַקער-אייזנס פאַר ערד-אַרבעט אָדער שלעסער אויף איינצושפאַרן אין טורמע די קעמפער פאַר פרייהייט? פּונקט אַזוי פרעגן מיר דעם שרייבער און דיכטער: וואָס טוסטו מיט דיין טאַלאַנט, מיט דיין קונסט-מתנה, אָדער ווי מעג זאָל דאָס נישט רופן?

טאָמער איז ער אַ שונא, וועלן מיר זאָגן: יאָ, דער מענטש קען, אָבער זיינע קענטעניש גיט ער אָפּ אין דינסט פון דעם קלאַס, וואָס מיר האַלטן

מיט אים מלחמה. טאָמער איז ער גלייכגילטיקער וועלן מיר זאָגן: טוט אַ קוק, אַ מענטש האָט אַ מתנה, אַ טאַלאַנט, און בייט אים אויס אויף קליינ־געלט, אויף זייפנבלאָז. טאָמער איז ער אַ פריינט, וועלן מיר אים ערשט אַריינעמען אין אונדזער האַרצן און אים וואַרעמען און צערטלען — אָבער אויך פאָדערן פון אים, ער זאָל טאָן דאָס, וואָס ס'איז פאַר אונדז נויטיק.

דאָ, פאַרשטייט זיך, באַגעגענען מיר אַן אַנדער טאַבו: „פרייהייט פון שאַפונג". אונדזער ענטפער איז, אַז מיר צווינגען אויף קיינעם קיין זאַך נישט אַרויף. יעדער שרייבער איז פריי צו „שאַפן", ווי אים ווילט זיך, ווי אים דיקטירט זיין אינסטינקט, וועלכער איז אויף טויזנטערליי אופנים פאַרבונדן מיט אַ געוויסער סאָציאַלער גרופע. מיר פאָדערן אָבער פאַר אונדז אויך די פרייהייט צו אורטיילן און קלייבן, צו זאָגן: דאָס איז פרעמדס, דאָס איז אונדזערס.

וואָס געווינען מיר פון אַזאַ באַציאונג? מיר פאַרברייטערן דעם געזיכטס־קרייז. מיר הויבן אָן קוקן אויפן שרייבער אין זיין פאַרבינדונג מיט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען. אין אַ ברייטערן אַספּעקט פאַלט דער שרייבער אַליין אַרונטער אונטערן געזעץ פון אורזאַך און ווירקונג. מיר פאַרלירן דערביי נישט דעם „ריין־עסטעטישן" קריטעריום, דאָס הייסט, די פייאיקייט צו שאַצן דעם טאַלאַנט פון אַ שרייבער. פאַרקערט, מיר נעמען אָט־די טאַלאַנטירטקייט פאַר אַן אויסגאַנג פון אונדזער פאָרשונג: מיר וואָלטן זיך נישט באַשעפטיקט מיט איינעם, וואָס האָט קיין טאַלאַנט נישט. אָבער נעמענדיק אָט־דעם קריטעריום פאַר אַן אויסגאַנג־פונקט, בלייבן מיר נישט שטיין אין „דערשטוינונג" און „באַוואונדערונג", נאָר מיר פאַסן דעם טאַלאַנט אַריין אין אַ סיסטעם פון סאָציאַלע אַנטוויקלונג־טענדענצן.

דורך אַזאַ קריטישן צוגאַנג, וואָס באַפרייט דעם לייענער פון אָפּגעטעריי, באַקומט ער נישט נאָר אַ קלאָרן קוק, נאָר אויך אַ טיפערן געניוס. דאָרט וואו בלינדער דרך־ארץ פאַרשווינדט, קומט ענטוועדער סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע, אָנערקענונג אָדער פאַרוואָרפונג. דער מענטש ווערט ווייניקער נתפעל פון יעדער קלייניקייט, ער ווערט אָבער טיפער געריהרט פון דעם, וואָס ס'איז אים וויכטיק. ער האָט אַ שטאַרקערע איבערלעבונג אין דער געזעלשאַפט פון דעם יעניקן שרייבער, וואָס איז זיין חבר. נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן דער אַרבעטער רעדן וועגן אַ שרייבער — אַ לערער און אַ פירער.

נישט יעדער שרייבער איז אַ לערער פון יעדן קלאַס מענטשן. פאַראַן שרייבער־פאַרפירער, פאַראַן שרייבער־פאַרגיפטער פון די אַרבעטער־מוחות. אַזעלכע קענען נישט זיין קיין לערער פאַר דעם אַרבעטער־לייענער. פון דער

אַנדערער זייט, אויב דער אַרבעטער געפינט יאָ אַזוינע, וואָס זיינען אים נאָענט, ווערט דורך דער נאָענטקייט פאַרשאַרפט זיין עסטעטישער פאַרגעניגן, ווערט זיין גייסט דערהויבן אויף אַ גאָר אומגעריכטן אופן.

מיר ווייסן, אַז אָט־דער צוגאַנג צו קולטור־ווערטן קאָן מיסברויכט ווערן פון אומקולטורעלע מענטשן. עס קאָן זיך אַנטוויקלען — און ס'האָט זיך אַנטוויקלט — אַ ניהיליזם צו פּאָעזיע און ליטעראַטור. ווי איינער רעדט: „בורזשואַזע צאַצקעס“. מיר ווייסן, אַז מען קען אָפּט אורטיילן קאַפּויר און פאַרוואַרפן דאָס וואָס ס'איז ווערטפול און נויטיק. אויך ווייסן מיר, אַז נישט אַלצדינג איז אַזוי איינפאַך־סכעמאַטיש, ווי ס'איז דאָ אָנגעמערקט. אָבער — פון אַ העכערן שטאַנדפונקט, וואָס דאָס איז דער שטאַנדפונקט פון פּראָלעטאַרישע קלאַסן־אינטערעסן, זאָל שוין דער אַרבעטער בעסער אַריבערכאַפּן די מאָס און אומוואַרפן טאַבו־זאַכן, איידער זיך שטעלן אויף די קני פאַר יעדער טשוטשעלע, וואָס איז באַהאַנגען מיט „ריר־מיך־נישט־אָן“ קמיעות.

קונסט און רעוואָלוציע

פון די צוויי הויפּט־ריכטונגען אין דער געשיכטע פון דערקענטעניש־פאָרשונג, וואָס איינע רעדוצירט די גאַנצע ווירקלעכקייט צו דער אידייע און אירע דערשיינונגען און די צווייטע — צו דער מאַטעריע און אירע פונקציעס, — האָט די בורזשואַזע וועלט, אין גרויסן און גאַנצן, אַקצעפּטירט די ערשטע און די פּראָלעטאַרישע — די צווייטע. מען קען זאָגן, אַז די בורזשואַזיע האָט באַשאַפן די אידעאַליסטישע ריכטונג: דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם האָט, לכל־הפּחות אין זיין עמבריאָנישער פאָרם, עקזיסטירט נאָך לאַנג איידער ס'איז אַנטשטאַנען די מאָדערנע בורזשואַזיע. דאָס גלייכן האָט דער פּראָלעטאַריאַט נישט באַשאַפן דעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, וואָרום דער לעצטער איז נאָך, אין אַ רויער פּרימיטיווער געשטאַלט, פאָרמולירט געוואָרן פון די אַלט־גריכישע פילאָזאָפן, נאָכדעם איז ער אַנטוויקלט געוואָרן אין 18טן יאָרהונדערט, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן באָדן ערשט דורך מאַרקסן און ענגעלסן און ווייטער באַאַרבעט און ראַפינירט געוואָרן דורך פּלעכאַנאָוון, לענינען און אַ ריי אַנדערע פּראָלעטאַרישע פאָרשער. בכלל, ווען מען רעדט וועגן דעם, אַז דער אָדער יענער קלאַס שטייט אויף אַ געוויסן טעאָרעטישן באָדן, דאַרף מען ניט מיינען, אַז דער קלאַס האָט אַליין די טעאָריע געשאַפן: אין אַ רודימענטאַרער געשטאַלט האָט אַ געדאַנק געמעגט עקזיסטירן אַ פּאָר טויזנט יאָר אָן שום ווירקונג, ביז ס'איז אַנטשטאַנען און ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער יעניקער קלאַס, וואָס נויטיקט זיך אין אַזאַ געדאַנק און וואָס האָט אין אים אַריינגעגעבן לעבן; ערשט פון דעמאָלט אָן באַקומט דער געדאַנק אַ היסטאָרישע שאַף־קראַפט. מען דאַרף אויך נישט מיינען, אַז אַ פילאָזאָפישע ריכטונג איז אַ פאַרענדיקטע און אין אַלע וויכטיקע פּרטים איינהייטלעכע געדאַנקען־פאַרבינדונג, ווי כּאָטשבי אַ פיזיקאַלישע אָדער כעמישע טעאָריע: גענוג צו דערמאָנען, אַז סיי די אידעאַליסטישע ריכטונג, סיי דער מאַטעריאַליזם זיינען איינגעטיילט אין באַזונדערע שולן, וואָס קריטיקירן און באַקעמפן איינע די צווייטע. פונדעסטוועגן איז אַ פאַקט, אַז (מיר חזרן איבער) אין גרויסן און גאַנצן האָבן די בורזשואַזע

חודש־זשורנאַל „האַמער“, אָקטאָבער 1926 — אַן ענטפער אויף אַן אַרויסטרעטונג פון דוד איגנאַטאָוון אין זעלביקן זשורנאַל מיט אַ חודש פריער.

טעאָרעטיקער אָנגענומען דעם פילאָזאָפישן אידעאַליזם, די פּראָלעטאַרישע טעאָרעטיקער — דעם פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם.

די צעטיילונג ציט זיך דורך אַלע געביטן פון וויסן: דערקענטעניש־טעאָריע, עטיק, געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, עסטעטיק. עס איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ צו געבן אַ שילדערונג פון דיביידע הויפּט־ריכטונגען אין טעאָרעטישן דענקען. פאַר אונדזער צוועק דאָ וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז אַלע אידעאַליסטישע קאָנצעפּציעס אָנערקענען אין דער אָדער יענער פאָרמע די עקזיסטענץ פון אַן אבסאָלוט, וואָס ס'ווערט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז ענטוועדער אַליין אַ גייסטיקער „עפּעס", אָדער באַצייכנט און באַגריפן דורכן גייסט. און אַז אַלע מאַטעריאַליסטישע קאָנצעפּציעס אָנערקענען דעם פּרימאַט פון דערווירקלעכקייט, דער פיזישער און סאָ־ציאַלער עקזיסטענץ, וואָס ס'ווערט אָנגענומען, אַז זי פּראָדוצירט די באַ־גריפן און מאָדעלירט דעם גייסט. אָנהויבנדיק פון דער ריינער טעאָריע, דער טעאָריע פון וויסן, געפינט די אידעאַליסטישע אויפפאַסונג אין די מאָראַל־באַגריפן אַן אויסדרוק פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרעלטעניש און אינטערעסן פון פאַרשיידענע קלאַסן אין דער געזעלשאַפט. אין געשיכטע און סאָציאָלאָגיע (וואָס קענען אייגנטלעך נישט אָפּגעטיילט ווערן איינע פון דער צווייטער) געפינט דער אידעאַליזם אַן אויסדרוק פון אַ הערשנדיקער אידייע, אָדער אַ שטרעבונג צו אַ ציל, אָדער אַ פירער־ראָל פון גרויסע גייסטער, וואָס זיינען אַליין אַן אויסדרוק פון אבסאָלוט, א. אַז. וו. און דער מאַטעריאַליזם זעט אויך דאָ דאָס שפּיל פון עקאָנאָמישע קרעפטן — קלאַסן־געגנזאַצן און קלאַסן־קאַמפן — אין אַ געגעבענער מאַטעריעלער (געאָגראַפיש־עטנישער) סביבה אויפן באָדן פון געוויסע היסטאָרישע ירושות. אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע זיינען לעצטנס, אייגנטלעך, געבליבן נאָר צוויי טעאָריעס: פון איין זייט די גרענעץ־נוצן־טעאָריע, וואָס דער־קלערט די פונדאַמענטאַלע עקאָנאָמישע דערשיינונגען, דעם גיטער־אויס־טויש, דורך דער שאַצונג פון מענטשלעכן גייסט, וואָס קלייבט אַלעמאָל אויס דאָס פאַר אים וואָרטפּולע, אין אויסטויש פאַר דעם מינדערוואָרטי־קערן, — פון דער אַנדערער זייט די אַרבעט־טעאָריע, וואָס געפינט, אַז גיטער ווערן אויסגעטוישט גלייך אויף גלייך צוליב דעם, וואָס אין יעדן פון זיי איז אַריינגעלייגט אַ גלייכער סכום אַרבעט: מיט אַנדערע ווערטער, דער אידעאַליזם דערקלערט, אַז די פונדאַמענטאַלע עקאָנאָמישע איינהייט איז אַ שאַצונג, אַ גייסטיקע פונקציע, בשעת דער מאַטעריאַליזם זעט די פונדאַמענטאַלע איינהייט אַלס אַ סכום פון מענטשלעכער (געזעלשאַפטלעך־נויטווענדיקער") אַרבעט.

די צעטיילונג גייט אויך דורך די באַגריפן פון עסטעטיק. דער אי־דעאַליזם זעט אין קונסט אַן אַבסאָלוט, אַן אַנריר מיט אייביקייט, אַן אויס־דרוק פון דעם אייביקן שאַפונגס־גייסט, אַן אָנזאָג אויף אַ הימלרייך, אַ פונק פון גאָטהייט. ס׳איז פאַראַן אַ סך אידעאַליסטישע עסטעטישע טע־אָריעס, אָבער זיי אַלע זיינען אייניק דערין, וואָס זיי פאַרבינדן די קונסט־ווערטן מיט אַ סיסטעם פון „העכערע״, ד״ה, איבערמענטשלעכע, ד״ה, אַב־סאָלוטע ווערטן. (מיר רעדן דאָ נישט וועגן דער פרימיטיווער בורזשו־אַזער אויפפאַסונג פון קונסט אַלס פאַרווייַלונג, אַלס אַפּרו־מיטל, וואָס אַזאַ אויפפאַסונג ווערט אָפּגעוואָרפן אפילו פון די בעסערע בורזשואַזע דענ־קער). די מאַטעריאַליסטישע עסטעטיק, פאַרקערט, שטייט, ווי די מאַ־טעריאַליסטישע סאָציאָלאָגיע און עקנאָמיק, אויף דעם היסטאָרישן און סאָציאַלן באָדן: זי זעט אין דער קונסט־טעטיקייט אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע, וואָס ווערט סטימולירט און געהאַלטן אין צאַם דורך געוויסע באַדערפענישן פון געזעלשאַפטלעכע גרופן און קלאַסן, וואָס ווערט גע־ענדערט לויט דער ענדערונג פון די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמי־רונגען און וואָס אירע ווערטונגען זיינען דיקטירט, אין דער לעצטער ליניע, דורך דער סאָציאַלער לאַגע פון די, פאַר וועמען די קונסט איז געשאַפן.

דאָס אַלעס איז אלף־בית, אָבער ס׳וואָלט נויטיק געווען, אַז די, וואָס נעמען זיך רעדן וועגן קונסט, זאָלן דאָס געדענקען. דאָס וואָלט לייכטער געמאַכט זייער אויפגאַבע און ס׳וואָלט זיי פאַרשפּאָרט אַ סך פּלאָנטערייען. די קאָנטראָווערזע צווישן אידעאַליסטישער און מאַטעריאַליסטישער קונסט־אויפפאַסונג איז, לכל הפחות, אַזוי אַלט, ווי דער מאַרקסיזם. די פּראָבעס פון איין זייט צו באַגרינדן קונסט־באַדערפענישן, קונסט־געניוס און קונסט־שאַצונג אין איבערמענטשלעכע ספערן, פון דער אַנדערער זייט צו דער־קלערן דעם אורשפּרונג, די אַנטוויקלונג און די ענדערונג אין קונסט־לעבן דורך דעם מאַטעריאַלן זיין פון דער געזעלשאַפט, האָבן פאַר די לעצטע פופציק יאָר פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אינעם גרויסן אידייען־שטרייט, וואָס ווערט אַרומגענומען מיט דעם אַלגעמיינעם באַ־גריף: „קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם״, און האָבן איבער־געלאָזט אַ גאַנץ גרויסע ליטעראַטור, דערהויפּט אין דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד. דער פאַקט, וואָס דאָ אין אַמעריקע מאַכט אָט־דער אידייען־שטריט ערשט איצט זיינע קינדער־טריט, דער פאַקט, וואָס דערהויפּט אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט איז אָט־דער שטרייט, אַ דאַנק דעם דער־וויל העכערן באַוואוסטזיין־שטח און שאַרפערן קאַמפס־גייסט פון די

יידישע אַרבעטער, געוואָרן בערך זייער אַקטועל, גיט נאָך נישט אַזאַ מענטשן, ווי דוד איגנאַטאָוו, דאָס רעכט צו זאָגן, אַז מיר, מאַטעריאַליסטן, האָבן אויסגעטראַכט די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן מיט אים, דעם עסטעטישן אידעאַליסט, און אַז דאָס איז ביי אונדז אַ „טענדענץ צו האָבן וואָס מער געגנער.“

דוד איגנאַטאָוו איז אַן עסטעטישער אידעאַליסט. ער חזרט דאָס איבער אַזוי אָפט און אַזוי עמפאַטיש, אַז ס׳בלייבט וועגן דעם נישט קיין צווייפל. קונסט, שרייבט ער, איז פון די „עלעמענטאַרישע דערשיינונגען“, וואָס „אין זייער סאַמע תוכן ענדערן זיי זיך קיינמאָל נישט.“ קונסט שטראָמט פון „דער מענטשלעכער טענדענץ צו שטענדיקער ווידערגעבורט“. קונסט איז ווי אַ נאַטור־דערשיינונג, וואָס קומט נישט אויף צו דינען דער אָדער יענער מענטשלעכער געזעלשאַפט־נויט, „ווי ס׳קומען נישט אויף צו דינען די אויפשפריגנדיקע וואַסערן פון דעם געיזער, ווי עס קומט נישט אויף צו דינען דער שטורעם“. „אַ קונסטווערק איז שוין צוועק אין זיך אַליין“. „קלאַסן קומען און קלאַסן גייען, אָבער די קונסט בלייבט“. יעדער קינסטלער איז אַ נביא: „נביאים ווילט איר, נו, פריינט, נביאים געבן מיר אייך“.

אין די אַלע דערקלערונגען איז איגנאַטאָוו נישט נאָר קאָנסעקווענט, ער איז אומבאַרירבאַר: עס איז אונדזער טיפע איבערצייגונג, אַז אַ קינסטלער, אַ גרויסער אָדער אַ קליינער, וואָס האָט זיך אַריינגענומען אַט די באָמבאַסטיק אין קאָפּ אַריין, ווערט דערמיט אימוניזירט קעגן יעדער לאָגיק. עס איז פאַר אים שענער צו פילן זיך ווי דער שליח פון אייביקייט, צו האַלטן זיך פאַר אַ נביא, איידער צו טראַכטן, אַז ער דינט אַ געוויסן קלאַס אָדער גרופּע, וואָס לעבט אין אַ געוויסער היסטאָרישער סביבה. אַ מענטש, וואָס שטייט אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט, מוז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָננעמען דעם אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט אויף אַלע דערשיינונגען, וואָרום מען קען נישט זיין אַ עסטעטישער אידעאַליסט און אַ סאָציאַלאָגישער מאַטעריאַליסט אין איין און דער זעלבער צייט. און דאָס הייסט, אַז ווער עס זאָגט „קלאַסן קומען און קלאַסן גייען, אָבער די קונסט בלייבט“, מוז אויך זאָגן „קלאַסן קומען און קלאַסן גייען, אָבער יושר בלייבט“ — און דער פועל־יוצא פון די אַלע באַטראַכטונגען מוז זיין, אַז גוטע מענטשן זיינען גוט, צו וואָס פאַר אַ קלאַס זיי זאָלן נישט געהערן, און יושר איז יושר, ווער עס זאָל פאַר אים נישט רעדן, — און דאָס הייסט אַן אָפּזאָג פון קלאַסן־אויפפאַסונג און אַ פולע נעגאַציע פון די כוחות, וואָס, לויט דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג, זיינען זיי געשאַפן צו ענדערן די

איצטיקע געזעלשאַפט און צו באַשאַפן אַ נייע — דורך קלאַסן־קאַמף, גע־בויט אויף קלאַסן־קעגנזאַצן אין אַלע געביטן, אַריינגערעכנט מאָראַל און עסטעטיק, און דורך רעוואָלוציאָנערער איבערקערעניש און שאַפונג פון אַ נייער הערשנדיקער מאַכט — דער פּראָלעטאַרישער מלוכה.

דער וואָס זאָגט אלף, דער מוז זאָגן בית. און איגנאַטאָוו זאָגט אָפּט דעם בית. נישט נאָר זיינען זיינע ווערק דורך־און־דורך אידעאַליסטיש, נישט נאָר איז אַ טייל פון זיי דורכגעדרונגען מיט נחמן בראצלאוורס טעאָלאָגישע באַגריפן, נאָר אפילו אין זיין לעצטן אַרטיקל האָט ער אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער שטייט נישט אויפן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. דערמאָנענ־דיק דעם „טויט פון איוואן איליאיטש” און דעם „קאַרשן־גאָרטן”, וואָס ער מיינט בטעות, אַז מיר פאַרוואַרפן די ווערק צוליב דעם, וואָס זיי זיינען „באַשרייבונגען פון דיליידן פון דער אונטערגייענדיקער בורזשואַזיע”, רופט איגנאַטאָוו אויס: „נו, איז וואָס? מיר זיינען נישט קיין קאַניבאַלן, און מענטשלעכע ליידן איז מענטשלעכע ליידן אונטער אַלע אומשטענדן. קיינע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען און פאָרמען וועלן אָט־דעם פאַקט נישט ענדערן”. פּשוט גערעדט, מיינט דאָס, אַז פאַר אים, איגנאַטאָוון, זיינען אַלע קלאַסן גלייך (קלאַסן קומען און קלאַסן גייען, אָבער דער ווייטיק בלייבט?). ער זעט נישט קיין אונטערשייד אין מענטשלעכע ליידן, פון וואָס זיי זאָלן נישט שטאַמען און ווער ס'זאָל נישט זיין זייער טרעגער: נאָך פּשוטער — אַן אַרבעטער, וואָס ליידט פון זיין באַס, און אַ באַס, וואָס ליידט פון אַן אַרבעטער־רעוואָלוציע, זיינען ביי איגנאַטאָוון אויף איין מדרגה; דאָס געזעלשאַפטלעכע סיסטעם שפּילט דאָ נישט קיין ראָל — און „מיר זיינען נישט קיין קאַניבאַלן.”

איז דאָס אַלעס אויסגעהאַלטן און לאָגיש — פון אַ אידעאַליסטישן (בורזשואַזן) שטאַנדפּונקט. מיר ווילן דערמאָנען, אַז מען קען זיין אַ בורזשואַזער טעאָרעטיקער און רעדן די שענסטע ווערטער, פּריידיקן די געפֿיגלטסטע פאַעטישע מענטשלעכקייט, — אַ סך פּוציקער און געפליגל־טער פון אויסנווייניק, ווי די רייד פון אַ מאַטעריאַליסטישן (קלאַסן־קעמ־פערישן) דענקער, וואָס שטייט מיטביידע פיס אויף דעם סאָציאַלן באָדן. איז אָבער געשען מיט איגנאַטאָוון עפּעס, וואָס ס'האָט אים אָפּגעטיילט פון זיינע בורזשואַזע קאָלעגן אין איין פּרט: ער האָט דערפילט דעם קעמפנ־דיקן יידישן אַרבעטער און איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט סימפּאַטיע צו זיין רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין איגנאַטאָווס וועלט־אַנשויאונג האָט, צוליב דעם, זיך געמוזט שאַפן אַ ריס. עס איז אַ לאָגישע אוממעג־לעכקייט צו שטיין אויפן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט און סימפּאַטיזירן

מיט קלאַסנקאַמף. די אוממעגלעכקייט איז נאָך געמאַכט געוואָרן שווערער דורך דעם, וואָס דער קלאַסן־קעמפערישער טייל פון די יידישע אַרבעטער איז שטאַרק פאַרנומען מיט קריסטאַליזירן זיין אייגענע אידעאָלאָגיע און אויסאַרבעטן זיינע אייגענע קולטור־פאָדערונגען, אויב נישט שטענדיק זיינע אייגענע קולטור־ווערטן, אַזוי אַז דער קאַמף איז נישט נאָר אַן עקאָ־נאָמישער און פּאָליטישער, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אַ קולטורעלער.

מיר פאַרשטייען די אומבאַקוועמלעכקייט פון זיצן צווישן צוויי שטולן און מיר קאָנען סימפּאַטיזירן מיט די ליידן פון אַ מענטשן, וואָס צאַפּלט זיך צווישן עסטעטישע „אייביקייטן“ און ראָבוסטן מאַטעריעלן קאַמף (מיר זיינען אויך נישט קיין קאַניבאַלן), אָבער מיר פאַרשטייען דערביי, אַז די צעשפּאָלטנקייט איז נישט אונדזער ווייטיק און נישט אונדזער שולד, נאָר איגנאַטאָווס (ער איז נישט איינער אין אַזאַ פּריקרער לאַגע). אויב ער וויל אַן עק מאַכן מיט דער צוויי־שטולן־זיצונג, דאַרף ער אָדער אינגאַנצן איבערגיין אין פּראָלעטאַרישן לאַגער — אינגאַנצן, מיט די פּי־לאָזאָפישע קאָנצעפּציעס און מיט דער ריכטונג פון זיין קינסטלערישער אַרבעט, אָדער . . . דאָס איז שוין זיין זאַך.

פּרוּווט אָבער איגנאַטאָוו אַן אַנדער וועג — ער וויל אַריבערלייגן פון אַ קראַנקן קאָפּ אויף אַ געזונטן. אַנשטאָט צו באַשולדיקן זיך, באַ־שולדיקט ער אונדז אין דעם, וואָס ער איז נישט אין אונדזער לאַגער. אַזאַ אונטערנעמונג איז מעגלעך געוואָרן דורך אַ ריי לאָגישע און פאַקטישע גרייזן, וואָס מען קען זיי צונויפנעמען אונטער די פאָלגנדיקע פּונקטן:

א) איגנאַטאָוו דערקלערט, אַז קונסט און רעוואָלוציע שטאַמען פון איין קוואַל, — „די מענטשלעכע טענדענץ צו שטענדיקער ווידערגעבורט“; אַז זיי האָבן דעם זעלביקן ציל; אַז זייערע טרעגער „האָבן כמעט איין אָטעם אין זייערע נאָזלעכער“; אַז דער סאַמע עצם פון קונסט איז רע־וואָלוציאָנער; אַז „איז אין אַ ווערק דאָ מענטשלעכער שאַפונגס־גייסט, איז אין דעם ממילא דאָ רעוואָלוציע“; אַז ווער עס פּראָדוצירט קונסט איז דערמיט גופא פּראָלעטאַריש און אַז „אַ קונסטווערק איז פאַר דער מענטש־הייט נישט נאָר אַזוי וויכטיק, ווי אַ באַריקאַדע, נאָר נאָך פיל וויכטיקער.“

וואָס האָט דאָ געטאָן איגנאַטאָוו? אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט ענדערן זיין קונסט־באַגריף — דאָס, ווי מיר האָבן געזען, איז אַ שווערע אָפּעראַציע, — האָט ער צעקריפּלט דעם באַגריף רעוואָלוציע. עס האָט זיך באַקומען אַ קאָנגלאָמעראַט פון באַהויפּטונגען און פּאָעטישע פאַרגלייכן, וואָס אויבנאויף פּאַסן זיי זיך אַריין אין איגנאַטאָווס אידעאַליסטישער טרוים־וועלט; אין עצם איז יעדע איינע פון זיי אי פּעלערהאַפט, אי פאַלש.

עס איז נישט ריכטיק, אַז רעוואָלוציע שטאַמט פון דער מענטשלעכער טענדענץ צו ווידערגעבורט. ווידערגעבורט אינעם אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט קומט פאָר יעדן טאָג — דורך דער פאָרזעצונג פונעם מין. ווידער־געבורט אינעם גייסטיקן זין — אין פרט פון באַנייען, באַלעבן, אָפּפרישן, איז נישט די „שטענדיקע טענדענץ" פון דער מענטשהייט, וואָרום די מענטשהייט אַלס אַזעלכע — אָדער איר מערהייט אפילו — מאַכט נישט קיין רעוואָלוציעס. רעוואָלוציעס זיינען אַלעמאָל אַ מינדערהייט־באַוועגונג און זיי ווערן געטאָן נישט צוליב דער „מענטשהייט" איינגאַנצן, נאָר צוליב די אינטערעסן פון דעם קלאַס אָדער די קלאַסן, וואָס רעוואָלטירן קעגן אַן אַנדער טייל פון דער מענטשהייט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט גע־געבן מאַכט דער בורזשואַזיע — קעגן די אַדעליקע, דער קירך, די מאָנאַר־כישער ביוראָקראַטיע, וואָס זיינען געווען אַ גרויסער טייל פון דער „מענטש־הייט"; די רוסלענדישע רעוואָלוציע האָט געגעבן מאַכט די אַרבעטער און אָרעמע פויערים קעגן דער בורזשואַזיע, די רייכע פויערים, די פּריצים, דער קירך, דעם הויף, דער ביוראָקראַטישער מלוכה־מאַשין, ד"ה, קעגן זייער אַ גרויסן טייל פון דער „מענטשהייט" . . . וואו איז דאָ די „ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט"? פון אַ פּאָעטישן שטאַנדפּונקט קען מען זאָגן, אַז אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע באַנייט די מענטשהייט דורך דעם, וואָס זי פאַר־ניכטעט די עקספּלואַטאַטאָרס מיט זייער עקל און באַפרייט די שאַפונג־קרעפטן פונעם אַרבעטער־קלאַס. דאַרף מען אָבער דערצו שטיין אויפן פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט.

עס איז נישט ריכטיק, אַז רעוואָלוציע און קונסט האָבן דעם זעלביקן ציל: רעוואָלוציאָנערע קונסט האָט יאָ טיילוויז דעם זעלביקן ציל, וואָס רעוואָלוציאָנערער פּאָליטישער קאַמף (נאָר טיילוויז, ווייל פּאָליטישע און עסטעטישע ווערטן געהערן צו פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס), אָבער דאָס איז אַ טאַווטאָלאָגיע, און נישט דאָס מיינט איגנאַטאָוו. וואָס ער מיינט יאָ איז, אַז אַ ווערק פון טשעכאָוו, געשריבן פאַר דער רוסישער בורזשואַזער אינ־טעליגענץ פון די ניינציקער יאָרן כדי אויסצודריקן איר ווי אין בענק־שאַפט, האָט פאַר אונדז היינט, פאַרן אַרבעטער־קלאַס, דעם זעלביקן אָדער אַ גרעסערן ווערט, ווי אונדזערע גרעסטע סאָציאַלע קאַמפן —, ווייל פּונקט ווי יענע באַנייט עס די מענטשהייט. געגנוג אָנצופילן איגנאַטאָווס אַלגעברע מיט די ערשטע בעסטע אַריטמעטישע גרויסן, כדי צו דערזען איר פאַלשקייט.

עס איז אויך נישט ריכטיק, אַז דער עצם פון קונסט איז רעוואָלוציאָ־נער. דאָס איז איגנאַטאָווס באַליבטע אידייע, וואָס ער חזרט זי איבער מיט גרויס פּאַטאָס. אָבער דער פּאַטאָס מאַכט זי נאָך נישט האַלטבאַר. אויב רע־

וואָלוציאָנער הייסט ביי איגנאַטאָוו באַשאַפן אַ יש מאין, דאַן איז די שאַפונג פון אַ נייער רעליגיעזער דאָגמע אויך רעוואָלוציאָנער, דאַן איז די עלילת־דם־לעגענדע אַוודאי רעוואָלוציאָנער (אַן אויסערגעוויינלעכער יש מאין!), דאַן איז די דערפינדונג פון אַ נייעם קריגס־גאַז רעוואָלוציאָנער, דאַן זיינען די הייגטיקע טאַלאַנטפולע ווערק פון די סאָוועטן־פּרעסער, בונין אָדער קופּרין, שוין געוויס רעוואָלוציאָנער. אויב מיר ברייטערן אויס דעם באַגריף רעוואָלוציאָנער אויף אריינצונעמען אַלצדינג, וואָס ס׳ווערט געשאַפן מיט אמתער שאַפונג־קראַפט, דאַן ווערט אַלצדינג רעוואָלוציאָנער און דערמיט פאַרשווינדט דער באַגריף רעוואָלוציאָנער גופא, פּונקט ווי דער באַגריף לעבן פאַרשווינדט, ווען ס׳איז נישטאָ קיין טויט.

לאָזט מען אָבער אָן אַ זייט דעם רייך־טעכנישן טייטש פונעם באַגריף רעוואָלוציאָנער אַלס „עפּעס שאַפט זיך“, „עפּעס טוט זיך“, „עפּעס טומלט זיך“ אאַז״וו, — בלייבט איגנאַטאָווס פאָרמולע אין דער לופטן. אויב מען נעמט זי אין אַ ברייטערן אומפאַנג, האָט זי גאָר קיין זין נישט. מען דאַרף באמת פאַרדרייען אי דעם באַגריף פון קונסט, אי דעם באַגריף רעוואָלוציע, כדי צו קאָנען זאָגן, אַ שטייגער, אַז דער אַמאָליקער רעאַקציאָנערער סימבאָליסטישער דיכטער פעט — דער טאַטע פון אַלע רוסישע אידעאַליסטיש־טעאָלאָגישע סימבאָליסטן — איז געווען רעוואָלוציאָנער, אָדער אַז דער הייגטיקער אינדיווידואַליסטיש־סימבאָליסטיש־וועלט־דערשראָקענער מאני לייב איז רעוואָלוציאָנער. נאָך ווייניקער זין, פאַרשטייט זיך, איז דאָ אין דער באַהויפּטונג, אַז יעדער אמתער קינסטלער איז פּראָלעטאַריש.

איגנאַטאָוו דאַרף האָבן די אַלע דריידלעך, כדי אָפּצעוואַרפן די אַלטערנאַטיווע פון אָפּגעשטאַנענער קונסט, רעאַקציאָנערער קונסט, נוצלאָזער קונסט. מיר קאָנען באַוואונדערן זיין איבערגעגעבנקייט צו דער קונסט, מיר באַוואונדערן אָבער נישט זיין לאָגיק. נאָך מער: מיר זיינען פאַרדעכטיק בנוגע איינעם, וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישן גייסטיקע שאַפונגען, וואָס אַלצדינג איז ביי אים הייליק. אין בעסטן פאַל איז ער באַוואַפנט מיט אַ טעכנישן קריטעריום פון „קינסטלערישקייט“, דאָס הייסט, ער באַפרידיקט זיך מיט אויסגעפינען, אַז די מיטלען, וואָס דער קינסטלער האָט געברויכט, פאַסן צו דעם צוועק, וועלכן ער באַשטרעבט, און אַז דער עפעקט באַקומט זיך דער געווינטשטער. די ברייטערע גייסט־פאַרבינדונגען פון אַ קונסט־ווערק — אויסער אָט־דער טעכנישער דערקענטעניש — בלייבן פאַר אים פאַרחתמעט מיט זיבן זיגלען.

עס איז כמעט פאַטעטיש, וואָס איגנאַטאָוו און זיינע אידייען־גענאָסן פאַרשטייען נישט אַזאַ עלעמענטאַרע זאַך, אַז מיר, פּראָלעטאַרישע טוער,

זעען אויך אין אַ ווערק די זעלביקע (טעכנישע) „קינסטלערישקייט", וואָס זיי זעען און וואָס איגנאַטאָוו רופט זי רעוואָלוציע, אַז מיר קאָנען זייער גוט אָפּשאַצן אָט־די רייך־עסטעטישע קינסטלערישקייט, נאָר מיר באַנוגענען זיך נישט דערמיט: מיר זאָגן, אַז ס'זיינען דאָ „קינסטלערישע" ווערק, וואָס זיינען טויט, ס'זיינען דאָ „קינסטלערישע" ווערק, וואָס זייער ווען איז אָפּ־צושוואַכן דעם קאַמף־גייסט פון די אַרבעטער־מאַסן און וואָס זיינען דעריבער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, און עס זיינען דאָ קינסטלערישע ווערק, וואָס רעדן אין האַרמאָנישן איינקלאַנג מיט דעם גייסט פון די אַרבעטער, וועלכע טראָגן די צוקונפט אין זייער רעוואָלוציאָנערער שטרעבונג.

ב) פון איגנאַטאָווס פאַלשער שטעלונג האָט זיך ביי אים גענומען אַ באַאיוועך געדאַנק, אַז מען קען אַ קונסט־ווערק מאַכן רעוואָלוציאָנער דורך דעם, וואָס מען „טייטשט עס אָפּ". אַלצדינג ווענדט זיך, זאָגט ער, אין „אָפּטייטשונג". אַז מיר ווילן קאָנען מיר זיך בייזערן אויף דער לבנה, „פאַרוואָס זי צעעפנט ניט איר מויל און נעמט נישט רעדן איבער דער גאַנצער וועלט וועגן רעוואָלוציע", און אַז מיר ווילן זאָגן מיר, אַז „זי איז אונדזער ליכטיקער אָדלער, זי הויערט איבער אונדזערע רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען, ווי אַ שטאָלצע מאַמע."

אין ערגעץ האָט איגנאַטאָוו נישט אַרויסגעוויזן זיין אידעאַליסטישן באַ־גריף וועגן קונסט, ווי אין אָט־דעם פּאַרגלייך. קונסט איז ווי די לבנה: אָפּגעשיידט און אייביק, אומפאַרענדערלעך און זעלבסט־גענוגנדיק, אומ־צוגענגלעך צו אַלע אונדזערע וואונטשן און ביטעס. דערמאָנט זיך אָבער, אַז קינסטלער זיינען מענטשן, וואָס ווערן געבוירן און וואַקסן אויס אין אַ געוויסער סביבה, וואָס זאַפּן איין די אידייען און פאַר־שטעלונגען פון אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער שיכט, וואָס נעמען זייערע מאַטעריאַלן פאַר קונסט־שאַפונגען פון דעם אַרומיקן שטענדיק־זיך־בייטנדיקן לעבן, — ווערט קלאָר די נאַאיווע אומבאַהאָלפנקייט פון אָט־דעם „אָפּטייטש". אויב געברויכן מעטאַפאָרן, וואָלטן מיר שוין בעסער פאַרגליכן די קונסט נישט מיט דער לבנה, נאָר מיט דעם ברויט, וואָס מענטשן באַקן אויף צו עסן: מיר ווילן נישט קיין פאַרשימלט ברויט און קיין ברויט מיט זאַמד און קיין פאַרסמט ברויט און קיין ברויט אָן וויטאַמינען. אויב עמיצער וואָלט געזאָגט איגנאַטאָוון, אַז אונדזער באַציאונג צו דעם אָדער יענעם ברויט ווענדט זיך אָן אונדזער „אָפּטייטש", וואָלט ער אויף אים אויסגע־בטלט חלומות. קונסט איז מער באַאיינפלוסט דורך די סאָציאַלע פאַרהעל־טענישן, איידער ברויט־באַקעריי.

ג) פון אַ פאַלשער מעטאָדאָלאָגיע און פאַלשע אויספירן נעמען זיך

גאַנץ קאָמישע סיטואַציעס. ס׳באַקומט זיך, אַז איגנאַטאָוו פאַרטיידיקט שוין די אַרבעטער קעגן אונדז: אַז מיר, מאַרקסיסטן, ווילן צונעמען ביים אַר־בעטער די ביז־איצטיקע קונסט און אַז ער, איגנאַטאָוו, וויל דאָס נישט דער־לאָזן. ס׳באַקומט זיך, אַז מיר, מאַרקסיסטן, הייסן דעם אַרבעטער נאָר בעמען פּראָלעטאַרישע קונסט און פאַרוואַרפן אַלצדינג, וואָס ס׳איז נישט פּראָלע־טאַריש. איגנאַטאָוו לאָזט אונדז וויסן מיט שטאָלץ, אַז „דער אַרבעטער, וואָס קלייבט זיך צו ווערן דער באַלעבאָס פון לעבן, וויל בכלל נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז נאָר די בורזשואַזיע האָט ליב געהאַט און געקענט אָפּשאַצן די שאַפונגען פונעם מענטשלעכן גייסט.״

ס׳איז דאָ אַ גרענעץ צו לערנען אלף־בית — און עס איז אונדז איבער־דריסיק צו באַווייזן די פאַלשקייט פון אָט־דער באַהויפּטונג. איגנאַטאָוו איז נישט איינער, וואָס מישט צונויף דעם קלאַסן־אַנאַליז פון קונסט מיט אַן אָפּ־זאָג פון אַלע קונסט־ווערטן, וואָס די מענטשהייט האָט ביז אַהער באַשאַפן. די באַהויפּטונג איז פונקט אַזוי פאַלש, ווי מאָנסטרעז. מיר וואָלטן פאַרגע־שלאָגן איגנאַטאָוון, וואָס גלויבט, אַז דער אַרבעטער קלייבט זיך צו ווערן דער באַלעבאָס פון לעבן, אַז ער זאָלט נישט אַריינלייגן אין מויל פון זיינע טוער אַזוינע אַבסורדן.

קולטור און פּאָליטיק

.1

קולטור און פּאָליטיק קאָנען נישט הויזן. דאָרט, וואו ס'הערשט פּאָליטישע ליידנשאַפט, דאָרט איז קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר קולטור. אין פּאָליטיק איז אַ כּלל, אַז ווער ס'שרייט העכער און ווער עס שטופּט זיך אויבנאָן, דער איז אַ פירער; אין קולטור פירט דער גייסט, נישט דער טומל. קולטור שטייט דעריבער אָן אַ זייט פונעם גרויסן פּאָליטישן יריד.

אַזוי האַלט ש. ניגער.

עס וואָלט אפשר נישט געווען קיין פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין וויכוחים מיט ניגערן אויף די שפּאַלטן פון אַ קאָמוניסטישער צייטונג, ווען הינטער ניגערן וואָלטן נישט געשטאַנען גרופּן אַרבעטער, וואָס טיילן זיין מיינונג. ווי אָפט קומט אונדז אויס צו באַגעגענען אַרבעטער, וואָס זיינען „אַנטוישט" („דיסגאָסטעד", ווי זיי זאָגן) מיט „פּאָליטיקס". טאָמער האָט אַ בחור אָדער אַ מיידל באַזוכט עטלעכע קורסן און אָנגעהויבן לייענען ביכלעך, אַזוי ווערט זיי שוין דאָס פּאָליטישע פעלד נישט גענוג עסטעטיש, טוען זיי שוין אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגן: עט, ס'האָט דערעסן! ס'איז פּוסטע און נודנע צאַנקערייען, און ס'וועט דערפון ניט אַרויסקומען גאָרנישט. די דאָזיקע בחורים און מיידלעך גלויבן, אַז זיי זיינען „צו־קולטורעל" פאַר פּאָליטיק. זיי גלויבן, אַז זיי שטייען אויף אַ העכערן שטאַפּל, ווי פּאָליטיק.

נו, מיר ווילן פּרואוון דערווייזן, אַז דאָס איז אַ פאַלשע מיינונג. מיר ווילן, פאַרקערט, באַהויפּטן, אַז קולטור אָן פּאָליטיק איז נישט מעגלעך: מיר ווילן נאָך גיין ווייטער און פאַרטיידיקן די מיינונג, אַז בילדונג, אויפקלערונג, פאָלקס־דערציאונג באַקומען זייער לעבנס־קראַפט אין פּאָליטיק.

וואָס איז דען פּאָליטיק? מיר ווייסן זייער גוט, אַז אַ דעפיניציע פון פּאָליטיק פאַרנעמט אַמאָל ביי די געלערנטע הונדערטער זייטן, און מיר ווייסן, אַז ס'זיינען דאָ מיינונגען, וואָס גייען זיך פונאַנדער. אָבער ס'קאָן, דאַכט זיך, נישט זיין קיין צווייפל, אַז פּאָליטיק איז די יעניקע טעטיקייט פון אָרגאַניזירטע מענטשן, וועלכע שטרעבט צו ענדערן די פאַרטיילונג פון מאַכט אין דער געזעלשאַפט. די טעטיקייט מעג זיין אַ פרידלעכע (וואָלן

„פרייהייט", 7טן און 8טן יולי, 1923.

אָדער אַ געוואַלטזאַמע (אויפשטאַנד), אַ געפּלאַנטע (קאָנגרעס — קאָנפּע־רענץ), צי אַ ספּאָנטאַנע (גאַסן־דעמאָנסטראַציע אָן צוגרייטונג). די אָר־גאַניזירטקייט מעג זיין אַ שטענדיקע, ווי, למשל, אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַן אַרבעטער־פּאַראיין, אַ פּאָליטישער קלוב, אָדער אַ ציטווייליקע, ווי אַ שטיי־גער, אַ רעוואָלוציאָנערע מאַסע, וואָס לאָזט זיך אָוועק צעברעכן די געפּענ־געניש אין צייט פון אַן אויפשטאַנד, אָדער אַן אומגעריכטע פאַרזאַמלונג פון סטרייקער, אָדער אַ צעבונטעוועטער פאָלק סאָלדאַטן. יעדנפאַלס איז פּאָליטיק אַן אויסדרוק פון אַ מאַסן־ווילן, וועמעס צוועק עס איז צו פאַר־קלענערן די מאַכט פון איין גרופּע מענטשן (אָדער פון איין קלאַס, ווי אין דער היינטיקער געזעלשאַפט) און צו פאַרשטאַרקן די מאַכט פון אַ צווייטער.

און וואָס איז קולטור? דאָ זייגען פאַראַן נאָך מער דעפיניציעס; דאָ ווערט מען ממש פאַרלאָרן אין אַ וואַלד פון דעפיניציעס. גענוג צו דער־מאָנען, אַז מען טיילט די „קולטור" אין פאַרשיידענע צוויגן: „מאַטעריעלע קולטור", „גייסטיקע קולטור", „עטישע קולטור", „עסטעטישע קולטור"; אָדער אַז מען פאַרמישט קולטור מיט „בילדונג", מיט דעם גראַד פון קענ־טעניש ביי אַ געוויסן פאָלק אין אַ געוויסער צייט; אָדער אַז מען מאַ־טערט זיך צו געפינען די ענלעכקייט אין דעם אונטערשייד צווישן „קולטור" און „ציוויליזאַציע". עס איז באמת שווער צו געבן אַ קולטור־דעפיניציע, וואָס זאָל נישט אַרויסרופן קיין ווידערשפּרוך, אָבער אונדז דאַכט זיך, אַז אין איין פּרט מוזן אַלע מסכים זיין: דער באַגריף „קולטור" נעמט אַרום סאַי די סומע פון אַלע גייסטיקע ווערטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין אַ מענטשלעכער גרופּע אין אַ געוויסער עפּאָכע, סאַי די סומע פון אַלע גייסטי־קע פייאיקייטן, געוואוינהייטן און שטרעבונגען, וואָס לעבן אין דער דאָזי־קער גרופּע און וואָס דינען צו שאַפן נייע גייסטיקע ווערטן. מיט אַנדערע ווערטער: קולטור איז נישט נאָר אַזויפיל און אַזויפיל אידייען און פאַר־שטעלונגען, פאַרקערפּערט אין ביכער, בילדער, סטאַטועס, געביידעס, מו־זייען, טעאַטערס, מוזיקאַלישע פּיעסן, אינסטרומענטן אאַז״וו, נאָר אויך אַזויפיל און אַזויפיל לעבעדיקע אידייען און פאַרשטעלונגען, גלויבנס, ווילנס, קענטעניש, אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האַלטן אין איין שאַפן נייע אידייען און פאַרשטעלונגען צו באַרייכערן אַ געוויסע גרופּע מענטשן. אָדער נאָך אַנדערש: קולטור איז נישט נאָר אַן אויסגעקריסטאַליזירטער פאַרטיקער רעזולטאַט פון פריערדיקע טעטיקייטן, נאָר זי איז אויך אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון שאַפן נייע. אָן אַזאַ פּראָצעס איז זי אַ טויטע זאַך, ווי, אַ שטייגער, די קולטור פון די עגיפּטער אָדער גריכן.

דעריבער איז נאַטירלעך, אַז יעדער היסטאָריקער פון קולטור זאָל זיך רעכענען מיט די קרעפטן פון דער געזעלשאַפט, מיט איר סאָציאַלן אויפבוי. מען קאָן נישט רעדן וועגן דער קולטור פון גריכנלאַנד, אויב מען געדענקט נישט, אַז דער פונדאַמענט פון דער גאַנצער גריכישער געזעלשאַפט איז געווען שקלאַפעריי. די מיטלאַלטערלעכע קולטור איז אוממבאַגרייפלעך, אויב מען זעט נישט דעם מערקווירדיקן צוזאַמענשטעל פון די קלאַסן אין יענער צייט (ריטערטום געבויט אויף אַן אומפרייען פויערטום, קליינבירגערלעך־זעלבסט־פאַרוואַלטעטע שטעט, אויפקומענדיקער רייכער סוחרים־שטאַנד) און די פּראָדוקטיווע כוחות פון יענעם פּעריאָד, וואו די מאָנאַסטירן האָבן געמוזט ווערן אַ רעטונג־פּלאַץ פאַר די אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע. די קאַפּיטאַליסטישע קולטור טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון אַלע סאָציאַלע קרעפטן, וואָס האָבן אין דעם 19טן און אינעם ערשטן פערטל פון 20טן יאָרהונדערט איבערגעאַנדערשט דאָס פּנים פון דער וועלט (אינדוסטריאַליזם, קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, אימפּעריאַליזם, מיליטאַריזם, בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, אונטערדריקונג פונעם פויערים־קלאַס, פּראָלעטאַרישער קאַמף).

און עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן רעדן וועגן אַ קלאַסן־קולטור, וואָרום יעדער קלאַס און יעדע גרופּע טראָגט אַריין אַ טייל אין דער קולטור פון יעדן פאָלק אין יעדער עפּאָכע, הגם דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דער קולטור ווערט באַשטימט דורך דעם קלאַס וואָס הערשט אין יענער עפּאָכע. עס איז נישטאָ קיין צווייפל, אַז דאָס פויערטום פון רוסלאַנד האָט אַריינגעטראָגן אַ געוויסן טייל אין דעם אוצר פון גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, אָבער עס איז אויך נישטאָ קיין צווייפל, אַז דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון דער רוסישער קולטור האָט פריער אויסגעדריקט די וועלט־עמפּפינדונג פון דעם רוסישן אַדעל און שפּעטער אויך פון דער אויפגעקומענער רוסישער בורזשואַזיע. דער אַמעריקאַנער ערד־אַרבעטער1פּיאָנער האָט געוויס זיין חלק אין דער אַמעריקאַנער קולטור, הגם דער אַמעריקאַנישער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם איז די הויפּט־קראַפט אין דער קולטור־שאַפונג פון די לעצטע דרייסיק־פערציק יאָר. דער קלאַסן־צוזאַמענשטעל פון אַ געזעלשאַפט מוז זיך אָפּשפּיגלען אין די גייסטיקע שאַפונגען פון דער געזעלשאַפט, און דער איינפלוס פון די פאַרשיידענע קלאַסן לאָזט זיך נישט פאַרווישן. ווי יונג דער אַרבעטער־קלאַס זאָל נישט זיין און ווי ווייניק ער זאָל נאָך נישט האָבן געשאַפן אויפן פעלד פון קולטור, האָט ער זיך דאָך מיט ביידע פיס אָוועקגעשטעלט אויף אַ נייעם קול־

טורעלן באַדן (פּראָלעטאַרישע עקאָנאָמישע װיסנשאַפט, סאָציאָלאָגיע, שטרעבונג צו עקאָנאָמישער גלײַכהײט, פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, קאָ־לעקטיװיזם, נײַע אָפּטימיסטיש־קאָנסטרוקטיװע לעבנס־עמפּפינדונג, צע־שטערונג פון אַלטע אָבערגלױבנס). „קולטור", אויף אַזאַ אופן, איז נישט נאָר אַ לעבעדיקע זאַך, װאָס װערט אַלעמאָל געשאַפן אויפסנײַ, און נישט נאָר אַ סומע פון די יעניקע גײַסטיקע קרעפטן, װאָס האַלטן זי אין אײן שאַפן, נאָר זי װערט נאָך אײַנגעטײלט אין גוטער קולטור און שלעכטער, אין פּראָגרעסיװער און רעאַקציאָנערער — לױט דעם קלאַס, װעמעס הערשאַפט עס האָט באַשטימט איר כאַראַקטער. עס לײגט זיך אויפן שכל, אַז די קולטור, װאָס װערט איצט געשאַפן אין רוסלאַנד, זאָל זײַן שלעכט פאַר די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, פּונקט װי די קולטור, װאָס װערט איצט געשאַפן אין אַמעריקע, איז שלעכט פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

און קולטור, זאָל מען געדענקען, איז דאָך נישט נאָר אַ סומע פון װערטן און קרעפטן, נאָר אויך אַ מיטל אין די הענט פון אײן קלאַס צו באַהערשן דעם צװײטן. די רוסישע קירכע — אַזאַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער פאַר־קריגס־קולטור אין רוסלאַנד — איז דאָך געװען אַן אומ־געהויער מיטל אין די הענט פונעם אַדעליקן קלאַס צו פאַרפינצטערן דעם מאַרך פונעם פּויער. די פּרעסע — פּונקט אַזאַ מעכטיקער פאַקטאָר אין דער הײַנטיקער אַמעריקאַנישער קולטור — איז אַ ריזיקער אינסטרומענט אינעם רשות פון קאַפּיטאַל צו פאַרטעמפּן די אַרבעטער־מאַסן. קולטור איז אַמוניציע אינעם קאַמף פון די פאַרשײדענע קלאַסן פאַר מאַכט, כאָטש אַלײן איז זי אַלעמאָל אַ רעזולטאַט פון דער מאַכט־פאַרהעלטעניש צװישן די קעמפנדיקע קלאַסן, װאָס זײערע צוזאַמענשטױסן נעמט אָן די גע־שטאַלט פון פּאָליטיק.

עס איז דעריבער אַן אומזין, װען עמיצער זאָגט: „איך װיל נישט קײן פּאָליטיק, איך װיל קולטור!" מען קען נישט אָפּטײלן פּאָליטיק פון קולטור. פּאָליטיק, פּאָליטישער קאַמף (קלאַסן־קאַמף) איז דער כּוח, װאָס באַשטימט, צי ס'זאָל זײַן קולטור, צי ס'זאָל נישט זײַן; פּאָליטיק איז דער כּוח, װאָס באַשטימט, צי ס'זאָל זײַן אַזאַ קולטור, צי אַן אַנדערע; פּאָליטיק איז דער כּוח, װאָס קען עפענען קולטור־װעלטן און אַ מעגלעכ־קײט פון קולטור־שאַפונג פאַרן אַרבעטער־קלאַס, און פּאָליטיק איז דער כּוח, װאָס קאָן (אין די הענט פון קאַפּיטאַל) נישט דערלאָזן דעם אַרבעטער־קלאַס צום ליכט פון קולטור. אויב אַן אַרבעטער זאָגט: „איך װיל נישט קײן פּאָליטיק, איך װיל קולטור", הײסט עס, אַז ער זאָגט: „איך װעל פאַרלאָזן מײַן קלאַס אין זײַן קאַמף פאַר מאַכט און איך װעל מיך רויִק

גענומען די גייסטיקע ווערטן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט אָנגעזאַמלט ביז אַהער." מיט אַנדערע ווערטער: „קולטור און נישט קיין פּאָליטיק" הייסט פּונקט אַזויפיל ווי: „איך אינטערעסיר מיך נישט מיט דער צוקונפט פון מיין קלאַס."

איז דאָס אַ העכערע שטופע לגבי דעם, וואָס בלייבט אויפן שלאַכט־פעלד?

2.

דער באַלעבאַטישער קולטור־טרעגער זאָגט אַזוי: אַ קולטור־מענטש איז איינער, וואָס האָט איינגעזאַפּט אַ סך עלעמענטן פון גייסט; אַ קולטור־מענטש איז איינער, וואָס האָט אַנטוויקלט און רייך געמאַכט זיין גייסט; אַ קולטור־מענטש איז איינער, וואָס קאָן זאָגן: „איך בין אַ מענטש — און קיין מענטשלעכעס איז מיר נישט פרעמד."

אין אַזאַ אַלגעמיינער פאָרמע קלינגט די באַהויפּטונג נישט שלעכט. אָבער לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל. שטעלט זיך פאָר אַן אַרבעטער, וואָס האָט באַקומען אַ נישקשהדיקע בילדונג, וואָס לייענט און פאַרשטייט ליטעראַטור, וואָס אינטערעסירט זיך מיט טעאַטער, מיט מאַלעריי, מיט מוזיק, וואָס פאָלגט נאָך די נייע אידייען אין פּאָליטיק, עקאָנאָמיק און נאַטור־וויסנשאַפט. גוט, האַ? שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז דער דאָזיקער אַרבעטער איז נישט קיין מיטגליד פון אַ יוניאָן, ער באַטייליקט זיך נישט אין עקאָנאָמישן קאַמף, ער אינטערעסירט זיך נישט מיטן פּראַקטישן פּאָליטישן קאַמף, אָדער ער שטימט גאָר פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן קאַנדידאַט. פרעגט זיך: וועלן מיר אַזאַ אַרבעטער אָנרופן אַ קולטור־מענטש אָדער נישט?

דאָ טיילן זיך פונאַנדער די וועגן פון די פאַרשיידענע קלאַסן. פון בורזשואַזן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ אַרבעטער אַ קולטור־מענטש, ווייל ער העלפט דעם קאַפּיטאַליזם און דערמיט פאַרשטאַרקט ער דעם איינפלוס פון בורזשואַזער קולטור. פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט איז ער אַ גראָבער יונג, אַ מיאוסע בהמה, ווייל ער שוואַכט אָפּ דעם אַרבעטער־קלאַס און שטערט דעם וואוקס פון פּראָלעטאַרישער קולטור.

אָט־דאָ ליגט דער גרונט־אונטערשייד צווישן דעם באַלעבאַטישן קולטור־טרעגער און דעם פּראָלעטאַרישן קעמפער. דער באַלעבאַטישער קולטור־טרעגער ווייסט אַליין נישט, אַז ער העלפט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אים דאַכט זיך, אַז „פּאָליטיק" איז אַ שטער אויפן וועג פון „קולטור" — און ער רופט די אַרבעטער צו „ריינער", „לויטערער"

מענטשלעכער קולטור. ער זעט אָבער נישט, אַז אויב אַן אַרבעטער גייט אַוועק פֿון פּאָליטיק, גייט ער אַוועק פֿונעם קאַמף פֿאַר מאַכט, גיט ער איבער די מאַכט אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע, גראָבט ער דערמיט אונטער דעם פֿונדאַמענט פֿון אַן אמתער קולטור.

און לאָמיר נעמען אַן אַנדער בײַשפּיל. שטעלט אײַך פֿאָר אַן אַרבעטער, וואָס ווערט אַרײַנגעצויגן אין דעם קאַמף פֿון זײַן קלאַס, וואָס שטייט אין די ערשטע רייען אין סטרײַק, אין פּיקעט־לײַן, אין פּאָליטישער אַקציע, וואָס איז איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן דעם געדאַנק פֿון אַ פֿרײַער וועלט; שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דער דאָזיקער אַרבעטער איז דווקא נישט קיין גרויסער לייענער און נישט קיין גרויסער שרײַבער, נאָר מחמת ער פֿילט די נויטווענדיקייט זיך צו באַוואָפֿענען מיט קענטענישן צוליבן קאַמף, ווײַל וויסן איז מאַכט, נעמט ער זיך צו די קלײנע אותיות און האָרעוועט איבער זיי יעדע פֿרײַע מינוט. מעגלעך, אַז ער וועט קיינמאָל נישט וויסן אַ סך זאַכן, וואָס יענער איז גוט באַהאַוונט; מעגלעך אַפֿילו, אַז ער וועט בלײַבן רוי. פֿרעגט זיך: וועט איר אים אָנרופֿן אַ קולטור־מענטש, צי נישט?

פֿון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט: יאָ, ווײַל ער איז די קראַפֿט, וואָס בויט דעם פֿונדאַמענט פֿאַר אַ ברייטער פּראָלעטאַרישער, ד״ה, אמת־מענטשלעכער און אמת־פֿרײַער קולטור. פֿון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט איז ער, דער פּאָליטיקער, דער שרײַער, דער טומלער, דער אויבן־אָן־קריכער, דער פֿאַנאַטישער פֿרײַנט פֿון איין צד און פֿאַנאַטישער פֿײַנט פֿון אַן אַנדער צד, אַ סך מער ווערט, ווי דער פֿײַנער, געלאַסענער, באַלעזענער, אַפֿילו הויך־ראַפֿינירטער שול־לערער, וואָס פּרעדיקט, אַז פּאָליטיק איז אַ היפּוך פֿון קולטור.

אין דעם דאָזיקן פּרעדיקן גופֿא איז באַהאַלטן אַ טײַוולשער טריק. עס איז צום שטוינען, ווי כיטרע און פֿאַרדעקט עס זײַנען די וועגן פֿון בורזשואַזן אײַנפֿלוס איבער דעם אַרבעטער־קלאַס. מען באַזינגט פֿאַר די אַרבעטער די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, — דאָס איז אַ גלײַכער וועג, דאָס איז פֿאַרטאַטשקע אַרבעט. מען פֿאַרוויגט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם אַרבעטער, כּדי ער זאָל נישט פֿאַרשטיין זײַן לאַגע, — דאָס איז אַן אַנדער וועג, אויך נאָך אַ גלײַכער, אָבער שוין אַ פֿײַן שטיקל אַרבעט. מען קומט צום אַרבעטער מיט עסטעטיק און מען זאָגט אים: „מיש זיך נישט אין פּאָליטיק, פֿע, ס'איז חלשות, ס'איז נישט קולטורעל,“ — דאָס איז אַ דריטער וועג, אַ געשלענגלטער, און דאָ האָבן מיר שוין גאָר אַ כיטרע קונץ. ווײַל מען אָט־די „עסטעטיק“ איבערזעצן אויף פּראָסט לשון, הייסט

עס: „דו, ברודער־אַרבעטער, גיי אַוועק אין די הויכע עולמות פון „ריינער" קולטור און לאָז זיך דאָרט וואוילגיין, בשעת אונדזערע פּאָליטישנס וועלן דאָ, אין דער פּאָליטישער בלאָטע, אָפּטאָן פאַר אונדז אַלע גוטע געשעפטן. דו אַנטלויף פון פּאָליטיק, ווייל ס'איז נישט „שיין" און מיר וועלן שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט דער פּאָליטיק."

איך וויל נישט זאָגן, אַז ווער עס פּרעדיקט די „פּאָליטישע" קולטור איז אַ באַוואוסטזיניקער משרת פונעם קאַפּיטאַליזם. אָבער אָט־דאָס איז דאָך די טייוולשקייט פון דער שפּיל: מענטשן ווייסן אַליין נישט, וואָס זיי טוען מיט זייערע גוטע כוונות. מענטשן ווילן, דאַכט זיך אויסאיידלען דעם אַרבעטער, און אין אמתן דערציילן זיי אים, אַז ער דאַרף פאַרמאַכן די אויגן אויף די אינטערעסן פון זיין קלאַס. אַ פיינע „דערציאונג!"

וואָס איז? מען האָט אַ טענה: פּאָליטיק איז גראָב, מגושמדיק, מאַרקשרייעריש; אין פּאָליטיק זידלט מען זיך מיט האַרבע ווערטער; אין פּאָליטיק טרעט מען איינער דעם אַנדערן אויף די היגער־אויגן, און אַמאָל אויפן קאָפּ; אין פּאָליטיק איז דער גאָרגל נישט קיין שלעכט געווער, און דעמאַגאָגיע נישט דאָס לעצטע מיטל.

מעג זיין, אַז דאָס איז אמת. אָבער וואָס באַטייט דאָס? פּאָליטיק איז קאַמף פאַר די אינטערעסן פון קלאַסן און גרופּן. ווער עס האָט די מאַכט, וויל זי אָנהאַלטן; ווער עס האָט זי נישט, וויל זי באַקומען, כדי צו באַוואָרענען זיינע אינטערעסן און פאַרניכטן דעם שונא. ס'איז קריג, ס'איז געשיכטע. קאָן דען געמאָלט זיין, אַז אין קריג זאָל מען אָפּהיטן די מאַנירן פון אַ סאַלאָן? האָט דען ווער געזען, אַז געשיכטע זאָל געמאַכט ווערן מיט פאַרפיומירטע הענט? איז דען נישט אַ פאַקט, אַז סוף־כל־סוף ווערט יעדער קריג אויסגעקעמפט נישט נאָר מיט געווער, נאָר מיט דיסקרעדיטירן דעם שונא? איז דען נישט אַ פאַקט, אַז גראָד די הויך־געבילדעטע און טיף־קולטורעלע „דזשענטללייט" פון דער בורזשואַזיע פאַרגעסן אינגאַנצן זייער דזשענטלמענעריי, ווען ס'קומט צום פּאָליטישן קאַמף? און איז דען נישט אַ פאַקט, אַז ווען דער אַרבעטער, דער אומגעהובלטער און ווייניק־געלערנטער טוט זיך אַ נעם צום קאַמף פאַר מאַכט, דערוועקט זיך אין אים אַן אומגעהויערער אַפּעטיט צו לערנען, צו וויסן, צו „מענטשלען זיך", צו ווערן קולטורעל?

אָט־דעם היסטאָרישן פאַקט האָבן פאַרזען די באַלעבאַטישע קולטור־טרעגער, וואָס קומען צום אַרבעטער מיט דער תורה פון „ריינער" קולטור. „ריינע" קולטור קען נישט ווערן קיין מאַסן־קולטור. ריינע קולטור קען

אָפּציען איינצלנע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אָבער די גרויסע מאַסע וועט שטענדיק בלייבן מיט איר קלאַס. כדי די מאַסע זאָל האָבן קולטור, מוז מען זי סטימולירן דורך דעם היסטאָרישן מיטל, וואָס איז אָמבעסטן מסוגל אויפצואוועקן איר לעבנס־קראַפט. מען מוז זי אַריינ־ציען אין קאַמף פאַר מאַכט (עקאָנאָמישער קאַמף איז אויך אַ קאַמף פאַר מאַכט). מען מוז זי מאַכן פּאָליטיש־אַקטיוו. זאָל זי זיך נאָר אָנהויבן רירן אויף אָט־דעם „אומריינעם" „ליידנשאַפטלעכן" געביט פון פּאָליטיק, וועט זי זיך שוין אַ ריס טאָן צו קולטור, אַזוי אַז ס'וועט גיין אַ רויך. פּאָליטיק וועט ווערן די ענערגיע צו וויטאַליזירן דעם גאַנצן קערפּער.

עס איז דעריבער אומזין צו זאָגן, אַז וואָס ווייניקער פּאָליטיק אַלץ מער וועלן מיר האָבן קולטור. עס איז פאַלש, ווען מען דערציילט אונדז, אַז די מאַסע איז נישט קולטורעל, ווייל די פירער האָבן זיך צופיל גע־קוואָפּעט אויף פּאָליטיק. פּונקט פאַרקערט. מיר זיינען אַזוי אָרעם אין קולטור, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין פּאָליטיק, ווייל אונדזערע פּאַ־טענטירטע פירער האָבן כסדר געהאַלטן, אַז פּאָליטיק הייסט שטימען איין מאָל אין צוויי יאָר און שטומען די איבעריקע טעג פונעם יאָר. מיר זיינען קולטורעל בלוטלאָז, ווייל אונדזער יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט, ווי אַ מאַסע, זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף פון טאָג־צו־טאָג, זיך קיינמאָל נישט אַריינגעוואָרפן מיט אַ פייער־דיקן אינטערעס אין קאַמף פאַר מאַכט. אַ געוויסע אויסנאַם זיינען אייניקע רעבעליש־געשטימטע טיילן פון אונדזערע יוניאָנס. זיינען יענע טיילן טאַקע מער קולטורעל.

אונדזערע פירער זיינען טאַקע שולדיק אין דעם, וואָס די מאַסע איז אַזוי אומקולטורעל. געוויס זיינען זיי שולדיק. אָבער זייער שולד איז נישט דאָרט, וואו עס זוכן די באַלעבאַטישע קולטור־לייט. אונדזערע פירער זיינען שולדיק דערמיט, וואָס זיי האָבן פאַרקרעמערט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרשלעפערט די אַרבעטער־מוחות, פאַרבילן[?]קט דאָס, וואָס ס'וואָלט געדאַרפט זיין אַ פאַן. דערמיט האָבן זיי פאַרניצעוועט די ענערגיע, וואָס וואָלט געקאָנט אַרויפטרייבן די אַרבעטער אויף אַ נייעם הויכן גראַד פון קולטור. דאָס וועט זיי די געשיכטע נישט פאַרגעבן.*

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס רוסלאַנד און אַמעריקע זיינען היפוכים, צוויי פּאָלוסן אין פּרט פון אַרבעטער־קולטור. אין רוסלאַנד זיינען די

---

* אַלגין רעדט דאָ וועגן די איסט־בראָדוועיער „פירער", קעגן וועלכע די נאַר־וואָס געגרינדעטע „פרייהייט" איז אַרויס אין קאַמף. — רעד.

אַרבעטער נישט געגאַנגען אין שולן; זיי האָבן נישט אָנגעזען אין די אויגן קיין עפנטלעכע קורסן, קיין לעקציעס, קיין פאָלקס־אוניווערסיטעטן. די דאָזיקע זאַכן זיינען געווען אַ זעלטנהייט אונטער דער הערשאַפט פון די צאַרן. אין אַמעריקע איז דאָ שולן, אָוונט־קורסן, ביבליאָטעקן, פאָרלע־זונגען, פאַרומס אָן אַן עק. שעפּ מיט אַ פולער האַנט. און אין אַמעריקע זיינען די אַרבעטער ווייניקער קולטורעל, ווי אין רוסלאַנד. פאַרוואָס? ווייל אין רוסלאַנד איז געווען אַן אָנגעשטרענגטער פּאָליטישער קאַמף. ווען אין אַמעריקע וועט זיך אָנהויבן אַ קאָכיקער קאַמף פאַר מאַכט, וועט אויך דאָ אויפבליען די מאַסן־קולטור.

ווער עס מיינט ערנסט מיט דער קולטור פון די מאַסן, דער זאָל וועקן דאָס פּאָליטישע באַוואוסטזיין און דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פונעם אַר־בעטער־קלאַס. דאָס הייסט נישט, אַז יעדער איינער מוז ווערן אַ פּאָלי־טישער אַגיטאַטאָר. דאָס הייסט נאָר, אַז יעדנס אַרבעט מוז זיין פּאָליטיש אָריענטירט, מוז האָבן אַ פּאָליטישן זין. לונאטשארסקי אין רוסלאַנד איז אַ ברייטער קולטור־טוער, אָבער זיין אַרבעט איז באַלויכטן מיט אַ פּאָלי־טישן אידעאַל, און זי שטאַרקט די אַרבעטער אין זייער קאַמף פאַר מאַכט.
דאָס איז דער וועג.

צוויי מאָסן

חשובער קאָלעגע ש. ניגער:

איך וויל אייך דערמיט לאָזן וויסן, אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערע דיכטער אין אַמעריקע פילן זיך שטאַרק געטראָפן פון אייערער אַ באַמערקונג אין דעם „טאָג“ פון לעצטן זונטאָג, אין דער אָפטיילונג: „געלייענט און געשריבן“. עס האַנדלט זיך וועגן אָט־די פּאַראַגראַפן:

„אַ מיטאַרבעטער פון „סיגנאַל“, וואָס שרייבט זיך אונטער קורץ (אהרן קורץ), כאָטש ער שרייבט לאַנג, שענקט זיין מאַנטל, באַהאַנגען מיט גראַמען, פּאַר שפּאַניע, פאַרן פראָנט, און זעגענענדיק זיך מיט אים (מיטן מאַנטל, נישט מיטן פראָנט), זינגט ער:

פּאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
וועסט וואַרימען אַ מענטשן וויכטיקער פון מיר.

„איז עס מסתמא אמת. אָבער ווען אונדזער רעוואָלוציאָנערער בעל־צדקה קאָן זיך אַליין נישט שיידן מיט זיין אַלטן מלבוש, און עס הערן זיך נישט אויף ביי אים צו שיטן פון אַרבל אַזוינע שורהלעך, ווי:

אויף דיין אונטערשלאַק
מיט בלוט
נעם איך און פאַרשרייב:
צו אַ קעמפער, אַ באַפרייער,
צו אַ העלד, —

„פרעגט זיך נישט ווילנדיק: מיט וועמעס בלוט שרייבט ער — דעם טינטערס?

„מאָרגן־פרייהייט“, 17טן און 24טן יאַנואַר, 1937. דער ערשטער אַרטיקל, אין דער פאָרם פון אַ בריוו צו ש. ניגערן, האָט געטראָגן דעם נאָמען: „מעגן דיכטער זיך אָפּרופן אויף די געשעעניש פון דער צייט?“ דער צווייטער — „צוויי מאָסן“: „ש. ניגערס באַציאונג צו רעוואָלוציאָנערער און באַלעבאַטישער דיכטונג“. ש. ניגער איז נאָך דעמאָלט נישט אַרויסגעטראָטן ווי אַ ביטערער און אַקטיווער באַטייליקער אין דעם אַנטי־סאָוועטישן און אַנטי־קאָמוניסטישן פראָנט — דורך זיינע פּובליציסטישע און ליטעראַרישע אַרטיקלען, דורך זיין ראָל ווי אַ טוער. אין דער ראָל איז ער דערשינען אין 1948־1949. זיין ראָל אָבער ווי אַ קריטיקער, אַ רעאַקציאָנערע ראָל, איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן אין די צוויי אַרטיקלען.

„בכלל איז עס, דוכט זיך מיר, שפיכת דמים צו שרייבן מיט ... פּרעמד בלוט. כ׳האָב עס געפילט, ווען מענטשן מיט פּענעס אין די הענט זיינען מחנות׳ווייז באַפאַלן סאַקאָן און וואַנזעטיק, אָדער די סקאָטסבאָראָ יינגלעך (כלומרשט זיי צו שיצן). איצט פיל איך עס, ווען די קרבנות פון דער נייער טינט־פּאַרפלייצעניש ווערן די בראַווע מענטשן, וועלכע זיינען זיך מוסר־נפש פאַר פרייהייט אין שפּאַניע. זיי גייען אָפּ מיט בלוט — און דאָ פּראַוועט מען מליצות, זיי און זייערע נאָענטסטע זיינען יעדע מינוט אין געפאַר אומצוקומען פון אַ פאַשיסטישער באָמבע — און דאָ מאַכט מען גראַמען.״

אָט־די באַמערקונגען אייערע, קאָלעגע ניגער, האָבן שטאַרק אויפגע־בראַכט די פּאָעטן פונעם „פּראָלעטפּען״ און פון דעם גאַנצן לינקן ליטע־ראַרישן פראָנט.

איך וועל אָנהויבן פון אַ קליניקייט — פון אייערע פּראָבעס צו זיין הומאָריסטיש אויפן חשבון פון אהרן קורצן. אָט דאָס ווילצלען זיך, אַז אַ מענטש שרייבט זיך אונטער קורץ און שרייבט לאַנג, איז נידעריקער פון אייער ווערדע, פון קורצס ווערדע און פון דער ווערדע פון אַ ליטעראַרישער דיסקוסיע. סוף־כל־סוף איז דאָך דער פּאָעט אהרן קורץ נישט אָבי ווער. ער פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער פּאָעזיע. ער שרייבט שוין אַריבער צוואַנציק יאָר. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער מיט לידער. ער איז איינער פון די פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער לי־טעראַטור אין אַמעריקע אויף יידיש — און צי איר זייט מיט אים מסכים צי נישט, איר, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קריטיקער, האָט קיין רעכט נישט צו מאַכן אים צו קליינגעלט. ווען איר ווערט זיך אַריינטראַכטן אין אייער צווייטן וויץ, וואו איר כאַפּט זיך אָן אָן קורצס ווערטער: „וועסט וואַרימען אַ מענטשן וויכטיקער פון מיר״ און דערקלערט: „איז עס מסתמא אמת״ — וועט איר אַליין צוגעבן, אַז אויך דאָס איז פון דעם סאָרט הומאָר, וואָס פּאַסט נישט פאַר אַ קריטיקער מיט אַ נאָמען.

פאַר אונדז איז דאָס נאָר אַ באַווייז, ווי פאַרביטערט איר זיינט קעגן רעוואָלוציאָנערע דיכטער.

איר האָט געטאָן אַ זאַך, וואָס פּאַסט אפשר נאָך וויניקער פאַר אַן ערנסטן קריטיקער, ווי אָט־דער סאָרט הומאָר. אהרן קורץ, אין זיין ליד אין „סיגנאַל״, האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די הונדערטער טויזנטער מענטשן פון אַמעריקע, וואָס שיקן מתנות צו די אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער אין שפּאַניע. בעמט איר און טייטשט אויס דאָס ליד אַזוי, אַז קורץ רעדט

וועגן זיך אַליין. האָט זיך באַקומען, אַז קורץ איז דער „בעל צדקה“, „וואָס קאָן זיך אַלץ נישט שיידן מיט זיין אַלטן מלבוש.“

גראָד האָט אהרן קורץ אַזוי געשריבן, אַז ביי קיינעם האָט נישט געקענט בלייבן קיין צווייפל וועגן דעם „איך“, און וועמעס נאָמען דאָ רעדט זיך. עס איז אַ קאָלעקטיווער „איך“ — נישט קיין יחיד, וואָס הייסט אהרן קורץ. מיר לייענען אין דעם ליד:

„פאַר געזונטערהייט, מיין מאַנטל,
וועסט וואַרימען אַ מענטשן — וויכטיקער פון מיר.
איך קען קעמפן דאָ
דערווייל
אין טראַנטעס,
איך קען דעם ווינטער דורכשלאָפן אין פּאַרק
פאַרשטריקלט
אין אַלטע צייטונגען און פּאַק־פּאַפּיר.“

איר, קאָלעגע ניגער, האָט דאָך געוויס נישט געטראַכט, אַז דער דיכטער אהרן קורץ פּערזענלעך קלייבט זיך דורכשלאָפן דעם ווינטער אין פּאַרק פאַרוויקלט אין שמאַטעס. ווי ביטער איר זאָלט נישט זיין געשטימט קעגן די רעוואָלוציאָנערע דיכטער, האָט איר דאָך געמוזט פאַרשטיין, אַז דאָ רעדט אהרן קורץ אינעם נאָמען פון די גרויסע מאַסן האָרעפּאַשניקעס, וואָס זיינען אַזוי אויפגערודערט פון דעם בירגער־קריג אין שפּאַניע, אַז זיי זיינען גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעצטע פאַר דעם שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט. אויב אַזוי, איז שוין קיינער נישט קיין „בעל־צדקה“, און אייער אויסלאַכן, אַז קורץ קען זיך נישט שיידן מיט זיין מאַנטל, איז לחלוטין נישט אין פּלאַץ.

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלעס. איר האָט גענומען קורצס פּאָעטישע ווערטער און זיי אויסגעטייטשט בוכשטעבלעך, בשעת ער האָט געשריבן מיט אַ פּאָעטישער מעטאַפאָר. איר האָט זיך געמאַכט ווי איר פאַרשטייט נישט די מעטאַפאָר. קורץ האָט געשריבן:

„וועסט וואַרימען 17
דעם גרויסן מענטש פון אונדזער צייט,
וואָס וואַרפט זיך מיטן לעבן
אויף דער שנאה פון דער וועלט.
אויף דיין אונטערשלאַג
מיט בלוט
נעם איך און פאַרשרייב:

צו אַ קעמפּער, אַ
באַפרייער,
צו אַ העלד.״

וואַרפט איר זיך אַרויף אויף די לעצטע ווערטער און פרעגט: „מיט וועמעס בלוט שרייבט ער — דעם טינטערס?״

ניין, קאָלעגע ניגער, נישט מיטן טינטערס און נישט מיט יענעמס בלוט, ווי איר גיט אַנצוהערעניש אין דעם צווייטן פּאַראַגראַף פון אייער נאָטיץ, נאָר מיטן בלוט פון אַ פּאָעט. אַזוי איז שוין די טבע פון פּאָעטן, אַז זיי רופן זיך אָפּ מיט לידער אויף אַלצדינג, וואָס ס׳רירט אָן, און אויב עפּעס טוט זיי שטאַרק וויי, רעכענען זיי, אַז דאָס ווערק איז געשריבן מיטן בלוט פון זייער האַרצן. יעדער קריטיקער ווייסט און איר ווייסט — אַז דאָס בלוט פונעם דיכטערס האַרצן איז אַנדערש, ווי דאָס בלוט, וואָס גיסט זיך איצט, אַ שטייגער, אַרום מאַדריד.

אָבער דאָ גייען מיר שוין צו צו אַן אַנדער פונקט — צום הויפּט־פונקט פון אייער באַמערקונג. איר זייט בכלל נישט צופרידן דערמיט, וואָס פּאָעטן רופן זיך אָפּ אויף די געשעענישן פונעם טאָג. איר האָט פיינט אַזאַ דיכטונג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אייער זאַך. איר האָט דאָס רעכט ליב צו האָבן איין סאָרט פּאָעזיע און פיינט האָבן אַ צווייטע. איר האָט, למשל, אַ רעכט ליב צו האָבן סאָנעטן און פיינט צו האָבן דעם פרייען פערז — און פאַרקערט. קיינער קען מיט אייך נישט אַרגומענטירן וועגן גע־שמאַק, כאָטש מען וואָלט געקענט פאָדערן פון אַ קריטיקער אין אַ פירנ־דיקער פּאָזיציע, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן פירן פון אייגענע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס ווען עס האַנדלט זיך וועגן די אָדער יענע ליטעראַרישע פאָרמען.

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס גייט אונדז נישט אָן, נישט קעגן דעם איז אויפגעבראַכט דער לינקער ליטעראַרישער פראָנט. פיינלעך אָנגערירט האָט אים דאָס, וואָס פון אייערע ווערטער באַקומט זיך, אַז אַ דיכטער, וואָס שרייבט וועגן טאָג־פראַגן, איז עפּעס אַ פּאַראַזיט, אַ שווינדלער; אַז מענטשן מאַכן זיך אַ פּאָעטישע קאַריערע אויפן חשבון פון די אָדער יענע אומגליק־לעכע קרבנות.

אָט־דאָס, זעט איר, האַלטן שוין די לינקע דיכטער פאַר אומבאַרעכ־טיקט. די לינקע דיכטער זאָגן, אַז איר האָט געשטעלט אונטער אַ חשד זייער ערלעכקייט, זייער אויפריכטיקייט, זייער גלויבן אין געוויסע אידייען! דאָס האָבן די לינקע דיכטער געוויס נישט פאַרדינט. איר, מיט אייער אוי־טאָריטעט, האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו דערציילן אייערע לייענער

אַזוינע מעשיות וועגן דיכטער, מיט וועמען איר זייט נישט מסכים אידעאָלאָגיש.

וואָרום עס באַקומט זיך דאָך פון אייער באַמערקונג, קאָלעגע ניגער, אַז רעוואָלוציאָנערע דיכטער זיינען עפּעס אַ מחנה היישעריקן אָדער וואָראַנעס, וואָס זיצן נאָר און וואַרטן אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אומגליק, כדי אים צו באַפאַלן מיט זייערע פּענעס און שלאָגן פון אים פּאָעטישן קאַפּיטאַל. צוריק מיט עטלעכע יאָר, זאָגט איר, זיינען מענטשן מיט פּענעס אין די הענט „מחנות׳ווייז באַפאַלן סאַקאָן און וואַנזעטין אָדער די סקאָטסבאָראָ־ייִנגלעך." איר דערציילט אייערע לייענער, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן „כלומרשט זיי צו שיצן", וואָס דערפון דאַרף זיך שאַפן דער איינדרוק, אַז די פאַרשיידענע פּאָעטן זיינען אויף אַן אמת גאָרנישט אויסן געווען צו פּראָטעסטירן קעגן אַן אומרעכט. ס׳איז נאָר געווען „כלומרשט" צו שיצן. איצט, זאָגט איר, זיינען בראַווע מענטשן זיך מוסר־נפש פאַר דער פרייהייט פון שפּאַניע — און דאָ פּראַוועט מען מליצות. „זיי און זייערע נאָענטסטע זיינען יעדע מינוט אין געפאַר אומצוקומען פון אַ פאַשיסטישער באָמבע — און דאָ מאַכט מען גראַמען."

די לינקע דיכטער האַלטן, אַז אויך דאָ האָט איר גענומען די זאַכן אין אַ צו פאַראייִנפאַכטער, מען קען זאָגן: וואוילגאַריזירטער פאָרמע, כדי צו האָבן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די לינקע פּאָעטן. אויב מען זאָל נעמען אייער באַשולדיקונג ווערטערלעך, וואָלט געדאַרפט אויסקומען, אַז נאָר די, וואָס געפינען זיך אויפן שלאַכט־פעלד אין שפּאַניע, מעגן שרייבן וועגן דעם שפּאַנישן בירגער־קריג, אַז נאָר די סקאָטסבאָראָ־ייִנגלעך אַליין מעגן שרייבן וועגן דעם פאַרברעך, וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען, און אַז נאָר די, וואָס געפינען זיך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטשלאַנד, מעגן שרייבן קעגן דעם היטלער־רעזשים. די לינקע דיכטער געפינען, אַז, ערשטנס, איז דאָס בכלל נישט ריכטיק; צווייטנס, אַז אָט־דעם האַרבן כלל ווענדט איר נאָר אָן צו די רעוואָלוציאָנערע דיכטער, וועלכע גייען צו מיט אַ קלאַסן־קוק צו די געשעענישן פון דער צייט. איר ווענדט אָבער נישט אָן דעם זעלביקן כלל צו נאַציאָנאַליסטישע דיכטער, וועלכע זינגען וועגן טאָג־געשעענישן מיט אַ כל־ישראל־ניגון.

די לינקע דיכטער זאָגן, אַז דערמיט, וואָס איר פאַרשווייגט דאָ די ראָלע פונעם דיכטער אַלס דיכטער, דערמיט וואָס איר לייקנט פאַרן דיכטער דאָס רעכט זיך אָפּצורופן אויף געשעענישן, אין וועלכע ער אַליין איז נישט באַטייליקט אַקטיוו, פאַרשטעלט איר נאָר אייער ווידערווילן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע בכלל. די לינקע דיכטער זאָגן, אַז אָנשטאָט אַרויס־

צוקומען און דערקלערן אָפן, אַז איר, ניגער, האָט פיינט רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע, קומט איר אַרויס און זאָגט, אַז מען דאַרף נישט זינגען וועגן לויפּנ־דיקע געשעענישן און אַז ווער עס זינגט וועגן זיי, איז אַ דיכטערישער פּאַראַזיט.

אגב, ווילן מיר אייך דערמאָנען, קאָלעגע ניגער, אַז וועגן סאַקאָ און וואַנזעטין האָבן געשריבן אַ סך דיכטער, וועמען איר אַליין האַלט נישט פאַר קיין פּאָעטישע שווינדלער. ה. לייוויק האָט געשריבן וועגן סאַקאָ און וואַנזעטין אַ רירנדיק ליד. ז. וויינפּער, וועמען איר האָט אין יענער צייט נאָך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן דיכטער — ער האָט דעמאָלט נאָך נישט אויסגעדריקט אין זיין פּריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, און בּיראָבּידזשאַן איז בּכלל אויף דער וועלט נישט געווען — האָט זיך אָפּגעע־רופן אויפן ענין סאַקאָ־וואַנזעטי מיט אַ לענגערער פּאָעמע. דעסגלייכן ב. לאַפּין, וועלכער איז ביי אייך איצט אויך פאַררעכנט צווישן די פירנדיקע דיכטער (וויינפּערן האָט איר אויסגעמעקט פון צווישן די באַדייטנדיקע דיכ־טער, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן באַווייזן אַ טענדענץ אויף לינקס — אַזאַ מאָדע איז שוין ביי אייך: איר האָט דאָס געטאָן מיט ראַבּאָין אויך).

ווען מען זאָל נעמען אייערע ווערטער, ווי זיי שטייען און גייען, וואָלט זיך געדאַרפט באַקומען, אַז אויב דער דיכטער איז אויפגערעגט, אויפגע־קאָכט, אויפגעבּרויזט צוליב אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער פּאַסירונג — און זיינע עמאָציעס זיינען דערביי פאַרשטאַרקט אָדער אפשר גאָר אַרויסגע־רופן דורך ענלעכע מאַסן־עמאָציעס צווישן ברייטע קרייזן פון זיין קלאַס — טאָר ער וועגן דעם נישט שרייבן, טאָר ער נישט אויסדריקן אין פּאָעטישע ווערטער די מאַסן־שטימונג, ווייל איר, קאָלעגע ניגער, וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַ „טינט־פּאַרפלייצעניש".

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס איר זאָגט דאָס נאָר בנוגע איין סאָרט דיכטער און נישט בנוגע אַ צווייטן.

די לינקע פּאָעטן געפינען, אַז דאָ באַווייזן זיך אייערע פּאָליטישע סימ־פּאַטיעס. די לינקע פּאָעטן האַלטן, אַז איר, דער קריטיקער ניגער, דער־לויבט אייערע פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס באַאיינפלוסן אייער ליטעראַרישן פּסק־דין.

ש. ניגער דער קריטיקער דערלויבט זיינע פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צו באַאיינפלוסן זיין ליטעראַרישן פּסק־דין. מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז ש. ניגער האָט צוויי עסטעטישע מאָסן: איינע פאַר פּאָליטישע פריינט, אַן אַנדערע פאַר פּאָליטישע געגנער. אַ ליטעראַריש ווערק פון גלייכן עסטעטישן ווערט איז ביי אים אין די אויגן טאַלאַנטפולער,

ווען דאָס האָט געשריבן אַ נאַציאָנאַליסט, און ווייניקער טאַלאַנטפול, ווען דאָס האָט געשריבן אַ רעוואָלוציאָנער. די פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט דעם רעוואָלוציאָנער, זיינען דעריבער אַ סך שטרענגער — איך וואָלט געזאָגט: אַ סך בייזער — ווי די פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט „אייגענע מענטשן".

איך וויל דאָס אילוסטרירן מיט אַ פּאָר ביישפּילן פון ניגערס לעצטע אַרטיקלען. מען וואָלט געקענט ברענגען הונדערטער ביישפּילן — ווען דער פּלאַץ וואָלט נאָר דערלויבט.

א) ניגער איז שטאַרק אומצופרידן, וואָס יידישע דיכטער האָבן אַזוי פיל געשריבן וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי און די סקאָטסבאָראָ־ייִנגלעך און וואָס זיי שרייבן איצט אַ סך וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג. אָפּגערעדט דערפון, וואָס ער גלויבט נישט די שרייבער; ער זאָגט, אַז די לידער זיינען געשריבן געוואָרן נאָר „כלומרשט זיי (די קרבנות) צו שיצן", וואָס דאָס הייסט, אַז די אמתע כוונה פון די רעוואָלוציאָנערע דיכטער איז גאָר אַ פּערזענלעכע, אַ פּאַראַזיטישע. ניגער איז גלאַט נישט צופרידן מיט דעם גאַנצן ענין. מען שרייבט, זאָגט ער, צופיל אויף געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעמעס. עס איז דאָ, זאָגט ער, אַן אמתע „טינט־פּאַרפּלייצעניש". דאָס איז, דערקלערט ער, אי נישט נויטיק, איז נישט מאָראַליש. מענטשן זיצן אין דער היים — און שרייבן וועגן שלאַכטן. „בכלל — זאָגט ניגער — איז עס, דוכט זיך מיר, שפיכת דמים צו שרייבן מיט ... פרעמד בלוט" („טאָג", 10טן יאַנואַר, 1937).

איז, הייסט עס, אויף טאָג־פראַגן ניט נויטיק צו שרייבן, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן פרעמד בלוט. אָבער אין זיין גאַנצער ליטעראַרישער קאַריערע האָט ניגער קיינמאָל נישט אָנגעשריגן אויף יידישע דיכטער, פאַר־וואָס זיי מאַכן אַ „טינט־פּאַרפּלייצעניש" וועגן אויפבויען ארץ־ישראל, וועגן חלוצים, וועגן יידישע צרות אין גלות אָדער וועגן די שלעכטיקייטן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ניגער האָט אַזוינע דיכטער געקריטיקירט: דעם גע־לויבט מער, יענעם ווייניקער. אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געטענהט, אַז מען וואַרפט זיך צופיל מיט נאַציאָנאַליסטישע אָדער רעליגיעזע אָדער קאָנ־טער־רעוואָלוציאָנערע טעמעס, כאָטש אָט־די טעמעס זיינען דאָך מער באַ־האַנדלט געוואָרן פון יידישע פּאָעטן, ווי אַ שטייגער, סקאָטסבאָראָ אָדער מאַדריד. עס איז אַ פאַקט, אַז וויפיל יידישע דיכטער זאָלן ניט זינגען וועגן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט — אַבי נאָר זיי זינגען אויף אַ נאַציאָנאַליסטישן נוסח — האָט ש. ניגער קיינמאָל נישט געוואַגט — און נישט געוואָלט און נישט געטראַכט — דעקלאַרירן, אַז זיי שרייבן מיט פרעמד בלוט.

צוויי וועלט־אַנשויאונגען — צוויי מאָסן.

ב) ז. ווײַנפּער האָט פאַרעפנטלעכט דעם צווייטן באַנד פון זיינע „יידי־שע שרײַפטשטעלער", וואו ער באַהאַנדלט אויך א. ראַבאָין. ז. ווײַנפּער האָט געפרעגט: „איז ראַבאָי כאָטש איצט נישט ווינציקער קינסטלער, ווי פריער", איידער ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט? און ער ענטפערט, אַז „נישט וועגן דעם האַנדלט זיך". „וויכטיק איז — שרײַבט ווײַנפּער — וואָס א. ראַבאָי דינט זיין אידעאַל אויפריכטיק און ערנסט, שפּאַנט טראָט אין טראָט מיטן אַרבעטער־קלאַס, גיט אים אַפּ אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט: זיין וואָרט ווי זיין לעבן."

ש. ניגער איז נישט צופרידן מיט ווײַנפּערס צוגאַנג. ש. ניגער הויבט־אויף די פאָן פון הונדערט־פּראָצענטיקער קונסט — ער איז אַלעמאָל הונדערט־פּראָצענטיק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן לינקע. „אויב א. ראַבאָי גיט אַפּ דעם אַרבעטער־קלאַס זיין וואָרט — שרײַבט ער — איז דאָך אפשר טאַקע וויכטיק צו וויסן, וואָס פאַר אַ וואָרט ער גיט אים, — אַ מער־קינסטלעריש אָדער אַ ווינציקער קינסטלעריש וואָרט?" ש. ניגער פאָ־דערט קונסט. ער איז דער כהן־גדול פון קונסט. אים וועסטו מיט אויפ־ריכטיקייט, ערנסטקייט, אַרבעטער־פרײַנטשאַפט, וואַרימקייט און ליב־שאַפט צו די אונטערדריקטע ניט נאַרן. ער וויל איינס: דאָס גאָלדענע רענדל פון קונסט. „אויפריכטיקייט און ערנסטקייט איז געוויס זייער נוי־טיק פאַר אַ קינסטלער — שרײַבט ער — אָבער כדי ער זאָל האָבן וואָס צו טאָן מיט אָט־די צוויי גוטע זאַכן און כדי ער זאָל וויסן, וואָס מיט זיי צו טאָן, מוז ער זיין אַ קינסטלער."

מען וואָלט געקענט אָנווייזן ניגערן, אַז אויפריכטיקייט און ערנסט־קייט זיינען אַליין אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם, וואָס ס׳רופט זיך קונסט, אַז טאַלאַנט איז נישט עפּעס אַ פאַרגליווערטער אָביעקטיווער אינסטרו־מענט, אָפּגעטיילט פון דעם לעבעדיקן מענטשן, נאָר אַליין אַ מענטשלעכע אייגנשאַפט, באַפאַרבט, באַשטימט און געריכטעט דורך אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און קאָנפליקטן. מ׳וואָלט געקענט אָנווייזן ניגערן, אַז אויב אַ מענטש דינט זיין קלאַס אויפריכטיק און ערנסט, קען ער דערמיט אַרויס־רופן ביי זיין קלאַס אַ גרעסערן אָפּקלאַנג און אים שטאַרקער באַווירקן אַלס קינסטלער, ווי איינער, וואָס האָט די זעלביקע שרײַב־פעיקייטן, נאָר ער דינט נישט דעם זעלביקן קלאַס. אָבער ניגערן דאַרף מען דאָס נישט זאָגן. ער ווייסט דאָס אַליין — ווען עס קומט צו יוסף יפה.

יוסף יפה איז אַ זיסער, האַרציקער, אָבער שוואַכער פּאָעט. דאָס ווייסט ניגער. דאָס ווייסט, דאַכט זיך, יפה אַליין. אָבער ניגער האָט אים ליב.

די לידעלעך, וואָס יפה שרייבט — אַלטמאָדיש, פֿנלקסטימלעך, וואָרעם — זיינען ניגערן שטאַרק צום האַרצן. פֿאַרגעסט דאָ ניגער די שטרענגע פֿאָדערונג פֿון קונסט. קוועלט ער אָן פֿון יפהן נאָר דערפֿאַר, וואָס אים געפֿעלט זיין געמיט. „וועט איר גיין פֿרעגן קשיות וועגן דער מדרגה פֿון קינסטלערישקייט — שרייבט ער — ווען אַ מענטש קען אַזוי פּשוט ריידן און נאָך שמייכלען דערביי? איז דאָס אַליין נישט אַ מדרגה?“ („יוסף יפה און זיינע געזאַנגען“, אין „טאָג“ פֿונעם 3טן יאַנואַר). קינסטלעריש־קייט, הייסט עס, איז שוין גאָרנישט אַזוי וויכטיק, ווען אַ מענטש קען גוט שמייכלען און האַרציק ריידן. דער שמייכל און די גוטסקייט פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון קונסט. „מיר גייען אויף די שפּורן פֿון זיין (יפה׳ס) אינער־וויניקסטן לעבן, אין ליכט פֿון זיין געמיט, וואָס איז אונדז נאָענט געוואָרן. מיר זוכן נישט קיין קונסט. און אַז מיר געפֿינען זי, איז עס אַ געשענקטע זאַך.“ ביי ראַבאָין איז אָבער דאָס ליכט פֿון זיין געמיט נישט גענוג. דאָס, וואָס ראַבאָי גיט אָפּ זיין קלאַס אַלצדינג, וואָס ער פֿאַרמאָגט: זיין וואָרט און זיין לעבן, איז פֿאַר ניגערן גאָרנישט קיין שרייבערישער פֿאַרדינסט. ניגערן רירט נישט ראַבאָיס אינעווייניקסטער לעבן. ווען עס קומט צו ראַבאָין, שטייט ניגער און וועגט און מעסט דעם פּראָצענט פֿון קונסט: דאָ איז ער שוין כּלל נישט דאַנקבאַר פֿאַר דער קונסט, ווי פֿאַר אַ „גע־שענקטער זאַך“. דאָ איז ער אַן אומדערבאַרעמדיקער מאָנער.

צווייערליי צוגאַנגען — צווייערליי מאָסן.

ג) ווען עס קומט צו רעוואָלוציאָנערע דיכטער, צו דיכטער וואָס שרייבן לידער וועגן די סאָציאַלע קאַמפֿן פֿון היינט, מעסט ש. ניגער מיט דער מאָס פֿון אייביקייט. מיט וויניקער ווי אייביקייט קען מען אים נישט באַפֿרידיקן. „בכלל דוכט זיך מיר — שרייבט ער — אַז כּדי צו שאַפֿן צייט־לידער, מוז מען זיין אַזאַ פּאָעט ווי אַלעקסאַנדער בלאָק (ווי אַזוי אַ דיכטער קען וויסן, צי ער איז אַזוי גרויס ווי אַלעקסאַנדער בלאָק, צי נישט — ווערט נישט דערקלערט. זאָל ער זיך אפשר ווענדן צו ניגערן נאָך סמיכה? — מ. אָ.). מען מוז גובר זיין גרויסע שטערונגען, ווען מען שרייבט וועגן צייט־זאַכן. מען מוז זיי, פֿריער פֿון אַלץ, באַפֿרייען פֿון דעם ריין־צייטלעכן, וואָס איז דאָ אין זיי. מען מוז זיי אויפֿהויבן איבער זיי אַליין. דורך דאָס (דעם), וואָס פּאַסירט איצט, מוז מען זען דאָס געוועזענע אין דאָס קומענדיקע. די צייט מוז ווערן אַן אָנצוהערעניש אויף דעם איבערצייטלעכן“ („נייע צייט־לידער“, אין „טאָג“, 20טן דעצעמבער, 1936).

דער זין פֿון אָט־די געהויבענע ווערטער איז — אַז לידער טאָרן נישט אָנווערן זייער ווערט. לידער, וואָס ווערן געשריבן היינט, וועגן וואָס זיי

זאָלן נישט געשריבן ווערן, דאַרפן האָבן דעם זעלביקן ווערט אייביק און אייביק, אַנישט זיינען זיי נישט ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זיינען געשריבן. לידער געשריבן מיט צען יאָר צוריק וועגן סאַקאָן און וואַנזעטיק, דאַרפן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון צייט: „אפילו פאַר יענעם מאָמענט האָבן זיי קיין ווערט נישט געהאַט, סיידן זיי האָבן אַ ווערט נאָך איצט אויך."

קלאָרע שטרענגע דבורים.

אָבער אַט שרייבט ניגער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דוד איינהאָרנען — און וואָס איז געבליבן פון דעם שטרענגן פּרינציפּ?

ניגער ווייסט — ער מוז וויסן, ער האָט גענוג קריטישן חוש צו וויסן — אַז פון דעם היינטיקן שטאַנדפּונקט איז איינהאָרן פון די „גוטע אַלטע יאָרן" אַ גאָר שוואַכער פּאָעט. „לאַנגזאַם, לאַנגזאַם שאָקלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּל" . . . „אַך, זיי, מיין געליבטע, אַ צאַרטע לעגענדע"... געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפילה"... אויף די סטרונעס מיט צערטלעכע פינגער" . . . „אַז דו וועסט אַוועקגיין, תּהילים וועל איך זאָגן"... באַנאַל. אָפּגעלעבט. אויסגעדראָשן. אומבאַהאָלפן. אַ ליאַדע זעקסט־קלאַסיקער פּאָעט קען היינט זינגען שענערע פערזן. די יידישע פּאָעזיע האָט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר געמאַכט ריזיקע טריט פאָראויס. איינהאָרן איז געבליבן הינטן. איר לייענט זיינע לידער — און איר פרעגט זיך: איז דאָס מעגלעך, אַז דער מענטש איז אַמאָל געווען אַ פירנדיקער פּאָעט?

קורץ: איינהאָרן האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון צייט. ער איז געווען אַ פּאָעט — לכל־הפּחות פאַר די נאַציאָנאַליסטן־יידישיסטן — צוריק מיט 20־25 יאָר. ער איז נישט קיין פּאָעט היינט. זיין פּאָעזיע האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט „איבערצייטלעך", נאָר גראָד צייטלעך.

וואָס טוט ניגער? ער שרייבט איינהאָרנען אַ לויב־געזאַנג אונטערן נאָמען „דער פּאָעט פון אַ דור" („טאָג", 5טן יאַנואַר, 1936), און דאָ פאָדערט ער דווקא נישט, אַז איינהאָרן זאָל זיין אַ פּאָעט פאַר דער אייביקייט, ד"ה, אויך פאַר אונדז, היינטיקע מענטשן, און דאָס הייסט אויך פאַר דעם ש. ניגער פון היינט. ניגער זאָגט נישט, אַז אויב איינהאָרן איז געווען אַ צייטלעכער פּאָעט, איז ער בכלל נישט קיין פּאָעט. ער גיט אים אַ שבח, אַז ער איז געווען דער פּאָעט פון אַ דור — געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. „אַ גאַנצער דור האָט (צווישן 1904 און 1914) געטראָגן אין זיך די סתירה, וועלכע איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר איינהאָרנס פּאָעזיע פון יענער צייט." דאָס איז פאַר ניגערן גענוג. ער שטייט מיט דרך־ארץ פאַר דעם

אָנדענק פונעם אַמאָליקן איינהאָרנען. „לאָמיר זיך דערמאָנען אָן זיין — און אונדזער — יוגנט. לאָמיר געדענקען די צייט, ווען ער איז געווען דער פּאָעט פון אַ דור.“

אַ זכות געפונען. דער שטרענגער שופט ווערט מילד און ליב צום אייגענעם מענטשן. דער עסטעטישער פּרינציפּ, דער קונסט־פּרינציפּ, דער אייביקייט־פּרינציפּ איז פאַרגעסן. אַ דיכטער — אַ נאַציאָנאַליסט האָט אין אַ געוויסער צייט אויף אַ געוויסן אופן געדינט אַ געוויסן טייל פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ. לאָמיר־זשע אים שאַצן פאַר דעם, וואָס ער האָט געגעבן אַמאָל. פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן לאָמיר אָבער פאָדערן „איבערצייטלעכקייט“ — און אויב זיי זיינען נישט קיין בלאָקס, זאָלן זיי בעסער נישט געבוירן ווערן.

צוויי מאָסן, צוויי פּרינציפּן. איז ווי זאָל מען נישט זאָגן, אַז די מאָסן ווערן דיקטירט פון פּאָליטישע מאָטיוון, וואָס האָבן גאָר ווייניק צו טאָן מיט עסטעטיק?

לייוויק און הירש לעקערט

1.

לעקערט געהערט דעם אַרבעטער־קלאַס — און לעקערטס ביישפּיל האָט דערמונטערט און באַגייסטערט מיליאָנען אַרבעטער אין משך פון דרייסיק יאָר.

דאָס איז גוט פאַר די אַרבעטער; דאָס איז שלעכט פאַר די קאַפּי־טאַליסטן. עס איז אין די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטן צוצונעמען לעקערטן ביי דער אַרבעטער־מאַסע.

ווי פירט מען עס דורך? דערויף זיינען פאַראַן אַלערליי וועגן.

מען קאָן דאָס טאָן אויף אַ פּאָליציייאישן אופן. מען קען זאָגן די אַרבעטער גאַנץ פּשוט, אַז לעקערטס ביישפּיל איז מאָרד — און ס'איז אומגעזעצלעך, און דעריבער איז דאָס נישט גוט. פאַראַן אַזוינע אָפּגע־שטאַנענע עלעמענטן, וואָס דאָס איז פאַר זיי נאָך אַן אַרגומענט.

מען קען דאָס טאָן „אידעלער", — ווי דאָס טוט אַ שטייגער, דער „בונד". מען קען זאָגן, אַז לעקערטס טאַט איז טאַקע געווען שיין, אָבער פּאָליטיש איז דאָס געווען אומריכטיק און דעריבער שעדלעך, און די אַרבעטער האָבן זיך נישט וואָס צו לערנען ביי אַזוינע היץ־קעפּ, ווי לעקערט. אויך אַזאַ דערקלערונג קען האָבן אַן איינפלוס.

מען קען דאָס טאָן מיט נאָך גרעסערער „פיינקייט". מען קען זיך, למשל, באַרופן אויף „אייביקער מאָראַל" און „מענטשלעכע ווערטן". מען קען זאָגן, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז הייליק, אַז קיין איינציקער מענטש טאָר זיך נישט אָנוועקזעצן אַלס ריכטער איבער אַ אַ צווייטן מענטשן צו באַשטראָפן אים מיטן טויט, און אַז ווער עס הויבט אויף די שווערד, דער וועט פאַלן פון דער שווערד. דאָס איז די טעאָריע פונעם פּאַציפיזם און אויך דאָס קען אָפּעלירן צו אייניקע אַרבעטער־עלעמענטן.

פאַראַן אָבער אַ גרויסע צאָל אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן די געזונטע באַציאונג צו לעקערטן, וואָס פאַרשטייען זיין ראָליע, וואָס

אַרטיקל 1 — „מאָרגן־פרייהייט", 16טן יוני, 1932. אַרטיקל 2 — „מאָרגן־פריי־הייט", 27טן יוני, 1932.

זיינען דערמונטערט דורך זיין אָנדענק און וואָס וואָלטן אַ בעלן געווען, אַז אַ סך אַרבעטער זאָלן זיין אַזוי באַגייסטערט, אַזוי רעוואָלוציאָנער, אַזוי פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַרישן כּלל און אַזוי גרייט צום קאַמף, ווי הירש לעקערט. פאַר זיי איז דער פּאַציפיזם נישט קיין באַווייז. אויך דער אַנ־ווייז אויף פּאָליטישער אומריכטיקייט איז פאַר זיי נישט קיין באַווייז, ווארום זיי פאַרשטייען, אַז פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע דאַרף אַלעמאָל אַריינגעגאָסן ווערן אין די פורעמס, וואָס זיינען אַמבעסטן צוגע־פּאַסט צו אָרט און צייט. פאַר זיי איז דער ענין לעקערט אַליין אַ קוואַל פון שטאָלץ און מוט.

צונעמען ביי זיי לעקערטן איז נישט לייכט. דאָ דאַרף מען שוין פּרואוון נאָך קונציקערע פּראָפּאַגאַנדע. רוקט מען אַרויס — די לייוויקס.

וואָס זאָגט לייוויק?

ער וויל, קודם־כּל, באַשאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז גאָר־גאָר באַ־גייסטערט מיט הירש לעקערטן. „לעקערט — דאָס געוויסן, דאָס רעוואָ־לוציאָנערע געוויסן" („יידיש", נ׳ 5, „30 יאָר לעקערט"). וואויל, פיין. אַ טייערער לעקערט. „לעקערט — דער מאַרטירער". לעקערט — „וואונ־דערלעך פּראָסט, קינדעריש". איז דאָך גוט? ניין, איז טאַקע ערשט נישט גוט. לייוויק זאָגט דאָס אַלץ, כּדי אונטערצושטרייכן, אַז ער איז נישט מסכּים מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז נישט מסכּים מיטן קוק אויף לעקערטן. וואָס איז שלעכט אין דעם קוק? לייוויק באַקלאָגט זיך, אַז עס איז שוין גאָר, גאָר שלעכט. די אַרבעטער־באַ־וועגונג האָט אַרויסגעוויזן צו לעקערטן אַ „גראָבע אומדאַנקבאַרקייט". מען האָט אים „געקריוודעט".

אין וואָס, מיינט איר, באַשטייט די „אומדאַנקבאַרקייט" און די „קריוו־דע"? זי באַשטייט אין דעם, וואָס מען האָט געקוקט אויף לעקערטן, ווי אויף אַ רעוואָלוציאָנער. דאָס איז נישט גוט. טאַקע גאָר, גאָר נישט גוט.

„נאָר דעם קנאַל פון לעקערטס רעוואָלווער האָט מען אויפגעכאַפּט, נאָר דעם שאָס, און נאָר דעם נוץ פונעם שאָס."

אָט דערמיט איז לייוויק נישט צופרידן. מען האָט זיך גערעכנט נאָר מיט לעקערטן אַלס דעם רעוואָלוציאָנער און נאָר מיט דער באַדייטונג פון לעקערטס אַקט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

דאָס, זאָגט לייוויק, איז „אומבאַציאונג", דאָס הייסט „דורכגאַלאָפּירט איבער דעם קבר זיינעם מיט האַרטע שטאָלענע פּאַדקאָוועס."

וואונדערט איר זיך: וואָס דען איז לעקערט, אויב נישט אַ רעוואָ־לוציאָנער? וואָס איז גרויס אין דעם אַקט, אויב נישט דער „נוץ", דאָס

הייסט דער ווערט פאַר דער רעוואָלוציע, פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס?

טראַכט איר זיך: וואָס דרייט ער אַ ספּאָדיק?

פאַרגעסט־זשע אָבער נישט, אַז דאָס איז דער גאַנצער צוועק פון דער אָפּהאַנדלונג: דרייען אַ ספּאָדיק.

ליוויקן אינטערעסירט נישט דער שאָס אַליין; אַזוי לאָזט ער אונדז וויסן. אים אינטערעסירט נישט די באַדייטונג פונעם שאָס. אים, פאַר־שטייט איר מיך, אינטערעסירט דאָ בכלל נישט די אַרבעטער־זאַך. „לע־קערט, זאָל מען אַלעמאָל געדענקען, איז געגאַנגען שיסן פאַן וואָלן נישט נאָר דערפאַר, וואָס פאַן וואָל האָט געשמיסן אַרבעטער.״ דאָס שמייסן פון אַרבעטער איז נישט גענוג אַלס מאָטיוו. דאָס איז אויך נישט אַזוי וויכטיק. לעקערט האָט געשאָסן פאַן וואָלן „דערפאַר, וואָס פאַן וואָל האָט געשמיסן לייב, געשענדעט דעם מין מענטש.״

לעקערט, הייסט עס, הערט אויף צו זיין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָ־לוציאָנער. ער ווערט אַ הומאַניטאַרישער ריטער פון לייב. ער האָט זיך אָנגענומען נישט פאַר די אַרבעטער, וואָס האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם. ער האָט פאַרטיידיקט נישט די רעוואָלוציע און דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם. ער האָט פאַרטיידיקט דאָס הייליקע לייב.

און אויב אַזוי איז שוין ליוויקן גוט, מחיה. לעקערט ווערט אויס פּראָלעטאַרישער מיוחס. אויס רעוואָלוציאָנער. ער ווערט אַ קדוש. ער שטייט אויף איין ברעטל מיט גאַנדין.

די אָביעקטיווע באַדייטונג פון לעקערטס אַקט פאַרשווינדט. עס בלייבט די סוביעקטיווע זייט: לעקערט — אַ טשיקאַווע פּאַרשוין, לעקערט — אַ פּסיכאָלאָגישע צאַצקע.

און אויב אַזוי, דאַרף מען שוין נישט אונטערזוכן די אָביעקטיווע, די געזעלשאַפטלעכע, די פּאָליטישע זייט פון לעקערטס אַקט; מען דאַרף זיך נעמען צו די אינווייניקסטע קלייניקייטן. דעקלאַמירט ליוויק: „וואָס ווייסן מיר פון לעקערטס לעבן? וואָס ווייסן מיר, וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן אין זיין אָרעמען (אָרעמער) שטוב? ווער האָט געפּאַרשט זיין קינד־הייט? ווער האָט זיך אינטערעסירט מיט זיין יוגנט?״

פאַרגעסט דעם רעוואָלוציאָנערן אַקט. פאַרגעסט די אַרבעטער־זאַך. שטעלט אַוועק לעקערטן נישט אַלס אַ מוסטער פון אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אַלס דעם „נס״ און דעם „וואונדער״ פון אַ וואוילער פּערזאָן.

מען וואָלט געקענט פרעגן ליוויקן: לעקערט ווערט דאָך לעקערט ערשט דורך זיין אַקט? אַלע אויספאָרשונגען וועגן לעקערטן באַקומען דאָך אַ זין ערשט צוליב דעם, וואָס לעקערט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער.

אויב מען מעקט אויס דעם „נוץ פונעם שאָס“, בלייבט דאָך נישט וואָס צו פאַרשן, ווייל ס'איז נישטאָ קיין לעקערט?

אָבער מיר ווען פרעגן אַן אַנדער פראַגע:

אָנגענומען, אַז עס איז דאָ אַן אויפריכטיקער יונגער ווייס־גוואַרדייער, וואָס גלויבט ערנסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן געשענדעט דאָס רוסישע פאָלק. אָנגענומען, אַז דער ווייס־גוואַרדייער גייט אַוועק און שיסט אויף אַ קאָמוניסטישן פירער און איז דערמיט מקריב זיין אייגן לעבן. איז דאָ דאָך אויך דאָ „דער נס“ און „דער וואונדער“. דאָ איז אויך דאָ „מאַר־טירערטום“. דאָ מאַכט מען אויך דעם שאָס, ווייל מען גלויבט, אַז מען האָט „געשענדעט דעם מין מענטש“. דער „נוץ“ פונעם שאָס איז דאָך דאָ נישט וויכטיק, פונקט ווי ביי לעקערטן. וויכטיק איז די כוונה. אַ יאָ, מר. ליוויק? איז עס נישט אמת, אַז לויט אייער „מענטשלעכקייט“ איז דער „ווייס־גוואַרדייער פונקט אַזאַ „נס“, ווי לעקערט?

איז דאָס נישט דער צוועק פון אייער גאַנצער לאָמענטאַציע?

און טאָמער וועט עמיצער מיינען, אַז מיר קריוודען, חלילה, ליוויקן, וועלן מיר דערמאָנען, אַז ליוויק אַליין זאָגט דאָס — כאָטש נאָר מיט האַלבע ווערטער. ער שרייבט:

„היינט שענדן אַלע דעם מין מענטש.

„אַמאָל האָט געשענדעט דער תליון, דער פייניקער; היינט שענדעט אויך דער געפייניקטער.

„אַמאָל האָט געפייניקט דער שענדער, — היינט פייניקט אויך דער געשענדעטער.

„אַלע, אַלע שמייסן היינט איבער דעם מענטשלעכן לייב.“

דאָס איז אַ קאָפּולער אַנצוהערעניש אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אויף דער „גע־פּע־או“. נישט אַזוי, מר. ליוויק?

מען וואָלט אייך געפרעגט, פאַרוואָס איר זאָגט דאָס נישט אָפן. אָבער אַזוי איז שוין אייער ווייסטע ראָלע: בייסן פון הינטן אַרום מיט אַ מינע פון „הייליקייט“ און „נסים“.

2.

פון ה. ליוויקס ענטפער אויף מיין אַרטיקל איז קלאָר איין זאַך — אַז ער איז שטאַרק אין כעס, טאַקע ביז היסטעריקע מיט אַ קוויטש („יידיש“, נומ. 7).

אָבער היסטעריקע איבערצייגט נישט, און מעג אַ קוויטש באַפרידיקן דעם קוויטשער, — אין פּאָלעמיקע איז דאָס אַ שוואַך געווער.

וועלן מיר לאָזן דעם קוויטש אָן אַ זייט און באַטראַכטן, וואָס ס׳האָט אַזוי אַרויסגעבראַכט לייוויקן פון די כלים. „איך האָב", זאָגט לייוויק, „אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער וועגן הירש לעקערטן. איך האָב אַרויס־געוויזן מיין באַוואונדערונג און ליבשאַפט צו לעקערטן. איך האָב גע־זאָגט, אַז לעקערט האָט זיך אָנגענומען נישט נאָר פאַר דער קריוודע פון אַרבעטער, נאָר אויך פאַר דער קריוודע פון געשענדעטן לייב, ווייל ס׳איז באַליידיקט געוואָרן דער מין מענטש". אַזוי גיט לייוויק איבער דעם אינ־האַלט פון זיין אַרטיקל. און אַז ער האָט אים אַזוי פיין איבערגעגעבן, שטעלט ער זיך אָוועק אין אַ פּאָזע פון אַ נגזל און פרעגט:

„וואָס קאָן מען אויסזעצן קעגן דעם?"

מען קאָן שוין גאָר אַ סך „אויסזעצן", מיסטער לייוויק.

מען קאָן, ערשטנס, „אויסזעצן", אַז איר האָט אין אייער צווייטן אַר־טיקל געפעלשט דעם אינהאַלט פון אייער ערשטן אַרטיקל. אין אייער ערשטן אַרטיקל האָט איר געשריבן, אַז לעקערטס שאָס איז נישט וויכטיק, אַז די פּאָליטישע באַדייטונג פון לעקערטס אַקט איז פאַר אייך נישט דער עיקר. איר האָט זיך דאָרטן געקלאָגט, אַז די „אָפיציעלע אַרבעטער־באַ־וועגונג" האָט „דורכגעלאָפירט איבער דעם קבר זיינעם (לעקערט׳ס) מיט האַרטע שטאָלענע פּאַדקאָוועס", ד"ה, אַז מען האָט לעקערטן שלעכט באַ־האַנדלט, מען האָט אים פאַרגעוואַלטיקט. איר האָט געשריבן, אַז די רע־וואָלוציאָנערן האָבן אַרויסגעוויזן צו לעקערטן אַ „גראָבע אומדאַנקבאַר־קייט", אַן „אומבאַצייאונג". פאַרוואָס? ענטפערט איר דאָרט: „נאָר דעם קנאַל פון לעקערטס רעוואָלווער האָט מען אויפגעכאַפּט, נאָר דעם שאָס און נאָר דעם נוץ פון שאָס", ד"ה, נאָר די פּאָליטישע, די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון לעקערטס אַקט האָט מען אויפגעכאַפּט, מ׳האָט געערט לע־קערטן אַלס דעם רעוואָלוציאָנערן קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך. קעגן דעם האָט איר פּראָטעסטירט. איר האָט געפּרוּווט מאַכן פון לעקערטן נישט אַ קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך, נאָר אַ קעמפער פאַרן מין מענטש סתם; איר האָט געוואָלט איינריידן דעם עולם, אַז דער עיקר אין לעקערטן איז נישט די רעוואָלוציע, נישט דער קאַמף פאַר אַרבעטער־באַפרייאונג, נאָר די שיינע, פּאָעטישע סענטימענטן; איר האָט געוואָלט מאַכן פון לעקערטן נישט אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אַן „אַלגעמיין־מענטש־לעכן" „הייליקן". איבערגעבנדיק אין אייער צווייטן אַרטיקל דעם אינהאַלט פון אייער ערשטן אַרטיקל, האָט איר דאָס אַלעס — צוליב אייער באַ־קוועמלעכקייט — פאַרשוויגן.

מען קאָן „אויסזעצן", צווייטנס, אַז איר האָט נישט דעם מוט צו פאַר־

טיידיקן אייערע באַהויפּטונגען. מיר וועלן צו אייך זיין מילד און צו־געבן, אַז אפשר האָט איר נישט דעם מוט צו ציען די שלוסן פון אייערע אייגענע באַהויפּטונגען. איר האָט עפּעס דעקלאַרירט; אַרויסגעשטעלט אַ טעזיס: נישט רעוואָלוציאָנער, נאָר „מענטש״; נישט רעוואָלוציאָנערער אַקט, נאָר „נס״. ווען מ׳האָט אָנגעוויזן אויפן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון אייער טעזיס, פאַלט איר אַריין אין היסטעריקע און שרייט וועגן „פאַרקריפּלען״ אייער „געדאַנק״ און „איבערדרייען קאַפּויר״ אייערע ווערטער. אדרבא, וואָס האָט איר געהאַט פאַר אַ „געדאַנק״ אין אייער ערשטן אַרטיקל? ווי אַזוי האָב איך „איבערגעדרייט קאַפּויר״ אייערע ווערטער? מאַכן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַהויפּטונג — אונטער אַ מאַסקע פון שיינע סענטימענטן — און נאָכדעם רעזערטירן פון אָט־דער באַהויפּטונג און נאָך קוויטשען, אַז יענער האָט אייך באַ׳עוולה׳ט אויף טויט — דאָס איז גאַרנישט „יושרדיק״, מיסטער לייוויק.

מען קאָן, דריטנס, „אויסזעצן״, אַז איר מאַכט זיך תמ׳עוואַטע, ווען איר פרעגט מיך מיט אַ טאָן פון אַ באַליידיקטער אומשולד: „וואָס כּיכיקעט איר אַזוי פונעם וואָרט „מענטש?״ איר ווייסט זייער גוט, פאַרוואָס מיר, קאָמוניסטן, האָבן נישט קיין פאַרטרויען צום וואָרט „מענטש״. מיר וועלן פון אייך נישט פאָדערן קיין באַקאַנטשאַפט מיט דער קאָמוניסטישער טעאָריע, אָבער ווען איר וואָלט זיך אַ גראָב געטאָן כאַטשבי אין דעם, וואָס מ׳האָט אייך אַמאָל געלערנט אין „בונד״, וואָלט איר נישט געפרעגט אָט־די פראַגע. זיי זיינען נישט געווען קיין אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן, די אַמאָליקע בונדיסטן, זיי זיינען געווען דורכגעפרעסן מיט אָפּאָרטוניזם. אָבער אפילו ביי זיי האָט איר געקענט געוואויר ווערן, אַז עס איז די בורזשואַזיע, וואָס אָפּערירט מיטן וואָרט „מענטש״, בשעת דער אַרבעטער־קלאַס אין זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף אָפּערירט מיטן וואָרט „קלאַס״. ווילט איר אונדז איינריידן, אַז איר פאַרשטייט נישט אָט־דעם אלף־בית? קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז איר האָט נישט געהערט, ווי אַזוי קלאַסן־באַוואוסט־זיניקע אַרבעטער פאַרשטייען דעם בורזשואַזן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון די לאָזונגען: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט?״ מיס־טער לייוויק, צו אָט־די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע בורזשואַזע לאָזונגען גע־הערן אויך אייער „מענטשלעכקייט״ און אייער „מענטש״. סתם „מענטש־לעכקייט״ אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם איז בורזשואַזע מענטש־לעכקייט; סתם „מענטש״ איז בורזשואַזער מענטש. איר טרעט אַרויס אין אייער אַרטיקל קעגן קלאַסן־באַגריף און פאַר דעם מענטש־באַגריף, מיט וועלכן די בורזשואַזיע פרואווט באַשווינדלען די אַרבעטער. איר זענט אַ

בורזשואַזער אַגיטאַטאָר, מיסטער לייוויק, און איר האָט נישט דעם מוט צוצוגעבן דעם פאַקט.

מען קאָן, פערטנס, „אויסזעצן״, אַז איר האָט געמאַכט אַן אַטאַקע אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און איצט פּרוּווט איר פאַרווישן די שפּורן. דערמאָנט זיך נאָר די פאַקטן. איר טרעט אַרויס מיט אַ פייערדיקן פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מ׳האָט, לויט אייער מיינונג, באַ׳עוולה׳ט לעקערטן. איר טענה׳ט, אַז „נאָר אַ פּאָר מאָגערע בראָשורקעס זיינען דאָ (וועגן לעקערטן) — נישט מער״. איר ווייסט זייער גוט — און מיר אַלע ווייסן — אַז די „בראָשור־קעס״ (אגב, עטלעכע גאַנץ באַדייטנדיקע זאַמלונגען) זיינען דערשינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איר ווייסט, אַז די פליכט פון פאַרשן לעקערטס לעבן פאַלט קודם־כל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל דאָרט איז דאָ די מעג־לעכקייט, און ווייל הירש לעקערט געהערט דער רוסישער רעוואָלוציע. איר זיינט מיט דער באַהאַנדלונג פון לעקערטן נישט צופרידן. איר פּראָטעס־טירט. איר ענדיקט מיט דעם, וואָס איר דעקלאַמירט וועגן „מין מענטש״. איר שרייבט:

„און גראָד דאָס וויל מען היינט נישט געדענקען.
„און גראָד היינט, אין צייט פון גאולה, אין צייט פון איינשטעלן נייע גע־רעכטיקייט — צייטן, וועגן וועלכע לעקערט האָט קינדעריש־פאַרביק געחלומט.
„און גראָד היינט קומט נישט קיין לעקערט!
„ווייל היינט שענדן אַלע דעם מין מענטש.
„אַמאָל האָט געשענדעט דער תלין, דער פּייניקער; היינט שענדט אויך דער געפּייניקטער.
„אַמאָל האָט געפּייניקט דער שענדער, — היינט פּייניקט אויך דער גע־שענדעטער.
„אַלע, אַלע שמייסן היינט איבערן מענטשלעכן לייב.״

איז וועמען־זשע האָט איר געמיינט מיט אָט־דער דעקלאַמאַציע, מיס־טער לייוויק?

שטעלט אָפּ אייער היסטעריקע און טוט אַ קוק: איר רעדט וועגן לעקערטן, איר האָט אינזינען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, איר זאָגט אין אייער פּאָעטישער שפּראַך, אַז ס׳איז „די צייט פון גאולה״, דאָס הייסט, די צייט פון רעוואָלוציע, די צייט פון „איינשטעלן נייע גערעכטיקייט״, דאָס הייסט די צייט פון איינשטעלן אַ נייע אָרדענונג. איר באַקלאָגט זיך דערביי, אַז ס׳איז ניטאָ קיין לעקערט און תוך כדי דבור נעמט איר קלאָגן, אַז אַלע שענדן, אַלע, אַלע שמייסן — אַלע, איר הערט, מיסטער לייוויק, אַלע! און נאָכדעם, אַז מען דעקט אויף דעם גאַרנישט פּאָעטישן אינהאַלט פון

אייערע פּאַטעטישע רייד, נעמט איר און קוויטשעט. וואָס איז, זאָגט איר, איר האָט נישט געמיינט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; איר האָט געמיינט מוסאָלינין; געמיינט פּילסודסקין; געמיינט „אפשר גאָר אַ מעקדאָנאַלד״. (דער „אפשר גאָר״ איז אויסגעצייכנט. אַ דערוואַקסענער מענטש זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ס'איז אים נישט קלאָר, וואָס ער האָט רעציטירט; „אפשר גאָר״ סאָוועטן־פאַרבאַנד, מר. לייוויק?).

דער אַרגומענט, מיסטער לייוויק, הינקט אויףביידע פיס. געזעדט וועגן לעקערטן — און געטראַכט פון מוסאָלינין; געזעדט וועגן לעקערטס שאָס — און פּראָטעסטירט קעגן מעקדאָנאַלדן. דאָס האָבן, הייסט עס, פּיל־סודסקי און מעקדאָנאַלד און מוסאָליני „דורכגעלאָפירט איבער לעקערטס קבר מיט האַרטע שטאָלענע פּאַדקאָוועס״. דאָס שמייסן זיי אין דער „צייט פון גאולה״. דאָס פייניקן זיי — „אַלע, אַלע״ — אין דער „צייט פון איינ־שטעלן נייע גערעכטיקייט.״ דער מיסטער לייוויק בלוטיקט זיך אַזוי שטאַרק צוליב דעם, וואָס מעקדאָנאַלד איז דער געפייניקטער, וואָס פייניקט.

„נימאַ דורניך״, פלעגט מען אַמאָל זאָגן ביי אונדז אין אוקראַינע.

אָבער מיסטער לייוויק האָט מסתמא אַליין דערפילט, אַז ער קען נישט פאַרווישן די שפור. גורט ער זיך אָן די לענדן און לאָזט אַרויס זיין לעצטן שאָס:

„איך מיין טאַקע .אייך אַליין, אַלגין. אייך און אַזוינע ווי איר.״

און ווייטער:

„אויב, אַלגין, אונדזערע ביידנס ראַליעס האָבן זיך שוין יאָ צעטיילט, האָבן זיי זיך צעטיילט טאַקע אַזוי, ווי איך האָב געשריבן.

„נישט אין פּאַרטייאישן, נאָר אין פשוטן זינען פון וואָרט.

„און איך זאָג ווידער:

„דער געפייניקטער איז געוואָרן אַ פייניקער, — פייניקער פון מענטש!

„און די צעטיילטע ראַליעס דערווייל בלייבן:

„איר, אַלגין — דער פייניקער; איך — דער מענטש.״

נו, איצט ווייסן מיר שוין, ווער מען לייוויק האָט געמיינט. נישט מוסאָלינין, נישט פּילסודסקין, נישט אפשר אפילו מעקדאָנאַלדן״, נאָר „איר אַליין, אַלגין״. טאָ וואָס־זשע האָט מיסטער לייוויק פריער געדרייט אַ צונג וועגן יענע פאַרשווינען? אָדער אפשר שטייען זיי ביי אים אַלע אויף איין ברעטל: מוסאָליני, פּילסודסקי, „אפשר״ מעקדאָנאַלד און געוויס אַלגין און אַזוינע ווי ער?

דאָס איז, דאַכט זיך, דער זין פון אָט־דער טיראַדע. אויף געוויס קען מען נישט זאָגן, ווייל די פּאָעזיע צעקריכט זיך ווי שיטערע פּוטשאָ אונ־טער די פינגער. אָבער אַזוי קומט דאָס אויס לויט דעם טעקסט: אַלע זיינען

פייניקער. אַלע שענדער. אַלע שמייסער: מוסאָליני, פּילסודסקי, מעק־דאָנאַלד, אַלגין און זיין גלייכן.

מיסטער לייוויק פאַרלויפּט דעם וועג און דערקלערט, אַז ער און אַלגין זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, „נישט אין פּאַרטייאישן, נאָר אין פּשוטן זינען פונעם וואָרט." דער אמת איז, אַז זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צוליב דעם, וואָס לייוויק האָט ביטער געקעמפט קעגן דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און לייוויקס אַנטלויפן פון דער „מאָרגן־פרהייט" איז געקומען צוליב דער שטעלונג פון דער פּאַרטיי צו אַ קאָנקרעטן פאַל. מ'איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דווקא פּאַרטייאיש. לייוויק איז אַוועק צום „כלל ישראל", וואו ער געהערט לויט זיין גאַנצן מהות; אַלגין איז געבליבן אין דער קאָמפּאַרטיי. לייוויק זיפצט און קרעכצט; אַלגין פּרוואוט אויספילן די פּראָגראַם פון דער קאָמפּאַרטיי. לייוויק אַנטמוטיקט און שוואַכט אָפּ און דעמאָראַליזירט מיט זיין קראַנקער נאָגעניש; אַלגין פּרוואוט העלפן מאַכן די „מאָרגן־פרהייט" פאַר אַ צייטונג, וואָס דערמוטיקט און אָרגאַניזירט און פירט. לייוויק חברט זיך מיט די ביטערסטע שונאים פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און גיט אַרויס מיט זיי צוזאַמען אַ וואָכן־שריפט; אַלגין העלפט שפּרייטן ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. לייוויק דעקלאַמירט וועגן „מענטשלעכקייט", וואָס איז איבער קלאַסן; אַלגין פּרוואוט, לויט אונדזערע קרעפטן, העלפן דורכפירן די קלאַסן־ליניע נישט נאָר אויפן געביט פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק, נאָר אויך אויפן געביט פון קולטור.

דערפאַר געהערן מיר אין איין קאַטעגאָריע מיט פּילסודסקין, מאַקדאָנאַלדן און מוסאָליניַ. מיר „פייניקן"; מיר „שענדן"; מיר „שמייסן".

מר. לייוויק ווייסט נישט, אַז ער האָט מיר נישט ווילנדיק געמאַכט אַ קאָמפּלימענט: דורך לייוויקן שרייט דער האַס פונעם קולטור־בורזשואַ צו אונדזער פּאַרטיי און צו אונדזער פּרעסע. די קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט" טוט ווי די לייוויקס מיט זייער גאַנצער בורזשואַזער חברותא.

אַ דאַנק, מיסטער לייוויק, מיר נעמען אָן דעם קאָמפּלימענט. מיר נעמען אים אָן אויך אין נאָמען פון די חברים קורץ, מילער, וויקטאָר, נאָוויק, וואָס איר האָט זיי דערמאָנט צווישן די שמייסער. מיר קענען אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" וועט אויך אויף ווייטער שמייסן און שמייסן איבער די בורזשואַזע אידייען און בורזשואַזע באַגריפן, שמייסן מיט קלאַסן־אַנאַליז און מיט אָרגאַניזירן די אַרבעטער צום קלאַסן־קאַמף, ביז אייער בורזשואַזער קלאַס וועט אָראָפּגעשמיסן ווערן פון דער וועלט דורך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע.

אָבער אויך אייער דעמאַגאָגיע וועט נישט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז איר האָט געוואָרפן אַ גאַז־באָמבע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און אויך די דעמאַגאָגיע פון כלומרשט פּראָטעסטירן „פייערלעך", כלומרשט זיך אָננעמען „פאַר דער מאַסע", און טאַקע באַלד זיך אַוועקשטעלן אין אַ פּאָזע און דעקלאַמירן: „איך — דער מענטש", — אויך דאָס וועט נישט פאַרשטעלן דעם מיאוסן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון אייער לעקערט־אַטאַקע.

צו די אַוועקגעגאַנגענע

ה. לייוויק האָט גערעדט פּאַטעטיש. לייוויק זאָגט, אַז אים טוט ווײ זיך צו שיידן מיטן „איקוף". איך מוז מודה זיין, אַז לייוויקס פּאַטעטיק מאַכט אויף מיר אַ קנאַפּן איינדרוק. איך האָב געזען, ווי לייוויק האָט זיך געהאַלטן אינעם „איקוף" די גאַנצע צייט, און איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער, אַז ער איז טאַקע ערנסט צוגעבונדן צום „איקוף".

ה. לייוויק זאָגט אונדז, אַז ער קאָן נישט אַרבעטן אין איין אָרגאַניזאַציע מיט קאָמוניסטן, וואָס האַלטן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן דורך שליסן אַ נישט־אָנגריף־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. וואָס קאָן מען טאָן, אַ מענטש איז אַ גרויסער פּאָליטישער מפונק. אָבער מאָדנע: ער איז אַ מפונק נאָר אויף איין זייט. אַ מענטש וויל זיך נישט, חלילה, באַגעגענען אין איין אָרגאַניזאַציע מיט מענטשן, וואָס האָבן אַן אייגענע אויסטייטשונג וועגן אינטערנאַציאָנאַלע ענינים. דער מפונק אין אים איז אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן אפילו נישט וואַרטן קיין טאָג. אָבער דער זעלביקער לייוויק איז שוין גאָרנישט קיין מפונק, ווען עס קומט צו די רעכטע, צו די ערגסטע צווישן זיי. ווען ס'איז געקומען זיין יובילײ, האָט ער נישט געוואָלט, אַז דער „איקוף" זאָל עפּעס פאַר אים אַראַנזשירן. דערפאַר האָט ער זיך געלאָזט מאַכן יובילייען מיטן אָנטייל פון פאַרשוינען, וואָס ביי יעדן אָנשטענדיקן קולטור־מענטשן זיינען זיי מוקצה מחמת מיאוס.

ווען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן נאַצי־דייטשלאַנד — דעם באַרימטן „טרענספער"־אָפּמאַך — האָבן מיר עפּעס נישט געהערט, אַז דער מפונק לייוויק זאָל פּראָטעסטירן. אַוודאי האָבן מיר נישט געהערט, אַז ער זאָל אָפּברעכן זיינע באַציאונגען מיט אַן אָרגאַניזאַציע, וואו עס געפינען זיך די ציוניסטן.

ווען די רעכטע, די ערגסטע צווישן זיי, די אומפאַראַנטוואָרטלעכסטע צווישן זיי, זיינען באַגאַנגען נבלות קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און קעגן די בעסטע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן, האָבן מיר נישט געהערט, אַז דער מפונק לייוויק זאָל זאָגן אַ וואָרט.

דער אמת איז, אַז לייוויק, איינער פון די טוער פונעם „איקוף", האָט

רעדע געהאַלטן אויף דער זיצונג פון „איקוף"־פּרעזידיום דעם 28טן אויגוסט, 1939. זי ווערט דאָ געדרוקט — מיט פאַרקירצונגען — צוליב איר היסטאָרישן ווערט.

זיך אַלעמאָל פֿאַרהאַלטן צום „איקוף" נישט מיט דער בויטיקער ליבשאַפֿט, נישט מיט דעם בויטיקן דרך־ארץ. ער האָט אונדז, קאָמוניסטן, באַשולדיקט דערפֿאַר, וואָס אים האָט עפּעס געקוועטשט. ער האָט אפֿילו אונדז באַשולדיקט דערפֿאַר, וואָס מיר באַקעמפֿן אים נישט אינעם „איקוף". מיר, פֿון אונדזער זייט, האָבן געהאַלטן וואָרט. מיר האָבן געהאַלטן אונדזער אָפּמאַך, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מיר אייניקן זיך אויף אַ פּלאַטפֿאָרמע פֿון פּראָגרעסיווער וועלטלעכער יידישער קולטור און ברענגען נישט אַריין אינעם „איקוף" די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן, וואָס צעטיילן די טוער. מיר האָבן דעם אָפּמאַך געהאַלטן, ווייל אונדז איז געווען טייער דער „איקוף" און די קולטור־אַרבעט, וואָס ער האָט אַנטוויקלט און וואָס קאָן דערגרייכן גאָר אַ גרויסן פֿאַרנעם. אָט־די צוגעבונדנקייט צום „איקוף" האָט לייוויק נישט געהאַט, כאָטש ער האָט זיך גערעכנט צווישן אירע הויפּט־פֿירער.

פֿרעגט זיך: וואָס־זשע האָט אים געקוועטשט? פֿאַרוואָס האָט ער, און עטלעכע אַנדערע פֿון דער אַנטי־קאָמוניסטישער גרופּע, כסדר געשאַפֿן קאָנפֿליקטן און קריזיסן אינעם „איקוף"?

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום עצם־פּראָגע. איר זענט נישט צופֿרידן, זאָגט איר, מיט דעם אופֿן, ווי אַזוי די קאָמוניסטן טייטשן אויס דעם סאָוועטיש־דייטשישן אָפּמאַך. אָבער דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ פּראָגע פֿון אָפּשאַצן די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, און דאָ האָט יעדער איינער אַ רעכט צו האָבן זיין מיינונג. מיר ווילן אויף אייך נישט אַרויפֿצווינגען אונדזער מיינונג. פֿאַרוואָס זאָלט איר דווקא פֿאָדערן פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן זיך אָנשליסן אָן דער צעיושעטער וואַקכאַנאַליע פֿון היסטעריקע, וואָס אייניקע עלעמענטן אין דער יידישער עפֿנטלעכקייט פּרוּוון באַשאַפֿן, און וואָס האָט אויך אייך, קענטיק, אַריינגעצויגן?

איר זאָגט: איר האָט ליב דעם „איקוף", ער איז ביי אייך טייער. איר קאָנט נישט זאָגן, אַז מיר האָבן נישט געאַרבעט מיט אייך האַרמאָניש. איר אַליין גיט צו, אַז נישט נאָר איז מעגלעך געווען צו אַרבעטן מיט אונדז, נאָר אַז מיר האָבן געטאָן אַלעס, כדי די אַרבעט זאָל גיין האַרמאָניש. דאַרף מען דעם „איקוף"? איר לייקנט נישט, אַז מען דאַרף אים. איז נייטיק, אַז אַלע קולטור־קרעפֿטן פֿונעם יידישן פֿאָלק זאָלן אַרבעטן אינעם „איקוף"? אַוודאי איז דאָס נייטיק. איר גיט דאָס צו. טאָ וואָס־זשע האָט זיך געענדערט? פֿאַרוואָס מוז מען איצט נעמען אַ טריט, וואָס קאָן שעדיקן דעם „איקוף"?

איר זאָגט: איר קאָנט נישט אַרבעטן מיט מענטשן, וואָס העלפֿן היט־

לערן. שעמען וואָלט איר זיך געמעגט, איידער אַזוינע ווערטער קייקלען זיך אַראָפּ פון אייער צונג. איר קענט דאָך אונדז. מיר זיינען נישט קיין נעבכטיקע. איר ווייסט, אַז מיר האָבן פּונקט אַזוי פיינט היטלערן און דעם פאַשיזם, ווי איר — און אפשר נאָך אַביסל מער, ווייל מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געחברט מיט אַזוינע עלעמענטן, וועמעס טעטיקייט דאָ אין אַמעריקע איז נאָר געווען אַ הילף און שטיצע דעם פאַשיזם. איר ווייסט זייער גוט, ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפט קעגן פאַשיזם די אַלע יאָרן — און ווי אַזוי אונדז האָבן דערפאַר נישט זעלטן באַליידיקט און באַשימפּט גראָד די עלעמענטן, וואָס פּרוּוון איצט שאַפן קעגן אונדז אַ פּאָגראָם־אַטמאָספערע.

אונדזער אַנטי־פאַשיזם איז פאַרשריבן מיט אונדזערע מעשים, נישט מיט בלויז ווערטער. אונדזער אַנטי־פאַשיזם איז באַקאַנט די ברייטע יידישע מאַסן. און איך זאָג נאָכאַמאָל: שעמען דאַרף זיך יעדער איינער, וועלכער האָט דעם טרויעריקן מוט צו זאָגן, אַז איצט זיינען מיר גאָר געוואָרן אונ־טערשטיצער פונעם פאַשיזם.

דער אמת איז אָבער, אַז מיר ווילן אייך נישט איבערצייגן. מיר האַלטן, אַז איר האָט אַ רעכט צו אייער מיינונג, ווי פאַלש און שעדלעך זי זאָל נישט זיין. מיר האַלטן אָבער אויך, אַז מיר האָבן אַ רעכט אויף אונדזער מיינונג. מיר האַלטן, אַז דאָס דאַרף נישט שטערן דער געמיינזאַמער אַרבעט אינעם „איקוף״, ווייל אינעם „איקוף״, לויט זיין פּרינציפּן־דערקלערונג און לויט זיין קאָנסטיטוציע, אַרבעטן מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע גע־זעלשאַפטלעכע ריכטונגען און שטרעמונגען, אויב זיי נאָר אָנערקענען די וויכטיקייט פון אויסברייטערן און פאַרטיפן די יידישע קולטור אַלס אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן די קרעפטן פונעם יידישן פאָלק קעגן אַלע זיינע פיינט, אין דער ערשטער ליניע קעגן פאַשיזם.

עס טאָר נישט זיין אַזאַ צושטאַנד, וואו ביי יעדער מיינונגס־פאַרשיידנ־קייט זאָל מען שאַפן אַ קריזיס אינעם „איקוף״. מיר האָבן אויסגעבויט אַ בנין. די אַרבעט וואַקסט. דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך אין אונדזער אַרבעט. געוויסע עלעמענטן, וועלכע זיינען נאָכאַנאַנד געווען פיינטלעך צום „איקוף״ און פיינטלעך צו אַלע פּראָגרעסיווע דערשיינונגען אינעם יידישן לעבן, ווילן איצט באַשאַפן אַ העצע־שטימונג. די איינציקע זאַך, וואָס מיר פאָדערן פון אייך: האָט אין זינען, אַז איר זייט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַן אָרגאַניזאַציע. איר דאַרפט פאַר איר אָפּגעבן דין־וחשבון און אויב די אַלע רייד, וואָס איר האָט גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פונעם „איקוף״, זיינען געווען אויפריכטיק — מיר ווילן נישט צווייפלען אין זייער אויפ־

ריכטיקייט — דאַרפט איר אָפּגעבן דין־וחשבון אויך פֿאַרן יידישן פֿאָלק.

דער „איקוף" וועט לעבן. דער „איקוף" וועט וואַקסן. צו־גרויס איז די אויפגאַבע, וואָס שטייט פֿאַר די קולטור־טוער אינעם יידישן פֿאָלק, אַז דער „איקוף" זאָל דאַרפֿן ליידן צוליב אייער פּאַניק. דער „איקוף" וועט פֿאָרזעצן זיין אַרבעט צו שטאַרקן דאָס יידישע פֿאָלק, כדי עס זאָל קאָנען ביישטיין קעגן אַלע אינעווייניקסטע און אויסנווייניקסטע שונאים. טאַקע דעריבער פּאַסט עס נישט פֿאַר וויכטיקע קולטור־טוער, אַז אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט זאָלן זיי אַוועקגיין.

„איקוף"

וואָס איז דער צוועק פֿונעם „איקוף"?

דער צוועק פֿון דעם „איקוף" איז — אַרבעטן פֿאַר דער יידישער קולטור. די אַרבעט איז אַ דאָפּלטע: אין דער ברייט און אין דער טיף.

אַרבעטן אין דער ברייט הייסט — פֿאַרשפּרייטן וואָס מער קולטור צווישן פֿאָלק, קומען צו אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן ווייניק קולטור, און זיי העלפֿן זיך אַנטוויקלען, כדי זיי זאָלן ווערן קולטור־מענטשן. דער „איקוף" שטעלט זיך פֿאַר אַ ציל — דערוועקן ביים פֿאָלק דעם אינטערעס צו קולטור דאָרט, וואו דער אינטערעס איז נישט גרויס, באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון קולטור דאָרט, וואו דער אַפּעטיט פֿאַר קולטור האָט זיך שוין דערוועקט. דער „איקוף" וויל דערגרייכן יעדן איינציקן פֿאָלקס־מענטשן, ווייל דער „איקוף" האַלט, אַז עס איז גאָרנישט דאָ קיין פֿאָלקס־מענטש, וואָס זאָל נישט וועלן זיין אַ קולטור־מענטש: מען דאַרף נאָר אין אים דערוועקן אָט־דעם פֿאַרלאַנג, וועלכער קאָן זיין איינגעדרעמלט; מען דאַרף אים נאָר אָנווייזן, אַז, ווי אַלט אָדער ווי יונג ער זאָל נישט זיין, קען ער זיך אויפֿהויבן אויף אַ העכערער קולטור־שטופֿע.

אַרבעטן אין דער טיף הייסט — מאַכן די יידישע קולטור שענער, רייכער, ערנסטער, פֿיינער. דאָס הייסט, אַז אַלצדינג וואָס די קולטור שאַפֿט, זאָל זיין פֿון דעם בעסטן: אויב ליטעראַטור, זאָל דאָס זיין ערשט־קלאַסיקע ליטעראַטור, וואָס זאָל זיך קענען פֿאַרגלייכן מיט די בעסטע ליטעראַטורן פֿון דער מענטשהייט; אויב טעאַטער, זאָל דאָס זיין פֿון אַ גאָר געהויבענעם סאָרט, אַזאַ טעאַטער, וואָס זאָל אי רייכער, אי שענער מאַכן דעם מענטשנס נשמה. אויב מוזיק אָדער מאַלעריי אָדער סקולפּטור, זאָל דאָס זיין פֿון דעם העכסטן סאָרט.

דערמיט איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער „איקוף" באַשטרעבט נישט נאָר צו העלפֿן דעם פֿאָלקס־מענטשן צו שאַפֿן בעסערע קולטור. דער „איקוף" שטעלט זיך פֿאַר איינעם פֿון די צילן — באַאיינפֿלוסן דעם שריפֿטשטעלער, געלערנטן, דראַמאַטורג, שוישפּילער, טעאַטער־דירעק־

אַן אויסצוג פֿון אַ פּאָפּולערן קאָנספּעקט, וואָס דער „איקוף" האָט פֿאַרשפּרייט אין 1938.

טאַר, דיריגענט, זינגער, שפּילער, קאָמפּאָזיטאָר, מאָלער, סקולפּטור, צייכענער און אַנדערע קולטור־שאַפער צו פּראָדוצירן אַ בעסער קולטור־ווערק.

וואָס איז קולטור?

קולטור איז אַלצדינג, וואָס דער מענטש ווייסט און וואָס ער קען. קולטור באַשטייט פון וויסן און קענען. וואָס מער דער מענטש ווייסט און וואָס מער ער קען, אַלץ העכער איז זיין קולטור.

דער פּרימיטיווער מענטש האָט נישט געוואוסט אַזוינע זאַכן, ווי, אַ שטייגער, אַז די ערד איז קיילעכדיק אָדער די יאָר־צייטן בייטן זיך צוליב דעם, וואָס די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס. דער פּרימיטיווער מענטש האָט נישט געקענט אַזוינע זאַכן, ווי שמעלצן אייזן אָדער באַאַרבעטן אַ פעלד. כדי ווי נישט איז צו קענען לעבן, האָט ער זיך געמוזט פאַראייניקן מיט אַנדערע מענטשן צו קעמפן קעגן די רויע כוחות פון דער נאַטור. אָבער דער דאָזיקער קאַמף איז געווען שרעקלעך שווער. די קולטור פון דעם פּרימיטיוון מענטשן איז געווען אַ נידעריקע. דער היינטיקער מענטש ווייסט זייער אַ סך און קען זייער אַ סך און מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערט זיך זיין וויסן און קענען. שטייט ער, הייסט עס, אויף אַ העכערער שטופע פון קולטור.

דער היינטיקער מענטש ווייסט אַ סך סיי וועגן דער נאַטור, סיי וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט. דער מענטש האָט אַ סך אויסגעפאָרשט די קרעפטן פון דער נאַטור; ער האָט אויסגעפונען אַ סך פון די געזעצן, וואָס באַהערשן די ערד מיט מינעראַלן, פלאַנצן און חיות, די הימל־קערפּער, דאָס ליכט און די היץ און די עלעקטרישע קראַפט און די ראַדיאָ, און מיט יעדן טאָג ווערט דעם מענטשנס וויסן רייכער. דער היינטיקער אויפגעקלערטער מענטש ווייסט אויך זייער אַ סך וועגן די געזעצן, וואָס באַהערשן די מענטשלעכע געזעלשאַפט: ער ווייסט די געשיכטע פון דער מענטשהייט, די אַנטוויקלונג פון די פעלקער, די געשיכטע פון די פאַרשיידענע קלאַסן, דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישן קלאַסן און צווישן פעלקער, און ער ווייסט אויך דעם וועג, וואָס קען פירן צו אַ בעסערער און העכערער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אויך דאָ ווערט דעם מענטשנס וויסן גרעסער פון טאָג.

אויך דעם מענטשנס קענען איז געוואַלטיק אויסגעוואַקסן. דער מענטש קען אויסבויען אַ הימלקראַצער אין עטלעכע וואָכן. ער קען ריידן פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער אויף דער ראַדיאָ. ער קען מאַכן אַ רייזע אַרום דער וועלט אין פיר טעג. ער פאַרוואַנדלט מדבריות אין גערטנער.

ער האָט באַשאַפן פאַבריקן און לאַבאָראַטאָריעס, וואָס גיבן אַרויס די מערק־ווירדיקסטע פּראָדוקטן און וואָס מאַכן לייכטער דעם מענטשנס אַרבעט פון טאָג צו טאָג.

אויך אויפן געזעלשאַפטלעכן פעלד קען דער היינטיקער מענטש אַ סך מער, ווי ער האָט געקענט אַמאָל. ער קען בויען פּאַרטייען, וואָס פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן. ער האָט זיך אויסגעלערנט אָנפירן קאַמפן, וואָס פאַרבעסערן זיין לאַגע. די אונטערדריקטע פעלקער לערנען זיך וואָס מער צו פאַראייניקן זייערע כוחות און קעמפן קעגן די אונטערדריקער.

דערפון איז שוין געדרונגען, אַז קולטור איז אַ פאַראייניקונג פון מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער, וואָס דער מענטש האָט זיך דער־וואָרבן אין זיין קאַמף פאַר לעבן. וויסן און קענען — דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות סיי צו דער מאַטעריעלער וועלט, סיי צו דער נשמה, צום גייסט. וויסן און קענען קולטיווירן דעם גייסט. וויסן און קענען נעמען אַרום אַלצדינג, וואָס ס׳אונטערשיידט אַ מענטשן פון אַ חיה. דע־ריבער זאָגן מיר, אַז וויסן און קענען איז — קולטור אינעם ברייטערן זין פון דעם וואָרט.

קולטור אין דעם ברייטערן זין פון דעם וואָרט איז נישט פאַר איין אָרגאַניזאַציע. דאָס איז די זאַך פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף איר מאַרש פאָראויס. יעדעס פאָלק האָט אַריינגעטראָגן זיין חלק אין דעם גרויסן אוצר פון קולטור. יעדע באמת קולטורעלע אָרגאַניזאַציע דאַרף שטיצן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט צו אַ העכערער קולטור. אָבער דאָס פעלד פון קולטור איז זייער ברייט. יעדע אָרגאַניזאַציע מוז דעריבער אַרבעטן אויף באַגרענעצטע געביטן. דער „איקוף״ באַשעפטיקט זיך מיט קולטור אויף די פאָלגנדע געביטן:

ליטעראַטור, פּאָעזיע, קריטיק, טעאַטער, דראַמאַטורגיע, שוישפּילעריי, מוזיק, געזאַנג, מאַלעריי, סקולפּטור . . .

פון די אַנדערע קולטור־געביטן אינטערעסירט זיך דער „איקוף״ מיט וויסנשאַפט, מיטן שול־וועזן.

דערפון קען מען זען, אַז דאָס פעלד פון „איקוף״־אַרבעט איז גענוג גרויס. דער פאַרנעם פון „איקוף״־אינטערעס איז ברייט. מען קען זאָגן, אַז דער „איקוף״ אינטערעסירט זיך מיט אַזוינע קולטור־געביטן, וועמעס צוועק עס איז הויפּטזעכלעך אויסאיידלען, פאַרפיינערן און דערהויבן די מענטשלעכע נשמה, מאַכן זי פאַר אַ שענערער, בעסערער און פייאיקערער נשמה.

אָבער דערפון איז שוין אויך קלאָר, אַז „איקוף״ שטעלט זיך אַ זייער

נאָבעלן צוועק. די אַרבעט פון דעם „אײקוף“ דאַרף אינטערעסירן יעדן מענטשן, וואָס וויל זען, אַז דאָס פאָלק זײנס זאָל באַשטײן פון שענערע און בעסערע מענטשן.

וואָס פאַר אַ קולטור שטיצט דער „אײקוף“?

פאַראַן אין יעדער קולטור אַ סך גוטע, אָבער אָפט אויך אײניקע שלעכטע עלעמענטן. נעמט אַזאַ געביט, ווי פּאָעזיע. שטעלט אײך פאָר אַ פּאָעטיש ווערק, וואָס באַזינגט די דעראָבערונג פון אַ פרעמדן לאַנד. דאָס ווערק מעג זײן גוט אָנגעשריבן, אָבער די פּאָעזיע איז שעדלעך. אין דער ליטעראַטור פון אַלע פעלקער זײנען דאָ ביכער, וואָס לויבן און באַזינגען די „אימפּעריע־בויער“, ד. ה., אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן אײנגענומען פרעמדע פעלקער און אויסגעבויט אַן אימפּעריע צו גונסטן די הערשנדיקע קלאַסן. דאָס איז רעאַקציאָנערע קולטור. אָבער אין יעדן פאָלק איז די גרעסטע טײל פון קולטור —— אַ פּראָגרעסיווע.

דער „אײקוף“ האָט דערקלערט, אַז ער אַרבעט פאַר אַ פּראָגרעסיווער וועלטלעכער יידישער קולטור. אַ פּראָגרעסיווע קולטור — דאָס איז אַזעלכע, וואָס העלפט דעם פאָלק גײן פאָראויס, זיך דערוווערבן אַ בעסער לעבן, אַ שענער לעבן, זיך וואָרענען קעגן פײנט און זיך דערשלאָגן אַ זיכערן פּלאַץ אונטער דער זון. דער בעסטער פּלאַץ פאַרן פאָלק איז — אַזאַ סיסטעם, וואו עס איז נישטאָ קײן אונטערדריקונג און קײן עקס־פּלואַטאַציע. דאָס הײסט, אַז אַלע מענטשן אַרבעטן פאַרן כלל, וואָס באַ־זאָרגט זײ מיט אַלעם נויטיקן, און נישט פאַר די, וואָס האָבן אָנגעזאַמלט רײכטום פון יענעמס אַרבעט. דאָס הײסט אויך אַ סיסטעם, וואו אײן פאָלק אונטערדריקט נישט אַ צווײטס, נאָר אַלע פעלקער לעבן זײט בײ זײט און געניסן יעדערס זײן שפּראַך און זײן קולטור, און טײלן זיך יעדעס מיטן צווײטנס קולטור, אַזוי אַז אַלע ווערן רײכער, גליקלעכער און שענער.

וואָס הייסט קולטור־אַרבעט?

איך האָב מורא, אַז מ׳רעדט צופיל וועגן קולטור „בכלל“. איך האַלט, אַז עס איז בעסער צו טאָן קולטור־אַרבעט, ווי צו ריידן וועגן קולטור.

אַז אַ מענטש האָט ליב די נאַטור, דאָס הייסט, ער האָט ליב צו זיין אונטערן הימל, נאָענט צו דער ערד און בוים און טייך און באַרג, זעצט ער זיך נישט אַוועק צו דערציילן וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור, נאָר ער זעט צו פאַרברענגען וואָס מער אויף דער פרייער לופט. אַ מענטש, וואָס איז באמת פאַראינטערעסירט אין קולטור, דאַרף זיך היטן פון ריידן אַלגעמיינע דבורים וועגן דער וויכטיקייט פון קולטור: בעסער אַריינברענגען אַ קליין ביסעלע קולטור ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל פונעם לעבן.

***

איך זאָג דאָס אַנטקעגן אונדזער „איקוף“ און אַנטקעגן אַ סך פון אונדזערע קולטור־טוער אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען מען זאָל צוזאַמענעמען אַלע לעקציעס פון אַלע איקופיסטן וועגן „קולטור בכלל“ זינט דער „איקוף“ איז געגרינדעט געוואָרן, וואָלט מען געקענט אָנפילן עטלעכע דיקע בענד. איך זאָג נישט, אַז אַלגעמיינע באַטראַכטונגען וועגן דעם גאַנג פון קולטור, וועגן די פּרינציפּן פון קולטור, וועגן די צוועקן פון קולטור זיינען נישט נייטיק. אָבער זאָלן דאָס טאָן נאָר די גאָר געהויבענע קולטור־פילאָזאָפן, קולטור־טעאָרעטיקער. און זאָל דאָס זיין נאָר אַ פאַראַלגעמיינערונג פון דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן צווישן פאָלק.

אָט־די אַרבעט דאַרף מען טאָן. דאַכט זיך, אַזאַ פּשוטע זאַך. טאָן קולטור־אַרבעט צווישן פאָלק. אָבער אַז עס קומט דערצו, האָבן מיר אַלע ליב צו רעדן וועגן קולטור מער ווי טאָן די אַרבעט.

וואָס הייסט טאָן? דאָס הייסט, מאַכן אַזוי, אַז ערגעץ־וואו, צווישן אַ באַשטימטער צאָל מענטשן, זאָלן צוקומען אַביסל מער וויסן, — זאָלן קעפּ ווערן ליטערער, זאָלן געפילן ווערן איידעלער, זאָלן שטרעבונגען ווערן באַוואוסטזיניקער, זאָלן אידעאַלן אויפטויכן פאַרן מענטשן. טאָן קולטור־אַרבעט הייסט טאָן אַזאַ אַרבעט, צוליב וועלכער אַ געוויסע צאָל מענטשן, אַ קלענערע אָדער גרעסערע, וועט אָנהויבן טראַכטן וועגן לעבן

און מענטשן און וועלן אַ מער מענטשלעך לעבן. טאָן קולטור־אַרבעט הייסט — לאָזן דערפילן אַ געוויסע צאָל מענטשן ערגעץ־וואו אין אַ געוויסן טייל פון דער וועלט, אַז, ווי גאָרקי האָט געזאָגט: „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ," אַז דער מענטש קען, דורך אַ פאַראייניקונג פון זיין ווילן מיט די ווילנס פון אַנדערע מענטשן, באַזיגן אַלע שטרויכלונגען סיי אין דער נאַטור, סיי אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און שטייגן „אַרויף — און העכער." טאָן קולטור־אַרבעט הייסט, אַנדערש אויסגעדריקט, עפענען האָריזאָנטן פאַר מענטשן.

אָבער איך זע שוין, אַז אויך דאָ רייד איך אַלגעמיינע רייד, וואָרום ווער עס נעמט זיך לכתחילה עפענען האָריזאָנטן, ווייזן וועגן, פירן באַרג־אַרויף, דער וועט מסתמא קיין סך נישט אויפטאָן. אינעם פּראַקטישן לעבן דאַרף מען אָנהויבן פון אַ גאַנץ פּראַקטישער זאַך. אַ שטייגער: באַקענען אַ גרופּע מענטשן אין איינער אַ יידישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ קאַפּיטל יידישער געשיכטע, וואו ס׳איז דאָ מאַסן־העראָאיזם. אָדער אַ שטייגער: מאַכן אַזוי, אַז אַ גרופּע יידישע האַרעפּאַשניקעס ערגעץ־וואו זאָל איבערלייענען אַ קאַפּיטל פון מענדעלע מוכר ספרימס „שלמה רבי חיימס" און זיך באַקענען, ווי אַזוי יידן האָבן אַמאָל געלעבט. אָדער אַ שטייגער: מאַכן אַזוי, אַז אַ גרופּע יידישע יוגנט זאָל קריגן מאַטעריאַל צו פאַרגלייכן די יוגנט אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די יוגנט אין קאַפּי־טאַליסטישע לענדער. אָדער אַ שטייגער: מאַכן אַזוי, אַז אַ געוויסע צאָל יידישע האַרעפּאַשניקעס זאָלן וויסן, ווי אַזוי און ווען יידישע מאַסן האָבן זיך באַזעצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָדער אַ שטייגער: מאַכן אַזוי, אַז אַ געוויסע צאָל יידן אין אַמעריקע זאָל געוואָר ווערן, וואָס די יידן האָבן אַריינגעטראָגן אין דער מוזיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

מען קען דעם צעטל פאַרלענגערן אָן אַן עק. וואָס איך וויל דאָ זאָגן איז, אַז, צי מען ברענגט אַריין צווישן יידישע פאָלקס־מאַסן געניטע איב־פאָרמאַציע וועגן יידישער פּאָעזיע, צי וועגן יידישן אָנטייל אין די רעוואָ־לוציאָנערע מלחמות פון אַמעריקע, צי מען מאַכט אַ בילדער־אויסשטעלונג פון פּיקאַסאָ, צי מען לייענט פאַר אַ קאַפּיטל פון יצחק יואל לינעצקי, צי מען זעט אַ נייע דראַמע אין איינעם פון די יידישע טעאַטערס, צי מען באַקאַנט זיך מיט די נייע יידישע פּראָזע־שרייבער פון פּוילן, צי מען הערט אַ לעקציע וועגן דער גוירשווין מוזיק — אַלעמאָל איז דאָס אַ גאַנץ פּראַקטישע זאַך. טאָן דאַרף מען דאָס אויף אַ זייער פּראַקטישן אופן. מען דאַרף האָבן מענטשן, וואָס האָבן די נייטיקע קענטעניש אויף איבערצו־געבן זיי דעם פאָלק. מען דאַרף דערוועקן אין פאָלק אַן אינטערעס צו

אַזוינע זאַכן — דאָרט, וואו ער איז שוואַך. מען דאַרף זען, אַז עס זאָל אַנטוויקלט ווערן אַ בריגאַדע לעקטאָרן איבער אַלערליי פראַגן. מען דאַרף זען צוקומען צום ברייטן עולם. ווען מיר טוען דאָס, האָבן מיר פאַר זיך נישט „קולטור״ בכלל, נאָר גאַנץ קאָנקרעטע אַרבעטן.

מיר דאַכט זיך, אַז דעם גרעסטן טייל פון דער „איקוף״-אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען איצט אָפּגעבן אָט-די זייער פּראַקטישע, זייער קאָנקרעטע אויפגאַבן.

דערנענטערן זיך צום פאָלק קען מען דורך פּראַקטישער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן, נישט דורך אַלגעמיינע שמועסן וועגן דעם, וואָס ס׳איז אַזוינס קולטור און אין וואָס ס׳באַשטייט איר באַדייטונג. איך אַליין האָב געזינדיקט מיט אַלגעמיינע שמועסן. אפשר זיינען זיי געווען אומפאַרמיידלעך, ווען דער „איקוף״ האָט געמאַכט זיינע ערשטע טריט. איצט אָבער, דאַכט זיך מיר, דאַרף דער טראָפּ אַלץ מער געשטעלט ווערן אויף זוייזן אַרבעט.

מיר און יידיש

מיר האָבן ליב יידיש. עס איז די שפּראַך פון אונדזער קינדהייט. עס קלינגט אונדז אינטימער ווי אַנדערע שפּראַכן. עס איז אַ אינסטינקט־זאַך.

מיר האָבן ליב יידיש אויך צוליב דעם, וואָס עס קאָסט אונדז אַרבעט. מיר, יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן געהאָלפן שאַפן דאָס פּאָליטישע יידיש. מיר האָבן אַריינגעגאָסן קראַפט און ווערדע אין דער שלאָגנדיקער פאָלקס־שפּראַך.

מיר האָבן ליב יידיש צוליב דער ליטעראַטור, וואָס איז אין דער שפּראַך אויסגעוואָקסן פאַר אונדזערע אויגן. די ווערק פון אונדזערע באַ־ליבטע שרייבער זיינען באַשטאַנד־טיילן פון אונדזער אייגענער נשמה.

און פונדעסטוועגן פרעגן מיר נישט: וואָס וועט זיין מיט יידיש? און עס ווערט אונדז נישט קאַלט און נישט סומנע אויפן האַרצן, ווען עמיצער טענהט, אַז יידיש וועט פאַרשווינדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך מער: אונדזער שאַפונג־אַרבעט אין יידיש ווערט צוליב דעם נישט אָפּגע־שטעלט אויף איין איינציקן טאָג. מיט דעם זעלביקן אימפּעט שאַפן מיר צייטונגען און זשורנאַלן, כאָרן און טעאַטער־סטודיעס, שולן און פאַראיינען.

באַקומט זיך אַ פּאַראַדאָקס: די, וואָס וויינען „על נהרות בבל" איבערן גורל פון יידיש, זיצן דווקא מיט פאַרלייגטע הענט און באַוואונדערן זייער אייגענעם טרויער; די, וואָס גריבלען זיך ווייניק אין דער אונטערגאַנג־פראַגע, האַלטן אין איין פּראָדוצירן גייסטיקע ווערטן אויף יידיש — און פאַרבינדן די שפּראַך מיט די מאַסן.

ס'איז אַ פּאַראַדאָקס — אָבער נאָר אויבן־אויף. אין אמתן שניידט זיך דאָ אַריין דער קלאַסן־אונטערשייד צווישן קליין־בורזשואַזיע און פּראָ־לעטאַריאַט.

דער קליינבירגער איז אַן „איכיסט", אינדיווידואַליסט. אים אַרט נישט וועגן כלל, אַבי זיין אייגענער איך זאָל נישט גיין פאַרלוירן. פאַר זיין נשמה האָט ער דעריבער אויסגעטראַכט אַן עולם־הבא; פאַר זיין קולטור — אַ געטלעכע גלאָריע, וואָס שטעלט זי העכער פון דער מענטשהייט; פאַר

„פרייהייט", 14טן מאַי, 1928.

זיין שפּראַך — אייביק לעבן. טאָמער איז דער קליינבירגער נאָך דערביי אַ שרייבער, איז זיין זאָרג וועגן דער „צוקונפט פון יידיש" אַ ריין־עגאָאיס־טישע: איך, האַצמאַך, ברוך, גרונם, זאָל בלייבן לעבן אין מיינע יידישע ווערק נאָכדעם, ווען מיינע ביינער וועלן שוין זיין אויסגעמישט מיט דער ערד.

דער פּראָלעטאַריער איז אַ קאָלעקטיוויסט. ער טראַכט נישט וועגן שטעלן זיך אַליין, ווי אַ באַזונדערע וועלט, אַנטקעגן אַלע איבעריקע מענטשן־וועלטן: ער איז, אין קאַמף און אַרבעט, אין פריד און לייד, פאַרבונדן מיט זיין קלאַס; ער שרעקט זיך ווייניקער פאַרן טויט, אים נאָגט נישט דער געדאַנק וועגן „אַלצדינג פאַרשווינדט", ווייל זיין פּערזענלעכער איך איז צונויפגעקייטלט מיטן לעבן פון אומצייליקע „איכן" — אַזוינע וואָס זיינען דאָ און אַזוינע וואָס וועלן ערשט קומען. ער ווייסט גאַנץ גענוי, אַז דער קאָלעק־טיוו איז אומשטערבלעך. ער קען נישט טראַכטן וועגן „אייביקן אונטער־גאַנג", ווייל דאָס, וואָס ער טוט, איז אַריינגעגאָסן אין כלל, איז פאַרבונדן מיט יענער גרויסער מענטשלעכער מאַסע, וואָס איר ערשטע מחנה איז דאָ און אירע קומענדיקע מחנות ווערן פאַרשוואונדן אויף יענער זייט היסטאָ־רישן האָריזאָנט. דער פּראָלעטאַריער האָט אַריינגעלייגט זיין פּראַצע, זיין קאַמף, זיין שטרעבן, זיין שאַפן אין אַן אומצעשטערבאַרער זאַך: די מענטש־הייט פון מאָרגן.

דערפון נעמט זיך דער באַזונדערער צוגאַנג פון פּראָלעטאַריער צו קולטור. די קולטור איז ביי אים נישט העכער פון דער מענטשהייט, ד״ה, פון דעם קלאַס, וואָס ער וועט מאָרגן זיין דער פירער פון דער מענטשהייט. קולטור, קונסט, ליטעראַטור, שפּראַך זיינען נישט קיין „דענקמאָל", קיין „געטלעכקייט", צו וועלכער מען דאַרף זיך בוקן, נאָר אינסטרומענטן, וואָס די מענטשהייט דאַרף נוצן אין בויען און פאַרבעסערן איר לעבן.

אויב דער פּראָלעטאַריער איז אַליין אַ קינסטלער, טראַכט ער נישט, אויף וויפיל מען וועט אין דריי־פיר־פינף הונדערט יאָר אַרום געדענקען אים אַליין, אים דעם יחיד, נאָר אויף וויפל זיין קונסט דרינגט אַריין אין די לעבעדיקע מאַסן פונעם אַרבעטער־קלאַס, אויף וויפל זי ענדערט דעם גייס־טיקן טאָן פון זיינע קלאַסן־חברים, אויף וויפל זי מאַכט פון זיי בעסערע מענטשן, וואָס דאָס הייסט בעסערע, שטאַרקערע, איידעלערע, טיפערע קעמ־פער פאַר דער צוקונפט. אויב ער זעט, אַז זיין קונסט־אַרבעט באַווירקט די מאַסן היינט־צו־טאָג, איז פאַר אים שוין די צוקונפט געזיכערט: ער וועט שוין לעבן אין דער צוקונפט, אפילו ווען מען זאָל זיין אייגענעם נאָמען קיינמאָל נישט דערמאָנען; ער וועט לעבן אין דער אַרבעט פון זיין קלאַס,

וועמען ער האָט געהאָלפֿן אָרגאַניזירן, אויפֿקלערן, אָנסטראָיען אויף אַ נייעם שטייגער. ער וועט זיין אומשטערבלעך.

ווי די קונסט פֿונעם יחיד, אַזוי די קונסט פֿון אַלע. ווי די קולטור, אַזוי אירע אויסדרוק־פֿאָרמען, אירע געפֿעסן, — אַזוי איר שפּראַך.

שפּראַך איז נישט מער, ווי אַ לבוש פֿאַר קולטור. די שפּראַך איז וויכטיק, אויף וויפֿל זי איז דער קאַנאַל, דורך וועלכן קולטור־ווערטן ווערן אַריינגעגאָסן אין דער מאַסע. מיר, יידישע פּראָלעטאַריער, נוצן די שפּראַך, ווייל דורך איר גיסן זיך אַריין אין דער אַרבעטער־מאַסע באַגריפֿן, אידייען, לעבנס־אויפֿפֿאַס, לעבנס־עמפּפֿינדונג. אונדז איז ווערטפֿול די שפּראַך, ווייל זי מאַכט מעגלעך אָנצוסטראָיען די נשמות פֿון די אַרבעטער אין אַ געוויסער ריכטונג. אין דעם זין איז יידיש פֿאַר אונדז אַ אינסטרומענט פֿון קלאַסן־קאַמף. זאָל עמיצער אַ זייטיקער, אַ מלוכה־קראַפֿט, אַ הערשנדיקע פּאַרטיי, וועלן שטערן דעם געברויך פֿון יידיש, וועלן מיר זיין די ערשטע צו שטרייטן קעגן דער גזרה מיט ציין און נעגל, וועלן מיר שטרייטן עקשנותדיקער און שאַרפֿער, ווי אַלע קליינבירגער, וואָס קלאָגן אויפֿן „אומקום" פֿון יידיש.

זאָל אָבער אַ נאַטירלעכער עוואָלוציע־פּראָצעס פֿירן צום אונטערגאַנג פֿון יידיש אין אַמעריקע — וואָס מיר זיינען גאָרנישט אַבסאָלוט זיכער, אַז דאָס וועט זיין אַזוי גיך, — זאָלן מיר אפֿילו וויסן גאַנץ זיכער, אַז דער צווייטער דור וועט שוין קיין יידיש נישט לייענען און נישט פֿאַרשטיין, — וועלן מיר אַלץ נישט אַריינפֿאַלן אין מעלאַנכאָלישער דעקלאַמאַציע, וועלן מיר זיך נישט אַוועקזעצן פֿאַרן שפּיגל און זיך באַוואונדערן ווי די לעצטע מאָהיקאַנער.

מיר וועלן דאָס נישט קענען טאָן, ווייל מיר האַלטן זיך נישט פֿאַר די לעצטע מאָהיקאַנער. זאָל אפֿילו יידיש אונטערגיין: די אַרבעט, וואָס מיר טוען איצט אויף יידיש, וועט שוין בלייבן אין דער שאַץ־קאַמער פֿון פּראָלעטאַרישן באַוואוסטזיין. זאָלן יידישע אַרבעטער אין הונדערט יאָר אַרום נישט וויסן אונזערע נעמען: זיי וועלן אָבער זיין אַ דירעקטע אָפּשטאַמונג פֿון די יעניקע פּראָלעטאַריער, וואָס בויטיקן זיך היינט אין אונדזער אַרבעט. זאָל זיין, אַז דער צוטריט צו יידיש — צום שענסטן און ווערטפֿולסטן, וואָס מען שאַפֿט אויף יידיש — וועט בלייבן אין דער צוקונפֿט נאָר פֿאַר יחידי סגולה; דאָס הייסט נישט, אַז די מאַסע פֿון דער צוקונפֿט וועט זיין פֿינצטערער, נאַרישער, טעמפּער. פֿאַרקערט: דאָס וועט נאָר הייסן, אַז די מאַסן האָבן אויף דעם וועג פֿון זייער אַנטוויקלונג געפֿונען פּאַסיקערע קולטור־געפֿעסן, פֿון וועלכע צו שטילן זייער דאָרשט. דאָס וועט נאָר הייסן, אַז

די קולטור־געפעסן פּאַסן זיך צו צו געענדערטע עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע סביבות.

מיר האָבן ליב יידיש, ווי יעדער אָנשטענדיקער אַרבעטער האָט ליב די געצייגן פון זיין פּרוכטבאַרער אַרבעט. מיר האָבן אָבער מער ליב דעם פּראָדוקט פון דער אַרבעט, איידער די געצייגן. מיר האָבן מער ליב דעם קלאַס, וואָס שלינגט קולטור, איידער די כלי, אין וועלכער די קולטור ווערט דערלאַנגט. אונדזער יידיש וועט נישט שטאַרבן, ווייל עס שטאַרבט נישט דער אַרבעטער־קלאַס. אונדזער אַרבעט וועט וואַקסן און ברענגען נייע און נייע פּרוכט, ווייל אַלץ ברייטער און ליכטיקער איז דער וועג פון אַר־בעטער־קלאַס אין דער צוקונפט.

און סוף כל סוף וועט דאָך די מענטשהייט מוזן אויסאַרבעטן איין אַלגע־מיינע שפּראַך. דאָס וועט אפשר דויערן הונדערטער יאָרן, אָבער סאָציאַ־ליזם וועט דערצו שאַפן אַ באָדן. און אפשר וועט קומען אַ צייט, ווען אויך שפּאַניש אָדער דעניש אָדער האָלענדיש וועט מער נישט בלייבן, ווי אויף פּאַפּיר. זאָלן די אַלע, וואָס שאַפן אין יענע שפּראַכן, זיך איצט אָוועקזעצן און זאָגן „איכה“?

לאָמיר זיך לערנען ריידן יידיש

לאָמיר זיך אַוועקזעצן אויף אַ מיטינג און זיך איינהערן, ווי מען רעדט. לאָמיר זיך נישט אַזוי צוהערן צום אינהאַלט, ווי צו די ווערטער גופא.

זאָגט איין רעדנער:

„מיר טאָרן זשיך ניט לאָזשן איזשאָלירן פון די מאַשן. מיר דאַרפן טשוזשאַמענרופן אַ קאָנפערענטש."

זאָגט אַ צווייטער רעדנער:

„פּאַסיזם סטייט אויפן סוועל פון אונזער געזעלסאַפטלעכן לעבן."

אַמאָל פּאַסירט אַזוי, אַז די רעדנער מישן־איבער די אויססשפּראַך.

זאָגט איינער:

„באַזיגן דעם פּאַסיזם."

זאָגט אַן אַנדערער:

„באַזשיגן דעם פּאַשיזם".

זאָגט אָבער אַ דריטער:

„באַזשיגן דעם פּאַסיזם."

איז דער דריטער יוצא פּאַר ביידע „ריכטונגען".

און וואָס הערט זיך עפּעס מיטן „או" און „אי"?

איר קענט הערן, ווי מען זאָגט:

„בין איך אַריינגעקימען און האָב אַ קוק געטאָן, איז מיר געוואָרן זייער קאַלעמיטנע."

זאָגט אַ צווייטער:

„עס וועט אים גאָרניט העלפן, וואָס ער באַהאַלט זיך אונטער די פּליי־צעס פון דעם פרעזידענט. מיר זיינען ניט מחויב זיך נאָכצושלעפּן אונטער אונזערע ביוראָקראַטן" (מיינען מיינט ער: הינטער די פּלייצעס און הינטער די ביוראָקראַטן).

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

***

הכלל, איר הערט זעלטן, אַז ווער פון אונדזערע רעדנער זאָל ריידן

„מאָרגן־פרייהייט", 10טן יאַנואַר, 1937.

אַ קלאָרע און ריינע יידישע שפּראַך מיט אַ קלאָרער אויסשפּראַך. און דאָס איז ריכטיק נישט נאָר בנוגע מענטשן פון דער מאַסע, נאָר אויך בנוגע זייער אַ גרויסן פּראָצענט פון די פּראָפעסיאָנעלע רעדנער, לעקטאָרן, דע־קלאַמאַטאָרן, זינגער, שפּילער.

עס איז שוין געקומען אַ צייט, רעכן איך, אַז מיר זאָלן זיך מער אומ־קוקן אויף אונדזער יידיש.

קודם־כל פאַרגעסן אונדזערע רעדנער און בינע־טוער, אַז אַ שפּראַך דאַרף מען זיך לערנען. זיי פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי שפּראַך־קולטור. זיי טראַכטן אפילו נישט, אַז מענטשן דאַרפן זיך איינהערן אין דעם אופן, ווי זיי ריידן, כדי זיי זאָלן לייכטער מאַכן פאַר זייערע הערער דאָס הערן.

איך האָב אַנומעלטן געלייענט, אַז אַ פּראָפעסאָר פון שפּראַך־קולטור האָט געמאַכט אַזאַ עקספּערימענט: ער האָט אַרונטערגענומען פאָנאָגראַף־רעקאָרדס פון זיינע סטודענטן, ווי זיי האָבן גערעדט בשעת זיי זיינען אַריינ־געקומען אין זיין קלאַס. שפּעטער האָט ער די זעלביקע סטודענטן געלאָזט הערן די רעקאָרדס פון זייער ריידן. די סטודענטן האָבן מיט שרעק זיך גע־זאָגט: „איז דאָס מעגלעך, אַז מיר האָבן ווען גענוצט אַזאַ שוידערלעכע שפּראַך?״

דאָ האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן דעם אויסוואַל פון ווערטער, נאָר וועגן דער אויסשפּראַך.

איך וועל נעמען איין קליינעם ביישפּיל. מען זינגט ביי אונדז אָפט דאָס פאָלקס־לידל: „גיי איך מיר שפּאַצירן״. איר האָט דאָס לידל שוין געהערט מסתמא אַ מאָל הונדערט. זייער אָפט הערט איר, ווי מען ענדיקט דאָס אַזוי:

„דער זומער איז געקימען —
ער האָט מיך נישט גענומען.״

אָדער פאַרקערט:

„דער זימער איז געקומען —
ער האָט מיך נישט גענימען.״

פון וואַנענט נעמט זיך דער טעות? אָט פון וואָס: די יידישע בינע האָט, על פּי טראַדיציע, געברויכט די אוקראַאינער אויסשפּראַך. אויף דער פּלאַטפאָרמע אָבער, דער עיקר אין אַמעריקע, האָט זיך איינגעבירגערט די

ליטווישע אויסשפּראַך. דער גרעסטער טייל פון די, וועלכע ריידן אָדער דעקלאַמירן, ווייסן אָפּט נישט דעם אונטערשייד. מישן זיי צוזאַמען די אוקראַאינישע און ליטווישע אויסשפּראַך. באַקומט זיך אַ קאַשע מיט באָט־ווינע, וואָס עקלט דעם מער אָדער ווייניקער קריטישן הערער. מען קאָן זאָגן, אַז נישט איינער פון צען רעדנער איז ביי אונדז פריי פון אָט־דער קאַשע מיט באָטווינע.

הייַנט וואָס הערט זיך מיט דער „אַנט“ אָנשטאָט „האַנט“, „הערע“ אָנשטאָט „ערע“, „הוילעם“ אָנשטאָט „עולם“ — און אַנדערע אַזוינע זאַכן, וואָס מען קאָן הערן אויף שריט און טריט?

הייַנט וואָס הערט זיך מיט די אומנויטיקע — און דערצו נאָך פאַרקריפּלטע — אַנגליציזמען, אַן וועלכע די שפּראַך וואָלט זיך געקאָנט זייער גוט באַגיין?

איך זאָג נישט, אַז מיר מוזן דווקא אויסקלייבן נאָר איין דיאַלעקט. איך שטעל מיר פאָר, אַז אייניקע יידן וועלן אַלץ נאָר ריידן ליטוויש־יידיש, אַנדערע — אוקראַאיניש־יידיש און נאָך אַנדערע אפילו פּויליש־יידיש. אָבער וואָס איך וויל איז, אַז אויב איינער רעדט אויף איין דיאַלעקט, זאָל ער נישט צוזאַמענמישן מיט אַן אַנדער דיאַלעקט, ווייל דאָס איז אומדערטרעגלעך פאַרן אויער. און די וויכטיקסטע זאַך איז, אַז אין יעדערער פון אָט־די דריי אויסשפּראַכן זאָל מען אינזינען האָבן די ריינקייט פון דעם וואָרט.

עס איז נישטאָ קיין שום אַנטשולדיקונג פאַר אַ לעקטאָר, וואָס פאַרבייט אַלע „שינען“ אויף „סינען“. עס איז נישטאָ קיין שום אַנטשולדיקונג פאַר אַ רעדנער, וואָס פאַרבייט אַלע זיינע „צדיקן“ אויף „טשאַדיקן“. עס איז נישטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס אַ רעדנער זאָל זאָגן, למשל, „טשאַטשקע“ אָנשטאָט „צאַצקע“. עס איז נישטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס מיר זאָלן זיין אַזוי אָפּגעלאָזט, אַזוי צעשויבערט, אַזוי אומקולטורעל אין אונדזער ריידן.

— וואָס־זשע ווילט איר: מיר זאָלן זיך נעמען לערנען ריידן יידיש?

— פרעגט מיך איינער פון אונדזערע זייער גוטע חברים. דער חבר פילט זיך שטאַרק געטראָפן. היתכן, אויף די עלטערע יאָרן?

— יאָ, טייערער חבר. אויב איר טרעט אַרויס אויף פּלאַטפאָרמעס און רעדט צו אַנדערע, און אַנדערע ווערן באַאיינפלוסט דורך אייער ריידן, דאַרפט איר זיך אַליין אויסלערנען ריידן. איר פאָדערט דאָך פון אַ שוסטער, אַז ער זאָל קענען די מלאכה. אַוודאי פאָדערט איר דאָס פון אַן עלעקטריקער. וואָרים אַנישט וועלן די לעמפּלעך נישט ברענען ווי עס געהער צו זיין ביי אייך אין צימער. אַז עס קומט אָבער צו אַ רעדנער, זאָגט איר, אַז ער זאָל ריידן „ווי עס מאַכט זיך“.

דאָס הייסט: נישט האָבן קיין רעספּעקט נישט פאַר זיך, נישט פאַרן עולם.

איך האַלט, אַז לערנען זיך, ווי צו ריידן, דאַרפן נישט נאָר פּראָפעסיאָנעלע רעדנער און דעקלאַמאַטאָרן, נאָר יעדער איינער, וועלכער פאַרהאַלט זיך ערנסט צו זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן צו־לאַנג פאַרנאַכלעסיקט די יידישע שפּראַך. עס איז צייט זיך אומצוקוקן אויף אָט־דעם „פאַרוואָרפענעם ווינקל״.

אַנטיסעמיטיזם און די יידישע קולטור

.1

דער אויפגעיוירענער אַנטיסעמיטיזם פון דער לעצטער צייט, דער ברוטאַלער, זינלאָזער און אומאויפהערלעכער סאַדיסטיש־ראַפינירטער פּאָגראָם אויף יידן אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער ליניע, האָט אַוועקגעשטעלט דעם יידישן קאָלעקטיוו און יעדן יידן באַזונדער פאַר אַ דילעמע: אָדער ווידערשטאַנד, אָדער אומקום. ווען מיר ריידן וועגן קאָלעקטיוו, מיינען מיר די גרויסע מענטשן־געמיינשאַפט, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דאָס יידישע פאָלק" און וואָס נעמט אַריין די גרויסע מערהייט פון די יידן, די אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע מאַסע. עס וואָלט זיך געקענט דאַכטן, אַז אין אַזאַ קאַטאַסטראָפע־צייט, ווי די איצטיקע, זאָלן אַלע יידן צוזאַמען, אָן אויסנאַם, זיין פאַראייניקט אין זייער באַציאונג צו דעם וואַקסנדיקן געשפּענסט פון אַנטיסעמיטיזם. וואָרום עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אין זיינע עקסטרעמע אויסדרוקס־פאָרמען — די פאַשיסטישע אין דייטשלאַנד — מאַכט דער אַנטיסעמיטיזם גאָרנישט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן יידן מיט גרויסע פאַרמעגנס און יידן מיט קלענערע אָדער מיט גאָרנישט קיין פאַרמעגנס. אָבער אַזוי איז שוין די איינגעגעסענע קלאַסן־גלידערונג פון דער געזעלשאַפט בכלל, פון יידן בפרט, אַז אפילו אין אַזאַ מוראדיק־געפערלעכער און מוראדיק־פאַראַנטוואָרטלעכער צייט, ווי די איצטיקע, מוז מען אַלץ נאָך ריידן וועגן דעם קאָלעקטיוו פון דער גרויסער מערהייט פונעם פאָלק אין היפּוך צום קליינעם מיעוט יידן, וועלכע הויבן זיך אַרויס פונעם כלל און קוקן אויף זיך, אינעם בעסטן פאַל, ווי פּראָווידענציעלע פירער, עצה־געבער און באַשיצער, אָבער נישט ווי אַזוינע, וואָס טיילן דעם גורל פונעם כלל.

ווען מען נעמט אַרויס אָט־די קליינע מינאָריטעט, קען מען זאָגן, אַז דער גרויסער יידישער קאָלעקטיוו, דאָס יידישע פאָלק, אַרבעט מיט פייבערהאַפטער האַסט און מיט טיף־אַריינדרינגענדיקן וויטיק איבער דער פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן? וואָס זאָל דער יידישער קאָלעקטיוו טאָן? קען דער יידישער קאָלעקטיוו עפּעס טאָן?

אָן איבערבליק איבער די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען און באַוועג־

„יידישע קולטור", דעצעמבער, 1938.

גונגען פֿאַר די לעצטע חדשים באַווייזט, אַז דער יידישער קאָלעקטיוו איז צעטיילט אין צוויי הויפּט־לאַגערן. די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן ביידע לאַגערן איז נישט אַלעמאָל זייער שאַרף; אָפּטמאָל איז זי גענוג אָפּגעווישט, אַזוי אַז עס איז בשום אופן נישט קלאָר, וואו עס ענדיקט זיך איינער און עס הויבט זיך אָן דער צווייטער; דאָס איז נישט אומנאַטירלעך אין אַ סיטואַציע, וואו אַזוי פיל מענטשן וואַקלען זיך צווישן האָפענונג און שרעק, צווישן פאַרצווייפלונג און דעם ווילן צו ווידערשטאַנד. דאָס פאַראַנזיין פון אַזוינע גרענעץ־עלעמענטן שליסט פונדעסטוועגן נישט אויס, נאָר עס אונטערשטרייכט ערשט באַזונדער די עקזיסטענץ פון די צוויי לאַגערן. איין לאַגער איז, קורץ פאָרמולירט, פאַר ווידערשטאַנד, פאַר קאַמף, דער אַנדערער — פאַר צוריקטריט, פאַר אָפּזאָג פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג. ווי גרויס די לאַגערן זיינען, איז נישט מעגלעך פעסטצושטעלן סטאַטיסטיש. אָבער לויט אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג, לויט אַ באַרעכטיקונג פון די אַקטן פון שטימונגס־אויסדריקן צווישן פאָלק, קען מען מיט אַ געוויסער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז נומעריש איז דער ערשטער לאַגער נישט אין אַן ערך גרעסער, ווי דער צווייטער, הגם אין צווייטן זיינען פאַראַן אַ סך פון די גאָר־איינפלוסרייכע יידישע עלעמענטן.

מיר האָבן געברויכט דעם אויסדרוק: „אָפּזאָג פון זעלבסט־באַשטימונג“. לויט ווי דער צווייטער לאַגער פאָרשטייט זיין פּראָגראַם און איר באַגרינדונג, איז זיין פּאָליטיק נישט קיין אָפּזאָג פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, נישט קיין נאָכגעבן דער אידעאָלאָגיע פון אומקום, נאָר, פאַרקערט, אַ באַזונדערע מעטאָדע פון זעלבסט־פאַרטיידיקונג, — אַ מעטאָדע פון פאַרטיידיקן זיך דורך צוריקטריט, דורך בילדן די מעגלעך־קלענסטע צילברעט פאַרן שונא. דער גרונט־טעזיס פון אָט־דעם לאַגער איז, אַז וואָס ווייניקער דער יידישער קאָלעקטיוו וועט זיך „וואַרפן אין די אויגן“, וואָס ווייניקער ער וועט אָנפילן די וועלט מיט די אויסדרוקן פון זיין אומצופרידנקייט, אַלץ מער וועט מעגלעך זיין צו ראַטעווען פון דעם איצטיקן חורבן אויב נישט דעם גאַנצן יידישן קיבוץ (וועלכער איז אין די אויגן פון די באַגרינדער פון אָט־דעם לאַגער פאַרמשפט צו גאָר לאַנגע יאָרן פון אומאויפהערלעכע רדיפות און נגישות, וועמעס רעזולטאַט מוז זיין פאַרניכטונג און אומקום אין אַ ריזיקער מאָס), איז, לכל־הפחות, די שארית־הפליטה.

די וואָרט־זאָגער פון ערשטן לאַגער טרעטן אַרויס מיט זייער אַ שאַרפער קריטיק פון דער צוריקטריט־אידעאָלאָגיע. לויט זייער מיינונג איז דאָס שעדלעך פאַרן יידישן קאָלעקטיוו אין אַלע הינזיכטן: מאַטעריעל

— אײנעם זין פֿון לאָזן דאָס פֿעלד פֿרײַ פֿאַרן אָנפֿאַלער, געבן דעם אָנפֿאַלער אַ פֿרײַע האַנט, צוגעבן שטילשווײַגנדיק, אַז קײן אויסוועג איז נישטאָ; גײַסטיק — אײנעם זין פֿון צוגעבן די אײגענע מאַכטלאָזיקײט (און אויך די מאַכטלאָזיקײט פֿון דער פּראָגרעסיווער מענטשהײט), פֿון צעשמעטערן דעם שטאָלץ פֿונעם פֿאָלק, וואָס דאָס איז אַלײן אַ גרויסער אוצר; געזעלשאַפֿטלעך — אײנעם זין פֿון אָוועקנעמען בײַ די פּראָגרעסיווע קרעפֿטן פֿון דער מענטשהײט די באַפֿרײַענדיקע פֿאַראויסשטרעבנדיקע און געשיכטלעך צום זיג באַשטימטע מחנות פֿון דער האָרעפּאַשנער מענטשהײט, אַ פֿײַאיקע און העכסט לעבעדיקע קראַפֿט, ווי דאָס וואָלט געקענט זײַן דער יידישער טײל פֿון אָט־די מחנות אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם און אַנטי־יידישע גזירות, ווען דער יידישער קאָלעקטיוו וואָלט געווען אײביק אין זײַן אַנטשלאָסנקײט אַרויסצואווײַזן אַ ווידערשטאַנד. די וואָרט־זאָגער פֿונעם ווידערשטאַנד־לאַגער דערקלערן עמפּאַטיש און מיט ווײַטיק, אַז די צוריקטריט־פּאָליטיק, די צוריקטריט־אידעאָלאָגיע זײַנענדיק אַ פּסיכאָלאָגיש־פֿאַרשטענדלעכע רעאַקציע אויף אַ לאַגע, וואָס איז אָן פּרעצעדענטן אפֿילו אין דעם גרויסן היסטאָרישן מאַרטירלאָג פֿון דעם יידישן פֿאָלק, און מאָמענטאַן באַפֿרידיקנדיק אַ נאַטירלעכן אימפּולס פֿון געטריבענע און געפּײַניקטע, איז אין עצם אַ דערפֿילונג פֿון די וואונטשן פֿונעם שונא, אַ קאַפּיטולאַציע, וואָס איז אין שאַרפֿן קאָנטראַסט צו דער גאַנצער געשיכטע פֿונעם יידישן פֿאָלק, צו די ריכטיק־פֿאַרשטאַנענע טענדענצן פֿון דער מאָדערנער געשיכטע (וועלכע מוז מיט זיך ברענגען די באַפֿרײַונג פֿון אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער און במילא אויך פֿונעם יידישן פֿאָלק) און צו די הײסעסטע וואונטשן פֿון גרויסע מאַסן יידן.

דער קעגנזאַץ צווישן אָט־די צוויי לאַגערן איז דער גרויסער טראַגישער קאָנפֿליקט פֿונעם יידישן לעבן אין דער איצטיקער צײַט. עס איז טראַגיש געווען, ווען אַ פֿאָלקס־קאָלעקטיוו ווערט אויסגעזעצט צו אַזוינע רציחות, ווי עס ווערן אויסגעזעצט די יידן, אין דער ערשטער רײ אין דײַטשלאַנד, אָבער אויך דירעקט אין אַ גאַנצע רײ אַנדערע לענדער און — אומדירעקט, אָבער געווען דערדריקנדיק און באַליידיקנדיק — אויך אין די פֿאַראײניקטע שטאַטן. עס איז אָבער נאָך טראַגישער, ווען דער קאָלעקטיוו, וואָס ווערט אַטאַקירט און וואָלט געדאַרפֿט, ווי אײן מענטש, אַרויסווײַזן אַ ווידערשטאַנד — און דערמיט אויפֿמונטערן און שטאַרקן די הענט אויך פֿון די ניט־יידישע פּראָגרעסיסטן — פֿרײַהײטס־קעמפֿער — ווערט דורכגעדרונגען מיט פּאַסיווקײט און ציט זיך צוריק פֿונעם שלאַכט־פֿעלד.

אפשר זיינען די ווערטער צו שאַרף. וואָרום אויך אינעם צוריקטריט־לאַגער זיינען פאַראַן אַלערליי שאַטירונגען. אַ גענויערער אַנאַליז וואָלט זיך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף דעם אונטערשייד צווישן צוריקטרעטלער, וועלכע באַהאַלטן פונדעסטוועגן אַ געוויסן גראַד פון מיליטאַנטישקייט לכל־הפחות אין דער פראַזע, און צוריקטרעטלער, וועלכע שטעלן אַרויס דעם גאַנץ אוטאָפּישן פּלאַן פון געפינען חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון די אַנטיסעמיטן. אויך וואָלט מען געדאַרפט באַטאָנען דעם ווידערשפּרוך צווישן פאַרשאַרפטן נאַציאָנאַליזם אין ווערטער, וועלכער איז פאַרבונדן מיט פּלענער פון אוטאָפּישע פּאַנאַצעיעס, און פאַקטישן צוריקטריט אין דער פּראַקטיק. עס וואָלט אויך נויטיק געווען אָנצואווייזן, אַז די וואָרט־פירער פון דעם פּאַסיווקייט־לאַגער זייען גאָרנישט פּאַסיוו, ווען עס קומט צו באַקעמפן די אידעאָלאָגיע און די מעטאָדן פון די אַקטיוויסטן. אָבער פאַר די צוועקן פון די איצטיקע אויספירונגען, איז די גרויסע איינטיילונג — די גרונט־איינטיילונג פון דעם יידישן קאָלעקטיוו אין דער איצטיקער צייט.

.2

עס קען נישט זיין קיין צווייפל, אין וועלכן לאַגער עס דאַרפן זיך געפינען די געזונטע עלעמענטן פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. עס איז נישטאָ קיין צווייפל, אין וועלכן לאַגער עס געהערט דער „איקוף“. „דאָס יידישע פאָלק איז באַזעלט מיט אַ ווילן צו לעבן“, האָט קאָנסטאַטירט דער מאַניפעסט פונעם ערשטן קאָנגרעס פונעם „איקוף“. דאָס יידישע פאָלק איז באַזעלט מיט אַ ווילן צו שטעלן זיך קעגן שונא. דער „איקוף“, טראָגנדיק אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פונעם יידישן פאָלק, איז דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז די טראַדיציע פון ווידערשטאַנד, די טראַדיציע פון אַ הויך־געהויבענעם קאָפּ אין אָנגעזיכט פון אַן אָנפאַל, די טראַדיציע פון פאָלקס־איינקייט אויף צוריקשטויסן אַן אָנפאַל, די טראַדיציע פון מיטאַרבעטערשאַפט מיט אַלע בעסטע קרעפטן פון דער מענטשהייט, איז טיף איינגעוואָרצלט אין דעם האַרצן פונעם יידישן קאָלעקטיוו.

די ראָלע פונעם „איקוף“ אין דער איצטיקער היסטאָרישער סיטואַציע באַקומט דעריבער אַן אַלץ גרעסערע באַדייטונג, וואָס גרעסער עס זיינען די אויפגאַבן, וועלכע די געשיכטע האָט אַוועקגעשטעלט פאַרן יידישן פאָלק. דער „איקוף“ האָט אויפגעשריבן אויף זיין פאָן די ווערטער: „זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, באַרייכערונג, פאַרפיינע־

רונג פון דער יידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווער קולטור, סטימולירן איר ווייטערדיקן וואוקס אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט.״

דער „איקוף״ האָט דערקלערט:

„דאָס יידישע פאָלק איז נישט אָפּצוטיילן פון דער יידישער קולטור. די יידישע קולטור איז נישט אָפּצוטיילן פון דעם יידישן פאָלק, פון זיינע ברייטע האַרעפּאַשנע מאַסן. וואָס שטאַרקער עס זיינען אָרגאַניזירט זיינע קרעפטן, אַלץ רייכער וועט בליען די יידישע פאָלקס־קולטור און אַלץ גרעסער וועט זיין דער ווידערשטאַנד פון דעם פאָלק מיט זיין קולטור קעגן דער פאַרניכטונג.״

דער „איקוף״ האָט אַרויסגעשטעלט דעם גרונט־אמת, אַז די יידישע קולטור איז אַ קוואַל פון קראַפט פאַרן יידישן פאָלק, ווייל אין דער יידישער קולטור געפינט דער פאָלקס־מענטש „אַ דירעקטן, פולן אויסדרוק פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין גאַנצן מהות, פון זיינע האָפענונגען, פון זיין קאַמף.״

אין אָט־די ווערטער איז אָנגעמערקט די באַדייטונג און די ראָלע פון דער יידישער קולטור פאַר דעם יידישן פאָלק אין דעם איצטיקן מאָמענט.

3.

ווען מירריידן וועגן קולטור, מיינען מיר נישט עפּעס אַן אַבסטראַקטן באַגריף, נאָר די צאָלרייכע און פאַרשיידנאַרטיקע קולטור־ווערטן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער גאָרער וועלט און וואָס קענען דורכזאַפּן דאָס לעבן פונעם יידישן קאָלעקטיוו אומעטום. מיר האָבן אין זינען די יידישע ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון די פלאַמיקע פּראָטעסט־רופן פון די נביאים און ביז די פּאָעטן און דערציילער און עסעאיסטן פונעם היינטיקן טאָג. מיר האָבן אין זינען דעם טעאַטער, קעגן געוויסע טענדענצן פון וועלכן מיר זעצן אויס גאַנץ שאַרף — ווי קעגן אומגעזונטע טענדענצן אין דער ליטעראַטור, — אָבער וועלכער איז געווען און קען זיין אַ גרויסע קאָנסטרוקטיווע קראַפט אינעם לעבן פון די יידישע מאַסן. מיר האָבן אין זינען די אַנדערע יידישע קונסטן, די יידישע פאָרשונג. מיר האָבן אין זינען דאָס באַוואוסטזיין, אַז עס איז דאָ אַ יידישע קולטור, וועלכע איז אַלט טויזנטער יאָרן און אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דאָס גאַניאַלע פונעם פאָלק. מיר פאַרגעסן נישט אויף איין מינוט, אַז קולטור־אַרבעט דאַרף באַשטיין פון צוויי זיך־סופּלעמענטירנדיקע טעטיקייט־געביטן: ערשטנס, דאָס שאַפן קולטור־ווערטן, דאָס אַרויפפירן די יידישע קולטור אויף אַלץ גרעסערע

היכן; צווייטנס, דאָס ברענגען די קולטור צו די ברייטע מאַסן, דאָס אַראָפּנידערן מיט דער קולטור אין די טיפסטע טיפּענישן פּונעם יידישן פאָלקס־קאָלעקטיוו (וואָס דאָס דאַרף בשום אופן נישט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ וואולגאַריזאַציע פון קולטור, נאָר ווי אַ פאָרברענגען פון דער קול־טור פאַרן צוריקגעשטאַנענעם מענטשן אין אַזאַ פאָרמע, אַז ער זאָל זי קענען איינזאַפּן און דערמיט ווערן אויס „צוריקגעשטאַנענער מענטש"). ביידע גרויסע געביטן פון קולטור־טעטיקייט דאַרפן מיט באַזונדערער ענער־גיע אַנטוויקלט ווערן גראָד אין דער איצטיקער צייט, ווי אַ שוץ־מיטל קעגן די פיינט פון דרויסן, ווי אַ מיטל אַריבערצוגעווינען די צוריקטריטלער אינעווייניק, אינעם יידישן קאָלעקטיוו גופא, ווי אַ מיטל צוצויען די יידישע עלעמענטן, וואָס ווייסן נישט, „פאַרוואָס זיי זיינען יידן."

אויבנאויפיקע באַאָבאַכטער, דער עיקר אַזוינע, וואָס האָבן בכלל אַ גרינגשעצנדיקע באַציאונג צו יידישער קולטור, האָבן נישט איין מאָל גע־פרעגט אין דער לעצטער צייט: וואָס טויג זיך אַפּגעבן מיט אַזאַ אָרגאַ־ניזאַציע, ווי דער „איקוף"? וואָס קער זיך אָן קולטור מיט פּאָגראָמען? וואָס קער זיך אָן יידישער קולטור מיט נאַצי־באַרבאַרייען אין דייטשלאַנד? אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געהערט נישט נאָר מצד צוריקטרעטלער, נאָר אויך מצד אַקטיוויסטן. וואָס פאַר אַ שייכות איז דאָ, אַ שטייגער, צווישן ליטעראַטור, האָבן אַזוינע געפרעגט, און דער אויפגאַבע פון פאַראייניקן וואָס מער יידן אין איין פאָלקס־פראָנט קעגן אַנטיסעמיטיזם?

דער ענטפער איז געגעבן אין דעם פאַקט, וואָס די אויפגאַבע פון פאַראייניקן דאָס פאָלק און אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די פיינט, איז נישט קיין אַרבעט פון איין טאָג, נישט קיין אַקט פון איין קורצן מאָ־מענט, נאָר אַ פּראָצעס, וואָס דאַרף אַרומנעמען אַ געווויסן פּעריאָד. אין משך פון אָט־דעם פּעריאָד וועט דאָס פאָלק דאַרפן דערגיין צו אַ מאַקסי־מום באַוואוסטזיניקייט, אַ מאַקסימום זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַ מאַקסימום אייניקייט און אַ מאַקסימום שלאָג־קראַפט. די יידישע קולטור דאַרף זיין דער באַלעבנדיקער כוח, וועלכער גיט אַריין האָפענונג און קראַפט און געדולד און מוט, ניט צו ריידן וועגן דער פייאיקייט צו זען אַ קלאָרע פּערספּעקטיווע. די יידישע קולטור דאַרף זיין דער צעמענט, וואָס פאַר־אייניקט די ברייטסטע שיכטן פון דעם יידישן קאָלעקטיוו. די יידישע קול־טור דאַרף זיין דער עלעמענט, וואָס מאַכט דעם ווידערשטאַנד אימפּעט־דיקער און פעסטער. ווען דער קאַמף אין אָט־דעם היסטאָרישן פּעריאָד וועט זיין פאַרענדיקט און ליכטיקע ברייטע האָריזאָנטן וועלן זיין געעפנט פאַר דעם יידישן פאָלק, וועט, אַדאַנק דער יידישער קולטור, דאָס פאָלק

אַליין זיין אַ גאָר אַנדערער, אַ נייער, אַ באַלעבטער קאָלעקטיוו, וועלכער איז מסוגל און איז ווערט אַריינצוטרעטן אין אַט־די נייע וועלטן.

מיר האָבן אויך געוואָרנט קעגן צוגיין צו דער יידישער קולטור ווי צו אַן אַבסטראַקטן באַגריף. מיר מוזן דאָ וואָרענען קעגן אַ צוגאַנג, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַן עלעמענט פון פעטישיזם. מיר האַלטן נישט, אַז די יידישע קולטור איז באַשאַנקען מיט די אָדער יענע מיסטישע אייגנ־שאַפטן, וועלכע גיבן איר אַ צויבער־קראַפט, פּונקט ווי מיר האַלטן נישט, אַז די יידישע געשיכטע איז אַ מאַניפעסטאַציע פון עפּעס געהיימניספולע קרעפטן, וועלכע קענען נישט דערקלערט ווערן אויף אַ היסטאָריש־וויסנ־שאַפטלעכן באָדן. מיר האַלטן, אַז יעדע קולטור פון אַ פאָלק באַזיצט אין זיך אַט־די וואונדער־קראַפט פון פאַראייניקן און דערהויבן און סטימולירן דאָס פאָלק, אויב פון אַט־דער קולטור ווערן גענומען אירע בעסטע פּראָ־גרעסיווע עלעמענטן. אומעטום, וואו די רעאַקציע שפּרייט אויס איר מאַכט, נעמט זי זיך נישט נאָר צום גוף, צו דער מאַטעריע פונעם פאָלקס־לעבן, נאָר אויך צו זיין גייסט, ווי ער איז אויסגעדריקט אין די בעסטע שאַפונגען פון דער קולטור. עס איז דער אומגליק און די שאַנד פון דייטשלאַנד, וואָס דער פאַשיזם, אין זיין שטרעבונג צו פאַרשקלאַפן און ברוטאַליזירן די פאָלקס־מאַסן, האָט אין דער ערשטער ליניע גענומען פאַרברענען די בעסטע ביכער און מיט אַ ווילדער חוצפה אונטערגעהאַקט דעם פּרעכטיקן שטאַם פון דער דייטשישער קולטור. להיפוך, דאָרט וואו די מאַסן ווילן זיך שטעלן קעגן דער פאַרדאַרבנדיקער מאַכט פון רעאַקציע, מוזן זיי גע־פינען פאַר זייער דורשט דעם לעבנס־קוואַל פון דער פאָלקס־קולטור. דאָס איז ריכטיק אין אַ גרעסערער מאָס בנוגע דעם יידישן קאָלעקטיוו, ווייל ער האָט מער פון אַלע געליטן אין דער מאָדערנער צייט.

באַוואוסטזיין אַליין איז אַ גרויס געווער. דער שונא, כדי צו באַ־הערשן, שטרעבט צו פאַרטעמפּן, צו וואולגאַריזירן, צו דעגראַדירן דעם גייסט פון די מענטשן. קולטור אין אירע בעסטע אויסדרוקן, איז דער גרויסער קעגן־גיפט קעגן אַט־דעם סם פון אונטערדריקונג. אַ פאָלק, וואָס דאַרף זיך שטעלן קעגן זיינע שונאים, אַ פאָלק, וואָס דאַרף פאַר־שטיין, ווער ס׳איז זיין פיינט און ווער זיין פריינט, אַ פאָלק, וואָס דאַרף זען פאַר זיך אַ קלאָרן וועג, מוז טרינקען טיף פונעם קוואַל פון זיין קולטור. די גרויסע מערהייט פונעם יידישן פאָלק רעדט יידיש און לעבט זיך אויס אויף יידיש. די דאָזיקע מערהייט דאַרף טרינקען פונעם קוואַל פון דער יידישער קולטור. אָבער אויך די טייל פונעם יידישן פאָלק, וועלכע פאַר־שטייען נישט קיין יידיש, דאַרפן טרינקען פונעם קוואַל פון באַוואוסטזיין

איף די שפּראַכן, וואָס זיינען פאַר זיי באַקוועמער. אויך אָט־די אַרבעט דאַרף דערמונטערט און אָנגעפירט ווערן דורך די טוער פון דער יידי־שער קולטור.

אַ פאָלק, וואָס גייט אין קאַמף קעגן אַ מעכטיקן שונא, נויטיקט זיך אינעם געפיל פון צוזאַמענגעהערן. אָן דעם וועט זיך נישט אויספאָרמירן דער פאָלקס־פראָנט. דאָס געפיל פון צוזאַמענגעהערן ווערט געגערט דורך פאַרשיידענע מאָמענטן: געשיכטלעכע טראַדיציעס, שטאַם־באַוואוסטזיין, אָבער דער וויכטיקסטער מאָמענט, וואָס גיט דאָס געפיל פון צוזאַמענגע־העריקייט, איז די פאָלקס־קולטור. די יידישע קולטור האָט נאָך דעם פאַר־צוג, וואָס זי איז מער פאָלקס־קולטור ווי די קולטורן פון אַנדערע פעלקער, און טראָגט אין זיך וויניק פונעם איינפלוס פון דער קליינער מינדער־הייט, וואָס הויבט זיך אַרויס פונעם כלל פון דער מאַסע.

די יידישע קולטור, אין דער איבערוועגנדיקער מערצאָל פון אירע פּראָדוקטן, איז אַ קולטור אַ פּראָגרעסיווע, וואָס אירע טענדענצן זיינען אַ פולער קעגנזאַץ צו די טענדענצן פון צוריקטריט און פאַסיווקייט.

די יידישע קולטור, דורך אירע געניאַלסטע שאַפער, ברענגט די מאַסע אין דעם ענגסטן קאָנטאַקט מיט די העכסטע אידעאַלן און מיט די טיפסטע איבערלעבונגען פון דער מענטשהייט. כדי דאָס יידישע פאָלק זאָל אָנ־האַלטן אָט־דעם קאָנטאַקט, איז נויטיק, אַז די שאַפנדיקע פּראָצעסן זאָלן פאַרשנעלערט ווערן, אַז די ווערק פון דער יידישער קולטור זאָלן זיין ברייטער, טיפער, רייכער, פיינער, — און דאָס הייסט, אַז אויך אין דער איצטיקער צייט, ווי שווער זי זאָל נישט זיין, און דווקא גראָד אין דער איצטיקער צייט דאַרפן די שאַפונג־פּראָצעסן פון דער יידישער קולטור פאַרגרעסערט ווערן אין אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב.

דרך־ארץ פאַרן פאָלק

אין אַ מינוט פון נשמה־דערהויבונג האָט אויסגערופן אַ יידישער דיכטער צום יידישן פאָלק:

„ניין, נישט רימען דיך, נישט לויבן
כ'האָב אַצינד געוואָלט, —
אייביק, ווי דאָס לעבן אייביק,
בלייבט דאָס פאָלק.״
(ש. ראָסין).

ווען דער דיכטער האָט דאָס געשריבן, האָבן געקלונגען אין זיין געדעכעניש די ווערטער פון סטאַלין: „דאָס פאָלק איז אומשטערבלעך.״ דער דיכטער האָט געזען די פיין פון זיין פאָלק, געהערט דעם וויי־געשריי פון זיינע ברידער־מאַרטירער אויף יענער זייט גרענעץ, געוואוסט, אַז ברעכן וויל דער שונא דעם גייסט פונעם פאָלק, כדי צו פאַרלענדן עס פון דער ערד, אָבער געוואוסט האָט ער, אַז דאָס פאָלק וועט איבערלעבן און וועט זיגן:

„פון פאַשיסטן־לאַנד ביז דאַנען
עס דערגרייכט דיין קול:
דעם גרויל אויך אַריבערשפּאַנען
וועט דאָס פאָלק.

„וויפל הענקער און באַטריגער
האָט די צייט פאַרמעקט!
אייביק איז דאָס פאָלק געבליבן,
שאַפט און לעבט.״

„אייביק, ווי דאָס לעבן אייביק, בלייבט דאָס פאָלק״ . . . אייביק, ווי דאָס לעבן אייביק, בלייבט אין פאָלק דאָס ציען זיך צו פרייהייט, די שנאה צום באַדריקער. אייביק, ווי דאָס לעבן אייביק, בלייבט אין פאָלק דאָס געפיל פון סאָציאַלן יושר און דער קוק אויפן באַלעבאָס, וואָס איז פעט פון פרעמדער פּראַצע, ווי אויף אַ שפּין און אַ פּיאַווקע. אייביק

„מאָרגן־פרייהייט״, 4טן נאָוועמבער, 1939. איינער פון די סאַמע לעצטע אַרטיקלען, וואָס מ. אָלגין האָט אָנגעשריבן (צו דער געלעגנהייט פון אַ „איקוף״־צוזאַמענקונפט מיט פאַרשטייער פון די אָפּטיילן פון יידישן פאָלקס־אָרדן אין ניו־יאָרק).

בלייבט אין פאָלק די פריינטלעכקייט צו מענטשן פון אַנדערע פעלקער און די גרייטקייט צו לעבן מיט זיי אין שלום און ליבשאַפט. אייביק איז דאָס רייסן זיך צום ליכט, דאָס אַרבעטן צו דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון מענטשלעכן לעבן; אייביק רופט אין האַרצן פונעם פאָלק: לאָמיר צעברעכן די צאַמען פון קנעכטשאַפט, די ווענט פון חושך, די קעלט פון גליוועך, לאָמיר אַרויס אין אַ רחבות, וואו ס'שיינט די זון, וואו ס'בליט דאָס לעבן, וואו דער מענטש קען זיין אַ מענטש.

„ווער זשע קען אַ פאָלק צעשטויבן,
אָפּטויבן זיין קול?
אייביק, ווי דאָס לעבן אייביק,
איז דאָס פאָלק!"

***

ווער עס וויל אַרבעטן מיטן פאָלק אויף זיין וועג צום ליכטיקן לעבן, דער דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַרן גייסט פונעם פאָלק, וואָס איז אַ גייסט פון סאָציאַלן יושר און באַפרייאונג. ווער עס וויל העלפן דעם פאָלק אַ שפּאַן טאָן פאָראויס און אַרויף, דער דאַרף גלויבן אין די שאַפנדיקע קרעפטן פונעם פאָלק, אין זיין ווילן, אין זיין גרויסער קעמפערישער עקשנות. ווער עס וויל רייכער מאַכן דאָס לעבן פונעם פאָלק, דער דאַרף קומען נישט ווי אַ נדיב, נישט ווי אַ גביר, וואָס גיט אַ ברעקל פון זיין טיש דעם אָרעמאַן, נאָר ווי אַן אייגענער, ווי אַ פאָלקס־מענטש, ווי איינער, וואָס איז אַליין דורכגעציטערט מיטן ווייטיק און מיט דער בענקעניש און מיטן גלויבן און מיט דער קראַפט פונעם פאָלק. און זיין אַרבעט דאַרף נישט זיין די אַרבעט פון איינעם, וואָס טוט עפּעס פאַר די אָרעמע ברידער, נאָר ווי אַ טייל פון אַן אַרבעט, וואָס דאָס פאָלק טוט פאַר זיך אַליין. די אַרבעט דאַרף זיין ווי קליינע שטראָמען, וואָס גיסן זיך אַריין אין אַ ברייטערן שטראָם און מאַכן אים טיפער און קרעפטיקער און שענער, און באַהעפטן זיך מיט נייע שטראָמען און ווערן דערפון באַרייכערט אין כוח, און באַ־פרוכפּערן די ערד אַרום און אַרום און פאַרוואַנדלען מדבריות אין גערטנער און אומבאַזעצטע געגנטן אין מענטשלעכע ישובים, און אויפן סוף פון זייער וועג דערגרייכן זיי דעם ים . . .

***

„אונדזער פאָלק, — האָט געזאָגט אַ דענקער, — איז אויפן דרך המלך", דעם ברייטן טראַקט פון דער געשיכטע. דער צוזאַמענשטויס פון ריזן־קרעפטן אויף דער וועלט־אַרענע רירט אָן פריער פון אַלץ אונדזער

פאָלק, רופט זיך אָפּ אויף זיין גורל. אַזוי ווי די צוזאַמענשטויסן ווערן פאַרכטיקער פון יאָר צו יאָר, אַזוי ווי די אויפרייסן ווערן געוואַלטיקער, וואָרום ס'איז דער בין־השמשות פון אַ וועלט־אָרדענונג, וואָרום אין בלוט און פלאַמען און גיפטיקע נעפּלען גייט אונטער די גאַנצע קאַפּיטאַליס־טישע סיסטעם און אין געבורט־ווייען מאַטערט זיך די וועלט מיט דער נייער סאָציאַלער סיסטעם, וואָס דאַרף ערשט קומען איבער פינף־זעקסטל פון דער ערד; אַזוי ווי ס'הערשט דער כאַאָס, וואָס איז אַלעמאָל פאַראַן דאָרט, וואו איין באַלעבאָס פונעם לעבן האָט שוין ניט די פיאיקייטן און דעם כוח צו זיין באַלעבאָס און דער נייער באַלעבאָס איז נאָך נישט געקומען, — דעריבער איז דאָס יידישע לעבן פול מיט פאַרגאָסענעם בלוט, פול מיט אויפרייס, פול מיט פייער, פול מיט כאַאָס. שוין אַ פערטל יאָר־הונדערט, אַז מיליאָנען יידן קענען נישט איבערלעבן אַ רואיקן טאָג — פיזיש אין דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע, גייסטיק — אין אַלע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דאָס יידישע פאָלק איז אָבער נישט נאָר דער אָביעקט פון דער געשיכטע: צוליב זיין לאַגע אויף די ברייטע שייד־וועגן פון דער הייגטצייטיקער געשיכטע האָט אונדזער פאָלק אויך גענומען זיין חלק אין שאַפן די געשיכטע: די בעסטע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק האָבן געהאָלפן איינשטעלן די סאָוועטישע סיסטעם אויף אַ זעקסטל פון דער ערד און אויפבויען דעם סאָציאַליזם — דערמיט האָבן זיי גע־בראַכט די באַפרייאונג פון זייער פאָלק; די בעסטע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק באַטייליקן זיך אין די סאָציאַלע קאַמפן, אומעטום צו באַ־פרייען די וועלט פון פאַשיזם, פון מלחמה, פון פעלקער־פאַריאָכונג, פון קאַפּיטאַליזם מיט זייער גאַנצער באַרבאַריי — דערמיט אַרבעטן זיי פאַר דער באַפרייאונג פון אונדזער פאָלק אומעטום.

די געשיכטע האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אין סאַמע צוזאַמענשטויס פון גיגאַנטישע קרעפטן. מיר בלייבן נישט פּאַסיוו. מיר טרעטן נישט אָפּ. מיר פאַרלירן נישט דעם מוט. גרויסע מאַסן פון אונדזער פאָלק אַרבעטן האַנט און האַנט מיט די שאַפנדיקע קרעפטן פון אַנדערע פעלקער — קעגן חושך, פאַר אַ נייעם טאָג.

***

און כדי אונדזער יידישע אַרבעט זאָל ברענגען וואָס גרעסערע פּרוכט, דאַרף זי זיין באַוואָפנט מיטן בעסטן וויסן, וואָס די מענטשהייט האָט ביז אַהער אַנטוויקלט. און כדי אונדזער אַרבעט זאָל האָבן דעם נייטיקן גייסט, דאַרפן אונדזערע נשמות באַרייכערט און באַשענערט ווערן מיט דעם

בעסטן, וואָס ס׳איז דאָ אינעם קולטור־אוצר פון אונדזער פאָלק און פון דער וועלט. און כדי אונדזער ווילן זאָל זיין פעסט, אונדזער כוח — אויסגעשמידט, אונדזער טראַט — זיכער, אונדזער גלויבן — הייס, דאַרפן מיר וויסן, ווי אַזוי אונדזער פאָלק האָט דורך דורות געשטעלט זיך קעגן שונא, געשפּאַנט איבער שטיינער און גריבער, איבערגעטראָגן מאַרטי־רעריי, געגלויבט אין דער צוקונפט; דאַרפן מיר וויסן, ווי אַזוי די בעסטע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן כדי דאָס פאָלק זאָל קענען לעבן, דאַרפן מיר זיך לאָזן באַווירקן פון דעם איידלסטן, וואָס ס׳טוט איצט דער בעסטער טייל פון דער מענטשהייט.

און דאָס הייסט, אַז אונדזער פאָלק דאַרף זיך מער ווי שטענדיק באַ־וואָפענען מיט זיין קולטור און אַז די קולטור זיינע, די יידישע קולטור, דאַרף מער ווי שטענדיק אַריינזאַפּן אין זיך און אָנזעטיקן דאָס יידישע לעבן מיט די העכסטע גייסטיקע ווערטן.

קולטור איז די גרויסע היסטאָריש־דיקטירטע, דרינגענדיקע אויפגאַבע פונעם יידישן פאָלק אין דער איצטיקער שעה. אויב קולטור איז אַלעמאָל פאַרן פאָלק ווי ברויט, איז דאָס איצט — ווי לופט, וואָס איז נייטיק צום אָטעמען. אויב קולטור איז אַלעמאָל געווען פאַרן פאָלק ווי אַן אָנשפּאַר, איז דאָס איצט — אַ מעכטיק געווער צום באַזייטיקן דעם שונא און עפענען דעם וועג צו אַ נייעם לעבן.

***

און נאָר מענטשן באַזעלטע מיטן גייסט פונעם נייעם לעבן קענען זיין די טרעגער פון אַ קולטור, וואָס איז נייטיק פאַרן פאָלק. נאָר מענטשן, וואָס האָבן דרך־ארץ פאַרן פאָלק, קענען טאָן די קולטור־אַרבעט, וואָס ברענגט דעם פאָלק די געווינטשטע פרוכט. נאָר מענטשן, וואָס פילן די אינעווייניקסטע שפּרודלענדיקע שאַפונגס־קרעפטן פונעם פאָלק, קענען זיי אַרויסרופן צום לעבן. נאָר די, וואָס גלויבן אין פאָלק און אין זיין צו־קונפט, קענען גיין מיטן פאָלק אויף זיין אחריות־שווערן וועג אין דעם איצטיקן תוהו־ובוהו.

און דאָס קענען נישט זיין די, וואָס פאַרדאַרבן דעם גייסט פונעם פאָלק מיט מסירות און מיאוסע ליגנס. דאָס קענען נישט זיין די, וואָס פאַרסמען דאָס פאָלק מיטן מלחמה־גייסט. דאָס קענען נישט זיין די, וואָס ריידן די שפּראַך פון פינצטערניש און העלפן דעם חושך. דאָס קענען

נישט זיין די, וואָס דריקן צו זייער האַרצן די ערגסטע פאַרשווערער קעגן דער פרייהייט פון אונדזער לאַנד, אַמעריקע, און פון זיינע גרויסע מאַסן.

***

אין אונדזער פאָלק איז דאָ אַ קולטור־קראַפט, וואָס איז אַנטשטאַנען פונעם פאָלקס „בענקשאַפט נאָך אַ נייער באַפרייטער וועלט, נאָך אַן אָר־דענונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, זיכערקייט, דערהויבונג פון מענטש־לעכן און נאַציאָנאַלן קיום אויף אַ העכערער מדרגה" (מאַניפעסט פונעם „איקוף"). אין אונדזער פאָלק איז דאָ אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פייערלעך דערקלערט, אַז „קולטור איז אַן אויסגעפּרואווט געווער אין קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום." די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט פּראָ־קלאַמירט איר קוק אויף דער יידישער קולטור אין אַזוינע ווערטער:

„אין זיין גרויסן דראַנג צו נאַציאָנאַלן קיום און אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג האָט דאָס יידישע פאָלק געשאַפן די נייע וועלטלעכע יידישע קולטור, וואָס וואָרצלט טיף אין דורותדיקן פאָלקס־לעבן, וואָס האָט הינ־טער זיך אַ גרויסן אוצר פון אָנגעזאַמלטע גייסטיקע פאַרמעגנס און וואָס אַנטוויקלט זיך און גייט פאָראויס אַדאַנק דעם טיפן ווילן פונעם יידישן פאָלקס־מענטשן צו געפינען אין זיין שפּראַך און זיין קולטור, וואָס ווערט אויף איר געשאַפן, אַ דירעקטן פולן אויסדרוק פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין גאַנצן מהות, פון זיינע האָפענונגען, פון זיין קאַמף."

די אָרגאַניזאַציע איז דער „איקוף". זיין פּראָגראַם איז:

„זאָרגן פאַר דער אויסברייטערונג, פאַרטיפונג, באַרייכערונג, פאַר־פיינערונג פון דער יידישער וועלטלעכער פּראָגרעסיווע קולטור, סטימו־לירן איר וייטערדיקן וואוקס אין דער ריכטונג פון סאָציאַלער גערעכטי־קייט און פרייהייט."

שרייבער און זייערע ווערק

מענדעלע מוכר ספרימס ירושה

וואָס איז מענדעלע מוכר ספרים פאַר די יידישע אַרבעטער און דער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ היינט? פאַרוואָס ווערט דער הונדערט־יאָריקער יובּילײ פון זיין געבורט (אָנהייב 1938) אויסגענוצט צו ברענגען זיין ירושה די יידישע מאַסן?

מענדעלע מוכר ספרים איז, קודם־כל, אַ שרייבער — אַ בונטאַר. אין די בעסטע ווערק, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן יידישע מאַסן אויף דער גאַרער וועלט („דאָס קליינע מענטשעלע", „די טאַקסע", „די קליאַטשע", „מסעות בנימין השלישי", „פישקע דער קרומער", טיילווייז „דאָס ווינטשפינגערל") טרעט פאַר אונדז אַרויס אַ שרייבער — אַ גיגאַנט, וועלכער שניידט מיט דער שווערד פון סאַטירע און אַטאַקירט מיט די פיילן פון סאַרקאַזם דעם פאַרשימלטן פעאָדאַלן לעבן־שטייגער פון די יידישע מאַסן אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט אין רוסלאַנד. מענדעלע מוכר ספרים איז פון דעם ערשטן טאָג אָן — אַ געזעלשאַפטלעכער שרייבער. ער איז נישט קיין שרייבער צוליב ליטעראַטור. ער איז אַ ליטעראַט צוליבן לעבן. ער איז דער ערשטער גרויסער יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו שטרעבן רעפאָרמירן דאָס לעבן דורך זיין שרייבן.

אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעדאַכט סיי מענדעלען, סיי דער גאַנצער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ, צוזאַמען מיט דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ פון גאַנץ רוסלאַנד, אַז בורזשואַזע דעמאָקראַטיע וועט לייזן די פּראָבלעמען פון אָרעמ־קייט און אונטערדריקונג. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט זיינע ערשטע גרויסע טריאומף־שריט אינעם צוריקגעשטאַנענעם רוסלאַנד, ווען דער קאַפּיטאַליזם האָט גענומען איבער־פורעמען די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אַזוי, אַז אַפילו די צאַרישע רע־גירונג, אונטערן דרוק פון די נייע געזעלשאַפטלעכע כוחות, איז געווען גע־צוואונגען, ערשטנס, אָפּצושאַפן די פאַרמעלע שקלאַפעריי (ליבּ־אייגנטום); צווייטנס, איינפירן אַ ריי ליבעראַלע רעפאָרמען. אַזוי זיינען טאַקע די

„מאָרגן־פרייהייט", דעם 2טן פעברואַר, 1936, צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון מענדעלע מוכר ספרים.

זעכציקער יאָרן באַקאַנט געווען אין דער בורזשואַזער געשיכטע־שריי־בעריי פון די שפּעטערדיקע יאָרצענטן: „די עפּאָכע פון די גרויסע רע־פאָרמען."

איינער פון די היציקסטע רעפאָרמיסטן אויף דער יידישער גאַס איז געווען מענדעלע מוכר ספרים. קיינער, ווי ער, האָט נישט געקעמפט מיט אַזאַ שוואונג און איבערצייגונגס־קראַפט קעגן די אַלטע מנהגים, דער מאַכט פון די כלי־קודש, דער פינצטערניש פונעם חדר, דער אומוויסנקייט פונעם פאָלק, דער צוריקגעשטאַנענקייט פונעם גאַנצן לעבן, ווי דאָס האָט געטאָן מענדעלע מוכר ספרים.

זייענדיק אַ דעמאָקראַט אינעם בעסערן זין פונעם וואָרט, קעמפנדיק פאַר די פּראָגרעסיווע אידייען פון זיין צייט, האָט מענדעלע נישט געקענט פאַרזען די סאָציאַלע אומגלייכקייטן, די עקזיסטענץ פון עקספּלואַטאַציע, דאָס איזדיעקעווען זיך פון אַ מענטשן איבער אַ מענטשן. ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף, ווי אַזוי אָפּצושאַפן עקספּלואַטאַציע. ער האָט געטיילט די אוטאָפּיע פון אַלע ליבעראַלן, אַז אַ פרייע קאַפּיטאַליסטישע רוסלאַנד וועט פאַרזאָרגן אַלעמען מיט אַ גוט לעבן. אָבער זיין פּראָטעסט קעגן דער „גרויסער יידישער טאָרבע" איז געווען שאַרף און בייסיק. אַ הייסער צאָרן צוליב דער אָרעמקייט פון דער יידישער מאַסע האָט דורכגע־דרונגען אַלע זיינע ווערק. „אָט טוט זיך אַ ווייז דאָס גאַנצע פעקל קבצנים, מינים אביונים, דלפנים, געפאַלענע, אָפּגעקומענע, נויט־באַדערפטיקע, הונ־געריקע, ליידנדיקע, קראַנקע, צעבראָכענע, דאַרע־קוואָרע, בלייכע, מיט אויסגעצויגענע פּנימער. עס דרייען זיך אַרום טאַנדעטניקעס, הענדלער, מעקלער, פאַרטראַכטע, מיט היטלעך פאַרריסענע, יידן מיט זעקלעך, יידן מיט שטעקלעך, ליידיק־גייער, בטלנים, אַלע לויפן ווי די משוגעים, ניש־טערן, זוכן פּרנסה, ווי ס'איז צו לעבן, ווי צו דערהאַלטן די נשמה פון זייערע ווייבער און קינדער" („די קליאַטשע").

מענדעלע האָט געקעמפט נישט נאָר קעגן דער אָרעמקייט, נאָר אויך קעגן די, וואָס זיינען שולדיק אין דער אָרעמקייט, וואָס זויגן דאָס בלוט פונעם פאָלק. זיין „טאַקסע" איז אַ האַס־אָנגעזעטיקטער געשריי קעגן די קהלשע קליאַמקעס, וואָס האָבן עקספּלואַטירט די מאַסע. „דאָס קליינע מענטשעלע" שילדערט אַ גביר — אַ פּיאַווקע. די „קליאַטשע" איז פול מיט שפּאָט און פאַראַכטונג פאַר די „שמוציקע, פוילע און פוסטע מענ־טשעלעך". זיין באַרימטן מאָנאָלאָג צום סאָלאָוועי — איינס פון די בעסטע קאַפּיטלען אין דער יידישער פּאַמפלעטן־ליטעראַטור — פאַרענדיקט ער מיט די גאָליקע ווערטער: „מזל־טוב איך מיט פריש־צאַפּלדיקע פּיאַוו־

קעלעך! גרייט אָן, יידן, בלוט, גרייט אָן געלט, געלט, געלט, געלט!"

זייענדיק אַ דעמאָקראַט אין דער צייט, ווען בורזשואַזע דעמאָקראַטיע איז געווען פּראָגרעסיוו, האָט מענדעלע זיך געלאָזט באַאיינפלוסן אויך פונעם אינטערנאַציאָנאַליזם. אָן אָנהויב דערפון געפינען מיר באַטשבי אין דעם זעלביקן מאַנאָלאָג צום סאָלאָוועי. „אומגליקלעך מאַכסטו זיך, מענטש, מיט דיין פאַרשטאַנד, און אומגליקלעך אויך מיט דיין לשון, מיט דער שפּראַך, — אָט־די גוטע מתנה, צו וועלכע דו האָסט זוכה געווען, אָט־זי איז דיר באַקאָם אויסגעפאַלן." מענדעלע זאָגט, אַז ווען דער הונט בילט, בילט ער אויף דער זעלביקער שפּראַך אין אַלע לענדער. דער אייזל עפּנט אַ מויל און הירזשעט ווי אַלע אייזלען אין דער וועלט: „דער אייזל, יענער אייזל, וואָס מאַכט עס אויס, — אַלץ איינס." אָבער דער מענטש איז איינגעטיילט אין אייגענע און פרעמדע. „גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין זיין געשטאַלט, אַריינבלאָזנדיק אין אים אַ מענטשלעכע נשמה פאַר אַלע מענטשן גלייך. האָסט דו זיך געקליגט, צוגעגעבן צו איר נאָך איינע עפּעס אַ בשותּפותדיקע, אַ מין געמאַכטע פאָלק־נשמה, הייסט עס, אַזוי אַז זיי זאָלן זיין קאָנטרע צווישן זיך אין פיל זאַכן . . . און וויפל צרות און בלוט־פאַרגיסעניש קומט דורך דעם אַרויס!" („די קליאַטשע").

מענדעלע מוכר ספרים איז דער ערשטער גרויסער קינסטלער אויף יידיש. ער איז אַ קינסטלער פון דעם ברייטסטן פאַרנעם. זיינע לייוונטן זיינען אַזוי גרויס, ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון די זעכציקער און זיי־בעציקער יאָרן. זיין טיפּאַזש נעמט אַרום אַלע פאַרטרעטער פון די פאַר־שיידנסטע שיכטן — פון די בעלי־מלאכות, פאַר וועמען ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע ליבשאַפט, ביז די גאָר גרויסע רעדלפירער פון גלופּסק. זיין אַריינדרינגען אין די כאַראַקטערן פון זיינע יידן איז געניאַל. זיינע פאַרבן זיינען רייך און פריש. עס איז דאָך דאָ אַ גרויסער היסטאָרישער פאַר־דינסט אין דעם, וואָס אַ שריפטשטעלער מיט קאָלאָסאַלע פייאיקייטן נעמט זיך באַאַרבעטן אַ פעלד, וואָס איז כמעט אינגאַנצן געווען אומבאַאַרבעט.

מענדעלע מוכר ספרים האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּשיי פאַר זיין איי־גענעם טאַלאַנט און פאַר דער קונסט פון שרייבן בכלל. זיין באַרימטער בריוו צו שלום־עליכמען, וואו ער רעדט וועגן „פיילן" די ווערק, פיילן די שפּראַך („איבער אַ ווערק באַדאַרף מען שוויצן, מען באַדאַרף אַרבעטן, פיילן איטלעכס וואָרט") האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף דורות יידישע שרייבער. ער אַליין איז דער שאַפער פון דער יידישער ליטעראַרישער שפּראַך. ער האָט זי מיט זיין מעכטיקער גבורה אויפגעהויבן אויף אַ גוואַלדאָוונער הויך. ער האָט געוואוסט דעם ווערט פון אַ וואָרט, פון אַן

אויסדרוק, פון אַן אימאַזש, ווי זעלטן ווער נאָך אים. ער איז געווען דער קינסטלער, וואָס האָט געהאַלטן גאָר הויך די פאָן פון זיין קונסט. דאָך איז זיין גאַנץ שאַפן געווען דער קעגנזאַץ פון קונסט לשם קונסט.

אין זיינע נאָטיצן צו זיין ביאָגראַפיע שרייבט ער:

„צו לערנען די קינדער פון אונדזער פאָלק געשמאַק און וויסנשאַפט, אַריינצובריינגען זייער וועלט און שטייגער אין דער ליטעראַטור, כדי זיי דערמיט באַליבט מאַכן ביים פאָלק, אויפצוקלערן און ברענגען נוצן — די דאָזיקע דריי זאַכן זיינען ביי מיר געווען דער געוואונטשטער ציל, וואָס צו אים דאַרפן שטרעבן די שרייבער. כ׳האָב געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די שרייבער און דיכטער זאָלן נישט קלעטערן אין די הימלען מיט פוסטע פאַנטאַזיעס און נישט נעמען פאַר טעמעס די בנות לוט (לוט׳ס טעכטער), פוטיפר׳ס ווייב און נאָך אַזעלכע נפשות און פוסטע זאַכן, וואָס זיינען שוין אויף דער וועלט נישטאָ. זיי זאָלן פאַר די לעבעדיקע נישט פאַרשן נאָך די טויטע; נאָר זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, זיך צוקוקן צום לעבן פון פאָלק און וואָס עס טוט זיך ביי אים אין שטוב און אין דער געזעלשאַפט, און דאָס אַלץ אים באַווייזן. זיי זאָלן זיך באַמיען צו פאַרפיינערן זיין געשמאַק, צו ריידן מיט אַ פיינער, שיינער שפּראַך, לויט די פרינציפּן פון שיינקייט און לאָגיק. זיי זאָלן אים אויך געבן אַ גוטע לעקציע אין וויסנשאַפט און קענטעניש."

כדי צו קענען וועקן דאָס פאָלק, מאָביליזירן עס פאַר אַ ניי לעבן, האָט מענדעלע געהאַט דעם מוט צו נעמען שרייבן אויף יידיש אַנשטאָט העברייאיש. ער האָט איינגעזען, דערציילט ער, אַז די מערהייט פונעם פאָלק פאַרשטייט נישט קיין העברייאיש. די העברייאישע שרייבער האָבן גע־זאָגט: „וואָס גייט אונדז אָן דאָס פאָלק." זיי האָבן געקוקט אויף יידיש מיט גאווה און פאַראַכטונג. זיי האָבן געשטעמפּלט ווי אַן אַפּטריניגן יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָלט שרייבן אויף יידיש. אָבער מענדעלע האָט געזאָגט, ווי ער דערציילט אויף זיין אייגענעם לשון: „זאָל זיין וואָס עס וויל זיך — איך וועל זיך דערבאַרעמען אויף יידיש, די פאַרשטויסענע טאָכטער." ער האָט מיט זיינע ווערק אויסגעטראָטן אַ ברייטן וועג פאַר דער גאַנצער וויטערדיקער יידישער ליטעראַטור.

מענדעלע מוכר ספרים איז נישט געבליבן דער פּראָגרעסיסט און דעמאָקראַט אַלע זיינע יאָרן. ווען דער געקומענער קאַפּיטאַליזם האָט אַרויס־געוויזן זיינע אייגנטימלעכע ווידערשפּרוכן און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט די יידן־פראַגע נישט געלייזט, ווי ער האָט נישט געלייזט די פראַגע פון אַפּשאַפן עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג בכלל, האָט דער

פראגרעסיוויסטער טייל פון דער אינטעליגענץ זיך געווענדט צום סאציאַ־ליזם. מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האָט געזען דאָס געבורט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין די ניינציקער יאָרן און די רעוואָלוציע פון 1905, איז געבליבן פרעמד דעם סאָציאַליזם. פאַרקערט, וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַלץ מער האָט ער זיך אומגעקערט צו דער אַלטער יידישער וועלט, וועלכע ער האָט אָנ־געהויבן אידעאַליזירן. ער האָט ווי געזוכט אַ טרייסט און אַ פאַרגעסנקייט אין די כלומרשטע שיינקייטן פון דער אַלטער וועלט. אַזוי באַקומט זיך, אַז זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „שלמה רב חיימס״ (1899) אַנטהאַלט אין זיך אַן אידעאַליזאַציע פון דעם אַלטן לעבן־שטייגער, וועלכן מענדעלע אַליין האָט אַזוי אומברחמנותדיק אַרונטערגעריסן אין זיינע פריערע ווערק. אַזאַ אידעאַליזאַציע געפינען מיר אויך טיילווייז אינעם „ווינטשפינגערל״. אָבער אויך אין די לעצטע צוויי ווערק איז דאָ אַזוי פיל רעאַליסטישע באַ־שרייבונג פון דעם אַלטן יידישן לעבן, אַז דער היינטיקער לייענער קען זייער פיל געוואויר ווערן וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט געלעבט די יידישע אָרעמשאַפט צוריק מיט צענדליקער יאָרן.

מענדעלע מוכר ספרים, אין זיינע בעסטע ווערק, געהערט צו דעם קולטור־אוצר פונעם פראָלעטאַריאַט. דער היינטיקער דור פראָלעטאַריער און פראָלעטאַרישע אינטעליגענטן קענען זיך פון אים לערנען, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די אַמאָליקע יידישע וועלט. דער היינטיקער דור פראָ־לעטאַרישע שריפטשטעלער קען זיך פון אים לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף קענען פאַרבינדן גרויסע קינסטלערישע רייפקייט מיט אַ געזעלשאַפטלעכן פראָטעסט און מיט אַ צילגעווענדקייט פון דער ליטעראַרישער שאַפונג. מיר אַלע קענען זיך פון אים לערנען די קונסט פון דער גרויסער קונסט.

דאָס בעסטע אין מענדעלעס ווערק פאַסט זיך נישט פאַר דער יידישער בורזשואַזיע אין איר ירידה־פעריאָד. זי קען פון אים נעמען נאָר דאָס רעאַקציאָנערע, די פאַרהערלעכונג פון דעם יידישן אַמאָל, וועלכע בילדעט נאָר אַ קלייעם טייל פון זיין שאַפן און וועלכע איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלע דעם גיגאַנט. מענדעלע דער קעמפער, מענדעלע דער סאַ־טיריקער, מענדעלע דער וועקער, מענדעלע דער מאָדעלירער פון אומ־שטערבלעכע טיפּן איז פרעמד דעם גייסט פון דער היינטיקער יידישער בורזשואַזיע. נישט אומזיסט ווערט דער הונדערט־יאָריקער יובילײ פון מענ־דעלעס געבורט אַזוי ברייט געפייערט אינעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד פונעם וועלט־פראָלעטאַריעט און ביי די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַר־בעטער איבער גאָר דער וועלט.

שלום־עליכם

.1

די צייט — אַ שאַרפע. דאָס לעבן — האַסטיק. בייטן זיך נאָכאַנאַנד פּערספּעקטיוון; ווערן אויסגעוואָרצלט אַלטע באַגריפן, און ווערטן פאַר־צייטיקע באַקומען אָפטמאָל אַן אומגעריכטן אָנבליק. פעלט דעם פּראָלע־טאַרישן אַוואַנגאַרד אי צייט, אי קרעפטן צו רעווידירן דעם צוגאַנג צו לי־טעראַרישע גרויסן, וואָס האָבן נעכטן געשיינט ווי שטערן אין הימל. וואַרפט מען אָבער יאָ אַמאָל אַ קוק אויף אַן אַלט־באַקאַנטן אומבאַוועגלעכן שטערן — איז פאַרטונקלט זיין בליאַסק, און דורכן אָפּגעריבענעם גאָלד סטאַר־טשען אַרויס הרודעס מיט בליי און מיט ערד.

שלום־עליכמס בליאַסק איז אָבער נישט געוואָרן געמינערט. אין פּערספּעקטיווע איז שלום־עליכם אונדזער קעמפערישן יידישן אַרבעטער אי נעענטער, אי קלאָרער. פאַרשוואונדן דער ברען פון אַ היינט, ווען דעם שרייבערס עובדות האָבן אָפטמאָל געערגערט. פאַרשוואונדן כמעט שוין די סביבה גופא, פון וואַנען שלום־עליכם האָט געצויגן יניקה. פאַרבליבן אַ היסטאָרישער שלום־עליכם, וועמען דער אַרבעטער־קלאַס נעמט אַריבער בירושה. אין אָט־דער מענטשלעך־דורכגעציטערטער און דורכגעליטענער ליטעראַריש־קינסטלערישער ירושה איז דאָ אַ סך באַלאַסט, וואָס דער אַר־בעטער וועט פאַרוואַרפן; ס'איז אָבער דאָ אַ סך פּערל, וואָס וועלן רייכער מאַכן זיין לעבן.

שלום־עליכם איז אַ זון פון דעם מיטל־קלאַס — און אַ מיטל־קלאַס־מענטש איז ער געבליבן אַלע זיינע יאָרן. אָט־דאָס האָט אים אָפּגעפרעמדט פונעם אַרבעטער־קלאַס — און דערפאַר וועלן מיר קיינמאָל נישט קעגען זאָגן: ער איז אונדזערער, אַן אייגענער, בלוט פון אונדזער בלוט. שלום־עליכם האָט אָבער אַלע זיינע יאָרן געפילט אַ האַרציקע סימפּאַטיע צום אונטערדריקטן, צום „אָרעמען, וואָס ליגט אַלעמאָל ניין איילן אין דער ערד“, צום געקרעוודעטן, וואָס ס'טוט אים ווי די נשמה — און דערפאַר איז ער, אַ מיטלקלאַס־מענטש, אַ „ייד פון אַ גאַנץ יאָר“, אונדז נאָענט און

צוויי אַרטיקלען: 1) „מאָרגן־פרייהייט“, 25טן מאַי, 1929 („עטלעכע באַמערקונ־גען“); 2) „מאָרגן־פרייהייט“, 24טן מאַי, 1936.

ליב. שלום־עליכם האָט קיינעם קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפירט, קיינמאָל נישט געוויטיקט נאָך אַ וועג; ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין ברייטערן סאָציאַלן האָריזאָנט, ווי זיין קלאַס; שלום־עליכם איז אָבער געווען דורך־און־דורך סאָציאַל; ער אָט זיך קיינמאָל נישט איינגעשלאָסן אין דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פּאַרשוין; ער האָט אַלעמאָל געגעבן זיינע מענטשן מיט זייערע סאָציאַלע וואָרצלען און סאָציאַלער לופט; ער האָט געהאַט אַ קלוג, שאַרף אויג פאַר יעדער ענדערונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — און ווען דער אַרבעטער נעמט היינט שטודירן זיינע ווערק, באַקומט ער אַ פּאַנאָראַמע פון סאָציאַלע סביבות און זייער נאָכאַנאַנדיקן אומבייט, וואָס ער קען צו זיי אָנווענדן זיין קלאַסן־אַנאַליז און אַזוי־אַרום קריטיש מיטלעבן אַ שטיק געשיכטע פון אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט: שלום־עליכם איז פול מיט די פאַלשע אידייען פון זיין קלאַס; ער האָט געדינט יעדער עבודה־זרה, וואָס די באַלעבאַטישע וועלט האָט געקרוינט: פון רב יוזיפל׳ס „כ׳האָ׳ מיך פאַרבענקט אַהיים“ קיין ארץ־ישראל ביז דער רעוואָלוציאָנערקע, וואָס קומט צו דער דעה, אַז „מע האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אויפזועערין אויף ווייגערטענער, מיין אייגענעם גאָרטן האָב איך פאַרלאָזט, און ביז דעם קוק אויף העברייאיש ווי אויף דער נאַטירלעכער יידישער שפּראַך; שלום־עליכם איז אָבער געווען דערביי אַ פאָלקס־מענטש מיט אַ באַזונדערן אינטערעס צו דעם האָרעפּאַשנעם מענטשן און האָט נישט פאַרפעלט צו דערזען און פאַרצייכענען, ווי אַזוי אָט־די באַלעבאַטישע אידייען און אידעאַלן שטויסן זיך צונויף מיט דער ווירקלעכקייט פון די מאַסן און ווערן דאָרט אָן אי זייער חן, אי זייער כוח. שלום־עליכם האָט אַלע זיינע יאָרן זיך געפילט היימיש מיטן מיטל־קלאַס, אָבער ער אַליין האָט אויפן עכט שלום־עליכמדיקן שטייגער אָפּגעחוזקט פון די יידן, וואָס שיקן זייערע ווייבער אין „מאַריענבאַד“, פון איציקל שאָסטעפּאָל, וואָס „קען זיך מיט אַלעמען, שטימט מיט אַלעמען, זאָגאַר באַפריינדעט מיט אַלעמען, אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער וועלט“ און גייט מיט דעם גאַנג, „אַז פּרינציפּן, אידעאַלן וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטן זיינען גוט אויף פּאַפּיר.“ שלום־עליכם האָט נישט געהאַט קיין אַקטיוון אינטערעס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג; אין שלום־עליכמס געזעלשאַפט האָט מען געקענט באַגעגענען פאַבריקאַנטן און הענדלער און קיינמאָל נישט קיין אַרבעטער; שלום־עליכם האָט אָבער געהאַט אַ פריינטלעכן צוגאַנג צום בעל־מלאכה („וואָס מער קבצן, מער הוליאַקע; וואָס מער נגיד, מער סאָבאַקע“) און אַמאָל האָט ער אפילו דערזען דעם היינטיקן באָדל־פּראָלעטאַריער („מיר סטרייקן“). שלום־עליכם איז נישט געווען קיין

רעוואָלוציאָנער; שלום־עליכם האָט געקוקט אויף רעוואָלוציאָנערן, ווי אויף „טשודאַקעס" — מיט באַוואונדערונג און ביטול; אָבער פּעפּערלען האָט ער אויסגעמאָלט האַרציק־וואַרים. און די אָקטאָבער־דעמאָנסטראַציע פון 1905 „לאָזט זיך (ביי אים) נישט באַשרייבן אַזוי גרינג; דאָס איז געווען אַ מבול פון מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינאיינעם מיט די גאַסן, און צוזאַמען מיט די גאַסן האָבן זיי געוואַקסן און באַוועגט זיך. נישט מענטשן זיינען געגאַנגען, נאָר גאַסן, גאַנצע גאַסן, און קעפּ, געדיכט, ווי זאַנגען אין פעלד, האָבן זיך געוויגט קוים־קוים, ווי עס וויגן זיך די זאַנגען פון אַ קליין לייכט ווינטל, און פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ, און די באַלקאָנען פון די הייזער מיט די דעכער און מיט די פענצטער זיינען געווען באַהאָנגען מיט רויטן און באַזעצט מיט מענטשן, און אַלצ־דינג איז געווען צונויפגעוואַקסן אינאיינעם: מענער און פרויען און קינ־דער, און קריסטן און יידן. און שטיל איז געווען און רואיק און יום־טובדיק, ווי יום־טוב אין אַ מקום־קדוש. און קיין זכר פון פּאָליציי איז נישט געווען" . . . און אַז מ'האָט אויסגעשריען „הורא" פאַר אַמניסטיע, „האָט די ערד, וואָס טראָגט אויף זיך די דאָזיקע אַלטע שטאָט, קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ הילך, פון וועלכן מויערן קענען צעשפּאַלטן ווערן. דער הימל, וואָס דעקט־איבער די דאָזיקע ערד, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ באַוועגונג פון מוראַשקעס־מענטשן. און די זון האָט פאַרגעסן, אַז עס איז אַן אָקטאָבער־טאָג, און האָט אַ צופרידענע אַראָפּגעקוקט מיט איר פייעריק פּנים אויף די צעהיצטע גליקלעכע מענטשן, און די גאַנצע נאַטור האָט גענומען אָנטייל אינעם דאָזיקן גרויסן ליכטיקן הייליקן פרייהייטס־יום־טוב."

***

און נישט דערין אַליין איז דער ווערט פון שלום־עליכמען פאַרן אַר־בעטער־קלאַס. דער כאַראַקטער פונעם טאַלאַנט גופא, דער קינסטלערישער צוגאַנג צו זאַכן איז פון אַ טיפּ, וואָס איז נאָענט דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנ־גאַרד. סאַטירע איז דאָס געווער פונעם אָנפאַלער, צעשטערער (מיטן צוועק צו בויען). ביטערער חוזק איז נישטאָ אינעם אַרסענאַל פון אַן אָפּגעלעבטן קלאַס. לאַכן, אפילו מיט יאַשטשערקעס, קען נאָר דער, וואָס ס'טוט אים וויי און וואָס רייסט די שטריק.

ווי האָט שלום־עליכם געחוזקט, געלאַכט, אָפּגעלאַכט! ווי איז ער געקראָכן אין די גרגרת! ווער האָט נאָך, ווי ער, געקענט אַ שמיר טאָן מיט דעם הומאָר־גיפט און תיכף אַרויסבאַקומען דאָס מיאוסע, נאַרישע, פּוסטע! ווער איז נאָך דערביי, ווי ער, געבליבן לעבעדיק און פריילעך!

„ביי אונדז אַן אָרעמען, דאָס ווייסט יעדערער, האָט יתרו׳ס נעמען: פאַראַן אַ געמיינער מאַן, און אַן אָרעמאַן, און נעבעך אַן אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן, און אַ געפּאַלענער, אַ מקבל, אַ קבצן, אַ דלות, אַ דלפון, אַן עני, און אַן עני ואביון . . . און פאַראַן נאָך אַ נאָמען: אַ כתריאל, אָדער אַ כתריליק. דער דאָזיקער נאָמען ווערט אַרויסגערעדט שוין גאָר מיט אַן אַנדער מין ניגון, למשל: „אוי, בין איך, קיין עין־הרע, אַ כתריליק!“ . . . כתריליק — דאָס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קבצן, אַ שלים־מזל, דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרעמאַן, וואָס פאַלט נישט, חס־ושלום, אַראָפּ ביי זיך מיט זיין אָרעמקייט: אדרבא, ס׳איז גאָר אַ גדולה! אויף אונדזער לשון הייסט עס: „אַן אָרעמס און אַ פריילעכס.“

שלום־עליכמס סאַטירע האָט נישט געשטאַמט פון אַן אונטערדריקטן קלאַס, נאָר פון אַן אונטערדריקטער נאַציע, וואָס האָט געליטן פון אַ היימישן („אינלענדישן“) צאַרישן אימפּעריאַליזם. אָבער נישט אומזיסט איז דאָ אַ קרובהשאַפט צווישן די אונטערדריקטע פעלקערשאַפטן און דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד. שלום־עליכם האָט אָפּט געלאַכט קעגן זיין גלויבן, אָפּגעחוזקט פון זאַכן, וואָס זיינען אים טייער; גערעדט מיט איראָניע אפילו פון זיין אייגענער קרענק, פונעם בית־עולם הינטערן פענצטער. שלום־עליכם קען נישט אַנדערש, ווי שפּעטן. ס׳איז אַ חולאת, אַ „מאַנקאָליע“, אַ ליידנשאַפט. וואָס ער באַרירט נאָר, עפּנט אַ חוזק־מויל, שטשירעט אויס שאַרפע ציין — און בייסט, רייסט, צופּט, אַזש פונקען פליען.

אַזאַ סאָרט טאַלאַנט איז נישט צום האַרצן דעם באַרואיקטן בורזשואַ. עס איז צו שאַרף. עס איז ווי אַן עקסשטראַל, עס צעעסט די רו. עס ווישט אָפּ קאַמאָפלאַזשן. איז כאָטש דער געיאָגטער יידישער מיטלשטאַנד האָט זיך געקוויקט מיט שלום־עליכמען און דורך אים זיך נוקם געווען אָן אַלדי בייזע יאָר, ווערט ער לעצטנס אויס בן־יחיד ביי דער אַמעריקאַנער זאַט־געוואָרענער בירגעריי, און נאָר דער יידישער אַרבעטער קוועלט־אָן פון זיין גיפטיקער און פריילעך־לעבעדיקער אָפּלאַכעריי. בענקט דאָך איצט דער אַרבעטער נאָכן גרויסן הומאָריסט, וואָס זאָל מבטל זיין מיט זיין בייזער צונג אַלע פאַסקודסטוועס און דערביי קענען בלייבן „אַן אָרעמס און אַ פריילעכס“!

און נאָך איינס — און נישט דאָס לעצטע — רופט אונדז און דערהויבט אונדז אין שלום־עליכמס לעבנס־ווערק: זיינע קינדער. ער איז דער ערשטער און, דערווייל, דער איינציקער גרויסער קינסטלער, וואָס האָט אַזוי געמאָלן דאָס יונגוואַרג. אַ היפּשער חלק פון זיין שאַפן איז אָפּגעגעבן די פיצילעך, פּעסעלעך און בוזים. די גאַנצע ליבשאַפט צו די געפּייניקטע און

דערשלאָגענע האָט זיך צונויפגעפרעסט אין אָט־דער טאָטישקייט פון אַ כסדרדיקן שפעטער, וואָס קען שיער נישט ווײַנען איבער טאָפּעלע טוטאָ־ריטוס גרויסן אומגליק. דער גאַנצער ברען פון פּראָטעסט קעגן „באַליי־דיקונג און דערנידערונג" שרײַט אַרויס פון אַ „פאַרשטערטן פּסח", אַ „ראַבטשיק", אַ „מתושלח". וואָס מאַכט דאָס אויס: אַ קינד צי אַ הונט — ביידע שוצלאָזע באַשעפענישן, ביידע אומגערעכט געפּלאָגט. ביידע האָבן נישט קיין ווערטער. וואָס מאַכט דאָס אויס: אַ דערוואַקסענער צי אַ קינד — ביידע אַלץ־אײנע פּאַריאַגטע; נישט מער וועגן קינדער איז גרינגער צו ריידן. און וואָס זײַנען אַלע טוביהס טעכטער, אויב נישט קיין גרויסע קינדער? אַ „צער בעלי חיים" אויף אַלע.

דער נעבעך־קרעכץ, וואָס קלינגט אַרויס ביי שלום־עליכמען פון היינ־טער זיין חוזק־גרימאַסע, און וואָס איז פריקרע דעם אַרבעטער־לעזער, איז אַ ווייך־סענטימענטאַלע קינדער־פריינטשאַפט און „מעשיות פאַר יידישע קינדער". די גרימאַסע ווערט אַ שמייכל. דער חוזק — ראָמאַנטיק. „שיר השירים".

2.

צווישן די יידישע קלאַסיקער איז שלום־עליכם — דער באַליבטסטער. אים האָט געלייענט אַ סך אַ ברייטערע מאַסע, איידער פּרצן אָדער אפילו מענדעלע מוכר ספרים. ער איז איצט אויך איינגעבאַקן אין האַרצן ביי גרעסערע מיליאָנען פאָלקס־מענטשן, איידער די אַנדערע צוויי פון דער גרויסער טראַיקע. יענע האָט מען אפשר מער געשעצט, מיט אים האָט מען זיך מער געקוויקט. יענע זיינען געקומען פון אויבן, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ טייטל און מיט אַ מיין, כאָטש נישט אַלעמאָל האָבן זיי בפירוש געזאָגט, וואָס זיי זיינען אויסן. שלום־עליכם איז, דאַכט זיך, נישט געקומען פון ערגעץ, נישט פון אונטן, נישט פון אויבן: ער איז געווען מיט דער מאַסע אַקוראַט ווי ער וואָלט מיט איר געבוירן געוואָרן — מיט איר און אירע עלטערן און עלטערנס עלטערן, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיט איר אויסגע־וואַקסן, ביין פון איר ביין, פלייש פון איר פלייש.

טאַקע דערפאַר האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש זיך געפילט אַזוי גוט מיט שלום־עליכמען: ס'האָט זיך באַקומען, אַז נישט שלום־עליכם רעדט, נאָר טאַקע דער פאָלקס־מענטש אַליין: „פאַניע שלום־עלכים" איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן מיטן אַלטאָג פון דער מאַסע — אַליין אַ טייל, אַן אַנטיילנעמער, אַליין אַ ליידער און אַ טראָגער.

מענדעלע מוכר ספרים איז אַרומגעפאָרן בכל תפוצות ישראל מיט אַ

ביידל — אָבער זיצנדיק אויף זיין קעלניע האָט ער אַרויסגעשטעקט מיט עטלעכע קעפּ העכער פון דער מאַסע. ער האָט זי געלערנט, ער האָט איר געזאָגט מוסר. פּרץ האָט קיינמאָל נישט געקענט — און נישט געוואָלט — אַפּווישן פון זיינע ווערק דעם שטעמפּל פון קאַבינעט, פון אינטעליגענטישער קאָפּ־אַרבעט. שלום אש האָט פון אָנהויב אָן זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ צוקוקער — און אָפּט באַוואונדערער — פון דעם אַלטן פאַרשווינדענדיקן יידישן לבן. שלום־עליכמען האָט דער יידישער מאַסע־מענטש געטראָפן אין גאַס, אין וואַגאָן, אין כתריאלעווקער האָטעל, אויף דער שטעטלדיקער חתונה, אויף דער יעהופּעצער בירזשע, אין לעמבעריק אויף דער אימיגראַנטן־סטאַנציע, אויף דער שיף, וואָס פירט צום גאָלדעם לאַנד. מענדעלע מוכר ספרים שרייבט אָפּט: „אָמר מענדעלע מוכר ספרים — זאָגט מענדעלע מוכר ספרים״. שלום־עליכמען פרעגן יידן: „וואָס מאַכט אַ ייד, רב שלום־עליכם״, „איר חידושט זיך, פאַניע שלום־עליכם, אויף טוביהן, וואָס מען זעט אים נישט? עד־עד־עך! ווען איר זאָלט וויסן מיט וואָס פאַר צרות, מיט וואָס פאַר וויטאָגן אָט־דער טביה טראָגט זיך אַרום!״

און שלום־עליכם הערט, און שלום־עליכם ווייסט, און דורך שלום־עליכמען רעדט די מאַסע זיך אויס איר פאַרביטערט האַרץ. עס באַקומט זיך, אַז שלום־עליכמס שרייבן איז אויך אַ פּרנסה — ווי האַנדלען מיט האָלץ אָדער זיין אַ מעקלער ביי דער באַן. איז וואָס־זשע איז דער אונטערשייד צווישן אים און די אַנדערע מענטשן? קיין איינער פון די יידישע קלאַסיקער האָט אַזוי פיל נישט דערמאָנט זיין פּרנסה פון שרייבעריי — און קיינעם האָט די פּרנסה נישט אויסגעמישט אַזוי געדיכט מיט דער געדיכטער יידישער מאַסע, ווי שלום־עליכמען.

***

אין שלום־עליכמס מאַסע פעלט אָבער איין שיכט כמעט אינגאַנצן: דער יידישער פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט. קיין איינציקס פון זיינע באַדייטנדיקע ווערק האָט שלום־עליכם נישט אָפּגעגעבן דעם יידישן מאָדערנעם אַרבעטער. ביי אים געפינט מען דעם בעל־מלאכה, דעם אַרבעטער פון דער קליינער „מאַסטערסקאיא״, אָבער דעם היינטוועלטיקן פּראָלעטאַריער, וואָס האָט שוין אויפגעגעבן דעם געדאַנק פון האַנדלען, וואַנדלען, שמאַיען, ווערן אַ „מענטש פאַר זיך״ — וועט מען אומזיסט זוכן אין שלום־עליכמס צאָלרייכער און פאַרשיידנאַרטיקער שאַפונג. טאָמער גייט מאָטל פייסי דעם

חזנס מיט זיינע קרובים אַרבעטן אין שאַפּ, ווען זיי קומען קיין אַמעריקע — זיי באַטייליקן זיך אַפילו אין אַ סטרייק („דאָס הייסט, אַלע שניידער, וויפל עס איז פאַראַן אין ניו־יאָרק, האָבן אַוועקגעלייגט שער־און־אייזן און — גוד־באַי — וויי־וויי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן!") — איז דאָס אָבער נאָר צייטווייליק: באַלד קויפט די משפחה אַ „קענדי סטענד" און אַביסל שפּעטער — אַ „סטאָר". מען „מופט" אין גרעסערע און שענערע „רומס" — און אויס פאַבריק, און אויס פּראָלעטאַריער.

דאָ איז די גרענעץ פון שלום־עליכמס לעבן מיט די יידישע מאַסן: אַליין אַ מיטקלאַס־מענטש, האָט ער זיך געפילט אין דער היים נאָר מיט דער ברייטער קליין־בירגערלעכער מאַסע, וואָס האָט געבילדעט אַ גרויסע מערהייט פון די יידן אין רוסלאַנד. פאַר אים איז דאָס געווען דאָס יידישע פאָלק. פון קיין אַנדערן האָט ער נישט געוואוסט. אויך דאָ זיינען צעטיילונגען: פון טוביהן ביז מנחם־מענדלען איז אַ גרויסער מהלך, אָבער דאָס זיינען געווען צעטיילונגען אין דעם זעלבן יידישן כלל, פון וועלכן שלום־עליכם האָט זיך געפילט ווי אַ טייל. פאַר אָט־דעם כלל האָט ער גערעדט, מיט אָט־דעם כלל האָט ער דורכגעמאַכט אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון אַזוינע דרייסיק יאָר. אָט־דעם כלל האָט ער געוויזן אים אַליין אין אַזוינע בילדער און אין אַזוינע טערמינען, וואָס יעדער איינער פון עם כלל האָט געקענט פאַרשטיין.

אָט־דער גרויסער קליין־בירגערלעכער מאַסיוו האָט נישט ליב געהאַט די גבירים, און אין שלום־עליכמס ווערק באַגעגענען מיר דעריבער אַלעמאָל אַ פאַראַכטונג און אַן אָפּשפּעטונג פון די רייכע, צי דאָס איז סענדער בלאַנק אינעם ראָמאַן פונעם זעלביקן נאָמען, צי דאָס איז פּדהצור, דער יעהופּעצער קאַפּיטאַליסט, פאַר וועמען ס'האָט חתונה טוביהס מיזינקע ביילקע, צי דאָס איז גאָר אייזיקל שאַסטעפּאַל אינעם ראָמאַן „אין שטורעם" — די באַציאונג שלום־עליכמס וואָלט מען געקענט אויסדריקן אין טוביהס ווערטער: „אוי, טראַכט איך מיר, ליגט מען אין דער ערד! אוי, ווערט מען אויסגעריסן, ניט אַזוי, ווי יענע, למשל, די יעהופּעצער נגידים מיין איך, וואָס זיצן אַ גאַנץ זומער אין בויבעריק אויף די דאַטשעס, עסן און טרינקען און באָדן זיך אין אַלדאָס גוטס. אוי, רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט דאָס מיר? איך בין, דאַכט זיך, אַ ייד גליידך מיט אַלע יידן, גוואַלד, גאָטעניו, ראה נא בעניינו". ס'איז נישט קיין פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּראָטעסט, וואָס פירט צו מעשים. ס'איז דער קליין־בירגערלעכער פּראָטעסט פון דעם אָרעמען און אומזיכערן קעגן דעם זאַטן און פאַרזאָרגטן. שלום־עליכם, אַ פאַרקערפּערונג פון דער שטימונג פון דער קליין־בירגער־

לעכער הארעפּאַשנער מאַסע, האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט אַ שטאָך צו טאָן די געלט־זעק: „וואָס מער נגיד, מער סאַבאַקע!"

דער גרויסער קליין־בירגערלעכער עולם האָט אָפט געפילט אַ סימ־פּאַטיע צו די רעוואָלוציאָנערן — און אָט־די סימפּאַטיע געפינט זיך נישט זעלטן אויסגעדריקט אין די ווערק פון שלום־עליכמען. אין לעבן איז דאָס נישט געווען קיין אָרגאַניזירטע סימפּאַטיע, אָבער זי האָט געשאַפן ביים מאַסן־מענטשן אַ באַוואונדערונג פאַרן קעמפער און אַ סביבה פון פריינט־לעכקייט אַרום דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון רעוואָלוציאָנערן. שלום־עליכם האָט אומשטערבלעך געמאַכט פּעפּערלען, פּאַר ווענען טוביהס האָדל האָט חתונה געהאַט און ווענען זי באַגלייט קיין סיביר, וואוהין ער ווערט פאַרשיקט. ער האָט מיט גרויס ווייכקייט גערעדט וועגן די „יענ־קעלעך" אין זיין דערציילונג „יוסף". און זיין אין „שטורעם" אַנטהאַלט פּאָרטרעטן פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געמאָלן מיט אַביסל ראָמאַנ־טיק. דער געוועזענער סטודענט ראָמאַנענקאָ איז „איינער פון די בעסטע קינדער פונעם לאַנד, וואָס האָבן אַ וואַרעם ליבנדעס האַרץ, מיט אַ ריינעם געוויסן, מיט אַ הויכן אידעאַל, מיט אַ גוטן ווילן צו טאָן עטוואָס גוטעס, נוצלעכעס פאַרן אומגליקלעכן הונגעריקן פאָלק . . . קורץ, ראָמאַנענקאָ איז געווען נישט נאָר אַ סאָציאַליסט און אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אָן אָנ־פירער, אָן אָרגאַניזאַטאָר פון אַ גאַנצער חברה" („אין שטורעם", ז' 31).

דער גרויסער קליין־בירגערלעכער עולם האָט פיינט דעם גביר און האָט אָפטמאָל סימפּאַטיעס פאַרן קעמפער, אָבער מער פון אַלצדינג האָט ער סימפּאַטיעס צו זיך אַליין צוליב זיין שווערער לאַגע אין דער געזעל־שאַפט, צוליב זיין לופט־עקזיסטענץ, צוליב די רדיפות וואָס ער שטייט אויס. מער פון אַלצדינג וויל ער זיך אויסרעדן דאָס האַרץ, דערפילן דאָס אייגענע האַרץ, אַ שמייכל טאָן איבער זיינע אייגענע צרות, אַמאָל אַ חלום טאָן וועגן בעסערע צייטן.

שלום־עליכם האָט געגעבן דעם גרויסן עולם אַ מעגלעכקייט צו דער־ציילן וועגן זיך צו סימפּאַטיזירן מיט זיך, צו באַקלאָגן זיך אַביסל, צו אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרצן.

אַ מענטש, אַ בר־דעת, וועט נישט גיין וויינען און פּילדערן אפילו ווען ער דערציילט וועגן צרות מיט וויטאָקן. עס פּאַסט דאָך נישט, ס'איז נישט שיין. טאָ וואָס־זשע טוט ער? שמייכלט ער, חוזקט ער אָפּט אָפּ פון זיין מזל. עס איז נישט קיין „געלעכטער דורך טרערן". אויך איז עס נישט „געלאַכט מיט יאַשטשערקעס". עס איז אַזאַ מין איידעלע פאָרמע פון לאָזן וויסן, ווי שלעכט מיר איז, ווי שטאַרק עס קוועטשט מיר דער

שוך. אַמאָל קען מען דערביי אויך לאָזן אַ טרער, אָבער אָן העוויות, אָן געפּילדער. אויף קיין מינוט פאַרגעסט מען דערביי נישט, אַז אין עצם איז דאָס דאָך קאָמיש. צווישן שלום־עליכמס בריוו איז דאָ איינער, וואָס ער האָט געשריבן פונעם סאַן בלאַזיען סאַנאַטאָריום אין דייטשלאַנד. שלום־עליכם איז דעמאָלט געווען זייער קראַנק, און גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז זיין פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ בית־עולם. אינעם בריוו דער־מאָנט דאָס שלום־עליכם — און ווויצלט זיך דערביי.

דאַכט זיך, אַז דאָ איז דער שליסל צום גאַנצן שלום־עליכמס הומאָר. אַ מאַסע וואָס איז פאַרמשפּט צום הונגער און וויל זיך דאָך נישט אונ־טערגעבן, און ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות, דערציילט וועגן זיך און פאַר־זעט נישט דעם אָביעקטיוון קאָמיזם פון דער לאַגע.

„דאָס לעבן פון די רויטע יידעלעך איז אפילו נישט אַזוי זיס און פריילעך, ווי עס ווייזט זיך אויס אויפן ערשטן קוק. פאַראַן צווישן זיי גע־ציילטע נגידים, וואָס איטלעכער פון זיי האָט זיך זיין פּריץ, דאָס הייסט, איטלעכער פּריץ האָט זיך זיין יידל, וואָס ציט פון אים די חיונה . . . אַ גרויסער טייל פון די רויטע יידעלעך זיינען אָרעמע בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן זייער גאַנץ לעבן איבער אַ שטיקל טרוקן ברויט. און די איבעריקע האָבן נישט וואָס צו טאָן, שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, פאַרנעמען זיך כלומרשט מיט מעקלעריי, דרייען זיך אום מיטן שטעקל אין מאַרק און טראַכטן: „וואו נעמט מען אויף שבת?" . . . קיין פליישׁ עסן זיי כמעט קיינמאָל נישט, — נישט מחמת זיי זיינען „וועגעטאַריאַנער", ניין! זיי עסן נישט קיין פלייש דערפאַר, ווייל מען האָט ביי זיי אַרויפגעוואָרפן אַ טאַקסע אויף אַלצדינג, וואָס ס'איז כשר, איז דאָס נישט פאַר זייער בייטל" . . .

***

אין משך פון צוויי דורות איז שלום־עליכם געגאַנגען מיט אָט־דער מאַסע, דורכגעמאַכט אירע ענדערונגען, אירע פּראָבעס זיך צוצופּאַסן צום איבערגאַנג פון אַ מערסטנס־פאַרצייטיקטער פעאָדאַלער עקאָנאָמישער סיס־טעם צו אַ סיסטעם פון שנעל־וואַקסנדיקן מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, אירע באַמיאונגען אַריינצודרינגען אין די פאָרן פון אָט־דער נייער סיסטעם, אירע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען בייצושטיין קעגן דער טאָפּלטער אַטאַקע פון גרויס־קאַפּיטאַל און פאָליטישער רעכטלאָזיקייט, איר טיילווייז אַרי־בערפאָרן פון קליינעם שטעטל אין דער גרויס־שטאָט: קיעוו, אָדעס, וואַרשע, לאָדזש, פּעטערבורג, איר צוריקטריט קעגן איבערוועגנדיק־שטאַרקע קרעפטן, איר טיילווייז עמיגרירן קיין אַמעריקע, אירע פּראָבעס

זיך אַריינצולעבן אין אַט־דער נייער וועלט. געשטאָרבן איז שלום־עליכם, כמעט האַלטנדיק די פּען אין האַנט און שרייבנדיק וועגן מאָטל פּייסי דעם חזנס מיט זיין משפּחה אין ניו־יאָרק.

פאַרן פּראָלעטאַריעט איז שלום־עליכם אויף אַלע זיינע יאָרן אַ קוואַל פון באַקאַנטשאַפט מיט דער קליין־בירגערלעכער האָרעפּאַשנער מאַסע, פון וועלכער ער שטאַמט און צו וועלכער עס איז נאָענט דער אַרבעטער־קלאַס, אַ קינסטלער פון ריזיקן פאַרנעם, וואָס האָט געשילדערט אַ גאַנצע עפּאָכע אין אַ גרויסן איבערגאַנגס־צושטאַנד, אַ פאָלקס־מענטש וואָס האָט מיט זיין אומפאַרגלייכלעכן טאַלאַנט אַזוי איידל און סענסיטיוו געמאָלן דאָס לעבן פון געפּייניקטע און געיאָגטע, גרויס און קליין. נישט אומזיסט דער־גרייכט שלום־עליכמס הומאָר דעם שטאַרקסטן פּאַטאָס אין זיינע צאָלרייכע און פון קיינעם נישט איבערגעטראָפענע מעשיות פון יידישע קינדער.

צוויי בריוו פון שלום־עליכמען

צו שלום־עליכמס אכציקסטן געבוירנטאָג וויל איך דערציילן וועגן די עטלעכע מאָל, וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט דעם גרויסן שרייבער.

געווען איז דאָס אין 1915, באַלד נאָך מיין קומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דעם אמת גערעדט, האָב איך דאָך געקענט שלום־עליכמען נאָך פון פריער, פון יאָרן צוריק. איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אין פנים — אָבער דאָס האָט דאָך קיינעם נישט געשטערט קענען דעם שרייבער אויסגעבונדן, דער עיקר אַזוינעם, וואָס איז אַליין אַ געבוירענער אַן אוקראַינער און האָט געלעבט יאָרן אין קיעוו.

מיר דאַכט זיך, אַז נאָר מיר, אוקראַינער יידן, קענען פאַרשטיין שלום־עליכמען ביזן סוף, ביזן לעצטן קנייטש, ביז דעם מינדסטן ניואַנס פון זיינעם אַ שפּרוך אָדער אַ בילד אָדער אַן אַנצוהערעניש אָדער אַ שפּאַס. איך וויל דערמיט, חלילה, נישט זאָגן, אַז אַנדערע יידן קענען שלום־עליכמען נישט פאַרשטיין. אסור. איך האַלט אפילו, אַז אויך אין איבערזעצונגען בלייבט שלום־עליכם דער גרויסער שרייבער, דער גרויסער קינסטלער, דער אויסגעצייכנטער הומאָריסט, כאָטש די זעלטענע שפּראַך איז גאָר נישט אַזוי לייכט איבערצוזעצן אויף אַנדערע שפּראַכן. וואָס איז שייך יידן, איז דאָך אַפגערעדט. וועלכער ייד האָט דאָס נישט קיין הנאה פון שלום־עליכמס שרייבן? נישט מער, איך גלויב באמונה שלמה, אַז אוקראַינער יידן קענען הנאה האָבן פון שלום־עליכמען אַביסעלע מער.

ווארום לאָמיר נישט לייקענען: ס'איז דאָך דאָ אַן אונטערשייד צווישן אוקראַינישן און ליטווישן אָדער פּוילישן יידיש. ביי אונדז אין אַמעריקע האָבן מיר דאָס שוין אויפגעהערט מערקן, איך מיין — בנוגע אונדזער אייגענער שפּראַך. מיר האָבן דורכגעפירט אַן „אויסגלייך", וואָס דאָס הייסט מיר האָבן אַראָפּגענומען פונעם יידיש דעם קונציקן בלומען־שטויב, וואָס גיט דער שפּראַך איר חן, איר אייגנאַרט, איר טיפסטע אינטימקייט. איך רעד שוין נישט פון פּובליציסטן, אָדער בעלעטריסטן: אפילו אונדזערע פּאָעטן פאַרגעסן צוצוגיין צו דער יידישער שפּראַך ווי צו דעם איידלסטן, ציטערדיקסטן אינסטרומענט.

„מאָרגן־פרייהייט", 13טן מאַי, 1939. געדרוקט אונטערן נאָמען „באַקאַנטשאַפט מיט שלום־עליכמען". דאָס האָט, הפנים, געזאָלט זיין אַן אָנהויב פון אַ סעריע.

האָט־זשע אויף מיר קיין פּאַריבל נישט, וואָס איך זאָג, אַז מיר, אוּ־קראַינער, קענען בעסער הנאה האָבן פון שלום־עליכמען, ווי אַנדערע יידן. אין אונדזער אויער דערגרייכט זיין קלאַנג טיפער, ווי אין דעם אויער פון יידן, וואָס זיינען צוגעוואוינט צו אַן אַנדער סאָרט שפּראַך. שלום־עליכמס אַ ווערטעלע דערוועקט אין אונדז אַסאָציאַציעס פון די טעג פון אונדזער קינדהייט. שלום־עליכמס אַ צונויפפּאַר פון יידיש מיט אַן אוקראַיינישן וואָרט איז אונדז היימלעכער, ווי די יידן, וואָס האָבן גאָר קיין אוקראַיניש נישט געהערט. היינט זיינע טיפן! זיי זיינען דאָך מערסטנס א ו נ ד ז ע ר ע אוקראַינער.

אין פּאַר מיר דעריבער שלום־עליכם פון לאַנגע יאָרן געווען אַ היי־מישער מענטש. נישט אַ „שריפטשטעלער" — דאָס איז אַ שטייפער באַ־גריף — נאָר אַ טייערער פריינט, אַ גאָר נאָענטער שטעטלדיקער שכן, אַ קלוגער ייד, אַ מתיהדיקער דערציילער, אַ דורכגעטריבענער וויצלינג, דער עיקר — אַ מענטש, וואָס קען זיך אָוועקזעצן מיט מיין מאַמען און מיט אירע קליינע קינדער — דעם טאַטן וואָלט דאָך נישט אָנגעשטאַנען צו פאַרנעמען זיך מיט אַזוינע נאַרישקייטן — און דערציילן מעשיות איינע נאָך דער אַנדערער, און זיך ווערטלען, און אָנקוועלן פון די אייגענע המצאות, און זיך פילן אין דער היים צווישן אייגענע יידן. שלום־עליכמען האָב איך ליב געהאַט נישט נאָר ווי מ'האָט ליב אַ שרייבער.

עס איז פּאַר מיר דעריבער געווען אַ גרויסער טאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען שלום־עליכמען. און דערזען האָב איך אים גראָד אויף אַ זיצונג פונעם פּרץ־שרייבער פאַראיין, און גראָד האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איך האָב דעמאָלט געפירט די זיצונג און שלום־עליכם איז אַרויסגע־טראָטן מיט עפּעס אַ פאָרשלאָג. מיר איז דעמאָלט נישט אויסגעקומען צו ריידן מיט אים פריוואַט. אָבער דער אָוונט איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, ווייל איך האָב פאַר זיך דערזען אַן אַנדער מין שלום־עליכמען. איך האָב דערזען שלום־עליכמען פון אַן אַנדער זייט.

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַן אַלגעמיינער שרייבערישער אונטערנעמונג — איך געדענק שוין נישט וואָס — און שלום־עליכם האָט גערעדט וועגן דער פראַגע. האָט ער גערעדט לאָגיש, געלאַסן, ערנסט — און אפשר נאָר גאָר טיפע באַאָבאַכטער האָבן געקענט באַמערקן דאָס פייערל, וואָס האָט געפלאַקערט ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיינע אויגן. און אפשר איז ביי אים אין די אויגן אויך נישט געווען קיין הומאָר אין יענער צייט. וואָרום שפּעטער, שוין אין פריוואַטע באַגעגענישן, האָב איך באַמערקט, אַז שלום־עליכם האָט געקענט זיין אויסערגעווייינלעך איינגעהאַלטן, אפילו

טרויעריק, אפילו פאַרביטערט, אָן אַ שפּור פון דעם, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר ווי דאָס טיפּישע אין שלום־עליכמען.

דער צווייטער באַריר מיט שלום־עליכמען איז געווען אין אַ פּאָר חדשים אַרום — אינעם זומער פון 1915. געשען איז דאָס אַזוי:

ווען שלום־עליכם איז אָנגעקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער געשריבן צוויי זאַכן מיטאַמאָל, און ביידע האָבן זיך געדרוקט אינעם „טאָג". איינס איז געווען „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט" און דאָס צווייטע איז געווען „פונעם ירידה". די ווערק האָבן זיך באַוויזן אין פאַר־זעצונגען עטלעכע מאָל אַ וואָך, איך געדענק שוין נישט וויפיל. איך האָב דעמאָלט געשריבן ליטעראַרישע איבערזיכטן אין דער „נייער וועלט", אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. דער זשורנאַל פלעגט אַרויסגיין אַלע וואָך. אין איינעם פון די נומערן האָב איך אָנגע־שריבן אַן אַרטיקל וועגן „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט". איך בין מיט די „מעשיות" נישט געווען צופרידן. שלום־עליכם האָט דאָרט דער־ציילט וועגן דעם אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה און וועגן דעם, וואָס די יידן האָבן איבערגעלעבט אין יענער צייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז שלום־עליכם האָט זיך נישט גענוג צוגעקוקט צו די יידן בשעת דער מלחמה און האָט נישט געהאַט דעם ריכטיקן צוגאַנג צום ענין. האָב איך דאָס געזאָגט. צום שלוס האָב איך באַמערקט, אַז גאָר אַן אַנדער סאָרט ווערק איז „פונעם יאַריד" און אַז וועגן דעם וועל איך שרייבן איבעראַכטאָג.

אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט דעם אַרטיקל — האָב איך, ווי מיין שטייגער איז, געדעכנט די זאַך פאַר דערליידיקט און זיך גענומען צו אַנדערע זאַכן. היינט שטעלט איך פאָר, ווי באמת איבערראַשט איך בין געווען, ווען איך קריג פון שלום־עליכמען אַ בריוו, געשריבן אין דער אייגנטימלעכער פערלדיקער האַנטשריפט פון דעם באַרימטן מענטשן און צוגעשיקט ערגעץ פון אַ האָטעל אין די קעטסקילס.

און ווי הויבט זיך אָן דער בריוו? צום באַדויערן איז ער ביי מיר פאַרפאַלן געגאַנגען, אָבער די ערשטע שורה געדענק איך אויף אויסווייניק. שלום־עליכם האָט געשריבן:

„איך דאַנק אייך זייער פאַר די שמיצעלעך, וואָס איר האָט מיר גע־געבן. איך האָב זיי כשר פאַרדינט."

מער האָט ער וועגן די „מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט" נישט געשריבן, דערפאַר האָט ער געשריבן וועגן דעם קריטיקער. ער האָט מיר געגעבן אָנערקענונג, ווי איינעם, וואָס אינטערעסירט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור, וואָס קען אים, שלום־עליכמען, ווייזט אויס, זייער גוט, און

וואָס האָט דרך־ארץ פאַר דער יידישער שפּראַך. געווען אין דעם בריוו אויך אַ שטיקעלע באַשרייבונג פון דעם אָרט, וואו שלום־עליכם האָט זיך געפונען — אַ באַשרייבונג, פאַרשטייט זיך, אינעם שלום־עליכמדיקן גייסט: אַ לייכטע שפּילעוודיקע כאַראַקטעריסטיק, מיט עטלעכע אַריינגעבראַקטע ענגלישע ווערטער, ווי אַזוי דער עולם האַלט שוין נאָכן „סאַפּער" און די געסט זיצן און לאָזן זיך וואוילגיין אויפן „פּאָרטש". צום שלוס האָט שלום־עליכם געשריבן, אַז ער איז שוין זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס איך וועל שרייבן וועגן „פונעם יאריד".

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. אַז אַ מענטש, ווי שלום־עליכם, זאָל זיך אינטערעסירן, וואָס מען שרייבט וועגן אים אין אַ ווייניק־באַקאַנטן סאָציאַליסטישן בלעטל און זאָל נאָך דערצו שיקן אַ בריוו צום רעצענזענט און זיך פאַרהאַלטן צו אים אַזוי פריינטלעך, מיט אַזאַ וואַרעמקייט — דאָס איז פאַר מיר געווען גאָר ביי. דער עיקר די אָפנהאַרציקייט: „איך דאַנק אייך פאַר די שמיצלעך . . . איך האָב זיי כשר פאַרדינט." נאָר אַ גרויסער מענטש, נאָר אַ געניאַלער מענטש האָט געקענט האָבן אַזאַ גייסט פון זעלבסטקריטיק (אין יענער צייט האָבן מיר דאָס וואָרט נאָך נישט איינגעפירט אין אונדזער פּראַקטיק).

אינעם נאָענטן נומער פון דער „נייער וועלט" איז געווען אָפּגעדרוקט מיין איבערבליק איבער „פונעם יריד". איך האָב, פאַרשטייט זיך, געמוזט זאָגן דאָס, וואָס יעדער פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור האָט געמוזט זאָגן — אַז דאָס איז איינס פון די בעסטע פון שלום־עליכמס ווערק, אפשר דאָס צייטיקסטע, אפשר דאָס מענטשלעכסטע און אינטימסטע. וואָרום כאָטש דאָרט איז פאַראַן ווייניק הומאָר, איז אָבער דאָרט פאַראַן אפילו מער וואַרעמקייט און אַ גרעסערע קינסטלערישע באַנעמונג פון מענטשן, ווי אין די איבעריקע שלום־עליכמס ווערק.

אָנגעשריבן, אָפּגעדרוקט — און איבערגעגאַנגען צו ווייטערדיקער אַרבעט. און דאָ קומט ערשט די גרויסע איבעראַשונג. איך קריג אַ צווייטן בריוו פון שלום־עליכמען — אַ זאַך, וואָס איך האָב אויף איר זיך בשום אופן נישט געקענט ריכטן. און וואָס שרייבט ער אין דעם בריוו? ער דאַנקט מיר פאַר די גוטע ווערטער אינעם אַרטיקל און נאָכדעם זאָגט ער: איר ווייסט נישט, מיין פריינט, ווי מיר, שרייבער, דאַרפן, אַז מען זאָל אונדז דערמאָנען, אַז מען זאָל אונדז ליבן. טאָמער דערמאָנט מען אונדז נישט אַ שטיקל צייט, פאַלן מיר ביי זיך אַראָפּ, טראַכטן מיר: ווער דאַרף אונדז? צוליב וואָס שרייבן מיר?

עס איז נישט געווען געזאָגט פּונקט מיט אָט־די ווערטער — עס איז געווען געזאָגט מיט שלום־עליכמס ווערטער און סטיל. אָבער דער זין איז געווען ווי איך גיב דאָס איבער. איך מוז זאָגן, אַז דער בריוו האָט מיך פּשוט פריטשמעליעט. הערט אַ מעשה! אַ מענטש מיט אַזאַ נאָמען, אַ שרייבער, וואָס מען קען אים נישט נאָר ביי יידן — און וועלכער ייד ווייסט דאָס נישט פון שלום־עליכמען, און וועלכער ייד האָט נישט אָנגעקוואָלן פון שלום־עליכמס אַ ווערק! — נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער, אַ מענטש וואָס ווייניק שרייבער קענען זיך מיט אים פאַרגלייכן אין באַליבטקייט צווישן גאַנצן פאָלק — ער, וואָס האָט זיך געפונען לויט מיין מיינונג, אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ פון רום — בענקט ערשט, אַז מען זאָל וועגן אים שרייבן, ער זאָגט, אַז טאָמער דערמאָנט מען אים נישט אַ פּאָר וואָכן, פאַלט ער ביי זיך אַראָפּ. ער, דער הערשנדיקער כוח אין דער יידישער ליטע־ראַטור, דער גרויסער קלאַסיקער, דער געניאַלער קינסטלער, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף טויזנטער און טויזנטער יידישע נשמות, דאַנקט אַ, בערך, אומבאַקאַנטן שרייבער, ווען ער האָט ביז דעמאָלט גאָר נישט געקענט, דערפאַר וואָס ער האָט וועגן אים געשריבן אַ פריינטלעך וואָרט. און נישט נאָר ער דאַנקט אים, נאָר ער גיסט פאַר אים אויס דאָס האַרץ.

איך האָב גערעכנט, אַז אפשר איז דאָס נאָר אַ סימן, ווי איינזאַם שלום־עליכם פילט זיך אין אַמעריקע. אָבער, ניין. געווען איז אינעם בריוול אַין טייל וואָס האָט דערציילט, ווי אַזוי שלום־עליכם האָט זיך געמאַטערט אַין רוסלאַנד. ער איז אַרומגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט, מיט זיין „פונעם יאַריד“ פון רעדאַקציע צו רעדאַקציע — און קיינער האָט עס נישט געוואָלט נע־מען. פאַרוואָס? ווייל די רעדאַקטאָרן האָבן פון שלום־עליכמען געוואָלט „לאַכנדיקס“.

איך קען באמת נישט באַשרייבן, וואָס פאַר אַ רושם דער בריוו האָט געמאַכט אויף מיר. אַ שאָד, וואָס אויך ער איז ביי מיר פאַרלאָרן געגאַנגען.

שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים האָב איך זיך באַגעגנט מיט שלום־עליכמען פערזענלעך.

פרץ דער ליריקער

. . . עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע אויסצופאָרשן, אויף וועלכע פאַלן און אויס וועלכן אינעווייניקסטן דראַנג פלעגט פרץ פון צייט־צו־צייט איבערגיין צו ליריק. דאָס וואָלט אפשר געגעבן אַ שליסל צו פילע פראָבלעמען פון זיין מערקווירדיקער קינסטלער־נאַטור. ליידער, האָבן מיר נאָך צו ווייניק מאַטעריאַלן וועגן זיין פערזאָן און זיין אינעווייניקסטן לעבן, אַז אַזאַ אַרבעט זאָל זיין מעגלעך. איינס קען מען אָבער אָנמערקן שוין איצט: צו דער ליריק האָט פרץ געצויגן, באַזונדער אין די לעצטע יאָרן, דער וואונטש צו זיין מיט זיך אַליין, מיט זיך אינגאַנצן.

מיר וועלן דערמיט ניט זאָגן, אַז אין די איבעריקע צווייגן פון זיין שאַפן איז פרץ ניט געווען אויפריכטיק. דאָרטן איז אים אָבער אויסגעקומען מערסטנס צו סטיליזירן, צו שרייבן אינעם גייסט און אין דער געדאַנקען־אַרט פון די פאַרצייטיקע יידן. אמת, אויך דאָרט בלייבט ער ניט אינגאַנצן באַהאַלטן הינטער זיינע „העלדן". יוחנן דער מלמד, למשל, איז ביי אים צו אַ גרויסער פיקח. ער פאַרשטייט צופיל, ער איז צו אַ היינט־וועלטיכער חקרן, אַז איר זאָלט הינטער אים ניט פילן פרץ דעם דענקער. אפילו דורך רב שלמהן אין דער „גאָלדענער קייט", מיט זיין פילאָזאָפיע פון „שבתדיקע, יום־טובדיקע, נשמה־יתירהדיקע יידן", קוקט אַרויס פרץ דער מאָדערניסט, וועלכער טרוימט וועגן אַ גאַנצן מענטשן און אַ גאַנצער מענטשהייט. דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען דער צוועק, צוליב וואָס פרץ האָט געשאַפן די אַלע זאַכן. אָבער דאָך איז אים אויסגעקומען אין זיינע חסידישע מעשהלעך און אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטען צו קוקן דורך די אויגן פון אַ פאַרגאַנגענער צייט, צו ריידן מיט דער שפּראַך פון אַ פאַרשוואונדענער עפּאָכע. ער האָט דערביי, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט זיין „נאַטור־געטריי" און האָט בשום אופן ניט איינזינען געהאַט צו פאַרקערפּערן די „היסטאָרישע ווירקלעכקייט" ווי זי איז געווען. אָבער סטיליזאַציע בלייבט דאָך פאָרט אַזאַ אַרט שרייבן, וואו דער דיכטער מוז איינשרענקען זיך אַליין, מוז זיך האַלטן אין געוויסע ראַמען.

פונעם בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען" (1919), אָנגעשריבן אין 1915 (זע פאַר־וואָרט).

איז אָבער פּרץ געווען צו רייך מיט בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, זוכענישן, זיין גייסט האָט צו שטאַרק געפלאַקערט אַלע צייטן, אַז ער זאָל קענען בלייבן אין ראַמען. פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן זוכן אַנדערע אויס־דרוק־פאָרמען. האָט ער געשאַפן אַזוינע זאַכן, וואָס די ליטעראַרישע קלאַסיפיקאַציע וועט זיך לאַנג ברעכן דעם קאָפּ, וואוהין זי זאָל זיי צו־רעכענען: „קלאַץ־געשיכטן", „די רויז", „וואָס הייסט נשמה" — האַלב־פּעליטאָנען, האַלב־געדיכט אין פּראָזע, אַלץ צוזאַמען אַ שניירל קאַליידאָס־קאָפּישע בילדער, אַ שפּיל פון באטראַכטונגען און וואונקען און געדאַנקען.

האָט אָבער, קענטיק, אויך אָט־דאָס שפּיל ניט אינגאַנצן באַפרידיקט פּרצן. פלעגט ער מאַכן לירישע פּראָבן.

פון אָנפאַנג, אין די ערשטע צען־פופצן יאָר פון זיין שרייבן יידיש, האָט פּרץ, ווייזט אויס, זיך איבערהויפּט געהאַלטן פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן ליריקער, פאַר איינעם, וואָס זיין אַרבעט ווערט, באַטירלעך, אויסגעדריקט אין לידער (איז דאָך דאָס ערשטע יידישע ווערק זיינס געווען „מאָניש", אַ באַלאַדע אין גראַמען). שפּעטער האָט די איבערגעוויכט ביי אים גע־קראָגן די פּראָזע, און צו דער ליריק פלעגט ער זיך אומקערן גאָר זעלטן. פאַר די לעצטע יאָרן קען מען אָנרעכענען נאָר איינצלנע פּרצעס לירישע זאַכן. און גראָד אין זיי דערגרייכט ער צו אַזאַ טיפן פּאַטאָס און צו אַזאַ פאַרכאַפּנדיקער אויסדרוקס־פאָרם, וואָס מאַכט זיי פאַר די פאַלקאָמענסטע פון זיינע ווערק.

און דאָך מוז באַמערקט ווערן, אַז פּרץ איז ניט קיין לידער־שרייבער אינעם אייגנטלעכן זין פונעם וואָרט. ער איז ניט מסוגל צו זיין געבונדן צו דער פאָרם. ער האָט אפשר גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן אַ וואויל־קלינגענדיקן אויסדרוק. ער איז איבערהויפּט ניט פייאיק געווען צו גיין אין שפּאַן פון אַ געוויסן ריטם. דעריבער איז אין זיינע לידער אַזאַ שטענדיקער קאַמף צווישן ריטם און אַריטמיע. דעריבער איז זיין שפּראַך אַזוי אומגלייך, אַזוי שפּרינגנדיק, אַקוראַט ווי אויפן וועג ביי אים ליגן כסדר בערגלעך און גריבער. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן, אַז זיין שפּראַך ברעכט זיך, ווערט איבערגעריסן פאַר אונדז אין איר אומ־רואיקן פּולסירן. איר וועט כמעט ניט געפינען ביי פּרצן אַ ליד, וואו דער טאָן און דער כאַראַקטער זאָל זיין אויסגעהאַלטן פונעם ערשטן ביזן לעצטן וואָרט. און געפינט איר דאָס שוין יאָ, מוזט איר זיך זאָגן, אַז דאָס האָט ניט געהערט צו די בעסערע אין פּרצעס לידער.

אַזוי זיינען זיינע איינציקע לידער אין פּראָזע: „עס זיינען קיין וואונ־דער געשען", „ליבע", „גיי ניט מיט מיר". די דאָזיקע לידער זיינען

דווקא סטיליסטיש פֿאַרענדיקט, געשלאָסן אין זיך. זיי זיינען אָבער ניט פּרץ! זיי דערמאָנען הירשביינען, זיי דערמאָנען די רוסישע מאָדער־ניסטן. זיי זיינען מעלאָדיש, זייער ריטם פֿליסט גלאַט, אָבער אין זיי איז דאָ אַ סך מעלאָדעקלאַמאַציע, און צו פּרצעס איבעריקע ווערק פּאַסן זיי זייער ווייניק. מען פֿילט, פּרץ האָט זיך דאָ צוגעפּאַסט צו דעם סטיל, ניט דעם סטיל צו זיך.

דאָרט, וואו פּרץ האָט געוואָלט ניט אַראָפּלאָזן זיך און ניט סטילי־זירן, איז אים געווען שווער בייצוקומען די שפּראַך. ער האָט מיט איר געהאַלטן אין איין קעמפֿן. ער האָט ניט געקענט אַריינלייגן אין איר אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. עס איז אים געווען ווייניק ווערטער, ווייניק רייכטום פֿון פֿאָרמען. ער האָט אַלעמאָל צעריסן דעם מאַנטל פֿון דער שפּראַך.

אפשר קען מען אים אין דעם פּרט פֿאַרגלייכן מיט בעטהאָווענען, ווי עס האָט אים געמאָלט אַ רוסישער שריפֿטשטעלער. בעטהאָווענען האָבן ניט צופֿרידנגעשטעלט די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, וואָס האָבן עק־זיסטירט אין זיין צייט. ער האָט אין זיי ניט געפֿונען גענוג מעגלעכקייט אויסצודריקן דעם גאַנצן ברייטן מוזיקאַלישן שוואונג פֿון זיין פֿאַנטאַזיע. ער איז געווען פֿאַרביטערט אויף דעם „קנעכט", דעם אינסטרומענטן־מייסטער, וואָס ס'איז אים ניט איינגעפֿאַלן צו מאַכן נאָך אַן איבעריקע סטרונע. ער האָט געפֿירט אַ שטרייט קעגן דער אומגעניגנדיקער מוזי־קאַלישער „מאַטעריע" אינעם נאָמען פֿונעם מוזיקאַלישן גייסט.

דער דאָזיקער קאַמף דערקלערט אונדז אפשר, פֿאַרוואָס פּרץ האָט דאָך ניט געקענט בלייבן אַ לאַנגע צייט אויפֿן פֿעלד פֿון לידער. אים איז אויך דאָ געווען ענג. אים האָט געדריקט די ראַם פֿון ווערטער.

און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן און פֿאַרוואַרפֿן און ווידער אויפֿנעמען און ווידער פֿאַרלאָזן. און עס וואונדערט אונדז גאָרניט וואָס אַלע מאָל, ווען פּרץ קומט צוריק צו דער ליריק, זעען מיר אים אין אַ נייער פֿאָרם, מיט נייע מאָטיוון. „דער גרויסער פּראָבן־מייסטער", האָט אים אָנגערופֿן אַ יידישער קריטיקער.

די גרעסטע איינהייטלעכקייט מערקט זיך אין זיינע סאַטירישע לידער, וואָס שטאַמען הויפּטזאַכלעך פֿון דער ערשטער צייט פֿון זיין ליטעראַרי־שער טעטיקייט. דאָ האָבן מיר פֿאַר אונדז פּרצן דעם שטראָפֿער, פּרצן דעם פּראָטעסטאַנט קעגן אומוויסנהייט, אונטערטעניקייט, שוואַכקייט, דעם קעמפֿער קעגן אומגערעכטיקייט אין סאָציאַלן לעבן. ער לאַכט פֿון די „נאַכט־וועכטער", די פֿרומע פֿאָלקס־פֿירער, וואָס ווילן האַלטן דאָס פֿאָלק

אין דער פינצטער; ער שפּעט פון דער אמונה, וואָס האַלט אין אירע הענט געבונדן די חכמה און וואָס איז גרייט צו פאַרברענען אויפן שייטער־הויפן דעם אמת, אויב ער וועט פּרובן אויפדעקן אַ פאַלשקייט; ער שיט ביטערע סאַרקאַזמען אויף די נעבעכדיקע קרבנות, וואָס פאַלגן דעם באַפעל פון די שטאַרקע.

אַלטע מאָטיוון. זיי קען מען געפינען אין אַלע ווערק פון די משכילים. אָבער אין פּרצעס לידער באַקומען זיי אַן אומדערוואַרטעטע פרישקייט, אַן אייגנאַרטיק לעבן. דער דיכטער אָפּערירט מיט אַבסטראַקציעס. ער האָט אָבער די אַבסטראַקציעס באַפרוכטפערט מיט דעם זאַפט פון זיינע נערוון — איז אין זיי אַריינגעקומען אַ ניי לעבן.

באַטראַכט נאָר „דעם לייבס לוויה". דער לייב איז קראַנק. דער גרויסער טרעגער פון דער וואַלד־אידייע האַלט ביי דער גסיסה. דער וואַלד איז פאַרציטערט, די חיות זיינען אַלע טרויעריק; זייער הערשער, זייער שטרענגער מושל גייט פון זיי אַוועק.

„ביי די חיות שטאַרבט דאָס בלוט
און דער זאַפט — ביי בוימער,
אין בערלאָגע גיסט דער בער
טרערן גאַנצע עמער."

דורך עטלעכע ווערטער ווערט באַשאַפן אַ גאַנץ בילד. דער קאָמיזם פון דער לאַגע טרעט אַרויס דייטלעך. און אָט נעמט דער לייב זאָגן ווידוי:

גראָבע, פרומע טרערן פאַלן
אויף די אַלטע בעק,
אויפן „מעבר־יבוק" ווערט
פון איטלעכן אַ פלעק."

די בוימער שאָקלען מיט די קעפּ און פרעגן זיך: ווער וועט האָבן דעם זכות, פון זיך אַן ארונדל פאַרן צדיק צו געבן? די פעלזן קרעכצן: ווער פון זיי וועט צושטעלן די מצבה? טעפּ פליען אין דער לופטן, ברעכן זיך אויף שטיקלעך: ווילן דעם צדיק לייגן שערבלעך אויף די אויגן. דער פלאָקס אין די פעלדער האָט אַ טענה: פאַרוואָס אים נישט נעמען אויף תכריכים?

„בראָזעס זיפצען, דעמבעס קרעכצן,
אַז עס פּלאַצט די קאָרע
און די ווינטן, דאַכט זיך, וואָיען
הינט אַ גאַנצע סוואָרע . . ."

דאָס בילד איז פאָלקאָמען. עס איז אַ בורלעסק, אַ שאַרזש. עס איז אָבער דורכגעפירט מיט אַ גרויסער מייסטערשאַפט. דאָס בילד שניידט זיך איין אין זכרון.

אין זיינע סאַטירישע לידער דערגרייכט פרץ אָפט צו אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט פון עקספּרעסיע. די ליניען צייכענען זיך ביי אים שאַרף, די קאָנטורן אויסגעפילט בולט.

מאַי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן
און דאָרט איז ניט היימלעך די נאַכט . . .
עס ציטערט דער הימל . . . לבנה און שטערן
שווימען דערשראָקן, פאַרשמאַכט . . .

מאַי — נאָר ער איז אין טאָלעדאָ געוועזן
וואו פרעכע מאַרמאָרנע ריזן
שטעכן מיט חוצפּה דעם הימל דעם בלאָען
מיט גאָלדענע, קרייציקע שפּיזן.

מאַי — נאָר עס סודען זיך דאָ ניט קיין בלומען.
די גלאָקן — זיי מאַכן זיי טויב ! . . .
עס טראָגט דער זעפיר נאָר אש פון נשרפים,
פון אויטאָ־דאַ־פעען דעם שטויב !

די ווערטער גיבן דעם ריטם פון דער פרילינגס־נאַכט אין דער אינקוויזיציע־שטאָט טאָלעדאָ. עפּעס דורך אַ וואונדערבאַרן שאַפונגס־סוד ווערט אַריינגעטראָגן אין די געוויינלעכע ווערטער אַ הויך פון אַט־דעם אַלטן היסטאָרישן פּלאַץ, וואו צלמער שטעכן דעם הימל ווי שפּיזן.

די זעלביקע אומגעוויינלעכע אויסדרוקס־קראַפט באַגעגענען מיר אויך אין פרצעס עטלעכע אַרבעטער לידער. מ'האָט פיל געשריבן וועגן אַ בייטאָרין ביים וואַרשטאַט. אָבער סאַראַ פרישקייט און אויפריכטיקייט אין דעם געזאַנג פון דער מיידל :

„בלאַס איז דאָס זיידנציג, פּונקט ווי מיין פּנימל,
דורכזיכטיק־דין, ווי מיין הויט . . .
רירט מען עס, קרעכצט עס „אוי“, פּונקט מיינע ביינדעלעך“ . . .

אָדער וויפיל בילדלעכקייט עס איז דאָ אין די ווערטער וועגן „ליפּן, וואָס שיילן זיך, ברענען פון אייביקע זאָרגן“. אין דעם ליד וועגן די צוויי ברידער, פון וועלכע איינער האָט געצאַפּט ביים צווייטן בלוט, האָט פרץ ניט מורא געהאַט צו דערציילן, ווי דאָס ווערט געטאָן :

„אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל.“

די גאַנצע סעריע לידער „ביי אַ פרעמדן חופּה־קליידִ" — די גראַ־ציעזע, קאַפּריזנע, דופּטיקע מישונג פון ריטמען, קלאַנגען, מעלאָדיעס, מאָטיוון געהערט צו די שענסטע פון דער אַרבעטער־ליריק. פּרצן איז דאָ אויפן בעסטן אופן געלונגען צו פאַראייניקן דאָס אַבסטראַקטע מיט דעם קאָנקרעטן, דאָס אַלגעמיינע מיט דעם אינדיווידועלן.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען די גאַנצע אויפגאַבע פון פּרצעס שאַפן.

שוואַכער זיינען זיינע לעבנס־מאָטיוון און נאָך שוואַכער זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים און פון נאַדסאָן. שוין אַט־די קאָמבינאַציע: איבערזעצונגען פון ישעיה און יחזקאל און איבערזעצונגען פון דעם סענ־טימענטאַל־וויכן, באַנאַל־פאַרחלומטן רוסישן דיכטער נאַדסאָן — זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצעס אייביקן טאַפּן, זוכן און פּרובירן. פּרץ איז אָבער ניט געווען קיין איבערזעצער. צו אַן איבערזעצונג דאַרף מען, קודם־כל, האָבן אַ פאָלקאָמענע באַהערשונג פון דער שפּראַך. די פאָרם דאַרף זיך געבן פון זיך אַליין. דאָס איז ביי פּרצן ניט געווען. דערצו האָט פּרץ איבערהויפּט ניט געקענט אַריינלעבן זיך אין יענעמס גייסטיקער אַט־מאָספערע. אפשר דערפאַר זיינען אים אויך ניט געלונגען זיינע ליבעס־לידער, וועלכע ער האָט אין אַ געוויסער מאָס נאָכגעדיכטעט נאָך היינען. פאַראַן דיכטער, וואָס קענען זיך אַזוי אַנשטעקן מיט יענעמס אַ שטימונג, אַז זי זאָל ווערן זייער אייגענע און געפינען נאָך דעם אַן אויסגעצייכנטן אויסדרוק. פּרץ האָט ניט געהערט צו זייער סאָרט. פּרץ האָט זיך גע־פילט גוט אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע פון אַ גאַנצן פאָלק, ווייל דאָ איז פאַר אים געווען אַ רחבות. אָבער אַריינלעבן זיך אינעם גייסט פון אַ יחיד, מעג דער יחיד זיין אפילו אַ ישעיה אָדער אַ יחזקאל, דאָס האָט ער ניט געקענט.

זיינען טאַקע זיינע איבערזעצונגען פון די נביאים אין אַלגעמיין ניט אויסגעהאַלטן. עס פעלט זיי די וואונדערבאַרע איינפאַכקייט און קאַרג־קייט אין ווערטער. יחזקאלס „הוי, רועי ישראל" קומט ביי אים אויס:

„איי, די מערדער, איי, די הירטן,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג.
איי, די מערדער, איי, די הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף!
ווייל זיי האָבן זיך געפּאַשעט,
זיך געפּאַשעט, ניט די שאָף!"

דערפאַר ווען ער האָט געפּרוּווט ניט נאָכדיכטן, ניט איבערזעצן,

נאָר פריי שאַפן אויף אַ טעמע פון תנ"ך, האָבן זיך באַקומען ווערק, וואָס קענען אפשר קאָנקורירן מיט די נביאים אין זייער שטאַרקייט. אַהער גע־הערט, קודם־כל, דאָס ליד פון „יחזקאל".

„עס שלייכט צו אַ שטאָט ביינאַכט די שווערד!
נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט —
ער הערט!
און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט.
עס ציטערט די נאַכט,
דאָס פאָלק דערוואַכט —
דער שונא גייט, דער שונא גייט!
און ס'פלאַקערט אויף די שלאַכט . . ."

שוואַכער, אָבער פול מיט אַן איינגעפּרעסטן אינעווייניקסטן פייער, איז דאָס ליד אויף דער טעמע: „מי זה בא מבצרה, חמוץ בגדים מאדום" (ישעיה ס"ג). דאָ איז פאַראַן אַ גרויסער, באַשיידענער, ניט־שרייענדיקער, נאָר טיף אין די ביינער איינגעגעסענער פּאַטאָס.

צו די שוואַכערע זאַכן וועט מען אויך מוזן צורעכענען די לעגענדע „רבי חנינא בן דוסא" און דעם לאַנגן, צעצויגענעם מאָנאָלאָג „דער בעל־עגלה". אין דיביידע זאַכן האָט פּרץ געוואָלט זיין פאָלקסטימלעך. פאָלקס־טימלעכקייט אין ליריק איז אָבער פאַר אים געווען אַזוי אומדערגרייכבאַר, ווי אַ גוטע פּאָעטישע איבערזעצונג. אפילו אין די „פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן" האָט דאָך פּריי ניט געקענט אינגאַנצן פאַרשטעלן זיין „איך". אין ליריק, אין לידער איז דאָס אים אַוודאי ניט געווען מעגלעך. דער רואי־קער, קינדיש־נאַאיווער, פּליסנדער טאָן פון דער פאָלקס־דיכטונג, וועלכע שטעלט זיך אָפּ אויף קלייניקייטן און חזרט איבער דאָס זעלבע עטלעכע מאָל — ווי האָט דאָס געפּאַסט צו פּרצעס האַסטיקער, אייביק איילנדיקער, נערוועזער נאַטור?

„מאָניש" — דאָס איז אַן אַנדער זאַך. דאָ האָט פּרץ אפילו ניט גע־וואָלט זיין פאָלקסטימלעך. דאָ דערציילט אַ מאָדערנער אינטעליגענט אַ געשיכטע פון אַ „ער" און אַ „זי" אין אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה. דאָ איז דאָס לעגענדאַרע מער אַ שפּאַס, ווי אַן ערנסט. דער דיכטער וויל צוגעבן זיין דערציילונג אַ „לאָקאַלע באַפאַרבונג", קומט ביי אים אויס אַ לילית מיט אַ באַרג אָרדט, מיט אַ עסקאַדראָן שדים מיט די אַלע זיבן זאַכן. דערביי לאַכט ער אַליין גוטמוטיק און די הערער זיינען מיט זיין שפּאַס צופרידן. סוף־כל־סוף איז דאָך אין „מאָניש" באַאַרבעט די אייביקע טעמע

פון אדם מיט חוהן, די זעלביקע, וואָס איז מיט אַזוי פיל קונסט באַהאַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדערער, פּרצעס, פּאָעמע „ער און זי". און די טעמע באַגעגנט זיך אין דער יידישער לעגענדע זייער זעלטן.

***

וויל מען באַטראַכטן פּרצן דעם ליריקער אין אַלגעמיין, מוז מען זיך זאָגן, אַז ער האָט אין די ערשטע יאָרן אַלץ געזוכט זיין אייגן ליריש פעלד און ניט געקענט געפינען. אָט איז דאָס סאָציאַלע עמפּערונג, אָט איז דאָס שטילע רחמנות. אָט ווידער אַ הומאָריסטישע טרוימעריי אויף היינעס מאַניר, דאַן ווידער אַ מאָטיוו פון בענקשאַפט, פון פאַרצווייפלונג, ווייטער אַן אַלעגאָריע וועגן דעם מענטשן און דער וועלט („אַ טעאַטער איז די וועלט, גאָט איז אַ רעזשיסער — ס'שטיק איז פיין, — ליידער איז דער טייוול דער סופלער, די בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ"). און שפּעטער אַ פאַרזוך אינעם גייסט פון פאָלקס־דיכטונג. אויף יעדן פון די געביטן באַ־שאַפט פּרץ אייניקע באַדייטנדע לידער, אַ צוויי־דריי אמת געניאַלע, דאָ און דאָרט גיט אַ שפּריץ מיט פייער, אַ לייכט ווי אַ בליץ אין דער פינצ־טער. אָבער ניט אַלץ געלינגט אים. אָפט באַקומען זיך גאָר שוואַכע זאַכן. איר זעט: דער דיכטער איז ניט צופרידן. ער וועט דאָ ניט בלייבן. ער וועט דאָס פעלד ניט קולטיווירן. און דער לעזער אַליין איז אויך ניט צופרידן. ער פילט, אַז דאָס איז ניט די אייגנטלעכע פּרצעס אַרבעט.

און אַזוי דערווייטערט זיך פּרץ אַלץ מער פון דער ליריק. מיר באַ־געגענען ביי אים אייניקע לירישע פּראָבן אין זיינע דראַמען, באַזונדער אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", אָבער דאָרט האָבן זיי ניט קיין זעלבסט־שטענדיקע באַדייטונג. פּרץ ווערט אַלץ מער דערציילער, סטיליזאַטאָר, אַנטדעקער פון הויכע מאָראַליסטישע ווערטן אין דעם אוצר פון דעם פאָלקס גלויבן און פאָלקס פּאָעזיע.

אָבער גראָד אין דער צייט, ווען עס דאַכט זיך: ער איז גאָר ווייט אַוועק, רייסן זיך ביי אים אַרויס איינצלנע לירישע ווערק, וואָס טראָגן שוין גאָר אַ נייעם כאַראַקטער. דאָס איז אַ ווידוי פון אַ נשמה, וואָס האָט געלעבט און געזוכט און האָט דערפילט דעם נאָענטן סוף און האָט מורא פאַר דעם סוף און פרעגט זיך: צו וואָס געווען דאָס גאַנצע?

דאָ האָבן מיר פאַר אונדז שוין ניט דעם שפּילעדיקן, נאָר דעם ליידנ־דיקן פּרץ, ניט דעם יונגן מאַן, נאָר דעם רייפן מענטשן; ניט די פּראָבע, נאָר דעם אויסגוס פון אַ דערשיטערטער נשמה, —

„ווען דער טויט פֿאַרשפּרייט
זיינע ווייסע פֿליגלען איבער באַרג און טאָל . . .
די אויסגעבלייכטע נשמה, אַן קלאַנג און פֿאַרב,
פֿרירט ביזן טיפֿסטן און ציטערט . . .
אָן האָפֿענונג און פֿרייד,
און פֿאַרשנייטע הערצער קלאַפּן שטיל, שטיל,
שטערבלעך מיד און ווי פֿאַרסמט
און דאָס בלוט אין די אָדערן קילט ;
און שווער ווי בליי פֿאַלן די ברעמען
איבער מידע, ווייס־אַנגעזאַפּטע אויגן,
און בלאַסע, ווייסע ליפּן ציטערן, פֿרעגן :
האָבן ווירקלעך בלומען אַמאָל געבליט ?
האָבן ווירקלעך רויזן אַמאָל געשמעקט ?“

פֿון דעם דיכטערס מידע אויגן קוקט אַרויס דער וועלט־שמערץ. עס דאַכט זיך: ער אַנטלויפֿט פֿון זיינע איבעריקע שאַפֿונגס־געביטן אַהער, כדי דאָ אומגעשטערט צו דערציילן די געשיכטע פֿון זיין זעעלן־פּיין, פֿון דעם וועלט־פּיין. דאָ איז ער מיט זיך, פֿאַר זיך. ער קוקט זיך אַרום: מאין יבוא עזרי ? ער האָפֿט נאָך אויף עמיצן: איז דאָס ליבע ? איז דאָס פֿריינטשאַפֿט ?

„ . . . קום צו מיר,
זאָל דיין אָטעם אָן רויזן דערמאָנען . . .
און איך וועל פֿילן און גלויבן,
און גיי אַרויס צו דער וועלט מיט אַ בשורה :
פֿאַראַן ! פֿאַראַן !

אָבער אָן אָפּזאָג, אַ שטילער יאוש קלינגט אַרויס פֿון צווישן די שורות.
און ווידער טוט עס אַ ברויז־אויף אינעם דיכטערס האַרץ: לעבן! געניסן! שלינגען די וועלט!

„ציטער, זיסער פֿלאַנצן־שויס !
פֿלאַם און פֿלאַטער, ווילדע רויז !
נאָר אייל דיך, אייל !
עס שטעקט שוין אַ האַנט אַרויס דיך אָפּצופּליקן !

און באַלד טאַקע ווערט ווידער פֿאַרשפּרייט דער טונקעלער וואָלקן. „נאַכט, אַ הוילער בוים אין פֿעלד. איינזאַם, שטום און בלינד“. און שטום און בלינד ליגט דעם דיכטערס האַרץ, ביז ער ווערט ניט באַלויכטן מיט אַ בלאַס־מידן טאָן פֿון דעראינערונג, — אַ פֿאַלש ליכט, וואָס קען נאָר

גלאַנצן, אָבער ניט וואַרעמען. כאַפּט דער דיכטער זיך אָן אָן דעם שטראַל — רופט צוריק אַרויס פון דער פאַרגאַנגענהייט די אַלטע צייט, די אַלטע היים:

„אומשולדיק־שטיל־היימישע נאַכט,
כ׳וויל מיך וואַשן ריין
אין דינע שטיל־ציטערדיקע וועלן:
אין דיין שטיל־ציטעריקער זילבער־נעץ
היל מיך איין . . .
כ׳וויל צוריק זיין דיין אַמאָליק קינד,
דיין אַמאָליק, דיין גלויביק קינד —
דערציייל עפּעס, דערצייל . . .“

אָבער קען די אַלטע צייט אָפּווישן די קנייטשן פונעם פּנים, אַריינגיסן יונג בלוט אין די אָדערן? קען זי פאַרענטפערן די גרויסע פראַגע: צו וואָס?

אין נידעריקע, שטיל־וויברירענדע, אָבער זייער ברייטע אַקאָרדן קלינגט פּרצעס ליד פון די לעצטע יאָרן. עס קלינגט זעלטן, ווי יעדע הייליקייט, וואָס אַנטפּלעקט ניט איר מיסטעריע יעדן טאָג. עס קלינגט ווי אַן אָרגעל־שפּיל אין אַ ליידיקער אַלטער קירכע. די זון שיינע אַריין דורך פאַרביקע שויבן, אַ מאַטע דעמערונג איז אויסגעשפּרייט צווישן די זיילן, קלוגע אַלטע בילדער מיט באַרואיקטע אויגן קוקן פון די טונקעלע ווענט, און אַ פייערלעכע שטילקייט שפּרייט זיך אין דעם הויכן רוים.

„זייט געזונט!
טרוימען רופט מען נישט צוריק . . .
און פאַרהילכט אַ טאָן,
קען ער נישט איבערקלינגען . . .
צוויי מאָל פליט דער זעלבער שאָטן נישט אַדורך!“

האָט שוין דעמאָלט פּרץ געפילט די פליגל פונעם טויט?
און מיר האָבן אים אַלע געהאַלטן פאַר אַזוי יונג . . .

מאָריס ראָזענפעלד

.1

מאָריס ראָזענפעלד איז אַ היסטאָרישע פיגור. מיט אים גייט אַראָפּ אין קבר אַ פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אַ פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל. ער איז געווען איינער פון די ווייניקע, וואָס האָבן אָנגעהויבן שאַפן אַ ליטעראַרישן יש מאין. ער איז געווען איינער פון די עקשנים, וואָס האָבן אויפגעהויבן דעם פאַרצייטיקן פאַרשפּיגענעם „זשאַרגאָן" צו דער מדרגה פון אַ קולטור־שפּראַך.

ראָזענפעלד אַליין איז געווען אַ מענטש אָן קולטור, און דאָס האָט אַרויסגעלייגט אַ פאַטאַלע פּראָסטקייט אויף זיינע לידער און פעליעטאָנען. ראָזענפעלד אַליין איז נישט געווען קיין סימפּאַטישע פּערזאָן, און דאָס האָט אָפּגעשטויסן פון אים אפילו די, וואָס האָבן נישט געלייקנט זיינע פאַרדינסטן. ראָזענפעלד איז אָפט געווען באַנאַל און וואולגאַר, ווען אים איז אויסגעקומען צו באַהאַנדלען די אינטימערע באַוועגונגען פון דער נשמה. ראָזענפעלד איז אפילו אין זיין גלאַנץ־עפּאָכע געווען נישט זעלטן אַ שקלאַף צו גראַמען, צו הילכיקע ווערטער, צו טראַדיציאָנעלער, ד"ה, פאַלשער „פּאָעטישקייט". און ראָזענפעלד האָט אויף לאַנג איבערגעלעבט זיין טאַלאַנט. אין די לעצטע צען־פופצן יאָר איז ער פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, וואָס האָט געעקלט אפילו זיינע פריינט.

אָבער נישט דאָס ווילן מיר איצט באַטאָנען. דאָס מוז זיין אַ טייל פון אַן אויספירלעכער קריטיש־ביאָגראַפישער אַרבעט, וואָס וואַרט ערשט אויף איר אויטאָר. היינט, פאַרן אָפענעם קבר, דאַרף מען דערמאָנען דעם אַלגעמיינעם ווערט און די היסטאָרישע באַדייטונג פונעם געשטאָרבענעם דיכטער.

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען איינער פון די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע יידישע דיכטער. אין אַ צייט, ווען די מאַסן האָבן נאָר געקענט בדחנים און פורים־שפּילער, ווען אפילו דאָס וואָרט „דיכטער" האָט געקלונגען

---

1. — „פרייהייט", 24טן יוני, 1923, באַלד ווי מאָריס ראָזענפעלד איז געשטאָרבן;

2. — „מאָרגן־פרייהייט", 3טן יולי, 1933, פון אַ רעדע געהאַלטן פאַרן פּראָלעטפּען צום 10טן ראָזענפעלד־יאָרצייט: „מאָריס ראָזענפעלדס ירושה."

פרעמד און ווילד פאַר דעם דורכשניטלעכן יידן, האָט ראָזענפעלד אוועק־געלייגט זיין שער און אייזן און אָפּגעגעבן זיין לעבן דער לידער־שרייבעריי. ער האָט געליטן. ער האָט געהונגערט. ער האָט געאַרבעט אין די רעד־דאַקציעס פאַר צעבראָכענע גראָשנס. ער האָט געגראַמט פעליעטאָנען. אָבער ער האָט דערביי געהאַלטן הויך די פאָן פון דיכטונג. ער האָט מלחמה געהאַלטן פאַר זיין פּראָפעסיע. ער האָט דורך זיין פּאָפּולאַריטעט געוואונען אַ פּלאַץ פאַר די, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. אַן אָפּקלאַנג פון אַט־דעם קאַמף הערן מיר אין זיין נישט־איבעריק־טאַלאַנטפולן „קריטיקער“:

„וואָס מיר דיכטער? וואָס מיר לידער?“
הער איך, ווי דאָרט רעדט אַ ייד.
„קוים נאָר גראַמט זיך ‚ווידער־סידור‘,
‚דומע־פרומע‘, — הייסט דאָס ליד.

פעלן דען אין יידיש ווערטער?
וועלכע חכמה שטעקט דערביי?
„ערטער — הערט איר — שטערט ער — קלערט ער,“
און עס קלינגט און עס איז ניי.“

הערי, זייט מוחל דאָרט, ווי הייסט איר?
נאָך אַ גראַם, פאַרגעסט דאָס נישט!
בילט נישט, ס'גילט נישט, מכות ווייסט איר!
דאָס, רב ייד, איז אויך אַ ליד.

נישט זייער געהובלט, אָבער פאָלקסטימלעך, און געטראָפן אין קאַרב.

ראָזענפעלד איז געווען אַ מייסטער פון יידיש. ער איז נישט נאָר געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהאַמערט און געקנאָטן און געפיילט און געפורעמט די מיט ווילדפלייש באַוואַקסענע פאָלקס־שפּראַך, נאָר ער האָט פון איר געמאַכט אַ כלי. ער איז אפשר געווען דער ערשטער קראַפטפולער יידישער דיכטער. בשעת פרוג האָט די שפּראַך פאַרווייכט און פאַרצערטלט — נישט אָן דעם איינפלוס פון דעם וויינענדיקן נאַד־סאָנען — האָט ראָזענפעלד אַריינגעגעבן אייזן אין זיינע שורות. בשעת פרוג האָט זיך מער געקימערט וועגן דער זילבערדיקייט פונעם פערז־קלאַנג, איז ראָזענפעלד געפאָרן מיט ברייטע שווערע רעדער אָדער גע־כוואַשטשעט מיט בייטשן. בשעת פרוג איז געווען קאַקעטישא־ומצופרידן מיט יידיש, האָט ראָזענפעלד זיך געגרויסט דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט ווערטער פאַר יעדער טעמע.

מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ימען,
און שיין, ווי מאַי אין פולן בליען,
איך זינג, און מיינע לידער גליען
אין טויזנט־פאַרבעדיקע פלאַמען.

ראָזענפעלד האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אוצר פון גראַמען, וועלכע האָבן פאַר אים מעגלעך געמאַכט צו שרייבן וויציקע־ווירציקע פעליעטאָנען (מער ווי אַ העלפט פון זיינע געזאַמלטע לידער זיינען פעליעטאָנען), וועלכע האָבן אים אָבער אויך געגעבן אַ פרייהייט אויסצודריקן כמעט אָן מי יעדע שאַטירונג פון זיין געדאַנק. אָפט האָט אין זיינע לידער געקלונגען דער יאָדערדיקער, אַביסל וואולגאַרער, פאָלקסטימלעכער הומאָר (פאַרגלייך „טשאָלענט": „בויכוויטעק פאַררוקט אין אויוון לכבוד שבת מיט קלאָפּאָט, מיט קללות און מיט לויב צו גאָט"), אָפט אָבער האָט זיין שפּראַך זיך אויפגעהויבן צו געלייטערטער ווערדע:

צום קרייץ גענאָגלט מיט אַ בלייכן פנים,
מיט ווילדן שמערץ אין די געקוועלטע גלידער,
באַטראַכטסטו דיינע אומדערבאַרעמדיקע שונאים,
וואָס רופן זיך מיט אומרעכט דיינע ברידער.
דו רופסט דורך טיפן יאָמער, פּיין און קוואַלן:
„מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן!"
דאָך דיין געבעט ווערט מיטן ווינט פאַרבלאָזן
און דיינע טראָפּנס בלוט צום באָדן פאַלן.

ראָזענפעלד האָט זיך באַרימט געמאַכט דורך די שאַפּ־לידער, וואָס לויט זייער קונסט־ווערט זיינען זיי פון די שוואַכסטע. ראָזענפעלד איז דאָ געווען נישט אַזוי אַ דיכטער ווי אַ קלאָגער, נישט אַזוי אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, ווי אַ מענטש, וועמען ס'טוט פערזענלעך וויי. זעלטן ווען ער הויבט זיך אויף צו דער מדרגה פון קלאַסן־האַס, צו דעם שטאָלץ פון פּראָלעטאַרישן קאַמף. אַ פּרימיטיווע שנאה צום באָס — דעם גביר — און אַ פּרימיטיווער חיהשער וויטיק־געשריי פון אַ געפּייניקטן קערפּער לאָזן זיך הערן פון די דאָזיקע לידער. אָבער אויך דאָ איז ראָזענפעלד געווען אַ פּיאָנער. ער האָט אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט דעם פאַרצייטיקן העסלעכן סוועט־שאַפּ. ער האָט אויסגעדריקט אַזוינס, וואָס טויזנטער האָבן געפילט אין דער זעלביקער לאַגע. און ווייל ער האָט גערעדט פּראָסט, ווי שניידער רעדן, און ווייל זיינע געפילן זיינען געווען אַזויבע פּאַרשטענדלעכע, פּראָסטע, האָט ער אויסגענומען ביים עולם, האָט מען

געכאַפּט זיינע לידער ווי הייסע לאָקשן. זיין „ייִנגעלע״, מיטן דיק־אָנגע־שמירטן סענטימענטאַליזם און מיט דער גראַד אומבאַהאָלפענער שפּראַך, ווערט דעקלאַמירט אומעטום; זיינע שאָפּ־לידער זיינען באַקאַנט און באַ־ליבט צווישן ברייטע מאַסן יידישע אַרבעטער. אָט איז איינס פון די טיפּישע:

> אַ סוף זאָל דאָס נעמען מיט נאָדל און שער!
> איך בין מער קיין שניידער, איך אַרבעט נישט מער!
> איך טו מער קיין שניט נישט, איך טו מער קיין שטאָך, —
> געענדיקט אַן עסק און כאַפּט עס אַ בראָך.
>
> איך אַרבעט און אַרבעט אַלץ זייט איך געדענק,
> און וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט, פרעגט זיך? אַ קרענק.
> ווי לאַנג איז דער שיער צו פאַרבלייבן אַ פערד?
> איך אַרבעט נישט לענגער און גייט עס אין דר'ערד!

מאָריס ראָזענפעלד האָט מיט זיינע לידער באַזונגען דאָס אַלטעגלעכע לעבן פון דעם אַרבעטער: דעם טענעמענט־הויז, דעם באַל, דעם קאָנצערט, דעם שפּאַציר־גאַנג, דעם סטרייק. אין ערגעץ האָט ער נישט אַרויסגע־זאָגט קיין טיפע געדאַנקען. אין ערגעץ האָט ער ניט געבליצט. אָבער ער האָט געזאָגט דאָס וואָס אַלע האָבן געפילט. ער האָט געפילט ווי דער פּשוטער אומאָנטוויקלטער אַרבעטער, וועלכער הויבט נאָר־וואָס אָן צו מערקען, אַז ס'איז שלעכט. דערין איז געווען זיין שוואַכקייט אַלס דיכטער, דערין איז געווען זיין שטאַרקייט אַלס ליבלינג פון דער מאַסע. געווען אַ צייט, ווען מען האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט. געווען יאָרן, ווען זיין קול האָט געקלונגען ברייט. דאָס קול איז נאָך אויך איצט נישט אינגאַנצן פאַר־קלונגען

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען אויפריכטיק, ד. ה. ער האָט געזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געפילט. ער האָט נישט געוואוסט פון פיינקייטן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען צו שאַפן אויבערטענער, וואָס זאָלן באַגלייטן און באַשיינען דעם גרונט־טאָן. דעריבער זיינען זיינע ליבע־לידער ענטוועדער ראָזיק־הימלדיק־סענטימענטאַל, אָדער סעקסועל־פיזיש־ברוטאַל, — די צוויי עקסטרעמען, אין וועלכע עס באַוועגט זיך דאָס פּרימיטיווע ליבע־געפיל. אָבער אויך דאָ האָט ער געשאַפן עפּעס נייעס. אין אַ גרויסער מאָס איז ער דער פאָטער פון יענעם טייל ניי־יידישער דיכטונג, וואָס האָט ליב צו דערציילן, מיט אַ ציניש אָפנקייט און אַ געמאַכטער באַרימעריי וועגן די פּרימיטיווע אינסטינקטן פונעם מענטשלעכן איך. נישט מער, ביי די

נייע איז דאָס אַ פּאָזע, אַן אָנשטעל פון אויבער־ראַפינירטקייט, בשעת ראָזענפעלד האָט דאָס טאַקע געמיינט אויפן רעכטן אמת.

אין זיינע יידישע לידער האָט מאָריס ראָזענפעלד אַמאָל ליב געהאַט אַ ביס צו טאָן אונדזערע קהלשע פירער, אָבער ס'זאָל וויי־טאָן. אַזוי האָט ער געשריבן וועגן די „יאַהודים", וואָס פאַרזעען דעם אַמעריקאַנישן אַנטיסעמיטיזם:

און אונדזערע פירער, אונדזער פיין
באַגריסן יעדן פאַלשן שיין,
דערלאַנגען נחתדיק אַ שפּרונג
פון יעדן רוחס לעערן קלונג,
פון יעדן עטלס כיטרען קוס,
פון יעדן גוט־באַצאָלטן גרוס;
און זיינען טויב און הערן נישט
דעם שטילן „גאָט פאַרדאַמטער ייד."

אין אַזוינע לידער שטייט ראָזענפעלד אויפן גרענעץ פון געזעלשאַפט־לעכער דיכטונג און פּובליציסטיק.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אויך געשריבן אַ סך נישט־געגראַמטע פּוב־ליציסטיק, רייזע־בילדער, באַטראַכטונגען, סצענקעס, בילדער — אַלצדינג מיט זיין אַטמאָספערע פון אַ פּראָסטן חי וקים, מיט זיינע העוויות'לעך, וואָס זיינען אָפט געווען דערוויידער. אָבער מיט לעבעדיקייט, רירעוודי־קייט, פאַרב, ענערגיע און אימפעט. מאָריס ראָזענפעלד איז זעלטן געווען בלאַס, זייער זעלטן בלוט־אָרעם. אפילו זיינע נישט־געראָטענע זאַכן האָבן געהאַט אין זיך אַ מערקווירדיקן לעבן, און מאָריס ראָזענפעלדן איז גרינג געווען צו דערקענען.

דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט מיט אַ סך שאַפנדיקן כוח, מיט אַ סך פאַרשיידנאַרטיקייט, מיט מער מעגלעכקייטן, ווי ער האָט פאַרווירקלעכט. אויב ער האָט זיך געקלאָגט, אַז אים האָט אויפגעגעסן פריער די שער, נאָכדעם די ציטונג־אַרבעט, איז ער אפשר געווען גערעכט. אין אַ גינסטיקערער סביבה וואָלט ער אַ סך מער געגעבן. אָבער אויך דאָס, וואָס איז נאָך אים געבליבן איז אַ מאָנומענט, אַ שטיק געשיכטע, אַ גאַנצער פּאָס אין דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג, אַ טיפער צייכן איינגעקריצט אין האַרצן פון דורות.

פאַר מאָריס ראָזענפעלדס קבר וועלן אַנבויגן דעם קאָפּ דריי דורות פון יידישע אַרבעטער: די וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט אין שאַפּ און פון זיין מויל דערהערט זייער אייגענעם קרעכץ; די וואָס האָבן

אים שוין געטראָפן אַן עלטערן, עלטערן, אַ גרויסן, אַ באַרימטן, און די וואָס וואַקסן איצט אויף נייע ליטעראַרישע ווערטן און געדענקען אים ווי מען געדענקט די קלאַסישע דיכטער. אַלעמען וועט פּאַראייניקן איין שמערץ, און ביי אַלעמען וועט בלייבן אין באַוואוסטזיין, אַז אַ וויכטיקע פיגור איז אַראָפּ פון דער סצענע.

.2

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען „אַלזייטיק“, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די יידישע קולטורעלע סביבה, וואָס פריער האָט זי אים גאַרנישט געוואָלט „אָנערקענען“ פאַר אַ דיכטער, ווייל ער איז געווען אַ „שניידער“, און נאָכדעם האָט זי אים אַריינגענומען און געפּרואווט איבעראַרבעטן אויף איר אייגענעם שטייגער. מאָריס ראָזענפעלד האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן אַ ליניע אין זיין שאַפן, ווייל נישט געטראַכט האָט וועגן אַזוינע זאַכן די פירערשאַפט פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז געווען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן, און ווייל די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער שטופע. מאָריס ראָזענפעלד האָט געשטרעבט נאָכקומען דעם אידעאַל פון אַן „אמתן דיכטער“, לויט דעם בורזשואזן באַגריף, ד. ה., פון אַזוינעם, וואָס „קיין מענטשלעכע עמפּפינדונג איז אים נישט פרעמד“ און וואָס בויגט זיך, ווי אַ גרעזל אין ווינט, אונטערן אַנגריף פון יעדער שטימונג (כאָטש בורזשואזע דיכטער פירן דורך מיט אָט־דער „בויגעדיוקייט“ אַ גאַנץ באַשטימטן דינסט פאַר זייער קלאַס). מאָריס ראָזעפעלד האָט אין די יאָרן פון זיין גרעסטן רום געשטרעבט צו ווערן „ראַפינירט“, כדי נאָך מער אויסצונעמען סיי ביי יידן, סיי דער עיקר ביי „גויים“, וואָס זיינען געווען די ערשטע צו באַגריסן אָט־דעם „זון פון דער געטאָ“. מאָריס ראָזענפעלד האָט נאָך זיין „אָנערקענונג“ שווער געאַרבעט צו באַפרייען זיך גראָד פון דער עמכ־דיקייט, דער נאָענטקייט צום שאַפּ און צום קאָנקרעטן אַרבעטער־לעבן, וואָס האָט אים געמאַכט באַקאַנט איבער דער וועלט. ס׳איז געווען אַ ווידערשפּרוך — אָבער אָט־דער ווידערשפּרוך איז געוואָרן די טראַגעדיע פונעם דיכטערס לעבן. מאָריס ראָזענפעלד האָט געוואָלט זיין אַ סך מער ווי אַן אַרבעטער־דיכטער, דעריבער איז ער אין די לעצטע צען־צוועלף יאָר פון זיין שרייבן געוואָרן אַ סך ווייניקער ווי אַ דיכטער. ער האָט קולטיווירט דאָס, צו וואָס ער איז נישט געווען פייאיק, און ער האָט פאַרנאַכלעסיקט און אָפּגעטויט דאָס, אין וואָס ס׳האָט געשטעקט זיין גרעסטע

קראַפט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ברוזשואַזע האָט אין אים אַרייַנגעקראָגן זייער ווייניק, און דער פּראָלעטאַריעט האָט אין אים פאַרלוירן זייער פיל.

היינט־צו־טאָג איז ער טויט פאַר דער יידישער בורזשואַזיע. די בורזשואַזיע דאַרף נישט זיינע ציון־לידער און האָט זיי נישט געדאַרפט אפילו ביי זיין לעבן. ווייל דאָ איז ער געווען זייער שוואַך און ווייל זיינע „צעדערן" און „חנוכה־ליכטלעך" און „למנצחס" זיינען געווען אַ סך בלאַסער און ווייניקער מעלאָדיש, ווי פּרוגס נאַציאָנאַליסטישע לידער, וועך רעדט שוין פון ביאַליקס לאָמענטאַציעס. די בורזשואַזיע האָט זיך נישט באַגייסטערט פאַר זיינע לירישע לידער, אין וועלכע ס'איז געווען ווייניק צערטלעכקייט און אַ סך אָנשטרענגונג, ווייניק פאַרכאַפנדיקע שטימונג און אַ סך ווערטער, און אין וועלכע דער היינע־איינפלוס האָט אַרויסגעקלונגען פון יעדער שורה. אַוודאי איז ער נישט געווען קיין אויפטוער אויפן געביט פון ליבע־לידער אין אַ צייט און אין אַ סביבה, וואו עס האָט געמייסטערעוועט סיי נאַציאָנאַלע לידער, סיי נאַציאָנאַל־היסטאָרישע באַלאַדן, סיי ליבע־לידער, אַ פּאָעט אַ פיל עכטערער אויף די אַלע געביטן — יהואש.

וואָס זאָל די בורזשואַזיע נעמען פון ראָזענפעלדן, ווען זיין שאַפ־געזאַנג און פּראָטעסט־געפיל איז איר צואווידער? פאַר איר בלייבט ער אָן אַ ווערט, אָן אַ היסטאָרישער נאָכפאָלגערשאַפט. דעריבער איז ער געווען טויט פאַר דער בורזשואַזער קולטור־וועלט נאָך איידער ער איז געשטאָרבן: דאָס עכטע אין אים האָט זי נישט געקענט נעמען, און דאָס „אַלגעמיינפּאָעטישע" איז אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט דורך דעם אויפקום פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע בורזשואַזע „יונגע". דעריבער איז ער געווען טויט אַ לענגערע צייט שוין נאָך זיין טויט — ביז ס'איז אויפגעקומען דער נייער דור פּראָלעטשרייבער (כאָטש פון צווישן די ברייטע האָרעפּאַשנע מאַסן איז ער קיינמאָל אינגאַנצן נישט פאַרשוואונדן). און דעריבער האָט געקענט פּאַסירן אַזאַ זאַך, צום ביישפּיל, אַז די בורזשואַזע קולטור־וועלט זאָל אינגאַנצן פאַרזען זיין צענטן יאָרצייט.

מיט אונדז איז אַנדערש. גראָד דאָס, וואָס דער בורזשואַזיע איז עס אין ראָזענפעלדן צואווידער, איז פאַר אונדז זיין גרעסטע ירושה. דאָס, וואָס די בורזשואַזע קריטיקער ווילן פאַרדעקן מיט אַלגעמיינע ביוועלירנדיקע ווערטער, שטייט אויף אין די אויגן פון די היינטצייטיקע פּראָלעטשרייבער ווי זיין גרויסער פאַרדינסט פאַר זיין קלאַס. צוליב דעם — און נאָר צוליב דעם — לעבט ער נאָך היינט אויך. און אויף דעם געביט האָט ער צאָלרייכע נאָכפאָלגער, וואָס האַלטן אין שמידן און פאַרשאַרפן דעם

פון אים געשאַפענעם רוי־שטאָף וואָרום דער רוי־שטאָף איז געווען פעסטער מעטאַל.

ווען מיר קוקן זיך איצט אום צוריק אויף ראָזענפעלדס שאַפן, דער־קענען מיר, אַז ער איז געווען ווייניקער קלאַסן־באַוואוסטזיניק, ווי ווינ־טשעווסקי, ווייניקער רעבעל ווי עדלשטאַט, ווייניקער האַסער פון קאַפּי־טאַליסטישער עקספּלואַטאַציע ווי באָוושאָווער. מיר פאַרגעסן אָבער אויך נישט, אַז אויך אין ווינטשעווסקין האָט געשמעקט אַ סך נאַציאָנאַליזם, אַז עדלשטאַט און באָוושאָווער זיינען געווען אָנגעהויכט מיט אַנאַרכיזם — און מיר זאָגן זיך, אַז דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. אויב אַ גאַנצע פּלעיאַדע שרייבער פון אַ באַשטימטן סאָרט האָט געהאַט אַזוינע אָפּנויגן, וואַקלענישן און קאַטאַסטראָפישע דורכרייסן, איז דאָ געווען די ווירקונג פון דער סאָציאַלער סביבה, וואו דאָס קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער איז געווען אומאַנטוויקלט, וואו די קלאַסן־ליניע איז נישט געווען אַזוי שאַרף געצויגן, ווי, למשל, אין דער שווער־אינדוסטריע, וואו אפילו אומ־צופרידענע נאָדל־אַפּרייטאָרס האָבן כסדר געהאַפּט זיך אַרויסצוקאַראַבקען פון די אַרבעטער־רייען און ווערן באַלעבעסלעך, וואו דאָס אימיגראַנטן־לעבן איז בכלל געווען אין אַ גרויסער מאָס סאָציאַל־אומדיפערענצירט, וואו די באַוועגונג איז דעריבער געווען פּאָליטיש פאַרשוואומען, וואולגאַר און פון אָנהויב אָן קאָרופּטירט. ראָזענפעלד איז געווען אַ זון פון אָט־דעם וועלטל, אַן אויסדרוק און אַ פּראָדוקט פון זיינע אידייען. אויף וויפיל אין גרונט ס'איז דאָך געווען אַ פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט געהאַסט דעם שאַפּ און די שאַפּ־עקספּלואַטאַציע און אָנגעהויבן זאַמלען אין האַרצן אַ פלוך צו די רויבער, האָט דאָס אויפגעברויזט ראָזענפעלדן און אַרויסגערעדט דורך אים — אַליין אַ שטיק צייט אַ שאַפּ־אַרבעטער — אין עכטע, פעסטע און דורכדרינגענדיקע ווערטער.

און אָט־דאָס נעמען מיר אַלס זיין ירושה.

מיר נעמען פון אים דאָס, וואָס ער, איינער פון די ערשטע, האָט גע־מאַכט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע פאַר אַ געגנשטאַנד פון דיכ־טונג. ער האָט זיך נאָכדעם אָפּגעריסן פון אָט־דעם אָנקער און געוואַנ־דערט. ער האָט אפילו אין זיינע שאַפּ־לידער אָפט מער געקלאָגט זיך, ווי געצאָרנט. אָבער ער האָט דערקענט, אַז דער שאַפּ, די אונטערדריקונג, די בלוט־זויגעריי קענען אַריינגאָסן ווערן אין לידער — און ער האָט דאָס פאַרווירקלעכט. לבנה, נאַכטיגאַל, רויז, הימל — ראָזענפעלד האָט אויך זיי געצאָלט געגוג טריבוט אין זיינע לידער. אָבער מ'האָט געדאַרפט האָבן פּיאָנערן־מוט און פּיאָנערן־עקשנות צו שרייבן „די סוועט־שאַפּ", „דער

בלייכער אָפּרייטאָר״, „אין שאַפּ און אין דער היים״, „העסטער סטריט״ און די צענדליקער אַנדערע לידער, וואו, כאָטש אונטערן נאָמען „אָרימע ברי־דער״, עס איז אויפגעפירט דער פּראָלעטאַריאַט אַלס עקספּלואַטירטער און פאַרשקלאַפטער קלאַס. דערמאָנט מען זיך, אַז דער ענין שאַפּ־לידער, אַרבעט־לידער איז נאָך איצט אויך אַ פּראָבלעם ביי אונדזערע פּראָלעט־שרייבער — און נישט ביי אַלע אַ געלייזטע — ווערט ערשט קלאָר די באַ־דייטונג פון ראָזענפעלדס ירושה.

„דיין פען זאָל אַ פידל צוגלייך און אַ שווערד זיין״, — האָט ראָזענ־פעלד געשריבן אין דעם איינלייטונגס־ליד צו דער זאַמלונג פון זיינע לידער.

מיר נעמען פון ראָזענפעלדן זיין שילדערן דאָס לעבן פונעם אַר־בעטער אין שאַפּ, אין דער היים און אין אַנדערע פאַזן פון זיין לעבן.

„מיר שאַרן די אַרבעט
מיט „שאַרער״־מאַשינען
און שאַרן פיל אוצרות אַריין,
דאָך וואָס מיר דערלעבן
און וואָס מיר געווינען . . .
איז הונגער און עלנט און פיין.״

מיר נעמען זיין האַס צום עקספּלואַטאַטאָר: צום באָס, צום לענדלאָרד, צום קהלשן קאָך־לעפל (כאָטש זעלטן געפינט מען ביי אים אַ פּראָטעסט קעגן די אַגענטן פון דער רעגירונג):

„אָפּגעצערטע מענער, אָפּגעצערטע ווייבער,
מיט צודריקטע גייסטער און פאַרוועלקטע לייבער.
דאָרטן גייט אַרום זיך מאָטעק פאַרך אַ בייזער,
שפּילנדיק די ראָלע פון אַ גאַנצן קייזער,
ווען ער איז דער מייסטער זון די שאַפּ איז זיינע
און מען מוז אים פאָלגן, פאָלגן אָן אַ טענה.״

אָדער:

„איך בין אַ לענדלאָרד און פאַרמאָג
אַ הויז מיט טויזנט לעכער,
דאָס ברענגט די איינוואוינער נאָר קלאָג,
דאָך ווערט עס טייערער פון טאָג,
עס שטייגט די רענט אַלץ העכער.״

מיר נעמען פון ראָזענפעלדן דעם אַרבעטער־שטאָלץ, די אַרבעטער־

ווערדע, דאָס באַוואוסטזיין, אַז דער אַרבעטער איז דער שאַפער פון אַלצדינג:

„זיי שטאָלץ אויף דיין אַרבעט: זי גיט דיר דאָס רעכט
די פרוכט פון דער וועלט צו געניסן.
זיי מוטיק, זיי מענטשלעך און זיי נישט קיין קנעכט!
דיין ווערט און דיין אָרט זאָלסטו וויסן.

מיט וואָס דיך באַלוינען, ווען אַלעס איז דיינס,
דו פּלייסיקע האַנט מיט דעם האַמער?
צו דיר געהערט אַלעס — דאָס ברויט און דער ווייַן,
דאָס אייזן, דאָס גאָלד און דער מאַרמער.“

און אין אַן אַנדער אָרט:

„איז נישט אַ העלד אַ נאָבעלער ריטער,
דער מענטש, וואָס שאַפט דער מענטשהייטס גיטער?“

מיר נעמען פון ראָזענפעלדן זיין רוף צום קאַמף, כאָטש דער רוף איז ביי אים געווען אַ נישט גענוג באַשטימטער. מיר נעמען זיין גלויבן אין דעם אומפאַרמיידלעכן אומפאַל פון דער רויבערישער אָרדענונג, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג, ווי אַזוי דאָס וועט געשען. מיר נעמען זיין פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און זיין איבערצייגונג, אַז די רויבער פאַרדינען אַ שטראָף. ער רעדט צו די רויבער מיט אַזוינע ווערטער:

„צושמאָלצן וועט ווערן דער גאָלדענער געץ,
פאַר וועלכן איר קניט און איר פלאַטערט,
און איר, אין זיין הייסע און בלוטיקע פעטס,
וועט ווערן צעקאָכט און געפּטרט.“

און אין אַן אַנדער אָרט:

„אונדז פעלן קיין פירער, אונדז פעלט קיין געווער —
אָ, ציטערט, איר שטאָלצע מאַגנאַטן!
מיר קומען פאַרזאָרגט און באַוואָפנט אַהער,
און קומען ווי בראַווע סאָלדאַטן.“

מיר נעמען ביי ראָזענפעלדן זיין עמכ׳דיקן טאָן (אין די שפּעטערע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ער זיך פאַר אים געהיט, אָבער ער פלעגט זיך נישט־ זווילנדיק דורכרייסן אין זיין פעליעטאָנען). מיר נעמען די פעסטע שפּראַך,

וואָס איז נאָענט צום פאָלק, וואָס איז אָבער אָנגעלאָדן צייטנווייז מיט אַן עכט־פּראָלעטאַרישער וואַגיגקייט און וואָס איז דערביי צייטנווייז דורכגע־פינקלט מיט סאַטירע:

„קאָרנער ווי און עלנט שטייט אַן אַלטע הייזל:
אונטן איז אַ שענקל, אויבן איז אַ קלייזל.
אונטן קומען לומפּן אויפטאָן נאָר נבלות,
אויבן קומען יידן קלאָגן אויפן גלות.“

דאָס איז קערנדיקער רעאַליזם, וועלכער פעלט נאָך אָפט ביי די היינ־טיקע פּראָלעטפּאָעטן.

אָט איז רעאַליזם מיט אַ סאַטירישן נויג:

„אָ, העסטער סטריט, האָסט טויזנט פּעק מיט וואונדער — ביזט געראָטן!
אַוואו מען גיט זיך נאָר אַ שטעק, פייפט יידישקייט אויף נאָטן.
האָסט פרישע ריינע מילך אַ סך פון „יידישע בהמות“
און אויפן סטופּ און אויפן דאַך לויפט אום דער ווינט מיט שמות.“

מיר נעמען פון ראָזענפעלדן די מעטאָדע פון נוצן דאָס ליד אַלס געווער צו שטעכן דעם שונא, דאָס ליד אַלס שפּיז און ביקס און קוילנוואַרפער און גיפטיקע קויל. אין דעם פּרט איז ראָזענפעלד געוועזן דער גרויסער מייס־טער. קלאַסישעביישפּילן — זיין „דער לייב“ און „לאַטוטיס“.

„שניידער בין איך און וועל שניידן אימער מער און מער.
ווי דעם, וואָס וועט מוזן ליידן פון מיין שאַרפער שער.

„איך בין אַ „לאַטוטיס“, ניקסן זייט איר, — דאָס איז וואָר!
גאַנצעס האָב איך נישט צו פיקסן, לומפּן פיקס איך נאָר!“

מיר נעמען ראָזענפעלדס ירושה — אָבער מיר שמידן דעם מעטאַל פון קלאַסן־פּראָטעסט מיט מער קראַפט, מיט מער באַוואוסטזיין, מיט מער קונסט, מיט מער דערפאַרונג; מיר טוען דאָס אין אַ נייעם פּראָלעטפּענישן קאָלעקטיוו — אויף אַ נייער העכערער שטופּע פון קלאַסן־קאַמף, אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמפּאַרטיי.

מיר נעמען די ירושה און גייען ווייטער — צו בייערער, גרעסערער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

ה. ד. נאָמבערג

צווישן אַלטפּרענקישן שטעטל און דער נייער, נישט זייער קאַכיקער, אָבער דאָך שוין קאַפּיטאַליסטיש-באַהויכטער שטאָט פונעם יידישן „תחום", האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער נייער יידישער מאַסן-אינטעליגענט. אין דער געשיכטע פונעם יידישן קולטור-לעבן פאַר דעם פערטל יאָרהונדערט, וואָס ענדיקט זיך מיטן וועלט-קריג, פאַרנעמט אָט-די אינטעליגענטישע פיגור אַ גאַנץ אָנגעזעענעם פּלאַץ.

דער מאַסן-אינטעליגענט איז אַ שליח פון דער קליין-בורזשואַזיע — אַרויסגערוקט צו געפינען זיין וועג אין דער נייער קאַפּיטאַליסטישער אָר־דענונג, וואָס האָט מיט שטורעם און דראַנג זיך גענומען פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד גראָד אין די לעצטע צען יאָר פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט. די קליין-בורזשואַזיע איז אומגעלערנט: אַ דאַנק די נייע צייטן לעכצט זי אָבער כאָטש די קינדער צו מאַכן פאַר געבילדעטע מענטשן: די קליין־בורזשואַזיע לעבט, ראשה ורובה, אין די קליינע שטעטלעך: אירע זין און טעכטער שיקט זי אָבער אין די גרעסערע שטעט. די קליין-בורזשואַזיע איז עקאָנאָמיש אומזיכער: האָפט זי כאָטש, אַז אירע קינדער וועלן געווינען אַ פעסטן עקאָנאָמישן באָדן אין דעם געזעלשאַפטלעכן אַפּאַראַט פון דער גרויסשטאָט. צווישן דער מאַסע קליין-בירגערלעכע עלעמענטן, וואָס גע־זעגענען זיך אָפּ מיטן אַלטן לעבן (נישט גראָד אינעם קליינעם שטעטל אַליין, נאָר אויך אין די גרעסערע צענטרען), פאַרנעמט אַ בכבוד אָרט דער עקסטערן, — דער מאַסן-אינטעליגענט, וואָס גרייט זיך צום עקזאַמען אויף פיר, זעקס אָדער אַכט קלאַסן גימנאַזיע, מיטן צוועק צו ווערן אַפּ־טייקער, דאָקטער, אינזשעניר, אַדוואָקאַט. דער עקסטערן איז אַ מין אי־דעאָלאָגישער פירער פון דער מאַסן-אינטעליגענץ: ער דריקט אויס אירע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, אירע אָפט פאַר איר אַליין אומקלאָרע געפילן. אין דער זעלביקער צייט איז ער אויך די האָפענונג און בענקשאַפט פון יענעם געזעלשאַפטלעכן שיכט, אויף וויפיל יעדער בוכהאַלטער, קאָרעקטאָר,

---

„האַמער", יאַנואַר, 1928.

העברייאישער לערער און גלאַט באַלעבאַטישער בחור איז אַ פּאָטענציעלער עקסטערן, אַ קאַנדידאַט אויף בילדונג־מאַרטירעריי, ריכטיקער: דיפּלאָם־מאַרטירעריי.

די דאָזיקע מאַסן־אינטעליגענץ בכלל, דער עקסטערן בפרט (טייל מאַסן־אינטעליגענטן האָט געשטאַמט נישט נאָר פון דער קליין־בורזשואַזיע, נאָר אויך פונעם פּראָלעטאַריעט) האָט אַרויפגעלייגט אַ קאַנטיקן שטעמפּל אויף דער פאַר־מלחמה־ליטעראַטור פון די יידן אין רוסלאַנד. אין גע־ווּיסע פּרטים, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן שרייבער, וואָס האָבן אָנ־געהויבן זייער אַרבעט אין דער פאַר־מלחמה־עפּאָכע אויף יענער זייט ים, פילט זיך דער עקסטערן־איינפלוס נאָך עד היום אין אַמעריקע און פּוילן. דער איינפלוס איז אַ צווייענדיקער: ערשטנס, זיינען אַ סך שרייבער אַליין געוועזענע עקסטערנס; צווייטנס, האָבן זיי זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דער נשמה פונעם עקסטערן אין זייער ליטעראַרישער אַרבעט.

דעם עקסטערן, ווי בכלל דעם מאַסן־אינטעליגענט פון יענער עפּאָכע, איז נישט שווער צו דערקענען. ער איז אַ קליין־שטעטלדיקער און לעבט אין דער גרויס־שטאָט. ער איז שוין אָפּגעריסן פונעם שטעטלשן געזעל־שאַפטלעכן קיבוץ — און איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין נייעם. ער האָט פאַרוואָרפן די אַלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, און קיין פעסטע וויסנ־שאַפטלעכע וועלט־אָנשויאונג האָט ער זיך נישט באַשאַפן. יחידים האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, געוואָרן מאַרקסיסטן און רעוואָלוציאָנערן — האָבן זיי געפונען אַ באָדן; אַנדערע יחידים האָבן זיך איינגעפונדעוועט אין בירגער־לעבן און פאַרגעסן די „יוגנטלעכע טרוימען", — אָבער דיביידע גרופּן געהערן שוין נישט צו דעם שיכט, וואָס לעבט מיטן גייסט פון די עקסטערנס. יענער גייסט איז אַ בענקנדיקער, אַ שרעקע־דיקער, אַ פּאַסיווער. אַרום רוישט אַ לעבן — אַליין נעמט מען אין גאַרנים קיין אָנטייל. די נשמה איז פול מיט גוטע וואונטשן—און ניטאָ וואָס צו טאָן. נישטאָ דער אָנטשלוס זיך אַריינצומישן אין „סאַמע געדיכטן". אַלצדינג שוועבט פאַרביי — אַליין בלייבט מען אומבאַוועגלעך. אין האַרצן קאָכט — אָבער ס'איז נישט קיין שטורעם. ס'איז גערייצטע פאַנטאַזיע מער ווי אמתער אומרו. ס'איז אויבערפלאַכלעכע נאָגעניש, מער ווי עכטע פאַר־לאַנגען. אַרום און אַרום זיינען דאָס אומגליקלעכע נפשות מיט אַ סך קאָפּ און ווייניק מוסקולן, מיט אַ סך ווערטער און ווייניק בלוט, מיט אַ סך אומצופרידנקייט און ווייניק צאָרן. „די לייט, וואָס זיצן אין די צימערלעך און לייענען די ביכלעך," האָט זיי אַמאָל גראָב־פּראָלעטאַריש אָנגערופן אַ. מ. וויסנבערג אין איינער פון זיינע מעשיות.

ה. ד. נאָמבערג איז אַ פּראָדוקט און אַן אויסדרוק פון אַט־דער ספּע־ציפישער סביבה.

פונעם שטעטל איז ער אַוועק אויף שטענדיק. נישט נאָר איז ער נישט פּייאיק צו שרייבן שטעטלשע אידיליעס, ווי אש, אָדער זיך אומצוקערן אין שטעטל צוגאַסט אויף אַ ווײַלע, אין נײַע קליידער און מיט נײַע שטי־מונגען, ווי רייזען: ער רעדט בכלל נישט פונעם שטעטל. ער דערמאָנט עס פאַרבייגייענדיק, ווען עס האָט אַ שייכות צו זיין דערציילונג, אָבער קיינמאָל בלייבט ער דאָרט ניט אפילו עפּיזאָדיש. ער איז אינגאַנצן אַ שטאָ־טישער, מערסטנס — אַ וואַרשעווער, מערסטנס אַ תושב פון דער פראַנציש־קאַנער גאַס, אָדער נאַלעווקעס.

דערפון נעמט זיך זיין גלייכגילט צו לאַנדשאַפטן. דאָס שטעטל איז נישט אָפּצוטיילן פון דער אַרומיקער נאַטור, די גרויסשטאָט אָבער ווייסט נישט פון פעלדער און וועלדער. די גרויסשטאָט אַנטוויקלט בכלל נישט אין אירע מענטשן אַ חוש פאַר נאַטור. ווען לויטן גאַנג פון אַ דערציילונג („צווישן בערג") קומט נאָמבערגן אויס צו מאָלן די טיראָלער אַלפּן, טוט ער דאָס געניי און קלאָר, אָבער דאָרט איז די לאַנדשאַפט אַ בויטוועגדיקער טייל פונעם סיפור המעשה. געווײנטלעך איז דער שרייבער נישט פאַר־אינטערעסירט אין דער נאַטור. זיינע העלדן בענקען אָפט, אָבער נישט נאָך זונשיין און פרייווינט, אונטער ברייטע הימלען, אויך נישט נאָך דער היימישקייט און רו פון די שטעטלדיקע געסלעך. אין דעם פּרט איז נאָמ־בערג מער אורבאַניסט איידער אַלע יידישע שרייבער.

אָבער אויך די שטאָט אינטערעסירט אים ווייניק אין אירע פיזישע אַספּעקטן. די קראַפט, דער אימפעט, די מאַסנהאַפטיקייט, די קאָלירדײַכע שאַפונגען פון אַן אינדוסטריעלן צענטער — דאָס אַלץ לאָזט קיין שפּור נישט אויף אינטראָספּעקטיווע אויגן. נישט נאָמבערג, נישט זיינע העלדן האָבן אַ פּאָזיטיוון אינטערעס צו דער גרויסשטאָט. זיי זיינען איר פרעמד — און זי איז פאַר זיי אַ ליידיקער חלל, וואו עס וואַנדערן אומגעשטערט זייערע וואַסערדיקע סענטימענטן. די שטאָט מאָלט מען נאָר דאָרט, וואו זי דאַרף אַקצענטירן די אומעטיקע שטימונג:

„אויבן, אויף דעם שמאָלן פּאַס הימל איבער דער פראַנצישקאַנער גאַס, איז וואָלקנדיק און אומעטיק. ס׳ליגט אַנגעוואָרפן עפּעס אַ געגלי־ווערטע מאַסע פון אָפּגעניצטער פאַרב, וואָס וויל גאָרנישט זאָגן און לאָזט מיך גאָרנישט הערן, סיידן נאָר די אַלטע חכמה פון קהלת, אַז הכל הבל: די זון גייט אויף און גייט אונטער און גייט אויף דרום און פאַרקירעוועט אויף

צפון, און אַזוי יעדן טאָג, יעדעס יאָר, אָן אַ סוף און אָן אַן עק. לאַנגווייליקע, נאַרישע טראָפּן רעגן פאַלן און פאַלן. די לופט איז נעפּלדיק. הפּנים דער זומער האָט זיך פאַרקילט און ליגט אין אַנמאַכט. אונטן אָבער... סיי אויף די טראָטואַרן, סיי אינמיטן, איז אַ רעש און אַ געפילדער און אַ לויפעריי" („שקר און שלימזל").

ווי די שטאָט, אַזוי די מענטשן. יעקב בענדער איז אַ „יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויך־געוואָקסענער, מיט אַ מאָגער בלאַס פּנים, מיט פיל קנייטשן אויפן שטערן („ברייוו"). פליגלמאַן איז „אַ יונגערמאַן פון עטלעכע־און־דרייסיק יאָר. ער האָט אַ קליינעם, אַביסל איינגעהויקערטן גוף, אַ גרויסן קרומען שטערן און אַ קליין בלאָנד בערדל. די אויגן זיינע זעען אויס, ווי פאַרלאָפן מיט פאַרע. עס דאַכט זיך, אַז מען דאַרף זיי נאָר מיט אַ טיכל איבערצואווישן, כדי זיי זאָלן העל גלאַנצן" (פליגלמאַן"). דער העלד פון אַ „חסידיש הויז" איז אויפגערעגט; זיינע נערוון זיינען געווען „ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע"; אַ ליאַדע רויש, אַ ליאַדע בליק האָט אים געמאַכט אומרואיק אינגאַנצן; אים איז געווען אומעטיק „דערשטיקט צו ווערן." זיי איז אַלע אומעטיק, דערשטיקט צו ווערן. זיי הויבן נישט אָן צו וויסן, וואָס מיט זיך צו טאָן. דר. ווײַנשטיין שרייבט צו אַ פריינט: „איך בין שוין אַלט פיר־און־דרייסיק יאָר, דאָס האַרץ איז קאַלט" („אַ קורסיסטקע"). איז כאָטש גוט, וואָס ער קען זיך. דאָס רוב נאָמבערגס העלדן גלויבן, אַז זיי לעבן איבער טיפע זאַכן, בשעת זייער געפיל־וועלט איז אין אמתן פלאַך און פאַרבלאָז. זיי זיינען פּאַסיווע ליידערס, ליידנדיקע שווייגערס, שווייגנדיקע בענקערס — אָבער אונטן, אונטער אַלצדינג, איז ביי זיי דאָ אַ שטייענדיק וואַסער, וואָס שלינגט איין אַלץ און שפּרייט אויף אַלץ אויס אַ מוטנע רו. נאָמבערגס העלדן טראַכטן מער פון געפילן, איידער זיי פילן אויף אַן אמת, זיי מאָלן זיך ליידן מער ווי זיי ליידן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס אַמאָל דערגייען זיי אפילו צו זעלבסטמאָרד אָדער צו משוגעת: מען קאָן דערצו קומען פון פּוסטקייט. אַזוינער איז פליגלמאַן. אַזוינע איז פעליאַ פיינשטיין, וועלכע טראָגט זיך אַרום מיט אַ פלעשעלע סם אין טעשל און מיט אַ מינע פון געהיימניש אויף איר פּנים און אין אירע שוואַרצע קליידער. „און זי האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין איר אייביקן געדאַנק וועגן טויט. און טראַכטנדיק אַזוי, האָט זי טיילמאָל געקוקט מיט שטאָלץ אַרום זיך, שטאָלץ מיט איר פאַרשלאָסענעם האַרץ, מיט אירע ליידן, וואָס זי האָט פאַר קיינעם, פאַר קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט, שטאָלץ מיט איר מיידלשאַפט, וואָס איז פאַרבליבן ביי איר, ווי אַ פאַרוועלקטע הייליקע בלום" („שוויַג, שוועסטער"). פעליא

פּײנשטײן באַגײט זעלבסטמאָרד ערשט נאָכדעם, װען עס װערט איר אַלײן קלאָר, דורך אַ געשפּרעך מיט איר אינגערער און אמת לײדנדיקער שװעסטער, אַז אירע „לײדן" זײנען אימאַגינערע, אַז זי האָט זיך אין זײ באַהאַלטן, װי אַ טשערעפּאַכע אין איר שטיבל. די איבעריקע נאָמבערגס „העלדן" קומען זעלטן צו אַזאַ מדרגה פון זעלבסט־אַנטפּלעקונג. זײ לעבן מיטן געדאַנק, אַז עפּעס איז נישט גוט, עפּעס פּעלט זײ, צו עפּעס ציט זײ, עפּעס דריקט אויף זײער נשמה — און מערסטנס זײנען זײ צופרידן מיט אָט־דעם געמיט־צושטאַנד, װײל עס דאַכט זיך זײ, אַז ער לײגט אויף זײ אַרויף די קרוין פון אויסדערװײלטע און דעם אָרעאָל פון מאַרטירער. אַ מײדל אַ קורסיסטקע באַגײט אפילו אַ טעראָריסטישן אַקט — מאַכט אַן אַטענטאַט אויף אַ גענעראַל — װײל ס'איז איר פּוסט אויף דער נשמה און זי האָט נישט קײן כוח צו אָרגאַניזירן איר לעבן. עס קען זיך אויסדאַכטן, אַז דאָס איז אַ װידערשפּרוך: אַ מײדל האָט קײן מוט נישט זיך צו באַזעצן אין דאָרף און הײלן די פּויערים, װי דאָס פּאָדערט איר אידעאַל; זי האָט קײן מוט נישט חתונה צו האָבן מיטן פּאַרמעגלעכן דאָקטער און װערן אַ זאַטע בירגערין, װי דאָס דיקטירט איר עגאָאיזם, — גײט זי אַװעק און פירט דורך אַן אַקט, װאָס קאָסט איר דאָס לעבן. אָבער אַזױ איז דער שטײגער פון שװאַכװילנדיקע אידעאַליסטן־אינטעליגענטן: זײ װעלן בעסער מקריב זײן דאָס לעבן אײן מאָל מיט אַ פּאַטעטישן זשעסט, אײדער לאַנגזאַם און געדולדיק בױען אַ לעבן יאָר־אײַן, יאָר־אױס.

אָבער ס'רוב זײנען נאָמבערגס פּאַרשױנען גאָרנישט העראָאיש — אפילו אױבן־אויף. ס'רוב זײנען זײ שװאַכע מענטשן, װאָס טראָגן אַרום אין דער זשמעניע זײער ביסעלע נשמה. פליגלמאַן פילאָזאָפירט װעגן אַלצדינג אין דער װעלט, נאָר אַלײן רירט ער נישט מיט אַ פינגער צו פאַריאָגן דעם נעפּל, װאָס װיקלט אים אַרום. בענדער קאָן בשום אופן נישט אָפּמאַכן בײ זיך, צי ער האָט יאָ ליב, צי ער האָט נישט ליב דאָס מײדל, װאָס קוקט אַרויס אויף זײן ענטפער. פינקלמאַן שרײבט צען בריװ צו זײן װײב אין שטעטל, בעט זי קומען קײן װאַרשע, זאָגט איר צו אַ גוט לעבן — אָבער אַלע צען בריװ בלײבן ליגן בײ אים אין צימער נישט אָפּגעשיקט („װער איז שולדיק"). פײנער און גוטמאַן האָבן ליב אַ מײדל, דאָס מײדל נאַרט זײ אָפּ — אַלע מײדלעך נאַרן אָפּ נאָמבערגס העלדן — און אָט זיצן זײ בײדע אין צימער און פירן אַזאַ מין געשפּרעך: „הער, װאָס װאָלט געװען, װען מען װאָלט צופעליק געטראָפן אויף אַ פרעמדער האַנט? . . . מיט װאָס פאַר אַ פרײד װאָלט מען געדריקט די האַנט! מיט װאָס פאַר אַ פרײד?" („אויף אײן קװאַרטיר").

אַלע נאָמבערגס העלדן בענקען נאָך אַזאַ מין האַנט, וואָס זאָל זיי גרינגער מאַכן דעם חושך. אָבער אַליין אויסשטרעקן די האַנט, אַליין קעמפן אפילו פאַר זייער אינדיווידועלן לעבן — האָבן זיי נישט קיין כוח. זיי זיינען הילפלאָז, ווי קינדער. אַמאָל פאַרלאָזט זיי נאָמבערג און גייט אַריבער צו אמתע קינדער, וואו די הילפלאָזיקייט איז נאַטירלעך: „אלול״: אַ ייִנגל פון דרייצן יאָר פילט זיך אומגליקלעך אונטער דער משא פון פליכטן, וואָס ס'לייגט אויף אים אַרויף די בר־מצוה. „צווישן טאַטע־מאַמע״: אַ קינד וואַנדערט אַרום צווישן דער מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ נייעם מאַן, און דעם טאַטן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ ניי ווייב. „אין אַ פוילישער ישיבה״: אַ יונג ייִנגל, אַ מתמיד, אַן עלוי, ווערט אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט דער גראָבקייט און די אינטריגעס פון עלטערע ישיבה־בחוריש־מיאוסע חברה. „אויגן״: דאָס קינד פון אַ לירישער פעמע, אַ ייִנגעלע אַ צאַרטס און פאַרטרוימטס, קען נישט איבערטראָגן, וואָס מענטשן האַקן בוימער, וואָס דער רבי איז שלעכט צו דער רביצן. פאַרוואָגלטע קינדער, סענסיטיווע קינדער, געוואָרפן אַהין און אַהער אין אַן אומברחמנותדיקער וועלט. קאַלטע וועלט, שרעקלעכע וועלט.

נאָמבערג האַלט זיך אין אָט־דער אַטמאָספערע. ער גייט נישט אַראָפּ צום אַרבעטער־קלאַס, וואו, אין רעוואָלוציאָנערע ווייען, אין פלאַם פון ווילן און אין היץ פון מסירת נפש ווערט אויסגעשמידט אַ נייע אידעאָלאָגיע און אַ וועג צו אַ העלער צוקונפט. ער גייט נישט אַרויף צו די הערשער פון דעם לעבן, וואו עס איז אויך דאָ ווילן און פלאַן און ווירקלעכקייט־געפיל. ער בלייבט אינעם ליידיקן רוים, וואו עס בלאָנדזשען אַרום די נאַקעטע פליגלמאַנישע נשמות.

דער קליין־בירגערלעכער מאַסן־אינטעליגענט איז קודם־כל אַריינגעטאָן אין זיינע קליינע טראַגעדיעס און פלאַכע שטורעמס. ער איז אָבער נישט אינגאַנצן אַסאָציאַל. ער איז נישט מיט אַ כיון אַסאָציאַל. ער איז אַליין אונטערדריקט — און סימפּאַטיזירט מיט די אונטערדריקטע. אים איז נישט פרעמד די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, הגם ער איז אין איר נישט באַטייליקט. ער איז קעגן דער מאַכט פון די שטאַרקע. ער האָפט אויפן זיג פון די שוואַכע. נישט מער — אי די געגנערשאַפט, אי די האָפענונג ווערן צעשוואומען אין די בין־השמשותן פון זיין נשמה. נאָמבערג האָט אויך אָט־די רעגונגען פאַרגעשטעלט אין זיינע ווערק. דאָ און דאָרט רעדט מען ביי אים וועגן רעוואָלוציע. דאָ און דאָרט איז מען ביי אים סימפּאַטיזירער. עטלעכע בחורים זיינען שרעקלעך אויפגעבראַכט, וואָס פראַנ־

צוויזישע סאָציאַליסטן זייַנען אַרייַנגעטראָטן אין קאַבינעט. מאַניע, די טאַבאַק־אַרבעטערין, באַקענט שקר׳ן און שלימזלען מיט בונדיסטן. נאָמבערג אַליין שרייַבט אָן ערב דער ערשטער רעוואָלוציע דאָס אַרבעטער־ליד „ס׳לויפן, ס׳יאָגן שוואַרצע ווינטן״, וואָס האָט געפונען אַ וועג צו די הערצער פון די אַרבעטער־מאַסן. אין אַ לירישער זאַך, „דאָס בוימל״, זעען מיר אַ שטאַרקן בוים, וואָס דריקט מיט זיין וואָרצל דאָס שוואַכע בוימל און נעמט ביי דעם צו די חיונה. דאָס בוימל שרייט, פּראָטעסטירט, דער בוים ענטפערט: „גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן פאַר גרויסע, דיקע, געזונטע און שטאַרקע בוימער. אַזוי איז זיין ליבער ווילן.״ דאָס בוימל שרייט אויס: „ליגנער, געזעכט בין איך, נישט דו, אַזוי האָט דער מלאך געזאָגט!״ אָבער דער באַדריקער ענטפערט ציניש: „דער מלאך האָט געזאָגט, דו וועסט האָבן עולם הבא!״

דאָרט, וואו מען פילט אַזוי די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, מוז מען זוכן אַ טרייסט. די טרייסט איז אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט. אין איינעם פון די ווייניקע לירישע לידער, וואָס נאָמבערג האָט געשריבן, זאָגט דער נביא:

קוים קומט דער שטורעם נאָר אַהער,
צערייסט ער באַלד די שווערע דעק
און טראָגט די וואָלקן ווייט אַוועק.

און ענדיקט מיט דעם צוזאָג:

אָן רחמנות קער איך איבער
אַלץ, וואָס איז פאַרפוילט און אַלט;
בליען זאָל און וואַקסן הויך
אַ געזונטער פרישער וואַלד.

אין אַן אַנדער ליד („די געטלעכע בלום״) פאַרוואַנדלט זיך נאָמבערג אַליין אין אַ נביא. די געטלעכע בלום איז אַזוינע, וואָס „יעדע נשמה בענקט צו איר, יעדעס האַרץ לעכצט נאָך איר און עס ווייסט נישט, צו וואָס עס בענקט און לעכצט.״ דער שרייבער זאָגט וועגן איר: „פאַראַן אַ בלום, אַ געטלעכע בלום, גלויבט דאָס!״ „און עס וועט קומען אַ צייט, ווען די וועלט וועט פול ווערן וויסן און גערעכטיקייט, אַזוי ווי דער ים — וואַסער. די בלום וועט דעמאָלט איינגעפלאַנצט ווערן אין מענטשלעכן ישוב און מענטשן וועלן זי זען — און אייביק פריש וועט זיין זייער ליבע און האָפענונג און גלויבן.״

עס וועט קומען אַ צייט . . . קיינער ווייסט נישט ווען. עס וועט זיין גוט. עס וועט בליען די הייליקע בלום. אָבער דאָס אַלץ איז אַזוי ווייט, אַזוי נעפּלהאַפט, און די טרייסט איז אויך שוואַך! . . .

⁂

נאָמבערגס סטיל שפּיגלט אָפּ די סאָציאַלע סביבה, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט. זיין שפּראַך איז לייכט, גלאַנציק, קולטורעל און אין דער זעלבער צייט נישט טיף. נישטאָ די וואָרצלדיקייט און יאָדערדיקייט פון מענדעלע מוכר ספרים; נישטאָ דער פאָלקס־פאַרנעם און אידיאָמאַטישע דורכדרינגלעכקייט פון שלום עליכם; נישטאָ די זאַפט און קראַפט פון שלום אש. נישטאָ דאָס אירעגולערע, איראַציאָנעלע, שעפערישע אין דער שפּראַך. נאָמבערגס שפּראַך איז גלאַט; די ווערטער קלינגען; דער זאַץ איז דורכזיכטיק. די דערציילונג פליסט, ווי אַ וואַסערל, אָבער אַזוינס, וואו איר זעט דעם דנאָ. ביי נאָמבערגן איז אַלצדינג אויבן אויף, פּונקט ווי די צימערלעך פון זיינע העלדן, הינטער וועלכע עס שטייען נישט קיין הונדערטער־יאָר־אַלטע, פון דער צייט באַחנטע בנינים, פּונקט ווי דאָס לעבן פון זיינע העלדן, וואָס האָבן אָוועקגעוואָרפן דעם האַלבצעפוילטן, אָבער נאָך מאַלערישן און רייכפאַרמיקן לעבנשטייגער און קיין נייעם שטייגער נישט באַשאַפן. נאָמבערגס העלדן קאָנען שוין נישט רעדן, ווי עס האָבן גערעדט זייערע טאַטעס אין „ווינטשפּינגערל", „סטעמפּעניו" אָדער „מאָניש". זיי האָבן אָבער נאָך נישט אַריינגענומען אין זייער שפּראַך דעם הילך פון דעם לאָקאַמאָטיוו און דעם גרילץ פון דער מאַשין אין אַ מאָדערנער פאַבריק. זיי האָבן אויך נישט דערפילט נאָך דעם מאַרש פון די ברייטע מאַסן. דעריבער איז זייער שפּראַך (נאָמבערגס שפּראַך) ציכטיק, רירעוודיק און פאַרהעלטנישמעסיק אָרעם. אין פאַרגלייך מיט די נאָך־אָקטאָבערשע קינסטלער איז נאָמבערגס שפּראַך אַבסטראַקט נישט־אינדיווידועל ווי נישט־אינדיווידועל עס זיינען די פליגלמאַנס, בענדערס, גוטמאַנס, פינקלמאַנס, וואָס מען קען זיי לייכט פאַרבייטן איינעם אויפן צווייטן.

אין אייניקע ערטער מערקט זיך ביי נאָמבערגן פּרצעס איינפלוס („מען וועקט"), די לידער אין פּראָזע דערמאָנען אַביסל אָן הירשביינען פון די „וואַנדערער־טרוימען". אָבער דאָס זיינען נאָר אָפּנויגונגען פונעם הויפּטשטראָם. אין אַלגעמיין בלייבט נאָמבערג געטריי זיין אייגענעם אויסגעקליבענעם וועג פון לייכטע, לעבעדיקע איילנדיקע עסקיזן, וואָס דערמאָנען פאַרצייכנטע באַאָבאַכטונגען פונעם ווירקלעכן לעבן. דאָ און דאָרט טוט

ער אַ שמייכל, איז עס אַ סך געלונגענער און פּשוטער, ווי זיינע עקס־קורסיעס אינעם צווייטן עקסטרעם — סענטימענטאַליטעט. איבעריקנס געלינגט אים אַמאָל צו פאַראייניקן ביידע — ווי אין „זי און איך", וואו ער ענדיקט. „קום מיין קינד, האָב מיטלייד! אַט האָב איך אַ גאַנצן בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן, טראַכטנדיק וועגן דיר. נעם אים, מיין קינד, פאַרוויקל אים, מאַך פון אים אַ פּאַפּירענעם טראָמפּייט און שריי הויך, לוסטיק, קינדיש־פריי: „קוקורעקו!" — וועל איך וויסן, אַז דער בויגן פּאַפּיר איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן אָן נוץ."

„ווייל — צי קען דען די בענקשאַפט צוריקקערן די פאַרגאַנגענע קינדהייט ?"

איינס גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדים, דורך אַלע נאָמבערגס ווערק: סימפּאַטיע צו מענטשן, אַ מענטשלעכע באַציאונג צו אַלע. מען וועט זאָגן: דאָס דאַרף זיין דער חוב פון יעדן קינסטלער? נישט ריכטיק. אַ קינסט־לער דאַרף קאָנען האַסן אויך, טיף און גאַליק. נאָמבערג קען דאָס נישט, ווי עס קאָנען דאָס נישט זיינע קליין־בירגערלעכע מאַסן־אינטעליגענטן. וואָרום אַניט וואָלטן זיי דאָך געוואָרן רעוואָלוציאָנערן.

***

צווישן נאָמבערגס בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק און רייזע־בילדער (ער האָט אַ סך געררייזט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט) איז נישט מעגלעך דורכצופירן אַ גרענעץ. זיין בעלעטריסטיק, האָבן מיר געזאָגט, דערמאָנט פאַרצייכנטע עפּיזאָדן. זיין פּובליציסטיק איז אָפט בעלעטריס־טיש. זי איז נאָר זאַפטיקער און שטאַרקער. נישט אומזיסט האָט ער אין זיינע לעצטע יאָרן געשריבן ווייניקער דערציילונגען און מער פעליעטאָנען און עסייען. אין די לעצטע פילט זיך מער די היינטיקע צייט, דערהויפּט אין זיינע בילדער פון דייטשלאַנד. אין דער פּובליציסטיק האָט ער אויך צייטנווייז געהאַט מער פאַרשיידנאַרטיקייט און מער קראַפט.

די וועלט־אַנשויאונג און וועלט־עמפּפינדונג — אויב מען קאָן זיי אַזוי אָנרופן — פאַרבלייבן אין דער פּובליציסטיק די זעלביקע, ווי אין דער בעלעטריסטיק. נאָמבערג איז ראַדיקאַל, אָבער נישט רעוואָלוציאָנער. ער פאַרשטייט די מאַסע („אַ סטיכישער כוח, אַ שטיק נאַטור, אַ ברייטער ים"), אָבער ער איז ווייט אָפּגעשיידט פון אירע אמתע קאַמפן. ער איז נישט שאָוויניסטיש („פרעגט מיך נישט, צי איך בין אַ נאַציאָנאַליסט: איך וועל ליבער ענטפערן מיט אַ ניין, איידער מיט אַ יאָ"), אָבער ער פאַרגיסט טרערן פאַרן כותל־המערבי און שרייבט אַ לויב־ליד דעם אָנדענק פון משה

מאָנטעפּיאָרע. ער איז אי פּאַר סאָוועטן־רוסלאַנד, אי ער קען נישט פאַר־שטיין די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. ער בלייבט דער קליין־בירגערלעכער אינטעליגענט, וואָס אים אַליין איז אין ערגעץ נישט גוט, וואָס ער אַליין איז אַ וואַנדערער צווישן וועלטן. אַזוי, אין מיטן וואַנדערן, איז ער געשטאָרבן.

נאָמבערג לאָזט נישט איבער קיין שול. ער איז איינער פון אַ גרופּע. אָבער אַ שפּור האָט ער געלאָזט סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער פּובליציסטיק. דער פאָרשער פון דער געשיכטע פון סאָציאַלע און גייס־טיקע באַוועגונגען ביי יידן וועט נישט קאָנען פאַרבייגיין אָט־די בעצם טראַגישע פיגור פון אַן איבערגאַנג־קלאַס אין אַן איבערגאַנג־עפּאָכע.

יצחק מאיר ווייסענבערג

לויט זיין אָפּשטאַם, דערציאונג, סימפּאַטיעס און זיינע ערשטע ביי־טראַגן צו דער יידישער ליטעראַטור האָט יצחק־מאיר ווייסענבערג געדאַרפט זיין אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער שרייבער. לויטן כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ער האָט געפונען, ווען ער איז פון זיין קליינעם שטעטל זשעליכאָוו געקומען קיין וואַרשע, און לויט דער סביבה, וואָס האָט אים אַרומגענומען, ווען ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, האָט ער קיין רעוואָלוציאָנערער שרייבער פאַרן אַרבעטער־קלאַס און פונעם אַרבעטער־קלאַס נישט געקאָנט ווערן. דאָס, דוכט זיך מיר, דערקלערט דעם טראַגישן פּאַטאָלן באַרג־אַראָפּ־גאַנג פון ווייסענבערג דעם שריפטשטעלער. דאָס דערקלערט אויך די אַבעראַציעס פון זיין גייסטיקן וועזן, וואָס שרייען אָפּט אַרויס פון זיינע שפּעטערדיקע ווערק ביז צום דערשרעקן און וואָס וועקן צייטנווייז אַ געדאַנק ביים היינטיקן אָביעקטיוון לייענער: צי האָט ער אַמאָל ריכטיק פאַרשטאַנען וואָס ער טוט? דאָס קען, דוכט זיך, אויך געבן אַ שליסל צו דער פאַרשטענדעניש פון י. מ. ווייסענבערגס פּערזענלעכן, צו־פּערזענלעכן, צוגאַנג צו אַ סך פּראָבלעמען, פון זיין ביז־צו־קינדישקייט נאַאיווער קנאה, פון זיין סאַדיסטישער הנאה אין באַליידיקן קעגנער, פון זיין „הומאָר", וואָס איז צומאָל געווען אַזוי אומגערעכט, אַז ער האָט אויסגעזען פאַנטאַסטיש.

דער טעזיס וואָס ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט, איז ביי מיר נישט אַקסיאָמאַטיש. איך שלאָג אים נאָר פאָר, ווי אַ דיסקוסיע־מיינונג. מער דעטאַליזירטע פאָרשונגען אויפן אָרט וועלן דאַרפן אָדער באַשטעטיקן, אָדער מאָדיפיצירן דעם געדאַנק, וואָס ווערט דאָ פאָרטיידיקט. יעדנפאַלס וועט דער קומענדיקער שרייבער פון יצחק מאיר ווייסענבערגס ביאָגראַפיע דאַרפן שענקען אויפמערקזאַמקייט דעם געזיכטס־פּונקט, וואָס ווערט דאָ פאָרמולירט.

ווייסענבערג, אַ זון פון דער קליין־שטעטלדיקער אָרעמקייט און אַליין

„יידישע קולטור", נאָוועמבער 1938 („צו דער פאָרשונג פון זיין — ווייסנבערגס — ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט").

אין דער יוגנט אַן אַרבעטער, האָט געמאַכט זיין דעביוט אין דער יידישער ליטעראַטור און האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט צום אויבנאָן מיט דער „עמכדיקייט" פון זיין אַרט שרייבן, מיט די געזונטע, האַרעפּאַשנע מגושמס, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט אין זיינע ערשטע ווערק (אַ „טאַטע מיט בנים") און מיט דער שילדערונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אין אַ מיטל־גרויסער פּוילישער שטאָט אין פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציע פון 1905־1906 („אַ שטעטל"). אָט־די אַנדערשקייט זיינע לגבי די איבעריקע יידישע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע קאַריערע אַרום אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט — אש, נאָמבערג, הירשביין, וויטער, אָנכי, איינהאָרן, שניאור — אָט־די אויסגעבונדנקייט מיט דער „ערד" און דער אָנזאָג, וואָס האָט אויסגעקלונגען פון די ערשטע ווערק, אַז דער יונגער שרייבער האָט נאָך גאָר אַ גרויסן רעזערוו פון דעם זעלביקן מאַטעריאַל, וואָס ער דאַרף ערשט קינסטלעריש אויספורעמען און אַזוי־אַרום באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור, — האָט אים פון זיינע ערשטע טריט אָן געזיכערט אַ בערך, ברייטע אוידיטאָריע און אַ פריינטלעכן אויפנאַם אין מאָסגעבנדיקע ליטעראַרישע קרייזן. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער טאַלאַנט איז דאָ, די גרונט־נייגונגען זיינען דייטלעך אָנגעמערקט, דער וועג איז באַשטימט — און זאָל נאָר דער שריפטשטעלער פאָרזעצן אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, וועט דאָ זיין דער אָנהייב פון עפּעס גאָר אַ נייעם געביט אין דער ליטעראַרישער וועלט.

אַ בליק אויף צוריק, אויף די ערשטע ווייסענבערגס ווערק באַשטעטיקט, אַז אַזאַ דערוואַרטונג איז געווען נישט אומבאַגרינדעט.

וועגן די טיפּן האָבן מיר שוין דערמאָנט. ווייסענבערגס אינטערעס איז אַלעמאָל, אפילו שפּעטער, געווען אויף דער זייט פון „עמך". ער האָט געגנוי פאַרשטאַנען דעם אַרבעטער, דעם פּועל, דעם בעל־מלאכה, דעם קרעמער, דעם וואַלד־ייד, דעם קליינעם תבואה־הענדלער, דעם ייד פון מרחק. ער האָט זיך אָפּט אָפּגעגעבן מיט די געקריוודעטע בכלל — די קינדער, וואָס ווערן פאַרפאָלגט פון זייערע עלטערן, די לאָבוסעס, וואָס וואָלטן געדאַרפט גיין אין שפּאַן פון אַרבעט און ס'ווילט זיך זיי פרעזענלעכע פרייהייט. אינעם „שטעטל" האָבן מיר אַ גאַנצע קאָלעקציע פון אַרבעטער־טיפּן — אינדיווידואַליזירט, אויף וויפל ס'לאָזט זיך אין אַ מאַסן־באַוועגונג, נישט־אידעאַליזירט, נאָר געזען און אויפגעכאַפּט רעאַליסטיש. קומט אַ שבת אין דער פרי, די זון שיינט, חברה אַרבעטער גייען אַרויס אין גאַס „אין די שבתדיקע סאָקלעך, מיט אויסגעפּוצטע קאַמאַשלעך און ווייסע קעלנערלעך אויף די העלדזלעך," זיינען דאָס נישט

קיין אַבסטראַקטע פיגורן; דאָס זיינען יונגען געזען מיט אייגענע קינסט־לערישע אויגן. די זעלביקע יונגען דערשיינען פאַרן לייענער אין פאַר־שיידענע מאָמענטן, אין פאַרשיידענע סיטואַציעס, מיט פאַרשיידענע שטי־מונגען. „עס זיצן אין איין וואַרשטאַט אַרום צוועלף מאַן געזעלן מיט האַנט־יונגען, קוקט זיך איינער צום צווייטן נישט אום, און יעדער פאַר זיך איז פאַרטראַכט מיט אַ רואיק אַראָפּגעלאָזט געזיכט און שטילע אויגן, וואָס שטייען אומבאַוועגלעך איבער דער אַרבעט. און טיילמאָל שטעלט זיך אַ האַנט אָפּ, דאָס העמערל לאָזט זיך אוממעכטיק נאָך און בלייבט ליגן אויף דער זויל, פלאַך, איבערגעדרייט, ווי אַן אָפּגעשטאַנען פיסל מיטן בייכל אַרויף. און ער, דער יונג, האַלט ביים עק שטולכל און קוקט מיט אַזוינע אויגן, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט אין מיטן גאַס מיטן בייגל אין דער האַנט.“

מען זעט ממש ווי דער יונג טראַכט, ווי אַ נייער געדאַנק רודערט אים אויף, שטעלט אָפּ זיין אַרבעט, פירט אים אַוועק אין ווייטע געגנטן.

און אָט איז אַן אַנדער שטימונג:

„עס טרעפט טיילמאָל פאַרקערט, ווען די אויגן בליצן אויף, דאָס פנים קנייטשט זיך העפטיק, ווי כוואַליעס וואַלטן איבערן קאָפּ געיאָגט — דעמאָלט יאָגט מען די פלעקלעך מיט אַן אימפּעט אין דער געלעכערטער זויל אַריין, צוטאַנצנדיק מיטן העמערל, איינס־איינס! . . . איינס־איינס! . . . און מיט אַזאַ געשווינדקייט, ווי מען דעריאָגט עפּעס, ווי מען דערכאַפּט עפּעס, ווי מען וויל זיך מיט עפּעס צוזאַמענשטויסן, עס זאָל קנאַקן, הילכן! אין אַזאַ צייט מוז שוין ווער עס איז אַרויסשפּרינגען מיט אַ לידל:

„וואָס טויג אייך דען, ברידער, אַזאַ לעבן —
אַ לעבן אין הונגער און אין נויט? . . . “

„און דער גאַנצער עולם, ווי איין כאָר, טוט באַלד אַן ענטפער אָפּ מיט געזאַנג און מיט געקלאַפּעריי מיט די העמערלעך. מען שמעטערט די שטיפטלעך אין דער געלעכערטער זויל אַריין, ווי די קוילן אין ערגסטן שונא.“

אויפן הינטערגרונט פון אַזאַ אַרבעטער־קאָלעקטיוו, וועמען מיר זעען אין „שטעטל“ אין אַלע מעגלעכע סיטואַציעס — פון פרידלעכער אַרבעט ביים וואַרשטאַט ביז אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג הינטער דער שטאָט, ביז אַ סטרייק, ביז אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע, אַ פויסטן־שלאַכט, אַ ווידער־שטאַנד קעגן אַ פּאָגראָם, פירט ווייסענבערג אַרויס אינדיווידועלע אַרבע־טער, וועמעס כאַראַקטער־שטריכן קריצן זיך איין אין זכרון. דערביי ווייזט ער אַרויס אַ זעלטענע פיאיקייט צו געבן אַ טיף־שילדערונג אין צוויי־דריי שורות. דער בונדיסט: „אַ מאָדנע בריהלע איז דאָס: אַן איידלס,

מיט אַ בלאָסלעך, לענגלעך געזיכט, אַ בלוי העמדל אונטערגעבונדן מיט רויט פּאַמפּאַניקלעך. אַ שפּינקעלע אונטען האַלדז, אַ שוואַרץ קאַפּעליושל אויפן קאָפּ און שוואַרצע לאַנגע לאָקן ביז איבער די אַקסלען צעלאָזט.„ איטשעלע קאַמאַשנמאַכער: „אַ יונג אין אַ פּאָר לאַקערקעס, מיט אַ העל סאַקל און אַ גלאַטיק־ראַזירט פּנים מיט פינקלדיקע אויגן אונטערן קליינעם ראַשיקל."

נאָר צווישן אָט־די מענטשן האָט זיך ווייסענבערג געפילט אין דער היים. נאָר זייער שפּראַך און זייערע גענג — נישט אַזוי די רעוואָלוציאָנערע, ווי די שטייגערישע — האָט ער גוט געקענט. מען האָט געהאַט גרונט צו דערוואַרטן, אַז אויך ווייטער וועט ווייסענבערג שעפּן פון אָט־דעם אומדערשעפּלעכן קוואַל פון אַרבעטער־פאָלק, דער עיקר ווען ער וועט זיך אַריבערציען אין דער גרויסער שטאָט מיטן עכטן מאָדערנעם פאַבריקפּראָלעטאַריעט.

אין דער זעלביקער מאָס, ווי ער האָט אַרויסגעוויזן אַ נאָענטקייט צו די עקספּלואַטירטע, האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אָפּגעזונדערטקייט פון די עקספּלואַטאַטאָרס. ער האָט פאַר זיי קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט. פאַר זיין הויז מיט ווייס־געמאָלטע לאָדן שטייט אייזיק פייגע־ליבעס, דער גרעסטער שטיול־פאַבריקאַנט פונעם שטעטל, „ער מיט זיין איידעם, הערשעלע, די סאַקן צעלאָזט, מיט די קייטלעך איבער די גרינע פלושענע וועסטן, און האָבן נאָכגעקוקט מיט פאַרביסענע ליפּן, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרבאָרגענע בליקן פון אונטערן שטערן אַפער" . . . אייזיק מיט זיין איידעם, הערשעלע, פירן נאָכדעם דורך אַ פאַרשווערונג קעגן די אַרבעטער: „מען וועט זיי ווייזן, די לאָבוסעס" . . . „מען וועט זיי דושען!" „אַ צעטל וועט וועט מען אויסשטעלן און אַלע בעלי־בתים וועלן זיך אַריינשרייבן" . . . און די בעלי־בתים ווערן גאָר נאָענטע מחותנים מיטן זשאַנדאַרמסקן קאַפּיטאַן, און קיין סטרייקברעכער פעלן אויך נישט. י. מ. ווייסענבערג ווייסט אויסצעצייכנט, אַז די אַלע גבירים זיינען פיינע יידן, זיי גייען דאַווענען, זיי זיינען מנדב אויף דער שול, זיי האַלטן אויס תלמוד־תורות און "לחם אביונים" און „הכנסת כלה". אָבער אים אינטערעסירט גראָד יענער אַספּעקט פון זייער עקזיסטענץ, וואָס איז געווענדט צום עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף קעגן די „יונגען".

י. מ. ווייסענבערג איז בכלל ווייט פון אידעאַליזירן דאָס אַלטע יידישע לעבן, דעם רעליגיעזן לעבנסשטייגער, די שול, דעם שול־הויף, די חסידות, דעם יום־טוב, דעם פאַרצייטיקן רעליגיעזן פירער. אין דעם פּרט איז ער אַ דירעקטער קעגנזאַץ צו אַ מעכטיקער און דאָמינירנדיקער שטרעמונג אין דער יידישער ליטעראַטור. וואָר־וואָר פון דעם ערשטן און צווייטן

דור קלאסיקער האָט דען נישט געשילדערט די פּאָעזיע פון ימים־נוראים און סוכות, די שיינקייט פון פרומען יידישן קיבוץ, דעם הדרת־כבוד פון אַ חסידישן רבין, די הייליקייט פון אַלט־יידישער צונויפגעגאָסנקייט אין איין רעליגיעזן געפיל. מען דאַרף נישט קיין בעסערעביישפּילן, ווי פּרצעס חסידות און פאָלקסטימלעכע געשיכטן, ז. י. אַנכיס „רב אבא“ און — מער ווי אַנדערע — שלום אשס „שטעטל“. ווייסענבערגס „שטעטל“ איז געווען ווי אַן אַרויסרוף. אין אשס „שטעטל“ — אַן אידעאַליזירטער יחזקאל גאַמבינער, אין ווייסענבערגס — אַ דעמאַסקירטער עקספּלואַטאַטאָר אייזיק פּייגע־ליבעס; דאָרט אַ בית־מדרש, וואו אַלע יידן באַהעפטן זיך אין איין פּאַטעטישער געמיט־דערהויבונג. דאָ — אַ שול, וואו אַרבעטער רייסן זיך אַריין מיט געוואַלט צום דאַווענען און האַלטן אַ רעוואָלוציאָנערע רעדע . . . אויך ווייסענבערג האָט געזען דעם בית־מדרש אין זיין פּאַ־טעטישקייט — ווי אַ פּלאַץ וואו יידן קלאָגן זיך אויף זייערע צרות: „ליכט ברענען דאָרט, אַן עולם רוישט, בעט מיט האַרציקע קולות, זיפצן און קרעכצן, וואָס מישן זיך צונויף מיט זיס־האַרציקן ניגון פון צעבראָכענע הערצער און צעגיסן זיך יאָמערלעך אין דער פאַרשוויגענער, דערשראָ־קענער פינצטערניש אַריין“ (צו סליחות). אָבער דאָס איז דער היפּוך פון אשס אידילישער שול. ביי אשן — אַ לעבן אַן אָרגאַנישס, וואו די קוים־אַנגעמערקטע קלאַסן־צעטיילונגען ווערן איבערגעוועלטיקט און פאַר־טושט דורך דער פונדאַמענטאַלער אחדות פון דער יידישער עדה; ביי ווייסענבערגן — אַ קהילה אַזוי צעשפּאָלטן דורך דעם קלאַסן־קאַמף, אַז ס׳דערגייט צו בלוט און טויט. ביי ווייסענבערגן — אַ טיף־דרינגענדיקער אומרו, נישט געקוקט אויף מאָמענטן פון רעלאַטיווער שטילקייט.

אין די אַנדערע ווערק פון ווייסענבערגס ערשטן פּעריאָד איז געווען קנאַפּ רעוואָלוציע, אָבער אויך נישט קיין פאַרהערלעכונג פונעם אַלטן. ווייסענבערג נעמט דעם יידישן שטייגער־לעבן ווי ער נעמט יידישע פּנימער און יידישע שפּראַך — ווי אַ נאַטירלעכע זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אָבער ער ווייסט נישט פון אידעאַליזאַציע. דאָס אַליין איז געווען גלייך־באַדייטנדיק מיט אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור. ווייסענ־בערג האָט אין זיינע ערגסטע צייטן קיינמאָל נישט געזוכט קיין שוץ אין כלל־ישראל געפיל; קיינמאָל האָט אין די קאַלטע שטורעמס אים נישט געוואַרעמט די היימלעכקייט פונעם אַלטן. ווען ער מאָלט די „שבתדיקע גוטע געמיטלעכקייט“ פון אַמאָל, איז דאָס ביי אים מערסטנס פאָלקס־לעבן, פאָלקס־זיטן, אין די ראַמען פון וועלכע ער פּאַסט אַריין דעם הונגעריקן און נאָך אַ שטיקל חלה־בענקנדיקן יידן (ראָמאַן „איבערגאַנג“ און צאָל־רייכע אַנדערע ערטער).

ווייסענבערגן איז נישט פרעמד דער ראָמאַנטיזם, אָבער זיין ראָמאַנ־טיזם איז מערסטנס אַן אַנגעהויכטער, נישט פון אייגענע קוואַלן, און גאַנץ באַשטימט איז נישטאָ אין זיין שרייבן קיין ראָמאַנטיזם פון יידישקייט. עס באַגעגנט זיך שוין פרי ביי אים אַ ראָמאַנטישע באַציאונג צו ליבע, צו ליידנשאַפט, — און דעמאָלט איז עס אַ פּרואוו צו אַנטלויפן פון דער ווירק־לעכקייט. די יונגע שרהלע, די העלדין פונעם „וואַלד־מיידל", וועלכע שטאַרבט פון ליבע, אין אַ צימער איבערגעפּילט מיט בלומען און אַליין אויסגעצירט מיט אַ בלומענקראַנץ אויפן שיינעם קעפּל, איז געוויס אַ ראָ־מאַנטישע פיגור. „דריי וועגן", אַ מעשה מיט דריי יונגע מיידלעך, וואָס פאַרליבן זיך אין איין פּרינץ און שטאַרבן, איז אַוודאי ראָמאַנטיש. אָבער דאָס איז אַזוי צו זאָגן אַן אָפּענער ראָמאַנטיזם, וואָס דער שרייבער זאָגט קלאָר, אַז ער שרייבט אַן אויסגעטראַכטע זאַך, אָט, ווי אַ דערוואַקסענער זעצט זיך אַמאָל אַוועק דערציילן אַ פּאַבל, אַ לעגענדע, אַ צויבער־גע־שיכטע. עס פעלט אַזאַ מענטשן נישט איין צו זאָגן, אַז די ווירקלעכקייט איז ענלעך צו דעם וואָס ער דערציילט אין דער לעגענדע. ער באַהויפּט קיינמאָל נישט, אַז די לעגענדע איז אַ בילד פונעם לעבן. דאָס זעלביקע איז גילטיק בנוגע ווייסענבערגס ראָמאַנטיזם. ס'איז ביי אים אַ מין אָפּרו פון דער שאַרף־קאַנטיקער און אָפט גאַליקער ווירקלעכקייט.

אין גרונט איז אָבער ווייסנבערג אַ ניכטערער מענטש, אַ צוקוקער, אַ נישטערער, אַ זאַמלער פון כאַראַקטער־שטריכן, אַנגענעמע און אומאַנ־גענעמע, מערסטנס לעצטע, אַ שילדערער פון ריסן, אויפברויזן, צוזאַמענ־שטויסן, ביטערקייט, האַרבקייט, כאָטש ער אַנטלויפט אויך נישט פונעם האַרמאָנישן און פאַעטישן, וואו נאָר ער געפינט עס אין ווירקלעכן לעבן. לויט זיין מהות און לויט דער אַנטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט אין די ערשטע יאָרן איז ער אַ רעאַליסט מיט אַ נייגונג צום נאַטוראַליזם און מיט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר דראַמאַטישע סיטואַציעס און קאָנ־פליקטן. אויך דאָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ קעגנזאַץ צו די פּירנ־דיקע פיגורן אינעם צווייטן דור קלאַסיקער, וואָס זייען געווען מער אָדער ווייניקער ראָמאַנטיש געשטימט (מען דאַרף מאַכן אַן אויסנאַם פאַר נאָמ־בערגן, וועלכער איז אויך געווען ווייט פון ראָמאַנטיזם).

אויב מען זאָל נאָך צוגעבן אַז י. מ. ווייסענבערג האָט גאָר פון אָנהויב אַן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פיינטלעכקייט צו דער בלאַסער און בלוט־אַרעמער יידישער אינטעליגענץ, סיי דעם פרומען טייל אירן, סיי דעם טיפּ עקסטערניקעס — די יונגעלייטלעך, וואָס זיצן אין קליינע צימערלעך און לייענען ביכלעך, — און אַז ער האָט אַלעמאָל געהאַט אַ נייגונג אַרויסצו־שטעלן אַלס קאָנטראַסט צו איר דעם פּאַלקסמענטש מיט זיינע געזונטע

אינסטינקטן און פרישן אויפנאַם־פּייאיקן גייסט, וועט קלאָר ווערן, אַז מיט זיין אַריינקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער געמוזט זיין עפּעס ווי אַ סענסאַציע. זיין אַריינקומען האָט געהאַט אין זיך עלעמענטן פון גאָרקיס אויפטרעטן אויף דעם פעלד פון דער רוסישער ליטעראַטור מיט עטלעכע יאָר פריער און פון מאָריס ראָזענפעלדס באַוויזן זיך מיט זיינע „שאָפּ“־לידער אַן ערך צוריק מיט צוויי צענדליק יאָר. איןביידן האָט די ליטעראַטור דערפילט עפּעס פּרינציפּיעל נייעס: עס האָט גערעדט דורך זיי אַן אויפשטייגנדיקער נייער קלאַס.

עס איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד צווישן דעם, וואָס גאָרקי האָט געפונען אין דער רוסישער ליטעראַטור און וואָס ווייסענבערג האָט געפונען אין דער יידישער.

עס פעלט אונדז נישט אין צו פאַרגלייכן דעם טיטאַנישן טאַלאַנט פון גאָרקין מיט דעם מיטל־גרויסן טאַלאַנט פון ווייסענבערגן. טרעפן „וואָס ס'וואָלט געווען“ ווען באַדינגונגען וואָלטן געווען אַנדערש, איז בדרך כלל אַן אומדאַנקבאַרע אַרבעט. אָבער מיר שטעלן זיך פאָר, אַז אויב אַ טאַ־לאַנט פון גאָרקישן פאַרנעם, עכטקייט און אויסגעהאַלטנקייט וואָלט זיך באַוויזן אין דער סביבה, אין וועלכער ווייסנבערג האָט זיך געפונען אין וואַרשע אין די ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט, וואָלט ער מסתמא דורכגעקראָכן אַלע צאַמען, בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען און זיך אַנטוויקלט צו גאָר גרויסער גרויס. ער וואָלט מסתמא דערפילט — אויפן ריין גאָרקישן אופן — די אונטערערדישע, אפשר נישט גענוג דייטלעך אויסגעדריקטע רעוואָלוציאָנערע שטראָמען אין די טיפענישן פון די יידישע מאַסן; ער וואָלט דורכגעציטערט געוואָרן מיט די שטורעמס, וואָס האָבן זיך אין יענע טיפענישן געצייטיקט — און דאָס וואָלט אים גענערט, סטימולירט צום וואַקסן און געכאַוועט.

איז אָבער ווייסענבערג נישט געווען קיין גאָרקי: נישט פאַרמאָגט נישט נאָר יענעמס טאַלאַנט, נאָר אויך זיין הונגער צו וויסן, זיין דראַנג צו גאַנצקייט. גאָרקין האָט דער שאַפונגס־אימפּעט סוף־כל־סוף געבראַכט צו פריינטשאַפט מיט לענינען. ביי יידן אין וואַרשע זיינען אָבער נישט געווען קיין לענינס. עס איז בכלל נישט געווען קיין יידישע רעוואָלוציאָ־נערע אַרבעטער־באַוועגונג פון דעם סאָרט, וואָס זאָל קאָנען אַרומרינגלען דעם יונגען ווייסענבערגישן טאַלאַנט מיט איר סביבה, אים אויסוואַרעמען, אים אויספאָרמירן, דורכדרינגען מיט אַ וועלט־אַנשויאונג און אים באַ־וועגן צו אַנטוויקלען אַלע גרויסע מעגלעכקייטן, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט.

אין וואַרשע איז געווען אַ בונדיסטישע באַוועגונג. אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין איינהייטלעכע מיינונג וועגן דער ראָלע פונעם שרייבער.

דער בונדיסט דוד איינהאָרן האָט געזונגען ראָמאַנטישע לידער וועגן „לעצטן בעל תפילה“ און וועגן „מיר וועלן פאַרבלייבן אין שול“. דער בונדיסט א. ווייטער האָט אידעאַליזירט דעם אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם נדר פון שווייגן און האָט זיך אַוועק־געזעצט לערנען אין שול. אַש איז געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט אין בונדישע אויסגאַבן. בונדיסטן האָבן אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם פּרצעס „גאָלדענע קייט“. זייער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן נאָך 1906־1905 און זייערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען זיינען געוואָרן אי זעלטענער, אי ווייניקער מיליטאַנט.

פון די אַנדערע פּאַרטייען וואָס האָבן געאַרבעט צווישן די מאַסן, האָט די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געהאַט גאָר אַ קליינע ווירקונג אויף דער יידישער גאַס. די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) איז געווען פּויליש־נאַציאָנאַליסטיש און בנוגע צו יידן אַסימילאַטאָריש. וואָס שייך די סאָציאַליסטישע ציוניסטן, אָדער די טעריטאָריאַליסטן, זיינען זיי געווען אי קליין אין צאָל, אי שוואַך אין איינפלוס און געוויס האָבן זיי נישט געקאָנט געבן ווייסענבערגס טאַלאַנט די נויטיקע יניקה. ווייסענבערג האָט זיך געניטיקט אין אַ רעוואָלוציאָנערער היים. ווייסענבערג האָט זיך מער פון אַלצדינג געניטיקט אין אַן אויסגעהאַלטענער רעוואָלוציאָנערער וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָל אים דינען ווי אַ וועגווייזער. אָן אַ רעוואָלוציאָנערער טעאָריע קען נישט זיין קיין רעוואָלוציאָנערער קינסטלער. ווייסענבערג האָט געהאַט בונטאַרישקייט, אָבער נישט קיין רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין. ווייסענבערג האָט, אורשפּרינגלעך, סימפּאַטיזירט מיט די האָרעפּאַשניקעס, אָבער נישט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אפילו אין „שטעטל“ איז ער אַליין אייגנטלעך גאָר ווייניק פאַראינטערעסירט אין דער אידעאָלאָגיע פונעם קלאַסן־קאַמף. ער איראָניזירט איבער די מחלוקתן צווישן „בונד“ און פּ. פּ. ס. און בכלל איבער „דיסקוסיע“. ער ווייזט דאָס פון אויסנווייניק — מער ווי אַ טשיקאַווע זאַך, אײדער ווי אַ זאַך וואָס גייט אים אין לעבן. ער האָט נישט ליב די באַלעבאַטים מיט די שיינע יונגעלייטלעך, מיט דעם באַלעבאַטישן יד־אחת, מיט דער הילף, וואָס זיי בעטן ביי די זשאַנדאַרן; אַוודאי האָט ער נישט ליב דעם צאַריזם. אָבער די רעוואָלוציע אין שטעטל שילדערט ער פון דער זייט, ווי אַ באַאָבאַכטער, נישט ווי אַ צד.

כדי צו ווערן אַ רעוואָלוציאָנערער שרייבער, האָט ער ערשט געדאַרפט ווערן אַ באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער, און דאָס האָט אין זיין פאַל געהייסן, אַז ער האָט געדאַרפט געפינען אַ געזעלשאַפטלעכע סביבה,

וואָס זאָל אַנטוויקלען זיין באַוואוסטזיין. ער האָט געדאַרפט געפינען אַ פירערשאַפט, וואָס זאָל אים אָנווייזן אויף די פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן און מעגלעכקייטן פון זיין טאַלאַנט און אים סטימולירן זיי צו קולטיווירן. ער האָט זיך געדאַרפט אַריינלעבן אין אַזאַ וועלט, וואו ער זאָל קאָנען שאַפן מאַטעריאַל, באַגייסטערונג, דערמוטיקונג, פריינטשאַפט.

די רעוואָלוציאָנערע פּראָלעטאַרישע שרייבער פון היינט זיינען גליקלעך דערמיט, וואָס זיי קאָנען דאָס אַלעס געפינען אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס. וויסענבערג האָט עס נישט געקאָנט געפינען. וויסענבערג האָט נאָר געפונען די ליטעראַרישע סביבה אַרום פּרצן, וואו פּרץ האָט געהערשט אומבאַגרענעצט. די סביבה האָט געקאָנט ליבן וויסענבערגן: זי האָט אים גערן געגעבן אָנערקענונג. זי האָט אים אָבער נישט געקאָנט געבן און אַנטוויקלען דאָס, צו וואָס ער איז אַממערסטנס געווען מסוגל.

דער באַרג־אַראָפּ פון זיין טאַלאַנט איז געווען אומפאַרמיידלעך.

די ירידה איז געקומען פון פאַרשיידענע ריכטונגען און האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. דער בונטאַר, וואָס האָט געקאָנט ווערן אַן עפּיקער פון קלאַסן־קאַמף, איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער האַסער. דער קעגנער פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ, וואָס האָט זי געדאַרפט צוציען דורך זיינע ווערק און סטימולירן צו קומען נעענטער צום פראָנט פון קאַמף, איז געוואָרן אַ פּאַסקוויל־שרייבער קעגן אינטעליגענטן בכלל („דער מאָדערנער שד"). דער „עמד"־מענטש, וואָס האָט געדאַרפט דערהויבן די מאַסע צו פאַרשטיין איר געגנוואַרט און צוקונפט, איז אַליין פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין לעבן, וואָס האָט אים אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ דזשאָנגל — פול מיט שוידער־דערוועקנדיקע מאָנסטערס. דער פאַרבנרייכער קינסטלער, וואָס האָט פון צייט צו צייט זיך געשפּילט מיט ראָמאַנטישע זאַכן, האָט זיך אָוועקגעלאָזט פּראָדוצירן אולטראַ־שונד פון דעם סאָרט, וואָס איז שוין מער ווי אומזין: ס'איז וואַנזין (די מעשה מיטן אָפּגעשניטענעם קצבס קאָפּ אונטער פּרצלס חופּה אין דער דראַמע „צער, לוין און ליבע").

געשטאָרבן אַן אומגליקלעכער און טראַגישער מענטש. ער איז דערפירט געוואָרן צו דעם דורך זיך אַליין.

און דאָך — ער האָט דאָך אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל צוזאָג. ער האָט דאָך אַ סך געגעבן. די ירושה זיינע דאַרף אויפגעקליבן ווערן, עס דאַרף אָפּגעטיילט ווערן דאָס גוטע פון דאָס פּסולת. דאָס גוטע, דאָס וועג־אויסטרעטנדיקע, דאָס היסטאָריש־וויכטיקע דאַרף געבראַכט ווערן צום היינטיקן דור.

א. ראַבאָין אַ סאַלוט

דאָס, וואָס א. ראַבאָי האָט פאַרבונדן זיין טאַלאַנט מיטן קלאַסן־קאַמף פונעם אַמעריקאַנישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז נישט קיין צופאַל. א. ראַבאָי האָט דערמיט געפונען זיך אַליין, געפונען דעם וועג, אויף וועלכן עס האָט אים געשטויסן זיין שאַפונגס־ענערגיע פון אָנפאַנג אָן. ראַבאָי וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז, אין אַן אומקלאָרער פאָרמע, אָפטמאָל בלאָנדזשענדיק, אָפטמאָל זעענדיג נעבלהאַפטע געשטאַלטן, איז ער אַלעמאָל געווען אַ רעוואָלוציאָנער. די פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאַמפן אין די לעצטע יאָרן און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָבן אים נאָר געגעבן דאָס קלאָרע באַוואוסטזיין.

פון אָנפאַנג אָן האָט זיך ראַבאָי שאַרף אונטערגעשיידט פון דער גרופּע „יונגע“, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע. ליעוויק איז געווען אַ סימבאָליסט און אַ מיסטיקער מיט אַ קראַנקהאַפטער נייגונג צו זעלבסט־קוויילעריי. מאַני לייב האָט געזונגען:

> „שטילער! שטילער! רעדט נישט הויך!
> שטייט געבויגן שוואַרץ און בלייך.
> איינגעבויגענע אין פּיין,
> שטייט און האַלט דעם אָטעם איין.“

דוד איגנאַטאָוו האָט געשריבן אויסגעטראַכטע מעשיות, צו וועלכע עס האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט דער אַריינפיר: „איך האָב ליב שלאַנגען“. זישא לאַנדוי האָט געפּריידיקט אַ פילאָזאָפיע פון ציניזם. מ. ל. האַלפּערן, וועלכער האָט געהאַט אַ קערנדיקן טאַלאַנט מיט אַ חוש פאַר דערווירק־לעכקייט, האָט זיך געפּילדט ענג און אומגליקלעך אין דער סביבה פון איסט בראָדוועי און זיך געוואָרפן אין קראַמפּן. די פּראָגראַם פון די איסט־בראָדוועיער איז געווען: וואָס ווייניקער ווירקלעכקייט, וואָס ווייניקער אידייען, וואָס מער דיכטערישער טרוים. ב. ריווקין האָט געפּריידיקט דעם נעאָ־ראָמאַנטיזם. „דער נעאָ־ראָמאַנטישער דיכטער — האָט ער געשריבן

„מאָרגן־פרייהייט“, 6טן יאַנואַר, 1935, צו אַ מאַסן־פייערונג לכבוד א. ראַבאָי.

— נעמט אין זיך אַריין די ווירקלעכקייט צוזאַמען מיט דעם חלום, וואָס מאַכט איר גאַנץ. ער פאַרשפּרייט זיינע אָרעמס איבער דער ווירקלעכקייט, דעקט איר צו מיט זיך, זויגט אָן מיט נשמה איר טויטן גוף, און די ווירקלעכקייט צאַפּלט אויף, קריגט אָטעם, לשון און נעמט אַרויסזאָגן אירע געהיימנישן." דער נעאָ־ראָמאַנטיזם פילט אויס "אַלע יענע ליידיקע ערטער, וואו דער רעאַליזם האָט פאַרפעלט, אויסגיסנדיק איבער דער ווירקלעכקייט דעם חלום, פון וועלכן די ווירקלעכקייט איז בלויז אַ פעלערהאַלטע און נישט־פולשטענדיקע אָפּשפּיגלונג."

א. ראַבאָי האָט פון אָנפאַנג אָן געהאַט אַן אַנדער צוגאַנג צו דער ווירקלעכקייט. ער האָט נישט געהאַלטן, אַז די ווירקלעכקייט איז בלויז אַ פעלערהאַפטע אָפּשפּיגלונג פון אַ חלום. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער ווירקלעכקייט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווירקלעכקייט, ווי אַ שווימער אין ברייטע וואַסערן. וואָס נעענטער צו דער ווירקלעכקייט, אַלץ בעסער האָט ער זיך געפילט. נישט געקוקט אויף דער הערשנדיקער שול, איז א. ראַבאָי — מיט קליינע אויסנאַמען — געווען אַ רעאַליסט.

די גרופּע "יונגע", וואָס האָט געזאָגט, אַז זי פאַרוואַרפט יעדן "איזם", האָט אין אמתן אָנגעשריבן אויף איר פאָן דעם נאַציאָנאַליזם. דער אימיגרירטער און ביי־אויפגעקומענער יידישער קליינבירגער, וואָס האָט זיך איינגעפונדעוועט אין אַמעריקע, האָט געפאָדערט אַביסל יידישקייט צו באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ. די שרייבער פון שלום'ס קאַפּעלע באַפרידיקן אַט־די סאָציאַלע באַשטעלונג. זיי אידעאַליזירן דאָס לעבן "אין דער אַלטער היים" און זיי מאָלן דעם אויפשטייג פון אַ נייער יידישקייט (י. י. שוואַרץ אין "קענטאָקי"). ראַבאָי נעמט נישט קיין אָנטייל אין אַט־דער אַרבעט. אמת, מען געפינט ביי אים דעם אַלטן אברהם וואַלדן מיט זיין בענקען נאָך "גאָטס הויז", מיט זיין אידעאַל פון אויפבויען אַ "פּראָסטע קאַמער", וואו די יידן פון גאַנץ טשעיפּל היל זאָלן קענען קומען גאָט בעטן ("דער פאַס פון ים"). אָבער שוין דאָס, וואָס די אומגעבונג איז טשעיפּל היל, אַ פאַרם־געגנט ערגעץ־וואו נישט ווייט פון ים, גיט דעם ענין אַן אַנדער קער. דערביי איז אברהם וואַלדן ביי ראַבאָין אַן אויסנאַם. די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען פאַרנעמען ביי אים גאָר אַ קנאַפּן אָרט.

פון אָנפאַנג אָן אינטערעסירט זיך ראַבאָי מיטן האַרעפּאַשניק. אַליין אַ מענטש, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם סוועט־שאַפּ־אוניווערסיטעט ערגעץ־וואו אויף אַטוירני סטריט האָט זיך ראַבאָי נישט אָפּגעקערט פונעם שאַפּ און פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי עס האָבן געטאָן די אַנדערע פון דער גרופּע, נאָר ער האָט ווידער און ווידער זיך אומגעקערט צו די טיפן פון

אַרבעטער און באַס, וועלכע האָבן זיך איינגעקריצט אין זיין געמיט און וועלכע זייגען פאַקטיש געוואָרן דער אינהאַלט פון זיין שרייבן.

דער שאַפּ פון איין זייט, די פּרעירי מיט די געזונטע, קרעפּטיקע און אומדערשראָקענע „פאַרם־הענט" — פון דער צווייטער. ווי פּאַסט זיך דאָס? עס האָט אויסגעוויזן, ווי ראַבאָי זוכט אַ לייזונג פאַר דער סאָציאַלער פּראָגע אין אַנטלויפן פון דער שטאָט. עס איז אויסגעקומען ווי ער זאָגט: אָט איז אַ ברייטע וועלט; דאָ קענען אויסוואַקסן שטאַרקע ווילנס, הייסע לײדנ־שאַפטן, רויע אָבער געזיכערטע עקזיסטענצן. די ערד איז ברייט און רייך אין מעגלעכקייטן פאַר די מענטשן — אָן אַ ברעג.

אין „הער גאָלדענבאַרג" דערציילט ראַבאָי, אַז ווען די פאַרם איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי ביז איבער די פענצטער און אין הויז איז געווען וואַרעם, האָט גאָלדענבאַרג אַריינגענומען די קו אין הויז אַריין. דאָס איז געווען אַ טרייסט פאַר מאַן און ווייב, וואָס האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. „האָט מען די קו אַריינגענומען אין הויז אַריין. עס איז געווען וואַרעם. בייטאָג און ביינאַכט האָט דער גרויסער אויוון געברענט. קוילן — פון די אייגענע פעלדער. קיין קינדער איז נישטאָ. האָט מען ביינאַכט פאַרבראַכט מיט דער בהמה." ווען מען לייענט די פאַרם־זאַכן פון א. ראַבאָי, האָט מען דעם איינדרוק, אַז די „ווייטע וועסט" איז פאַר אים דאָס, וואָס די בהמה פאַר די גאָלדענבאַרגס. קיין אידעאַלן איז נישטאָ, קיין אויסוועג זעט מען נישט — האָט מען זיך געשפּילט מיט געשטאַלטן פון אַ פערד־יונג אָדער אַ פאַרם־יונג, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּראָבלעמען, וואָס איז פריילעך, האַרעפּאַשנע און זאָרגלאָז, וואַנדערט איבער די ברייטע פעלדער ערגעץ־וואו אין נאָרט דאַקאָטאַ, האָט גאָר קיין פּנים נישט פון קיין יידן, נאָר פון אַן עכטן אַמעריקאַנער, איבערשטייגט נאָך די געבויר־טיקע אַמעריקאַנער מיט זיין קראַפט און אַרבעטזאַמקייט און קריגט סוף־כל־סוף דאָס מיידל פון זיין גלוסטונג.

אָבער אויך אין די פאַרם־דערציילונגען, נישט געקוקט אויף דעם אָנהויך פון ראָמאַנטיזם, איז קיין איבערגעטריבענע אידעאַליזאַציע נישטאָ. אמת, די ליניע צווישן פאַרם־באַס און פאַרם־אַרבעטער איז נישט גענוג שאַרף געצויגן. אָבער די מענטשן זיינען לעבעדיקע. עס שמעקט מיט דער ערדיק׳ער רחבות פון אַ ווייניק קולטיווירטן לאַנד.

ראַבאָי ווערט געראַטעוועט פון ראָמאַנטיזם דורך זיין פּילבאַרקייט פאַר קאָנקרעטע זאַכן. ס׳איז נישט נאָר מענטשן, ס׳איז היגער, הענער און אָקסן און פערד און פויגלען. עס איז בוים און הויז און גאַס און גראָז. עס שוויבלט און גריבלט אין ראַבאָיס ווערק מיט באַשעפענישן. ער אַליין

איז פול מיט בילדער פון זאַכן. קיין זאַך ווערט ביי אים נישט פאַרלוירן. און יעדע זאַך האָט איר אייגענעם קאָליר.

גייט אַ ייד איבער אַטוירני סטריט. „ביי אַטוירני סטריט, מיט די אַנגעפּיקעוועטע טענעמענט הייזער, מיט די קרעמלעך, מיט די געשטעלן, מיט דעם הוא־הא פון האַנדל, מיט יידן פון אַלערליי מינים, מיט בערד און אָן בערד, מיט האַרבעס אויף די פּלייצעס און מיט גלייכע געזונטע יידן; מיט דעם ריח פון ציבעלעס און פיש און מיט דעם ריח פון מאַראַנצן און הערינג און מיט דעם ריח פון גנאַי און שווייס פון ווערד, האָט זיך דער אָוונט שוין היבש אַנידערגעלייגט. אין דעם שמאָלן פּאַס איבער דער גאַס איז געהאַנגען אַ בלאַסער הימל."

ראַבאַי האָט געוואָלט אָוועקגיין פון דער שטאָט, אָבער ער האָט נישט געקענט. די שטאָט — דאָס איז דאָך דער צענטער פון דער סאָציאַלער פּראַגע. די שטאָט האָט אים געמאַטערט. די שטאָט מיט איר אומרו, מיט איר עקספּלואַטאַציע, מיט אירע פאַרהאָרעוועטע און פאַריאָגטע אַרבעטער, מיט אירע קאַמפן, מיט אירע העלדישקייטן און מיאוסקייטן — דאָס אַלעס האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט. דאָ איז ער נישט קיין באַאָבאַכטער, נישט קיין גאַסט. דאָ איז ער אַליין אַ טייל. ער דאַרף געפינען זיין פּלאַץ. ער דאַרף זיך אָריענטירן.

דאָס, וואָס ראַבאַי האָט געשריבן וועגן דער שטאָט, איז אַלעמאָל געווען דורכגעדרונגען מיט סימפּאַטיע פאַרן עקספּלואַטירטן און מיט האַס פאַרן עקספּלואַטאַטאָר. אָבער אָפט האָט ראַבאַי זיך געטאָפּטשעט אויף איין אָרט. אָפט האָט ער זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דער פּערזאָן פונעם באַס אַלס מענטש, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם באַס אַלס עקספּלואַטאַטאָר. דער עיקר: ער האָט נישט געהאַט קיין ריכטונג. אים אַליין האָט געמוזט ענג זיין פון די צאָלרייכע און פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן, וואָס ער האָט מיט אַזאַ לייכטקייט און פייאיקייט געשאַפן, אָבער נישט געוואוסט וואוהין צו פירן.

איצט ווייסט ער. דעריבער האָט זיין שאַפן באַקומען אַ זין. דעריבער איז אים אַליין ווי אַ שטיין אַראָפּ פונעם האַרצן. דער מענטש האָט זיך אויסגעגלייכט. ער איז געוואָרן ייִנגער. אַ זון האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין באַוואוסטזיין. ער האָט דערגרייכט די גרעסטע באַפרידיקונג, וואָס אַ פּראָלעטאַריער קען האָבן אין אונדזער געזעלשאַפט: פאַרבינדן זיינע שעפערישע פייאיקייטן מיט דער אידייע פון דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער־קלאַס.

עס האָבן זיך געהערט שטימען, אַז ראַבאַי דער פריערדיקער, דער

נישט־קאָמוניסטישער, איז געווען „שטאַרקער" ווי דער ראַבאַי דער היינ־טיקער. דאָס איז פּונקט אַזוי ווי עמיצער וואָלט געזאָגט, אַז אַ מענטש מיט פאַרבונדענע אויגן איז שטאַרקער ווי אַ מענטש, וואָס האָלט די אויגן אָפן. דער פאַקט איז, אַז ראַבאַיס טאַלאַנט האָט אויפגעברויזט אין די לעצטע יאָרן זינט ער איז צוריקגעקומען אינעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער. די „מעשה מיט די ניין ברידער" איז דערוויייל דער קרעפטיקסטער, פאַרבנ־דייכסטער און ברייטסטער ראָמאַן, וואָס א. ראַבאַי האָט ווען געשריבן. די סעריע „איזי", וועלכער איז שוואַכער ווי די „ניין ברידער", קען זיך אויך פאַרמעסטן מיט אייניקע פון ראַבאַיס אַמאָליקע ווערק. „מאַיק דער פאַר־מער", ווידער, האָט אין זיך די גאַנצע זאַפטיקייט און האַרט־ביי־דער־ער־דיקייט, וואָס ס׳האָבן געהאַט די בעסטע ווערק פון ראַבאַי אין דעם פעריאָד פאַרן זיין פאַרבינדן זיך מיטן לינקן פראָנט.

א. ראַבאַי איז אַ פּרוכטבאַרער שרייבער. ער איז פול מיט איינפאַלן, בילדער, סצענעס, געשטאַלטן. ער פּראָדוצירט לייכט. ער ווערט נישט מיד. ער איז היינט ווי אַ שריפטשטעלער גאַנצנטער און פרישער ווי צוריק מיט יאָרן.

דער וועג פון א. ראַבאַי מאָלט זיך אונדז ווי אַ ברייטער שטראָם, וואָס גיסט זיך פאָראויס און פאָראויס. ער האָט אָנגעהויבן ברייט. ער האָט גע־פלאָסן אָן רו. עס האָט קיינמאָל נישט געשען, אַז דער שטראָם זאָל ווערן צו שמאָל אָדער צו פלאַך. ערטערווייז איז אים אויסגעקומען דורכצוגיין זאַמדיקע אָדער שטיינערדיקע לענדער. אָבער פאָראויס און פאָראויס, מיטן כוח פון אַן אומבאַצווינגלעכן דראַנג, האָט דער שטראָם זיך געגאָסן ווייטער.

א. ראַבאַי איז איינער פון די אייגנאַרטיקסטע קינסטלער אויפן פּראָ־לעטאַרישן פראָנט. מענטשלעך, געוואָלטיק מענטשלעך, געוואַלטיק נאָענט צו די איבערלעבונגען פון לעבעדיקע מענטשן, אָבער דערביי נישט סענ־טימענטאַל, פשוט מיט אַן ערדישער פשטות, מיט אַ טיפער פאַרשטענדע־ניש פאַר דעם אומאַנטוויקלטן און אומאַרטיקולירטן מענטשן, אָבער דערביי נישט מגושמדיק און נישט פּרימיטיוו. פאָלקסטימלעך, מיט אַ גרויסער סענסיטיווקייט פאַרן טאָן און קלאַנג פונעם לעבן פון דער פאָלקס־מאַסע, אָבער אין דער זעלביקער צייט קינסטלעריש אָביעקטיוו, אָפּטמאָל דורכ־געדרונגען מיט אַ פיינטשאַפט צו דער ירושה פון מיטלאַלטער, וואָס לויערט נאָך אַזוי אָפט אין דער פאָלקסטימלעכקייט פון די מאַסן. קלאָר, כמעט דורכזיכטיק, מיט אַ לייכטער, כמעט שפּילעוודיקער קינסטלער־האַנט, אָבער דערביי מיט אַן אויג, וואָס האַלט שטרענג וואַג און מאָס. רעוואָלוציאָנער, קלאַסן־קעמפעריש, מיט אַ שאַרפער ליבע פאַר די רעוואָלוציאָנערע אַק־

ציעס פונעם פּראָלעטאַריאַט, אָבער קיינמאָל נישט פּראָפּאַגאַנדיסטיש אײ־נעם וואולגאַרן זין פונעם וואָרט, אַלעמאָל — דער מייסטער פון אַ פּאַר־טרעט, אַ סיטואַציע, אַ זשאַנר־בילד, וואָס רעדט פאַר זיך אַליין.

אַ שרייבער — אַ מאַסאָוויק, אין ווען די אַרבעטער־מאַסע פילט אַן אײגענעם מענטשן; אַ מאַסאָוויק — אַ קינסטלער, אין ווען די אַרבעטער־מאַסע שעצט די קינסטלערישע איבערפורעמונג פון אירע אײגענע דער־פאַרונגען; אַ קינסטלער — אַ רעוואָלוציאָנער, אין ווען די אַרבעטער־מאַסע שעצט דעם מענטשן, וואָס פירט זי מיט זיין פען צום קאַמף קעגן דערנידערונג און באַרויבונג. דערפאַר האָט די מאַסע אַזוי האַרציק ליב א. ראַבאָין.

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי געהערט, כראָנאָלאָגיש, צו דער גרופּע „יונגע“ אין דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. מיט אים צוזאַמען, אין די לעצטע יאָרן פונעם ערשטן און אין די ערשטע יאָרן פונעם צווייטן יאָרצענדליק פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, משה־לייב האַלפּערן, משה נאַדיר, דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב, זישא לאַנדוי, ראובן אײַזלאַנד, י. חיימאָוויטש און אַנדערע שרײַבער. די „יונגע“ האָבן געהערט צו פאַרשיידענע ריכטונגען: אויב זיי האָבן טעאָרעטיזירט וועגן זיך, ווי וועגן אַ קאָלעקטיוו, האָבן זיי אַוודאי ניט געטראַכט פון אַ באַשטימטער קונסט־ריכטונג — וואָרום צווישן אָפּאַטאָשו דעם דעמאָלטיקן נאַטוראַליסט, לייוויק דעם סימבאָליסט, מאַני־לייב דעם אימפּרעסיאָניסט און ראַבאָי דעם רעאַליסטישן ראָמאַנטיקער איז קוים געווען אַ צד השווה אין פּרט פון מאַניר, סטיל, פאָרמע. די „יונגע“ האָבן אויך נישט געבילדעט קיין שול“ אין פּרט פון אידעאָלאָגיע: עס איז שווער צו געפינען אַ פּאָזיטיווע אידייען־קרובהשאַפט, נישט צו ריידן וועגן אידייען־געמיינשאַפט, צווישן זישא לאַנדוי, וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער וועלט, משה־לייב האַלפּערן, וואָס האָט געוויינט פון די אומפּאַלקאָמענהייטן פון דער וועלט, לייוויק, וואָס האָט זיך פיל מער אינטערעסירט מיט די אייגענע איבערלעבונגען, ווי מיט דער גאַנצער גרויסער אָביעקטיווער וועלט, אָפּאַטאָשו, וואָס האָט זיך געוואונדערט מיט קינסטלערישער בייגיר איבער די טשעקאַוויעקייטן פון דער אַמעריקאַנישער וועלט, משה נאַדיר, וואָס האָט זיין ניו־יאָרק פאַרצירט מיט פליטערלעך און פּאַטשערקעס געבראַכט פון דער גאַליציאַנער־נאַראַיעווער וועלט, און ראַבאָי, וועמען ס׳האָט גאָר געצויגן אַרויסצוציבערן פון זיין פאַנטאַזיע אַ שענערע, אַן אידעאַליזירטע וועלט. אויך איז נישט געווען ביי די „יונגע“ קיין באַשטימטער אָרגאַניזירטער צענטער, וואָס זאָל זיי פאַרבינדן, זיי געבן אייניקייט און ריכטונג. זייער איינציקער צענטער איז געווען שלומ׳ס קאַפע, און זייער גייסטיקע היים זיינען געוואָרן די זאַמלביכער „שריפטן“,

---

די לעצטע פאַרענדיקטע ליטעראַריש־קריטישע אַרבעט פון אָלגינס פען, געשריבן פאַרן נאָוועמבער־דעצעמבער נומער „ייִדישע קולטור“ (1939), וואָס איז דערשינען שוין נאָך אָלגינס טויט (22טן נאָוועמבער, 1939).

וואו דער דיאַפּאַזאָן פון פּאָעזיע, למשל, איז געגאַנגען פון ווערלען ביז וואַלט וויטמאַן.

און דאָך איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס ס'פאַראייניקט אָט־די גרופּע, וועלכע מען קען מיט רעכט אָנרופן אַ פּלעיאַדע, ווייל פון איר האָבן זיך אַרויסגעאַנטוויקלט עטלעכע שטערן פון דער ערשטער גרויס. זיי אַליין האָבן געמיינט, אַז זיי אונטערשיידן זיך פון די צוויי פריערדיקע דורות יידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע (ווינטשעווסקי, באָוושאָווער, עדל־שטאַט, ראָזענפעלד — און קאָברין, ליבין, פּינסקי) דערמיט, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט וויסן פון קיין „איזמען": זייער מאָטאָ איז, כלומרשט, געווען „נישט סאָציאַליזם און נישט נאַציאָנאַליזם", אָדער, ווי איינער פון זיי האָט דאָס פאָרמולירט: זיי ווילן נישט קיין געטער. זיי האָבן זיך באַוואוסטזיניק אָפּגעטיילט פון די עלטערע שריפטשטעלער, וואָס זיינען אַלע געווען סאָציאַליסטן, האָבן זיך אינטערעסירט מיט סאָציאַלע פראַגן און געשטיצט די אַרבעטער־באַוועגונג און אַמאָל אויך געצאָלט צינז דעם נאַציאָנאַליזם (ווי אַזוי מען קען פאַראייניקן איינס מיטן צווייטן איז אַן אַנדער פראַגע: דאָ האָט געשפּילט זיין ראָלע דער אָפּאָרטוניזם). דער אמת איז אָבער, אַז אויך ביי די „יונגע" האָט מען געקענט אַנטדעקן די „איז־מען", כאָטש אין קלענערע דאָזעס: לייוויק איז געווען אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך געגרויסט מיט זיין סיבירער רעקאָרד; אייזלאַנד האָט אין זיינע אידיליעס שיער נישט געגעבן אַ טאָן פון אַשס „שטעטל"דיקע מאָטיוון; משה־לייב האַלפּערן איז געווען אַ סאָציאַלער בונטאַר; אָפּאַטאָשו האָט געוויזן גאַנץ קלאָרע סימפּאַטיעס פאַר דער אָרעמשאַפט; איגנאַטאָוו האָט געמאַכט עקספּערימענטן אין חסידישער מיסטיק, בשעת משה נאַדיר האָט מיט זיין סאַטירע געפּרוּווט באַקעמפן דעם סאָציאַליזם (אַנטי־סאָציאַליזם איז אויך אַן „איזם"). די „יונגע", ווי אַלע אפילו די „פּאַרנאַסישסטע" קינסטלער איבער דער גאָרער וועלט, האָבן זיך בשום אופן נישט גע־קענט אויסבאַהאַלטן פון אידעאָלאָגיע, און וועדליק די סביבה, אין וועלכער זיי איז אויסגעקומען צו פונקציאָנירן אין אַמעריקע, האָבן זיי זיך אויך נישט געקענט אויסבאַהאַלטן פון סאָציאַלע פּראָבלעמען.

זיי אַליין האָבן אפשר דעמאָלט נישט געקענט פאָרמולירן דאָס, וואָס ס'האָט זיי געמאַכט פאַר אַ גרופּע. פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער דיסטאַנץ לאָזט זיך אָבער דער כאַראַקטעריזיר־מאָמענט לייכט דערקענען: די אַלע „יונגע" האָבן זיך אָריענטירט אויף אַ קולטורעלן לעזער. זיי האָבן געשריבן פאַר אַ מער־אַנטוויקלטן עולם, ווי דער עולם פון די עלטערע שריפטשטעלער־דורות.

סיי דער ערשטער, סיי דער צווייטער דור שריפטשטעלער האָבן איג־זיגען געהאַט דעם „עמך". זיי האָבן פאַר זיך געזען דעם ברייטן פּראָלע־טאַרישן און קליינבירגערלעכן עולם (שאַפּ־אַרבעטער און פּעדלער), פאַר וועמען זיי האָבן געשריבן און צו וועמען זיי האָבן (באַוואוסט אָדער אומ־באַוואוסט) צוגעפּאַסט זייער שפּראַך און זייער מאַניר. דאָס הייסט בשום אופן נישט, אַז זיי האָבן דעגראַדירט זייער טאַלאַנט אָדער פאַרביליקט זייער שפּראַך: חלילה. דאָס הייסט נאָר, אַז זיי האָבן כסדר געהאַט פאַר די אויגן דעם מאַסן־לייענער, וואָס זיי האָבן וועגן אים געטראַכט, אַז ער שטייט אויף אַ נידעריקער מדרגה, אַז ער האָט קיין אויער נישט פאַר די פיינערע ניואַנסן, אַז ער האָט קיין חוש נישט פאַר טעמעס, וואָס טרעטן אַריבער דעם גדר פון זיין ענגען עקזיסטענץ־קרייז, אַז ער איז בלינד פאַר די אידעאלערע עסטעטישע ווערטן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פּאָפּולערע ליטעראַטור פון אַ באַשטימטן מין. די פּאָפּולערקייט האָט אין זיך געהאַט סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע זייטן, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם. די פּאָפּולערקייט גופא איז אָבער אַ פאַקט.

קעגן אָט־דער פּאָפּולערקייט איז אויפגעשטאַנען די גרופּע „יונגע". זיי האָט זיך געדאַכט (מיט רעכט אין אַ סך פּרטים), אַז עס פאָדערט זיך אַ ליטעראַטור אַ ווייכערע, אַ מער פּולבלוטיקע, אַ מער פילפאַרביקע, אַזעלכע וואָס זאָל נישט מורא האָבן צו ריידן מיט אַן אייגענעם קול אויף איר אייגענער שפּראַך, נישט קימערנדיק זיך, צי מען וועט זי פאַרשטיין, צי נישט. זיי האָבן געהאַט פאַר די אויגן אַ לייענער, וואָס קען געניסן אַ ליטעראַטור אַ דערוואַקסענע, אַ גלייכבאַרעכטיקטע מיט אַנדערע ליטע־ראַטורן.

דער דאָזיקער לייענער האָט עקזיסטירט ערשט ווי אַן עמבריאָ: דאָס איז געווען דער „אויסגעגרינטער" מאַסן־מענטש, וואָס האָט זיך שוין גע־נוג „אַרויפגעאַרבעט" צו קענען הנאה האָבן פון די בעסערע ליטעראַרישע ווערק, אָבער נישט אָנגעוואָרן זיין צובונד צו יידיש. דאָס איז געווען דער זייער דינער, אָבער דאָך שוין אויפגעקומענער, שיכט פון דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ (לערער, שריפטשטעלער, מאָלער, טעאַ־טער־מענטשן), וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש. די גרופּע „יונגע" האָט, אַזוי צי אַזוי, געפילט, אַז זי קען שוין ריידן נישט פון אויבן אַרונטער, נאָר ווי גלייכע צו גלייכע. און דאָס האָט געגעבן אַ באַזונדערן כאַראַקטער דער אַרבעט פון אָט־די שרייבער.

אין אמתן האָבן זיי אַ טעות געהאַט אין חשבון; ס'איז אָבער געווען אַ טעות, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט דורך אים פאַרמעל פּראָפי־

טירט. זיי האָבן אונטערגעשאַצט דעם פּראָלעטאַרישן מאַסן־לייענער, וועל־כער האָט סוף־כּל־סוף געבילדעט דעם ראשו ורובו פון זייער לייענער־עולם און וועלכער האָט זיי געגערט אַ פּערטל יאָרהונדערט מיט זיין באַוואונדערונג, ליבשאַפט און מאַטעריעלע מיטלען; אָט דער טעות האָט זיך אָפּגעשפּיגלט צום שלעכטן אין זייער אידעאָלאָגיע, אין דער אויסוואַל פון זייערע טעמעס: דערווייטערונג פון דער מאַסע; אינזיכיזם; געיעג נאָך עקזאָטיק; פּסיכאָלאָגיזם; אידעאַליזאַציע פון עבר און אַז. וו. אין פּרט פון שפּראַך און ליטעראַרישן אויסדרוק האָט די גרופּע „יונגע" דאָך געמאַכט אַ טריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיט די עלטערע. אָן איבער־טרייבונג קען מען זאָגן, אַז זי האָט געשאַפן אַ נייע יידישע ליטעראַרישע שפּראַך, אַז זי האָט דערהויבן די יידישע ליטעראַטור אויף אַ הויך, וואָס וואָס האָט אויסגעזען אוממעגלעך פריער מיט עטלעכע יאָר, אַז זי האָט זי באַרייכערט מיט אַ גרויסער צאָל נייע מאָטיוון און האָט אַנטוויקלט די מייסטערשאַפט, וואָס דער נייעסטער דור, דער פּראָלעטאַרישער, דאַרף ערשט קענען אויסנוצן, כּדי צו דערהויבן די איצטיקע יידישע ליטעראַטור אויף נאָך אַ גרעסערער הויך.

צווישן דער גרופּע „יונגע" פאַרנעמט א. ראַבאַי זיין אייגענעם, אייגנ־אַרטיקן און אָנגעזעענעם אָרט.

***

ער איז בכלל אַן אייגנאַרטיקער מענטש. אַ זון פון אַ בעסאַראַבער שטעטל — און דאָך איינער פון די גרויסשטאָטישסטע מענטשן, וואָס אונ־דזער ליטעראַטור האָט אַרויסגערוקט. אַ זון פון אַ בירגערלעכער פאַמיליע — און דאָך אַ פּראָלעטאַריער, וואָס קען דאָס פאַבריק־לעבן פון אייגענער לאַנג־יאָריקער אומאויפהערלעכער דערפאַרונג. אַ מענטש פון אָרטשאַרד סטריט און אַטורני סטריט, מיט די שעפּער און קראָמען און פושקאַרטס און בעיסמענטס * און דעם גאַנצן הוא־האַ — און דאָך נישט קיין תושב אין דעם איסט־סאַיד געמויזעכץ: אין יעדער תנועה און האַוואַיע זיינער פילט זיך איינער, וואָס לעבט מיט זיין טיפסטן מהות אין אַן אַנדער וועלט, עפּעס אַן אַ שיעור אַ לויטערער און אַ ברייטער און שוואונגפולער און מאַניענדיקער; און טאָקע ווייל אָט־די וועלט לאָזט זיך אין אים דער־קענען פון דעם ערשטן קוק אָן, דעריבער ווערט ער אַליין אַ שטיק וואונדער: אַ היגער און נישט־היגער, אַן אונדזעריקער און אַ שטענדיק־נישט־דער־

---

* שעפּער — ווערקשטאַטן, פּושקאַרטס — שטופּ־וועגעלעך (פון גאַסן־הענדלער), בעיסמענטס — קעלער־וואוינונגען. — רעד.

קענטער, אַ פּראָסטער און אַזאַ מערקווירדיק קאָמפּליצירטער. אַ שאָפּ־מענטש — און אַ גאָר היימישער אין די ברייטע אַמעריקאַנער פעלדער, אין דער אומענדלעכער מערבדיקער ווייץ־פּרעריע, אין די גראָז־סטעפּעס, וואו עס יאָגן זיך די גרויסע סטאַדעס פערד און עס רייטן די קאָובאָיס. אַ מענטש אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער, אַ צוריקגעצויגענער — און אָנגעפּילט מיט אַ גבורה, וואָס איז שטאַרקער פון אייזן. אַ מענטש אַ גייסטיקער, וועמעס יעדע שורה זינגט וועגן דעם פּרימאַט פון גייסט איבער מאַטעריע, וועגן אויפבליץ פון גייסט אינעם חושך פון כאַאָס — און אַ ליבהאָבער פון פיזישע צוזאַמענשטויסן, פון מגושמדיקן קראַפט־אויסדרוק, פון מעכטיקער באַוועגונג. אַ מענטש אַ יידישער ביזן מינדסטן נאָגל, מיטן יידישן טאָן און יידישן שטייגער און יידישן ריטם און אַמאָל טאָקע יידישן קרעכץ אויך — און אין דער זעלביקער צייט אַ פערד־יונג, אַ פּויער, אַן ערד־אַקערער און גאָרטן־פּלאַנצער מיט אַ „נישט־יידישער", ד. ה. ביי גרויסע מאַסן יידן זעלטן געזעענער, צערטלעכקייט צו רוי־ערד, ערד־זאַפט, ערד־קראַפט, תבואה, בוים, פון וועלכע ער, ראַבאַי, פילט זיך ווי אַ טייל אויף אַ כמעט־פּאַנטעאיסטישן אופן. אַ געלאַסענער דערציילער מיט אַ שטילן בנעימותדיקן קול פון אַ צנועדיקער מינע — און הינטער דעם רואיק־לויפנדיקן טייכל פון זיין ספּור המעשה גייט אַן אומרואיק וויברירן פונעם נישט־דערזאָגטן.

אַן אייגנאַרטיקער מענטש — א. ראַבאַי. אייגנאַרטיק איז געווען זיין ליטעראַרישער וועג.

ער האָט אָנגעהויבן מיט די „יונגע". ער איז געווען זייער שיינדלינג. אָבער ער האָט צווישן זיי פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט. ער האָט געהערט צו דער מינדערהייט זייערער, וואָס איז געווען אויסגעבונדן מיט דער מאַסע. ער האָט געבראַכט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט אַ געניטע באַקאַנטשאַפט מיט שאָפּ־אַרבעט, אַ געניטע באַקאַנטשאַפט מיט פערד־צוכט און מיט אַגריקולטור, וואָרום ער איז געווען דורך יאָרן אי אַן אַרבעטער, אי אַ פערד־ציכטלער, אי אַ שילער אין אַן אַגריקולטור־שול. ער האָט אָבער געבראַכט נאָך עפּעס: אַ ליבשאַפט פאַר די עקספּלואַטירטע, אַ געפיל פון אומצופרידנקייט צוליב דעם סאָציאַלן אומרעכט אויף דער וועלט, אַ שטרעבונג צו גערעכטיקייט.

ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן וועג מיט עפּעס, וואָס האָט אויסגעזען עקזאָטיש ביי יידן: „הער גאָלדענבאַרג", „אַ פּאַס פון ים". דאָס האָט שטאַרק אויסגענומען, ווייל ס'איז געווען גאָר ניי אין דער יידישער ליטעראַטור: יידן, וואָס אַקערן די ערד ערגעץ־וואו אין קאָנעטיקוט אָדער

ביו־דזשוירזי; יידן, וואָס פֿאָרן אַרויס אין דער ווייטער וועסט, פֿאַרדינגען זיך ווי „פֿאַרם־הענט“ ביי נישט־יידישע פֿאַרמערס, טוען די שווערע און גאָר „נישט־יידישע“ אַרבעט פֿון אַקערן און זייען און שניידן און רייטן אויף ווילדע פֿערד און טיילן דאָס לעבן פֿון די איינגעפֿונדעוועטע, פֿאַרהאַרטעוועטע און שטרענגע פֿאַרמערס־באַלעבאַטים, כדי נאָכן סעזאָן אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווי אומנויטיקע, און ווידער נעמען וואַנדערן איבער דער ברייט פֿון די שטאַטן. ס׳איז געווען אומגעריכט, פֿאַרכאַפּנדיק. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַן אַרויסרוף דער שטאָט. ס׳האָט ווי געטראָגן מיט זיך אַן אידעאָלאָגיע: זעט, ווי דאָס מענטשלעכע לעבן קען זיין פֿאַרשיידן פֿון דעם שאַפּ־מאַנאָטאָן.

אָבער א. ראַבאָי איז נישט אויסן געווען די עקזאָטיק. אפשר האָט ער גאָר קיינעם נישט געוואָלט מוסרן אָדער לערנען. ער האָט געוואָלט דערציילן אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואָסערע מענטשן עס זיינען דאָ אויף דער וועלט. עס האָט אים געצויגן צו מאָלן אַ סביבה מיט פֿערד און מיט ווילדן רייט, וואָס איז אים געווען גוט באַקאַנט. און דער סוד, פֿאַרוואָס די זאַכן האָבן געמאַכט אַזאַ טיפֿן איינדרוק, איז געווען נישט נאָר אין דער טעמאַטיק, נאָר אין דעם טאַלאַנט פֿונעם שרייבער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ טאַלאַנט אַ זאַפּטיקן, אַ פֿען אַ זיכערער, אַן אויג, וואָס זעט פֿאַרבן, אַ באַאָבאַכטער, וואָס דערפֿילט מענטשן און שטעלט זיי פֿאָר לעבעדיק און רירעוודיק, אַ דערציילער, וואָס ווייסט, ווי אַזוי אַריינצופֿירן אין אַ מעשה און פֿאַראינטערעסירן און אָנהאַלטן דעם אינטערעס און דערפֿירן צו אַ סוף און פֿאַרענדיקן אַזוי, אַז ס׳זאָל בלייבן דער איינדרוק פֿון אַן אויסגעפֿורעמטן שטיק לעבן. ס׳האָט זיך געפֿילט אינעם שרייבער אַ פֿרישקייט, אַן עכטקייט, אַ פּאָעטישקייט, אַן ערלעכקייט פֿון באַשרייבונג, אַ בצמצומדיקייט פֿון אויסדרוק, אַ לויטערקייט פֿון פֿאַרבן. ראַבאָיען האָט מען באַלד דערקענט. א. ראַבאָי האָט פֿאַרנומען אַן אויבן־אָן אין דער נייער „יונגער“ ליטעראַטור. ראַבאָיס קאַריערע איז געווען אַ „געמאַכטע“.

אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיך שוין געהאַלטן אָן די טעמעס, וואָס האָבן אים אויסגעטיילט פֿון דער גאַנצער גרופּע (איין דוד איגנאַטאָוו האָט געפּרואווט די זעלביקע טעמעס: „פֿיבי“ און אַנדערע דערציילונגען, נאָר ס׳האָט זיי געפֿעלט די אוממיטלבאַרקייט פֿון ראַבאָיס שאַפֿן; ס׳איז נישט געקומען פֿון אַזאַ טיפֿן קוואַל). ער וואָלט שוין גענומען דאָס דאָרף און די נאַטור און די פֿערד פֿאַר זיין ליטעראַרישן „פֿערדל“. נישט א. ראַבאָי. אים האָט געצויגן נישט אַזוי צו זיין אייגנאַרטיק, „באַזונדער“,

ווי צו דערציילן דאָס, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן מענטשן און זייער לעבן. און געוואוסט האָט ער גאָר אַ סך וועגן אַ סך זייטן פונעם יידישן מאַסן־לעבן סיי אין דער אַלטער בעסאַראַביע, סיי אין די געדיכטע יידישע געגנטן פון ניו־יאָרק.

האָט א. ראַבאָי נישט מורא געהאַט אָפּצוקירעווען זיך — אויף דער־ווײַלע — פון די טעמעס, וואָס האָבן אים געגעבן דעם גרויסן דערפאָלג, און זיך נעמען צו אַזוינע געביטן, וואָס זיינען געווען דאָס טראַדיציאָנעלע אייגנס פון דער יידישער אַמעריקאַנער ליטעראַטור: שאַפּ, פושקאַט, גרי־נער, טענעמענט, בענקשאַפט פון אַרבעטס־מענטש צו מענטשלעכערן לעבן.* פון גרעסערע ווערק, וואָס מען קען אָנרופן „נאָוועלעס", קורצער ראָמאַן, גייט ער אָפּט איבער צו גאָר קליינע שילדערונגען, אַמאָל מיניאַ־טורן. דאָ קומט אים אויס צו קאָנקורירן מיט אַ סך אַנדערע יידישע שריי־בער. אָבער אים דערקענט מען. ער בלייבט אייגנאַרטיק, ראַבאָאיש.

און דאָ האָט געקענט קלאָר ווערן פאַר אַ געניטעם באַאָבאַכטער, אַז ראַבאָיס וועגן הויבן זיך אָן פאַנאַנדערגיין מיט די וועגן פון די „יונגע". פּראָסט־פּשוט: אים ציט צו די האַרעפּאַשנע מאַסן. ער איז איינער פון זיי. ער פילט זיך אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט זייערע קאָלעקטיווע ליידן און פאָדערונגען און אויך קאַמפן. ער רעדט נישט צו די זעלביקע מענטשן וועמען עס האָבן זיך געמאָלן די „יונגע": נישט צו די קאָפּע־בירגער, וואָס האָבן פאַרביטן די ברייטע וועלט אויף שאַרפזיניקע און אָפט ראַפינירטע „קאָלעגיאָלע" געשפּרעכן, נישט צו דער אויסגעפּאַנטאַזירטער סופּערסענ־סיטיווער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געדאַרפט זיין דער אייגנטלעכער גע־ברויכער פון די ליטעראַרישע ווערטן. א. ראַבאָי האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר דער קאָפּע און קיין באַזונדערע סימפּאַטיע פאַר דער מערסטנס־נישט־עקזיסטירנדיקער „ליטעראַרישער" אוידיטאָריע. ער איז נישט גע־ווען קיין מיטגליד פון דער אויפגעקומענער יידישער באָהעמע. ער האָט דערפאַר אָבער געהאַט אַ לעבעדיקן חוש פאַר די שאַפּ־מענטשן און אַ נאַ־טירלעכע נייגונג צו זייער אופן ריידן.

אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז א. ראַבאָי, זייענדיק נאָמינאַל אַ מיטגליד פון דער גרופּע „יונגע", פון דעם, וואָס מיר האָבן, צוליב טערמינאָלאָגיע־באַקוועמלעכקייט, באַצייכנט ווי דעם „דריטן דור יידישע שרייבער" אין

---

* שאַפּ, פושקאַרט — זע פריער. טענעמענט — אַ גרויס געמויערט הויז אָן מאָדערנע איינריכטונגען, באַוואוינט פון אַ סך פאַמיליעס — כאַראַקטעריסטיש פאַר די אָרעמע געגנטן פון ניו־יאָרק.

אַמעריקע, האָט פאַרגעזעצט די בעסטע טראַדיציע פון דעם צווייטן. ער האָט אַריינגענומען אין זיך דאָס נייע, דאָס גוטע, וואָס די „יונגע״ האָבן געבראַכט אין פרט פון העכערער ליטעראַרישער קולטור, ברייטערע קונסט־מאַסשטאַבן, אָבער לויט זיין מהות איז ער געווען אין דעם זעלביקן ברייטן שטראָם, אין וועלכן עס איז געגאַנגען דאָס שאַפן פון שרייבער־סאָציאַ־ליסטן, שרייבער מיט אַ סאָציאַלן באַוואוסטזיין. ראַבאָי האָט געהערט צו די „יונגע״, אָבער געוואָרן איז ער אין אמתן אַ מין בריק צווישן דעם צווייטן דור און דעם דריטן. דורך אים מער ווי דורך אַנדערע „יונגע״ האָט די טראַדיציע פון סאָציאַלער יידישער ליטעראַטור אַריבערגעשפּאַנט אין אַ נייער תקופה.

דאָס מערקווירדיקע דערביי איז דאָס, וואָס ראַבאָי אַליין האָט, לויט זיין שפּעטערדיקן עדות זאָגן, נישט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. ער האָט געפאָלגט זיין שאַפונג־דראַנג — און נישט געפרעגט קיין שאלות. ער האָט געשריבן וועגן די זאַכן, וואָס האָבן זיך געבעטן פאַרגעשטעלט צו ווערן — און דאָס האָט אים באַפרידיקט. ער האָט זיך בכלל ווייניק גע־קימערט וועגן אידעאָלאָגיעס, ריכטונגען, שולן. ער איז, דאַכט זיך, געווען איינער פון די אינסטינקטיווסטע שרייבער ביי יידן.

אָבער דאָך איז ער נישט געבליבן — אינגאַנצן אומבאַוואוסט — אויסער דעם איינפלוס פון די „יונגע״. דאָס האָט זיך געלאָזט פילן נישט אַזוי אין דער טעמאַטיק, ווי אין דעם סטיל. געווען ביי אים אַ ראָמאַנ־טישקייט, וואָס האָט ווי אַ דינער הויך באַדעקט זיין פונדאַמענטאַלן רע־אַליזם. געווען אַ צוגאָב פון אימפּרעסיאָניזם, וואָס האָט אַמאָל פאַרווישט די קאָנטורן. געווען אַ ליריזם, וואָס האָט געהאַט אַ נייגונג אַריבערצוגיין אין אַ מין לייכטן מיסטיציזם.

ס'איז נישט געווען זיינס, זיין אייגנס. אָבער ס'האָט זיך געפונען אין זיינע ווערק און ס'האָט זיי געגעבן דעם אָנבליק פון „ליטעראַרישקייט״, בשעת דער מענטש האָט געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין אַ שאַפער פון עכטער ליטעראַטור.

אָט איז אַ ביישפּיל. הירש זיידנבערג איז אין זיין יונגט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. ער האָט געלעבט מיט אַן אָרעמער מיידל, זי געלאָזט אויף הפקר אַ טראָגנדיקע און אַליין חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. הירש זיידנבערג איז איצט אַ מיטליאָריקער רייכער מאַן. א. ראַבאָי וויל דער־ציילן, אַז דאָס פאַרברעכן איז אים נישט אָפּגעגאַנגען גלאַט. שרייבט ער אַן עסקיז, ווי אַזוי זיידנבערג פאַרט אַרויס איינער אַליין ביינאַכט אין וואַלד. זיידנבערג זעט „אַ געשטאַלט מיט הויכע דינע פיס, לאַנגע שאַרפע

העכט, מיט אַ דיינעם גוף, דורך וועלכן מען קען זען, אַזוי ווי דורך אייז, גייט אויף פון הינטער דעם בריקל." טראַכט ער, אַז דאָס איז אַ שד, און ער פאָרט ווייטער. דערזעט ער אָבער ביים לינקן פליגל פונעם שליטן אַ פרויען־געשטאַלט מיט אַ רויטן קאָפּ האָר. זי טראָגט אַ קינד ביי דער ברוסט. און די געשטאַלט וואַקסט אויס, און ער זעט זי דייטלעכער, און זי רעדט:

„דו, הירש, ביזט דאַן יונג געווען, און יעדן שבת־נאַכטס פלעגט זיך דער וואַלד אָנצינדן און פלאַקערן מיט דעם זעלבן פלאַם, אין וועלכן איך און דו האָבן זיך געבאָדן. און קיינער פלעגט נישט זען . . . און איין מאָל, אין אַ ווינטערדריקן אָוונט, האָב איך דערפילט, אַז איך באַדאַרף אַ קינד צו דיר געבוירן. מען האָט מיר אָנגעזאָגט פון דיין חופּה־נאַכט מיט אַן אַנדערער שטעטלדיקער טאָכטער. די כאַלופּקע, אין וועלכער איך בין געלעגן און געברומט פון מיינע ווייען, איז פלוצים איינגעפאַלן. איך בין געבליבן אויף דעם נאַקעטן פראָסט. די בוימער זיינען אַלע צעלאָפּן פון שרעק. און איך בין, איינע אַליין, פאַרפרוירן געוואָרן אין אַ שטיק אייז.

„און אַז עס קומט אָן דער פרילינג, ווער איך צעגאָסן אין אַ קלאָרן וואַסער, פון דער זון, און פליסנדק צווישן די גראָבע דעמבעס, מיט אַראָפּ־באַרג, גיס איך זיך אַריין אין דעם קליינעם קרא־קרא־קרא־טייכל."

דער סוף איז: הירש זיידנבערג וואַרפט אַוועק זיינע געשעפטן און זיין ווייב, ער גייט אַרום איבער די געסלעך אַן אָפּגעריסענער, מיט אַ פאַרוואַקסן אָפּגעבערענט פּנים, און יעדן איינעם, וואָס ער באַגעגנט, זאָגט ער שטיל:

„מיין וואַלד ברענט."

אַז עס קומט ווינטער, פאַרשווינדט ער ערגעץ אין די וועלדער און קיינער קען אים נישט אָפּזוכן („מיין וואַלד ברענט").

דער ראָמאַנטיזם איז דאָ אין דעם גאַנצן אופן פון שילדערן זיידנבערגס איבערלעבונגען, אין דער באַשרייבונג, ווי דאָס אומגליקלעכע מיידל־מוטער איז אומגעקומען, און אין דער גאַנצער מיסטעריע, וואָס א. ראַבאַי האָט אויסגעוועבט אַרום דעם משוגע־ווערן פון זיין העלד. אַלצדינג אָטעמט דאָ מיט ראָמאַנטיק: שטאַרקע אויסערגעוויינטלעכע ליידנשאַפטן, גע־היימניספולע סביבה.

אָבער אַט אין אָט־דעם פּעריאָד, ווען די געזונטע פאַרם־אַרבעטער און פערד־יונגעז זיינען ביי אים געווען באַשאַנקען מיט ראָמאַנטישע אייגנ־שאַפטן און אין אַ ריין־ראָמאַנטישן עסקיז האָט ער אַריינגעטראָגן סימנים פון געזונטן רעאַליזם, האָט ראַבאַיען כסדר געצויגן צו אַנדערע מאָטיוון.

סאָלאָמאָנס פינף הונדערט אַרבעטער גייען דווקא נישט אַרויס אין סטרייק. זיי זיינען מסתמא נאָך נישט גענוג באַוואוסטזיניק און גענוג אָרגאַניזירט. אָבער סאָלאָמאָנס טאָכטער, וועלכע אַרבעט ביי אים אין אָפיס, האָט אָפּגע־דרוקט אַ בריוו אין אַ יידישער צייטונג וועגן דער עקספּלואַטאַציע אין איר פּאָטערס שאָפּ. שטייט דאָרט:

„מיין פאָטער באַדאַרף נישט האָבן קיין פּלאַץ אין אייער געזעלשאַפט — איר פירער פון אייער פּאַרק און מענטשן פון פרייען גערדאַנק און פאָלקס־וואָרט. מיין פאָטער קריכט אַרויף צו דעם עקאָנאָמישן טורעם אויף אַ לייטער, וואָס ער פלעכט פון מיידלשע צאַרטע הענט. ביי מיין פאָטער אין שאָפּ זיצן ביי פינף הונדערט מיידלעך און אַרבעטן פאַר אַ לויך, וואָס שקלאַפן וואָלטן אָפּגעשטויסן. ביי מיין פאָטער אין שאָפּ זיצן פינף הונ־דערט מיידלעך טאָג איין, טאָג אויס, און זיי טאָרן נישט אַ לאַך טאָן, ווי אַ מיידל דאַרף צו טאָן; זיי טאָרן נישט אַ זינג טאָן; זיי טאָרן נישט אַ שמועס טאָן איינע מיט דער אַנדערער, ווייל מיין פאָטערס מענטשן שטייען און וואַכן איבער זיי פון פריען מאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. און איצט פרעג איך ביי אייך, צי איז דאָס רעכט, אַז אַזאַ מענטש, ווי מיין פאָטער, זאָל האָבן אַן אָרט צווישן אייך?" („סאָלאָמאָן").

ראָזי, די פאַרפאַסערין פון דעם בריוו, איז בלי ספק אַ ראָמאַנטישע פיגור. אָבער די באַדינגונגען, וואָס ווערן דאָ געשילדערט, און דער פּראָ־טעסט קעגן עקספּלואַטאַציע, וואָס שרייט אַרויס פון דעם בריוו, האָבן נאָר געוויזן די באַציאונג פונעם שרייבער צו דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און צו דער לאַגע פונעם פּראָלעטאַריאַט. דאָ איז שוין נישט קיין אַלגעמיינע פּאַטעטישע בענקשאַפט נאָך אַ וועלט פון האַרמאָניע און שיינקייט. דאָ איז אַ גאַנץ קאָנקרעטער אַרויסרוף צו פינף הונדערט מיידלעך: פאַרוואָס אָרגאַניזירט איר זיך נישט? פאַרוואָס קעמפט איר נישט קעגן שקלאַפישע באַדינגונגען?

ראָזי האָט באַשלאָסן אַרבעטן ביים פאָטער אין שאָפּ באַגלייך מיט אַלע מיידלעך. פיליפּ, איר רייכער חתן, געפינט די אונטערנעמונג „שפּאַ־נענד", „העכסט אינטערעסאַנט". ער פרעגט:

„און אויב דיין טאַטע וועט דיר נישט באַצאָלן גענוג פאַר דיין אַר־בעט, וועסטו זיך מיט אים צעקריגן און גיין אין אַנדער שאָפּ?"

פיליפּ וויצלט זיך, אָבער ראָזי ענטפערט גאַנץ ערנסט:

„נישט נאָר אויב ער וועט מיר נישט באַצאָלן גענוג, וועל איך זיך צעקריגן, נאָר אויך אויב ער וועט די אַנדערע מיידלעך נישט בעסער באַהאַנדלען."

דאָ איז געווען אַ דירעקטער צוגאַנג צום קלאַסן־קאַמף אין זיינע זייער באַשטימטע פאָרמען. איבער דעם גאַנצן האָט נאָך געוויט אַ גייסט פון אומגעווינטלעכקייט, פון איבערגעטריבענער קוים־רעאַלער העראָאיק (אַן אָפקלאַנג, אגב, פון ראַבאָיס אייגענער דערפאַרונג, וואָרום ער אַליין האָט פאַרזוכט דעם טעם פון עקספּלואַטאַציע אין טאַטנס שאָפ), אָבער דאָס איז געווען אין דער ליניע פון סאָציאַלע קאַמפן אין דער יידישער סביבה.

עס איז נאָר געווען נאַטירלעך, אַז אַט־די גרונט־אייגנשאַפט פון זיין קינסטלערישער אַרבעט זאָל אים סוף־כל־סוף ברענגען צום לאַגער פון די פראָלעטאַרישע שריפטשטעלער און צו דער פראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף־אידעאָלאָגיע. שוין אַ זייער באַרימטער שרייבער, אַ זייל פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור, שליסט ער זיך אָן אָן דעם פראָלעטאַרישן פראָנט.

עס האָט אַנדערש נישט געקענט זיין, ראַבאָי האָט געהערט צום פראָלעטאַרישן לאַגער נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מיטגליד פון די „יונגע“. ער האָט קיינמאָל נישט געטיילט זייער אינטעליגענטישע אַראָגאַנץ. ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז ער איז אָפגעטיילט פון דעם פאָלק און שטייט איבער דער מאַסע. ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין אַזאַ טעמאַטיק, וואָס זאָל זיין ספּעציפיש־„ליטעראַריש“. ער האָט געשריבן וועגן זיינע פאַרם־יונגען אין דער וועסט נישט צוליב אויסטערלישקייט, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט מאָלן אַ געוויסע, אים באַקאַנטע, סביבה. ער האָט געשריבן אויף אַן אופן, וואָס די אַרבעטער־מאַסע האָט געקענט פאַרשטיין.

א. ראַבאָי האָט זיך נישט געדאַרפט „איבערברעכן“. ער האָט נישט געדאַרפט צופאַסן זיין אידעאָלאָגיע צו דער ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן אין דער פראַקטיק. די אַרבעט גופא האָט ער געדאַרפט ענדערן נאָר אין געוויסע פרטים, אין געוויסע אַספּעקטן. רעוואָלוציאָניזירן זי פון אָנהויב ביזן סוף האָט ער נישט געדאַרפט. ער האָט זי נאָר געדאַרפט, ווי ער האָט נאָכדעם געזאָגט, „אויסגלייכן“. ער האָט געדאַרפט זיך אַליין קלאָר מאַכן, „צוליב וואָס ער שרייבט.“ דאָס איז אים געווען גאָרנישט שווער. עס איז געווען ווי קומען אַהיים.

און אַזוי איז געשען, אַז א. ראַבאָי איז געוואָרן אַ מין בריק צווישן דעם דריטן דור אַמעריקאַניש־יידישע שרייבער, די „יונגע“, און דעם נייעסטן דור — די פראָלעטאַרישע שרייבער. און דערפון איז שוין קלאָר, אַז אין דער פערזאָן פון א. ראַבאָי האָבן מיר אַן איין־און־איינציקע דערשיינונג פון אונדזער ליטעראַרישער וועלט: ער האָט געבראַכט אין דער

פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור די סאָציאַלע טראַדיציע פון דעם צווייטן דור און די מייסטערשאַפט פונעם דריטן דור; ער האָט דאָס איבערגעשמאָלצן אין די שטראַלן פון דער היינט־צייטיקער קאַמף־אידעאָלאָגיע און אַרויפגעפירט אויף אַ נייער מדרגה.

***

מיט דער צייט ווערן ביי א. ראַבאַי די ראָמאַנטישע שטריכן אָפּגעשוואַכט, די רעאַליסטישע ווערן שטאַרקער. עמיצער וועט זאָגן, אַז דאָס איז אַן איבערגאַנג פון יוגנטלעכקייט צו רייפקייט. דאָס אויך, געוויס. דעם קינסטלערס טאַלאַנט ווערט צייטיקער. דער שרייבער פילט אין זיך מער כוח צו שילדערן זיינע זעאונגען און אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען, נישט פאַרטושנדיק זיינע ליניעס און נישט אַנטלויפנדיק פון דערווירקלעכקייט אין אַ וועלט פון אויסגעטרוימטע העלדישקייטן און אַרויסגעצויבערטע מעכטיקע געפילן. עס איז אין דער נאַטור פון אַ טאַלאַנט, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, אַז ער זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן די לבושים פון ראָמאַנטיק, ווי אַ פרוכט, וואָס האַלט אין וואַקסן, וואַרפט פון זיך אַראָפּ די בלומען־בלעטלעך. אויך אַזאַ ריז, ווי גאָרקי, האָט דורכגעלעבט אָט־דעם פּראָצעס. נישט מער — ביי אים איז דאָס געווען שנעלער, ווי ביי א. ראַבאַי.

דער איבערגאַנג צו געזונטן רעאַליזם איז אָבער ביי א. ראַבאַי געווען אויך באַאיינפלוסט דורך זיין אידעאָלאָגיע, דורך זיין נאָענטקייט צום קלאַסן־קאַמף, דורך זיין ברענענדיקער ליבשאַפט צו די האַרעפּאַשניקעס. פריער איז דאָס געווען אומבאַוואוסט; נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אָן פּראָלעטאַרישן פראָנט, איז דאָס געוואָרן באַוואוסט. איצט פאַרשפּאַרט ער אויסטראַכטן העלדן מיט גיגאַנטישע נאַטורן. ער געפינט זיי אין טאָגטעגלעכן לעבן. איצט דאַרף ער מער נישט שילדערן אויסגעפאַנטאַזירטע דראַמאַטישע סיטואַציעס: איצט דערקענט ער זיי אינעם לעבן אַרום אונדז. דער „פּאַר מאַרקעט" * איז אַ שלאַכטפעלד, אין וועלכן עס ווערן אָפּגעטאָן די העלדישסטע מעשים. דער מיטינג־זאַל איז אַ קאַליזיי פון וואונדערבאַרע העראָאישע פיגורן. די געשיכטע פון פּראָלעטאַרישער אייניקייט איז מער פאַרכאַפּנדיק פאַר ראַבאַין, ווי די שענסטע סאַגאַ.

* בוכשטעבלעך איבערזעצט — פוטערוואַרג־מאַרק. אין אמתן באַדייט עס — בירזשע פון די פוטערוואַרג־אַרבעטער; די געגנט אין ניו־יאָרק, וואו די פוטערוואַרג־אינדוסטריע איז קאָנצענטרירט.

א. ראַבאָי ווערט דער רעאַליסטישסטער פון אַלע אונדזערע שרייבער — אַחוץ אפשר דוד בערגעלסאָן. אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער, ראַבאָי־שער רעאַליזם: די ווירקלעכקייט איז דאָ דאָ מיט אַלע אירע שטריכן, מיט אירע מענטשן און זייערע באַציאונגען. אָבער געזען ווערט זי דורך אַ ספּעציפיש ליכט, וואָס גיט איר אַן אייגנאַרטיקן אויסזען. מען קאָן ריידן וועגן אַ באַזונדערער ראַבאָישער אַטמאָספערע, אין וועלכער עס געפינען זיך אַלע זיינע העלדן. דאָס דאַרף מען דערפילן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט יעדער אַטמאָספערע. די זאַכן, וואָס געפינען זיך אויף אַ גרויסן פּלאַץ אין אַ גרויס־שטאָט, ווערן געזען אין אַן אַנדער ליכט, ווי די זאַכן, וואָס אין אַן אַלפּען־געגנט הויך אויף אַ באַרג־רוקן. ווען מען זאָל אַריבער־טראָגן פון דער גרויס־שטאָט די געביידעס און אַלע אַנדערע זאַכן אויפן באַרג־רוקן, וואָלטן זיי אין דער באַרג־אַטמאָספערע געקראָגן אַ געוויסן אַספּעקט, אַנדערש ווי אין שטאָט. דער אונטערשייד איז — אין דער קוואַ־ליטעט פון דער אַטמאָספערע. ווען מיר טראַכטן וועגן דעם כאַראַקטער פון ראַבאָיס רעאַליזם און פון דער אַטמאָספערע אין וועלכער זיי זיינען אויסגעבאָדן, קומט אונדז טאַקע אויפן געדאַנק די לופט אין אַ באַרג־געגנט. אַ באַזונדערע דורכזיכטיקייט. אַן אויסערגעוויינטלעכע לויטערט־קייט. אַ דאָ־זיין פון אַטמאָספערע, וועלכע פילט זיך נישט ווי אַטמאָספערע. אַ מערקווירדיקע בולטקייט פון ליניען, וועלכע שניידט פונדעסטוועגן נישט די אויגן. אַ העלער קלאַנגען־רעזאָנאַנס, וועלכער באַווירקט פונ־דעסטוועגן דעם אויער מיט אַ ווייכער האַרמאָניע.

דערפון שטאַמט שוין די באַזונדערע גלויבהאַפטיקייט פון ראַבאָיס שרייבן. ראַבאָיען גלויבט מען. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין „לי־טעראַט". ער האָט נישט געשאַפן קיין ליטעראַטור צוליב ליטעראַטור. ער האָט געשאַפן ליטעראַטור צוליבן אמת. דאָס, וואָס ער שרייבט, איז דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און מוז דערציילן. דאָס וואָס ער דערציילט, איז אַזוי אמת, אַז עס קען ביי קיינעם נישט דערוועקן קיין צווייפל, ווי עס דערוועקט נישט יעדער געגנשטאַנד אין דער נאַטור.

וואָס ווייטער, ווערט ראַבאָיס קונסט דירעקטער, נאַטירלעכער. אויך פריער איז ער געווען דער פיינט פון דער געפליגלטער פּראָזע. אויב זי האָט זיך ביי אים אַריינגעכאַפּט, איז דאָס געווען אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די „יונגע". וואָס ווייטער עס אַנטוויקלט זיך זיין טאַלאַנט, אַלץ נאַ־טירלעכער זיינען די מיטלען פון זיין שאַפן. ער וועט בעסער נישט דער־זאָגן, איידער איבערזאָגן. ער וועט בעסער נוצן אַ פאַרב, וואָס זעט אויס אַביסל בלאַסלעך, איידער אַ פאַרב, וואָס שרייט. אפשר אַ דאַנק דעם טאַקע

באַקומט זיך די לויטערקייט, וועגן וועלכער מיר האָבן אָקאָרשט געשריבן.

אין זיין שטרעבונג צו אויסמיידן „ליטעראַרישקייט" דערגייט ראַבאַי אָפּט צו אַ מין רעאַליסטישן פּראָטאָקאַליזם. זיינע שילדערונגען קענען אַמאָל באַטראַכט ווערן ווי רעפּאָרטאַזש. אָט איז אַ ביישפּיל:

„די פאַרזאַמלונגען פון דער „פרעים מעיקער יוניאָן" * זיינען גע־האַלטן געוואָרן אין אַ ביר־סאַלון אין אַן אונטערשטן צימער. דאָרטן זיינען אויף די ווענט געהאַנגען פּאַנען פון רויטן סאַמעט מיט אויסגעהאַפּטענע אותיות פון גאָלד־פעדים, אָבער דאָס זיינען, חלילה, נישט געווען קיין רויטע פאַנען אין דעם אמתן זין פון וואָרט, נאָר עס זיינען געווען אַזעלכע מענ־טעלעך פון ‚סאָסייעטיס' און לאַנדסמאַנשאַפטן. דאָ, אין צימער, איז געווען אַן ‚אָרון־קודש' מיט אַן ‚עמוד', מיט לייכטער און מיט אַלע כּלי־קודש. און ביי דער וואַנט דריי פּלוש־געבעטענע פאָטעלן. דער מיטלסטער — אַ גרויסער מיט אַ הויך ווענטל און מיט צוויי לייבן אויסגעשניצט. די צוויי אַנדערע אַביסל קלענערע, אָבער אויך אויסגעבעטעט מיט פּלוש און מיט געשניצטע ווענטלעך" („ביין ברידער").

ראַבאַי, אין זיינע לעצטע ווערק, גיט אַזוינע באַשרייבונגען גענוג אָפט. דאָס באַציט זיך נישט נאָר צו דער שילדערונג פון זאַכן, נאָר אויך צו דער כאַראַקטעריזאַציע פון מענטשן. ראַבאַי איז איבערצייגט, אַז וואָס דייטלעכער ער וועט געבן די שטריכן, אַלץ בולט'ער וועט אַרויסטרעטן די זאַך אָדער די פיגור. אויבן־אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז דאָס ברענגט אַריין אַ מין פּראָזאַאיזם. דאָס איז אָבער נישט דער פאַל. דאָס איז אַ באַזונדערע זייער אינטערעסאַנטע אייגנשאַפט פון ראַבאַיס שאַפן, דער עיקר פאַר די לעצטע יאָרן.

דאָס, וואָס א. ראַבאַי דערציילט, איז קיינמאָל ניט קיין פּראָזע. ערשטנס, שטייען פאַר זיינע אויגן אַזוינע גאַלערייען פון מענטשלעכע טיפּן, מענטש־לעכע ליידנשאַפטן, צוזאַמענשטויסונגען פון אַ פאַרכאַפּנדיקער נאַטור, אַנט־וויקלונגען אומגעריכטע, לייזונגען אויף בייע מדרגות, אַז אָפּט איז דער קינסטלער אַליין, מסתמא, נישט זיכער, צי אים וועט געלינגען אָט־דעם רייכטום אַריינצושפּאַרן אין די ראַמען פון אַ דערציילונג אָדער ראָמאַן. צווייטנס, איז פאַראַן זיין אייגענע, פּערזענלעכע, באַציאונג צו די זאַכן און געשעענישן, וואָס ער שילדערט, — און דאָס איז אַ באַציאונג, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון גלייכגילט. דער מענטש ראַבאַי איז דורכגע־שטורעמט מיט די שאַרפסטע געפילן, וואָס באַגלייטן זיין אַרבעט און שאַפן

* פראָפ־פאַראיין פון ראַמען־מאַכער. — רעד.

איף אויבערטאָן. ביי אים שטייט מסתמא נישט אײן מאָל די פראַגע, ווי אַזוי דאָס אַלץ אײנצוזאַמען אין די פאָרמען פון זײן קונסטווערק.

די לייזונג זוכט ער אין דעם סאָרט רעאַליזם, וואָס מיר האָבן באַ־צייכנט ווי פראָטאָקאָליזם. ער נוצט די אײנפאַכסטע פאָרמען, כדי אין זיי אַרײנצופּרעסן דאָס נישט־אײנפאַכע. ער מאָלט מיט דער גרעסטער אָביעקטיווקייט, כדי אַזוי אַרום צו פאַרקערפּערן זײן גאָרנישט־אָביעקטיוון צוגאַנג. דאָס, וואָס ס׳באַקומט זיך, איז קונסט פון דער העכסטער מדרגה, ווייל אונטער אַ קלאָרער דורכזיכטיקער פאָרמע איז דאָ אײנגעפּרעסט אַ וועלט מיט זאַכן און אַ גאַמע פון געפילן.

זאָל מען נישט מיינען, אַז ראַבאָי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײן ראָ־מאַנטיזם. אויך אין די נייסטע סטאַדיעס פון זײן שאַפן איז ער געבליבן ראָמאַנטיש. אָבער דער ראָמאַנטיזם איז שוין נישט מער אַ בכיוונדיק פּראָדוצירטע אויסערגעוויינטלעכקייט. ראַבאָיס ראָמאַנטיזם איז איצט אַרײנגעוועבט אין זיינע רעאַליסטישע ווערק, ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם, וואָס ס׳ווערט געשילדערט. דאָס איז קאַמף־ראָמאַנטיזם, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט מיט זייער אײנפאַכע, ספּעציעל־אויסגעקליבענע „פּראָ־זאַאישע" ווערטער. דערפון ווערט דער אײנדרוק נאָך שטאַרקער. ראַבאָיען אויף זײן נייערער מדרגה איז אויך נישט פרעמד קיין אידעאַליזאַציע. אָבער אויך דאָס איז אײנגעגלידערט אין זײן ווערק אין דעם געוועב פון רעאַ־ליסטישן דערציילן. דאָס גיט ראַבאָיען זײן דינאַמיק.

עס קען זיך אַמאָל דאַכטן, אַז א. ראַבאָי איז נאַאיוו. אָבער וואָס פאַר אַ טעות וועט מאַכן דער קריטיקער, וואָס וועט אָננעמען אַזאַ טעזיס. פּונקט ווי ראַבאָיס פאָרמע — אײנפאַכקייט — אַנטהאַלט אין זיך אַן אינעווייי־ניקסטן גרויסן פאַרמעג, אַזוי איז ראַבאָיס געמיט, ראַבאָיס צוגאַנג צו זאַכן. אין דער „אומגעקינסטלקייט" זיינער איז פאַראַן אַ מאַסע פּלאַן. אין זײן פּשטות איז באַהאַלטן אַ סך טיפקייט. אין זײן לייכטקייט איז פאַראַן אַ מאַסע קונסט־אַרבעט. דער רעזולטאַט איז אַ ווערק, וואָס איז דורכ־געציטערט מיט לעבן און טראָגט אַן אייגענעם שטעמפּל.

א. ראַבאָי איז בטבע נישט קיין האַסער, נאָר אַ פריינט פון אַלצדינג, וואָס לעבט. אויב ער מאָלט דאָס מיאוסע, אויב ער שילדערט העסלעכע כאַראַקטערן, טוט ער דאָס ווי אַ נאַטור־פאָרשער, וואָס אונטערזוכט אַל־ערליי באַשעפעניש. אין ראַבאָיס אַרסענאַל איז דאָ מער לעבן, ווי טויט, מער אויפבוי, ווי צעשטערונג, מער מענטשלעכקייט, ווי אוממענטשלעכ־קייט. דאָס הייסט נישט, אַז ווען מיר לייענען זיינע שילדערונגען, ווערן מיר נישט אָנגעפילט מיט צאָרן קעגן דעם סאָציאַלן איבל. ראַבאָי אַליין

האָט אָבער אפשר רחמנות אפילו אויף די ערגסטע עקספּלואַטאַטאָרס. ער דעקט זיי אויף. ער זעט זיי אין זייער מיאוסקייט. אָבער קיינמאָל פאַר־געסט ער נישט, אַז אויך דאָס זיינען מענטשן.

דאָס שטאַמט פון אַן אַנדער אייגנשאַפט אין ראַבאַיס כאַראַקטער. ראַבאַי איז געקומען אין דער וועלט אַריין ווי אַ באַלעבאָס. ער האָט ליב די וועלט, און ער דאַרף זיין איינער פון די, וואָס באַהערשן זי אין שותפות מיט אַלע אַנדערע האַרעפּאַשניקעס. די וועלט איז גוט, נאָר די שלעכטע אָרדענונג מאַכט פון איר אַ תל. דאַרף מען ענדערן די אָרדענונג. אָבער מען דאַרף נאָכאַנאַנד ליב האָבן און שאַנעווען די וועלט. אין דער וועלט זיינען דאָ גאָרנישט שיינע פאַרשוינען. וואָלט די אָרדענונג געווען אַן אַנדערע, וואָלט מען זיי אויסגעגלייכט. וואָלטן זיי אויך געווען מענטשן. זיי זיינען מיאוס — און יעדע מיאוסקייט עקלט. אָבער די וועלט איז מחיה. די וועלט איז אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט, אין וועלכער דער מענטש קען לעבן און וואַקסן.

אַ באַלעבאָס פון אַזאַ גרויסן מאַיאָנטעק וועט אָנווענדן אַלע זיינע קרעפטן אויף אָפּצורייניקן זיינע גערטנער און פעלדער פון מייז און שטשור־רעס און טכוירן און פוקסן און אַלערליי אַנדערע שעדיקער. אָבער זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט וועט זיין געווענדט אויף דער אַרבעט, וואָס ברענגט לעבן, אויף די מענטשן, וואָס דאַרפן אַרויסברענגען פון דער ערד אירע פרוכט און איר שיינקייט.

אַט־די מענטשן זיינען דער הויפּט־העלד פון ראַבאַיס ברייט־פאַר־צווייגטער אַרבעט.

ז. ווײַנפּער

.1

ז. ווײַנפּער איז אַן אָנגעזעענער ייִדישער דיכטער. ער האָט שוין אויף זײַן חשבון אַ צאָל ביכער פּאָעזיע און צוויי בענד פּראָזע — „פּאָר־טרעטן פון ייִדישע שרײַבער". דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך „פּיניע" האָט אין זיך אַלע כאַראַקטער־שטריכן פון זײַן פּאָעזיע: מוזיקאַלישקייט, ריטמישקייט, לויטערקייט, אַ געפיל פאַר ליכטיקע קאָלירן.

אָבער דאָס בוך איז פיל מער, — עס איז אַ פּאָעטישע אויטאָביאָגראַ־פיע און אַן אני מאמין.

דאָס דערשײַנען פון „פּיניע" איז דערפאַר אַ געשעעניש פון גרויסער באַדײַטונג אין אונדזער ייִדישער, שיינער ליטעראַטור.

ז. ווײַנפּער פאַרמאָגט בלויע אויגן, אַ גוטמוטיק, קיילעכדיק פּנים, און אַ גליקלעך געמיט. עס איז דאָ זוניקייט אין ז. ווײַנפּערס באַנעמען די וועלט. עס הענגט איבער אים אַ שטענדיקער שמייכל. זײַן באַציאונג צו מענטשן איז אַן אויפריכטיקע. אַוודאי איז ער סענסיטיוו, אָבער ער פאַרגעסט זייער גרינג דאָס אומאָנגענעמע צוליב דער גוטסקייט. ער געפינט גוטס, וואו אַנדערע זעען בלויז מרה שחורה. ער איז פאַרליבט אין לעבן; דאָס פּשוטע, ווי אויך אין דעם קאָמפּליצירטן. ער איז אַ מענטש פון גייסט, — וואָרום ווי אַנדערש זאָל זײַן אַ פירנדיקער דיכטער? אָבער אַ גלאָז ווײַן און אַ שפּילעוודיקער שטראַל איבער זײַן פענצטער זײַנען פאַר אים ביז גאָר ווײכטיקע ווערטן.

אַ לאַנגע צײַט איז ער געווען אַ פּאָעט, ווי פּאָעטן זײַנען בכלל. אַ גוטער פּאָעט, געוויס — אַ באַשאַפער פון אַ באַזונדערן סטיל אין זײַנע דורכזיכטיקע לירישע לידער, שפּילעוודיק, אומעטיק, אײַנדרוקספול, ליכ־טיק און פול מיט טאָן.

דאָס ערשטע פון די צוויי אַרטיקלען איז דערשינען אויף ענגליש אין דער „מאָרגן־פרײַהייט" פון 6טן אויגוסט, 1939 (מ. אָלגין האָט אין דער צײַטונג יעדן טאָג גע־דרוקט אַן איין־שפּאַלטיק אַרטיקעלע — „קאָלום" — אויף ענגליש) און איז איבער־געזעצט געוואָרן פאַר דעם בוך. דאָס אַנדערע אַרטיקל איז דערשינען אין זשורנאַל „ייִדישע קולטור", אינעם נומער פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1939, ווי אַ רעצענזיע איבער ז. ווײַנפּערס „פּיניע".

עס זיינען דאָ ביי אים לידער, וואָס זיינען, ווי סימפּאָניעס, אַנדערע — ווי קאַמער־מוזיק.

אַט־דאָס אַלץ איז אַוודאי געווען גוט, און דאָס האָט צוגעצויגן דעם יידישן לייענער. זיין דעמאָלטיקער גאַנג איז געווען דער אָקצעפּטירטער גאַנג פון דער יידישער דיכטונג. עס איז געווען אַ צייט, ווי ז. וויינפּער דערציילט אונדז אין זיין בוך „פּיניע":

ווען דער גאַנצער אוניווערז
איז באַשטאַנען פון אַ פּערז,
און מער גאָרנישט נישט.
דאָס לעבן האָט געמישט
די בלעטער פון אַ לידער־באַנד
מיט דער האַנט.
דאָס אויער האָט געהערט
בלויז דאָס געזאַנג פון דער ערד,
וואָס האָט זיך געשפּרייט
אין זינגעוודיקער פרייד.
און אין זינגעוודיקן טרויער . . .

ער איז אין יענע יאָרן געווען אַ יידישער דיכטער, וואָס האָט געזען „אַן אילוזיע רייטן אויף אַ וואָלקנדל פון ערגעצנישט צו ערגעצנישט." גלאַט אַזוי, פון שיינקייט וועגן.

עס איז אמת, אַז אפילו אין יענע יאָרן איז ז. וויינפּער געווען באַוואוסט־זיניק וועגן דער סאָציאַלער לאַגע, אין וועלכער דער גרעסטער מערהייט פון דער מענטשהייט קומט אויס צו מוטשען זיך. אין זיין בוך „אונטער־וועגנס" לייענען מיר אַט־אַזעלכע שורות:

עסטעטן און פּאָעטן, אַלע וואו איר זענט,
איז דען אַ בושה אויסצוקערן אַן אייגן הויז?
עס איז די וועלט אויך אייגנס, נו, טוט מען אויס
די שניפּסן אויף אַ ווייל און מען קערט
פּאַרקערט מיט בעזעמער דעם ברוד פון אונדזער ערד.
עס איז דאָך נישט עסטעטיש און פּאָעטיש, ווי עס איז אַזוי . . .

אַזעלכע לידער טרעפט מען ביי אים פון צייט צו צייט אין זיין פריערדיקן פּעריאָד, אָבער די מערסטע לידער פון זיינע פריערדיקע דיכטונגען האָבן נישט צו טאָן מיט קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען.

וואוהין? צי ווייסן דען שטורעמס דערפון?

ביסלעכווייז איז אָבער געקומען אַן איבערבייט אין דעם פּאָעט ז. וויינפּער.

ער האָט אָנגעהויבן באַנעמען, אַז אַ פּאָעט דאַרף דינען דעם פֿאָלק, און אַז פּאָעזיע האָט אַ סאָציאַלע שליחות: צו העלפֿן די אונטערדריקטע, אַרונטערצװאַרפֿן פֿון זיך די קייטן.

ז. װײַנפּערס שאַפֿן איז דורך דעם נישט געװאָרן פֿאַר׳מרה שחורה׳ט און שװער. פּונקט פֿאַרקערט. ער איז אין זײַן נײַעם באַנעם געװאָרן נאָך גליקלעכער, װײַל ער האָט דערפֿילט, אַז זײַן פּאָעזיע קריגט אַ גרע־סערן זין.

זײַן בוך „פּיניע" איז די מעשה, װי אַזױ דאָס איז מיט אים געשען.

דער מענטש „פּיניע" איז דעם דיכטערס צװילינג־ברודער. דאָס בוך איז אויטאָביאָגראַפֿיש, אין דער דריטער פּערזאָן. נישטאָ קיין באַ־זונדערע סענזאַציעס אין דעם גאַנג פֿון די געשעענישן. פּיניעס קינדהייט אין אַן אָרעמער יידישער משפּחה פֿון אַ קליין שטעטל אין דער װאָלין, יוגנט אין װאַרשע, איבערװאַנדערונג קיין ניו־יאָרק, אַרבעט אין שעפּער און שפּעטער אַ לערער אין די װעלטלעכע יידישע שולן, אָרעמקייט, שאַפֿן פּאָעזיע, טרעפֿן זיך מיט פּאָעטן. די שטאַרקסטע פּאַסירונג אין פּיניעס לעבן איז, הפּנים, געװען זײַן אָנשליסן זיך אין יידישן לעגיאָן בשעת דער ערשטער װעלט־מלחמה, צו באַפֿרײַען פּאַלעסטינע פֿון די טערקן.

אָבער דער עיקר זײַנען דאָ נישט די פֿאַקטישע פּאַסירונגען, נאָר דער גייסט פֿון אָט־דעם אויטאָביאָגראַפֿישן בוך, דורך װעלכן עס גייט אויף אַ מענטש, װאָס האָט ענדלעך געפֿונען זײַן װעג, און אַ ציל פֿאַר זײַן אַרבעט.

דאָס איז די מעשה, װי אַזױ פּיניע האָט אָנגעהייבן צו דערפֿילן דעם „ציטער פֿון אַן אויפֿגעהויבענעם װאולקאַן אין אים." דאָס איז דער רע־קאָרד, װי אַזױ אַ מענטש, װאָס האָט אַ לאַנגע צײַט געלעבט מיט זיך אַליין, הייבט אָן דערפֿילן, אַז ער איז נישט מער אַליין. ער האָט דערהערט די טריט „פֿון מאַרשירנדיקע מענטשן" און זײַן ליד האָט זיך אַ ציִ געטאָן צו זיי, װי נאָך אַ טראָט צװישן די מאַרשירנדיקע טריט. דאָס איז די מעשה פֿון אַ פּאָעט, װאָס האָט זיך ענדלעך דערפֿילט פֿאַרמעגלעך און האָט אַ היים געפֿונען פֿאַר זיך.

נישט מער גלאַט אַ װאַנדערער,
נישט מער אַליין!

ער איז אַ טייל פֿון דער גרױסער עשירות, װאָס איז אַלעמענס און געהערט צו די, װאָס אַרבעטן און באַשאַפֿן דאָס, און קעמפֿן פֿאַר דעם.

ז. װײַנפּער האָט דערפֿאָלגרײַך מנצח געװען די שװעריקייטן, װאָס זײַנען אומפֿאַרמײַדלעך ביי אַזאַ איבערברוך אינעם אייגענעם געמיט.

אין אַט־דער אויטאָביאָגראַפירטער פּאָעמע איז נישטאָ נישט קיין דערנידערונג און נישט קיין גדלות. עס ווערן דערמאָנט טעותן און באַדויער. עס ווערן דערמאָנט דערגרייכונגען אָן איבערנעמען זיך מיט זיי. עס ווערט דערציילט וועגן ליבעס מיט פרויען אויף אַ מענטשלעכן אופן. עס קומען צום אויסדרוק די איבערבייטעניש אין אַ מענטשנס לעבן און עס ווערן נישט געמאַכט קיין טראַגעדיעס וועגן זיי. עס ווערן אָפּגעשפּיגלט אינערלעכע דערפאַרונגען און ס׳איז דאָ אַ סך טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן (באַזונדערס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן אויף דער אויסגעצייכנטער פּאָרטרעטירונג פון פּיניעס פריינדן האדל), און שיינע שילדערונגען. דאָס בוך איז דורך און דורך אויפריכטיק.

דאָס איז נישט נאָר די געשיכטע פון איין באַשטימטן שרייבער. עס איז די געשיכטע פון אַ גאַנצער מחנה שרייבער, וואָס האָט געפונען איר וועג צו די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע קעמפן פאַר נייע אָרדענונג.

.2

מען קען באַהאַנדלען לייכטע פראַגן מיט אַ שווער געמיט. דאָס איז די עובדה פון אַ סך פּאָעטן. זיי מיינען, אַז דאָס מאַכט זיי ערנסט.

מען קען באַהאַנדלען שווערע פראַגן מיט אַ שווער געמיט. דאָס איז נאַטירלעך ביי ערנסטע מענטשן. וואָס שווערער די פראַגע, אַלץ וואָגיקער דער אויסדרוק.

מען קען אָבער אויך באַהאַנדלען שווערע פראַגן מיט אַ לייכט געמיט. דאָס מאַכט די פראַגן גופא לייכטער. דאָס גיט אַ געוויסע באַפרייאונג.

ז. וויינפּערס „פּיניע״ באַהאַנדלט אַן ערנסטן ענין מיט אַ שפּילעוודיקער שפּראַך און מיט אַ שמייכל. ממילא ווערט אָן דער גאַנצער ענין זיין שווערקייט. דאָרט וואו ביי אַנדערע וואָלט זיך באַקומען טראַגיק, איז ביי וויינפּערן אַ פּאַרכאַפּנדיקע שפּיל פון עמאָציעס און געדאַנקען, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ זיג־פרייד. דעם לייענער ווערט גרינגער אויפן האַרצן.

די טעמע איז שוין גאָר פון די חשובע, פון די ערנסטע און שווערע. עס איז די געשיכטע פון אַ דיכטער, ווי אַזוי ער איז געוואָרן פון סתם דיכטער אַ סאָציאַלער דיכטער, ווי אַזוי פון אַ מענטשן, ביי וועמען „דער גאַנצער אוניווערז איז באַשטאַנען פון אַ פערז״, איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון איינעם, וואָס פילט דעם ווייטיק פון אַ געפּייניקטער האַרעפּאַשנער מענטשהייט און וואָס האָט דערקענט דעם וועג צו דער באַפרייאונג פון אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער.

געװען אַ דיכטער, װאָס האָט „געשטעלט דעם אייגענעם „איך" אינעם צענטער פון לעבן"; געװען

נישט מער, װי אַ דיכטער, װאָס האָט געזען
אַן אילוזיע רייטן
אויף אַ װאָלקנדל פון װייטן,
פון ערגעץ נישט,
אָט אַזוי,
גלאָט אַזוי —
פאַר שיינקייט װעגן.

אָבער געלעבט האָט דער דיכטער, און דאָס הייסט — געטראַכט, גע־פילט, מיטגעפילט מיט מענטשן. האָט ער אָנגעהייבן פאַרשטיין די אחריות פון אַ דיכטער. איז ער געקומען צום אויספיר — נישט מיטן קאָפּ, נאָר אָרגאַניש, מיטן גאַנצן װעזן — אַז אַ ליד דאַרף ערגעץ פירן. און װען דער זינגער פון לידער איז אַליין אַ זון פון אָרעמשאַפט און איז פון יוגנט אָן אַריינגעװועבט אין דעם אוקראַיִנער קליינעם שטעטל און אין דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, איז װואוהין זאָל סוף־כל־סוף פירן זיין ליד, אויב נישט צום סאָציאַלן קאַמף און צו באַפרייאונג און סאָציאַליזם?

היינט האָט ער אַן אַנדער בילד פון אַ דיכטער:

ער טראָגט דעם געראַנגל פון קלאַסן און ראַסן, —
דעם עול פון זיין אייגענער ראַסע און קלאַס,
און נישט איין מאָל צעהילכט זיך אויף גאַסן
זיין ברויזיקער צאָרן און האַס.

אַ שװערער פּעקל טראָגט איצט דער דיכטער. ער אַליין רופט דאָס טאַקע אַזוי: „געפּעק". דאָס איז זיין פאַרמעגן — און, גלויבט מיר, ס'איז נישט לייכט. דאָרט איז דאָ אי זיין שטאַם, אי דער היינטיקער דור, אי דאָס איי־גענע בלוט דאָס צעזאָטענע, אי שטילקייט, אי צאָרן, אי פּיין, אי פרייד. דער װעג איז אַ שװערער, אַ לאַנגער . . .

מען קען זיך מאַלן, װאָס פון אַזאַ טעמע װאָלטן געמאַכט אייניקע דיכטער. ס'װאָלט זיך געװיס נישט באַשאַפן קיין פריילעך װערק. ס'װאָלט געװען טראַגישער קאָנפליקט און שװערע גריבלעריי און װייטיק, װייטיק.

פּיניע, װוינפּערס צװילינג־ברודער, אין װעמענס נאָמען עס גייט די דערציילונג, קומט אַרויס פון דער איבערלעבונג אַ פריילעכער. פאַרװאָס טאַקע נישט? ס'איז אים איצט לייכטער, װי אַמאָל. ער האָט געפונען „די גאָלדענע ליניע פאַר מענטשן אין װעג." ער האָט געפונען אַ זין פאַר זיין אַרבעט. ער האָט געפונען אַ װעלט.

איצט, אַז ער זיצט אַמאָל ביי זיך אין הויז
מיט זיך אַליין, איז ער מער נישט אַליין.
ער הערט דאָס גיין
פון טריט,
און אַ ליד
גייט אויף פון זיין געמיט
צו זיי,
ווי נאָך אַ טראָט אין דער ריי.

איז אים דאָך גוט. וועט ער דאָך שוין נישט וויסן פון קעלט אפילו אין די קאַלטסטע מאָמענטן, וואָרום בלוט, וואַרעם בלוט פון שטרייטנדיקע מתנות איז דאָ אין דער וועלט — און דאָס וואַרעמט און ליכטיקט און זינגט.

ווערט שוין אויך דעם לייענער פריילעך און ער פילט זיך אַ געהייבע־נער און דערפרישטער.

וויינפּערס „פּיניע" איז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, מיטן טראָפּ מער אויף די גייסטיקע, אידייאישע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, ווי אויף דעם אַרום. עס איז אָנגעהייבן מיטן פּאַרצייטיקן אוקראַינער שטעטל, מיטן מלמד, מיט דעם אָרעמען עלטערן־הויז, מיט די אָרומיקע פּויערים, מיט די יינגלישע חלומות און דעם זוכן אַ תכלית. עס פירט שפּעטער אַוועק קיין וואַרשע, פון דאָרט קיין אַמעריקע. עס ווייזט דעם יונגן אוקראַינער בחור, ווי ער לעבט זיך אַריין אין ניו־יאָרק, ווי ער הייבט אָן שרייבן לידער, ווי ער פאָרט אַוועק אין יידישן לעגיאָן קיין פּאַלעסטינע צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דער טערקישער הערשאַפט, ווי ער האָט זיך צוריק אומגעקערט אין זיין אייגן־געוואָרענעם ניו־יאָרק. עס דערציילט וועגן פּיניעס באַגע־גענישן מיטן מענטשן, וועגן פּאָעטישע ליבעס, ענדלעך — וועגן דער פריי־לעכער און וויציקער האַדלען, וואָס שיינט צו זיין די וויכטיקסטע פון פּיניעס חברטעס פּרויען. דער עיקר אָבער פּרואווט עס שילדערן, ווי אַזוי דער פּאָעט האָט אָנגעהייבן אויסרעכענען דעם חשבון פון זיין אייגענעם לעבן, זוכן דעם תכלית אין זיין שרייבן. עס איז נישט געווען קיין לייכטע אַר־בעט. דאָס מעגן מיר וויינפּערן גלויבן. עס איז געווען, זאָגט ער, צייטן, ווען פּיניע האָט זיך געפילט „ווי אַ פּויסט וואָלט איבער אים זיך אַרונ־טערגעלאָזן." געקומען אַ צייט, ווען ער האָט זיך צעזעגנט נאָך אַ זעג, „וואָס זאָל אַלצדינג אָפּזועגן פון זיין זכרון." ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהייבן טראַכטן, אַז ער טראָגט מאַסקעס אויפן פּנים — און אַראָפּנעמען זיי האָט

געהייסן צעשיידן זיך מיט אַ טייל פונעם אייגענעם איך, וואָרום ווער קען וויסן, וואו עס ענדיקט זיך דער גרים אָדער די מאַסקע אין אַ פּאָעט, וואָס איז „אינטעליגענטיש און עקסצענטריש", און וואו עס הייבט זיך אָן דער עצם מענטש?

עס קומט אָבער אַ צייט — דער קריזיס איז איבערגעלעבט. עס קומט אַ צייט און דער דיכטער דערפילט, אַז

איצט איז ער אַ פּאָדעם אינעם געוועב
נישט נאָר פון ניו־יאָרק,
נאָר ער איז באַזעלט
מיטן לעבן אויף דער וועלט.

איצט האָט זיין קול אַ רעזאָנאַנס. איצט פילט זיך פּיניע ווי אַ שליח־ציבור.

פּיניעס קול איז איצט צעהעלט,
ווי אַ גליאיקער פלאַקער,
און ווי אַ גלאַנציקער אַקער
שניידט ער איצט פּאַסן
נאָך פּאַסן
אויף ניו־יאָרקישע גאַסן
און סקווערן.

דאָס איבעריקע איז שוין מער אַ פּראָגראַמאַטישע עקספּאָזע, אַ דיכטערישער אני־מאמין, איידער אַ שילדערונג פון דורכגעגאַנגענע אידעאָלאָגישע וואַנדער־וועגן. דאָ, צום שלוס פונעם בוך, ווערן אַלע מאָטיוון פונעם ווערק סימפאָניש צוזאַמענגעשטראָמט: בילד פון דער היינטיקער שטורעם־אָנגעזעטיקטער צייט, בילד פון גרויסשטאָט, פּיניעס באַהעפטונג מיט דער וועלט פון אַרבעט, דער וועלט פון אומרו, דער וועלט פון קאַמף, פּיניעס פאַרבינדן דאָס אַלמענטשלעכע מיטן יידישן, דעם נעכטן מיטן היינט, די אוקראַינע, וואָס איז איצט סאָוועטיש, מיט ניו־יאָרק, וואָס זוכט אַ תיקון, פּיניעס גיין האַנט אין האַנט מיט האָדלען און זיין גיין האַנט אין האַנט מיט אַ וועלט מיט מענטשן — אַהין, „וואו איבער יעדן אָפּגרונט האָט אַ בריק זיך אויסגעצויגן". דאָס אַלץ ווערט באַהאַפטן אין איין ברייטער, פאַרביק־פליסנדיקער מעלאָדיע.

עס איז געווען,
ווי זיינע אויגן וואָלטן אָנגעהייבן קלאָרער זען,

און שאַרפער האָבן אָנגעהייבן הערן זיינע אויערן.
שווערע טויערן,
פון שטאָל געגאָסענע,
אויף שלעסער פאַרשלאָסענע,
האָבן פאַנאַנדערפראַלן זיך גענומען.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
עס איז געווען נישט מער אויף גאָטס באַראָט,
וואוהין די טריט זיך לאָזן,
וואוהין די ווינטן בלאָזן,
נאָר אויף אַ וועג אַן אָנגעצייכנטן, אַ קלאָרן.

דאָס ווערק איז דורכזיכטיק, מעלאָדיש, אָפּט שטיפעריש, צייטנווייז גאָר שטאַרק, כסדר העל. די שפּראַך איז לייכט־יידיש, אָבער מאָדערן, דערביי כמעט אָן „פּאָעטישן" פּוץ. אַ נאַטירלעך־פליסנדיקע פאַרשיידנאַרטיקע שפּראַך.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין פּרט פון טעכניק איז די מעכאַניק פונעם ריטם. דער ריטם איז אַמנאָענטסטן צו דעם פאָלק־ליד. די שורה איז נישט איינגעטיילט אין גלייכע זילבּ־מאָסן, ווי דאָס פאָדערט די קאָנווענציאָנעלע מעטריק, נאָר זי האָט איר אייגענעם שוואונג, וועלכער ווערט באַשאַפן סיי דורך דעם גאַנג פון די זילבן, סיי דורך די גראַמען, סיי דורך דעם סעקווענץ פון לענגערע און קירצערע שורות.

אָט איז אַ מוסטער:

איר מאַמע פלעגט אומגיין מיט אַ פאַטשיילע
יעדן פרייטיק אין שטעטל און בעטן אַ גראָשן,
אַז עס זאָל חלילה נישט ווערן פאַרלאָשן
דער הייליקער נר־תמיד
אין שול ביים עמוד.

אַזוי ווי די שפּראַך איז דערביי אַ קאָנווערזאַציאָנעלע, אָן דער געלאָדנקייט מיט שווערע ווערטער און האַרטע פראַזן באַקומט זיך אַ שורה, וואָס איז זייער מסוגל פאַר אַ רעטשיטאַטיוו. דאָס גאַנצע איז אָריגינעל און דאָך זייער נאָענט צום גייסט פון פאָלקס־פּאָעזיע, הגם אויף אַ פיל העכערער מדרגה.

די גראַמען זיינען זייער פאַרשיידנאַרטיק, און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער פּאָעט אַליין האָט פון זיי שטאַרק הנאה. ער שפּילט זיך מיט זיי. אין דעם איז דאָ עפּעס קינדערישעס.

מעכל,
בלעכל,
צי דײַן שכל
אינעם לעכל
פֿון אַ נאָדל
פֿאַר דער באָבע האָדל
אויף שבת הגדול.

אַזוי רײדן בײ װײנפּערן חדר־ײנגלעך אין אוקראַינער שטעטל, אַזוי רופֿן זײ אײנער דעם אַנדערן. אָבער װײנפּער אַלײן באַמערקט דערצו — ער, שוין אַ דערװאַקסענער און אַ ניו־יאָרקער:

אָט אַזוי זײַנען יאַטלעך!
גרויסע כוואַטלעך
צו גראַמען פּאַטער
מיט אַ טאַטער
און אַ קאַטער
און זײ דרײען מיט אַ פּיפּערנאַטער.

פּאַראַפֿראַזירנדיק װײנפּערן, קען מען זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער מאַדים צו גראַמען קאַרש מיט מאַרש, באַריר מיט טיר, ירידה מיט מידע, פֿאַבריקן מיט בליקן, שפּאַלירער מיט טאַפּעצירער און עלעװײטעד־פֿירער, שיך מיט „איך“, עיקר מיט שטיקער, אַקטיאָר מיט האָר, „הברה הספרדית“ מיט געגליט. אין „פּיניע“ איז פֿאַראַן אַ סך אומדערװאַרטעטע גראַמען, און עס זײַנען, װי דער שטײגער איז, אויך אויסגענוצט געװאָרן אַסאָנאַנסן.

בײ דער גאַנצער לײכטקײט און שפּילעװדיקײט דערגרײכט דאָס װערק אָפּט באַדײטנדיקע אינטענסיװקײט פֿון אויסדרוק, דערגרײכט ביז פּאַטאָס. אין געװיסע פּאַסאַזשן פֿילט זיך שטאָל. אין גאַנצע אָפּטײלונגען איז דאָ קרעפֿטיקע מוזיק, דער עיקר אין די קאַפּיטלען „חשבון“ און „פּיניע רעדט אַמאָל צו זיך אַזוי“. און אַלעמאָל, װען דער שרײַבער שלאָגט אָן אַ דראַמאַטישן אָדער פּאַטעטישן טאָן, װערט באַלד אַרײנגעפֿלאָכטן אַ לײכטער אי־מאַזש, אַ װערטל, אַ שפּאַסיקער אויסדרוק, װאָס גיט צו דעם גאַנצן אַן אײגנאַרטיקן חן.

ז. װײנפּערן איז געלונגען אָנצושרײַבן אַן ערנסט װערק װעגן דער אויסקריסטאַליזירונג פֿון אַ קעמפֿערישער װעלט־אַנשויאונג בײ אַ ײדישן דיכטער פֿון אונדזער צײט — און אָנצושרײַבן אַזוי, אַז דאָס זאָל זיך לײענען לײכט און מיט װאַקסנדיקן פֿאַרגעניגן, אַזוי אַז ס'זאָל זיך דאַכטן: דעם דיכטער אַלײן האָט דאָס שרײַבן פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרײד.

מלכה לי

מלכה לי — איינע פון די באַדייטונגסטפולסטע דיכטער פונעם „פּראָלעטפּען" און איינע פון די געציילטע פירנדיקע פרויען־פיגורן אין דער אַלוועלטלעכער יידישער פּאָעזיע. מלכה לי, נאָך בערך יונג, האָט געמאַכט אַ באַדייטנדיקן ביישטייער אין דער רעוואָלוציאָנערער יידישער פּאָעזיע.

איר וועג איז געגאַנגען אָן אויפהער אויף לינקס. געקומען אין דער פּאָעזיע מיט אַ שפע פון טיף־דורכגעפילטע און פאַרשיידנאַרטיקע פערזענלעכע איבערלעבונגען, מיט אַ גרויסער, כמעט אומדערשעפּלעכער אויפבאַם־פייאיקייט פאַר די פּראָצעסן פונעם לעבן, מיט אַ מוזיקאַלישקייט און העלקייט פון אָפּרוף אויף אָט־די פּראָצעסן, מיט אַ זאַפטיקייט און פאַרבייקייט פון אויסדרוק, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם פאַרשכורטהעלעניסטישן, האָט די דיכטערין גאָר פרי איינגעזען, אַז עפּעס שטערט איר זיך אָפּצוגעבן ביזן סוף דער פרייד פונעם לעבן, דעם אימפּעט פון אַריינגעזויגן ווערן אינעם זודיק־באַרוישנדיקן שטראָם פונעם לעבן, אַז עפּעס איז נישט ריכטיק מיטן שטראָם גופא. עס האָט איר געפעלט האַרמאָניע. נאָך איידער זי האָט פאַרשטאַנען דעם קלאַסן־קאַמף, איז דער לעבנס־פּראָצעס פאַר איר באַאומרואיקט געוואָרן דורך די דיסאַנאַנסן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איז צעריסן אויף מלחמה־האַלטנדיקע לאַגערן. נאָך איידער זי האָט געוואוסט, וואו זי אַליין שטייט אין אָט־דער מלחמה, האָט זי שוין געפילט, אַז פון איר פאָדערט זיך אַן ענטפער, אַז קיין געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן קען זי נישט אַראָפּוואַרפן פון אירע פּלייצעס, אויב זי וויל בלייבן ערלעך מיט זיך אַליין — און אָן דעם קען זי נישט דיכטן. פרידן מיט זיך איז נאָר אַן אַנדער אויסדרוק פון ערלעכקייט מיט זיך אין דער שעפערישער אַרבעט פון מלכה לי.

מלכה לי איז געקומען צום קלאַסן־קאַמף, ווייל זי האָט געזוכט די האַרמאָניע, וואָס זאָל איר מעגלעך מאַכן צו דיכטן. זי איז דערביי דורכגעגאַנגען אַ שווערן געראַנגל, אָפט דורכגעגליט מיט טראַגישע מאָמענטן.

„מאָרגן־פרייהייט", 6טן יוני, 1937 — איינער פון אַ ריי עסקיזן און נאָטיצן וועגן יידישע שרייבער אין אַמעריקע ; טיילן פון אַ לענגערער סעריע אַרטיקלען וועגן דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. די שרייבער זיינען אין דער סעריע רעגיסטרירט געוואָרן, מייסטנס ווי אין אַ לעקסיקאָן.

זי האָט אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט צו באַהעפטן זיך מיט דער גרויסער האַרמאָניע, וואָס קלינגט אַרויס פון די דיסהאַרמאָניעס פונעם קלאַסן־קאַמף גופא, ווייל איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וועט אַפּווישן די צערטלעכע האַרמאָנישקייט פון איר פּאָעזיע און מאַכן זי, די חנ׳עוודיקע וועבערין פון געפילפולע פּערזענלעכע אַנטפּלעקונגען, קאַלט און טרוקן. זי האָט לאַנג נישט געוואָלט אַקצעפּטירן אַלע זייטן פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, ווייל איר האָט זיך געדאַכט, אַז די בייזקייט פון די קלאַסן־שלאַכטן איז אין ווידערשפּרוך מיט דער פּערזענלעכער דורכגעלויכטענער גוטסקייט פון דער דיכטערין. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דער שטרענגקייט און אומ־ברחמנותדיקייט פון די געזעצן פון דער קלאַסן־מלחמה, ווייל איר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז אין היפּוך מיט דער פרייד און פריינטלעכקייט, וואָס שיינען אַרויס פון איר אייגענער דיכטונג. מער פון אַלצדינג האָט זי מורא געהאַט, אַז זי וועט אָנווערן דאָס איינציק־אַרטיקע, אינגאַנצן אייגנ־טימלעכע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען מלכה לי.

דער קאַמף איז נאָך נישט פאַרענדיקט — און שפּורן פון אים קען מען נאָך איצט געפינען אין דער דיכטונג פון מלכה לי. אָבער אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס שוין אַן איבערגעקומענער עטאַפּ אין דעם וואוקס פון דער דיכטערין, און פון אים קומט זי אַרויס רייכער, טיפער, עכטער.

זי איז געבליבן די פריילעכע, מיט העלע פונקען שפּרודלדיגע, יוגנט־ליבנדיקע דיכטערין, אָבער זי האָט אויסגעברייטערט דעם קרייז פון איר לעבן, אַריינגעמענדיק אין אים, ווי איר פּערזענלעכע איבערלעבונג, סיי דעם פאָלקס־פראָנט פון שפּאַניע, סיי די אַרבעטער־פרויען, וואָס העלפן זייערע מענער־סטרייקער אין פּענסילוועניע און אילינאָי, סיי די מיידלעך פונעם טראַיענגל־פייער. זי איז געבליבן די גוטמוטיקע, פריינטלעכע, טיף־מענטשלעכע און מענטשלעך־מיטפילנדיקע דיכטערין, אָבער זי האָט זיך טאַקע דעריבער אויסגעלערנט האַסן די טרעגער פון העסלעכקייט און טויט מיט אַ שאַרפן און ערלעכן מענטשלעכן האַס. זי איז אַ ליכטיקע, אַ זון־באַלויכטענע, אַן אַרומגערינגלטע מיט פרישער לופט, מיט פעלד, מיט זאַפט פון פרוכט, מיט באַלעבנדיקע ווינטלעך — אָבער דאָס פאַרשטאַרקט נאָר איר שוועסטערלעכע ליבשאַפט צו די, וואָס מאַטערן זיך אין די שטאָל־קאַנקריט־ווענט פון דער גרויסשטאָט. איר וועלט־אַנשויאונג, איר באַ־העפטונג מיטן קאַמף מאַכט אירע נאַטור־בילדער מער דינאַמיש.

מלכה לי ווערט רייף. זי שאַפט איצט מיט אַ מער־זיכערער האַנט. זי איז מער פאַרשיידנאַרטיק. איר נויגונג צו אידיליע איז נישט פאַר־שוואונדן — עס דאַרף נישט פאַרשווינדן — קיין זאַך פון מלכה ליס אור־

שפּרינגלעכע אייגנשאַפטן טאָר נישט פאַרשווינדן — אָבער דאָס זייַנען שוין אידיליעס פאַר מער קלאַסן־באַוואוסטזיניקע מענטשן. איר בויגונג צו שילדערן די פונדאַמענטאַלסטע מענטשלעכע לײדנשאַפט איז געבליבן, אָבער זי זוכט שוין אָט־די לײדנשאַפטן נישט אין אַ קלאַסנלאָזער געזעל־שאַפט, וואָס איז נאָך נישטאָ: זי געפינט זײ אַרײנגעפּאַסט אין די ראַמען פון דעם קאַמף, וואָס ווערט איצט געפירט פאַר מענטשלעכע רעכט, פאַר ברויט, פאַר מענטשלעכער ווערדע, פאַר סאָציאַליזם.

אין מלכה לי האָבן מיר אַ דיכטערין, וואָס האָט אַ סך געגעבן אויף איר וועג פון אַנטוויקלונג און וואָס האָט אַלע מעגלעכקייטן צו געבן אַ סך מער.

בער גרין

1.

בער גרין (א. פרינץ) — איינער פון די ערשטע, וואס האבן אנגעהויבן שרייבן לידער אינעם פראלעטארישן גייסט אין אמעריקע. אלס אזעלכער האט ער געהאלפן אויסשמידן די נייע יידישע שפראך ווי אן אינסטרומענט פון רעוואלוציאנערער פאעזיע. אין זיין שפראך און סטיל איז פאראן אן אפענער פראטעסט קעגן דער אלטער „פאעטישקייט" פון די סימבאליסטן און „יונגע" בכלל. זיין שפראך איז דירעקט, קלאר, קרעפטיק. זיינע אי־מאזשן זיינען מערסטנס גענומען פון דער גרויס־שטאט. די טעמאטיק איז רייך: אויסערגעוויינלעכע מאמענטן פון קלאסן־קאנפליקטן, ווי סטרייקס, הונגער־מארשן, קאמף קעגן ארבעטסלאזיקייט, האט ער אויך געשאפן א גרויסע צאל פאעמען וועגן קריג און וועגן העלדן פון רעוואלוציע. איז געווען איינער פון די ערשטע אריינצוברענגען אין דער יידישער פאעזיע די טעמעס וועגן אינדיאנער, מעקסיקאנער, נעגערס, ציגיינער. האט אויך איבערגעדיכטעט אויף יידיש א סך לידער פון אט־די פעלקער. האט אנ־געשריבן א גאנצע סעריע לידער וועגן נעגער־לעבן אין הארלעם. בער גרינס לידער האבן א ברייטקייט, א פול־קלאנגיקייט און א באזונדערע עכטקייט. זיי דערנעענטערן זיך צום סאציאליסטישן רעאליזם און צו פראלעטארישער פשטות. אויב אין דער ערשטער צייט פון זיין שאפן האט זיך געמערקט אין זיינע ווערק דער איינפלוס פונעם פלאקאט מיט דער איבערגעטריבענער באטאנונג סיי אין שפראך, סיי טיילווייז אינעם אינ־האלט, פארשווינדט דאס איצט שנעל. איינער פון די וויכטיקע דעפעקטן איז דאס, וואס בער גרין שאפט נישט גענוג לידער. האט זיך אבער א סך אפגעגעבן מיט ליטערארישער קריטיק. אונטערן נאמען קאהיר האט ער

1) „מארגן־פרייהייט", 16טן מאי, 1937 (איינס פון א לענגערער ריי נאטיצן וועגן דעם דעמאלטיקן צושטאנד פון דער רעוואלוציאנערער יידישער ליטעראטור אין אמע־ריקע). 2) די לעצטע רעדע, וואס אלגין האט געהאלטן וועגן ליטעראטור, אויף אן אוונט, אין ניו־יארק, לכבוד דער דערשיינונג פון בער גרינס בוך לידער: „בלומען אונטער שניי", דעם 18טן נאוועמבער, 1939 (אלגין איז געשטארבן דעם 22טן נאוועמבער, 1939). די רעדע, וועלכע איז געווען דורכגעוועבט מיט א סך פון בער גרינס פערזן, איז אויפ־געשטעלט געווארן פון איינעם פון די צוהערער אויפן גרונט פון נאטיצן; פאר־עפנטלעכט געווארן אין דער „מארגן־פרייהייט", דעם 3טן דעצעמבער, 1939.

פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַנט־וויקלען די אידעאָלאָגיע פֿונעם לינקן ליטעראַרישן פֿראָנט. האָט אויך גע־שריבן דערציילונגען און אַ סך קינסטלערישע פֿאַרצייכענונגען.

2.

מיר פֿייערן היינט אָוונט אַ יום־טוב פֿון אַ דיכטער, וועלכער שטייט מיט ביידע פֿיס פֿעסט, געזונט אין אונדזער „מאָרגן־פֿרייהייט" און אין אונדזער פּראָלעטאַרישער דיכטונג.

בער גרין איז אַן אונדזעריקער. מ'האָט דאָ געזאָגט, אַז ער וועט זיכער בלייבן שטיין מיט אונדז. וועל איך טאַקע איבערזאָגן, אַז אַ קינד אַנטלויפֿט נישט פֿון זיין מאַמען.

אַן אייגענער מענטש אַנטלויפֿט נישט. די אַנטלאָפֿענע זיינען פֿרעמדע. נאָך זייענדיק ביי אונדז זיינען זיי געווען שונאים. בער גרין איז נישט געקומען צו אונדז, נאָר ער איז שוין פֿון זיין פֿריער יוגנט געווען ביי אונדז. בער גרין איז אַ קינד פֿונעם אַרבעטער־קלאַס און אַ וויכאַוואַנעק פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז אַן אייגענער, אַ סאַמאָראָדנער דיכטער.

עס איז געווען דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די דיכטונג ביי בער גרינען. ער זעט אַ וועלט, וואָס האָט פֿון אַלעם גוטן, אַ וועלט פֿון שפֿע. אָבער אַלץ, זעט ער, האָט „דער בויך" פֿאַרכאַפּט.

„הענט, פֿיס, עלנבויגנס, אַקסלען, קניעס — אין געיעג.
אויף גאָלדענער קאַרעטע, נאַ־שפּיץ, ריזיק־קיילעכדיק בויך."

דער דיכטער זעט דעם ביטערן קריזיס, דעם הונגער, די קאַפּיטאַליס־טישע אונטערדריקונג. ער זעט דעם הונגער־טויט:

„ער קוילעט ביי מיינע שכנים די קינדער אין די וויגן
און וואַרפֿט אַלטע לייט צעבראָכענע ווי עוויקשאַן־מעבל פֿון די שטיגן."

וואָס־זשע טוט מען? מען פֿאַלט נישט אַריין אין יאוש. מען רופֿט צום קאַמף. מען אָרגאַניזירט דעם קאַמף. מען באַזינגט די העלדן פֿון קאַמף: הערי סימס, סאַקאָ וואַנזעטי, קענטאַקי:

הערט זיך איין, פֿאַראייניקטע שטאַטן, עס רעדט קענטאַקי.
— —
עס רעדט קענטאַקי האַרטע, שאַרפֿע רייד,
קויליקע, שטייניקע, שטאָלענע רייד,
רייד פֿון קאַמף, רייד פֿון אויפֿשטאַנד."

צו דער זעלבער צייט זעט חבר בער גרין שיינקייט אין לעבן. אוי, האָט ער ליב דאָס לעבן. אוי, האָט ער ליב יוגנט, יוגנטלעכקייט, שיינקייט און שוואונג. אָט־ווי ער זעט האַלצהעקער:

„זיי הויבן די העק, שאַרפע און בלאַנקע,
מיט קראַפט און ריטם און שוואונג,
זיי הויבן די העק אויף דורותדיקע וועלדער,
זיי זיינען שטאַרק און דרייסט און יונג.
קלינגט אימפּעט פון אייגענע שטאָלענע לייבער.“
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער דיכטער זעט שיינקייט אין זיין אַרום. ער זעט שיינקייט אין אַר־בעט און אין אַרבעטער.

„הענט צעשווינגען,
ציגל זינגען
אַ ליד פון האַרעוואַניע.
— — — — — — — — — —
שטייט אַן אַרבעטער —
אַ פלאַמיקע פאָן.“

סתם אַן אַרבעטער. נישט דווקא קיין קאָמוניסט, נישט אפילו קיין קלאַסן־באַוואוסטזיניקער אַרבעטער. נאָר אַן אַרבעטער. זעט ער אין אים אַ פלאַ־מיקע פאָן — אַ פאָן פון שאַפן. ער זעט שיינקייט אין אַרבעט, אין שאַפן.

און וויפל כוח ער זעט און געפינט אין וואָרט, וואָס מאָנט. אין זיין ליד „אין שיין פון שריפה“ זאָגט ער:

„אויב ווערטער, שפּראַך, טאָ גיב מיר מעכטיקע ווערטער,
וואָס זאָלן די גלייכגילטיקע אויפרייסן פון די ערטער.“

דער דיכטער זעט אָבער אויך דאָס וואָרט, וואָס איז געלייטערט אין רו. רו איז נאָך איצט נישטאָ. איצט איז קאַמף. איצט זינגען מיר נאָך לידער פון קאַמף. אָבער דער דיכטער זעט שוין די צייט, ווען:

„אַלע טרינקען ווייִן און פול זיינען די בעכערס:
הימל, ערד, שטילקייט.
ס׳פליסן די געלייטערטע רייד פון רו,
ווי דער וויין פון שטילער טונקעלער נאַכט.“

די פּראָלעטאַרישע דיכטונג האָט זיך אָנגעהויבן נישט פון היינט. שוין ווינטשעווסקי און ראָזענפעלד האָבן געזונגען פון קאַמף און פון אַ שענערן

און בעסערן לעבן. און איצט איז געקומען זיין אייניקל און רעדט זיך דורך מיט זיין זיידן אַזוי יונג און פראָסט ביי זיין 75־יאָריקן יובילײ:

„זיידע טייערער, יונג און פראָסט
וויל איך צו דיר ריידן:
ס'איז פאַר אונדז אַ הייסער רוף
דאָס וואָרט פון יונגן זיידן."

זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן וואָס מער אַזעלכע ביכער און זאָל מען זיי טאַקע לייענען. וועלן מיר גיין צו נייע דערגרייכונגען, און עס וועט קומען די צייט, ווען דאָס יידישע וואָרט וועט באַפרייט ווערן פון זיינע שענדער און וועט דערהויבן אונדזער נשמה.

כאַוועך־פּאַווער

.1

כאַווער־פּאַווער (גרשון איינבינדער) שרייבט שוין אַ יאָר פופצן און איז כסדר געוואַקסן. פאַר דער צייט האָט ער אָפּגעדרוקט אַן ערך הונדערט קינדער־מעשהלעך, דריי קינדער־ביכלעך, אַ צוואַנציק דערציילונגען, צוויי דראַמען, צוויי איינאַקטערס און פינף ראָמאַנען, אחוץ אַזוינע דריי הונדערט געריכטס־בילדער. פון די בעלעטריסטישע ווערק איז „קלינטאָן סטריט" — דאָס רייפסטע.

„קלינטאָן סטריט" איז נישט נאָר דאָס באַדייטנדיקסטע פון כאַווער־פּאַווערס ווערק, נאָר עס האָט פאַר אונדזער ליטעראַטור אַ באַזונדערן ווערט: עס איז אַ ראָמאַן פון אַ נייעם זשאַנר. כאַווער־פּאַווער האָט דאָ, דאַכט זיך, אָנגעמערקט די הויפּט־שטריכן פון אַ באַזונדערן סאָרט קינסט־לערישן דערציילן.

ער דערציילט דאָ וועגן אַ גרופּע יונגע מענטשן אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק, וועמען ער נעמט אין זייער קינדהייט און יוגנט און ברענגט צו דער שטופע, ווען זייער לעבנס־גאַנג איז שוין זיכער אָנגעמערקט און זייערע כאַראַקטערן — אויסגעפורעמט. ער גיט אונדז די אַנטוויקלונג פון אָט־די מענטשן אויפן הינטערגרונט פון אַ ברייטער סביבה־שילדערונג, און ער ווייזט אונדז די אַרבעט פון די קלאַסן־כוחות אין אָט־דער סביבה און אין די אויסגעטיילטע פּאַרשוינען. עס באַקומט זיך אַ גרויסער לייוונט, אַ גרויסע סאָציאַלע פּאַנאָראַמע, „אַ שטיק לעבן", ווי מען פלעגט דאָס רופן. אָבער אָנשטאָט צו געבן דאָס אין רוים און אין אַ מער אָדער וויי־ניקער סטאַטישער פאָרמע, גיט דאָס כאַווער־פּאַווער אין צייט און מיט אַ מערקווירדיקער דינאַמיק.

פשוט גערעדט: כאַווער־פּאַווער יאָגט זיך. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט קיין צייט נישט. דאָס הייסט נאָר, אַז די צייט איז ביי אים אויסגע־מאָסטען ווי ביי אַ גוטן אייזנבאַן־מאַשיניסט, וועלכער וויל אָנקומען אויף

---

1) „מאָרגן־פרייהייט", 20טן דעצעמבער, 1936, אַן אָפּשאַצונג פון „קלינטאָן סטריט";
2) אַ פראַגמענט פון אַ סעריע עסקיזן און נאָטיצן וועגן יידישע שרייבער אין אַמע־ריקע, „מאָרגן־פרייהייט", אַפּריל־יוני, 1937.

יעדער סטאַנציע צו דער סעקונדע. ער האָט קיין צייט נישט פאַר אומ־בויטיקע און זייטיקע זאַכן. ער דאַרף זען, אַז אין די עטלעכע מינוטן אָדער סעקונדן, ווען זיין באַן שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סטאַנציע, זאָל די גאַנצע אַרבעט פון אויסלאָדן־אָנלאָדן, אַרונטערלאָזן־אויפנעמען, פאַרשרייבן־דורכ־קאָנטראָלירן אָפּגעטאָן ווערן אויף הונדערט פּראָצענט. דאָס פאָדערט אַ באַזונדערן סאָרט קאָמפּאַקטע, שפּאָרעוודיקע און קוואַליפיצירטע אַרבעט.

כאַוווער־פּאַוועס ראָמאַן איילט זיך פון פּונקט צו פּונקט, פון מאָמענט צו מאָמענט, נישט בלייבנדיק שטיין אויף לאַנג ביי קיין איינעם, אָבער יעדער פּונקט און יעדער מאָמענט איז מער ווי גלאַט אַן „עפּיזאָד" אָדער „סצענע". דאָס איז אפשר דאָס כאַראַקטעריסטישסטע אינעם ראָמאַן. יעדע „סטאַנציע" איז אויסגעבויט, אויסגעפּורעמט מיט אַ געניטער האַנט, וואָס קען איר מאַטעריאַל, געברויכט די פּאַסיקע אינסטרומענטן און ווייסט אויף געוויס, וועלכער עפעקט עס ווערט פאַרלאַנגט. אָט־די איינצלנע „קאַ־פּיטלעך", אָפּטמאָל אַ בלעטל־צוויי די גרויס, זיינען אָנגעזעטיקטע מיטן שטאָף און זאַפט פונעם ראָמאַן. איילנדיק פון קאַפּיטעלע צו קאַפּיטעלע, שאַפט דער קינסטלער יענעם ריטם, וואָס גיט דעם גאַנצן ווערק אַ סימ־פאָנישן כאַראַקטער.

דער ראָמאַן איז דורך און דורך מוזיקאַליש.

לאָמיר דאָס דערקלערן אַזוי. אַ טאָן אין מוזיק איז קיינמאָל נישט קיין איינפאַכע זאַך. ער באַשטייט, זאָגן אונדז די מוזיקער, פון אַ צוזאַמענ־קלינגען פון אַ גאַנצער מאַסע האַרמאָנישע טענער. דער גוטער פּיאַניסט „לויפט" פון איינעם אַזאַ קאָמפּליצירטן טאָן צו אַ צווייטן, אָפט מיט אַ גאַר יאָגנדיקן טעמפּאָ, אָבער יעדער טאָן לעבט דאָך אונטער זיינע פינגער מיט זיין אייגענעם חנ'עוודיקן לעבן.

די באַזונדערע „פּונקטן", „מאָמענטן", „סצענעס", „עפּיזאָדן" אין „קלינטאָן סטריט" זיינען באַזונדערע קונסט־ווערק. עס באַשאַפט זיך דער איינדרוק, אַז כאַוווער־פּאַוועס האָט ביז־גאָר אַריינגעדרונגען אין דער וועלט, וואָס רופט זיך קלינטאָן סטריט, זי דערגרונטעוועט ביזן דעק, זי איבערגע־פילט און איבערגעטראַכט און איבערגענישטערט און דעריבער זיך אויס־געלערנט ריידן וועגן אַ סך מיט ווייניק ווערטער.

וואָלטן אַלע „סטאַנציעס" געווען פּערפעקט, ווי דאָס איז אַ בישקשה־דיקער טייל, וואָלטן מיר פאַר זיך געהאַט אַ ווערק פון אַ נאָך העכערן ווערט. צום באַדויערן האָט כאַוווער־פּאַוועס דאָ און דאָרט זיך באַגנוגנט מיטן סילועט פון אַ „סטאַנציע" אַנשטאָט איר תמצית, אַמאָל מיטן אַרכי־טעקטאָרס עסקיז אַנשטאָט אַ לעבדיקער געביידע. דאָס איז דער הויפּט־

פעלער פונעם ווערק. אָבער ס'איז דאָ אין אים גענוג פאַרענדיקטע זאַכן, וואו עס פילט זיך אַ זיכערע היימישע האַנט, און אפילו די סילועטן און עסקיזן זייַנען אויך אַן אָנדייט אויף אַ קינסטלערישן אמת, הגם נישט דער אמת גופא.

כאַוועד־פּאַווער, דער שרייבער, פילט זיך אינעם ראָמאַן ווי אַ זייער אַקטיווע קראַפט. דאָ טראָגט ער אונדזער אַריבער פון פונקט צו פונקט, פון „עפּיזאָד" צו „עפּיזאָד". דאָ אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז די אמתן אויף יעדן פונקט. דער ראָמאַן אַנטוויקלט זיך, וויקלט זיך פאַנאַנדער, שפּאַנט האַסטיק פאָראויס, קלינגט, זינגט, בלישטשעט — און די גאַנצע צייט פילט איר, אַז כאָטש דאָס איז העכסט־נאַטירלעך, כאָטש דאָס פאָלגט־נאָך דאָס געמעל פונעם לעבן גופא, איז דאָך דאָ אַ ווילן, וואָס געוועלטיקט, און אַ האַנט, וואָס קירעוועט דאָס גאַנצע — דער ווילן און די האַנט פונעם קינסטלער. דאָס גיט דעם ראָמאַן אָט־יענע ריטמישע גיכקייט, וואָס צייכנט אים אויס צווישן אַנדערע ראָמאַנען. אויב איר ווילט, קענט איר דאָס רופן „גרויסשטאָטישע גיכקייט", וואָרום „קלינטאָן סטריט" איז איינער פון די ווייניקע גרויסשטאָטישע ראָמאַנען, וואָס גיסן זיך צוזאַמען מיטן גרויס־שטאָט־ריטם נישט אין דעקלאַראַציעס און אויך נישט אין דעקלאַמאַציעס, נאָר מיטן סאַמע אָטעם.

„קלינטאָן סטריט" איז אַ לויטער ווערק. אַלצדינג איז דאָרט העל — דורכזיכטיק — דורכגעלויכט. אפילו דאָס פינצטערסטע — די נשמה פון אַ געגנסטער, וואָס ווערט געפירט פון אַנדערע גענגסטערס צו דער שחיטה — איז נישט קיין „מיסטעריע", נישט קיין „אָפּגרונט". איר זעט דאָס, נישט געקוקט אויף דער שוואַרצקייט, וואָרום עפּעס אַ שיין איז אויסגעשפּרייט אויף דער שוואַרצקייט. דאָס פאַרברעכן — און ס'איז דאָ אַ סך פאַרברעכן אין „קלינטאָן סטריט", וואָרום אַריינגעוועבט אין אים איז די געשיכטע פון אַ גענג פון זעקס — איז פונקט אַזוי פאַרשטענדלעך און פונקט אַזוי מענטשלעך (מאָדנע ווי דאָס זאָל נישט קלינגען אויבערפלעכלעך), ווי ליבשאַפט, ווי ערלעכקייט, ווי צוגעבונדנקייט, ווי פּראָטעסט. די וואָרצלען פון אַלצדינג, וואָס ס'טוט זיך, זייַנען אַנטפּלעקט. מענטשלעכע האַנדלונג — גוטע און שלעכטע — איז פונקט אַזוי פאַרשטענדלעך, ווי דער פייער אין קלינטאָן סטריט בייַנאַכט, וועלכער הויבט זיך אָן אין קעלער דורך אַ מייזל, וואָס האָט געגריזשעט און אויפגעריבן אַ שוועבעלע, שפּאַנט זיך פון ערשטן שטאָק צום צווייטן, פונעם צווייטן צום דריטן און ווייטער, באַגעגענט אומעטום האָלץ אויסגעטריקנטס, וואָס צעפלאַקערט זיך ביים ערשטן אַרומנעם פונעם פלאַם — ביז „די גאַז־רערן אונטער דער סטעליע

ווערן אָנגעגליט, הויבן אָן ברענען, ווערן צעגאָסן און ווייך, עס גיבן זיך אַ יאָג אַרויס די גאַזן, רייסן אויף מיט דונערן, און אַלע טרעפּ, די טירן מיט דער גאַנצער לופט — הוילער פייער.״ אַזוי פּשוט. אַזוי נאַטירלעך. אַזוי אומפאַרמיידלעך.

„קלינטאָן סטריט״ איז אַ סאָציאַלער ראָמאַן מיט אַ ריכטיקן קלאַסן־צוגאַנג. ער ווייזט, ווי אַזוי די סביבה פון עקספּלואַטאַציע און דרוק באַ־שאַפט סיי דעם אַרבעטער־פּראָטעסטאַנט, דעם קולטורעלן פּראָלעטאַרישן טיפּ, וואָס רייסט זיך צו אַ נייעם לעבן, סיי דעם פאַרברעכער, וואָס וויל שוין, מאָמענטאַן, זיך באַזאָרגן מיטן די גוטע זאַכן פונעם לעבן, פון וועלכע די סביבה האָט אים באַרויבט, סיי דעם טעמפּן שוועך־אָטמיקן דולדער, וואָס טראָגט די לאַסט און ווייסט אפילו נישט, ווער ס׳איז שולדיק. דער ראָמאַן, אינגאַנצן איז אַ סאָציאַלער פּראָטעסט, האָט אָן „איך באַשולדיק״ אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַריין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. אָבער אומזיסט וועט עמיצער דאָרט זוכן פּראָפּאַגאַנדיסטישע ווערטער. דער סאָ־ציאַלער פּראָטעסט איז אַנטהאַלטן אינעם סאַמע שטאָף פון דעם ווערק, אין זיין נאַטירלעכער אַנטוויקלונג, אין זיין אויסגאַנג און אין דער אויסגאַנג־לאָזיקייט פון אַ סך פון זיינע פּאַרשוינען. ווען אייב באַרנעץ, דער „אַרויפ־געאַרבעטער״ ביזנעסמאַן, פירט אין די קעטסקילס זיין כלה, וואָס ער נעמט אַרויס פון אַן אָרימער משפּחה צוליב איר שיינקייט און גראַטנקייט, פילט זיך, אַז דאָס גייט אַן אייגנטימער, וואָס האָט זיך געקויפט אַ גוט שטיקל סחורה. אָבער דערביי איז דאָס אַ מענטש אייב באַרנעץ און אַן אַנדער מענטש מרים און די באַציאונג איז מענטש און מענטש, שטאָלץ פון איין זייט, וויטיק פון דער צווייטער. און מרים, די כלה, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט קלינטאָן סטריט, איז פאַרכאַפּט פונעם האָדסאָן, וועלכער איז „געלאָפן מיט איר צוזאַמען פון ניו־יאָרק און צוגענומען פון איר אין די קילע וואַסערן אַריין געדאַנק נאָך געדאַנק.״ און ווען די הימלאָזע יונגע פּראָסטיטוטקע מילדרעד קוקט אין דער קאַלטער ווינטער־נאַכט אין די העל־באַלויכטענע פענצטער און זעט דאָס גאָלד, וואָס זי האָט ליב גע־האַט פון קינדוויז אָן, איז דאָס קודם־כל אַ מענטשלעך קינד, וואָס פילט אַ ווייטאָק. „וואַרעם גאָלד אין די פענצטער. מילדרעד האָט שטענדיק געמיינט, אַז גאָלד דאַרף זיין וואַרעם. אַלע אירע יאָרן האָט צו איר גע־שיינט דאָס דאָזיקע גאָלד פון די וויטע פענצטער״ . . .

„קלינטאָן סטריט״ איז פול מיט טראַגיק. טראַגישע קאָנפליקטן. טראַ־גישע לעבנס. אָפט אַ טראַגישער אויסגאַנג. איבער אַלצדינג שטייגט דאָס מעכטיקע קול פונעם לעבן. אַלצדינג ווערט אַריינגעצויגן אינעם גרויסן

שטראָם פונעם לעבן. ווייזן, ווי אַזוי עס גייט אָט־דער שטראָם, אָנמערקן, וואוהין ער פירט, איז געווען די אויפגאַבע פונעם קינסטלער. ער אַליין, ווי אַן אַלווייזער עלטערער, וואָס פאַרשטייט אַלצדינג און קען פאַרגעבן אַ סך, שטייט אינמיטן דעם שטראָם און, ס'דאַכט זיך, ער קירעוועט אים. אָבער אין אמתן גייט דער שטראָם זיין היסטאָריש־אָנגעצייכנטן גאַנג. דער קינסטלער ברענגט אונדז נאָר נעענטער, ווייזט אונדז, וואו מיר קענען צוזייגן אַ האַנט, כדי די קרעפטן פון פּראָגרעס זאָלן אַרבעטן שנעלער, כדי ס'זאָל גיכער באַזיגט ווערן די טראַגיק.

דער רעזולטאַט — אַ פאַרכאַפּנדיקער ראָמאַן.

.2

כאַוועך־פּאַוועךס טעמאַטיק איז אַ רייכע און זייער פאַרשיידנאַרטיקע. זיין הויפּט־פּערסאָנאַזש איז דער אַרבעטער און האַרעפּאַשניק פון ניו־יאָרק. דאָ האָט זיך אַנטוויקלט זיין טאַלאַנט, דאָ האָט ער אויסגעטיילט דעם סאָציאַלן שטאָף, וואָס איז אים אַמליבסטן, און דאָ פילט ער זיך, ווי אין דער היים. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז פאַר כאַוועך־פּאַוועךן, אַז הגם זיינע פּערזאָנען זיינען אָפט שאַפּ אַרבעטער, ווייזט ער זיי אונדז בערך זעלטן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט, אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון שאַפּ־אַרבעטער קאָלעקטיוו צום באָס און שאַפּ־אַרבעטער צו שאַפּ־אַרבעטער, און מער — אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען אין די איבעריקע ספערן פונעם לעבן. דאָס הייסט נישט, אַז כאַוועך־פּאַוועך אינטערעסירט זיך נישט מיט דער קלאַסן־צעטיילונג און די קלאַסן־קאָנפליקטן. פאַרקערט, זיי זיינען אַלעמאָל פאַראַן אין זיינע ווערק. נאָר צו דער קלאַסן־צעטיילונג גייט כאַוועך־פּאַוועך צו מערסטנס נישט דורך דעם שאַפּ. דאָס גאַנצע לעבן, די גאַנצע געזעלשאַפט איז ביי אים איינגעטיילט אין קלאַסן. די שטאָט גופא איז איינגעטיילט אין קוואַרטאַלן פון עקספּלואַטאַטאָרס און קוואַרטאַלן פון עקספּלואַטירטע. אין די בילדער פון געריכט, וואו כאַוועך־פּאַוועך האָט פאַרצייכנט עטלעכע הונדערט געשטאַלטן, זעען מיר מערסטנס קרבנות פון דער איצטיקער סיסטעם.

כאַוועך־פּאַוועך איז אַ קינסטלער מיט אַ לייכטער האַנט. קוים האָט ער שוין געניגנדיק אויסגעפורעמט דעם סאָציאַלן שטאָף, איז דער פּראָצעס פון שרייבן ביי אים נישט קיין פיינלעכער, נאָר פאַרקערט — אַ פריידפולער. עס באַקומט זיך ווי כאַוועך־פּאַוועך וואָלט אַליין זיך געוואונדערט, וואָס זיינע פּערזאָנען אַנטדעקן זיך פאַר אים אַזוי אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק. אָט־דאָס האַלב־קינדערשע פאַרוואונדערן זיך איבער די מענטשן

און די געשעעניש‏ן, וואָס ער אַליין מאָלט, האָט זיך די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן געפילט אַזוי שטאַרק, אַז אָפטמאָל האָט דער לייענער געוואונטשן, אַז דער שריפטשטעלער זאָל אים לאָזן אויסגעפינען, וואָס ס'איז גוט און אַנטיצקנדיק אין די ווערק פונעם שרייבער. ביסלעכווייז איז אָט־דער יוגנטלעכער זעלבסט־ענטוזיאַזם אויסגעוועפּט געוואָרן אין כאַוער־פּאַוערס ווערק, וואָס דאָס הייסט, אַז זיי זיינען געוואָרן אויסגעהאַלטענער און ריי־פער (שפּורן פון אָט־דעם ענטוזיאַזם קען מען אַנטדעקן אפילו אין די בייסטע ווערק פון כאַוער־פּאַוער).

כאַוער־פּאַוער איז אַ קינסטלער מיט אַ סך פאַרב, מיט אַ גרויסער פּייאיקייט צו אַנזעטיקן זיינע ווערק מיט ליכט און שאָטן. עס איז אַלע־מאָל פאַראַן אַרכיטעקטאָניק אין דער קאָנסטרוקציע פון זיינע ראָמאַנען, אָבער, צום באַדויערן, מערקט זיך אָפט, אַז נישט אַלע טיילן פון זיין ראָ־מאַן זיינען אויסגעפירט מיט דער זעלביקער מאָס זאָרגפעלטיקייט. בשעת אייניקע טיילן זיינען אינגאַנצן פאַרענדיקט, בלייבן אַנדערע טיילן נאָר אין דער פאָרמע פון עסקיזן און סכעמעס.

כאַוער־פּאַוער באַציט זיך צו זיינע העלדן מיט אַ באַזונדערער אי־בערגעגעבנקייט און ליבשאַפט. ער היט זיך נישט פאַרן סענטימענט אויס מורא אויסצוזען סענטימענטאַל. ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין קינסטלערישן חוש, אַז ער וועט אַלעמאָל געפינען די גרענעץ צווישן סענטימענט און סענ־טימענטאַל. אין די מערסטע פאַלן געלינגט אים דאָס, דער עיקר אין די לעצטע ווערק. עס איז דאָ אַ ווייכע און ליבנדיקע מענטשלעכקייט אין זיינע ווערק. זי דרינגט דורך אַלעס, וואָס ער האָט געשאַפן און גיט דעם אַ באַזונדערן חן. אַ לאַנגע צייט האָבן כאַוער־פּאַוערס ווערק געליטן פון אַ געוויסער איבערגעטריבענער נאַאיווקייט, — אַ ירושה פון זיין אָנ־הייבן שרייבן אַלס קינדער־שרייבער. דער חסרון האָלט אויך אין פאַר־שווינדן. כאַוער־פּאַוער פאַרטיפט זיך מער אין זיין ווערק — און דאָס איז אַ גוטער סימן.

ער בלייבט דערביי איינער פון די בעסטע און פריילעכסטע קינדער־דערציילער אין דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור.

י. א. ראָנטש

פון אַלגעמיינעם פּראָגרעסיוון לירייזם צו רעאַליסטישער סאָציאַלער פּאָעזיע; פון אימפּרעסיאָניסטישע פּראָזע־בילדער, כמעט לידער אין פּראָזע, צו דערציילונגען, וואָס טראָגן שיער נישט אַ קונסט־רעפּאָרטאַזש כאַראַקטער און זייַנען געטריי צום לעבן ביז דער לעצטער דעטאַל; פון אַן אומפּאַרטייאישן פּראָגרעסיוון לערער צו אַ פּעדאַגאָג מיט אַ רעוואָלוציאָנערן וועלט־אויסקוק און צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון ברייטן פּאַרנעם, — אַזוי איז דער וועג פון י. א. ראָנטש.

דער שרייבער פון אָט־די שורות קען ראָנטשן שוין אַ יאָר פופצן. איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט נאָכצופאָלגן זיין אַרבעט גענוי. איך קען זאָגן, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ גרויסער ערנסטער אַכטונג צום מאָסן־לייענער, פאַר וועמען ראָנטש האָט געשריבן, און דעריבער צו זיין אייגענער אַרבעט. זינט ראָנטש איז געוואָרן אַ טייל פון דעם פּראָלעטאַרישן ליטעראַטור־פראָנט, — און דאָס איז געווען גאָר פרי ביים אויפקום פון אָט־דעם פראָנט — האָט ער מיט געדולד און גליבן געהאָלפן בויען און פּאַרפעסטיקן די פּראָלעטאַרישע ליטעראַרישע פּאָזיציעס.

אין פּריוואַטן פּאַרקער — צו אַ יובילײ מעג מען רעדן וועגן דעם איינדרוק, וואָס אַ מענטש מאַכט פּערזענלעך — איז ראָנטש אַ געלאַסענער, אַ מיושבדיקער, כמעט אַ שטילער. עס דאַכט זיך: אַלצדינג איז ביי אים געמאָסטן און געוואויגן. ער איז טאַקטיש; ער איז בנעימותדיק; ער איז זאַכלעך. אָבער אין זיינע טיף־זיצנדיקע אויגן לויערט אַ היציק פייערל; הינטער דער איינגעהאַלטנקייט פילט זיך אַן עקשנותדיקער ווילן; און אַז די געלאַסנקייט פאַרדעקט אַ פאַנטאַזיע־אַרבעט, וואָס איז גאָרנישט אַזוי רעגולירט, — דאָס קען מען זען פון די דערציילונגען און לידער.

ראָנטשס ערשטע לידער־זאַמלונג „ווינטן“ (1923) האָט אַנטפּלעקט אַ יונגן יידישן אינטעליגענט, וואָס פילט זיך אומהיימלעך אינעם נייעם לאַנד, וואָס איז צערודערט פון דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, פון דער גרויסער מאַסן־דערשלאָגנקייט, מאַסן־עלנט, און וואָס זוכט און קען נישט געפינען קיין אויסוועג. „קייטן, קייטן . . . מיר זייַנען אין זיי געבוירן און

„מאָרגן־פרייהייט“, 30טן סעפּטעמבער, 1939.

שטאַרבן אין זיי.״ „מיין אויג האָט רק געזען אַרום זיך בייז, בייז, בייז.״ „מיין לעבן איז אַ קלאַפּעניש אין טירן, וואָס פירן און פאַרפירן אין הייזער, וואו ס׳איז ענג און גרוי.״ „די קינדער זעען נישט דאָס ליכט פון טאָג, די קינדער הערן נישט דאָס ליד פון פרייד.״ באַגעגענישן מיט מענטשן? אַמאָל דאַכט זיך דעם דיכטער, אַז דאָ איז די ישועה:

צווישן מענטשן — נאָענט,
צווישן מענטשן — כוח,
צווישן מענטשן — מענטש!
כ׳וויל נישט זיין אַליין.

אָבער באַלד קומט אַן אַנדער געדאַנק און ווישט אָפּ אָט־די לעצטע טרייסט:

איך קען די פאַלשע רייד נישט הערן,
כ׳האָב פיינט דעם שמייכל און דעם לאַך
פון מענטשן — ווערטער־מיליאָנערן,
וואָס מאַכן אָרעם אונדזער שפּראַך.

געוועזן אין די לידער צערטלעכקייט, ליבע צו די מאַסן בכלל, צו די יידישע בפרט, אַ פאַרבונדנקייט מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און, ווי דער שטייגער איז ביי לירישע יידישע דיכטער, אַ טרייסט־זוכן אין דער נאַטור. געוועזן אַ שטיל בענקען נאָך אַן אויסלייזער, אַ שטורעמדיקן און מעכטיקן, אָבער אָן אַ קלאָר בילד, ווער דער אויסלייזער וועט זיין.

אין דער צווייטער לידער־זאַמלונג, „אינדיאַנער זומער״ (1930) האָבן מיר שוין אַ רייכן אויפּבלי פון פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. אויך דאָ איז פאַראַן דאָס בילד פון אומשולדיק־פאַרפאַלגטע, דער צער פון הונגעריקע, דעם שונא׳ס פּינצטערע ממשלה. „איבער בראַזגענדיקע, ווילד־הפקרדיקע גאַסן שלעפּן אום זיך קראַנקע קינדער״ . . . אָבער דאָ איז שוין דאָ דאָס באַוואוסטזיין, אַז פּראָלעטאַרישע אייניקייט, קאַמף פון דער אָרעמשאַפט אין געשלאָסענע רייען וועט ברענגען די באַפרייאונג. דער דיכטער זאָגט צום פּראָלעטאַריער:

ווען די צייט וועט קומען, וועסטו זיך אַנטפּלעקן
און אַרויסלאָזן דעם שטורעם פון די צאָמען.
וועט די אַלטע וועלט אַ קראַך טאָן און זיך עקן —
דו וועסט אין דעם שטורעם רייניקן און ראַמען
און דיין צויבער־מאַכט פון שאַפן אונדז אַנטפּלעקן.

אויך אין אָט־דער זאַמלונג זיינען דאָ נאַטור־לידער, נאָר זיי זיינען שוין פּלאַסטישער און רייכער אין פאַרבן. די גאַנצע זאַמלונג איז געשריבן אין

אַ פּעסטערן טאָן. דער לירייזם ווערט קרעפטיקער, די ריטמען — דרייסטער. אָבער בכלל געהערט די זאַמלונג צו דעם פלאַקאַטן־פּעריאָד פון דער פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור: מער דעקלאַראַציע, ווייניקער רעאַל לעבן.

מיין פויסט איז אַדערדיק־געבאלט,
מיין קול וועט הערן זיך אין כאָר.

די דריטע גרעסערע לידער־זאַמלונג „הונגעריקע טעג" (1936) איז אַ זייער באַדייטנדיקער טריט פאָראויס. דאָס איז ברייטערע און מער אינ־האַלטספולע פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע, וואו לעבעדיקע מענטשן פאַרנעמען דעם אָרט פון פּראָגראַמאַטישע רופן, וואו קאָנקרעטע מענטשלעכע רעוואָלט־גע־פילן, פאַרשיידנאַרטיקע רעאַליסטישע באַטראַכטונגען, בילדער, שילדערונ־גען פאַרבייטן די אַמאָליקע אַבסטראַקטע רעוואָלוציאָנערע ווערטער. דאָ ווערט די שפּראַך פון די לידער אויך ברייטער, סיי זיכערער, סיי ווייכער, און עס גיסט זיך אין איר אַריין דער באַלעבנדיקער און דערפרישנדיקער טאָן פון פאָלקסטימלעכקייט — אָפט מיט אַ קאַפּעלע הומאָר — וואָס פאַר־לאָזט שוין נישט ראָנטשן ביזן היינטיקן טאָג.

עס איז נאַטירלעך, אַז דער אינהאַלט פון דער פּאָעזיע זאָל ווערן ברייטער. דער הויפּט־מאָטיוו פונעם בוך איז אַרבעטסלאָזיקייט. עס זיינען אָבער אויך דאָ אַ סך אַנדערע טעמעס: לידער צו עטלעכע העלדן־רעוואָ־לוציאָנערן, אַמעריקאַנישע ביאָגראַפיעס, מלחמה. עס איז דאָ איין אָפּ־טיילונג וועגן נעגערס. דאָס נייע אין ראָנטשס פּאָעזיע קען מען זען פון אָט־דעם אויסצוג (דאָס ליד „אַלאַבאַמאַ"):

מ׳האָט געלינטשט אַ נעגער היינט ביי אונדז אין אַלאַבאַמאַ.
ס׳איז ווערט געווען אַ טאָלער אַ בילעט
בייצואוואוינען דעם ספּעקטאַקל.
און ווער עס האָט געהאַט די זכיה
דערשטופּן זיך צו אַ סואוועניר,
וועט האָבן צו באַרימען זיך פאַר קינדס קינדער.
געשען איז דאָס אַזוי:
די דריי־און־אַכציק יאָריקע אַלטע מויד,
די פרומע נשמה, וואָס איז אַוודאי נאָך אַ בתולה,
האָט זיך צעיאַכמערט אינמיטן העלן טאָג,
אַז אַ נעגער־יונג האָט זי געוואָלט באַמאַנען, א. אַז. וו.

די נאַטור־לידער אין דעם באַנד זיינען אויך רעאַליסטישער און דע־ריבער מער דיפערענצירט — און שענער.

ראַנטשס פּאָעזיע גייט פּאַראויס אין דער זעלביקער ריכטונג ביזן היינטיקן טאָג. ראַנטש האַלט נאָך אינמיטן.

די פּראָזע ביי ראַנטשן האָט דורכגעמאַכט אַ פּאַראַלעלע אַנטוויקלונג־ליניע. די בילדער־זאַמלונג „שאָטנס פון ניו־יאָרק" (1928) האָט געדאַרפט געבן פאַרביילויפנדיקע איינדרוקן, אימפּרעסיעס, מערסטנס פּאַראַלגעמיינערטע, סילועטן־מעסיקע, אָפט פאַרצויגענע מיט אַ לייכטן נעפּל. פּאַראַן באַזונדערע ערטער: „אויף די גאַסן פון מאַנהעטן", „די באוערי", „העסטער פּאַרק", „בעיסבאָל", אָבער עס איז נישטאָ קיין פּראָבע שאַרף אַרויסצושטעלן דעם כאַראַקטער פון די ערטער: די כוונה איז געווען גיכער צו דערציילן אין אַ ריטמישער פּראָזע, ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אויף די געפילן פונעם שרייבער. אָט איז אַ כאַראַקטעריסטישער פּאַראַגראַף:

> „נישטאָ קיין נעכטן דאָ. נישטאָ קיין מאָרגן. נישטאָ קיין היינט. בלויז אַ איצט איז פּאַראַן. אַ סאַפּנדיקע, אימפּעדיקע רגע. און אַלע יאָגן זיך נאָך איר. אַלע שטרעקן אויס זייערע הענט זי צו כאַפּן. און דער דעמאַנישער קאָלאָס — די שטאָט — האָט צעשפּרייט און צעלייגט זיינע אומציילִיקע, שטאָל־און־שטיין קאַלטע, גיגאַנטישע לאַפּעס צו כאַפּן די רגע׳ס און אַריינשליידערן זיי אין זיין טורעמדיק־באַציינטן, בעסטיאַליש־גיריקן מויל."

דער אינהאַלט איז אויך דאָ אַ סאָציאַלער — ניו־יאָרק אַליין איז אַ ריזיקער סאָציאַלער קערפּער — אָבער די פּראָטעסט־מאָטיוון קלינגען ווי אַן אויבערטאָן צו דער לירִיק פון אימפּרעסיעס וועגן דער גרויסשטאָט.

דער נייסטער בוך פון ראַנטשעס פּראָזע־ווערק „אייגענע מענטשן" איז שוין אַ זאַמלונג פון רעאַליסטישע דערציילונגען און בילדער. דער שרייבער איז דאָ ווי באַפרייט פונעם צוואַנג פון פּאָעטישקייט, וועלכן די פּאָרמע פון די „שאָטנס" האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. דאָ איז אים גראַמער. די שפּראַך איז אומגעבונדן, לויטער־יידיש און נעענטער צום פאָלק, כאָטש געוויס נישט ווייניקער קולטורעל. די דערציילונגען זיינען באמת וועגן אייגענע מענטשן — וועגן אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענטן און יידישע פּאַרמערס און אַנדערע האָרעפּאַשניקעס, גוטע און שלעכטע, פּראָגרעסיווע און אָפּגעשטאַנענע, גליקלעכע און לײדנדיקע און האָפנדיקע, קראַנקע און געזונטע. עס איז אַ טייל פון אונדזער אייגענער וועלט — און דערציילן דערציילט דאָס אויך אַן אייגענער מענטש. דער סיפּור־המעשה גיסט זיך לעבעדיק און די זאַכן לייענען זיך מיט דעם אינטערעס, מיט וועלכן נאָר בילדער פונעם אונדז־נאָענטסטן לעבן קענען זיך לייענען.

די מענטשן זיינען דאָ מערסטנס אינדיווידואַליזירטע.

און, ווי שטענדיק, פאַרגעסט נישט ראַנטש די נאַטור. ער האָט ליב די בערג, און ער גיט אונדז איבער זיין ליבשאַפט.

ער האָט אָבער אויך ליב דעם הונט. ווערן מיר וועגן דעם געוואויר נישט פון די דערציילונגען „מעידזשאַר" און „אויף די ווייסע בערג", נאָר אויך פון אַ קליין קינדער־ביכעלע „בריוו פון די קעטסקיל־בערג". ראַנטש איז דער פאַרפאַסער פון זעקס ביכלעך פאַר קינדער. די ביכלעך זיינען געשריבן מיט דער זעלביקער לויטערקייט און בילדלעכקייט, ווי זיינע לעצטע דערציילונגען.

ראַנטש האָט נאָך אין 1930, זייענדיק לערער אין אַ יידישער מיטלשול, אונטערגענומען אַ פּראָיעקט, וואָס האָט געוויזן, אַז ער האָט אָרגאַניזיר־איניציאַטיווע און קען אָנפירן מיט דער אַרבעט פון גרופּן. דאָס איז געווען אַ זאַמל־בוך „ניו־יאָרק", אָנגעשריבן פון די פופצן גראַדואיר־שילער פון דער אומפּאַרטייאישער אַרבעטער מיטלשול (שפּעטער טייל פון דער שול־סיסטעם ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן) — דער ערשטער פּרואוו פון אַ קאָלעקטיוון ווערק אויף יידיש פון אַמעריקאַניש־געבוירענע יידישע שילער. די שילער האָבן נישט נאָר געזאַמלט דעם מאַטעריאַל און אָנגעשריבן די עסייען, נאָר אויך געהאָלפן אַרויסגעבן דעם בוך. שפּעטער האָט י. א. ראַנטש אונטערגענומען אַן אַנקעטע וועגן דעם, וואָס עס איז געוואָרן מיט די שילער פון יידישע קינדער־שולן נאָך דער גראַדואירונג. אויך דאָס איז געווען אַ ווערטפולער ביישטייער צו דער פאַרשטענדיקונג פון דעם קולטור־לעבן פון יידישער אַמעריקאַנער־געבוירענער יוגנט.

אַלס אַרבעטסלאָזער שריפטשטעלער, האָט ראַנטש פאַרנומען דעם פּלאַץ פון רעדאַקטאָר און אָנפירער פון דער יידישער גרופּע פונעם פעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט. דאָ האָט ער געהאָלפן פּלאַנעווען, צונויפשטעלן און אַרויסגעבן אויף יידיש דאָס קאָלאָסאַלע ווערק „לאַנדסמאַנשאַפטן־בוך" און דאָס אַנדערע, קלענערע ווערק וועגן פאַמיליען־קרייזן ביי יידן.ביידע זיינען אַ גרויסער ביישטייער צו דעם שטודיום פונעם יידישן מאַסן־לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מאַרטין בירנבוימס לידער

.1

מאַרטין בירנבוים איז אַן אַרבעטער, אַ פּאַריער, און זיין פּאָעזיע איז אַ פּראָטעסט אין דער ערשטער ליניע קעגן דער עקספּלואַטאַציע פון מענטשלעכער אַרבעט. אין „פּאַריער ביי דער אַרבעט" דערציילט ער, ווי זיין ליד ווערט געבוירן. דער זייגער צערעוועט זיך אין שאַפּ; דעם דיכ־טערס הענט נעמען זיך פלינק צו די פעל, ווי „גוט־מושטירטע זעלנער"; זיינע הענט ווערן צוויי עלעקטרישע פליגל, דער רוקן אַ מולטער, דער גוף — אַ ווינגל, די אויגן — „צוויי טייכן אָנגעהויכט מיט רויטן נעפּל"; די מאַשין זאַפּט אים איין, יעדן אבר באַזונדער: זינגט ער מיט פאַר־מאַכטע ליפּן.

„זיינען מיינע לידער רויטע קרעלן,
וואָלט איך וועלן זיי אינמיטן שאַפּ צעזייען:
זאָל זיך יעדערער מיט זיי צירן,
זאָל זיך יעדערער מיט זיי פרייען.

וואָלט איך וועלן אויפן קול זיך דאָ צעשרייען,
ווי עס שרייען די עלעקטרישע מאָטאָרן;
ווי זיי וואָלט איך געוואָלט מיט פונקען שפּריצן
און אויסרעווען אין שאַפּ מיין הייזעריקן צאָרן."

דער קלאַסן־קאַמף הויבט זיך אָן אין פאַבריק, אינעם סאַמע קוואַל פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. עס איז דעריבער נאַטירלעך פאַר מאַרטין בירנבוימען צו האַלטן, אַז פון דאַנען דאַרף די פּראָלעטאַרישע דיכטונג שעפּן איר פייער:

„מיר, אונטערן מילשטיין פון אַרבעט,
מיט האַרטער מאַזאָליעטער האַנט
טונקען די פעדער אין פייער
און בלאָזן די פונקען פאַנאַנד."

פּאָעזיע ווערט, הייסט עס, אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. דער צוועק פון פּאָעזיע, כאָטש זי ניצט אָפט די „איך"־פאָרם, איז נישט נאָר געבן

---

1) „מאָרגן־פרייהייט", 4טן דעצעמבער, 1933; 2) „מ. פ.", 11טן דעצעמבער, 1933.

אויסדרוק פאַר דעם דיכטערס פאַרביטערונג און עמפּערונג, נאָר דינען דעם פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו. דער דיכטער דריקט אויס זיך אַליין דורך אויסדריקן די געפילן פון קאָלעקטיוו:

„אַ קוואַל פון האַס
מוז זיין איצט טינט!
און פען מוז זיין
אי שאַרף, אי בלאַנק!
איעדעס וואָרט —
אַ מאָרד־סטילעט!
און רויט־אַרמייער —
דער פּאָעט."

דערמיט איז די ספּערע פונעם דיכטערס שאַפן געגעבן. מאַרטין בירנבוים לעבט מיט די אַרבעטער, שילדערט די פאַרשקלאַפונג פונעם מענטשן דורך דער באַס־סיסטעם און דעם באַס־אינדיווידואום, שילדערט די פּראָלעטאַרישע ספּאָנטאַן־אנטשטייענדיקע סאָלידאַרישקייט פונעם „מאַרקעט", שילדערט די אַרבעטסלאָזיקייט, דעם הונגער, די היימלאָזע מענטשן — און ווייזט אין שאַרף־געצייכנטע און גוט־באַלויכטענע פּאַנאָראַמעס דעם אויפקום פון קאַמף. דער קאַמף ווערט אַן אומפאַרמיידלעכער באַשטאַנד־טייל פונעם לעבן. דער קאַמף ווערט דאָס, וואָס ס'גיט דעם לעבן אַ זין. דער קאַמף לייזט אויף די ווייטאָגדיקע ווידערשפּרוכן אין אַ העכערער האַרמאָניע. דער קאַמף איז דעריבער דער קוואַל פון שיינקייט.

אָט־דאָס איז, דאַכט זיך, דאָס כאַראַקטעריסטישע אין בירנבוימען: דער קלאַסן־קאַמף נישט נאָר צוליבן ענדציל — דער קלאַסן־קאַמף צוליב דער באַפרייאונג, וואָס ער גיט דעם יחיד דורך דער אַקציע גופא. ווען דער דיכטער רופט צו אַקציע, רופט ער דערמיט אָפּצושאַפן דעם אומזין, וואָס צעפרעסט דאָס לעבן און דעם מענטשן. ער רופט צו דער אויסלייזונג פון מענטשן.

ווער זאָגט: דו מוזט אויסגיין!
דו מענטש, דו סקלעט!
דו כאַפּ אין די הענט
אַ שטאַבע, אַ ברעט!
— — — — — — — — —
טו אַ שלעפּ,
טו אַ ריס,
טו אַ ביס מיט די ציין!
רייס אויס יעדן ציגל,

גראָב אויס יעדן שטיין!
זאָל אויפגיין געשריי דיינס
אין בלוטיקן כאָר,
ביז נאַכט וועט געבערן
דעם רויטן קאַיאָר.״

די אַרבעט פון אומוואַרפן אַ וועלט און בויען אַ וועלט ווערט אַ פּער־זענלעכע באַדערפניש פאַרן דיכטער, אָבער די באַדערפניש האָט אַ קלאַסן־ווערט און דעריבער מוז איר פאַרקערפּערונג אין לידער מיטרייסן דעם פּראָלעטאַרישן עולם. דער דיכטער איז דאָ נישט קיין אַגיטאַטאָר אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט: ער קומט נישט פאַרשפּרייטן אידייען; ער קומט זיך טיילן מיט דורכגעפילטע, דורכגעליטענע איבערלעבונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צום קלאַס. בירנבוימס עכטקייט און איבערצייגונגס־קראַפט זיינען אַמגרעסטן גראָד אין די לידער, וואו ער רופט צום קאַמף.

ווען מענטשן וואָלגערן זיך אונטער דער בריק, ווי שטיקלעך ברוכוואַרג פון אַ גרויסער שטאָט, —

„מענטשן
מיט אָדערן — טרוקענע שטריק,
מענטשן
אונטער דער בריק!

יעדן אַן אָפּטייל,
יעדן אַ שטיק
פינצטערן חלק
אונטער דער בריק״ —

און ווען דערביי איז פרילינג אויף דער וועלט, מיט אַ בענקשאַפט, אַן אומ־רו, אַ ברויזן אין בלוט, איז ווי זאָל מען נישט רופן די מענטשן צום מאַי־פּאַראַד, צום רויטן פּראָטעסט־מאַרש?

„ס׳איז פרילינג!
ס׳איז פרילינג
און שוימיק דאָס בלוט!
אַראָפּ פון די טראָקטן!
אַוועק פונעם ברוד!
אַרויס פון די לעכער!
אַרויף אויף דער בריק!
און קיינמאָל שוין מער נישט
אַרונטער צוריק!
קיינמאָל שוין מער נישט
אונטער דער בריק!

איז וואָס פאַר אַ באַדייט האָבן שוין דעמאָלט רייןְ־פּערזענלעכע אי־בערלעבונגען אין פאַרגלייך מיט אָט־די געזעלשאַפטלעך־פּערזענלעכע עמאָציעס, וואָס רודערן אויף, שטורעמען אויף, שניידן זיך איין מיט די שאַרפסטע שניטן, פילן אָן דאָס גאַנצע לעבן מיט אַזאַ שפע גליאיק־אָנגעזעטיקטע פאַרבן!

פון דאַנען איז איין טריט ביז וועלט־פּאָליטיק אַלס פּערזענלעכע אי־בערלעבונג: קריג, קריזיס, סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלט־רעוואָלוציע — אַ ריי מאָמענטן אויפן וועג פון פינצטערניש און ליכט, אַ ריי טיף־דערשי־טערנדיקע און פאַרשלינגנדיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס פירן סוף־כל־סוף

„דעם טאָג־ליכט דעם יונגן
אַנטקעגן.“

***

מאַרטין בירנבוימס וועג איז געווען אַ גלייכער. געוויס האָט ער גע־האַט די אָדער יענע יונגע וואַקלעניש, אָבער ער האָט זי שנעל בייגעקומען. ער האָט זיך געפונען גאַנץ פרי. ער האָט אין די קנאַפּע פיר יאָר פון זיין אַרבעט דורכגעמאַכט אַ ליניע פון אַנטוויקלונג, וואָס באַדייט — וואוקס.

ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ ליריקער און איז געבליבן אַ ליריקער, וואָרום אַ דיכטער, וואָס רופט, איז דערמיט שוין ליריש. אָבער ער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויך אַ טענדענץ צו שילדערן פּאַסירונגען און מענטשן. זיינע כאַראַקטער־עסקיזן פון פאַרמהאַנט אַ׳מעילי (אין אַ פּאָעמע מיטן זעלביקן נאָמען), פון ראַי („ראַי דער מולאַט“), פון דער פרוי־אלמנה, וואָס ווערט אַרויסגעזעצט פון דער דירה („געפינען דעם וועג“), פונעם פאַריער־מאַרקעט און עטלעכע אַנדערע זיינען אָביעקטיוו־ריכטיק און רע־אַליסטיש, כאָטש זיי זיינען מער גענעראַליזירטע טיפּן, ווי אינדיווידועלע פערזאָנען. די ליניע פון בירנבוימס אַנטוויקלונג ציינט אויף דער מעג־לעכקייט פון רעוואָלוציאָנערע עפּישע ווערק, כאָטש אַזוינע ווערק וועלן ביי אים נאַטירלעך זיין דורכגעציטערט מיט ליריזם, ווי מיר געפינען דאָס אין אַלע ביז־אַהער דערשינענע פּאָעמעס.

מאַרטין בירנבוים האָט אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער נייגונג צו נאַטור־שילדערונגען און צו וואַנדערן צוליב וואַנדערן, צוליב איינזאַפּן די נאַטור, באַהעפטן זיך מיט די קרעפטן פון דער נאַטור:

„נעם, ברודער, זאַק־און־פּאַק
און גיי דורך דאָרף און שטאָט!
דיין טראָט איז גרינג,

דיין פוס איז שטאַרק!
איז שפּיל פאַר דיר
אַ טאָל, אַ באַרג.
אַ האַרץ, וואָס פילט,
אַן אויג, וואָס זעט,
ווערט דורשטיק
און ווערט שאַרף ביז גאָר —
און, ווי אַ שפּיץ פון בלאַנקן שווערד,
גראָבט זיך איין אין דיר די וואָר."

די וואַנדער־מאָטיוון באַגעגענען זיך ביי אים גענוג אָפט, אָבער דער אימפּעט באַקומט אַ ציל: עס איז שוין נישט מער דעם טרעמפּס דראַנג — „אַן אייביק־געשפּאַנטער בויגן. ער — די פייל די אימפּעטדיקע" — עס איז די בענקשאַפט צו אַן אייגענער, באַפרייטער וועלט. ווען עס לאָקן בערג און פריש־צעגרינטע וועלדער, און ס'וואָלט גוט געווען ביי אַ טייך אַ זון־פאַרפלייצטן טרוימען וועבן, מוז דער פּראָלעטאַרישער דיכטער קומען צו אַזאַ אויסברוך:

„וואָלט גוט געווען אַצינדערט
אונטער ברייטן, פרייעם הימל
פריידיק־יונגע טעג פאַרשלינגען
און אין כאָר מיט יאָטן זון־פאַרברענטע
און צעפלאַמטע בויגוועדיקע מיידלעך
יובל פון דערוואַכטן לעבן
אויסצוזינגען!"

מאַרטין בירנבוים האָט אין אָנהויב זיך געראַנגלט מיט דער פאָרמע. עס האָט אים געפעלט ווירטואָזישקייט פון אויסדרוק. עס האָט אים אָפט געפעלט שאַרפע בילדלעכקייט, גלאַנץ. די שורות זיינען טיילמאָל נאָך געווען קרוכלע. דער טאָן — אומזיכער. טיילוויז האָט ער זיך נאָך איצט אויך נישט אינגאַנצן באַפרייט פון אָט־די חסרונות. נישט אַלעמאָל איז ער שפּאָרעוודיק אין ווערטער. נישט אַלעמאָל היט ער זיך אויס פאַרן פּאַטעטיש־צופיל־פּאַטעטישן אויסדרוק. נישט אַלעמאָל איז די בילדלעכקייט גענוג אָנגעזעטיקט. אַמאָל איז נאָך ביי אים דאָ אַן אַבסטראַקטקייט, ווי אין „פּאַרטאַגיק געוויטער", וואו עס באַווייזן זיך די קרעפטן פון דער וועלט־רעוואָלוציע אין דער געשטאַלט פון פאַנטאַסטישע „שטומע שטאָלענע ריזן מיט פלאַמיקע אָרעמס און ציין." אָבער בירנבוים לעבט שנעל אויס אָט־די חסרונות. זיין אַנטוויקלונג איז נאָכאַנאַנדיק. זיינע ריטמען ווערן פאַרשיידנאַרטיקער און אָפט דערגרייכט ער שוין גרויסע דינאַמיש־

קייט, ווי אין „פערטער מערץ — הונגער מאַרש.“ זיין שילדערישקייט וואַקסט. ער דאַרף געבן אַ בילד פון נאַכט, רעדט ער שוין ווייניק:

„צווי פלאַמיקע ווייזערס
איבער שטאָט ערגעץ ווייט
אויף אַ גליאיקן צירקל ווייזן
די צייט.“

זיין וואָרט ווערט וואָגיקער, ערנסטער — און פּראָסטער. ער דער־הויבט זיך אָפּט צו איינפאַכקייט, וואָס איז דער סימן פון רייפער קונסט.

„אַלץ וועלן הערשער אין קאָן איצטער שטעלן —
און אַרבעט־בלוט איז די ביליקסטע קאָרט.“

אָדער:

„מיר וואַרפן אום און בויען אויף
און ווייגען נישט דערביי;
אויב ס'איז אַ וועלט צום שטאַרבן רייף,
איז ווייגען נישט כדאי.“

אָפּט, אין זיינע שטייגער־בילדער, געברויכט בירנבוים אַ דערפרישנ־דיקע פאָלקס־שפּראַך. ער ווייסט ווי צו זיין קערנדיק־עמכ'דיק, ביז אַריינ־פאַלנדיק אין פעליעטאָן.

„עך, ס'אַראַ אַנבליק!
עי, ס'אַראַ פרייד!
דער ,פאַרגעסענער מענטש' —
ווי מוטיק ער גייט!“

2.

אין מאַרטין בירנבוימס לידער פילט זיך שוין כמעט נישט דער איינ־פלוס פון די קלאַסישע יידישע פּאָעטן: פּרוג, פּרץ, רייזען. עס פילט זיך אויך נישט דער איינפלוס פון די אַמעריקאַנער „יונגע“ פונעם פאַרגאַנגע־נעם דור: לייוויק מיט דער גאַנצער גרופּע סימבאָליסטן. מאַרטין בירנ־בוים האָט געשעפּט זיין קינסטלערישע חיונה טיילווייז פון דער סאָוועטי־שער דיכטונג, טיילווייז — אין אַ זייער באַגרענעצטער מאָס — פון דעם ערשטן דור פּראָלעטאַרישע דיכטער אין אַמעריקע: מאָריס ראָזענפעלד און ווינטשעווסקי; מער אָבער, אַ סך מער, האָט בירנבוים געשעפּט פון אונדזער אייגענער היגער פּראָלעטאַריש־ליטעראַרישער סביבה. אין דעם זין איז בירנבוים אינגאַנצן אַ פּראָדוקט פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער

אַמעריקע, אַ קינד פון יוניאָן־סקווער, קען מען זאָגן, — אַ קינסטלערישער אויסדרוק פון דעם, וואָס ס׳ווירט און צייטיקט זיך אינעם רעוואָלוציאָנערן טייל פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אינעם היינטיקן היסטאָרישן פּעריאָד.

צוליב דעם, וואָס ער איז פון אָנפאַנג אָן געווען אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער, איז ער כמעט אינגאַנצן פריי פון דער פּראָזע. ס׳איז דאָ אַן אויפריכטיקייט אין אַלע בירנבוימס ווערטער און ס׳איז דאָ אַ פרישקייט. פון אָנהויב פלעגט זיך אין זיי פילן צופיל ציטערדיקייט, צופיל דינקייט:

„איז שטיל און פוסט אָט־דאָ ביים ברעג,
נאָר כוואַליעס קייקלען זיך מיד
און דער ווינט, דער אייביקער אומרו,
פייפט זיך פאַרהאַלטן אַ ליד.״

אַזוי האָט ער געשריבן אין 1929. אין יענער צייט האָט ער נאָך געטראַכט וועגן לידער, וואָס ווערן גערעדט „ווי צו זיך אַליין אין שטילן צימער״; ער האָט נאָך געחלומט וועגן אַ דיכטער — אַ פריינט, וואָס זיינע לידער זיינען, אמת, אָנגעפילט מיט אַ „באַהאַלטענער גלוט״ און ס׳קאָכט זיך אין זיי „ווי אין אונטערערדישע לאַבירנטן״, וואָס אויבן־אויף זיינען זיי אָבער „ווי גראָזן הויכע פאַרטראַכט און שטיל״ און זיי „ציטערן אויף זון־באַגליטע פליגל פון לייכטן מאָרגן־ווינט.״

אָט־די „פאַרטראַכטקייט״, אויב נישט שטילקייט, האָט זיך געפילט אין די ערשטע בירנבוימס לידער. ס׳האָט אין זיי געקלונגען כמעט אַ פלייטן־צאַרטקייט פון איינעם, וואָס דער קעסל־גרוב פון עקספּלואָטאַציע און סאָציאַלער העסלעכקייט האָט אים, אמת, שוין אויפגעוועקט, וואָס אַליין אָבער שטייט ער נאָך אַלץ אָן אַ זייט און רעאַגירט מיט ווערטער־אימאַזשן געוועבדעטע מער אינווייניק ווי אינדרויסן. עס איז געווען יענע צייט, ווען דער פּאָעט האָט נאָך נישט געהאַט געפונען זיין וועג. אין זיין קול האָט זיך געהערט די פּראָבע־קוואַליטעט: אָט־אָט און דאָס קול ברעכט זיך איבער, ווי אַ גלעזערן שטעקעלע, מיט אַ שטילן פאַרשעמטן לויטערן קלונג.

שפּעטער האָט בירנבוים דערפילט אַ פעסטערן אידעאָלאָגיש־קאָמפּערישן באָדן אונטער די פיס, און אויך זיין טאָן איז געוואָרן זיכערער און פולער. די אויפריכטיקייט איז געבליבן. די אידלקייט, וואָס זי איז דער אויסדרוק פונעם דיכטערס רעספּעקט צו זיין שטאָף, איז געבליבן. אָבער

די ציטערדיקייט איז פאַרשוואונדן. דאָס וואָרט האָט באַקומען מער וואָג. אנשטאָט גלאָז האָט זיך אָנגעהויבן פילן שטאָל.

דער פּראָצעס איז ווייט נאָך נישט פאַרענדיקט. אָבער אַ פּאָר ביי־שפּילן דאַרפן ווייזן די ליניע פון אַנטוויקלונג.

דעם פּראָצעס פון פיזישער אַרבעט האָט בירנבוים אַזוי געשילדערט אינעם זומער פון 1929:

„הויך צווישן הימל און ערד
אין אַ שטאָלענעם געוועב
פאַרברענגען זיי די טעג.
בלויז אַן אייזן־שטעג אַ שמאָלער
גרענעצט לעבן זייערס אָפּ פון טויט.
איז אויסגערעכנט יעדער ריר דאָ אויבן
און ס׳איז אויסגעמאָסטן
יעדער טראָט.
דאָ, אין שכנות מיט די שווימענדיקע כמאַרעס,
ווער פאַרלאָזט זיך דאָ
אויף ,באַשטימונגען׳ פון גאָט!“

די ווערטער זיינען צו איידל צו זיין אַדעקוואַט פאַר דער טעמע. דאָס ליד איז כמעט סטאַטיש. עס פעלט איגנאַנצן די דינאַמיק פון דער בוי־אַר־בעט ביי הימלקראַצער — אָט דאָס צוין־קריצן פון שטאָל, אָט דאָס הייסע ריטמישע אָטעמען פון מאַשינען, אָט דאָס מעכטיקע צוזאַמענגיסן זיך פון מענטשלעכער אַרבעט אין איין גרויסער שטורעם־סימפאָניע. די בוי־אַרבעט איז געוועזן ווי דורך אַ שפּאַקטיוו. די טענער זיינען איינגעהאַלטענע, קאָנטעמפּלאַטיווע: דער דיכטער איז אַליין נישט באַטייליקט.

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין 1929. ווי זאָלן מיר דאָס כאַ־ראַקטעריזירן? ס׳איז דאָ דאָ צופיל אינטעליגענטישע „באַאָבאַכטעריש־קייט“ און „פון־דער־זייטיקייט“.

עס פאַרגייט דריי יאָר. בירנבוים שרייבט ווידער וועגן אַרבעט. איצ־טיקס מאָל איז דאָס פעל.

„דאַכט זיך פעל, פּראָסטע פעל.
דאָ אַ פּליכל, דאָרט אַ ריס.
נאָר קוים סאָרטירט און צוגעשניטן,
איז — „נאַ, אַפּרייטאָר, שיס!“
— — — — — — — — — — — —

שאַרף דאָס מעסער, פינטשער שפּיציק,
שנייד — און פלינק די האָר פאַרשאַר . . .

אויב גענייט, זאָל זיין געפּאָרן!
קריגסט באַצאָלט דערפאַר!
— — — — — — — — — — — —

דאַכט זיך, פּעלצן, טויטע חיות,
אָבער, ברודער, ס׳אַראַ ציין!
יעדער צאַקן אין דעם לעדער
קען אַ ביס טאָן בייזן ביין.

יעדער צאַקן אין דעם לעדער
לאָזט אַ שראַם אויף דעם געמיט!
עי, אַפּרייטאָר, חבר מיינער,
ווייסט דאָך, ווי עס בריט.

עט, אַזוי אַמאָל אַ זעץ טאָן
מיט געצייג און פעל צום דיל.
„אויב גענייט, זאָל זיין געפּאָרן . . . ״
וויפיל איז דער שיעור?״

דאָס ליד איז נאָך אויך נישט פול־ברוסטיק און ברייטשפּוריק. דער טאָן איז נאָך אַלץ נישט גענוג אָנגעזעטיקט. אָבער ס׳איז ווייט אַוועק פון עם ערשטן ליד. ס׳איז מער רעאַל. ס׳האָט מער דינאַמישקייט. ס׳איז וויני־קער שטייף. די בויגעוודיקייט איז נאָך נישט קיין גענוג זיכערע. דער טאָן פון עמכ׳דיקייט געפינט זיך אין דער סכנה פון אָט־אָט אַראָפּזינקען צום שאַרזש, — אָבער די זאַך איז לעבעדיק. דער עיקר: עס איז דאָ דער אַרבעט־קאָלעקטיוו.

מען וועט זאָגן: דאָ, אין זיין אייגענעם פאַך, פילט זיך דער דיכטער זיכערער און פרייער. מעגלעך. אָבער ווען בירנבוים וועט שרייבן וועגן בוי־אַרבעטער, קענען מיר זיכער זיין, אַז זיין ליד וועט קלינגען פרייער, פולבלוטיקער, ריטמישער און — ס׳וועט זיין אַ ליד פון פּראָלעטאַרישן אַרבעט־קאָלעקטיוו.

אָט באַשרייבט ער, ווי אַ סקעב באַוויַזט זיך אין „מאַרקעט״:

„וואַקסן פויסטן,
בליצן ציינער,
און די טויזנטער — ווי איינער.״

דאָס האָט ער שוין געשריבן אין 1933.

אָדער נעמען מיר אַן אַנדער ביישפּיל: מענטשן מאַרשירן אין פּראָ־

טעסט. אין 1930, אין דעם ערשטן גרויסן ליד, וואָס בירנבוים האָט ווען אָנגעשריבן. לייענען מיר:

„איז פול די מאָס!
שוין פול צו לאַנג!
און שלעכט איז!
קראַנק־פאַרשלאָפן וואַרטן!
דעם לאַנג־געגאַרטן טאָג —
נישט מיט פאַרבלאָז־שטילע ווּונטשן,
נישט מיט קללות,
נישט מיט טרערן
וועט איר אים דער וועלט באַשערן:
דינאַמיט און קאָפּ געזונטער!
בלוט און פלאַם
און רויטער צונטער!"

אין דעם ליד איז געוויס דאָ אימפּעט. ס'איז דאָ אַן ערנסטע אויפּ־ריכטיקט. ס'איז דאָ עמפּערונג. אָבער ס'איז אַבסטראַקט. דער טאָן איז אַן אָנגעשטרענגטער, אַביסל אַ פאָרסירטער. דער איינדרוק פון אימפּעט ווערט באַשאַפן מער דורך דער אויסערלעכער יאָגעניש פון קורצע ווער־טער איינס נאָכן אַנדערן, ווי דורך דער שלאָג־קראַפט און באַוועגלעכקייט פון דעם אינהאַלט. ס'איז נישט קיין שוואַכע פּאָעזיע. אָבער לאָמיר דאָס פאַרגלייכן מיט אַ פראַגמענט פון אַ שפּעטערדיקער זאַך: „אונטער דער בריק" (1933):

„אונטער דער בריק!
און אויבן —
מען הערשט נישט
פון רעדער אויף רעלסן דעם קליק!
עס לויפן די טראַמען נישט
הין און צוריק!
נאָך עפּעס דאָרט אויבן —
אַ קראַך נאָך אַ קראַך,
ווי טויזנטער האַמער־קלעפּ אויף אַ דאַך;
ווי טויזנטער פיס
אין ברויזיקן טאַקט!
און מענטשן פון לעכער
אַרויס אויף טראַקט!
און מענטשן —
מיט אָדערן — טרוקענע שטריק,
קוקן אַרויף,

אַרויף אויף דער בריק:
פּאַנען און קעפּ
און שטורמישע לידער;
מען ווינקט און מען רופט
אַרויף צו אונדז,
ברידער!"

ווידער איז דאָס ליד רעאַליסטישער. דאָס בילד רעדט פאַר זיך. דער טאָן איז נישט איבערגעטריבן. דער אימפּעט, דער שוואונג איז געגעבן נישט אין דער ווערטער־קאַדענץ, נאָר אין דעם שטאָף גופא. די ווערטער זיינען נאָר אַ פאַראַרבעטונג פונעם פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנערן שטאָף, און דורכדעם — און נישט דורכן קאַפּריז־באַפעל פונעם דיכטער — באַקומען זיי זייער פולבאַדייטיקייט.

אויך דאָ וואָלט מען אפשר געקענט אָנווייזן אַן איבעריק וואָרט אָדער שורה (אַשטייגער: „ווי טויזנטער פיס אין ברויזיקן טאַקט" — וואָס איז נישט בויטיק, ווייל דער אימאַזש, וואָס ווערט געשאַפן, קען נישט דינען פאַר קיין מעטאַפאָר) — אָבער דאָס איז שוין אַ זייטיקער ענין.

וואָס ס'איז נויטיק אונטערצושטרייכן איז דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון בירנבוימס שאַפערישער פאָרמע: פון דין־שטריכיקייט צו מער פעסטע קאָנטורן; פון האַלב־אימפּרעסיאָניסטישע וויזיעס צו קאָנקרעטע לעבעדיקע בילדער; פון קאָפּ־מאָטיוון צו דער באַפורעמונג פון פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערן רוי־שטאָף; פון קאָנטעמפּלאַציע צו אינטימער פאַרוויקלטקייט אין דעם קאַמף־שטאָף; פון „איידלקייט" צו אַ דערנעענטערונג צו עמכ'דיקער פשטות פון ציטערדיקע טענער צו פול־ברוסטיקן „אַראָפּ־פונעם־האַרצנדיקן" אויסדרוק. וואָס דאָס הייסט, אַז אויף דער פאָרמע גופא קען מען נאָכפאָלגן, ווי אַזוי אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער ווערט מער פּראָלעטאַריש.

מעינקע קאַץ

מיכאַיל־ישאָק ברענט. סוועטציאַן פלאַקערט. ליטע וואַרפט זיך אין קדחת פון מלחמה.

„ס׳האָט די צייט
דאָס שטעטל צום אומקום פאַראורטיילט,
אַ מעת־לעת פייער האָט דורות שלאָף פאַרציקט.“

שוין האָט דער קריג „צוויי וואַנזיניקע יאָר ווי מיט אַ בלוטיקן שפּינ־וועב דאָס שטעטל פאַרשפּונען.“ דער וואנזין ווערט פאַרטויזנטפאַכט דורכ־דעם, וואָס די יידן אין שטעטל זיינען דורכאויס פּאַסיוו, דורכאויס קרבן: ווער ס׳זאָל נישט שיסן, דייטש, רוס, פּאָגראָם־באַנדע, ווייסגוואַרדיער — דער שטעטל־ייד איז סיי־ווי דער ליידער. קיין צד איז ער נישט, לויכט גאָרנישט אויף אין אים, פלאַקערט אַלץ נאָר אַרום אים, פלאַקערן אויף אים די קליידער, די האָר, די הויט, פלאַקערט אין אים דאָס ביסל חיות — און טאָפּיעט זיך אין זיין פאַרצווייפלונג, ווי דאָס פלעמל פון אַ ליכטל אינעם צעשמאָלצענעם רעשטל חלב ביים סאַמע דנאָ.

און אַז דאָ־אָ ווערט געבוירן יעיסקע ביי כאַסקע אהרן־וועלוולס — און די מאַמע שטאַרבט בשעת געבורט, צוליב אַ גראַנאַט־אויפרייס, און דאָס עופהלע גייט־איבער צו דער לעבעדיקער אלמנה באַדאַנע, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אַ משפּחה קינדער און מיט אַ שרעקלעכן דלות — איר מאַן אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אינעם גאָלדענעם לאַנד — איז ווי מאָלט מען אָט־די משפּחה, מיט איר הונגער, מיט איר צעיאָמערטן וויטאָג, מיט אירע שטענדיקע סם־גיסנדיקע פּחדים, אויב נישט אין דער מאַניר פון פאַנטאַסמאַגאָרישן אימאַזשיניזם, וואָס איז אַזוי באַליבט ביים דיכטער מעינקע קאַץ?

האָט קאַץ אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן ברענענדיקן שטעטל, ווי עס וואַרפט זיך אַ דורשטיקער אין אַ מדבר אויף אַ קוועלכל — זאָל זיין זאַמ־דיקע און בלאָטיקע וואַסער. דאָ איז זיין רחבות. דאָ איז זיין וועלט. דאָ

„מאָרגן־פרייהייט“, 8טן מאַי, 1938, צום דערשיינען פון מעינקע קאַצס צוויי ביכער: „ברענענדיק שטעטל“, פּאָעמע פון מלחמה־צייט.

קען מען לאָזן וואוילגיין דער קרענקלעכער ליידנשאַפט זיינער פּאָר צע־פּאַלאָשעטע וויזיעס פון דעגענעראַציע און צעשטערונג. דאָ קען ער גראָבן די פינגער אין שימל און קילן דאָס האַרץ מיט וועלפישן וואָיען.

אין מיכאַלישאַק, אין מלחמה־צייט, קומט דאָך אויס, אַז די קרענק־לעכע פאַנטאַזיע־וואַקכאַנאַליע איז געזעצלעך: אַזוי, משמעות, איז דיווירקלעכקייט פונעם ברענענדיקן שטעטל.

נו, האָט מעינקע אַ זופּ געטאָן שרעק־שטאָף אין זיין קריג־פּאָעמע אַזוי גיריג, אַז ס'וואָלט געקלעקט אָנזעטיקן צען פּאָעמעס מיט אָן עודף. אַז מען מעג, איז דאָך נישט שייך. איז — וואָס דאָ לאָזט זיך נישט גע־פינען! אַמע די צעדרייטע „פויזעט אין בית־עולם אום". די באָד גלי־ווערט „אונטער אַ צודעק פון וואַסער־שימל". אויף אַ חרוב'ן בית־מדרש „טוט אַ נייע לבנה אָן תכריכימדיקע ציכן". די אויסגעדאַרטע קו איז „אַ חלום אין גערירטע געהירן". אַרום איר שטייען: משוגענער נומער איינס מיט דער גוליע, „וואָס אויף זיין האַלדז־קנאָפּ שטענדיק רייסט", משוגע־נער נומער צוויי, וואָס מיט זיין לאַנגער באָרד קען ער „די שדים, ווי מיט אַ בעזים, אויסקערן", משוגענער נומער דריי, מיט די טראַכאָמע־אויגן און „אַ האַלבער תורה אין די צעפּראָרענע אָרעמס", משוגענער נומער פיר — די קו אַליין — „מיט די זאַדיק־ביינער דורך דער פעל דורכגעשניטן"; קעגן אַמען „דאַוונט דער צעבער אויפן האַרן". ס'איז חי געלעבט! אויף יעדן טריט — טהרה־ברעטער. הירש־לייב תרשיש שטייט אויף פונעם קבר — צי אפשר לעבט ער נאָך, ווער ווייסט? — דיריגירט מיטן כאָר פון די זעכצן צעשמיסענע משוגענע הינט, וואָס דער היצל קלייבט זיך שינדן באַגינען. קאַשמאַר. וואַנזין. לאַמצידריידאַם.

דער אַלטער אַרסענאַל פון מעינקע קאַצס פּאָעזיע, פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל אינגאַנצן נישט באַפרייט, שיינט צו זיין ווי אָנגעמאָסטן אויף אָט־דעם ליבהאַרציקן שטאָף. מעינקע קאַץ קען אויך שרייבן קלאָרע, ליכטיקע, פאַרשטענדלעכע, מענטשלעכע, אי טרויעריקע, אי פריילעכע לידער, ווי ער האָט דאָס געוויזן אין דעם צווייטן באַנד פון זיינע ווערק („דער מענטש אין טאָגן"). אָבער ציען ציט אים נאָך צו זיין אורשפּרינג־לעכן האַלב־מיסטישן, טונקעלן, שווערגעמיטלעכן, צופיל־אָנגעשפּאַנטן און פאַרסימבאָלעוועטן אימאַזשיניזם. און דאָ האָט דער מאַטעריאַל זיך געלאָזט אַריינאַרבעטן אין דער דאַזיקער פּאָעטישער סיסטעם גאָר ווי נאַטירלעך. איז דען מלחמה נישט אַ קאַשמאַר? זיינען דען יעיסקעס געדאַנקען נישט דאָס צאַרטע פּעסט־בלימל, וואָס וואַקסט אויס אויף שימל? איז דען די ליבע פון צוויי יונגע קינדער אונטער די קוילן פון פייער און הונגער —

נישט די ליבע פון צווײ שטשורעס אין די אונטערערדישע רינשטאָקן פון הוגאָס „לע מיזעראַבל״ ?

— יעיסקעלע, סטעיסקעלע,
ייגעלע קלוג
מיט וואָס איז פול
דער וועלט־קרוג ?
— מיט בוט־בוט־בוט !

מען רעדט אַזוי נישט אין ווירקלעכן לעבן. אָבער איז דען דאָס מלחמה־לעבן — ווירקלעך ? איז דאָס דען נישט אַלעס — אַ זעאונג פון אַ משוגענעם אין דעלירױם ?

שאַפט מעינקע אין ערשטן באַנד פון זײן „ברענענדיק שטעטל״ מיט אַ ברײטער האַנט — און ס׳ווירקט, און אַ סך בילדער און כאַראַקטעריסטי־קעס און סצענעס און אימאַזשן קריצן זיך אײן מיט פײער־שטריכן אין זכרון: די גאַנצע באַדאַנע׳ס משפּחה — פון דער שוין האַלב־דערוואַקסענער דוועירקע ביז יעיסקען; בלומקעס לידל; דאָס בילד פון דער צאַרישער אַרמײ; סוועטלאַנע; די יונגע ליבע אין אַפּריל. און נאָך. און נאָך. אַ סך געלונגענע אויסדריקן. אַ מאַסע אויפּריכטיקײט. אַ שלל מיט וויטאָג. פּאָעזיע איז דאָס עכטע, פונעם האַרצן אָפּגעריסענע — מיטן פלײש, מיט נערוון, מיט נאָך־צאַפּלדיקע אָפּענע בלוט־געפעסן . . .

און דו ביסט רײך, מײן שטעטעלע סוועטנציאַן !
רײך איז מיט פײער דײן בראַנדיקע ערד,
רײך
איז מיט פינצטערניש דײן הימל פון פײן.

איך האָב געזען דײן האַרץ אויף יעדן שפּיז.
האַלבע נאַכט אין שריפות — האָב איך געמײנט :
ס׳איז
אין גיהנם אַ זון־פאַרגאַנג געווען.

איז ביזטו רײך, מײן שטעטעלע סוועטנציאַן,
אַ, רײך מיט בלוט, ווי דײן פאַרנאַכט מיט גאָלד.

אָבער, ערשטנס, זײנען די גוטע שטעלן — נישט דער גאַנצער בוך; און, צווייטנס, קען מען אַ פּראָלעטאַרישן פּאָעט אויך דאָ פרעגן אַ סך גע־רעכטע פראַגן. פאַרוואָס איז דאָס גאַנצע אַזוי פאַרווירוואַרט, אַקוראַט ווי דאָ וואָלט געהערשט אַ בלינדער משוגענער „שיקזאַל״ און נישט דער באַ־שטימטער ווילן פון געוויסע גוט־באַקאַנטע סאָציאַלע קרעפטן ? פאַר־וואָס איז נישטאָ קײן קלאַסן־ליניע צווישן די מלחמה לידער, ווען מיר ווײסן, אַז די ײדישע גבירים פון מיכאַילישאַק און סוועטנציאַן האָבן אַ סך

ווייניקער געליטן ווי די באַדאַנעס? פאַרוואָס איז די פּעוואָראַל־רעוואָלוציע אַריינגעבראַכט געוואָרן אַזוי נעבלהאַפט, אומוואַרשיינלעך, און דעריבער אומבאַגלויבט? פאַרוואָס איז כמעט נישטאָ גאַרנישט וועגן אָקטאָבער? פאַרוואָס קריגט די רויטע אַרמיי קוים איין בלעטל — אַ סך ווייניקער, ווי די משוגענע קו, און צוואַנציק מאָל ווייניקער, ווי הירש־לייב תרשיש, דער אונטער־שמש פונעם חסידישן מנין? פאַרוואָס זיינען די באָלשעוויקעס — נישט רעאַל, נאָר אַזוי פאַ׳רמליצה׳וועט, אַז מען קען זיי קוים דערקענען? פאַרוואָס היט זיך מעינקע קאַץ פאַר אַ רעאַליסטיש בילד, וואָס אַ פּראָסטער אַרבעטער־לייענער זאָל עס קענען איבערלייענען, פאַרשטיין, פאַרדייען און ווערן גייסטיק־רייכער? פאַרוואָס מוטשעט אונדז מעינקע קאַץ אַזוי פיל און אַזוי איבעריק — וואָרום וואָס איז צו איז דאָך אָלעמאָל איבעריק? פאַרוואָס האָט ער אַזויפיל אינטערעס אָפּגעגעבן דער קרענקלעכער פּסיכאָ(פּאַטאָ)לאָגיע און אַזוי ווייניק — דעם סאָציאַלן לעבן?

נאָר אויב מען קען דאָס נאָך פאַרענטפערן אין ערשטן בוך דערמיט, וואָס אַזוי האָט מעינקע קאַץ אַלס קינד אַליין געזען די מלחמה און וואָס דער צוועק זיינער איז געווען — איבערגעבן פּאָעטיש, ווי אַזוי מיכאַילישאָק פון יענער צייט „דורך אַ פייער־מיל צעריבן", האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין געדאַנק פון אַ יונגן הונגעריקן יינגל — און מיר גיבן־צו, אַז אַ דיכטער האָט דאָס פולע רעכט אויסצוקלייבן זיין טעמע, זיין שטאָף און זיי באַהאַנדלען ווי אים דאַכט זיך אַמבעסטן — איז דער פאַרענטפער ווייניקער גילטיק אויפן צווייטן בוך.

וואָרום אין צווייטן בוך איז שוין נישטאָ קיין מלחמה. אין צווייטן בוך זוכן שוין באַדאַנע׳ס קינדער פאַרדינסטן. און די משפחה קלייבט זיך אַרויסצופאָרן קיין אַמעריקע. דאָס קען מען דאָך נישט פאַרגלייכן מיטן שטעטל אונטער דעם איבערפאַל פון אַלערליי אַרמייען. איז פרעגט זיך: ווי קומט עס, וואָס אויך דאָ האָבן מיר אַזויפיל „דערשאָסענע מיט כאַרכלענדיק געזאַנג", אַזוי פיל „טהרדיקע פינצטערניש פון קבורה־שטיבל" — און, דער עיקר, אַזויפיל איבערגעלאָדענע אימאַזשן, אומקלאָרע, פאַרוויקלטע, צעשויבערטע בילדלעך, סימבאָלישע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קלינגען ווי רעטענישן — און אַזוי ווייניק לעבעדיקן פּאָעטישן מענטשלעכן אמת?

אויך אין דעם צווייטן בוך זיינען דאָ ערטערווייז פּראַכטפולע בילדער, העכסט־געלונגענע אויסדרוקן, אָפט — אַן אַטמאָספערע פון אַ ווינקל ווירקלעכקייט, וואָס פרישט אָפּ, נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט מיטן עלנט. וואָרום אמת האָט שוין אַזאַ טבע, אַז ער פרישט־אָפּ. אָבער דאָס ווערט

נישט זעלטן דערטרונקען אין אַ גאַנצער כוואַליע פון אויסגעקרימטע, אויס־געפייניקטע, טיילווייז אומנויטיקע אימאַזשן. דער עיקר: צופיל שרעק. אויך אין ערשטן בוך קומט אַ צייט, ווען דער מוח סטאָפּט: מער קיין שרעקן קען ער נישט פאַרנעמען. בלייבן נאָר ווערטער אָנשטאָט ווירקונג. אין צווייטן בוך איז דאָס נאָך אַן אָפּטערע דערשיינונג. וואָרום אין צווייטן בוך דאַרף שוין זיין רעקאָנסטרוקציע פון די מענטשלעכע לעבנס — און מעינקע קאַץ וויל זיך נישט שיידן מיט זיינע געליבטע גרוילן.

באַקומען זיך שוין דיסאָנאַנסן. בלומקע איז געפונען אַ דערטרונקענע אין ברונען. נו, ס׳קען פּאַסירן. שלעפּט מען זי אַרויס — איז זי אַ בלאָער מת — איז שוין גענוג שרעק. אָבער אַז עס שטייט ווייטער: „איר בלוט האָט דעם חושך געליכטיקט" — איז דאָס שוין נישט ריכטיק. ערשטנס, איז נישטאָ קיין בלוט; צווייטנס — ווי קען פאַרגליווערט בלוט „ליכטיקן" אַ חושך?

נאָך אַמאָל: פאַראַן אַ סך ערלעכע שורות און סטראָפן אינעם צווייטן ביכל. פאַראַן דאָס אַלגעמיינע געפיל פון צעשטערטקייט, פון חורבות, פון פאַרלאָזנקייט. דאָס איז אפשר דאָס ווערטפולסטע אינעם צווייטן בוך.

„וויפל יאָמער קען די שטילקייט פאַרבאָרגן,
וויפל שוואַרצקייט קען די פינצטערניש זען,
וויפל טרויער קען דער טרויער טרויערן,
האָט באַדאַנע געוויזן מיט הילפלאָזע הענט
איבער עלינקע׳ס קבר פאַרבראָכן."

גוט. אָבער פאַרוואָס אַזוי וויניק פון דעם סאָרט, און פאַרוואָס אַזויפיל „פרירנדיקע וואונדן", „בית־עולם שדים", „געשטאַלטן פון גיהנם", „טהרה־דיקע פינצטערניש", „גוססדיקער מורמל" — און אַמאָל אומבאַגרינדעטע זאַכן, ווי אַ שטייגער דאָס, וואָס מענטקע גלעט די הענגענדיקע פוס־פינגער פונעם מת? און פאַרוואָס אַזויפיל יאוש — אָן אַ פיצל שטראַל?

מיר ווילן, חלילה, נישט מינימיזירן דעם וויכטיקן בייטראַג פון אָט־דעם ווערק צו אונדזער ליטעראַטור. ס׳איז אַ רייך ווערק. ס׳איז אַ ווערק מיט פאַרנעם, טעמפּעראַמענט, קונסט־קראַפט, קראַפט. אָבער עס ליידט פון אָט־דעם „צופיל", וואָס מיר האָבן נאָכאַנאַנד אָנגעוויזן אין אָט־די נאָ־טיצן. עס ווילט זיך נאָר האָפן, אַז אין דריטן און לעצטן בוך פון דעם ווערק, — דעם איבערגאַנג קיין אַמעריקע — וועט ער זיך אָפּזאָגן פון אָט־די זעלבסט־פייניקונגען, וואָס פאַרפייניקן אָפט זיין פּאָעזיע, און זיך ענדלעך פעסט אוועקשטעלן אויפן באָדן פון דעם פּאָעטישן רעאַליזם, סאָ־ציאַליסטישן רעאַליזם, פאַר וועלכן ער איז גענוג באַוואָפנט.

חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן

חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנ־געהויבן שאַפן פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אויף יידיש אין אַמעריקע. חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן איז אַ „סאַמאָראָדנער" פּראָלעטאַרישער שרייבער. ער איז קיינמאָל קיין אַנדערער נישט געווען. ער קאָן קיין אַנדערער נישט זיין. קלאַסן־צעטיילונג איז פאַר אים אַ זאַך, וואָס נויטיקט זיך נישט אין באַווייזן. ער אַליין איז אַ טייל פונעם עקספּלואַטירטן קלאַס. זיין שנאה צום עקספּלואַטאַטאָר איז ביי אים פּונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי דער ווי־דערווילן פון אַ מענטשן צו אַ געשוויר.

עס איז פאַר אים דעריבער העכסט־נאַטירלעך, אַז דער באַלעבאָס זאָל געוויזן ווערן ווי אַ גראָטעסק. ער פּלאַנעוועט דאָס נישט ווי אַן איבער־טרייבונג. ער שרייבט נישט צוליבן עפעקט. ער קאָן אַנדערש נישט זען דעם עקספּלואַטאַטאָר. מיטן שכל מעג ער אפשר וויסן, אַז אַ באַלעבאָס קאָן אויסזען פּונקט ווי אַ מענטש. אָבער דאָס קינסטלער־אויג זעט דעם באָס גאָר אַנדערש. „דער באָס — אַן אויסגעדאַרטער איז ער, מיט מאָסן קנייטשן אויף אַ מאָגער, אויסגעבלאָסט פּנים און מיט גראָבע אויגן־גלעזער אויף קורצזיכטיקע, קעלבערנע אויגן. אַ שטילער איז ער, אָבער אַז ער רעדט יאָ, איז עס מיט עפּעס אַזאַ פאַסקודנע ווערעמל אין האַרצן . . . דער־ביי איז ער פּיאַיק ביי אַ מענטשן די לעבער אַרויסצונעמען פאַר אַ דאָלאַר. טיילמאָל מאַכט ער אַזאַ פרום רחמנות־פּנים, פאַרגלאָצט אַזוי צבועקיש די אויגן, אַז עס גלוסט זיך פּשוט אַרויסצונעמען אַ פּעני און אים אַ נדבה דערלאַנגען" („אין אַ טאָג אַ הייסן"). דאָס איז אַ באַלעבאָס פון אַ נאָדל־שאַפּ אין ניו־יאָרק, אַ ייד. אָט איז אַ גוי. אַ באַלעבאָס פון אַ „דוכאָן" (שענק) — אויך, פאַרשטייט זיך, אַן עקספּלואַטאַטאָר. „דער פאַרשווין האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אויסגעזען, ווי ער וואָלט צונויפגעשטעלט געווען פון בלויזע ווייך־פּעסלעך. איינס — אַ גראָבס, — האָט זיך נאָיען (דעם העלד) אויסגעדאַכט: דער בויך, און דאָס צווייטע — אַ קלענערס — דער קאָפּ. אפילו די פּיס — צוויי אָנגעגאָסענע פּעסלעך. בלויז די קליינע, פלינקע

„מאָרגן־פרייהייט", 25טן אָקטאָבער, 1936, צום דערשיינען פון ח. מאַרגאָלעס־דאַווידזאָנס אַ באַנד דערציילונגען: „ווען טויערן עפענען זיך."

מייזל־אויגעלעך האָבן אויסגעזען באַוועגלעכע, ווי ביי אַ פשוטן מענטשן.״ עס רעדט זיך אַזוי — אַ פשוטן מענטשן. ביי מאַרגאָלעס־דאַווידזאָנען איז אַ באַלעבאָס קיינמאָל נישט קיין פשוטער מענטש. ער איז אַ באָס. מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן האָט אים פיינט מיט דעם גאַנצן האַס פון זיין קלאַס.

ביי מאַרגאָלעס־דאַווידזאָנען גילט קיינמאָל נישט די „יושרדיקע״ טענה, אַז דער באַלעבאָס איז „אויך אַ מענטש״. ביי אים איז ער — אַן אונטערמענטש. צי דאָס איז דער האַלב־משוגענער צאַליקאָ, דער פריץ מיט די גרויסע מאַיאָנטקעס אין גרוזיע (דערשוואומען״), צי דאָס איז לעוונשטיין, דער פיינער ציוניסטישער באַלעבאָס פון דער גרעסטער נאָדל־פאַבריק אין אַ שטאָט פון אַמעריקע („אסתר המלכה״), צי דאָס איז האַנטשמיט, דער ניו־יאָרקער באַלעבאָס, וואָס הייסט זיך צוריקצאָלן אַלע וואָך פינף דאָלאַר פון די שכירות, וואָס די אַרבעטער קריגן כלומרשט לויט דעם יוניאָן־סקעיל („צו אַ ניי לעבן״), — צי דאָ איז אַ שפּיאָן און פּראָוואָקאַטאָר אין אַלט־רוסלאַנד — ביי מאַרגאָלעס־דאַווידזאָנען איז דאָס אַלץ פון איין טייג געקנאָטן. עס איז גיפט. עס איז עקל. עס דאַרף, ווי שימל, אָפּגערייניקט ווערן פונעם פּנים פון דער ערד.

און פונקט ווי מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן האָט פיינט דעם עקספּלואַטאַרישן קלאַס, האָט ער ליב די מענטשן פונעם אייגענעם קלאַס. עס איז ביי אים אַ נאַטירלעכע ליבע. עס איז נישט ווי די ליבע פון איינעם, וואָס איז „דערגאַנגען״ צום פּראָלעטאַריאַט. מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן האָט פאַרשפּאָרט דערגיין. ער איז דאָרט כסדר געווען. אינעם פּראָלעטאַריאַט איז ער צווישן אייגענע. אינעם פּראָלעטאַריאַט געפינט ער אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט (דזשים אין „שניי״), גרויסע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן („דערשוואומען״), אומגעהויערע פילבאַרקייט צו די ליידן פון קלאַסן־ברידער און פאָלקס־ברידער („געשלאָסענע רייען״), אַ גרייטקייט צו דערקענען און פאַרריכטן דעם אייגענעם טעות אונטערן דרוק פון נייער דערפאַרונג („אסתר המלכה״), אַ גרויסע פייאיקייט צו לעבן מיטן לעבן פונעם כלל („נאָכן לעבן״), און — ווי אַ רויטער פאָדים, וואָס גייט דורך אַלע דערציילונגען און וואָס גיט זיי איינהייטלעכקייט — אויסערגעוויינלעכער פּראָלעטאַרישער מוט אין קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

דאָס אַלץ איז ביי מאַרגאָלעס־דאַווידזאָנען עכט. ער איז באַגייסטערט פאַר זיינע יונגע און אַלטע רעוואָלוציאָנערע קעמפער. ער גיט איבער זייערע געפילן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע, ווייל זיי זיינען טאַקע זיינע אייגענע. זיי זיינען דאָס אייגנטום פונעם אַוואַנגאַרד פונעם אַרבעטער־קלאַס.

שוין אָט־די דערמאָנטע אייגנשאַפטן וואָלטן געגעבן מאַרגאַלעס־דאָווידזאָנען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. דערביי איז מאַרגאַלעס־דאָווידזאָן אַ גוטער דערציילער. ביי אים איז נישטאָ קיין „פראַגמענטן“, אָפּגעריסענע פּיצלעך, סצענקעס. יעדע זאַך האָט אַן אָנהויב און אַ סוף. זיינע דערציילונגען קאָן מען איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: אַזוינע וואו עס ווערט געגעבן די לעבנס־געשיכטע פון אַ מענטשן, און אַזוינע, וואו עס ווערט געשילדערט איין עפּיזאָד. „מייקלס דערפאַרונג“ איז די געשיכטע פון אַ יונגן אַרבעטער פון זיין קינדהייט־אָן ביז דער צייט, ווען ער ווערט קלאַסן־באַוואוסטזיניק. „דערשוואומען“ איז די געשיכטע פון אַ גרוזינישן פויערים־יונג פון דעם טאָג, ווען ער פאַרלאָזט זיין הויז ביז דער צייט, ווען די רעוואָלוציע זיגט און ער ווערט אַ קאָמיסאַר און זיצט אינעם פּאַלאַץ פונעם פריערדיקן צאַרישן גענעראַל־גובערנאַטאָר. „געשלאָסענע רייען“ איז די געשיכטע פון אַ נעגער־אַרבעטער פאַר אַ לאַנגער צייט ביז דעם טאָג, ווען ער שליסט זיך אָן אָן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַזוי איז אויך „ווען טויערן עפענען זיך“ — אַ דערציילונג אַ מער־ראָמאַנטישע און ווייניקער באַגרינדעטע אינעם רעאַלן לעבן. די אַנדערע דערציילונגען באַציען זיך אויף איין עפּיזאָד אינעם לעבן פון אַ מענטשן אָדער פון עטלעכע מענטשן. די דערציילונגען פונעם ערשטן סאָרט זיינען אייגנטלעך עסקיזן פאַר אַ ראָמאַן. עס איז מעגלעך יעדע טעמע פון אַזאַ דערציילונג פאַנאַנדערצואַרבעטן אין אַ ראָמאַן. דעריבער מוז דער אויטאָר זיין אַביסל איילנדיק אין זיין אופן דערציילן. ער מוז איבערשפרינגען יאָרן און עפּאָכן. ער מוז אַמאָל אָנהויבן און, כדי צו דערקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, גיין אויף צוריק. די דערציילונגען פונעם צווייטן סאָרט זיינען דעריבער בעסער אויסגעאַרבעט.

כמעט אין אַלע דערציילונגען איז מאַרגאַלעס־דאָווידזאָן דראַמאַטיש. אַ סך פון זיי וואָלטן געקאָנט אינסצענירט ווערן. דאָס איז קיין וואונדער נישט. דער קלאַסן־קאַמף איז אַלעמאָל פול מיט קאָנפליקטן, מיט דראַמאַטישע צוזאַמענשטויסן. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַרגאַלעס־דאָווידזאָן, אַז דראַמאַטישקייט איז ביי אים אַ העכסט־נאַטירלעכע זאַך. אַזוי זעט ער דאָס לעבן.

מאַרגאַלעס־דאָווידזאָן איז אויסן, קודם־כל, צו ווייזן דעם אַרבעטער־לייענער די וועלט, ווי ער זעט זי. ער איז אויסן צו טיילן זיך מיט זיינע לייענער מיט די דערפאַרונגען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט אין זיין פאַנטאַזיע. ער איז זיכער, אַז דער אַרבעטער־לייענער וועט שוין מאַכן דעם נויטיקן אויספיר. זיין צוועק אָבער — זיין ערשטער און וויכטיקער

צוועק — איז ווייזן די וועלט אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיווע, און דאָס איז די קלאַסן־צעטיילונג־פּערספּעקטיווע.

מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן, אמת, געהערט נישט צו די שרייבער, וועלכע פּיילן אַ וואָרט און אַ זאַץ. ער איז נישט קיין איבערקלייבער אין ווערטער. דער זעלבער מאַטעריאַל, באַאַרבעט מער פּאָרזיכטיק, וואָלט געגעבן אַ גרע־סערן קינסטלערישן עפעקט. אָבער דער עפעקט ווערט אָפט דערגרייכט טאַקע צוליב דער „אומשפּאָרעוודיקייט" פונעם שרייבער, צוליב זיין אימ־פּעט, צוליב זיין מיטגעריסן ווערן מיט זיין אייגענער שילדערונג.

מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן ווייסט יאָ דעם סוד פון דעם זייער געלונגענעם אויסדרוק, נאָר ער געברויכט אים נישט אָפט, צום באַדויערן. דריי רע־וואָלוציאָנערן זיינען געפאָרן אין אַ פינצטערן וואַגאָן אין צאַרישן רוסלאַנד און „האָבן זיך אין דער שטיל איינגעהערט צום אומרעגעלמעסיקן און היב־קענדיקן קלאַפּן פון די רעדער אונטער די וואַגאָנעס". אָט־דאָס „הינקענדיקע קלאַפּן" איז זייער גוט. אַן אַרבעטער זאָגט ביי אים איין מאָל, אַז „דער קריזיס האָט זיך איינגעגעסן ווי אַ פליך אין אַ פּעלכל." דאָס איז שוין גאָר גוט. פאַראַן באַשרייבונגען, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייער אימפּעט, אַזוי איז די באַשרייבונג פון אַ מעסער־טאַנץ אויפן קאַווקאַז. מען טאַנצט אַ „לעזגינקאַ".

„געסט צעטאַנצן זיך אין שטורמישן ווירוואר. טאַנצן זיי איינציק־ווייז, טאַנצן זיי צו פּאָרלעך, און עס צעקאָכט זיך דאָס זידנדיקע בלוט. טאַנצט איינער מיט צוויי קינזשאַלן, — טאַנצט אַ צווייטער מיט פיר. און אַז קינזשאַלן טאַנצן, צעגלאַנצן זיך זייערע שאַרפן, פונקט ווי די אָנגע־גאָסענע אויגן, קעגן דער שיין פון די ברענענדיקע ליכט, און עס דאַכט זיך, ווי ווייסע זילבערנע וואַסערפאַלן וואָלטן געשטראָמט. און אַז קינזשאַלן צעפלאַכען זיך אין שכורער התלהבות, דאַכט זיך, אַז אָט־אָט און זייערע שאַרפן וועלן העלדזער און גאָרגלען איבערשניידן. אָבער דער טאַנץ איז נאָך דער־וויל אַ פריילעכער און פרידלעכער. אַלע צעשטעלן זיך אין ראָד. הענט פלעכטן זיך אין הענט, און ראָד ווערט אָנגעגאָסן מיט געלעכטער, טאַנץ און פרייד."

די פּערצן דערציילונגען, וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין דעם באַנד, זיינען פאַרשיידנאַרטיק לויט זייער אינהאַלט. זיי באַווייזן אַ טאַלאַנט, וועלכער, נישט־זייענדיק פון די ערשט־קלאַסיקע, פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין אונדזער יונגער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

צבי הירשקאָן

ווען קאַבאַלקין איז אַלט געווען פופצן יאָר, דערציילט הירשקאָן, האָט ער איבערגעלעבט דעם ערשטן טאָג פון אינטימען חשבון. געווען איז דאָס, זאָגט הירשקאָן, „איינער פון יענע טעג, וואָס ווערן זיך פיל מאָל איבערחזרן אין זיין שטורמישער ביאָגראַפיע: אַ טאָג פון אַן אינעווייניקסטן חשבון — פון אַ הייסן פאַרלאַנג אונטערצופירן אַ סך־הכל פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיט אים געטראָפן ביז דעם דאָזיקן מאָמענט פון חשבון. אַ באַגער אַריינצודרינגען אין די גורלות פון די מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, אין די פּראָצעסן פון געשעענישן, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען . . . אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין פאַרלויף פון זיין קורצן לעבן, האָט פון אים יענעם טאָג צום ערשטן מאָל געפאָדערט אַ קלאָרע רעכענונג“ („קאַבאַלקין“, זיבעטער קאַפּיטל, 4).

הירשקאָן האָט דאָ פאָרגעשטעלט נישט נאָר אַן איבערלעבונג אין קאַבאַלקינס געמיט, נאָר אויך אַ וויכטיקן שטריך פון זיין, אייגענער, הירשקאָנס פּערזאָן: אויך ער האָט געהאַט אַ באַגער אַריינצודרינגען אין די גורלות פון די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט אין זיין לעבן; אויך ער האָט כסדר געוואָלט דורכדרינגען מיט אַ פאַרשטייענדיקן אויג די מעכאַניק פון די פּראָצעסן, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן; אויך ער האָט אַלעמאָל געמאַכט אַ חשבון פון דעם, וואָס ער האָט דורכגעלעבט פאַר אַ געוויסן פּעריאָד. דעם יונגן קאַבאַלקין האָט דער שרייבער הירשקאָן פּשוט באַשאָנקען מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס האָט אים אויסגעצייכנט צווישן שרייבער.

מען וועט זאָגן, אַז דער באַגער צו פאַרשטיין מענטשן און געשעענישן איז אַ שטריך פון אַלע שרייבער. דאָס איז אמת. אָבער ס'זיינען דאָ מדרגות. איינער נעמט־אויף מענטשן מיטן אויג און געשעענישן מיטן אויער. אַן אַנדערער האָט אַ באַזונדערן חוש פאַר דעם אָפּקלאַנג, וואָס מענטשן אָדער פּראָצעסן דערוועקן ביי אים אין דער נשמה. נאָך אַן אַנדערער האָט אַ

„מאָרגן־פרייהייט“, 9טן יולי, 1939.

טבע, אַז ער טראָגט אַריין אין דער אויס־וועלט אַ סך פון זיינע אייגענע וואונטשן און פאָדערונגען און חלומות. הירשקאָנען זיינען די אַלע אייגנ־שאַפטן נישט געווען פרעמד — וואָרום געווען איז ער אַ מענטש אַ לעבע־דיקער און סענסיטיווער — אָבער די גרונט־פּיאיקייט פון זיין כאַראַק־טער איז געווען: באַנעמען די אויסנוועלט מיטן מוח. און געהייסן האָט דאָס ביי הירשקאָנען, אַז ווען ער באַגעגנט אַ מענטשן, צעגלידערט ער אים אויף די קלענסטע באַשטאַנד־טיילן, ביז ער זעט די פּרוזשינע פון זיין יעדן טריט, און ווען ער טרעפט אָן אַ פּאַסירונג, דאַרף ער זיך קלאָר מאַכן אירע אינעווייניקסטע כוחות, וואָס דאָס הייסט סוף־כל־סוף באַגרייפן די באַ־וועג־מאָטיוון פון די מענטשן און גרופּן, וואָס זיינען אין דער פּאַסירונג פאַרוויקלט.

דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז הירשקאָנען זיינען פרעמד געווען עמאָציעס: ליבשאַפט, האַס, באַגייסטערונג, צאָרן, אַסור. הירשקאָן איז געווען אַ געטרייער פריינט און אַ פאַרביסענער פיינט. ער האָט געקאָנט לאַכן און ליידן. אָבער דאָס אַלץ איז ביי אים געווען אַ באַגלייט־דערשיי־נונג צו דער קאָפּ־אַרבעט, וואָס איז געגאַנגען מיט דער שאַרפקייט פון אַ סקאַלפּעל. הירשקאָן איז קודם־כל געווען דער אַנאַטאָמיקער פונעם לעבן — און ווער זאָגט דען, אַז דער קונציקסטער אַנאַליטיקער קאָן נישט האָבן קיין עמאָציאָנעלן צוגאַנג צו דעם אָביעקט פון זיין פאָרשונג?

הירשקאָנס באַגער „אַריינצודרינגען אין די גורלות פון די מענטשן און אין די פּראָצעסן" האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין שרייבן. דער כאַראַקטער איז איינער — צי ער שרייבט אַ ראָמאַן־ביאָגראַפיע פון אַ רעאַלער פּערזאָן — אחד־העמ׳ען, צי ער גיט אַ ריי קינסטלעריש־אויס־געפורעמטע בילדער פונעם יידישן לעבן אין „צוויי וועלטן", צי ער פירט אויף אַ גאַלעריי היסטאָריש־געוואָרענע מענטשן פונעם יידישן און אַל־וועלטלעכן נעכטן, צי ער שטעלט פאַר אָן עפּאָכע אין אירע כאַראַקטער־סימנים, צי ער דערציילט וועגן דעם לעבן פון אָן „אויסגעטראַכטן", ד. ה. אין דער פאַנטאַזיע־געשאַפענעם רעוואָלוציאָנערן יונג — קאַבאַלקין. דער כאַראַקטער פון זיין שרייבן איז איינער, ווייל אומעטום, אין אַלע זאַכן, וואָס הירשקאָן האָט אָנגעשריבן, באַגעגענען מיר:

1) די זעלביקע שטריכן, וואָס פעלן;

2) די זעלביקע שטריכן, וואָס זיינען בולט.

(דאָ ווידערהאָלן מיר, נישט־ווילנדיק, איינע פון די פאַרשפּרייטסטע פאָרמען פון הירשקאָנס שרייבן).

די שטריכן פון פעלן זיינען נישט קיין חסרון. חלילה, זיי זיינען פונקט

אַזאַ סימן פון הירשקאַנס שרייבן, ווי די שטריכן, וואָס זיינען בולט. זיי באַשאַפן די באַזונדערקייט פון הירשקאַנס קונסט. זיי זיינען איר כאַראַקטעריסטיק — באַטראַכט פון אַ געוויסער זייט.

עס פעלט אין הירשקאַנס זאַכן כמעט אינגאַנצן די נאַטור־באַשרייבונג. עס פעלט די באַשרייבונג פון דעם אויסזען פון שטעט, סיידן אַ פּאָר שטריכן, וואָס דאַרפן העלפן פאַרשטיין דעם אינעווייניקסטן מעכאַניזם פון אַ פּראָצעס אין אַ שטאָט; עס פעלט די גענויע באַשרייבונג פון דעם אויסזען פון מענטשן, זייער הולך, זייערע פּאָסטעמקעס — אַחוץ אַ פּאָר נויטיקע, זייער מצומצמדיקע אויסערלעכע סימנים. עס פעלט דער פּאַלקס־טאָן: אין הירשקאַנען רעדט אַלעמאָל דער אינטעליגענט. עס פעלט אין אַ גרויסער מאָס דער דיאַלאָג: זעלטן ווען הירשקאַנס פּאַרשוינען ריידן צווישן זיך. בדרך כלל איז הירשקאַן אַזוי פאַרנומען מיט דערציילן אַלצדינג, וואָס ער ווייסט וועגן זיינע העלדן, אַז זיי אַליין בלייבט ווייניק וואָס צו ריידן. טאָמער גיט הירשקאַן אַ שמועס, איז דאָס נאָר אַ מוסטער־שטיק פון אַ דיאַלאָג — צוויי־דריי זאַצן פון איין פּאַרשוין, צוויי־דריי רעפּליקעס פון אַ צווייטן. באַקומט זיך ווי אַ כעמיקער וואָלט אויף אַ שפּיץ מעסער אַרויסגענומען און געוויזן אַ מוסטער פון אַ שטאָף, וואָס ער האָט אָפּגעקאָכט אין אַ קעסל. וואָס דאַרף מען אויפהויבן דאָס דעקל פונעם קעסל, ווען איין גראַם איז גענוג צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם גאַנצן.

נישט אומזיסט האָבן מיר דערמאָנט אַפּטעקער־וואָג, ריידנדיק וועגן צבי הירשקאַנען. דאָ גייען מיר אַריבער צו די וויכטיקסטע פון די פּאָזיטיווע סימנים, וואָס זיינען בולט אין זיין שרייבן.

הירשקאַן האָט געוואויגן און געמאָסטן זיינע ווערטער, זיינע אויסדרוקן, זיינע זאַצן, זיינע קאַפּיטלען. דאָס האָט זיך געגומען פון זיין גרויסן שטרעבן צו פּינקטלעכקייט — אַ פּועל־יוצא פון זיין אַנאַליטישן צוגאַנג צום לעבן. הירשקאַן איז נישט געגליכן צו קיין וואולקאַן, וואָס ברעכט אויס. אפשר זאָלן מיר אים פאַרגלייכן מיט אַ שמיד, וואָס האַמערט אויס ביז דעם הונדערסטן חלק פון אַ סאַנטימעטער די מעטאַלענע טיילן פון אַ חפץ אָדער אַ קונסט־ווערק. אַלצדינג דאַרף זיך אַריינפּאַסן איינס אין איינעם. אַלעס צוזאַמען דאַרף אויסהאַלטן די שטרענגסטע פּראָבע פון פּראַפּאָרציע און ריטמישער גאַנצקייט.

הירשקאַן האָט געמאָלט זיינע מענטשן אַזוי, אַז ס'האָט זיך געדאַכט: ער קען זיי אויסגעבונדן, ווי זיינע אינטימסטע לאַנגיאָריקע פריינט. עס מאַכט נישט אויס, צי דער שרייבער דערציילט וועגן פרצן, וועמען ער האָט באַגעגנט ווער ווייסט וויפל מאָל, צי וועגן דעם גענעראַלס טעכטער, וועלכע

ער האָט מסתמא געזען איין־איינציק מאָל, צי וועגן מאָטקע דעם סטאָליער־געזעל, צי וועגן דעם רב־הכולל אין ירושלים — וועגן יעדן איינעם ווייסט ער זייער אַ סך, אין יעדן איינעם האָט ער דערקענט די גרונט־מאָטיוון פון זיין פירונג, יעדער איינער שטייט אַן אַנטבלויזטער פאַרן לעזער. און איז דאָס אַ סימפּאַטישער פּאַרשוין, איז אַז וואויל איז אים, וואָס די וועלט דערקענט אים. אויב אָבער דאָס איז אַ נעגאַטיווער טיפּ, שטייט ער אדם־נאַקעט אין זיין מיאוסקייט.

הירשקאָן האָט געזען די וועלט אין טעזיסן און אַנטיטעזיסן. אויך דאָס איז, אויגנשיינלעך, אַ פּראָדוקט פון זיין אַנאַליטישן צוגאַנג. איז דאָך די ווירקלעכקייט אָנגעפּילט מיט טעזיסן און אַנטיטעזיסן, וואָס זיינען דאָס געזעץ פון איר אַנטוויקלונג. אַזוי ווי הירשקאָן האָט אַריינגעדרונגען מיט זיין שאַרפן מעסער אין סאַמע תוך פון מענטשן און זאַכן, האָבן די אַנט־פּלעקטע אַטריבוטן זיך כמעט נאַטירלעך אויסגעשטעלט אין פּאָרן, אין סתירותדיקע קאַטעגאָריעס. אויב הירשקאָן האָט נישט אַלעמאָל געזען, ווי די סתירות האָבן זיך אויפגעלייזט אין אַ העכערן סינטעז, איז דאָס דערפאַר, וואָס, ערשטנס, האָט דאָס לעבן נישט אַלעמאָל געוויזן דעם סינטעז; צווייטנס, האָט הירשקאָנען אַ לאַנגע צייט געפעלט די אידעאָלאָגיע, וואָס זאָל אים וויזן דעם ריכטיקן דרך — ביז ער איז געוואָרן אַ מאַרקסיסט.

הירשקאָן האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש ווי רעאַליסטיש. ער איז געשטאַנען אין סאַמע קאָך פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט זי געזען אין די פאַרשיידנסטע אַספּעקטן. אָבער זיין רעאַליזם איז געווען אַ קאָנסטרוק־טיווער. הירשקאָן האָט געשאַפן. הירשקאָן האָט געלאָזט דערפילן דעם טעם פון פּראָצעסן און עפּאָכן. אפילו די שילדערונגען פון ווירקלעכע מענטשן זיינען ביי אים נישט קיין פאָטאָגראַפיעס: זיי זיינען פּלאַסטישע פיגורן, קונסט־ווערק.

איז שוין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס הירשקאָנס שפּראַך איז געווען אַזאַ לויטערע, געהיטע, געכאַוועטע, כאָטש גאָרנישט קיין פאַרצערטלטע און זיסע, פאַרוואָס יעדער זאַץ איז ביי אים געווען אַ טייל פון אַ מאָזאַאיק־בילד, וואָס איז צוגעשליפן צו פּאַסן זיך צו די איבעריקע טיילן, פאַרוואָס ער האָט מורא געהאַט פאַר אַ שרייענדיק וואָרט, פאַר אַ צו־ברייטן זשעסט, פאַר אַן אָנהויפונג פון אימאָזשן. דאָס אַלץ איז דיקטירט געוואָרן דורכן אַנאַליטישן גייסט, וואָס האָט געהאַלטן אין צאַם די עמאָציעס און באַפוילן דיסציפּלין, מאָס, טאַקט, הגם דאָס האָט נישט געשטערט אויסצוגיסן אויף די פּאָזיטיווע געשטאַלטן אַ וואַרעם ליכט און אויסבאָדן די נעגאַטיווע אין

אַ שפּריי־רעגן פון סם. אַזוי איז געווען דער גרונט־געזעץ פון הירשקאַנס אייגנאַרטיקן שאַפן.

הירשקאַנען האָט מען געקענט דערקענען פון דער ערשטער שורה. הירשקאַן האָט נישט געקאָנט נישט זיין אָריגינעל.

***

האָט געלעבט אַ מענטש ביז קרוב צו פופציק, געשריבן אַן ערך 25 יאָר און נישט געפונען קיין תיקון. אַלצדינג, וואָס ער האָט איבערגע־לעבט, האָט געפאָדערט אַ קלאָרע רעכענונג — און דער חשבון האָט נישט געשטימט. צו וואָס אַנאַליזירן? אין נאָמען פון וואָס אַנטפלעקן? וואָר־הין פירן?

האָט הירשקאַן אַזוי לאַנג אַנגעווענדט זיין סקאַלפּעל אויף די מענטשן און דער עפּאָכע, ביז ער האָט זי אָנגעווענדט אויף זיך אַליין. און דעמאָלט האָט פאַר אים זיך אויפגעדעקט דער אמת. ער האָט דערקענט דעם ריכ־טיקן וועג. ער האָט דערזען די איינציקע מעטאָדע צו פאַרשטיין די וועלט און די מענטשן. ער האָט זיך דערנעענטערט צום מאַרקסיזם־לעניניזם אַ שטיק צייט, איידער ער איז געקומען צו דער „מאָרגן־פרייהייט". איז גע־קומען דער טויט און אַזוי אומדערבאַרעמדיק איבערגעשניטן דאָס רייכע און אַלץ ברייטער־ווערנדיקע געוועב פון זיין שאַפן.

שטייען מיר מיט געבויגענע קעפּ און מיט אַ טרויער אין האַרצן אויף זיין קבר.* וועקט זיך דערביי שטאָלץ: ער איז פּאַרט געווען אונדזערער; ער איז אַוועק פון דער בורזשואַזער וועלט און געוואָרן אַ מיטגליד פון אונדזער משפחה.

* אין דעם טאָג ווען דער אַרטיקל איז דערשינען, איז אויפגעדעקט געוואָרן די מצבה אויף צבי הירשקאַנס קבר אויפן בית־עולם פון „יידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן" ביי ניו־יאָרק.

יעקב שייפער

יעקב שייפער, אַ זון פון אַרבעטער, האָט אין זיינע יונגע יאָרן אַליין געאַרבעט מיט זעג און הובל. ער האָט געפילט אין זיך דעם דראַנג צו שאַפן, וואָס טויזנטער און טויזנטער פון זיין קלאַס פילן. ער האָט פאַרמאָגט די פייאיקייטן צו פאַרווירקלעכן זיין דראַנג, וואָס טויזנטער און טויזנטער פון זיין קלאַס פאַרמאָגן. אין דער גרויסער מערהייט ווערט אָט־דער הייליקער פונק, אָט־דער דראַנג, אָט־די שאַפונגס־לוסט דערטרונקען אין אַ ים פון טאָג־טעגלעכע זאָרגן. זיי ווערן צעקוועטשט דורך די שווערע שטיוול פון עקספּלואַטאַציע, וואָס טרעט ברוטאַל איבער די נשמות פון פּראָלעטאַריער. יעקב שייפער האָט געהאַט דעם איבערמענטשלעכן ווילן, די מסירת־נפשדיקע איינגעשפּאַרטקייט, וואָס האָט פאַר אים געמאַכט מעגלעך עפּעס צו טאָן מיט זיין טאַלאַנט.

ווען אַ מענטש פונעם אַרבעטער־קלאַס הויבט אָן אַרויסווייזן סימנים פון אויסערגעוויינלעכע פייאיקייטן, כאַפּט אים געוויינלעך אויף די בורזשואַזיע און מאַכט פון אים אַן אבן טוב. דאָס איז איר וועג פון באַרויבן דעם אַרבעטער־קלאַס. אַ קינד פונעם אַרבעטער־קלאַס, באַגאַבט מיט שאַפונגס־פייאיקייטן, טאָר נישט בלייבן אין זיין קלאַס. ער מוז דינען דער בורזשואַזיע. ער מוז ווערן אַ שיינדל ביי די רייכע. אַזוי טוט זיך דאָס אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט — מיט ניין־און־ניינציק פון הונדערט אַרויסגערוקטע טאַלאַנטן פון אַרבעטער־קינדער.

מיט יעקב שייפערן איז געווען אַנדערש. יעקב שייפער האָט נישט געקראָגן קיין מעצענאַטן. יעקב שייפער האָט נישט געזוכט קיין מעצענאַטן. יעקב שייפער איז געבליבן אין זיין קלאַס. מיט זיין אייגענער מי, מיט ציין און נעגל האָט ער זיך געדראַפּעט — אַרויף, צו דער הויך פון מוזיקאַלישער קולטור. דאָס, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן, האָט ער זיך דערשלאָגן מיט זיין אייגענעם האָרב און מיט דער שטיצע פון זיין קלאַס.

עס איז דאָ ביי קינסטלער אַ נויגונג, אַז אויב זיי שטאַמען פון האָרעפּאַשניקעס, זאָלן זיי דווקא ווילן קריגן די אָנערקענונג פון דער בורזשואַזער וועלט. דער אַרבעטער־קלאַס, די אָרעמע אונטערדריקטע מאַסן זיינען

„מאָרגן־פרייהייט“, 6טן דעצעמבער, 1936, באַלד נאָך י. שייפערס טויט.

אַזוי פאַררעכנט פאַר נידעריק און אומקולטורעל אין דער „גוטער געזעלשאַפט“, אַז אַן אויסדערווײלטער, אַ מענטש דורכגעגילט מיט דער אויסערגעווײנלעכער סענסיטיווקייט, וואָס מען באַגעגנט נאָר צווישן טאַלאַנטן, שטרעבט אָפּט צו ווייסן, ווי עס פילט זיך צווישן די שטאַרקע, צווישן די באַלעבאַטים פונעם לעבן. יעקב שייפער האָט קײנמאָל נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו גיין צו די באַלעבאַטים פונעם לעבן. יעקב שייפער האָט פון דער יוגנט געשטרעבט צו זיין צווישן די, וואָס העלפן די אַרבעטער ווערן די באַלעבאַטים פונעם לעבן.

ער האָט דאָס געטאָן אי אַלס מענטש, אי אַלס קינסטלער. אין ביידע הינזיכטן איז ער געווען אַ קאָמוניסט. איינס איז ביי אים נישט געווען אָפּגעטיילט פונעם צווייטן.

אַלס מענטש, אַלס איינער וואָס האָט געהייסן יעקב שייפער, האָט ער זיך באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. האָט ער געטאָן אַרבעט אונטער איר פירערשאַפט. איז ער געווען אַ מיטגליד פון אַ קאָמוניסטישע קעמערל. האָט ער דורכגעפירט די שליחותן, וואָס זיין קעמערל האָט אים געגעבן. האָט ער גערעדט אויף פאַרזאַמלונגען. האָט ער זיך באַטייליקט אין קאָנפערענצן. דאָס לעבן פון זיין פאַרטיי איז אים געווען טייער. מיטן לעבן פון זיין פאַרטיי האָט ער געאָטעמט פונקט אַזוי, ווי עס אָטעמט יעדער איבערגעגעבענער קאָמוניסט. און ווי יעדער קאָמוניסט, האָט ער געשטרעבט צו העלפן אָרגאַניזירן און פירן דעם אַרבעטער־קלאַס אויפן וועג פון קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן און פאַר אַ ליכטיקער מענטשלעכער צוקונפט.

אַלס קינסטלער האָט ער געטאָן די זעלביקע אַרבעט, נאָר דורך אַנדערע מיטלען. ער האָט אָרגאַניזירט כאָרן. ער האָט איינגעשטודירט מיט די כאָרן אַרבעטער־לידער. ער האָט דערוועקט אין די מאַסן אַ דראַנג צו הערן בעסערע מוזיק. ער האָט דערוועקט אין די אַרבעטער אַ פאַרלאַנג אַליין צו באַטייליקן זיך אין מוזיקאַלישער טעטיקייט. ער האָט געוועקט אין זיי דורך די לידער און כאָרן די געפילן פון אייניקייט, פון קראַפט, וואָס שטאַמט פון קאָלעקטיוו, די געפילן פון מוט, האָפענונג, דראַנג פאַראויס צו אַ שענערן לעבן. ער האָט אַליין געשאַפן לידער און אָראַטאָריעס. ער האָט איבערגעאַרבעט און צוגעפאַסט עלטערע רעוואָלוציאָנערע לידער און פאָלקס־לידער פאַר דעם אַרבעטער־פאָלק, צו זינגען, צו הערן, צו געניסן, צו ווערן אייניקער, צו ווערן שטאַרקער, צו דערפילן, אַז עס זיינען דאָ גרויסן וועלטן פון שיינקייט, פון העלקייט, אָן אונטערדריקונג, אָן עקספּלואַטאַציע, אָן דערנידערונג, וועלטן פון מענטשלעכקייט, וואו די

קרעפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור אַנטוויקלען זיך פריי און אומגע־שטערט, וואו מענטשן שטייגן העכער און העכער.

יעקב שייפער האָט אַריינגעטראָגן אין דער אַרבעטער־וועלט בכלל, אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט בפרט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זי באַ־שיינט, דערוואַרעמט, פּאַרמענטשלעכט, אויפגעהויבן אויף אַ העכערער מדרגה, אויסגעפורעמט אין דער געשטאַלט פון נייע מענטשלעכע באַ־ציאונגען. איין מענטש שייפער איז געוואָרן אַ גאַנצער קאָלעקטיוו פון עטלעכע טויזנט, אַרום וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט אַנדערע טויזנטער און וועלכע זיינען אַלע געווען געשטעמפּלט מיטן באַזונדערן שטעמפּל פון קונסט צוליב קאַמף, קונסט צוליב דער באַפרייאונג פונעם אַרבעטער־קלאַס, קונסט צוליב דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, קונסט ווי אַ מוסטער פון דעם, וואָס עס קען ברענגען דער מענטשהייט די צוקונפ־טיקע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, קונסט פאַרן קאָמוניזם.

דערפאַר איז שייפער קיינמאָל נישט געווען איינער אַליין. דערפאַר איז ער אנערקענט געוואָרן אין זיין קורצן לעבן ווי „אונדזער שייפער". דערפאַר איז זיין געזאַנג געגאַנגען וויט און ברייט. דערפאַר האָט זיין ווירקונג דערגרייכט אַ סך ווייטער, ווי עס האָט געקענט דערגרייכן די וויר־קונג אפילו פון גרעסערע טאַלאַנטן. שייפער איז געוואָרן — אַ שיינקייט־קאָלעקטיוו, אַ ברייטער קונסט־קאָלעקטיוו, וואָס איז אַ טייל פונעם אַר־בעטער־קלאַס, אַ טייל פונעם אַרבעטער־קאַמף, אַ גליד פון דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג.

ווי אַזוי שייפער האָט געהאַרעוועט, ווי אַזוי שייפער האָט געליטן, האָבן נאָר די נאָענטע צו אים געוואוסט. ער האָט דאָך די גאַנצע צייט געדאַרפט אַרבעטן צו פאַרדינען זיך אויפן לעבן. ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין איינציקן חודש, ווען ער זאָל קענען פריי און אומגעשטערט זיך אָפּגעבן זיין שאַפנדיקער אַרבעט. אויף זומער איז ער געפאָרן, הייסט עס, אין קעמפּ (לאַגער) — „אויף וואַקאַציע". אָבער די וואַקאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע וואָך האָט ער איינגעשטודירט מיט רויע מענטשן אַ נייעם כאָר, אויב נישט אַ גאַנצע נייע מוזיקאַלישע פאָרשטע־לונג. די צאָל פון אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן כאָטש עטלעכע טעג זיך געפונען אונטער שייפערס פירערשאַפט, רעכנט זיך אין די טויזנטער. זיי אַלע האָבן געפילט, אַז מיט שייפערן זינגט זיך. זיי אַלע האָבן זיך גע־וואונדערט, ווי לייכט עס זינגט זיך מיט שייפערן. זיי אַלע האָבן מיטגע־נומען מיט זיך אויפן גאַנצן לעבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָ האָט זיך צו זיי צוגערירט אַ שאַפנדיקע האַנט.

שייפער האָט נישט געטראַכט וועגן זיך, ווי עס טראַכטן נישט אַלע איבערגעגעבענע טוער פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָבן וויכטיקע אַרבעט צו טאָן. שייפער האָט געהאַט צופיל וויכטיקע אויפגאַבן צו דער־פילן; די באַוועגונג האָט צו אים געשטעלט צודרינגלדיקע פאָדערונגען; די באַוועגונג איז געוואַקסן צו־שנעל, אַז דער מענטש זאָל קענען טראַכטן וועגן וואָס נישט־איז, אַחוץ זיין אַרבעט מיטן קאָלעקטיוו. אין אַזאַ לאַגע האָט ער שוין זיינע אייגענע שאַפונגען געדאַרפט פּראָדוצירן ווי „אָווער־טיים", אין די נאַכט־שטונדן, אָפּרייסנדיק פונעם שלאָף, אָפּרייסנדיק פון אָפּרו. וואָס פאַר אַ וואונדער, אויב זיין קרעפטיקער אָרגאַניזם איז אונ־טערגעגראָבן געוואָרן פאַר דער צייט.

שייפער האָט נישט אויפגעהערט צו עקספּערימענטירן. שייפער האָט נישט אויפגעהערט אויסצוברייטערן דעם קרייז פון זיין מוזיקאַליש־קאָ־לעקטיווער טעטיקייט. געווען דאָס ליד, דאָס איינציקע ליד. שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו אָראַטאָריעס. געפּרוואוט אַ גאַנצע ריי אָראַ־טאָריעס, אייגענע און פרעמדע. שפּעטער איז ער איבערגעגאַנגען צו דעם פּראַכטפולן ציקל רעוואָלוציאָנערע לידער און פאָלקס־לידער פאַרבונדן מיט סצענישער אילוסטראַציע, ווי מיר האָבן געזען אין „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע" — אַ ווערק, וואָס האָט גענומען די יידישע מאַסן מיט שטורעם. שפּעטער איז געקומען די אָראַטאָריע מיט דער באַגלייטונג פון טאַנץ, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין דער אויפפירונג פון די „צוויי ברידער" — דער לעצטער גרויסער אויפטריט פון שייפערן.

שייפער איז געשטאָרבן. דער ווייטאָג איז גרויס. דער ווייטאָג פילט זיך שמערצלעך אין די רייען פון די יידישע אַרבעטער. אָבער שייפער קען שוין נישט שטאַרבן. שייפער האָט זיך צופיל איינגעקריצט אינעם באַוואוסטזיין פון די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן. שייפער האָט פאַר זיך געבויט אַזאַ דענקמאָל, וואָס וועט קיינמאָל נישט צעשטערט ווערן. שייפער לעבט און וועט לעבן.

שייפערס ביישפּיל וועט לויכטן און זינגען צווישן ברייטע מאַסן, יידישע און נישט־יידישע האַרעפּאַשניקעס. שייפערס לאָזונג: „מיט געזאַנג אין קאַמף צום זיג", וועט באַגייסטערן הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען. שייפערס ווערק וועלן העלפן באַוואָפנען די מאַסן פאַר זייערע גרויסע שלאַכטן, וואָס וועלן פירן צו דער לעצטער אַנטשיידנדיקער שלאַכט פאַר אַרבעטער־הערשאַפט, פאַרן סאָציאַליזם.

יאָסל קאָטלער

. . . יאָסל קאָטלער האָט געאָטעמט מיט לעבן. ער האָט געלעבט מיט יעדן אָטעם־צוג . ער האָט אַריינגעטראָגן לעבן אומעטום, וואו ער האָט זיך באַוויזן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער טראָגט מיט זיך אַ קוואַל פון זונשיין, אַ קוואַל פון פרייד. קיינער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז יאָסל קאָטלער זאָל אַמאָל זיין קראַנק. עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז יאָסל קאָטלער זאָל זיין טרויעריק, נידערגעשלאָגן, פאַרצווייפלט.

יאָסל קאָטלער איז ווי געקומען אויף דער וועלט מיט אַן אומדערשעפלעכן זאַפּאַס פון געלעכטער ער האָט געלאַכט, ווייל ס'איז אים געווען פריילעך. ער האָט געלאַכט, ווייל ס'איז דאָ אַזויפיל פון וואָס צו לאַכן. ער האָט געלאַכט, ווייל אומעטום זיינען פאַנאַנדערגעוואָרפן טשיקאַווע זאַכן. ער האָט אַרויסגערופן בילדער צו פאַרקערפּערן זיין געלעכטער. און ער האָט זיך אַליין געפרייט מיט דעם וואָס ער האָט פּראָדוצירט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואונדערט זיך איבער דעם ווערק פון זיינע הענט. „איז עס טאַקע מעגלעך, אַז איך, יאָסל, האָב דאָס געשאַפן?"

פון אָנפאַנג איז יאָסלס לאַכן געווען מערסטנס ציללאָז. ער איז געווען אַ לינקער, עס האָט אים געצויגן צו דער „פרייהייט". ער האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל אין ערגעץ נישט געאַרבעט, אַחוץ דער „פרייהייט". אָבער דער סאָציאַלער מאָמענט האָט געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע אין זיינע פריערע זאַכן. העכסטנס איז ביי אים געווען אַנטי־רעליגיעזער חוזק. אַמאָל אַ שפּאַס איבער קליינביגערלעכער קליינלעכקייט. אַמאָל אַ קיבעץ אויפן אַדרעס פון איסט־בראָדוועי. אָבער אַ לאַנגע צייט האָט זיך נישט געמערקט קיין קלאָרע קלאַסן־ליניע אין די ווערק פון יאָסל קאָטלער.

יאָסל קאָטלער איז אָבער געוואַקסן. עס איז געוואַקסן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, עס איז געוואַקסן די אַרבעטער־באַוועגונג, עס איז געוואַקסן די באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער, עס איז געוואַקסן די „מאָרגן־פרייהייט", — און קאָטלערס ליניע ווערט אַלץ קלאָרער. קאָטלערס טאַלאַנט ווערט רייפער. קאָטלער קומט אַלץ נעענטער צו דער קאָמוניסטי־

„מאָרגן־פרייהייט", 13טן יוני, 1935, באַלד ווי ס'איז באַוואוסט געוואָרן, אַז יאָסל קאָטלער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָביל־אומגליק אויפן וועג קיין קאַליפאָרניע.

שער פּאַרטיי. אין אָט־דעם שפּילעוודיקן, לאַכנדיקן, זאָרגלאָזן מענטשן האָט געלעבט אַ טיפער ערנסט. ער איז געקומען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נישט דורך שטודירן דעם מאַרקסיזם. ער איז געקומען דורך זיין אייגענעם קינסטלערישן לעבן — ער איז געקומען דורך די פאָדערונגען, וואָס די מאַסן האָבן געשטעלט זיין שאַפנדיקער אַרבעט. ער איז געקומען דורך דעם, וואָס ער האָט געפילט די שטראָמען פון געדאַנק און געפיל, וואָס האָבן זיך געשפרייט צווישן די יידישע אַרבעטער.

וואָרים יאָסל קאָטלער איז געשטאַנען זייער נאָענט צו די מאַסן. ער אַליין איז נישט געווען קיין עמך־מענטש אינעם אייגנטלעכן זין פון דעם וואָרט, כאָטש ער האָט ליב געהאַט צו דענקען וועגן זיך ווי וועגן אַ פּראָסטן מענטשן. געפילט האָט ער אָבער די מאַסע אַ סך טיפער און אינטימער, ווי פילע פון די פירער. ער האָט גערעדט מיט דער שפּראַך פון דער מאַסע. ער האָט געדענקט מיט אירע באַגריפן. געזען אירע אימאַזשן. אָפּ־גערופן האָט ער זיך אויף זיין אייגענעם, פאַרפיינערטן, הויך־קינסטלערישן און דערביי אַזוי עכט־פאָלקיסטישן שטייגער.

יאָסל קאָטלער האָט געאַרבעט אויף דריי געביטן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איינס: ווי שרייבער־הומאָריסט, ווי צייכנער־קאַרטו־ניסט און ווי מאַריאָנעטן־שפּילער. זיינע אייגענע הומאָרעסקן און לידער האָבן געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר זיינע מאַריאָנעטן; זיין צייכן־קונסט האָט אים געהאָלפן ביים אויספורעמען די מאַריאָנעטן. און צוזאַמען מיט מאָוד׳ן האָט ער געשאַפן די „מאָדיקאָטלעך“, וואָס זיינען געוואָרן באַרימט צווישן די בררייטסטע מאַסן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע.

מיט דער צייט זיינען זיינען אַלע דריי געביטן פון יאָסלס שאַפן געוואָרן ערנסטער, אויסגעהאַלטענער, מער קלאַסן־באַוואוסטזיניק, אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי נישט אָנגעוואָרן די איינפאַכקייט, די פרישקייט, די עמכ׳דיקייט און דעם אויסערגעוויינלעכן הומאָר, אויף וועלכן קאָטלער איז געווען אַזאַ מייסטער.

עס זיינען אים נישט געווען פרעמד געוויסע פאָרמאַליסטישע ניי־גונגען אויך אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין שאַפן. עס איז נאָך געבליבן ביי אים דער עלעמענט פון חוזקן צוליב חוזקן, פון שאַפן גראָטעסקן גלאַט אַזוי, ווייל דער גראָטעסק האָט אים פאַרכאַפּט. אָבער אין דער ערשטער זאַמלונג פון זיינע הומאָריסטישע ווערק „מונטער־גאַנג“, וואָס איז אַרויס־געגאַנגען אין 1934, איז געווען אַ סך ווייניקער פון אָט־דעם סאָרט און אַ סך מער פון דעם קלאַסן־אינהאַלט, — און דאָס איז געווען דער בעסטער אָנזאָג אויף אַ ווייטערדיקער געזונטער און ברייטער אַנטוויקלונג.

גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער האָבן מיט פרייד און מיט באַפרי־דיקונג געלייענט קאַטלערס ליד וועגן קריזיס אונטערן נאָמען „ס׳איז דאָ“.

אַ פאַבריק איז דאָ? — דאָ.
אַ קוימען איז דאָ? — דאָ!
אַ מאַשין איז דאָ? — דאָ.
מאַטעריאַל איז דאָ? — דאָ.
נו? — אַרבעט מען נ־שט,
ווייל אַ באַלעבאָס איז דאָ.
אַרבעט מען נישט,
עסט מען נישט,
איז טאַקע שלעכט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
קריזיס.

קיין איינציקער פון אונדזערע אַגיטאַטאָרן האָט נישט געגעבן אַזאַ עמכ׳דיקע דערקלערונג פון דעם קריזיס, ווי אָט־די פשוטע ווערטער מיט זייער שלוס־סטראָפע, וועלכע לייענט זיך אַזוי:

געלט איז דאָ? — דאָ,
נו? האָבן מיר נישט אַ סענט,
ווייל אַ באַלעבאָס איז דאָ,
אַרבעט מען נישט,
האָט מען נישט,
עסט מען נישט,
אָבער נישט געפערלעך —
מיר האָבן אַ גוטן נאָמען דערפאַר:
באַנקראָט.
טוען מיר אַזוי אַ זינג:
און אַ פרעג
אַ פשוטע פראַגע:
צו וואָס פאַר אַ כאַלעריע
באַדאַרף מען אַ באַלעבאָס?

דאָס טייערסטע ביי קאַטלערן, דאָס ליבסטע, דאָס וואָס ס׳האָט אים געמאַכט איינגעבאַקן אין הארצן פון ברייטע מאַסן, איז געווען זיין אָרי־גינעלער צוגאַנג צו זאַכן. אַלעמאָל האָט ער געפונען אַזאַ מין זייט אין אַ באַקאַנטער דערשיינונג, וואָס האָט זי אַוועקגעשטעלט אין אַ נייעם ליכט. אַלעמאָל האָט ער געפונען עפּעס אַזאַ איינפאַל, וואָס האָט פאַרגאַפט. איך

דעם זין איז יאָסל קאָטלער געווען געניאַל. אין דעם זין האָט יאָסל קאָטלער געשאַפן זיין אייגענע שול, איבערגעלאָזט זיין אייגענע שפּור אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור און אין דער פּראָלעטאַרישער צייכן־קונסט.

ווער געדענקט נישט דאָס לידל פון די רענט־סטרייקער אין זיין שאַרזש: „אַרויס און אַריין" מיט זיין רעפרעין:

לאַמטעדירידאַם, הענט מיט הענט,
האַקן מיר אונטער דעם הויכן רענט.

און מיט דער שלוס־סטראָפע, ווען די סטרייקער געווינען:

איצטער לע־לע־לע — לע־לע־לע, לחיים,
איצטער לחיים דעם פאַיל מיטן רענק! *
דעם שעריף אַ מכה, אַ מכה דעם שעריף,
דעם שעריף קדחת, דעם לענדלאָרד אַ קרענק!

וואָס קאָטלער האָט נישט געשריבן אָדער געמאָלן, האָט געמוזט אַרויס־רופן אַ געלעכטער. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין ביליקער געלעכטער. יאָסל קאָטלער האָט געוועקט פאַראַכטונג צום קלאַסן־שונא און מונטער־קייט צום קאַמף.

וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע ווערטער ער האָט אַריינגעוועקט אין קינדער־ליד: „מיר ווערן פיאָנערן":

טויערן רויטע
פון ליכט און פון שיין,
עפנט זיך ברייטער
און לאָזט אונדז אַריין.

יאָסל קאָטלער איז געווען אַ פריינט פון די קליינע קינדער. און אויך פאַר זיי האָט ער געשריבן מיט אַ ווייכקייט און מיט אַ פריילעכקייט, וואָס האָבן אים געמאַכט באַליבט צווישן טויזנטער קינדער.

און אָט־דער פאַרשיידנאַרטיקער שאַפער אויפן הומאָר־פראָנט, אָט־דער מענטש, וואָס איז געווען רייך מיט איינפאַלן, רייך מיט זעאונגען, רייך מיט שעפערישע פּלענער, רייך מיט פרייד, וועלכע האָט נישט גע־וואוסט פון קיין באַהאַלטענעם וויטאָק, רייך מיט שטעכיקייט, וואָס האָט

* פון די ענגלישע ווערטער „רענק און פאַיל", ריי און שורה, דאָס הייסט די אַר־בעטער־מאַסע. אַ „רענק און פאַילער" — אַ מאַסן־מענטש.

געוואונדעט דעם שונא און געשטאַרקט דעם פריינט — אָט־דער אייביק־יונגער און אייביק־שטיפערישער קונדס האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַריינגעגליטשט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ווען ס׳איז געקומען דער רעקרוטירונגס־אָוונט אין דעם פּראָלעטפּען און מען האָט פאַרגעשלאָגן קאָטלערן, ער זאָל אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט ער אויפריכטיק געענטפערט: „איך האָב געטראַכט, אַז איך בין אַלעמאָל געווען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי."

און ווען ער איז אַריינגעטראָטן פאָרמעל און האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין די אַרבעטן פון דעם פּאַרטיי־קעמערל, איז אים ערשט גראַמער געוואָרן, איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, האָט אַ נייע פרייד זיך באַוויזן אין זיין גאַנצן וועזן. האָט מען געקענט זיכער זיין, אַז די פּאַרטיי־אַרבעט וועט נאָך מער אויסברייטערן און פאַרטיפן זיין ליטעראַריש־קינסט־לערישע אַרבעט.

איז געקומען דער טויט און האָט אָפּגעהאַקט דאָס בליענדיקע לעבן. אָפּגעהאַקט אויפן סאַמע שוועל פון אַ נייער עפּאָכע.

מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן שיידן מיר זיך מיט אים, אָבער מיט אַ שטאָלץ, וואָס אונדזער באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן אַ יאָסל קאָטלער.

משה נאַדיר

דער פֿאָרשער פֿון משה נאַדירס ליטעראַרישער אַרבעט, געפּלעפּט דורך איר פֿאַרשיידנאַרטיקייט און דורך דער לייכטקייט פֿון איבערגאַנג פֿונעם אָביעקטיוון צום סוביעקטיוון, פֿון דערציילן צו לירישן אויפֿברויז, פֿון בילד־רייכער מאָלעריי צו סענטענץ־רייכער לאָגישער אָפּשאַצונג, פֿון מע־מואַר צו דראַמאַטישן עסקיז, פֿון ברייטע לאַנדשאַפֿט־לייווענטן צו פּלאַקאַ־טישע קאַמפּס־רופֿן און דעקלאַראַטיוון פּאַטאָס, פֿון פֿאַרחלומטער, גאַר־צאַר־טער, גוואַלטיק־שטילער קינדערישקייט צו אַ בראַוואור־מעסיקער וועלט־מענישער בייסיקייט, פֿון אַ דעפֿיניטיוו־אויסגעטראַכטער און בכיוון אומ־רעאַלערווירקלעכקייט צו אַ פֿאָטאָגראַפֿיש־אָפּגעקאָפּירטער און דעריבער אויך נישט־געווען־אמתער וועלט, — דער פֿאָרשער, וואָס זעט, ווי לייכט, ווי שפּילעוודיק, ווי חנ׳עוודיק, ווי כמעט פֿאָקוס־קונציק עס בייט זיך דער־ציילונג אויף דעקלאַמאַציע, זאַכלעכע כאַראַקטעריסטיק אויף גראָטעסק, טרוי־מיטן־שאָל אויף מאַריאָנעטן־טאַנצעריי, קאַטאָוועס אויף טויט־שרעק און וואַנזין־ראַנדן אויף אַ פֿריילעכקייט, וואָס שעמערירט מיט אַ זאַהאַראַ פֿון צעשפּריצטע דימענטלעך, — דער פֿאָרשער, כדי צו קענען ווי נישט איז שרייבן פֿאַרשטענדלעך וועגן משה נאַדירן, מוז אָנכאַפּן די צענטראַל־אַקס פֿון אָט־דער גאַנצער אומרואיקער וועלט און זי נישט אַרויסלאָזן פֿון דער האַנט. ער מוז קענען געפֿינען עפּעס אַזאַ מין איינס — רופֿט דאָס מיטן פֿראַזאַאישן נאָמען: מיטלפּונקט, געזיכטס־פּונקט, אויסגאַנגס־פּונקט, אַנאַ־ליז אָדער סינטעז — וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו אינטעגרירן אָט־דעם כמעט

דער עסקיז איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט“ פֿון 26טן יוני, 1937, ווי אַ טייל פֿון אַ לענגערער סעריע אַרטיקלען וועגן דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. משה נאַדיר (יצחק רייז), אַ מיטאַרבעטער אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט“ זינט איר גרינדונג אין 1922, האָט אַ סך געשאַפֿן און איז געווען באַליבט ביי גרויסע מאַסן אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. דער עסקיז און דאָס צעטל צום סאַמע סוף גיבן אַ געוויסן באַגריף פֿון זיין אימפּעטיק שאַפֿן אין דעם פּעריאָד. אין 1939, בשעת דעם סאָוועטיש־דייטשן פּאַקט, איז משה נאַדיר מיטגעריסן געוואָרן מיט דער דעמאָלטיקער אַנטי־סאָוועטישער וואַקכאַ־נאַליע. עס איז אָנגעשטאַנען אַ קורצער, טראַגישער פּעריאָד אין זיין לעבן, וואָס האָט זיך אין 1941 פֿאַרענדיקט מיט אַן עלנטן טויט. אָלגינס עסקיז צייכט אָן דאָס אָרט פֿונעם קינסטלער משה נאַדיר, וואָס האָט געלעבט ביז האַרבסט 1939.

פאַ־שווענדעריש־אַרויסגעשליידערטן און באמת־זאָרגלאָזן און דאַכט־זיך־
ציללאָז אָנגעוואָרפענעם רייכטום־באַרג און אים אַוועקשטעלן אין אַ
סיסטעם.

לאָזט זיך דאָס? דאָס וואָס דאָ ווערט ווייטער געשריבן, איז נישט מער
טאַקע, ווי געדאַנקען אויף אַ קול, „מאַטעריאַלן פאַר דיסקוסיע”, דערוויי־
ליקע פּראָבעס צו באַרירן וויכטיקע פּראָבלעמען, אין בעסטן פאַל אַן אָנ־
רעג פאַר אַנדערע (און פאַר זיך אַליין) ווייטער צו טראַכטן אין דער זעל־
ביקער אָדער אין אַן אַנדער ריכטונג אַרום דער זעלביקער טעמע.

אונדז האָט זיך אַלעמאָל געדאַכט, אַז ס׳איז דאָ אַן אינעווייניקסטע
איינציקייט אין אַלצדינג, וואָס משה נאַדיר האָט געשריבן. איינציקייט הייסט
— געזועצמעסיקייט, הייסט, אַז אַלץ, וואָס משה נאַדיר האָט געשריבן, האָט
אַנדערש נישט געקענט זיין, הייסט, אַז די ווערק זיינע קענען אויסגע־
שטעלט ווערן אין אַ געוויסער — נישט כראָנאָלאָגישער און נישט דווקא
פאָרמעל־טעכניש־איינגעגלידערטער — אָרדענונג, וואָס זאָל ערשט מעגלעך
מאַכן אַ טיפערן אַריינבליק אין זיין שאַפן.

עס איז אַ דאַנקבאַרע אַרבעט פאַר איינעם, וואָס וואָלט געשריבן אַ בוך
אָדער עטלעכע ביכער וועגן משה נאַדירן און וואָלט דערמיט, האָפן מיר,
באַרייכערט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור.

דאָ, אין דעם־אָ עסקיז, קען נאָר געשטעלט ווערן די פּראָבלעם.

די פּראָבלעם איז אַזאַ: אָט איז אַ פּערזאָן מיט אַזוינע און אַזוינע
פּערזענלעכע אַנלאַגן, גרונט־פייאיקייטן, ליטעראַרישן טאַלאַנט. אָנגענו־
מען, אַז אָט־די אייגנשאַפטן זיינען דאָ. אויך זיי קענען, זעלבסטפאַרשטענד־
לעך, אַנאַליזירט ווערן — און ליטעראַטור־קענער און פּסיכאָלאָגן האָבן
זיי געגעבן די גוטע שטאַמפּ־נעמען: אויפנאַם־פייאיקייט, באַאַרבעטונג־
קראַפט, סענסיטיווקייט, אָפנקייט פאַר סוגעסטיע, לעבעדיקייט פון פאַנ־
טאַזיע, אימאַזשן־בילדונג־אַפּאַראַט, אויסדרוק־פייאיקייט א. אַז. וו. אויך
זייער אורשפּרונג דאַרף, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דערקלערט ווערן ביי נאַ־
דירן. אָבער אָנגענומען, אַז אָט־דאָס, וואָס אין געצאַמטקייט בילדעט עס
דעם קינסטלערס אַרבעט־געצייגן, איז פאַראַן. שטעלט זיך די פראַגע: פאַר־
וואָס איז ער געוואָרן אַזאַ און נישט קיין אַנדערער קינסטלער? פאַרוואָס
איז ער נאַדיר און נישט בערגעלסאָן און פעפער, אַשטייגער? און ווייטער:
אָט איז ער נאַדיר ווי ער שטייט און גייט — פרעגט זיך: פאַרוואָס איז ער
אָט־דער צעפּונקלטער און קיינמאָל־נישט־איינגעסטאַליעווטער, שטענדיק
נאָך זיין אייגענעם שטראָם נאָכיאָגנדיקער נאַדיר, און נישט קיין מער סטאַ־
טעטשנער, מער אויסגעהאַמערטער, מער האַרט־ביי־דער ערדיקער נאַדיר?

מיט אַנדערע ווערטער: פאַרוואָס איז ער גראָד דער פאַרשיידן־זייטיקער באַדיר און נישט אַ נאַדיר, וואָס איז גלייך צו איין איינציקער פון זיינע פאַרשיידענע זייטן — וואָס דאָס וואָלט געווען אַריבער גענוג צו מאַכן פון אים אַ פיינעם שרייבער? אַ קוק טאָן אויפן לעבן פונעם קינסטלער איז שוין קלאָר, אַז דאָ איז נישט גענוג די קונסט אַליין. מיט דער עסטעטיק, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין, וועט מען ווייט נישט פאַרפאָרן. דאָ דאַרף מען באַטראַכטן, ערשטנס, די עקאָנאָמיק; צווייטנס, די געזעלשאַפטלעכע סביבה; דריטנס, די קולטור־סביבה פונעם קינסטלערס לעבן.

צוליב אויסערלעכער באַקוועמלעכקייט נעמען מיר אָן, אַז נאַדירס לעבן איז איינגעטיילט אין דריי תקופות (פאַראַן אַ סך מער, און יעדע איינע איז אַ סך קאָמפּליצירטער, ווי מען קען דאָ אָנווייזן, און איינע גייט אַריבער אין דער צווייטער און קרייצט זי דורך) אָבער אַזוי ווי קאָנווענציאָנעלע סימפּליפיקאַציע איז נויטיק, וועלן מיר זיך האַלטן אָן די דריי גרויסע תקופותן:

א. נאַראַיעוו — קינדהייט און פריע יוגנט;

ב. איסט־בראָדוועי — יוגנט און אַנטוויקלונג צו רייפקייט;

ג. יוניאָן סקווער — פולע רייפקייט און אויפשוואונג פון אַלע קרעפטן.

אין דער ערשטער תקופה האָבן מיר אַ צאָל קאָנפליקטן, וואָס אַטאַקירן דאָס יונגע־קינדערשע און יוגנטלעך־דערוואַכנדיקע געמיט: ערשטנס, דער קאָנפליקט צווישן אָרעם און רייך — דעם טאַטנס פאַמיליע, אַ קליינבירגערלעך־האָרעפּאַשנע, באַרירט זיך אָפט מיט די רייכערע פאַמיליעס, און דאָס יינגל יצחקל פילט, אַז עפּעס איז נישט גוט אויפן עקאָנאָמישן פראָנט, ווי מען זאָגט היינט; צווייטנס, דער קאָנפליקט צווישן דער אַלטיידישער, פרומער, און ניי־יידישער, אויפגעקלערטער, משכילישער וועלט; דריטנס, דער קאָנפליקט צווישן די ביידע יידישע וועלטן און דער וועלט פון דער נישט־יידישער, ווינער, דייטשישער, אייראָפּיאישער קולטור. דאָס יינגל יצחקל ווערט געשלעפּט אין פאַרשיידענע ריכטונגען, געריסן, געפּיצלט אין אָט־דעם ווירבל־ווינט פון נאַראַיעווער צוזאַמענשטויסן — און אינסטינקטיוו זוכט ער אַ סינטעז, אַ גאַנצקייט, אַן אָרגאַנישקייט, וועלכע עס פאַרמאָגן סיי דער אַלטמאָדישער יידישער פרומאַק, סיי דער זון פונעם אוקראַאינער גאַליצישן פויער, סיי דער „פּאַניטש", דער זון פונעם פּוילישן פּריץ, סיי דער זון פון דער דייטשישער ווין.

דער איבערגאַנג פון דער ערשטער צו דער צווייטער תקופה איז אַליין פאַר זיך אַ גוואַלט־ריס: עמיגראַציע; אָפּגעשניטן מיליאָנען פעדימער מיטאַמאָל; געבליבן הענגען אין דער לופט; פיבערדיק געפּרוווט זיך

אַריינוואָרצלען אין דער נייער ערד. דאָ, אויף דער נייער ערד, זיינען די קאָנפליקטן נאָך צאָלרייכערע און שטאַרקערע: דער עקאָנאָמישער קאָנפליקט צווישן איינעם, וואָס איז געצוואונגען זוכן שאַפּ־אַרבעט אָדער אַרומבלאָנדזשען האָבאָ־מעסיק האַלב הונגעריק פון איין זייט און די קאָלאָסאַלע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע־קרעפטן פון דער צווייטער; קולטורעלער קאָנפליקט צווישן דער הינטער־זיך געלאָזטער אייראָפּייאישער אַלטענבערג — ראַינער מאַריא רילקע — אָטאָ יוליוס בירבוים־קולטור פון איין זייט און דער מאָדערנער אַמעריקאַנישער, מער אויבערפלעכלעכער, אָבער אַנדערש־אָריענטירטער קולטור פון דער צווייטער; דער קאָנפליקט צווישן דער טראַדיציאָנעלער אייראָפּייאיש־יידישער מענדעלע־פּרץ־שלום־עליכם קולטור פון איין זייט און דער אויפשטייגנדיקער אַמעריקאַניש־יידישער, באַוואוסטזיניק קעגן דעם אַלטן קעמפנדיקער קולטור, פון וועלכער די „יונגע" אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען געווען דער קלאַסישער אויסדרוק.

מיט מער אימפּעט, מיט גרעסערער ליידנשאַפטלעכקייט, איצט שוין באַוואוסטזיניק, זוכט דער ניי־אַנטשטאַנענער קינסטלער די אָרגאַנישקייט, די גאַנצקייט, דעם סינטעז, וואָס זאָל פאַר אים מעגלעך מאַכן צו לעבן. דאָס זוכן מוז פון אים מאַכן אַ בונטאַר: אָט גייט ער אין „ווילדע רויזן" אין אַ צילינדער־הוט און איז אַן עכט־ווינער לעבעמאַן, פון וועלכן ער אַליין לאַכט זיך אויס מיט יאַשטשערקעס, אָט רעדט ער האַרציק און יידישלעך „פון מענטש צו מענטש", אָט מאַכט ער חוזק איבער דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון דעם ביסל אַמעריקאַנישער קולטור אין „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט", — אָט איז ער נאַראַיעוו, אָט איסט־בראָדוועי, אָט וואָלט וויטמאַן. אין ענגן קאָנטאַקט מיט משה לייב האַלפּערנען וואַרפט זיך דער קינסטלער, פרואוונדיק פאַרשטיין די דאָזיקע משוגענע קאַלעידאָסקאָפּישע וועלט, אָנכאַפּן דאָס מאַגישע וואָרט, וואָס זאָל צו איר געבן אַ שליסל, געפינען די רו, די געלייטערטקייט, די האַרמאָניע, וואָס זאָל פון אים אַליין, נאַדירן, מאַכן דעם גאַנצן מענטשן.

אונטערן דרוק פון אַזוינע געשעענישן, ווי די וועלט־מלחמה, די רוסישע רעוואָלוציע, דער אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, דער אויפקום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, די פאַרשפּרייטונג פון קלאַסן־קאַמף־אידייען צווישן די יידישע אַרבעטער, קומט ענדלעך פאָר דער גרויסער איבערגאַנג פון איסט בראָדוועי אויף יוניאָן סקווער — אַן איבערגאַנג מיט נאָך אַ גרעסערן געוואַלט־ריס. דער בונטאַר ווערט אַ באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער. דאָס

קומט נישט פאַר מיטאַמאָל. אָבער ענדלעך קען שוין משה נאַדיר זאָגן מיט אַן אַרויסרוף און מיט איבערציַיגונג: „מיר קאָמוניסטן".

דערמיט זיינען אָבער די קאָנפליקטן נישט פאַרשוואונדן. דאָס באַוואוסטזיין איז געלייטערט. אידעאָלאָגיש איז אַלעס אין אָרדענונג — אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך אין אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישן לאַנד און אין אַן אינטעליגענטיש־קליינבירגערלעכער סביבה. אָבער עס איז דאָ דער קאָנפליקט צווישן דעם היינטיקן קאָלעקטיוויסטישן „מיר שלאָגן זיך אויף טויט און רויט"־פּאָעט און דעם נעכטיקן יחידישן „אַ לאָמפּ אויפן פענצטער"־פּאָעט; עס איז דאָ דער קאָנפליקט צווישן דעם פּאָעטס טיף־איינגעוואָרצלטער טראַדיציע פון אייראָפּייאישער נעכטיקער, שוין לאַנג דורך דער מלחמה אָפּגעווישטער קולטור און דער היינטיקער נאָך־נישט־גענוג אויסגעפורעמטער רעוואָלוציאָנערער קולטור. עס איז דאָ דער קאָנפליקט צווישן דעם בערך קליינעם יידישן וועלטל, אין וועלכן דעם קינסטלער קומט אויס צו שאַפן, און דעם פאַרלאַנג אַרויסצורייסן זיך אויף דער אַרענע פון דער ברייטער אַמעריקע, וואו נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן. מאָדנע ווי דאָס קען אויסזען: ס'איז נאָך דאָ דער קאָנפליקט צווישן אַלט־נאַראַיעוו מיט זיינע אַזוינע מחיהדיקע „מזג־טוב"־שטימונגען, מיט זיין „שטילער שמונה עשרה", מיט זיינע „קוויטלעך" איבער אַ קינפּעטאָרינס בעט — און דעם נייעם יוניאָן סקווער מיט „סערפּ און האַמער איז דער סימן, אַז דער טאָג קומט אָן פאַר דזשימען".

איז אָט: אונדז דאַכט זיך, אַז די־אָ אַלע „אומשטאַנדן", „סיבות", באַווירקונגען" אָדער ווי מען זאָל זיי נישט רופן, דאַרפן אונטערזוכט און סומירט ווערן, אויב מען וויל געפינען אַ דערקלערונג פאַר משה נאַדירס קינסטלער־וועג. אונדז דאַכט זיך, אַז דער קינסטלער־וועג — דאָס איז ביי נאַדירן דער פאַרלאַנג אַזוי זיך אַריינצופּאַסן אין אַ וועלט, וואָס האַלט זיך נאָכאַנאַנד אין ענדערן, אַז ער זאָל געפינען זיך אַליין, און דאָס הייסט — אַז ער זאָל איינשטעלן אַ האַרמאָניע, אַ פרידן, אַ סינטעטישע גאַנצקייט, ערשטנס, אין דער אָביעקטיווער וועלט בכלל; צווייטנס, אין דער באַציאונג צווישן דער אָביעקטיווער וועלט און זיין אייגענעם באַוואוסטזיין; דריטנס, צווישן דער עקזיסטענץ פון דער אָביעקטיווער וועלט און זיין אייגענער עקזיסטענץ אַלס אירער אַן אינטעגראַלער טייל.

***

אפשר וועט דער פאַרשער דורך אָט־דער פאָרמולע קאָנען דערקלערן אַ סך מאָמענטן אין נאַדירס שאַפן. די ראַמען פון אָט־דעם עסקיז דער־

ליבן נישט אפילו אויסצורעכענען די וויכטיקסטע מאָמענטן. אָבער לאָמיר דערמאָנען אייניקע.

אינעם פעריאָד ביז 1929 (דער איבערברוך־מאָמענט, ווען נאַדיר גייט דעפיניטיוו אַריבער אויף יוניאָן־סקווער) איז ביי אים דאָ מער צערטלעכקייט, דער טאָן איז מער האַרציק. אין יענער צייט גלויבט זיך קוים, אַז אין דיכטערס קול זאָל זיין מעטאַל, נאָר אַ געניטער אויער קען דאָס דערהערן ערגעץ־וואו ווי אַ דיסאָנאַנס. נאָך 1929, גראָד אין דעם פלאַקאַט־פעריאָד פון „דערלאַנג־אַהער די וועלט, ברוזשוי", ווערט דער טאָן אַ טרומייטן־אַרטיקער, אַ פויקן־קלאַפנדיקער, אָבער גראָד דעמאָלט באַווייזן זיך אָפט לידער (אונטערן פסעוודאָנים פון פרעמדע קוואַלן"), וואו די צערטלעכקייט און האַרציקייט זיינען אַ סך גרעסער, די איידלקייט אַ סך ראַפינירטער, אָבער אין דער זעלביקער צייט זיינען זיי אַ סך געזינטער, ווי די ליריק פון „אַ לאָמפ אויפן פענצטער".

אינעם פעריאָד ביז 1929 איז ביי אים דער אינהאַלט און די פאָרמע אויך פאַרשיידנאַרטיק, אָבער בשום אופן נישט אַזוי ווי נאָך 1929. אין יענער צייט איז נאַדיר מערסטנס ייד און דיכטער, דיכטער־ייד. אינעם נייעם פעריאָד ווערט ער ייד און אַמעריקאַנער, ייד און וועלט־בירגער, ייד און מאָנער ביי דער קאַפיטאַליסטישער געזעלשאַפט — מאָנער פון גערעכטיקייט, פון אַ רעכט צו לעבן. אָבער גראָד אין יענעם פעריאָד שרייבט ער „אַ וועלט מיט אַרבעט", וואָס טיילווייז איז עס אַ פאָרזעצונג פון מאָנען גערעכטיקייט פאַר אַלע אונטערדריקטע, טיילווייז אין עצם אַ נאָכאַמאָל־איבערלעבן דאָס גאַנצע ווערן פון דעם קינסטלער, און אַ גרויסער טייל פון דעם ווערק איז אין אמתן אַ רעצידיוו — אַן אומקער צוריק נישט אין רעטראָספעקט, נאָר בפועל ממש, אַן אַריינפאַלן אין די דעקאַדענץ־שטימונגען, אומקום־געפילן, פחדים און אומגעזונטע אַנונגען פון דער יחידישער פאָעזיע פון צוריק מיט אַ דור.

אין דעם פעריאָד ביז 1929 איז נאַדירס לייכטסטער אויסדרוק־מעטאָד — דער אינטימער עסקיז, ליריק אין פראָזע. נאָך 1929 איז די נאָטירלעכסטע אויסדרוק־פאָרמע ביי נאַדירן — פאַר וועלכער ער נעמט זיך אַלעמאָל און קודם־כל — די פאָעזיע אין אַלע אירע פאַרצווייגונגען, כאָטש ער שאַפט אַ סך מער אַנדערע ווערק, אין פראָזע, אויך מיט אַ פולער האַנט.

אינעם פעריאָד ביז 1929 געפינען מיר ביי נאַדירן זעלטן אַ פאַרצייכענונג — סיידן מיר זאָלן רעכענען, צווישן פאַרצייכענונגען די בילדער פון דער ליטעראַרישער צווייטער עוועניו און גרינעדזש ווילעדזש אין „אונטער דער זון" — באמת ערשט־קלאַסיקע קונסט־ווערק. אין דעם נייעם

פעריאָד ווייזט ער זיך אַרויס, צווישן אַנדערע זאַכן, ווי דער מייסטער פון פאַרצייכענונג, פון קונסט־רעפּאָרטאַזש.

דער פּעריאָד פון פּלאַקאַטישער פּאָעזיע — 1932־1930 — ווערט ביי אים פאַרביטן אויף אַ פּעריאָד פון אַנדערער, מער רעאַליסטישער פּאָעזיע, אָבער פון דעם געלייטערטן סאָציאַליסטישן רעאַליזם געפינען מיר ביי אים דערווייל נאָך ווייניק מוסטערן.

אין דעם סאַמע ברען פון זיין מעטאַלענער פּלאַקאַטישקייט געפינען מיר ביי אים קאָרענע ווערטער, אַגריקולטורעלע אימאַזשן, שול־הויף־אויסדרוקן, טיפּיש פאַר נאַראַיעוו.

און אַז. וו., און אַז. וו.

מיר מוזן ענדיקן. דער עסקיז איז אַזוי אויך שוין צו לאַנג. בייעסטע ווערק: „פויסטן און פאַנען“, לידער, 1932; „דער געניאַלער אידיאָט“, 1932; „מאָרגן איז מאָנטאָג“, פאַרצייכענונגען, 1932; „טעאַטער־טעקסטן“, 1932; „טעג פון מיינע טעג“, 1935; „טינט און פעדער“, 1936; „פּאָ־לעמיק“, 1936; קינד אָן קייט“, 1937.

ביל גראָפּער

.1

גראָפּער לאַכט.

אַרום הילכט דאָס שלאַכטפעלד. מענטשן קריכן איינער אויפן אַנדערן מיט אַ ווילדער בייזקייט. מענטשן וואַרפן זיך, ווי אין קדחת. עס זעען זיך אויסגעקרימטע פיגורן, ליידנשאַפטלעך־פאַרריסענע פּנימער, צונויפגעצ־קרעמפּעוועטע הענט. טייל מאַכן אַ העלדישן אָנפאַל; טייל זייבען כיטרע און פחדנותדיק, בייסן הינטן־אַרום, שטעלן אונטער אַ פיסל.

גראָפּער האָט אַזאַ לאַמטערן מיט שטאַרקע ווייסע שטראַלן. שטעלט ער אים אָן אויפן געדרענג און כאַפּט עפּעס אַרויס: דאָ אַ פּנים, דאָרט אַ פּאָזע, דאָרט אַ געמיש פון קערפּערס. כאַפּט ער עס אַרויס — און עס ווערט ווי פאַרגליווערט אין העלן ליכט. קומט עס אויס ניי, אומגעריכט. וואונדערן זיך מענטשן, וואָס זיי האָבן דאָס ביז אַהער נישט געוואוסט. לאַכן זיי מיט גראָפּערן צוזאַמען.

אין אָט־דער בייקייט איז אַ קוואַל פון גראָפּערס הומאָר.

אָן אַנדער קוואַל, אפשר נאָך אַ גרעסערער, איז גראָפּערס פיאיקייט צו זען דעם תוך פון זאַכן, צו זען אַלצדינג מיט אייגענע אויגן, אָן דער הילך פון פרעמדע ווערטער און פרעמדע געפילן. מ׳האָט געבראַכט אַ רבי׳ן אין שטוב אַריין, — דערציילט אַ יידישער וויץ, — מ׳האָט זיך געגרייט גאַנצע טעג; מ׳האָט דעם רבי׳ן געפירט אונטער די הענט; מ׳איז געשטאַנען אַרום אים, ווי אַרום אַ קעניג; מ׳האָט געזונגען חסידישע נגונים; מ׳האָט געפּלעסקעט. אַ קינד איז געזעסן אין ווינקל און אַלץ געקוקט און גע־גאַפט. מ׳האָט געגרייט דעם טיש; דער רבי האָט געוואַשן די הענט, גע־גלאָצט די אויגן, געמאַכט ברכה. נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דער „המוציא“. דאָס קינד האָט פּלוצלינג אויסגערופן אין דער שטילקייט פון דער הייליקער מינוט:

— טאַטע, ער עסט!

און שוין איז געוואָרן אויס הייליקייט. דאָס קינד האָט מיט זיין פרישן אויג דערזען דעם תמצית: אַז דער רבי איז פּונקט אַזאַ נפש, ווי אַלע, אַז ער איז אַ באַשעפעניש, וואָס עסט!

1) „פרייהייט“, 7טן יאַנואַר, 1926; 2) „מ. פ.“, 9טן פעברואַר, 1936.

גראָפּער האָט אַזאַ מין פריש אויג. ער טוט אַ קוק אויף דער וועלט אַזוי, ווי ער וואָלט זי דערזען צום ערשטן מאָל. פאַלן במילא אַראָפּ אַלע שלייערס, אַלע אָנגעזאַמלטע באַגריפן, אַלע דרך־ארץ'ן און אַלע „מען טאָר נישט". ווערט די זאַך נאַקעט. אפשר דערין איז דער סוד, וואָס ס'רוב נאַקעטע מענטשן זיינען קאָמיש: עס פעלן זיי די קליידער. גראָפּער האָט אַ טבע אַראָפּצונעמען די קליידער פון מענטשן און זאַכן.

אָבער דער גרעסטער קוואַל פון גראָפּערס הומאָר איז אין זיין פּיי־איקייט צו ווייזן דאָס, וואָס ער זעט. ס'איז נישט גענוג אַרויסצוכאַפּן אַ מאָמענט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ס'איז נישט גענוג צו דערזען אַ זאַך מיט אייגענע אויגן. מען דאַרף זי נאָך קענען ווייזן יענעם אַזוי, אַז ער זאָל אַליין זי דערזען און דערפילן. ס'איז נישט נאָר אַ פראַגע פון אַ לאַמטערן, וואָס וואַרפט שטראַלן: ס'איז אַ פראַגע פון אַ צויבער־לאַמטערן, וואָס ווייזט די זאַכן אין אַ פאַרענדערטער, קאָנצענטרירטער, בולטער, פאַרשטאַרקטער געשטאַלט. ס'איז אַ צויבער־לאַמטערן, וואָס פאַרבינדט דעם אינעווייניקסטן זין מיט דער אינעווייניקסטער געשטאַלט פון אַ זאַך. ס'איז אַ מין עקס־רעי־אַפּאַראַט, וואָס פאַר אים איז קיין באַהעלטעניש נישטאָ.

דערביי איז דאָך גראָפּער אַליין — אַ פּערזאָן, אַ אינדיווידועלער מענטש, וואָס האָט געשאַפן זיין אייגענע וועלט, וואָרים כאָטש גראָפּער איז, דאַכט זיך, אַזוי געבוירן צו דער אויסן־וועלט, כאָטש ער האָט נאָכאַנאַנד צו טאָן מיט קולידזשעס און זיגמאַנס, מיט גאַרילאַס און קאַהאַנס, מיט זאַכן, וואָס עקזיסטירן פאַר זיך אַליין, איז אָבער דאָס געשאַפענע — אַלעמאָל זיינס, זיין אייגנס.

אָט דערין ווייזט זיך גראָפּערס קונסט: וואָס ער האָט זיינע מענטשן, זיינע זאַכן, זיינע באַוועגונגען, זיינע אויסדריקן, פּונקט ווי דאָס האָט טשאַרלי טשאַפּלין, פּונקט ווי דאָס האָט גאָגאָל. ווען איר וואַנדערט איבער דעם אַלבאָם פון גראָפּערס קאַריקאַטורן, דערזעט איר צווישן איין טאָוול און דעם צווייטן אַ געשאַפענע וועלט, נישט אַ פאָטאָגראַפיע, נישט אָפּגע־שפיגלטע זאַכן, נישט אפילו זאַכן אין אַ קרומען שפיגל, נאָר איבערגעשאַ־פענע זאַכן, אַן איבערגעבויטע און איינציק־אַרטיקע, גראָפּערשע וועלט, וואָס שטייט אין געוויסע באַציאונגען צו דער אויסן־וועלט, וואָס נעמט פון איר מאַטעריאַל, וואָס האָט אויף איר אַ ווירקונג (קיינער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף גרעסערע מאַסן, ווי טשאַפּלין), וואָס בלייבט אָבער כסדר אַזוי און נישט אַנדערש.

דערצו איז גראָפּער אַ גראַפיקער פונעם ערשטן סאָרט. דער שרייבער

פון אָט־די שורות נעמט זיך נישט אונטער צו דיסקוטירן די טעכנישע זייט פון די צייכענונגען, ווייל דאָס איז נישט זיין פאַך. מען קען אָבער נישט באַרבייגיין דעם פאַקט, אַז גראָפּער איז אַ מייסטער פון מאָדערנער גראַפיק

פאַראַן ביי אים קאַריקאַטורן, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון ערנסטע בילדער — צוליב זייער קאָמפּאָזיציע, צוליב דעם באַלאַנס פון ליניען און מאָסן, צוליב דעם אָריגינעלן אויפבוי פון ליכט און שאָטן. דאָס בילד „פּרעזידענט גרין" איז אַ גאַליקער חוזק אויפן פּרעזידענט פון דער „אמעריקען פּעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", אויף זיין רעספּעקטאַביליטעט, זיין טעמפּקייט, זיין פּאָמפּע, זיין אָנשטרענגונג צו זיין וויכטיק. דערביי איז דאָס בילד אַ גוטע צייכענונג: שפּאָרעוודיק אין ליניען, שטרענג אין אויפבוי, שטאַרק אין קאָנטראַסטן צווישן דעם אויבערקערפּער און דעם שטענדער, גוט באַלאַנסירט, ווי אַ פּראָיעקט פון אַ שטיינערנעם דענקמאָל. דאָס בילד „מיינער" איז אויף אַ באַקאַנטער טעמע: דער קוילן־גרעבער האַלט אין דער האַנט אַ שווערד מיט דער אויפשריפט „סאָלידאַריטעט"; ער שלאָגט מיט דער שווערד איבער אויסגעשטעלטע שפּיצן פון שפּיזן אָדער קינזשאַלן, וואָס טראָגן די אויפשריפט „אַרבעטער פאַררעטער", „שפּיאָנען", „סקעבעריי", „קוילן־באַראָנען", „גענגסטעריזם". דאָס בילד איז אויפגעבויט אַזוי, אַז ס׳גיט דעם איינדרוק פון בליצן: די ווינקלדיקייט פון דעם מיינערס פיגור, די פּאָזע, די שטריכן, וואָס באַצייכענען דעם באָדן, די שפּיזן — אַלץ איז אויסגעהאַלטן אין אַ זיג־זאַג־קאָמפּאָזיציע, וואו יעדע ליניע איז אומבאַדינגט נויטיק. אין דעם פּרט זיינען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש די מאַסן־סצענעס: דאַכט זיך, אַ כאַאָס פון פּנימער, קעפּ, הענט, נעז. דאַכט זיך: גלאַט אַזוי אָנגעוואָרפן, ווי עס מאַכט זיך. אָבער האָט נישט קיין טעות: אַ זייער פּאָרזיכטיקע און זיכערע האַנט האָט דאָס אַלץ אָרגאַניזירט, צעשטעלט די קעפּ אויף זייערע פּאָזיציעס, איבערגעמישט מיט ליניען, וואָס באַצייכענען הענט, פאַרשפּרענקלט מיט פּינטעלעך, וואָס גיבן צו קאָליר, אונטערגעשטראָכן דאָ און דאָרט דאָס גאַנצע דורך אַ שוואַרצן פלעק, איינגעראַמט דאָס אַלץ אין זייטיקע ליניען און פאַרענדיקט אין הינטערגרונט מיט אַ מאַסע שטריכן, וואָס מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פלאַם (אומעטום, וואו גראָפּער מאָלט אַ מאַסע, פילט זיך אין הינטערגרונט אַ פלאַם). דאָס בילד איז פול מיט קאָמיזם, אָבער דערביי איז דאָס אַ קינסטלעריש־פאַראייניקטע זאַך. הינטער דעם פלאַם, דעם אומרו, דעם צאָרן, דעם געלעכטער, דער וואויל־יונגערישקייט — איז אַלעמאָל דאָ אַ קינסטלערישער חשבון.

גראַפּער צייכנט לייכט. עס דאַכט זיך: אים קאָסט די אַרבעט גאָר־נישט קיין מי. „עס מאָלט זיך" ביי אים מיט אַ פריילעך געמיט. אָבער קיין זאַך איז ביי אים נישט צופעליק. ער האָט אַלעמאָל אַ פּלאַן, און אַלצ־דינג דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין אַלגעמיינעם פּלאַן.

גראַפּערס שפּאַרעוודיקייט ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס ער צייכנט נאָר אַזוי פיל און נישט מער. ער גיט אַ מינימום. ער לאָזט איבער דעם רעשט פאַרן צושויער: זאָל ער אויך עפּעס האָבן צו טאָן. דאָס איז, אגב, איינע פון די הומאָר־מעטאָדן אין גראַפּערס ווערק: ער גיט נאָר אַן אָנ־צוהערעניש אויף די זייטיקע זאַכן און קאָנצענטרירט זיך אויפן עיקר. טאָמער דאַרף ער דריי כאַראַקטעריסטישע מענטשן („סקעב, פּאָליטישן און גענגסטער") מערקט ער קוים אָן זייערע קערפּערס, צייכנט דריי כאַראַקטע־ריסטישע פּנימער און אונטערשטרייכט די הענט: יעדע האַנט האָט איר איי־גענעם כאַראַקטער, איר אייגענע פיזיאָנאָמיע, יעדע איז אַנדערש געצייכנט און אַלע דריי זאָגן: גנב.

דאָ גייען מיר צו אפשר צו דער וויכטיקסטער פון גראַפּערס אייגנ־שאַפטן: אויסדרוק. יעדע צייכענונג, יעדע פיגור, יעדער זשעסט איז ביי אים פול מיט אויסדרוק. די פיגורן און זאַכן זיינען ביי אים ערדישע, מערסטנס שווערע, מערסטנס מאַסיווע, וואָס דאָס מינערט נישט זייער באַ־וועגלעכקייט און לייכטקייט. גראַפּער איז אַ בויער. ער איז כמעט אַן אַרכיטעקטאָר. ער איז דער היפוך פון אַן אימפּרעסיאָניסט. ער שטייט און שטעלט זיינע זאַכן אויף אַ זיכערן באָדן. ער האָט קראַפט, אָנשטרענ־גונג, באַוועגונג, שוואונג. ער איז אַלעמאָל פריש. ער האָט אַקאָרשט אַראָפּ־געשיילט אַ הויט פון עפּעס — און איר זעט דאָס אָפּגעשיילטע: אַזוי איז די מערהייט פון זיינע קאַריקאַטורן. ער וויל נישט זיין חנ'עווריק און ליבלעך און זיס, אָבער ס'איז דאָ גראַציע אין זיינע צייכענונגען און אַ שיינקייט אין זיינע צאַרינדיקסטע פּינזעל־געלעכטערס. דער סך־הכל פון אַלצדינג איז: אויסדרוק. גראַפּערס צייכענונגען וואַרפן זיך אויף אייך, באַצווינגען אייך, באַהערשן אייער אויג און אייער נשמה.

מיר האָבן גערעדט פון גראַפּערס הומאָר. מען קען נישט זיין גערעכט צו אַט־דעם עכט־גראַפּערישן סיידן אין אַ לאַנגער און גרינטלעכער אָפּ־האַנדלונג. מיר ווילן דאָ נאָר דערמאָנען איינס: גראַפּערס צייכענונגען זיינען קאָמיר אין זיך גופא. איר דאַרפט נישט קיין אונטערשריפטן צו דערקענען זייער קאָמיזם. ס'רוב קאַריקאַטוריסטן פאַרלאָזן זיך אויף דער אונטערשריפט: מען שטעלט אַוועק אַ פיגור אָדער צוויי — און מען דער־קלערט מיט ווערטער, וואָס דאָס מיינט. גראַפּער דאַרף נישט קיין ווערטער.

אַט־די דריי פאַרשוינען, וואָס שטייען אין אַ קנעכטישער פּאָזע איבער איי־נעם אַ פעטן, וואָס זיצט ביי אַ טיש מיט גאָפּל־מעסער, דער חניפה־שמייכל אויף אַלע דריי צורות, די געבויגענע פיגורן, די פרומע, בוימלדיקע אויגן פון די זייער העסלעכע פאַרשוינען — דאָס אַלץ רעדט פאַר זיך אַליין. פּירושים זיינען דורכגעטריבענע יונגען. אויב ס׳איז אמת, אַז יעדער קינסט־לער מאָלט זיך אַליין אין אַ גרויסער מאָס, האָבן מיר דאָ אפשר אַ שליסל צו גראָפּערן: אַט־דער שטילער, צוריקגעצויגענער יונגער מענטש מיט די זייער איינגעהאַלטענע מאַנערן און פאַרזיכטיקער שפּראַך איז אַ דורכ־געטריבענער יונג. ער זעט אַלצדינג און נאָטירט אַלצדינג און, ווען ס׳וועט נויטיק זיין, וועט ער אייך אַוועקשטעלן אויפן פּאַפּיר אַזוי, אַז ס׳וועט אייך אַליין אָנכאַפּן אַ געלעכטער.

מיטן גאַנצן הומאָר פון גראָפּערס שאַפן איז דאָך ביי אים פאַראַן מער ליבשאַפט, ווי האַס, מער פריינטשאַפט, ווי גאַל, מער בענקשאַפט נאָך האַרמאָניע, ווי צעשטערונג. אפשר זיינען ס׳רוב קאַריקאַטורן ביי אים אַ פּראָטעסט קעגן דעם מאַנגל פון שיינקייט, קעגן מענטשלעכער ווערדע, וואָס וואַלגערט זיך אין שטויב.

אַמאָל ווערט גראָפּער טראַגיש. דעמאָלט דערמאָנט ער אָן דעם העלד פון הוגאָס „דער מענטש, וואָס לאַכט.“ ער באַצווינגט זיין גע־לעכטער. ער דערהויבט זיך איבער דעם קאָמישן. די אייגענע האַנט, וואָס האָט געמאַכט אַזויפיל גראָטעסקערייען, גיט אייך אַ בילד פון שרעק. דער גאָט פון קריג, וואָס וואַנדערט איבער דער וועלט, דערוועקט פּחד. די פייער־פּאַסטקע מיט די פלאַמען און רויכן אויבן און די שרייענדיקע פיגור אין פענצטער, איז שוידערלעך. אָבער אפילו אין אַט־דעם שוידער האָט דער קינסטלער אַריינגעשטעלט אַ קאָמישע זאַך: די פיגור פונעם קינד. דאָס מאַכט לייכטער די שרעק. דאָס ווייזט אָבער אויף דעם אורשפּרונג־לעכן קאָמיזם פונעם קינסטלער.

אַמאָל איז גראָפּער טרויעריק: נישט אָפט, אָבער דאָס טרעפט. דע־מאָלט איז ער לירּיש. דעמאָלט איז ער ווייך־מענטשלעך — און שעמט זיך נישט דערמיט. עס טרעפט, אַז ער ווערט ליריש נישט נאָר צוליב מענטש־לעכער נויט, אָרימקייט, עלנט (ווי, אַשטייגער, דאָס בילד פונעם אָרימען פאַרמער אין דער וועסט), נאָר אויך צוליב דער ירידה פון אַ מענטשן. אַזוי איז קאַהאַן ביים כותל־המערבי: אין דעם בילד פונעם אַלטן גע־בראָכענעם יידן מיטן „בינטל־בריוו“ אונטער אָרעם און דעם פּאַקל פון סאָציאַליזם אויף דער ערד, מיט דעם טלית אויפן געבויגענעם רוקן און די אַרבעטער־אינטערעסן צעטראָטן און אין שטויב, אין דעם אַלעם איז

דאָ אַזוי פיל געפּאַלנקייט, אַזוי פיל אָפּגעלאָזנקייט, אַזאַ מוראַדיקע מענטש־לעכע פאַראַרעמטקייט, אַז ס'האָט ביי גראָפּערן דערוועקט אַ רחמנות. איר לאַכט נישט. איר זייט כמעט גרייט צו סימפּאַטיזירן מיט אָט־דעם אומ־גליקלעכן מענטשן, — וואָרום קען דען זיין אַ גרעסערער אומגליק, ווי פאַרראַטן די אייגענע אידעאַלן?

דאָ זיינען מיר צוגעגאַנגען צו נאָך אַ גרויסן מאָמענט אין גראָפּערס שאַפן: זיין מענטשלעכקייט, זיין וואַרעמקייט, זיין פרישקייט פון געפיל, זיין אינטערעס אין אַלצדינג, וואָס לעבט און רירט זיך, דערהויבט זיין אינטערעס צו סאָציאַלע פּראָגן.

גראָפּער איז איינער פון די בעסטע סאָציאַלע צייכענער אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. גראָפּער העלפט מאַכן סאָציאַלע געשיכטע מיט זיין פען און פּינזל. גראָפּער איז אַ טייל פונעם קלאַסן־קאַמף פונעם אַמערי־קאַנישן פּראָלעטאַריאַט. און די אַרבעטער האָבן ליב גראָפּערן, און אַז מען דערמאָנט אים, זאָגט מען: „גראָפּער, אַ געזונט אויף אים!"

2.

מיר קענען גראָפּערן דעם קאַרטוניסט. מיר באַוואונדערן די קראַפט און בויגעוודיקייט און אַלזייטיקייט פון זיין שטריך, די אומדערבאַרעמ־דיקע שאַרפקייט פון זיין סאַטירע. מיר קענען גראָפּערן דעם שוואַרץ־אויף־ווייס־צייכענער, וועמעס בילדער פונעם אַרבעטער־לעבן זיינען אַזוי עכט און פריש און ערלעך און דערביי אַזוי פול מיט קינסטלערישן איינפּאַל. מיר האָבן אויך געוואוסט וועגן גראָפּערן דעם קינסטלער פון וואַנט־מאָ־לערייען (מיוראַלס). אָבער מיט אויל־בילדער אויף לייוונט באַווייזט ער זיך צום ערשטן מאָל אין זיין גאַנצער גרויס.

די אויסשטעלונג פאַרכאַפּט און דערפרייט און אַנטציקט. זי קען דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך קינסטלער אויפן רעוואָלוציאָנערן פראָנט.

עס וואַנדערט נאָך אַרום אין דער קונסט־וועלט אַ געדאַנק, אַז אויב אַ קינסטלער דאַרף זיך שוין יאָ פאַרנעמען מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז די בעסטע אויסדרוקס־פאָרמע — דער קאַרטון. עס ווערט פאַררעכנט, אַז די אויל־מאָלעריי אַלס הויכע קונסט איז נישט צו פאַראייניקן מיט רע־וואָלוציאָנערע אידייען. גראָפּערס אויסשטעלונג איז קינסטלעריש אויף אַזאַ הויך, צו וועלכער עס דערגרייכן נאָר די גאָר גרויסע מאָלער. אין דער זעלביקער צייט איז דאָס אָן אויסשטעלונג פון אַ קינסטלער־רעוואָלוציאָ־נער, וועלכער שטייט מיטביידע פיס אויפן קלאַסן־פראָנט פונעם אַר־בעטס־פאָלק.

גראָפּערס בילדער זיינען פאַרביק. דערמיט ווילן מיר זאָגן, אַז די

קוואַליטעט פון פאַרב לעבט אין זיינע בילדער אַ באַזונדער, אייגנאַרטיק, אייגנטימלעך לעבן. גראָפּער ווייסט די פרייד פון פאַרבן. ווען ער מאָלט אַ בילד, האָט ער נישט נאָר אינזינען, וואָס ער וויל זאָגן, נאָר אויך דעם אופן און דעם מאַטעריאַל, וועלכן ער באַנוצט. דער מאַטעריאַל איז — פאַרב. אַ סך בילדער שיינען אַרויס אויף דער אויסשטעלונג אַ דאַנק טאַקע אָט־דער פאַרב־קוואַליטעט. די „פעלד־אַרבעטער" מיט די רייכע ברוין־פאַרבן פון אַלערליי שאַטירונגען, די „פּרוכט־רייסער" מיט דעם מערקווירדיקן גרין און רויט, דער „ברענענדיקער ווייץ" מיט דעם ברוין און רויט, די „גערעטעוועטע" מיט די שווערע, טונקעלע, כמעט שוואַרצע פאַרבן, דער „טיפּליס" מיט דער גאַנצער זינגענדיקער האַרמאָניע פון קאָלירן — דאָס אַלעס ווייזט גראָפּערן ווי איינעם פון די בעסטע פאַרב־מייסטערס.

און וואָס פאַר אַ רוים! וואָס פאַר אַ רחבות! אין אַלע גראָפּערס בילדער פילט איר, קען מען זאָגן, די אומענדלעכקייט פון רוים. ביי אים זיינען די בילדער נישט איינגעקרעמפּעוועט אין אַ שטיקל לייוונט. דער לייוונט עפנט ביי אים האָריזאָנטן אין ווייטער ווייט. גענוג אַ קוק צו טאָן אויף זיין „לאַנדשאַפט" אָדער אויף „אַ פאַרם צו פאַרקויפן". אָבער דאָס זעלביקע פילט זיך אומעטום, אפילו דאָרט וואו אויף דעם בילד איז דאָ נאָר איין מענטש. עס איז די קאָמפּאָזיציע פון גראָפּערס בילדער, וואָס גיט אָט־דעם רחבות־איינדרוק. גראָפּערן איז גראָם אויף דער וועלט. ער וויל, אַז אויך אייך זאָל ווערן גראָם.

און וואָס פאַר אַ קראַפט! דאָ דערשיינט פאַר אייך נישט קיין מאָלער, נאָר אַ סקולפּטור. ער דערגרייכט אָבער זיינע סקולפּטורישע עפעקטן מיט דער הילף פון פאַרב. יעדע געשטאַלט איז ביי אים מאָנומענטאַל. אין יעדער געשטאַלט איז אַריינגעלייגט אַ גבורה. דאָס זיינען נישט קיין בלאַסע שטאַנס. דאָס איז געהאַקט פון שטיין, געמאָדעלירט פון גוס־אייזן. אָפּט פילט זיך אין זיינע פיגורן דער גוס־אייזן אפילו דאָרט, וואו ער מאָלט דעם קלאַסן־שונא, ווי „דער סענאַט", אָדער „דער ריכטער".

און אין דער זעלביקער צייט — סאָראַ פאַרשיידנאַרטיקייט, סאָראַ שפּיל פון פאַנטאַזיע, סאָראַ קינסטלערישער פאַרגעניגן און צאַצקען זיך מיט קאָלירן, סאָראַ אויסטערלישקייט פון געשטאַלטונגען — און סאָראַ ריטם! דער ריטם איז געגעבן אין אַלע גראָפּערס ווערק. נישט דווקא אין אַזוינע בילדער, וואו עס איז דאָ אויבנאויפיקע באַוועגונג, ווי אַשטייגער אין די „גערעטעוועטע" אָדער אין דעם „סטרייק" אָדער „זעלבסט־מאָרד", נאָר אויך אין בילדער וועלכע דאַכטן זיך פון ערשטן בליק אומ־

באַוועגלעך, איז דאָ אַ באַצווינגענדיקער ריטם. דאָס איז ריכטיק, אַשטייגער, בנוגע גראָפּערס לאַנדשאַפטן.

אין דער אויסשטעלונג זיינען פאַראַן אַן ערך דריי־צענדליק מאַלערייען — און די רייכקייט פון טעמעס און די קינסטלערישע דערפינדערישקייט איז פשוט אומדערשעפּלעך. אָט זיינען בילדער, וועמעס טעמע איז די זעלביקע ווי אין גראָפּערס קאַרטונס. אין דעם „סטרייק״ האָבן מיר אַרבעטער־פּיקעטס און פּאָליציי אויף פערד. עס איז דאָ אַ צוזאַמענשטויס — רעוואָלוציאָנערע אַנטשלאָסנקייט פון איין זייט, אַ ברוטאַלע ווילדקייט פון דער אַנדערער. אָבער דאָס איז ווייט נישט קיין קאַרטון. דאָס איז אַ בילד פון גרויסער פיינקייט, פון הויכער קינסטלערישקייט, דאָס ווערק פון אַ פרוכטבאַרער פאַנטאַזיע. דאָס גאַנצע בילד איז — מאָדנע ווי דאָס קען אויסזען ביי אַזאַ אינהאַלט — אַ סימפאָניע פון פאַרבן. די פּנימער פון די פּאָליסלייט מיט די ביקסן זיינען ווילד, העסלעך. אָבער די קעפּ פון די פערד, אויסגעצויגענע, דערהויבענע אַרויפצו, אויסדרוקספולע, באַריידעוודיקע, זיינען געמאָלן מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז דער קאָנטראַסט צווישן זיי און די רייטער פאַרגעסט זיך נישט.

דער „קלעניק״ — אַ בילד פון אַ רייטער אין ווייסן אויף אַ טונקעלן פערד, ווי ער טראָגט זיך דורך נאַכט און שאָטן, איז כמעט פאַנטאַסטיש. ס'איז אָבער אַ שטיק פון אונדזערווירקלעכקייט. דאָס איז נישט קיין געשפּענסט. דאָס איז די שרעק־געשטאַלט, וועלכע אונדזערע חברים אין דער סאַוט קענען אַזוי גוט. איינעם פון די גאָר שטאַרקע איינדרוקן מאַכט „זופּ״: פיר לעבעדיקע מענטשן, פיר קעפּ איינער איבערן אַנדערן. די מיילער זיינען געעפנט. פאַר יעדן מויל אַ שיסל זופּ. לעפל טראָגן דעם זופּ צום מויל. גראָפּערס איסדריקלעכקייט דערגרייכט דאָ אַ ביז גאָר הויכע מדרגה. די פיר מענטשן — אַרבעטסלאָזע אין אַ פלאָפּ־הויז — זיינען קינסטלעריש אַ פּראַכטפולע קאָמפּאָזיציע. סאָציאַל זיינען זיי אַן אַנטשלאָסענער אורטייל איבער אַ גאַנצער סיסטעם.

גראָפּער דער אָפּלאַכער, גראָפּער דער סאַטיריקער האָט נישט געקענט אויספעלן אין אַזאַ אויסשטעלונג. ער מאָלט נישט נאָר דאָס טראַגישע, ווי אַשטייגער דער „זעלבסטמאָרד״ — וואו איך דאַכט זיך, אַז נישט איין מענטש פליט דאָ פון דער סקאַלע אַרונטער אין אַן אומענדלעכן ים, נאָר אַז אָט־דער מענטש איז אַ וויי־געשריי פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פון זיינע ברידער זעלבסטמערדער — נאָר ער לאַכט אַמאָל אויך מיט אַ העלן פריילעכן געלעכטער. מיט אַ קוק אויפן „סענאַט״ — אָך און וויי. מיר זעען נאָר דריי געזעצגעבער, אָבער דאָס איז גענוג. איין געזעצ־

געבער ליגט מיט די פיס אויפן טיש און מיטן קאָפּ אין אַ ווייכן שטול און פרעגט אים בחרם וואָס דאָ טוט זיך. אַ צווייטער, אַביסל ווייטער, איז פאַרטיפט אין אַ צייטונג. פאָרנט שטייט דער רעדנער מיט אויפגעהויבענע הענט און מאַכט קענטיק אַ פּאַטעטישע רעדע. ס'איז אַ חוזק? אוודאי. אָבער דאָס בילד האָט אַלע אייגנשאַפטן, וואָס אַ מייסטער־ווערק דאַרף האָבן: רוים, ריטם, פאַרב, קאָמפּאָזיציע, סקולפּטורישקייט, שוואונג.

ווען עס קומט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז פאַראַן ביי גראָפּערן אַ באַזונדערע צערטלעכקייט, ליבלעכקייט, כמעט סענטימענטאַלע ווייכקייט. צום ביישפּיל: „אַ קליין מיידעלע — פּ. ס. ס. ר.״ און „טיפּליס״.

. . . עס ווילט זיך נישט אָפּרייסן פון דער אויסשטעלונג. וואָס מער מען קוקט אויף די בילדער, אַלץ מער ווערט מען צוגעצויגן. מען ווייסט, אַז דאָס איז אַן ערנסטער גרויסער קינסטלער. מען ווייסט, אַז ער איז פול מיט ליידנשאַפטן, מיט האַס, מיט צאָרן, מיט ברענענדיקער ליבשאַפט, מיט אָנגעזאָפּטענעם פּראָטעסט. דאָס וואָס ער זאָגט, איז גוואַלטיק וויכטיק, גוואַלטיק נויטיק, גוואַלטיק ערנסט. אָבער אָפּט קען אָט־דער קינסטלער זיך שפּילן: צאַרט, חנעוודיק, זאַנפט, כמעט קינדיש. באַטראַכט די בלימלעך און זיין „שטיל־לעבן״.

אין דער אויסשטעלונג איז פאַראַן אויך אַ צאָל שוואַרץ־אויף־ווייס־צייכענונגען פון גראָפּערן.

אַ ליטעראַטור גייט — אַ ליטעראַטור קומט

.1

— ווער איז אַ שרייבער?

— אַ גאָט־געשיקטער נביא.

— וועגן וואָס איז זיין נבואה?

— וועגן שיינע, גרויסע און געהויבענע זאַכן.

— ווער ווייזט אים דאָס שיינע און גרויסע?

— זיין אייגענער גייסט.

— פון וואַנען שעפּט דאָס זיין גייסט?

— פון די אייביקע און אומפאַרגענגלעכע אידייען.

— ווער האָט די אידייען געשאַפן?

— זיי זיינען אַ טייל פון דער אייביקייט, וואָס זי איז די גאָטהייט, וואָס זי איז דער זין, דער סוף און דער אָנהייב. זי לעבט אין דער נשמה פונעם דיכטער.

— איז דער שרייבער פריי?

— אַוודאי איז ער פריי; ער איז דאָך אַ גאָט־געשיקטער נביא.

— איז ער דען נישט מחויב צו פאָלגן דעם באַפעל פון זיין גאָט?

— זיין גאָט איז אין אים: דאָס איז זיין פרייער גייסט.

— אָבער פון וואַנען נעמט זיך דער גייסט?

— פון די אייביקע און אומדערשעפּלעכע קוואַלן.

— וואָס זיינען דאָס פאַר אַ קוואַלן?

— דאָס ווייסט נישט קיינער. דאָס איז דער סוד פון יצירה. וועגן דעם טראַכט און אָט־דאָס זוכן די גרויסע שעפערישע גייסטער. דעם שרייבערס אַרבעט גופא איז אַ רייסן זיך צום קוואַל פון יצירה.

— הייסט עס, אַז דער שרייבער ווייסט אַליין נישט, וועגן וואָס ער שרייבט?

---

1) „פרייהייט“, 25טן יוני, און 2) „פרייהייט“, 2טן יולי, 1928 — אַן אַריינפיר צו אַ סעריע אָפּהאַנדלונגען פון די דעמאָלט־דערשינענע ערשטע ווערק פון אַ ריי סאָוועטישע רוסישע שרייבער („שפריצלעך, באַמערקונגען וועגן דער נייער רוסישע ליטעראַטור“).

— פאַרקערט. ער זעט אַלצדינג מיט דער קלאָרער אינעווייניקסטער זעאונג.

— און די אויסן־וועלט?

— איז נאָר מאַטעריאַל פאַר דער פאַרקערפּערונג פון אייביקע אידייען.

—מאַכט נישט אויס, וואָס פאַר אַן אויסן־וועלט?

— דאָס איז דאָך אַלץ ליים, וואָס באַקומט ערשט לעבן אונטער די שעפּערישע הענט פון דעם דיכטער.

***

צום איבלען האָבן מיר אָט־די דרשות געהערט פונעם ליטעראַטן־צעך איבער דער לענג און ברייט פון דער וועלט. איר קענט זיי נאָך הערן היינט אויך. זייט זיך מטריח, גייט אַריבער אין קאַפע „ראָיאַל". זיצט זיך אַזאַ איינער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ דין ביכעלע דריט־קלאַסיקע לידער און רעדט וועגן „אייביקייט" און „גייסט".

אָבער דאָרט, אין צאַרנלאַנד, זיינען דאָך געווען ניט נאָר דריט־קלאַסיקע, נאָר טאַקע פּרימע שבפּרימע קינסטלער, שטערן פון דער ערשטער גרויס. און געשיינט האָבן אָט־די שטערן מיט גרינער, רויטער און געל־גאָלדענער שיין, וואָרום דאָס זיינען גאָרנישט געווען קיין שטערן, נאָר זונען, גאַנצע פּלאַנעטן.

אַשטייגער: קופּרין. סאַראַ מחיהדיקער שרייבער. אַ דעמאָקראַט דערצו. דווקא נישט געשריבן פונעם יחוס, נאָר פון פּשוטע מענטשן. אונזער איינער. „מאָלאָך" — פאַבריק־אַרבעטער, מיט אַן אויפוואַך צו רעוואָלט־אידייען; „גרוב" — פּראָסטיטוטקעס, פּרוכט פון אַ קאַפּיטאַליס־טיש־רויבערישער געזעלשאַפט. „ליסטריגאָנעס" — פישער־לייט ביים שוואַרצן ים, טיפן איינס און איינס. „גאַמברינוס" — ווייִן־קעלער־פאַר־שוינען, אַזוינע עמכ'דיקע, אַזוינע צעדרייטע, פאַרפּלאָנטערטע אין לעבן, אַרונטערגעפאַלענע פונעם וואָגן פון לעבן. און אַזאַ קלוגער שרייבער, קופּרין, אַזאַ פאַרשטייער, אַזאַ באַמערקער, אַזוי וויסן ס'גאַנצע לעבן, אַזוי קאָנען אויסגראָבן מאַטעריאַל, וואו מען טוט זיך אַ קער. און אַ שפּראַך — אַ רירעוודיקע, אַ קאָלירנדיקע, אַן עכטע, עכט־רוסישע. און אַז ס'קומט צו קינדער — איז קינדער־מעשיות. און אַז הינט — איז ווידער גוט. באַ־שאַפן זיך טיפן פון הינט — כאָטש מאָל זיי אויף לייוונט.

איז געווען: אַנדרעיעוו. ווייניקער זאַפטיק, ווי קופּרין . . . ווייניקער פאָלקס־מענטש. אָבער מער בויער, מער טראַכטער, מער סטיליסט. אַרומ־

געגאַנגען שטענדיק אין אַ געקראַכמאַלעט העמד פון הילכיקער ריטמיש־קייט; געהאַט כוונות צו שרעקן; געשטעלט רעטענישן, וואָס ער האָט אַליין נישט געקענט לייזן. געזוכט סודות דאָרט, וואו ס׳איז געווען אָפן; געזען מענטשן אַבסטראַקטע, פאַרקערפּערונגען פון איין אידייע. גע־שאַפן אָפּט סצענע־עפעקטן אַנשטאָט לעבעדיקן אמת. אָבער געהאַט אַ פּאַרנעם. געהאַט אַ כוח. געצוואונגען הילצערנע פיגורן לעבן. געמאַכט אפילו פון „אַנאַטעמאַ" אַ זאַך וואָס פאַרקוועטשט דעם גאַרגל. אָנגעשריבן די „זיבן געהאַנגענע". אָנגעשריבן „סאַוואַ". אָנגעשריבן אַ פּאָר צענדליק שפּילן. באַפעלקערט אַ לאַנד מיט זיינע געשטאַלטן, פיגורן, כאַראַקטערן, סצענעס, וויזיעס, דערפינדונגען, פראַגן. ס׳טייטש עפּעס: אַנדרעיעוו.

איז געווען: בונין. ווייס ווי אָקאַרשט געפּורעמטער שניי. קלאָר, ווי אַ דורכזיכטיק שטיקל אייז. רואיק, ווי אַ חולה, וואָס האָט זיך שוין מיאש געווען פונעם לעבן. איידל, ווי דער שמייכל פון אַ בין־השמשות־זון פאַר פרילינג. אָבער אינטערעסאַנט, פיליגראַניש, קונציק — און פיל־פאַרשיידנדיק אויף זיין אייגענעם אופן. און אמת — אַן אמתער גע־בענטשטער קינסטלער. איז ער אַרומגעפאָרן און אונדז אַרומגעפירט אי־בער אַלטע פאַרוואַרלאָזטע פּריצישע מאַיאָנטקעס; האָט ער באַזונגען די זון, וואָס ווערט פאַרבלאָנדזשעט אין שפּין־געוועב פון אַלטע הויפן; האָט ער דערשפּירט און „פּאַראייביקט" דעם זיפץ פון אַ פּריץ, וואָס וועט שוין נישט האָבן קיין פּריצישן יורש אויף זיין ערד. האָט ער דערציילט וועגן אונטערגאַנג פון אַ גאַנצן קלאַס, וועמעס עקאָנאָמישע ירידה האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט צענדליקער יאָרן פריער פאַרן אַראָפּטרייבן די פּריצים פון דער ערד אינעם ברויזיק־וואונדערלעכן יאָר 1917.

איז געווען: מערעזשקאָווסקי, אַ כהן־גדול אין היכל פון ליטעראַטור. אַ קולטור־מענטש מיט אַ סך וויסן. אַ טאַלאַנט קלענער ווי די גרויסע, אָבער געשטיצט אויף אַ סך אונטערזוכונגען און געזאַמלטע היסטאָרישע, עטנאָגראַפישע, קונסט־היסטאָרישע און לעגענדאַרע דאַטן. און ס׳איז אַוועק אַ סדרה. „דער טויט פון די געטער" — „די געטער שטייען אויף תחית המתים" — „פּעטער און אַלעקסעי" — „פּאַוועל דער ערשטער" — „אַלעק־סאַנדער דער ערשטער" און נאָך און נאָך. גרויסע פּאַקנדיקע ראָמאַנען פון פאַרשיידענע עפּאָכעס, מיט גאַלערייען מענטשן, מיט היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, מיט כאַראַקטערן, טיפּן, אידייען־פאַרבינדונגען. ווער האָט זיך דען געקאָנט באַגיין — נישט לייענען מערעזשקאָווסקין? היינט זיין „טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי", היינט זיינע אַנדערע קריטישע אַרטיק־לען . . . אַהאַ! אַ ריז! און כאָטש מיר האָבן באַקעמפט זיין געדאַנק, אַז

דאָס קומען פונעם סאָציאַליזם איז דאָס קומען פונעם האָס, — אָבער דאָך איז דאָס געווען מערעזשקאָווסקי.

און באַלמאָנט! דער אומדערשעפּלעכער זינגער, דער אייביקער שפּי־נער פון ליכטיקע לידער, דער שיינער, פּיל־טעניקער, פּיל־מעלאָדיענדי־קער זעער און מאָלער פון סימבאָלן; דער מענטש, וואָס האָט אַ גאַנצן דור געוועקט צו פילן נשמה־ציטערס, אַ גאַנצן דור פאַרהיפּנאָטיזירט מיט זיינע אָט לאַנגזאַמע, בעלאַדאָנאַ־שכורע, אָט שטיפערישע, זון־באַרוישטע מעלאָדיען.

זאָלן מיר זיי איבעררעכענען אַלע? עס איז דאָך געווען אַ גאַנצע ליטעראַטור — געוויס עטלעכע צענדליק גרויסע, אַחוץ טוצן און טוצן קלענערע, אַחוץ קריטיקער, ליטעראַטור־היסטאָריקער, עסייאיסטן, פּוש־קיניסטן, טאָלסטאָאיסטן, טעאָרעטיקער פון פּאָעזיע, טעאָרעטיקער פון דראַמע.

וועמען האָבן זיי געדינט? זיי האָבן געזאָגט: זיי דינען דעם אמת. וואָס איז געווען זייער אידעאַל? זיי האָבן געזאָגט: שיינקייט, מענטש־לעכקייט, פרייהייט. אַ סך האָבן טאַקע דאָס געגלויבט.

וועמען האָבן זיי אין אמתן געדינט? דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. וואָס איז אין אמתן געווען זייער אידעאַל? אַ בורזשואַזע קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק, אפילו אַ מאָנאַרכיע. אַ סך פון זיי האָבן ערלעך באַדויערט דעם גורל פון די אַרבעטער, דעם גורל פונעם פּויער. אַ סך האָבן געמאָלן די נישטיקייט, איבערגעזעטיקייט און פאַלשקייט פון דער בורזשואַזער גע־זעלשאַפט. אַ סך האָבן פאַראויסגעזען דאָס קומען פון נייע רעוואָלוציאָנערע שטורעמס (אַנדרעי ביעלי און אַנד.). אָבער געערדעט האָבן זיי דאָס אַלץ צו דער בורזשואַזיע; אינזינען האָבן זיי געהאַט מיט דער גאַנצער אַרבעט זייערער די בורזשואַזיע; זיך אַליין האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ טייל פון דער בורזשואַזיע (מען קאָן וועלן אויסבעסערן די בורזשואַזיע, מען קאָן זי שרעקן מיט רעוואָלוציעס, מען קאָן זי וועלן רעפאָרמירן, כדי זי מאַכן פאַר אַ לייט — און דאָך בלייבן אין די ראַמען פון דער איצטיקער אָר־דענונג; מען קאָן רחמנות האָבן אויף די „אָרימע ברידער" און זיי ווינטשן רעכט און פרייהייט — און דאָך בלייבן בורזשואַ. נאָך מער: די בור־זשואַזיע נויטיקט זיך אין אַזוינע „פיינע מענטשן", פונקט ווי זי נויטיקט זיך אין אירע קולידזשעס און פלעווען).

מיר, דעמאָלט, האָבן דאָס נישט אַלע געוואוסט. מיר זיינען געווען „פריצן" אין רעוואָלוציאָנערע ענינים. מיר האָבן געהאַלטן די ליטעראַטור פאַר אַ פאָלקס־ליטעראַטור, נישט פאַר אַ ליטעראַטור פון דער בור־

זשוואַזיע און די פּריצים. אייניקע פון אונדז וואָלטן זיך שטאַרק געאַמפּערט, ווען מען זאָגט זיי, אַז די דאָזיקע גאַנצע פיינע קאָמפּאַניע איז בלוט און פלייש פון די עקספּלואַטאַטאָרס. דער טויט אָבער באַווייזט דעם אמת.

ס׳איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אָפּגעשאַפט די הער־שאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים — און איינגעפירט די הערשאַפט פון אַרבעטער און פויערים. דאַכט זיך: פאַרוואָס נישט? האָבן דען די אַרבעטער קיין רעכט נישט צו עקספּראָפּריאירן זייערע עקספּלואַטאָרס? האָבן דען די פויערים קיין רעכט נישט אָפּצונעמען די ערד, וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס האָבן באַפּרוכפּערט מיט זייער בלוט? איז דאָס דען נישט דער אמתער אידעאַל פון דעמאָקראַטיע, מענטשלעכקייט, פרייהייט?

אָבער די רוסישע ליטעראַטור האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם אָקטאָבער. די רוסישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פונקציאָנירן פאַר די סאָוועטן. די רוסישע ליטעראַטור — אין דער פּערזאָן פון 99 פּראָצענט פון אירע טוער — האָט באַיקאָטירט די נייע אָרדענונג.

שרייבער זיינען זיך צעלאָפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. מ׳האָט זיך געשיצט אונטער די פליגל פון קאָלטשאַקן, דעניקינען, פּעט־ליורען. מען איז געלאָפן קיין אויסלאַנד. מ׳האָט געשריבן אין שוואַרצע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע זשורנאַלן. די אין דער היים־געבליבענע האָבן באַיקאָטירט די נייע מאַכט. מ׳האָט געקריצט מיט די ציין, געשאָלטן, גע־גנבעט וואו מעגלעך. מען האָט פאַרנומען „סאָוועטישע שטעלעס״ לפנים און אין האַרצן געבענקט נאָך די ענגלענדער און אַמעריקאַנער, וואָס זאָלן ראַטעווען פון דער מגפה. אַזוי צי אַזוי — האָט מען נישט געשריבן.

איז מיטאַמאָל איבערגעשניטן געוואָרן דאָס העלע געוועב פון דער „גרויסער רוסישער ליטעראַטור.״ איז געוואָרן אויס ליטעראַטור. איז אָנ־געקומען אַ פּאַוזע: בירגער־קריג, הונגער, נויט, קעלט, אומזיכערקייט מיטן לעבן. האָט זיך געדאַכט: ס׳איז עפּעס וויכטיקס געגאַנגען פאַר־לוירן. סטייטש: ליטעראַטור פון אַ גאַנצן לאַנד! האָט זיך געפרעגט: ווער דען קומען אַ נייע? און ווען ווער זי קומען?

איז אַוועקגעגאַנגען פינף יאָר נאָכן סוף פון בירגער־קריג, און ווי גראָז נאָך אַ רעגן איז אויפגעוואַקסן אַ גאַנצע, נייע, רייכע, ברייטע, אָרי־גינעל־אינטערעסאַנטע און גאַנץ אומגעריכטע רוסישע ליטעראַטור: די ליטעראַטור פון די רעוואָלוציאָנערע ציַיטן.

אַ ליטעראַטור איז אַוועק — צוזאַמען מיט די קלאַסן וועמען זי האָט געדינט. אַ ליטעראַטור קומט — צו דינען די נייע קלאַסן, וואָס פאַרנעמען דעם אויבן־אָן.

דער וואונדער איז געשען — איינער פון די גרעסטע. אָבער ווי יעדע היסטאָרישע פּאַסירונג (נישט אַ פאַנטאַזיע אין קאָפּ פון אַ טרוימער) איז דאָס פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, פּראָבלעמען, קאַמפן, איז אָפּט איבער־געמישט דאָס אַלטע מיטן נייעם, איז דאָס אַ פּראָצעס, וואו די כוחות האַלטן זיך אין איין קריסטאַליזירן. יעדנפאַלס איז איצט דער סאָוועטישער הימל פול מיט גרויסע און גרעסערע שטערן. עס טומלט און רודערט זיך אין דער נייער ליטעראַטור — און די ברייטע וועלט מוז שוין אויך דערקענען, אַז עפּעס איז געשען.

2.

פון 1918 ביז 1922 איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט געווען קיין שיינע ליטעראַטור.

ווי קען מען זיך באַגיין אָן ליטעראַטור? הלמאי, ווי קען מען זיך באַגיין אָן קעראָסין?

אין 1920 איז פונדעסטוועגן פּאָרט געווען מער קעראָסין, ווי ראָמאַנען. די קאַווקאַזער אויל־קוואַלן האָבן נאָך ווי נישט איז געאַרבעט, כל־זמן זיי האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די סאָוועטן. די ראָמאַניסטן און דערציילער זיינען אַרומגעגאַנגען שליגנ און שלאַנג און האָבן לחלוטין קיין חשק נישט געהאַט צו פּראָדוצירן. דער גרעסטער טייל איז זיך צעלאָפן — וואו די אויגן טראָגן. די פאַרבליבענע האָבן געקוקט אויף דער גאַנצער חתונה, ווי אויף אַ בייז־וואונדער.

אַי איז דאָס געווען אַ חתונה! אַי איז געווען אויף וועמען צו שיטן פעך און שוועבל! הערט אַ סך־הכל: די רעדאַקציעס האָט מען פאַר־נומען, די פּריוואַטע הייזער האָט מען פאַרנומען. די אַמאָליקע באַלע־באַטים האָט מען איבערגעלאָזט צו איין צימער. דעם באַוואוסטן ראָמאַ־ניסט האָט מען אַריינגעזעצט אַ רויט־אַרמייאישן סאָלדאַט אין קאַבינעט און צוויי קאָמיסאַרן מיט לעדערנע רעקלעך אין זאַל. אים אַליין האָט מען באַשטימט אַ „פּאַיאָק" — אַזוי פיל און אַזוי פיל ברויט, גרויפּן, הערינג אַ חודש, אויב ער וועט טאָן געזעלשאַפטלעך־נויטיקע אַרבעט. וואָס, אַשטייגער, איז דאָס געווען פאַר נויטיקע אַרבעט? ער האָט געקענט ווערן אַן אַנגעשטעלטער אין אַ סאָוועטישער ביוראָ, אַ לערער, אַ ביבליאָטעקער, אַ לעקטאָר אויף אַלערליי קורסן. אויב ער האָט אַ לייכטן סטיל, האָט ער געקענט ווערן אַ שרייבער פון פּאָפּולערע בראָשורן פאַר אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן. ער האָט אפילו געקענט ווערן אַ מיטאַרבעטער אין אַ צייטונג — אויב ער האָט זיך נאָר איינגעפּאַסט אין אירע אידייען. ער האָט געקענט ווערן אַ סטאַטיסטיקער, קלוב־טוער, דערציער.

און דער ליטעראַט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט אָדער קיין געלעגנהייט צו אַנטלויפן, האָט זיך גענומען „צופּאַסן" צום אומגליק.

ער האָט זיך פאַרשריבן אויף שטעלעס. ער האָט געלערנט מיט דער־וואַקסענע אַרבעטער אַלף־בית אין די ליק־פּונקטן.* ער האָט געהאָלפן רעדאַקטירן זשורנאַלן. ער האָט גענומען אַרויסוויזן געטריישאַפט. דער־פאַר האָט ער איינמאָל אין חודש געשלעפּט אויף אַ שליטעלע פון איין עק שטאָט ביז דער צווייטער אין גרעסטן פראָסט און אין ביטערע זאַווערוכעס דאָס ביסל עסן, וואָס די רעגירונג האָט אים געגעבן. די גראָבע גריקע האָט מען געקאָכט אויף דער „בורזשויקע" — אַ קליין בלעכן אויוועלע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער און געהאַט אַ טבע אָפּגעקילט צו ווערן די מינוט, וואָס די העלצלעך האָבן אויפגעהערט ברענען. מ׳האָט געמאַכט קאַשע, וואָס האָט געקריצט אונטער די ציין; מ׳האָט זי צוגעשמאַלצן מיט פלאַקס־אויל, וואָס מ׳האָט געקראָגן אין אַ מזלדיקער שעה. אונטער אַ בויט איז ריצן־אויל אויך געווען אַ סחורה. מ׳האָט געטראָגן וואַסער אין עמערס פון דעם הויף אויפן פינפטן און זעקסטן שטאָק — און מ׳האָט געמוזט אויספאָלגן די באַפעלן פונעם הויז־קאָמיטעט, וואו דער אַמאָליקער דוואָר־ניק איז איצט געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער.

מ׳האָט געלעבט אין מאַטערניש און מ׳האָט געקריצט מיט די ציין. ביינאַכט, צווישן אייגענע, האָט מען געשאָלטן די אוזורפּאַטאָרס. מ׳איז געווען זיכער, אַז דער גאַנצער אומגעלומפּערטער חוזק וועט זיך לאַנג נישט האַלטן. ווי קען ער זיך האַלטן? אַט־די כאַמולעס וועלן פירן אַ מלוכה? אַט־די קולטורלאָזע ברעכער וועלן ביישטיין קעגן די ציווי־ליזירטע איראָפּייער? אומזין!

ווי האָט זיך געקענט הויבן די האַנט עפּעס שרייבן אין אַזוינע חדשים און יאָרן? זעט איר: ווען מען וואָלט געגלויבט אין דעם, וואָס דאָ טוט זיך, ווען מ׳וואָלט געפילט און אָפּגעשאַצט די גרויסקייט פון דער היס־טאָרישער איבערקערעניש, וואָלט מען שוין געפונען כוח צו שאַפן. מען וואָלט געשריבן אפילו הונגעריקערהייט. אָבער די אַלע פיינע הערן און דאַמען האָבן נישט געהאַט קיין אויג פאַר דעם זין פון דעם, וואָס שפּילט זיך אָפּ איבער דער לענג און ברייט פון דעם ריזיקן לאַנד. די איידעלע און טאַלעראַנטע גייסטיקע פירער פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין די ערשטע פופצן יאָר פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן אין דער רע־וואָלוציע קיין זאַך נישט געזען, נאָר צעשטערונג, ווילדקייט, כאַאָס. ווען

* פּונקטן צו ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם.

מען לאָזט זיי, וואָלטן זיי אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ אין פינצטערע קללות, ווי דאָס טוען זייערע ברידער אין אויסלאַנד. איז אָבער דאָ אַ טשע־קאַ. איז דאָ אַן אייזערנע מאַכט. זידלען זיך קען מען נאָר בחדרי חדרים. אָבער אומגליקלעך קען מען זיך פילן אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל דאָס באַמערקן.

געווען אַ גאַנץ לאַנד אָנגעפילט מיט אומגליקלעכע ליטעראַטן.

עמיצער וועט פרעגן: היתכן? וואו איז געווען זייער אינטעלעקט? ווי האָבן זיי פאַרזען די געוואַלטיקע שיינקייט פון די רעוואָלוציאָנערע קאָנ־פליקטן? זיי זיינען דאָך עפּעס געווען אויפגעקלערטע מענטשן?

אָט וועגן דעם רעדט מען דאָך טאַקע. דער אינטעלעקט איז געווען נישט מער ווי אַ משרת ביי די קלאַסן־געפילן. דער אינטעלעקט האָט גע־טויגט צו אָריענטירן אַ מענטשן אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. עס איז געווען ווי אַ הינטל, וואָס מ׳האָט עס אויסגע־לערנט זיצן און שטיין אין אַ געוויסן הויז אויף געוויסע ערטער. ווי נאָר די אָרדנונג איז געפאַלן, ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן אַ נייע אָרדענונג מיט אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס, האָט דער אינטעלעקט זיך פאַר־לוירן. נישט געקענט ווייזן דעם וועג. נישט געטויגט צום ענין. דאָס הינטל האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער חרוב געוואָרענער שטוב, נישט גע־וואוסט, אַז מען בויט שוין אַ נייע. דאָס הינטל האָט אַמאָל צאַרנדיק גע־בילן, אַמאָל אומעטיק געסקאַוואַטשעט.

דערווייל איז נישט געווען קיין ליטעראַטור. נו, פּשוט, מ׳האָט נישט געשריבן.

ס׳האָט געפעלט פּאַפּיר אויך. עס האָבן געפעלט דרוקערייען. אין יענע יאָרן האָט מען דאָס ביסל פּאַפּיר געמוזט אויסניצן גיכער אויף צייַ־טונגען און זשורנאַלן, אויף פּראָקלאַמאַציעס און פּלאַקאַטן, ווי אויף דער־ציילונגען און ראָמאַנען. שיינע נשמות, דערצויגענע אויף דרך־ארץ צו ליטעראַטור מער ווי צום לעבן, האָבן אויך דערין געזען די באַרבאַרישקייט פון די רויטע. סטייטשע, אויף זייערע באַדערפענישן קלעקט זיי פּאַפּיר, אויף אַלמענטשלעכער אַרבעט איז נישטאָ קיין זאַפּאַס (די שיין־גייסטער האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז אַ גוטע דערציילונג איז וויכטיקער, ווי אַ גוטער נצחון פון דער רויטער אַרמיי).

דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז פאַר די יאָרן 1918, 1919, 1920 און 1921 איז כמעט גאָרנישט אַרויס אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראַ־טור. די עטלעכע ביכלעך, וואָס מ׳האָט אָפּגעדרוקט אין יענע יאָרן, האָט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער.

איך דערמאָן זיך מיין אַרומוואַנדערן איבער רוסלאַנד אין סוף פון 1920 און אין אָנהויב פון 1921. אַן אַלטע ליבע איז געוואָרן אַ געוואוינ־הייט — האָב איך זיך כסדר נאָכגעפרעגט נאָך דער ליטעראַטור פון דער נייער צייט. אומעטום האָט מען אָנגעוויזן אויף דעם יונג־געשטאָרבענעם שרייבער בעסאַלקאָ, וועמעס אַ פּאָר ביכלעך מ׳האָט געהאַט אָפּגעדרוקט אין יענער צייט. מער איז כמעט נישט געווען קיין דערציילער. איך האָב איין מאָל פאַרבראַכט דריי טעג אין דעם אַרכיוו פונעם גאָסאיזדאַט (מלוכה־פאַרלאַג), וואוהין מען שיקט אַריין די עקזעמפּלאַרן פון יעדן אַרויסגעגע־בענעם ווערק. איך האָב איבערגעהאַלטן אין די הענט שיער נישט יעדעס ביכל, וואָס ס׳איז אַרויס אין יענער צייט. קיין נייע בעלעטריסטיק איז נישט געווען.

מיט פּאָעזיע איז געווען אַביסל אַנדערש. פּאָעטן האָבן יאָ ווי נישט איז געפּרואווט לאָזן הערן זייערע שטימען. די רעוואָלוציע האָט געטראָפן די נייעסטע פּאָעטן צעטיילט אויף סימבאָליסטן, פוטוריסטן און אימאַזשיניסטן. האָט מען אָט־דעם קאַמף פון שולן פאָרגעזעצט אויך אין 1918־1921. מען פלעגט אָפּדרוקן אַ ביכעלע פון צוואַנציק־דרייסיק זייטלעך אויף שלעכט פּאַפּיר — און וועגן דעם האָט מען זיך געאַמפּערט חדשים. מ׳האָט אפילו איינגעפירט די מאָדע פון לייענען לידער פאַרן עולם נישט געדרוקטער־הייט. אין רומיאַנצעוווסקע מוזיי אין מאָסקווע, אין גרויסן זאַל, וואָס נעמט אַריין גוטע פופצן הונדערט מענטשן (און אפשר מער) פלעגט מען זיך צו־זאַמענקומען איין מאָל אַ וואָך פאַרצולייענען לידער. דער זאַל איז שטענ־דיק געווען געפּאַקט. צווישן די יונגע איז אָפּט אַרויסגעטראָטן דער על־טערער, שוין זייער באַרימטער סימבאָליסט וואַלערי בריוסאָוו, איינער פון די וויניקע פון זיין דור, וואָס האָט געפּרואווט זיך גייסטיק אַריינלעבן אין דער נייער אָרדנונג. צוזאַמען מיטן לייענען פלעגן פאָרקומען דעבאַטן. די פוטוריסטן, מיט זייער נייגונג צום אורבאַניזם (שטאָטישקייט), מיט זייער פאַראַכטונג צו קליינבירגערלעכקייט, מיט זייערע אָפטמאָל גראָבע, אָפּט־מאָל פלאַקאַטן־אַרטיקע ווערטער, מיט זייער גאַנצער יאַטישער באַציאונג צום לעבן, האָבן זיך גיכער צוגעפּאַסט אין דער נייער אָרדנונג. אגב, איז דער פירער זייערער געווען וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, וואָס האָט מיט אַ קופּערנעם האַלדז געגנומען הילכן זיינע גוואַלדאָוונע רעוואָלט־לידער איבער דעם צערודערטן לאַנד — הילכן אַזוי, אַז ס׳האָט אַריבערגעשריגן דעם טומל פון שלאַכט און דאָס בורטשען פון ליידיקע מאַגנס. מיט די אימ־אַזשיניסטן איז געווען אַנדערש. יענע האָבן זיך געצאַצקעט מיטן אימאַזש דעם בילד, וואָס מ׳קאָן שאַפן דורך ווערטער. מער פון אַלצדינג האָט זיי

אינטערעסירט די אומגערעכטקייט פונעם בילד, די פרישקייט פונעם בילד, די פרייהייט פון קאָמבינירן בילדער, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, גאָר ווייניק שייכות איינס צום צווייטן. „אַ ליד איז נישט קיין אָרגאַניזם, נאָר אַ גע־זעמל פון אימאַזשן,“ האָט געשריבן דער פירער פון אָט־דער ריכטונג, וואדים שערשענעוויטש.

איך בין געווען אויף יענע דיספּוטן, געזען די דיספּוטאַנטן, געלייענט די מאָגערע עטלעכע ביכלעך — זיך געקוויקט מיטן האַניק פון יעסענינס ערשטע לידער, וואָס פלעגן ממש צעגיין אין מויל (ס׳איז געווען אַ פּיזישער פּאַרגעניגן צו האַלטן זיינע ווערטער אין מויל און זיי לאָזן אַרויסקייקלען זיך איינס נאָך איינס איבער די ליפּן). איך האָב געלייענט די איינציקע זאַכן, וואָס זיינען געווען געדרוקט, אַשטייגער, אין חודש־זשורנאַל „פּראָ־לעטאַריש־קולטור“ און אין אַ פּאָר אַנדערע, פון וועלכע נאָר עטלעכע נו־מערן פלעגן דערזען דאָס ליכט פונעם טאָג. אָבער דאָס אַלץ האָט אויס־געזען אַזוי נישטיק, אַזוי כמעט אומנויטיק אין פאַרגלייך מיט די גרויסע זאַכן, וואָס האָבן זיך געטאָן טאָקע אין דער זעלביקער מאָסקווע, אין קאַזאַן, אין מינסק, אין קרים, אויפן פראָנט, אין די פאַבריקן, אין די אַרבעטער־קלובן. אַחוץ דעם איינעם מאַיאַקאָווסקין, האָבן די פּאָעטן אַלץ נאָך גע־לעבט פאַר זיך, אַלץ נאָך געטראַכט מער וועגן דעם אויסדרוק ווי וועגן דעם אינהאַלט. דאָס איז געווען ריכטיק אפילו בנוגע יעסענינען, וועלכער איז פאַרט געווען אַ פּראָדוקט פון רעוואָלוציאָנערע צייטן. דאָס איז נאָך מער געווען ריכטיק בנוגע מאַריענהאָפן, שערשענעוויטשן, קוסיקאָוון און די אַנדערע פונעם אימאַזשיניסטישן חדר. און אַוודאי איז דאָס געווען ריכ־טיק בנוגע די סימבאָליסטן. וואָס האָט זיך די סאָוועטן־רעפּובליק אָנגע־קערט מיט זיי און וואָס האָבן זיי געטויגט פאַר דער סאָוועטן־רעפּובליק?

דערווייל איז די רעוואָלוציע געגאַנגען מיט אַן אַקער פון איין עק לאַנד צום צווייטן און אויפגעשניטן און איבערגעקערט טויזנט־יאָריקע סאָציאַלע שיכטן, און אַרויסגעבראַכט צום ליכט פון טאָג די אונטערשטע שוואַרצע פלאַסטן, און פאַרזייט מיט אַ פולער האַנט די זאָמען פון געדאַנק און שאַפונג־אימפּולס. אין די גרויסע ווייען האָט זיך געהאַלטן אין איין שאַפן אַ נייער מאַסן־לייענער פון צענדליקער און צענדליקער מיליאָנען.

דער נייער לייענער האָט זיך געלערנט לייענען. ער האָט עס געטאָן אונטער צוואַנג פון רעוואָלוציאָנערער נויט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט ווי נאָר אַן אַרבעטער קאָן. ער האָט פון זיך אַליין געשונדן זיבן הויטן צו ווערן אַ מענטש. ער האָט פריער געכאַפּט די צייטונג, די פּאָפּולערע בראָשור. ער האָט אָבער אַנטוויקלט אַן אומגעהויערן אַפּעטיט אויף פאַר

די בעסערע זאַכן. פון די טיפענישן איז אויך אַרויסגעוואַקסן דער פויער, אויפגעעפנט די פאַרקלעפּטע אויגן און גענומען פאָדערן קענטעניש, וויסן.

גראָד אין די יאָרן, ווען די אַלטע ליטעראַטן האָבן געפוילט לעבעדיקערהייט און די אַלטע ליטעראַטור איז אַראָפּ פון דער סצענע; גראָד אין די יאָרן, ווען מ׳האָט כמעט נישט געדרוקט קיין ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמען, גראָד אין די יאָרן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזוי פיל האַרץ־קלעמענדיק באַדויערן ביי די „פריינט פון קולטור און גייסטיקייט“, — גראָד דעמאָלט זיינען געשאַפן געוואָרן די וויכטיקסטע באַדינגונגען פאַרן אויפוואוקס פון אַ נייער ליטעראַטור: עס איז געשאַפן געוואָרן דער קולטור־הונגעריקער, לעבנס־לוסטיקער און קראַפט־באַוואוסטער לייענער.

לענין און טאָלסטאָי

לענין האָט זיך ווייניק פאַרנומען מיט ליטעראַטור און קונסט. דאָס לעבעדיקע לעבן איז פאַר אים געווען אָן ערך וויכטיקער, ווי דאָס לעבן אין שפּיגל. די אַרבעט פון איבערמאַכן די וועלט איז אים געווען בילכער, ווי די אַרבעט פון מאָלן אָדער קריטיקירן דאָס געמאָלטע. לענינס ווערק באַווייזן, אַז ער איז דווקא יאָ געווען אַ לייענער פון פּאָעזיע און בעלעטריסטיק. דאָ און דאָרט שטעלט ער אַריין אַ ציטאַטע פון אַ קלאַסיקער; אָפּט דערמאָנט ער אַ ליטעראַרישן טיפּ צו אילוסטרירן זיין געדאַנק; אַמאָל גיט ער אין זיינע בריוו אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק פון אַ ליטעראַרישער ריכטונג. אָבער אין אַלגעמיין האָט ער זיך מיט ליטעראַרישער קריטיק נישט פאַרנומען.

אַן אויסנאַם איז טאָלסטאָי, וועגן וועמען ער האָט אין די יאָרן 1908־1911 אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען („לעוו טאָלסטאָי ווי דער שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָלוציע", סעפּטעמבער 1908; „ל. נ. טאָלסטאָי", נאָוועמבער 1910; „העלדן פון נישט־דערזאָגטן", דעצעמבער 1910; „ל. נ. טאָלסטאָי און זיין עפּאָכע", יאַנואַר 1911, און אַ ריי פּאַראַגראַפן וועגן טאָלסטאָיען און אַנדערע אַרטיקלען). לענין האָט זיך אינטערעסירט מיט טאָלסטאָיען צוליב זיין באַדייטונג פאַר דער רעוואָלוציע. טאָלסטאָי דער פּראָטעסטאַנט, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, האָט געמוזט דערקלערט ווערן פאַר די רוסישע מאַסן. מ'האָט געדאַרפט אויפדעקן דעם סאָציאַלן קוואַל פון טאָלסטאָיאיזם. אַזוי האָט זיך באַקומען אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס קענען דינען פאַר אַ מוסטער פון ליטעראַרישער מאַרקסיסטישער קריטיק.

לענין זעט דעם גרויסן קינסטלערישן ווערט פון טאָלסטאָיס שאַפן. עטלעכע מאָל רופט ער אים „דער געניאַלער קינסטלער", וואָס האָט באַשאַפן „גרויסע ווערק". זיין גרויסקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אים איז געלונגען „מיט מערקווירדיקער קראַפט איבערצוגעבן די שטימונג פון

„פריהייט", 19טן יאַנואַר, 1929.

די ברייטע מאַסן, וועלכע ווערן אונטערדריקט דורך דער איצטיקער אָרדענונג, צו שילדערן זייער לאַגע, אויסצודריקן זייער סטיכייאיש געפיל פון פּראָטעסט און אַנטריסונג.״ לעניִן ווייסט, אַז טאָלסטאָי האָט מערסטנס געמאָלן דאָס אַלטע רוסלאַנד. „אין אַ ריי גענישאַלע ווערק, וואָס ער האָט געגעבן אין משך פון זיין מער ווי האַלב־הונדערט־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט ער מערסטנס געשילדערט דאָס אַלטע, פאַר־רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, וואָס איז אפילו נאָך 1861 * געבליבן האַלב־פאַרשקלאַפּט, דאָס דאָרפישע רוסלאַנד, דאָס רוסלאַנד פונעם פּריץ און פּויער. מאָלנדיק אָט־די שטרעקע אינעם היסטאָרישן לעבן פון רוסלאַנד, האָט ל. טאָלסטאָי אָוועקגעשטעלט אין זיינע אַרבעטן אַזוי פיל גרויסע פראַגן, ער האָט זיך אויפגעהויבן צו אַזאַ הויך פון קינסטלערישער קראַפט, אַז זיינע ווערק האָבן פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער אין דער קינסט־לערישער וועלט־ליטעראַטור.

ביי לעניִנען איז טאָלסטאָי גרויס צוליב דעם, וואָס ער האָט, ערשטנס, איבערגעגעבן די שטימונג פון די ברייטע מאַסן; צווייטנס, אויפגעהויבן אַ גרויסע צאָל גרויסע פראַגן. לעניִן שרייבט נישט קיין טעאָריע פון מאַרקסיסטישער קריטיק; דעריבער זאָגט ער נישט, אַז אָט־דאָס דאַרף מען פאָדערן ביי יעדן שרייבער, וואָס פּרעטענדירט אויף באַדייטונג. אָבער עס איז קלאָר, אַז לעניִן האָלט די געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַציע פונעם קינסטלער פאַרן ערשטן באַדינג פון ליטעראַרישן ווערט. ער שרייבט אָביסל ווייטער:

„די עפּאָכע פון צוגרייטן די רעוואָלוציע אין איינעם פון די לענדער, וואָס זיינען געדריקט דורך שקלאַפן־האַלטער, האָט, אַ דאַנק דער גענישאַלער באַלויכטונג פון טאָלסטאָי, זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טריט פאָראויס אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.״

די עפּאָכע פון צוגרייטן די רעוואָלוציע, ווי טאָלסטאָי האָט זי באַלויכטן, איז געוואָרן אַ טריט פאָראויס אין דער קונסט. עס איז קלאָר, אַז ביי לעניִנען איז נישט טאָלסטאָי אַליין, נישט זיין טעכנישער מאַל־אַפּאַראַט דער איינציקער פאַקטאָר. געווירקט האָט, לויט זיין אויפפאַסונג, די עפּאָכע, וואָס טאָלסטאָי האָט באַלויכטן, געווירקט האָט דער סאָציאַלער מאַטעריאַל פון טאָלסטאָיס שאַפן.

נישט ריידנדיק קיין סך וועגן דער טעכנישער זייט, גייט לעניִן גלייך

* דאָס יאָר, ווען מ׳האָט באַפרייט די פּויערים פון לייב־איינגשאַפט (פּאַנשטשינע).

אַריבער צו אַנאַליזירן אָט־דעם סאָציאַלן מאַטעריאַל אין טאָלסטאָיס ווערק. דאָ געפינט ער אויפן ערשטן בליק אַזוינע ווידערשפּרוכן, וואָס קענען, דאַכט זיך, גאָרנישט הויזן אינאיינעם. „שרייענדיקע ווידערשפּרוכן“, ווי לענין דריקט זיך אויס.

„פון איין זייט אַ געניאַלער קינסטלער, וואָס האָט געגעבן נישט נאָר אומפאַרגלייכבאַרע בילדער פונעם רוסישן לעבן, נאָר אויך ערשטקלאַסיקע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור; פון דער אַנדערער זייט — אַ פּריץ, וואָס פּראַוועט משוגענע שטיק אינעם נאָמען פון קריסטוסן. פון איין זייט — אַן אויסערגעוויינטלעך שטאַרקער, אוממיטלבאַרער און אויפריכטיקער פּראָטעסט קעגן געזעלשאַפטלעכן ליגן און פאַלשקייט; פון דער אַנדערער אַ „טאָלסטאָוועץ“, ד. ה. אַן אויסגעמאַטערטער, היסטערישער קוני־לעמל, וואָס רופט זיך רוסישער אינטעליגענט, וועלכער קלאַפּט זיך עפנטלעך ,חטאתי‘ און זאָגט: ,איך בין אַ מיאוסער, איך בין אַ פּאַסקודנער נפש, אָבער איך פאַרנעם זיך מיט מאָראַלישער זעלבסטפאַרבעסערונג; איך עס שוין מער קיין פלייש נישט, און שפּייז מיך איצט מיט רייז־קאָטלעטן.‘ פון איין זייט אַן אומדערבאַרמדיקע קריטיק פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, אַן אַנטפּלעקונג פון שטאַטלעכע געוואַלט־מעשים, פון דער קאָמעדיע פון געריכט און מלוכה־פאַרוואַלטונג, אַן אויפדעק פון דער גאַנצער טיפקייט פון קעגנזאַצן צווישן דעם וואוקס פון רייכטום און דער־אָבערונגען פון ציוויליזאַציע און דעם וואוקס פון אָרעמקייט, פאַרווילדונג און פּיין פון די אַרבעטער־מאַסן; פון דער אַנדערער זייט — אַ בטלניש פּריידיקן פון ,נישט שטעלן זיך מיט געוואַלט קעגן איבל‘. פון איין זייט דער ניכטערער רעאַליזם, דאָס אַראָפּרייסן פון אַלע מעגלעכע מאַסקעס; פון דער אַנדערער — דאָס פּריידיקן פון איינעם פון די העסלעכסטע זאַכן, וואָס עקזיסטירן אויף דער וועלט: רעליגיע.“

עס איז קלאָר, זאָגט לענין, אַז מיט אַזוינע ווידערשפּרוכן האָט טאָלסטאָי נישט געקענט גרינטלעך פאַרשטיין נישט די אַרבעטער־באַוועגונג, נישט איר ראָלע אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם, נישט די רוסישע רעוואָלוציע. אָבער, זייענדיק אַ מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער, זוכט לענין אויך פאַר אָט־די ווידערשפּרוכן צו געפינען אַ סאָציאַלע דערקלערונג. די ווידערשפּרוכן אין טאָלסטאָיס אָנשויאונגען, זאָגט ער, זיינען נישט קיין צופאַל. דאָס זיינען נישט נאָר ווידערשפּרוכן פון זיין פּערזענלעכן געדאַנק. ״דאָ שפּיגלען זיך אָפּ די אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירטע, ווידערשפּרוכפולע באַדינגונגען, סאָציאַלע איינפלוסן, היסטאָרישע טראַדיציעס, וואָס האָבן באַשטימט די פּסיכאָלאָגיע פון פאַרשידענע קלאַסן און פאַרשיידענע שיכטן

פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין דער עפּאָכע נאָך דער רעפאָרמע (1861) און פאַר דער רעוואָלוציע (1905."

וואָס איז דאָס פאַר אַן עפּאָכע? עס איז די צייט ווען די אַלטע פּאַטרי־אַרכאַלע אָרדענונג פאַרשווינדט און די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג האַלט אין קומען; די נאַטוראַל־ווירטשאַפט ווערט צעשטערט, און די געלט־ווירטשאַפט הויבט אָן באַהערשן נישט נאָר די שטאָט, נאָר אויך דאָס דאָרף; עס וואַקסט דער קאַפּיטאַליזם אין שטאָט, און עס וואַקסט דער רייכער בעל־הגוף, דער פויערישער עקספּלואַטאַטאָר אין דאָרף; דער פויער ווערט אַלץ מער פאַראָרעמט און ווערט אַלץ שווערער געדריקט דורכן פּריץ, קאַ־פּיטאַליסט און מלוכה: מאַסן פויערים ווערן אָן זייער ערד און ווערן גע־טריבן אין שטאָט אַריין, וואו, אויף דער ערשטער שטופע פון קאַפּיטאַליס־טישער אָנזאַמלונג, ווערן זיי דעגראַדירט און דעמאָראַליזירט. דאָס איז אַ צייט, ווען עס הערשט חוצפּהדיק דער ספּעקולאַנט, דער מעקלער, דער שווינדלער און די לאַגע פון דער פויערישער מאַסע ווערט אַלעמאָל ער־גער. דאָס איז אַ צייט, ווען די ביוראָקראַטישע מלוכה נויטיקט זיך אין אַלץ גרעסערע סומען און קוועטשט זיי אַרויס, צוזאַמען מיטן בלוט און מאַרך, פון די ברייטע פויערשע מאַסן.

טאָלסטאָי, זאָגט לענין, דריקט אויס דעם פּראָטעסט פון די פויערשע מאַסן קעגן אָט־די אַלע זאַכן; אין אים איז אָפּגעשפּיגלט אי די שטאַר־קייט, אי די שוואַכקייט פון דער פויערים־באַוועגונג. „זיין הייסער, ליידנ־שאַפטלעכער, אָפט אומדערבאַרמדיק־שאַרפער פּראָטעסט קעגן דער מלוכה און פּאָליציייאיש־אָפיציעלער קירך גיט איבער די שטימונג פון דער פּרי־מיטיווער פויערשער דעמאָקראַטיע, וואָס יאָרהונדערטער פון לייב־אייגנ־שאַפט, באַאַמטן־ווילקיר און רויבערייִ, קירכלעכן יעזואיטיזם, שווינדלערייִ און אָפּנאַרערייִ האָבן אין איר אָנגעזאַמלט בערג פון צאָרן און האַס. זיין שאַרפע אָפּלייקענונג פון פּריוואַטער ערד־אייגנטום גיט איבער די פּסיכאָ־לאָגיע פון דער פויערשער מאַסע אין אַזאַ היסטאָרישן מאָמענט, ווען דער מיטלאַלטערלעכער ערד־באַזיץ איז געוואָרן אַן אומדערטרעגלעכער שטער פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד און ווען אָט־דער ערד־באַזיץ האָט געדאַרפט צעשטערט ווערן — גרינטלעך און אָן רחמנות. זיין אומאויפהערלעכע, טיף־דורכגעפילטע און ליידנשאַפטלעך־עמפּערטע קרי־טיק פון קאַפּיטאַליזם גיט איבער דעם גאַנצן שרעק פון פּאַטריאַרכאַלן פויערטום, וואָס אויף אים האָט זיך אָנגעהויבן רוקן אַ נייער, אומבאַקאַנ־טער, אומפאַרשטענדלעכער שונא, וועלכער גייט ערגעץ פון שטאָט אָדער ערגעץ פון אויסלאַנד, וועלכער צעשטערט אַלע „זיילן" פונעם דאָרפישן

לעבן, וועלכער ברענגט מיט זיך אומגעוויינלעכע פּאַראָרעמונג, דחקות, נויט, הונגער־טויט, פאַרווילדונג, פּראָסטיטוציע, סיפיליס, — אָט־די אַלע אומגליקן, וואָס אויף רוסישן באָדן זיינען זיי טויזנט מאָל ערגער."

טאָלסטאָיס ווידערשפּרוכן, זאָגט לענין, זיינען די ווידערשפּרוכן פון אָט־דעם פּויערטום אין דער אָנקום־צייט פון קאַפּיטאַליזם. דאָס פּויערטום פאַרשטייט נישט דעם קאַפּיטאַליזם, פאַרשטייט נישט, ווי מיט אים צו קעמפן. דאָס פּויערטום איז פאַרביטערט, אָבער זיין אויג איז געווענדט צוריק — צו דער פּאַטריאַרכאַלער אָרדענונג. דאָס פּויערטום האָסט די מלוכה — אָבער עס זעט נישט די מעגלעכקייטן פון פּאָליטישן קאַמף. דאָס פּויערטום זעט אַלע אומגליקן, אָבער עס זעט נישט קיין אויסוועג. אָט־דאָס, זאָגט לענין, האָט זיך אויסגעדריקט אין די ווערק פון טאָלסטאָי. פון דאַנען נעמט זיך טאָלסטאָיס בענקען נאָכן „מזרח", וואו אים דאַכט זיך, אַז עס הערשט די פּאַטריאַרכאַלע אָרדענונג; פון דאַנען נעמט זיך זיין פאַראַכטונג צום קאַפּיטאַליזם און קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע; פון דאַנען נעמט זיך זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו דער מלוכה בכלל, צו פּאָליטיק בפרט; פון דאַנען נעמט זיך זיין אַפּעלירן צום „אַלוועלטלעכן גייסט" און זיין קעגנערשאַפט צום קאַמף קעגן איבלען; פון דאַנען נעמט זיך זיין פּריידיקע אינדיווידועלע באַפרייאונג דורך אויסבעסערן דעם איי־גענעם גייסט.

„פּעסימיזם, ווידערשטאַנדלאָזיקייט, אַפּיעל צום ,גייסט'", — שרייבט לענין, — „איז די אידעאָלאָגיע וואָס מוז זיך באַווייזן אין אַן עפּאָכע ווען די גאַנצע אַלטע אָרדענונג קערט זיך איבער און ווען די מאַסע, וואָס איז דערצויגן אין אָט־דער אַלטער אָרדענונג, וואָס האָט אַריינגעזויגן מיט דער מוטערס מילך אַלע פּרינציפּן, געוואוינהייטן, טראַדיציעס, גלויבנס פון אָט־דער אָרדענונג, זעט נישט און קען נישט זען וואָס פאַר אַ נייע אָרדענונג עס ווערט איינגעשטעלט, וואָס פאַר געזעלשאַפטלעכע קרעפטן עס שטעלן זי איין און ווי אַזוי, און וואָס פאַר געזעלשאַפטלעכע קרעפטן זיינען פּייאיק צו ברענגען אַן אויסלייז."

אין אָט־די עטלעכע שורות איז געגעבן אַ שליסל צו דער שאַפונג און די לערעס פון טאָלסטאָי. דאָ איז אַ באַלויכטונג, וואָס מאַכט קלאָר דאָס סאָציאַלע וועזן פון אַ גרויסן קינסטלער. לענין האָט נישט אַנטוויקלט דעם געדאַנק אין אַלע זיינע איינצלהייטן; דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע געביטן, האָט ער אָנגעגעבן דעם פּרינציפּ, אָנגעמערקט דעם וועג. אָבער דאָ איז די ריכט־שנור פאַר אַלע וויטערדיקע טאָלסטאָי־פאָרשונגען, וואָס מאַרקסיסטישע קריטיקער וועלן מאַכן. צום הונדערט־יאָריקן יובילעי פון

טאָלסטאָיס געבורט האָט די רוסישע סאָוועטישע קריטיק אַנטוויקלט אַט־דעם לעניניסטישן טעזיס און אים פּרוכטבאַר אָנגעווענדט צו פאַרשיידענע זייטן פון טאָלסטאָיס לעבן און שאַפן.

לענין גופא האָט געמוזט באַקעמפן טאָלסטאָיס לערעס, ווייל לענין האָט געזען ווייטער פון טאָלסטאָיען: ער האָט געקוקט מיט די אויגן פונעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד, וואָס פאַרשטייט אי דעם קאַפּיטאַליזם, איז די לאַגע פונעם פּויערטום, אי דעם וועג צו אַ נייער אָרדענונג. לענין האָט דעריבער מיט רעכט געקענט זאָגן, אַז נאָר פון פּראָלעטאַרישן שטאַנד־פּונקט קען מען ריכטיק אָפּשאַצן טאָלסטאָיען. לענין האָט זיך ביטער אויס־געלאַכט פון די מענשעוויקעס, וואָס האָבן געשריבן, אַז טאָלסטאָיס באַ־וועגונג שפּילט אַ וועלט־היסטאָרישע ראָלע און אַז טאָלסטאָי איז ווי אויס־געהאַקט פון איין שטיק. לענין האָט חוזק געמאַכט פון די ליבעראַלן, וואָס האָבן געזען אין טאָלסטאָיען „דאָס גרויסע געוויסן" און דאָס גרויסע „גאָט־זוכן", כאָטש אַליין גלויבן זיי נישט אין גאָט און גלויבן נישט אין טאָל־סטאָיס לערע. „יעדער זאַץ אין טאָלסטאָיס קריטיק איז אַ פּאַטש אין פּנים דעם בורזשואַזן ליבעראַליזם," האָט לענין געשריבן, — „וואָרום שוין דאָס אַליין, וואָס טאָלסטאָי האָט פאָרכטלאָז, אָפן, אומדערבאַרעמדיק־שאַרף אַוועקגעשטעלט די אָנגעווייטאָגסטע, די פאַרשאָלטנסטע פראַגן פון אונדזער צייט, פּאַטשט אין פּנים די אָפּגעדראָשענע פראַזן, די אָפּגעפּוצטע דרייד־לעך, דעם נישט־דערזאָגנדיקן „ציוויליזירטן" ליגן פון אונדזער ליבעראַ־לער (און ליבעראַל פאָלקיסטישער) פּובליציסטיק."

טאָקע דעריבער האָט לענין געהאַלטן, אַז די מאַסן דאַרפן לייענען טאָלסטאָיען, נישט געקוקט אויף דער שעדלעכקייט פון אייניקע פון זיינע לערעס; ער האָט געהאַלטן, אַז די מאַסן וועלן זיך ערשט אויסלערנען צו שעצן טאָלסטאָיס ווערק, ווען זיי וועלן זיך האָבן באַשאַפן מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען, — נאָכן אומוואַרפן די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

געשריבן האָט לענין זיינע אָפּהאַנדלונגען נישט כדי צו געבן אַ „בייַ־טראַג" צו דער פאַרשטענדעניש פון טאָלסטאָיען, נאָר כדי אויף אַזאַ אופן סטימולירן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד, — און אויך אין דעם איז ער אַ מוסטער פאַר דער מאַרקסיסטישער קריטיק.

דער ליכטיקער פושקין

צוריק מיט הונדערט יאָר, דעם 10טן פעברואַר, 1837, איז געשטאָרבן אַלעקסאַנדער סערגעיעוויטש פושקין. געשטאָרבן אומגעלומפערט, אין אַ דועל. געשטאָרבן אין עלטער פון 38 יאָר, אין סאַמע צעבלי פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט.

שוין דעמאָלט איז פושקין געווען אַ באַרימטער דיכטער. אָבער באַקאַנט איז ער געווען דער עיקר צווישן דער אינטעליגענץ. דאָס פאָלק האָט וועגן אים נישט געוואוסט. אין די שפּעטערדיקע צענדליקער יאָרן איז פושקין, אַ קלאַסיקער, געלערנט געוואָרן אין די שולן. פושקינס ווערק זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַ סך עקזעמפּלאַרן. אָבער ווי פריער איז ער ווייניק באַקאַנט געווען צווישן די ברייטע מאַסן. דענקמאָלן האָט מען געשטעלט פושקינען אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט, אָבער ווייניק האָט מען אַריינגעטראָגן פושקינס ווערק אין די הייזער פון דער אָרעמשאַפט אין שטאָט און דאָרף.

ערשט אין די לעצטע צען יאָר איז פושקינס נאָמען אויפגעריכט געוואָרן אויף אַן אמת. ערשט אין די לעצטע פינף יאָר איז פושקין געוואָרן דער ליבלינג פון מיליאָנען אַרבעטער און קאָלכאָזניקעס אין אַלע טיילן פונעם גרויסן סאָוועטישן לאַנד. די יובילײ־יום־טובים צום הונדערטסטן פושקין־יאָרצייט זיינען פאָלקס־יום־טובים אינעם ברייטסטן זין פונעם וואָרט. די פושקין־קאָמיטעטן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די יום־טובים, האָבן אַרומגעכאַפּט יעדן ווינקעלע פון די סאָוועטישע רעפּובליקן. פושקין ווערט געלייענט, געזונגען, דעקלאַמירט, דערקלערט, אילוסטרירט, אויפגעפירט אויף דער בינע אין יעדער פאַבריק, אַנשטאַלט, קאָלכאָז, שול, אוניווערזיטעט, מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, ביבליאָטעק, רויט־אַרמייאישן טייל.

פושקין האָט געשריבן אין אַ צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט פריער אַלעקסאַנדער דער ערשטער און נאָך דעם ניקאָלאַי דער ערשטער, — אין אַ פינצטערער צייט פון אומבאַגרעניצטער אַליין־הערשערישער

„מאָרגן־פרייהייט“, 7טן אויגוסט, 1937, צום הונדערטסטן יאָרצייט נאָך פושקינס טויט.

ווילקיר, אָבער געווען איז ער אַ פיינט און באַקעמפער פון דעם בלייענעם צאַריסטישן דרוק. פושקין האָט געהערט צו יענעם טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס האָט דערפילט דעם אָטעם פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און האָט אויך פאַר רוסלאַנד געוואָלט זיך דערשלאָגן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג און אַ מעגלעכקייט צו פירן אַ מענטשלעך לעבן. פושקין האָט סימפּאַטיזירט מיט די דעקאַבריסטן — די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געפּרואווט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם אין דעצעמבער 1825. דער צאַר האָט פאַרשיקט פושקינען פריער קיין בעסאַראַביע, נאָכדעם קיין אָדעס, נאָכדעם אויף קאַווקאַז — אין יענער צייט פאַרוואָרפענע אומקולטורעלע געגנטן, וואו דער פּאָעט איז געווען אָפּגעשניטן פון פריינט, פון גייסטיקן לעבן און פון דער ליטעראַרישער סביבה. ער איז פול געווען מיט פּראָטעסט קעגן שקלאַפעריי — און דאָס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיין דיכטונג אַ שטעמפּל.

אָבער פושקין האָט זעלטן געשריבן פּראָטעסט־לידער, לידער פון קאַמף. די עטלעכע, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער נאָר געקענט לייענען פאַר זיינע פריינט און באַקאַנטע, אי דאָס באַהאַלטענערהייט, וואָרים די צאַרישע פּאָליציי האָט אויף אים כסדר געהאַלטן אַן אויג. זיין פּראָטעסט קעגן דער טויטנדיקער האַנט פון די ראָמאַנאָווס האָט ער איסגעדריקט אויף אַן אַנדערן, מער ווירקזאַמען אופן.

פושקין האָט געפילט דאָס רוסישע פאָלק. אַליין אַ זון פון אַדעליקע, האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אַ סך מער ווי די איינדרוקן פון זיין שמאָלן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס. אויך אין די ראַמען פון אָט־דעם קלאַס האָט ער געהאַלטן מיטן פּראָגרעסיוון פליגל: ער האָט געפאָדערט, אַז די פּריצים זאָלן לעבן אין דאָרף, נאָענט צו די פויערים, פאַרבעסערן זייער לעבן, העכערן זייער קולטורעלן מצב. אָבער ער אַליין האָט אין זיך געפילט די שטראָמען לעבנס־קראַפט, וואָס גיסן זיך אין אַ גאַנצן האַרפּאַשנעם פאָלק.

נישט געקוקט אויף אַזיאַטישער פּאָליטישער רעכטלאָזיקייט און עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג, האָט דאָס פאָלק דאָך געלעבט אַ מעכטיק לעבן; עס האָט פאַרמאָגט אַ פיל־קאָלירנדיקן און אָפּט שיינעם לעבנס־שטייגער; עס האָט איבערגעלעבט פאַרשיידענע געפילן — טיף און עכט און ערלעך. עס האָט ליב געהאַט די נאַטור, עס איז געווען צוגעבונדן צו דער ערד, עס האָט געשאַפן זאַכן מיט דער מי פון זיינע הענט און דעם שוויס פון זיין פּנים. עס האָט געהאָפט און געטרוימט און זיך געריסן צו אַ בעסער לעבן, כאָטש ס׳האָט נישט געהאַט קיין קלאָרע פּראָגראַם. טיף אין זיין באַוואוסטזיין האָט געלעבט די טראַדיציע פון סטענקאַ ראַזין און פוגאַטשאָוו, און

דאָס האָט פאַרבונדן דאָס פאָלק מיט זיין געשיכטע. דאָס פאָלק איז געווען טיף־איינגעוואָרצלט אין דער ערד — און דאָס פאָלק האָט זיך געריַרט. די מאַסן האָבן נאָך נישט אויפגעוואַכט, אָבער שוין האָט זיך געפילט דאָס שאַ־ריען אויף טאָג. דער טאָג אַליין איז נאָך געווען וויַט, אָבער דאָס סענסי־טיווע געמיט פונעם דיכטער האָט דערפילט, אַז ער וועט קומען.

פושקין האָט פאַרקערפּערט אין זיינע ווערק דאָס בעסטע, וואָס ס׳האָט זיך נישט אָראָפּגעלאָזט צום פאָלק. ער האָט זיך נישט געחנפה׳ט צום געלעבט אינעם פאָלק. ער האָט נישט „נאָכגעמאַכט" דעם פאָלק. ער האָט פאָלק. ער האָט באַהעפט די בעסטע דערגרייכונגען פון דער קולטור פון זיין צייט מיט דער ברייטקייט, דער קרעפטיקייט, דער פרישקייט, דער עכטקייט, דער איינגעוואָרצלטקייט פון דער פאָלקס־מאַסע פון זיין צייט. אין דער לאַבאָראַטאָריע פון זיין גרויסן טאַלאַנט האָבן זיך באַקומען ווערק, וואָס זיינען היינט פרישער און ליבער, ווי צוריק מיט הונדערט יאָר.

פושקין האָט זעלטן געשריבן אַנטי־רעגירונג־לידער. אָבער ער האָט געטאָן עפּעס, וואָס ס׳האָט מער באַאומרואיקט די הערשנדיקע קרייזן, ווי ווען ער וואָלט געשאַפן דירעקטע רעוואָלוציאָנערע ווערק. זיין גאַנצע פּאָעזיע איז געווען אַן אַרויסרוף דעם אַלטן. זיין גאַנצער טאָן, זיין גאַנץ וועזן איז געווען איין פּראָטעסט קעגן די קרעפטן פון אָפּגעשטאַנענקייט, פוילעניש, טויט.

פושקין האָט גענוצט די שפּראַך פונעם פאָלק. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשעפּט פון די אוצרות פון דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט. שפּילעוודיק, כמעט ווי אָן מי, כמעט ווי אויף קאַטאָוועס האָט ער איבערגעפורעמט די פאָלקס־שפּראַך, געשריבן לייכט, פּשוט, ריין, קלאָר, — אויף אייביק פאַרטריבן די אָנגעבלאָזנקייט און די מליצהדיקע האַרטקייט פון די עלטערע דיכטער, וואָס האָבן נאָכ־געמאַכט דעם אויסלענדישן פסעוודאָ־קלאַסישן מוסטער. מיט אַ כמעט זאַרגלאָזער מייסטער־האַנט האָט פושקין גענומען די שפּראַך פון זיין פאָלק, זי איבערגעקנאָטן — און אָט איז זי פול מיט געזאַנג, פאַרב, ריטם, לייכטקייט, אָבער אויך ערנסט, קראַפט, שוואונג. פושקינס פערזן זיינען ווי באַטור־דערשיינונגען: עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז דאָס האָט גע־שאַפן אַ מענטש. עס דאַכט זיך: פונקט ווי דער בוים אין פעלד אָדער די בלום אין גאָרטן זיינען אַ פאָלקאָמענע זאַך, וואָס אַ מענטשנס האַנט האָט נישט געשאַפן, אַזוי זיינען אויך פושקינס לעבעדיקע שורות.

פושקין האָט נישט נאָר געשריבן וועגן דער רוסישער נאַטור. ער האָט נישט נאָר געגעבן אומשטערבלעכע זינגענדיקע בילדער פון סטעפּ,

וואַלד, זאָוועָרוכע, זומער, פּראָסט, האַרבסט; ער האָט נישט נאָר (אין „פּאָלטאַווע״ און „קופּערנער רייטער״) געמאָלן פּעטערבורג אַזוי, אַז מיר, היינט, ווייסן באמת נישט, צי מיר האָבן ליב פּושקינען פאַר פּעטערבורג, צי מיר האָבן ליב פּעטערבורג (לענינגראַד) צוליב פּושקינס לידער; ער האָט נישט נאָר געגעבן אַ קולטור־פּאַנאָראַמע פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געלעבט („יעווגעני אָנעגין״), ער האָט נישט נאָר געגעבן טיפן פון פּראָסטע האַרעפּאַשניקעס (אין זיינע קלענערע פּראָזע־דערציילונגען), נאָר ער האָט אויך געשאַפן היסטאָרישע ווערק פון אַ ברייטן פאַרנעם („באָריס גאָדונאָוו״ און „פּאָלטאַווע״ אין פערזן, „דעם קאַפּיטאַנס טאָכטער״ אין פּראָזע און אַ סך אַנדערע); ער האָט זיך אויך געפּרוּווט פאַרטיפן אין פּסיכאָלאָגישע טראַגעדיעס, אין טיפע פּסיכאָלאָגישע שטודיעס „מאָצאַרט און סאַליערי״, „דער „קמצן״, „שטיינערנער גאַסט״). ער האָט נישט נאָר געשאַפן אַ גרויסע צאָל אידעלע און קרעפטיקע לירישע לידער, נאָר אויך פאָלקס־מעשיות, פאַבלען, לעגענדן — אָבער אָן מיסטיציזם, אָן רעליגיעזן הויך, אין גייסט פון פריידיקן שאַפן.

פּושקין איז געווען פול מיט אָפּטימיזם, מיט דער פרייד פון לעבן, מיט ענטוזיאַזם, מיט אַ ליבשאַפט צו דער האַרעפּאַשנער מענטשהייט. ער איז געווען ליכטיק אין אַ צייט פון געדיכטער פינצטערניש. ער איז געווען מענטשלעך, קעמפעריש, שעפעריש אין אַ צייט, ווען שוואַרצע קראָען האָבן געפּרוּווט פאַרהילכן דאָס לעבעדיקע לעבן.

נישט אומזיסט איז ער דער פּאָעט פון דער יוגנט.

דער גרויסער קריטיקער וויסאַריאָן בעלינסקי האָט וועגן אים געשריבן נאָך אין די פערציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט:

„קיין איינציקער פון די רוסישע דיכטער קען נישט ווערן, אַזוי ווי פּושקין, אַ דערציער פון דער יוגנט, אַן אויסבילדער פון דעם יונגן געפיל. זיין פּאָעזיע ווייסט נישט פון קיין שום פאַנטאַסטישקייט, טרוימערישקייט, פאַלשקייט, לפנימדיקן אידעאַליזם; זי איז דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט ווירקלעכקייט; זי שמירט נישט אויפן פנים פונעם לעבן קיין פּודרע און פאַרב, נאָר זי ווייזט עס אין זיין נאַטירלעכער, אמתער שיינקייט; אין פּושקינס פּאָעזיע איז דאָ הימל, אָבער דער הימל איז תמיד דורכגעדרונגען מיט ערד.״

פּושקין האָט אויסגעדריקט פונדאַמענטאַלע מענטשלעכע געפילן. „מיט אַ גרויסער קינסטלערישער קראַפט האָט ער אויסגעדריקט געדאַנקען, געפילן, טרוימען פון די בעסטע זין פונעם רוסישן פאָלק״ („פּראַוודאַ״).

„ער האָט אַ סך געליטן, ווייל זיין וואונדערבאַרער, פלאַמיקער, בשמים־

דיקער זשעני האָט זיך פּאַנאַנדערגעבליט אין דער בייזער, כּמעט ווינטער־דיקער, כּמעט נאָך נאָכטיקער רוסלאַנד, דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ פאָרצוג פאַר אַלע אַנדערע רוסישע שריפטשטעלער. ער איז געקומען דער ערשטער, און לויט דעם רעכט פון ערשטן פאַרכאַפּ האָט ער אַריינגענומען אין זיינע הענט אַלע גרעסטע אוצרות פון דער גאַנצער ליטעראַרישער פּאָזיציע.

„און פאַרכאַפּט האָט ער מיט אַ האַנט אַ מאַכטפולער, קונציקער און צאַרטער; מיט אַזאַ פולקייט, זינגעוודיקייט און חנ׳עוודיקייט האָט ער אויסגעדריקט דאָס פונדאַמענטאַלע אין דער רוסישער נאַטור, אין די אַלגעמיין מענטשלעכע געפילן, אַז ער פילט אָן מיט דאַנקבאַרקייט דאָס האַרץ פון יעדן איינעם, וועלכער, לערנענדיק די גרויסע און מעכטיקע רוסישע שפראַך, פאַלט צו דאָס ערשטע מאָל מיט די ליפּן צו די קוואַלן פון דער הייליקער קונסט" (לונאַטשאַרסקי).

דאָס סאָוועטישע פאָלק, אַ פאָלק אַ באַפרייטס, אַ פאָלק פול מיט אָפּטימיזם, אַ פאָלק פול מיט ענטוזיאַזם, אַ פאָלק פול מיט שאַפונג־ענערגיע, אַ פאָלק, וואָס הויבט אָן לעבן ברייט, מעכטיק, שוואונגפול אין דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט דערקענט אין פּושקינען זיין דיכטער און דערמאָנט זיין נאָמען מיט דאַנקבאַרקייט און ליכטיקער ליבשאַפט.

מאַקסים גאָרקי

1.

ער איז געקומען אין דער ליטעראַטור ווי אַן אַרויסרוף. סימפּאַטיעס פאַר די עקספּלואַטירטע האָבן נישט געפעלט אין רוסלאַנד. זיי זיינען געווען אַ טראַדיציע. האָט דען טשעכאָוו נישט געזיפצט איבערן גורל פון די איינוואוינער פון זיין „פּאַלאַטע נומער זעקס״? האָבן זיינע „דריי שוועסטער״ נישט געטרוימט וועגן אַ שיינעם זון־געפּאַרבטן לעבן? איז דען טאָלסטאָי נישט געווען דער אַדוואָקאַט פון די „ווינקל״־וואוינער אין די גרויסע שטעט, פון די אומשולדיק פאַראורטיילטע קאַטיושאַס, פון די פּויערים, וואָס קרעכצן אונטער דעם פּריצישן יאָך? איז אוספּענסקי נישט אַראָפּ פונעם זינען צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך מיט לייב און לעבן איינגעטונקען אינעם רוסישן דאָרף? אפילו טורגעניעוו, אָט־דער אַפּאַלאָנישער עסטעט, האָט ער דען נישט באַשאַפן אומשטערבלעכע בילדער דורכגעזאַפּט מיט סימפּאַטיעס פאַר די פּויערשע לייב־שקלאַפן? און וואָס איז עפּעס מיט קאָראָלענקאָ׳ן, מיט זיינע סיבירישע עסקים, מיט זיין „מאַקאַר׳ס חלום״?

סימפּאַטיע פאַרן אָרימען ברודער, פאַר דעם קרבן פון סאָציאַלן אומרעכט איז געווען איינער פון די הויפּט־טענער אין די ווערק פון רוסישע שרייבער, און אויב גאָרקי האָט פון אָנפאַנג אָן אויפגערודערט די שרייבערישע משפּחה, איז דאָס נישט געווען צוליב דעם אינהאַלט פון זיינע ווערק; עס איז געווען צוליב זיין גייסט און זיין מאַניר.

נישט נאָר האָט ער דערציילט וועגן די, וואָס לעבן „אויפן דעק״; ער איז געווען איינער פון די, וואָס לעבן טאַקע דאָרט אונטן. ער איז געווען דער אונטערדריקטער, וואָס האָט גערעדט ווי אַ שרייבער. ער האָט נישט געקענט קוקן פון אויבן אַרונטער. ער איז געווען — ער אַליין. און ער האָט געזאָגט צו די קאָלעגן־שרייבער: „לאָזט צורו מיט אייערע סימפּאַטיעס. מיר וועלן שוין אַליין באַשטיין אונדזער שטעטל.״

די ערשטע דריי אַרטיקלען (באַצייכנט: 1, 2, 3) זיינען דערשינען אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ אין נאָוועמבער 1932, צום פערציקסטן יובליי פון גאָרקיס ליטעראַרישן שאַפן. אַרטיקל 4 — דעם 21טן יוני, 1936, באַלד נאָך גאָרקיס טויט. אַרטיקל 5 — דעם 19טן יוני, 1939.

ער איז געווען אַן אַרויסרוף, ווייל ער האָט פּאָרטראַטן אַ נייעם קלאַס. ער האָט אַלעמען אויפגערייצט און באַאומרואיקט, ווייל ער האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם טראַדיציאָנעלן באַגריף פון דעם „אָרימען ברודער". ער האָט גאָרנישט אויסגעזען אָרים. ער איז אפילו נישט געווען טרויעריק. ער איז נישט געווען דערשלאָגן. ער איז געווען עזותדיק־אַגרעסיוו. ער האָט אַנטפּלעקט אַזאַ געזונטן ברענענדיקן אַפּעטיט, אַז דאָס האָט געשראָקן די שיינקייט־ליבנדיקע אינטעליגענטן. ער אַליין איז ניט געווען קיין אינטעליגענט אין דעם אָנגענומענעם זין פון דעם וואָרט. ער איז געווען אַ בירגער פון דעם „אָפּגרונט". דער אָפּגרונט האָט דורך אים געשאָקלט אַ האַריקן קולאַק אין פּנים פון דער גאַנצער בורזשואַזער ציוויליזאַציע.

ווען מען קוקט צוריק פון דער הויך פון פערציק יאָר, באַקומט זיך, אַז לכתחילה האָט ער נישט אַלעס געזאָגט ווי מ'וואָלט דאָס געדאַרפט זאָגן. ער איז געווען ראָמאַנטיש. ער איז אָפּטמאָל געווען צו סענטימענטאַל. ער האָט געוועבט ציגיינער־לעגענדן. ער האָט אידעאַליזירט דעם רוסישן ברודער פון דעם אַמעריקאַנישן האָבאָ. אָבער דער עיקר איז געווען נישט וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי ער האָט דאָס געזאָגט — און דאָס האָט אים אָוועקגעשטעלט באַזונדער צווישן די רוסישע שרייבער.

אָט־די טשעלקאַשעס און מאַלוואַס, די טשודראַס און די „געוועזענע מענטשן" האָבן לחלוטין נישט געוואָלט אָנערקענען דעם מאָראַל־קאָדעקס פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. זיי האָבן געפּאָלגט זייערע מעכטיקע אינסטינקטן. זיי האָבן געהאַט שאַרפע ציין און אַן אומדערזעטלעכן הונגער פאַר די זאַכן, וואָס האָבן צו זיי נישט באַלאַנגט. זיי האָבן גענומען אַלצדינג, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, מיט אַ פּראַקטפולער פאַראַכטונג צו דער מלוכה און צו דער קירך. אין אַ געוויסן זין זיינען זיי געווען רעבעלן. געוויסע רוסישע קריטיקער, זוכנדיק טיפּענישן, האָבן געגלויבט, אַז זיי האָבן געפונען איבערמענטש־טענדענצן אין גאָרקיס ערשטע ווערק. זיי האָבן אים באַשולדיקט אין ניטשעאַניזם. אין אמתן האָט זיך דאָ ביי אים געפילט די פּראָלעטאַרישע יוגנט, וואָס זוכט צו געפינען איר אייגענע שפּראַך. אפילו אין זיינע ערשטע ווערק זעט מען דעם וואַקסנדיקן פּראָלעטאַרישן קעמפער. ער איז קיינמאָל נישט קיין יחיד פאַר זיך אַליין — ער איז שטענדיק אַ טייל פון אַ קאָלעקטיווער מענטשהייט, פון וואַנען עס זיינען אויסגעשלאָסן די עקספּלואַטאַטאָרס..

דאָס מערקווירדיקסטע אין אָט־די יונגע אַרויסרופן איז געווען דאָס, וואָס גאָרקי האָט געוויזן, אַז מען קען זיין אָרים, הונגעריק — און גליקלעך,

אַז מען קען גנבענען ברויט פון אַ בעקער־ביידל און דאָך זיין אַ פּראַכטפולער קערל, און מען קען פאַראַכטן די סאַמע עקזיסטענץ פון די פּאַרבאָטן, וואָס אַ פּריוואַט־אייגנטום־געזעלשאַפט האָט אויפגעבויט, און אין דער זעלביקער צייט זיין אַן אינטערעסאַנטע און אָנציענדיקע מענטשלעכע פּערזאָן. אין אַ געוויסן זין זיינען די ערשטע ווערק פון גאָרקין געווען אַ חוזק איבער דער גאַנצער שרייבערישער פּראָפעסיע. אדרבה, זאָל עמיצער פּרואוון אַרומוויקלען אָט־די באָסיאַקעס מיט אַ וואַרימער פּאַרע פון רחמנות.

פון זיינע יונגע יאָרן אָן איז גאָרקי געווען אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט געהערט צו אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. ער האָט געטיילט מיט די באָלשעוויקעס זייערע איבערצייגונגען וועגן קלאַסן־קאַמף און דער קומענדיקער רעוואָלוציע. לענין אַליין האָט זיך אָקאָרשט באַוויזן אויפן האָריזאָנט, — דער יונגער לייב, דער גרויסער טעאָרעטיקער און סטראַטעגיקער פון דעם קלאַסן־קאַמף, וועלכער האָט שפּעטער מיט 25 יאָר געפירט אַ זיגרייכע סאָציאַלע רעוואָלוציע. לענין האָט געשריבן אין 1894:

„ווען די פּאָרטגעשריטנסטע פאַרטרעטער פון דעם אַרבעטערקלאַס וועלן האָבן איבערגעקאָכט די אידייען פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, די אידייען וועגן דער היסטאָרישער ראָלע פון דעם רוסישן אַרבעטער, ווען אָט־די אידייען וועלן ווערן וייט־פאַרשפּרייט און עס וועלן אָרגאַניזירט ווערן צווישן די אַרבעטער פעסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן פאַרוואַנדלען די איצטיקע ספּאָראַדישע עקאָנאָמישע מלחמה פון די אַרבעטער אין אַ באַוואוסטזיניקן קלאַסןקאַמף, — דעמאָלט וועט דער רוסישער אַרבעטער, אויפהויבנדיק זיך אין דער שפּיץ פון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, אומוואַרפן דעם אַבסאָלוטיזם און פירן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט (צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער) אויף דעם פרייעם וועג פון אָפענעם פּאָליטישן קאַמף צו אַ זיגרייכער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע.“

גאָרקי האָט באַלד דערקענט, אַז זיינע אידעאַליזירטע אונטערוועלטמענטשן זיינען נישט זיינע אמתע העלדן. נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעטרייסלט די אינטעליגענטן מיט זיין רעוואָלוציאָנערן אָנפּראַל, נאָכדעם ווי ער האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער סצענע דעם אַלעגאָרישן דאַנקאָ, וועלכער האָט אַרויסגעריסן זיין אייגן האַרץ פון דער ברוסט און עס אויפגעהויבן ווי אַ פאַקל, כדי אַרויסצופירן זיינע ברידער „פון דער טונקעלער געדיכטעניש אין דער זון־באַלויכטענער רחבות“, האָט גאָרקי זיך גענומען צום ווירקלעכן לעבן פון די רוסישע מאַסן. ער האָט זיך אַ וואָרף

געטאָן אויף דעם סאַמע עצם פון דער רוסישער געזעלשאַפט, און זי גע־בומען אנאַטאָמירן אָן אבער נאָך אַן אבער. ער האָט מיט אַ פעסטער האַנט און אַ זיכערן אויג אויסגעהאַקט פון דעם רוי־שטאָף פון דעם רוסישן מאַסן־לעבן אַן אומענדלעכע גאַלעריע פון כאַראַקטערן; ער האָט פאַרצייכנט אַן אומענדלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון אינצידענטן, טראַגישע און קאָמישע; ער האָט נאָכגעפאָלגט דאָס אַרויפקומען פון נייע סאָציאַלע פאָרמאַציעס און סאָציאַלע טיפּן; ער האָט געגראָבן אַלץ טיפער אין דעם טונקעלסטן אונטערגרונט פון מאַסן־פּסיכאָלאָגיע; ער איז געגאַנגען פון דער קעגנ־וואַרט צו דער נאָענטער און ווייטער פאַרגאַנגענהייט און פון דאָרט צוריק צו דער געגנוואַרט, באַפעלקערנדיק זיינע ווערק מיט אַ שווינבלדיקער און גריבלדיקער פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשן, וואָס נאָך צענדליקער יאָרן בלייבן זיי פונקט אַזוי פריש ווי אין דעם טאָג וואָס מען האָט זיי געשאַפן.

גאָרקיס פאַרנעם איז גאַנץ רוסלאַנד. גאָרקיס אינטערעס שפּרייט זיך פון מאַיאַקינען, דער זייל פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ביז דעם בירגער פון אַ נייער וועלט, וואָס איז אָקאָרשט געבוירן געוואָרן אונ־טערן פרייעם הימל, ווען זיין מוטער, די אַרבעטער־פרוי, האָט זיך אַוועק־געלייגט אין קימפּעט אינמיטן וועג, און וואָס גאָרקי, דער שרייבער, האָט איר געדינט ווי אַ הייב־אַם. קענען גאָרקין הייסט קענען דאָס געוועב פון דעם רוסישן לעבן פון נעכטן און פון היינט. עס איז אַ ריזיקע מאַסע אַרבעט, וואָס ווייזט אַן אויף אַ קאָלאָסאַלן קינסטלערישן זכרון, אַ מעכ־טיקן שילדערונג־טאַלאַנט, אַ פייאיקייט צו בשאַפן אַ לעבעדיק בילד מיט עטלעכע זיכערע שטריכן, אַן אינטערעס צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן און אַ שאַפונג־ענערגיע וואָס ווייסט נישט קיין גלייכן.

דורך אָט־דער גאַנצער קאָכיקער אַרבעט איז גאָרקי געבליבן געטריי אַ געוויסע צאָל פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן.

ער איז אַלעמאָל געווען אַ פּריינט פון די מאַסן. זיין הויפּט־אינטערעס איז אַ בעקער־געזעל, אַ בינדיוזשניק, אַ פאַבריק־אַרבעטער, אַ באָטראַק,* אַ פאַרבער־לערן־יינגל, אַ האָלץ־האַקער, אַ וועכטער, אַן אָנגעשטעלטער. מאָלנדיק אָט־די דאָזיקע אַלע כאַראַקטערן, שעפּט ער פון אַ ריזיקן אוצר, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פון זיין אייגענער קינדהייט אָן. ער איז נישט ווי קופּרין, וועלכער גייט ספּעציעל אין דער אונטערוועלט אַריין צו זוכן טיפּן. ער איז נישט אנדרייעוו, וואָס טראַכט אויס פאַרזאָגען און צווינגט

* לאַנד־אַרבעטער אין אַלטן רוסלאַנד, אָנגעדונגען ביי אַ פּריץ, אָדער קולאַק.

זיי האַנדלען דורך דער מאַכט פון קינסטלערישער סוגעסטיע. ער איז נישט אפילו סעראפימאָוויטש, וואָס נישט געקוקט אויף דעמאָקראַטישע טענדענצן, רעדט ער כסדר פון „זיי". ווען גאָרקי רעדט וועגן זיינע פּראָלעטאַרישע פיגורן, איז ער צווישן אייגענע. דאָ איז ער אַמבעסטן. ער איז גראָד נישט פאַראינטערעסירט צו ווייזן די „בעסערע" טיפּן. ער איז אויך נישט פאַראינטערעסירט אַרויסצוגעבן אַ פּסק־דין איבער זייערע מעשים. ער שטעקט אַריין זיין קינסטלערישע גראַבליע אין דער געדיכטער מאַסע פון מענטשלעכן לעבן, צי אין דעם שטעטל אָקוראָוו, צי אין דעם וויטסטן פינצטערסטן דערפל אין מזרח, צי אויף די פּליטן איבער דער וואָלגא, צי אין אַ סאַלאָן פון די פּעטערבורגער אינטעלעקטואַלן — און ער שלעפּט פון דאָרט אַרויס וואָס עס מאַכט זיך. דאָס וואָס ער ברענגט אַרויס צאַפּלט מיט לעבן און עס בלייבט שוין לעבן אויף אייביק. גאָרקי מאַכט נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע אין דעם זין פון פּרואוון ווייזן, אַז די אַרבעטער זיינען גוט און די עקספּלואַטאַטאָרס זיינען שלעכט. דאָס איז נידעריקער פון זיין קינסטלערישער ווערדע. ער גיט נאָר די מענטשן ווי זיי זיינען, ווי זיי קומען אַרויס פון דעם שמעלץ־אייזן פון זיינע דערפאַרונגען און שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין שאַפנדיקער פאַנטאַזיע. אָבער אַזוי ווי די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטלעכע סיסטעם איז טאַקע מיאוס און אַזוי ווי יעדער סאָציאַלער טיפּ מוז זיין אַ פאַרטרעטער פון זיין קלאַס, דעריבער גיבן גאָרקיס ווערק מאַטעריאַל פון אומגעהויערן ווערט אין פּרט פון פאַרשטיין דעם קלאַסן־צוזאַמענשטעל און דעם קלאַסן־קאַמף אין רוסלאַנד. ווען גאָרקי וואָלט גערעדט אין זיין אייגענעם נאָמען, וואָלט ער געזאָגט צוזאַמען מיט פאָמאַ גאָרדייעוון: „נישט קיין לעבן האָט איר געבויט, נאָר אַ סמעטניק. מיט אייערע אייגענע הענט האָט איר אָנגעוואָרפן בערג מיט שמוץ; עס ווערגט, עס לאָזט נישט אָטעמען. האָט איר סאָוועסט? געדענקט איר אָן גאָט? גראָשנס — אָט־דאָס איז אייער גאָט. וואָס איז שייך סאָוועסט, האָט איר עס פאַרטריבן . . . וואו איז עס? בלוט־זויגער! איר לעבט פון פרעמדער פּראַצע! אָן אַ צאָל מענטשן מוזן גיסן בלוטיקע טרערן צוליב אייערע פאַסקודנע מעשים. איר, מערזאַווצעס, פאַרדינט אפילו נישט צו גיין אין גיהנום . . . מען וועט אייך קאָכן אין זודיקער בלאָטע. אין הונדערטער יאָרן וועט איר זיך נישט באַפרייען פון אייערע מאַטערנישן."

אַוודאי איז גאָרקי נישט געווען שולדיק, וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געהאַט אַזאַ פאַסקודנעם פּנים.

אין איין פּרט איז גאָרקי יאָ געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט זיין גאַנצן לעבן: ער האָט נישט געפּואוט פאַרשענערן די מיאוסע ווירקלעכקייט.

ער האָט זי געגעבן ווי זי איז. ער האָט פֿיינט געהאַט עקספּלואַטאַציעס. ער האָט פֿיינט געהאַט די דערנידערונג פֿון דער מענטשלעכער פּערזאָן, די דעגראַדירונג פֿון דעם מענטשלעכן געדאַנק. אין זיין הייסער סימפּאַטיע פֿאַר די ליידנדיקע האָט ער דערמאָנט אָן דאָסטאָיעווסקין. אָבער בשעת יענער האָט געזוכט אַן אויסוועג אין מיסטישע שטימונגען, האָט גאָרקי געזוכט אַן אויסוועג אין באַקעמפֿן די פֿאַרהאַסטע אָרדענונג.

2.

„אַ מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ״, האָט גאָרקי געזאָגט אין איינעם פֿון זיינע ווערק. אָט־דעם לאָזונג איז ער געבליבן געטריי זיין גאַנץ לעבן. גאָרקי איז אפֿשר דער מענטשלעכסטער פֿון אַלע היינטיקע שרייבער, נישט געקוקט דערויף — אָדער אפֿשר טאַקע צוליב דעם — וואָס ער איז נישט סענטימענטאַל, וואָס ער זעט מענטשן אין זייער ריכטיקער געשטאַלט. גאָרקי האָט ליב דאָס לעבן. ער האָט ליב די פּראָצעסן פֿון לעבן. ער האָט ליב די סאַמע געדיכטע מאַסע פֿון דעם מענטשלעכן לעבן. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז ער איז אַלעמאָל אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע מענטשן. דעריבער האָט ער אַזוי פֿיינט דעם טיפּישן בורזשואַזן אינטעליגענט, וועלכער לעבט אין זיך און פֿאַר זיך. מיט וואָס פֿאַר אַ סאַרקאַזם האָט גאָרקי געשטעמפּלט די עסטעטישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן געפּרואווט אַנטלויפֿן פֿון דער רעוואָלוציע אונטער דעם אָדער יענעם אידעאָלאָגישן אויסרייד. „אָט זעען מיר זיי,״ שרייבט ער אין יאָר 1905, „אויפֿגערודערטע און נעבעכדיקע; זיי באַהאַלטן זיך פֿון דער רעוואָלוציע, וואו נאָר זיי קענען; אין די טונקעלע ווינקלען פֿון מיסטיציזם, אין די חנ׳עוודיקע גאָרטן־שטיבלעך פֿון עסטעטיזם, אין די קינסטלעכע געביידעס וואָס זיי האָבן אויף גיך אויפֿגעשטעלט פֿון געגנבעטע מאַטעריאַלן. אומעטיקע און הילפֿלאָזע, וואַנדערן זיי אַרום איבער די לאַבירינטן פֿון מעטאַפֿיזיק און ווידער און אָבער קערן זיי זיך אום צו די שמאָלע סטעזשקעלעך פֿון רעליגיע, וואו עס איז אָנגעוואָרפֿן דאָס מיסט פֿון יאָרהונדערטן, און אומעטום ברענגען זיי מיט זיך זייער וואולגאַריטעט, זייער היסטערישע קרעכצן פֿון אַ נשמה, וואָס איז געבראָכן פֿון קליינלעכער מורא, זייער אָרימקייט, זייער חוצפּה, און אַלצדינג, צו וואָס זיי רירן זיך צו, באַוואַרפֿן זיי מיט אַ האָגל פֿון שיינע, אָבער ליידיקע ווערטער, וועלכע קלינגען פֿאַלש און נעבעכדיק.״

גאָרקי איז געווען אַקטיוו און אינטענסיוו פֿאַראינטערעסירט אין פּאָליטישע געשעענישן. ער האָט דורכגעלעבט אָט־די געשעענישן מיט דער גאַנצער ליידנשאַפֿט פֿון זיין כאַראַקטער. דער שרייבער פֿון אָט־די שורות

איז פערזענלעך פאַראינטערעסירט אין די פאָלגנדיקע ווערטער פון אַ בריוו, וואָס גאָרקי האָט געשריבן צו בריוסאָוו׳ן נאָכדעם ווי מען האָט פאַרשיקט 218 סטודענטן פון דעם קיעווער אוניווערזיטעט אין סאָלדאַטן — כדי זיי זאָלן זיך „אויסמענטשלען“ אין דער אַרמיי. דער שרייבער איז געווען צווישן די סטודענטן; די שטראָף איז געווען אַן ענטפער פונעם צאַר אויף סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס. גאָרקי האָט געשריבן:

> „איך בין אין דער שטימונג פון אַ משוגענעם הונט, וואָס מ׳האָט אים גוט אָנגעשלאָגן און צוגעבונדן אויף אַ קייט. אויב איר, מיין פריינט, האָט ליב מענטשן האָף איך, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין. איך האָב אַזאַ געפיל, פאַרשטייט איר מיך, אַז שיקן אַ סטודענט אין סאָלדאַטן איז פאַסקודנע; עס איז אַ חוצפּהדיק פאַרברעכן קעגן זיין פערזענלעכער פרייהייט. עס איז אַ אידיאָטישער טריט פון מערזאוועצעס, וואָס זיינען איבערגעפרעסן מיט מאַכט. מיין האַרץ קאָכט, און איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אַ שפּיי געטאָן אין די אומפאַרשעמטע מאָרדעס פון די דאָזיקע מענטשן־האַסער, וואָס ווען זיי לייענען אייערע ,צפונדיקע בלומען׳, וועלן זיי אייך גנעדיק באַשענקען מיט זייער לויב. איבעריקנס לויבן זיי דאָך מיך אויך. דאָס איז אַזוי העסלעך און אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז עס הויבט זיך אין מיר אַן אומבאַשרייבלעכער האַס קעגן אַלצדינג, אפילו קעגן בונינען, וועמען איך האָב ליב אָבער וועמען איך פאַרשטיי נישט; איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס ער נעמט נישט זיין שיינעם טאַלאַנט, וואָס ער איז ווי אַלטע מאַטע זילבער, און שאַרפט אים נישט אָן ווי אַ מעסער, כדי אים אַריינצושטעכן דאָרט וואו מען דאַרף.“

גאָרקי איז קיינמאָל נישט געווען קיין „ליטעראַט“. ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין זייטיקער, קיין „באַאָבאַכטער“. ער איז שטענדיק אַ טייל פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אפילו ווען ער לעבט אין אויסלאַנד, אפילו ווען ער פאַרברענגט יאָרן אויפן קאפּרי־אינדזל צוליב זיין קראַנקהייט. ער פילט זיך ווי אַן אַקטיווער טייל פון דעם שטראָם פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיט זיין גאַנצן כוח האָסט גאָרקי די פינצטערניש פון דעם רוסישן נעכטן, די הערשאַפט פון אַ מענטשן איבער אַ מענטשן, די אומוויסנקייט, די גראָבקייט, די ווילדקייט פון דער „הייליקער רוסלאַנד“. מיט זיין גאַנצן כוח האָסט ער אויך די גיפטיקע בלומען פון קונסט, וואָס זיינען געוואַקסן אויף דער פאַרפלוכטער ערד פון דעם אַלטן רעזשים. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ שונא פון רעליגיע, אַ שונא פון דער קירך, אַ שונא פון די שרייבער, וואָס האָבן געזוכט „טיפקייטן“ אין רעליגיעזן מיסטיציזם —

אָט־דעם ווילד־צעוואַקסענעם בוריאַן, וואָס האָט געבליט אינמיטן אָרימ־קייט און שמוץ. ווען מען האָט אים באַשולדיקט דערפאַר, וואָס ער איז קעגן אויפפירן אויף דער בינע דאָסטאָיעווסקיס „שדים", האָט ער גע־שריבן: „קיפלינג איז זייער טאַלאַנטפול, אָבער די אינדוסן קענען נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם שאָדן, וואָס ער ברענגט זיי מיט זיין פריידיקן אימפעריאַליזם, — און אין דעם פּרט זיינען אַ סך ענגלענדער מיט זיי מסכים . . . דאָסטאָיעווסקי איז גרויס, און טאָלסטאָי איז אַ זשעניע, און איר, מיינע הערן, זייט אַוודאי טאַלאַנטפול און קלוג, אָבער רוסלאַנד און איר פאָלק זיינען מער באַדייטונגספול און מער וויכטיק איידער טאָלסטאָי, איידער דאָסטאָיעווסקי, אפילו איידער פּושקין, שוין נישט רייִדנדיק פון אונדז אַלע."

3.

גאָרקי איז דער פאָטער פון דער רוסישער פּראָלעטאַרישער ליטע־ראַטור. נישט נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געגעבן מוסטערן פון דער גרויסער קונסט פון אויספורעמען דעם סאָציאַלן שטאָף אונטער די שטראַלן פון דער קלאַסן־אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט מיטן צוועק אַרויסצו־ברענגען דעם קלאַסן־קאַמף אין אַ שאַרפן אויסדרוק, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון די יונגע פּראָלע־טאַרישע שרייבער, וועלכער האָבן זיך באַוויזן אין רוסלאַנד אין אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט. אין 1914, דריי יאָר פאַר דער רעוואָלוציע, איז אַרויסגעגאַנגען אַ באַנד דערציילונגען פון יונגע פּראָלעטאַרישע שריי־בער, פאַבריק־אַרבעטער — די ערשטע זאַמלונג פון דעם סאָרט. דער בוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך דער הילף און מיט אַ פאָרוואָרט פון גאָרקין. רייִדנדיק צו די שרייבער און צו די לייענער זאָגט דאָרט גאָרקי:

„אָט דער בוך, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך אייערע חברים, איז אַ נייע און זייער באַדייטונגספולע דערשיינונג אין אייער לעבן. ער דערציילט זייער פיל וועגן דעם וואוקס פון די אינטע־לעקטועלע קרעפטן פונעם פּראָלעטאַריאַט. איר פאַרשטייט זייער גוט, אַז פאַר אַ זעלבסט־געלערנטן שרייבער איז אַ סך שווערער אָנצושרייבן אַ קליינע דערציילונג, ווי פאַר אַ פּראָפעסיאָנעלן שריי־בער אָנצושרייבן אַ ראָמאַן פון עטלעכע הונדערט זייטן. מיר קענען זאָגן מיט פולער אויפריכטיקייט, אַז אָט־די זאַמלונג אייערע איז איב־טערעסאַנט. איר האָט אַ גרונט צו זיין שטאָלץ. און ווער קען פאַר־אויסזאָגן די צוקונפט? עס איז מעגלעך, אַז אָט־דער קליינער בוך וועט נאָך דערמאָנט ווערן אין דער צוקונפט אַלס איינער פון די־

ערשטע טריט פונעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט צו דער שאַפונג פון אַן אייגענער קינסטלערישער ליטעראַטור. מען וועט אפשר זאָגן, אַז דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, אַז אַזאַ ליטעראַטור האָט קיינמאָל נישט עק־זיסטירט. מילא, עס איז פאַראַן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט עקזיסטירט; דער אַרבעטער־קלאַס אַליין האָט אויך קיינ־מאָל נישט עקזיסטירט אין די פאָרמען און מיט דעם גייסטיקן איב־האַלט, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין דער לעצטער צייט. איך בין איבערצייגט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען באַשאַפן אַ קינסטלערישע ליטעראַטור, ווי ער האָט באַשאַפן, מיט גרויס מי און מאַטערניש, די טעגלעכע פּרעסע."

גאָרקי האָט פאָראויסגעזען די אַנטוויקלונג פון די פּראָלעטאַרישע שאַפונגס־קרעפטן אויפן געביט פון ליטעראַטור, ווי לענין האָט פאָראויס־געזען די אַנטוויקלונג פון די פּראָלעטאַרישע שאַפונגס־קרעפטן אויפן גע־ביט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. לענין האָט געשעצט גאָרקין און האָט אים געהאַלטן פאַר „אַן אויטאָריטעט אין פּראָלעטאַרישער קונסט." לענין האָט פאַרטיידיקט גאָרקין, כאָטש ער האָט שאַרף קריטיקירט זיינע טעותן, און לענין האָט דערקלערט, אַז „גאָרקי איז אַ ריזיקער קינסטלערישער טאַ־לאַנט, וועלכער האָט געגעבן און וועט נאָך אַ סך געבן דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג."

גאָרקי האָט קיינמאָל נישט דורכגעפירט קיין שאַרפע ליניע צווישן „ליטעראַטור" און פּובליציסטיק, צווישן דער קונסט פון אַ שאַפנדיקן שריפטשטעלער און דער קונסט פון אַ פּאַמפלעטיסט. גאָרקיס „מיינע אוני־ווערזיטעטן" זיינען סיי אויטאָביאָגראַפיע, סיי סאָציאָלאָגישע עטיודן, סיי אַ קונסט־ווערק פון דעם ערשטן ראַנג. זיין „אינזל פונעם רויטן טייוול", אָדער „שיינע פראַנקרייך" איז אַ געלונגענע אַמאַלגאַמאַציע פון שאַרפער פּאָליטישער סאַטירע מיט אויסערגעוויינלעכער קינסטלערישער אויס־דרוק־קראַפט. זיין „מוטער" איז אַ ווערק פון בעלעטריסטיק, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דאָרט פאַראַן אַ סך פּובליציסטישע דיסקוסיע וועגן דער רעוואָלוציע פון 1905. זיין „לעבן פון קלים סאַמגין" אַנטהאַלט אין זיך אָפּט היסטאָרישע דאָקומענטן און אַ סך באַשרייבונגען, וועלכע וואָלטן געפּאַסט אין אַ געשיכטע פון דער רעוואָלוציע. פון דער אַנדערער זייט זיינען פיל פון זיינע פּובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל קינסטלערישער קראַפט, אַז זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ קונסט־ווערק. אַזוי זיינען זיינע באַשרייבונגען און אַרטיקלען וועגן די אויל־קוואַלן אין סאָוועטישן באַקו, אָדער וועגן דער קינדער־קאָמונע פון דער

גע־פּע־או. ווי יעדער גרויסער קינסטלער, ווי געטע, דאָסטאָיעווסקי, טאָלי
סטאָי, האָט גאָרקי געהאַלטן דעם פּובליציסטישן צווייג פון זיין אַרבעט
פאַר נישט ווייניקער וויכטיק, ווי זיין בעלעטריסטיק. ווען ער פילט, אַז
ער קען בעסער אויסדריקן זיינע געדאַנקען דורך פּובליציסטיק, לייגט ער
אַוועק אָן אַ זייט די ריינע קונסט, וועלכע איז ביי אים קיינמאָל נישט „ריין“
אין דעם זין ווי עס פאַרשטייען עס די בורזשואַזע שרייבער, און נעמט זיך
פאַר דעם געווער פון פּובליציסטיק, וועלכע איז ביי אים אַלעמאָל דורכגע־
שטראַלט מיט קונסט. עס איז נישט לייכט צו זאָגן, וואו ער איז שטאַרקער.
אַלס פּובליציסט צייכנט ער זיך באַזונדער אויס מיט זיינע אַטאַקעס
אויף דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט בכלל, אויף איר קולטור בפרט.
זיין בריוו צו די אַמעריקאַנער אינטעליגענטן: „מיט וועמען גייט איר,
מייסטערס פון קולטור?“ קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל. גאָרקי איז דער גרעס־
טער פאַרטיידיקער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויפן געביט פון זשור־
נאַליסטיק. גאָרקי זעט קלאָרער ווי ווער נישט איז די דערגרייכונגען פון
דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, — וואָרים האָט ער דען נישט געזען אין
איר גאַנצער נאַקעטקייט די אַלטע „הייליקע“ רוסלאַנד? — און דעריבער
קען ער אַזוי געלונגען צוריקשליידערן די אַטאַקעס פון די קאַפּיטאַליס־
טישע „געלערנטע“ און זשורנאַליסטן. גאָרקי, דער פּובליציסט, בלייבט
דער זעלביקער ברייטער, אַלאומפאַסנדיקער רעאַליסט, ווי גאָרקי דער
קינסטלער.

ער אידעאַליזירט נישט דאָס הייַנטיקע סאָוועטישע לעבן. ער זעט
די פּאַסקודנע איבערבלייבעכצן פון אַמאָל; ער זעט די וואונדן און שראַ־
מען, וואָס זיינען נאָך געבליבן פון דעם אַלטן רעזשים; ער זעט די
שטרויכלונגען אויפן וועג פונעם אויפבוי. ער זעט אָבער ווי אַזוי דאָס
אַלטע פאַרשווינדט, ווי אַזוי די נייע רוסלאַנד וואַרפט אַראָפּ פון זיך די
הונדערטיאָריקע העסלעכע קליידער. אָט־די פייאיקייט צו זען די שיינע
צוקונפט אינמיטן די שוועריקייטן פון דער געגנוואַרט איז ביי גאָרקין פאַר־
רעכנט פאַר אַ גרויסער אייגנשאַפט; ער רעכנט, אַז דאָס איז די גרעסטע
אייגנשאַפט פון לעניגען. ער שרייבט: „לענין האָט געקענט פאָראויסזען
וואָס עס וועט טרעפן, ווי קיינער האָט דאָס נישט געקענט פאַר אים און
נאָך אים. ער האָט געקענט און ער האָט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווייל, ווי
מיר דאַכט זיך, מיט איין העלפט פון זיין גרויסער נשמה האָט ער געלעבט
אין דער צוקונפט, ווייל זיין אייזערנע אָבער בויגעוודיקע לאָגיק האָט אים
געוויזן די ווייטסטע צוקונפט אין פולשטענדיק־קאָנקרעטע רעאַלע פאָר־
מען. דאָס דאַכט זיך מיר, דערקלערט זיין מערקווירדיקע שטאַנדהאַפּ־

טיקייט בנוגע דערווירקלעכקייט, וועלכע האָט אים קיינמאָל נישט פאַר־צווייפלט, ווי שווער און פאַרוויקלט זי זאָל נישט זיין; דאָס דערקלערט דעם פאַקט, וואָס קיינמאָל איז נישט דערשיטערט געוואָרן זיין גלויבן, אַז דער מאָמענט וועט קומען ווען דער אַרבעטער־קלאַס און די פויערים מוזן און וועלן זיין די באַלעבאַטים פון דער גאַנצער וועלט.״

דאָס איז ריכטיק נישט נאָר בנוגע לענינען, נאָר אויך בנוגע זיין פריינט און מיטאַרבעטער גאָרקי.

4.

ער איז געווען אַ זון פונעם פאָלק. ער איז אויסגעוואַקסן אונטן, צווישן די געפּלאָגטע. ער האָט פאַרזוכט הונגער און שווערע אַרבעט אין זיין פריסטער יוגנט. ער האָט געוואַנדערט איבערן ברייטן צעפאַרענעם לאַנד. אַ מענטש מיט שוואַכערע קרעפטן וואָלט געוואָרן באַזיגט. אַ מענטש מיט אַ ווייניקער שאַרפן גייסט וואָלט נישט געשטעלט קיין פראַגן. אָבער דער יונגער גאָרקי פאַרמאָגט גוואַלטיקע קרעפטן, און דער גייסט ברענט אין אים העל. גאָרקי ווערט נישט געבראָכן. גאָרקי ווערט אַ רעוואָלו־ציאָנער. ער איז אַ קעמפער נאָך איידער ער איז אַ שרייבער.

גאָרקי איז באַשענקט מיט אַ קינסטלער־טאַלאַנט. דאָס איז נישט גענוג צו זיין אַ גרויסער שרייבער. טאַלאַנט אין דינסט פון אַ פאַלשן גאָט דעגראַדירט און פאַר׳קמצנ׳ט דעם קינסטלער. גאָרקי האָט געשטעלט זיין טאַלאַנט אין דינסט פון אַ גרויסער זאַך. גאָרקי האָט פאַרמאָגט, אַ צוגאָב צו זיין קונסט, די טיפע קענטעניש פון זיין אייגן פאָלק, די דערפאַרונגען פון אַן אַרבעט־זוכנדיקן נע־ונדניק און דעם ברען פון אַ רעבעל, וואָס זוכט צו באַזייטיקן די וועלט פון אומרעכט. דער גרויסער קאָמפּלעקס, וואָס די וועלט קען אונטערן נאָמען „מאַקסים גאָרקי״, באַשטייט דעריבער פון עטלעכע גרונט־עלעמענטן. אָן דעם אַריינדרינגען אין סאַמע האַרץ פונעם רוסישן לעבן, וואָלט נישט געווען קיין גאָרקי. אָן דעם פּראָטעסט פון אַן אַרבעטסמאַן וואָלט נישט געווען קיין גאָרקי. אָן דעם אידעאַל פון אַ סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט וואָלט נישט געווען קיין גאָרקי. גרויסע טאַ־לאַנטן אין דער רוסישער ליטעראַטור זיינען צו נישט געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיטן קלאַס, וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט (בונין, קופּריק, מערעזשקאָווסקי). גאָרקי איז געוואַקסן אַלץ מער גיגאַנטיש, ווייל ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם קלאַס, וואָס איז באַשטימט צו באַהערשן און איבערבויען די וועלט.

פונעם ערשטן טאָג, ווען גאָרקי האָט זיך באַוויזן אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין 1892, האָט זיך דערפילט, אַז דאָ רעדט אַ נייער קלאַס.

גאָרקי געהערט נישט צו דער גרופּע „אַכציקער“, וואָס האָבן געוואוסט נאָר פון זיפצן און באַקלאָגן די געזעלשאַפטלעכע איבלען. גרויס איז געווען טשעכאָוו, אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס האָט ער געהאַט אויף דער אינטעליגענץ, אָבער טשעכאָווס דערציילונגען, געזאַמלט אין אַ בוך, האָבן געטראָגן דעם נאָמען: „כמורנע מענטשן“. גאָרקיס ערשטע מענטשן זיינען ווייט געווען פון כמורנעקייט, פון אומעט, פון נעבעך. זיי זיינען געווען הונגעריק און פריילעך. זיי האָבן געהאַט שאַרפע ציין און אַן אומדערזעטלעכן אַפּעטיט. זיי זיינען געווען באָסיאַקעס. גאָרקי פירט זיי דרייסט אַריין אין דער ליטעראַטור. ער שעמט זיך נישט מיט זיי. עס באַקומט זיך, ווי ער וואָלט געזאָגט: „קוקט, איר זאַטע, עס גייט אויף אייך אַ בעזהאָלאָוויע“. זיינע באָסיאַקעס זיינען פול מיט קראַפט, חוצפה, אַרויסרוף. זיינע „געוועזענע מענטשן“, אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליסט מיט זיין ציניש־פלאַנירטער פּראָפּיט־זויגעריי, זיינען אַ האַנט אויף דער וואַנט. זיי זאָגן אָן, אַז נישט לאַנג וועט זיך לעבן רואיק די געזעלשאַפטלעכע רויבער.

ער לאָזט אָפּ זיינע באָסיאַקעס, ווי ער האָט אָפּגעלאָזט זיין לעגענדאַרע אַלטע איזערגיל און דעם יונג מיטן פלאַמענדיקן האַרצן. דאָס זיינען אַלץ געווען פּראָבעס. דאָ האָט זיך נאָך געפילט אַ נאָך־טעם פון ראָמאַנטיזם, כאָטש אויך אין די באָסיאַקישע דערציילונגען איז דאָ אַ שאַרפער אמת פון דעם לעבן. גאָרקי נעמט זיך מאָלן, פאַרקערפּערן, פאַרצייכענען די סאָציאַל־פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע טרייסלען אויף דאָס לאַנד.

„אויפן דעק“, „דאַטשניקעס“, „קינדער פון דער זון“, „פאָמאַ גאָרדעיעוו“, „מיעשטשאַנעס“ — איינס נאָכן אַנדערן קומען ווערק, וואָס רודערן אויף די אינטעליגענץ, דרינגען אַריין צו די מאַסן, לאָזן נישט רוען, דערוועקן טויזנט פראַגן. עס גייט אַ סעריע נייע ווערק אין פאַרבינדונג מיט דער רעוואָלוציע פון 1905 — „ווידוי“, „פאַרצייכענונגען פון אַן איבעריקן מענטשן“ — און דאַן דאָס קאָלאָסאַלע ווערק, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ טיפן איינדרוק אויף דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור און אויף דער וועלט־ליטעראַטור — „די מוטער“. עס איז שוין איצט ביי קיינעם קיין צווייפל נישט, וואוהין גאָרקי צילט. די פראַגן זיינען פאַרענטפערט. דער וועג איז אָנגעמערקט זיכער. גאָרקי איז אַ רעוואָלוציאָנער, אַ סאָציאַליסט. די אַלטע אַרבעטער־פרוי, וועלכע טרעט אַריין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי נאָכדעם ווי איר איינציקער זון און ברויטגעבער ווערט אַרעסטירט אין אַ דעמאָנסטראַציע, איז גאָרקיס אידעאַלער טיפּ. זאָל זיין, אַז ער האָט זי אַביסל אידעאַליזירט. מיט אָט־דער אידעאַליזאַציע,

וועלכע איז געבויט אויפן רעאַליזם פונעם לעבן, ווייל ער זאָגן: אַזוי דאַרף זיך פירן אַן אַרבעטער־פּרוי; אָט־דאָס איז דער אידעאַל פון אַ מענטשן.

***

אָבער גאָרקי האָט נאָך אַ סך צו דערציילן, וואָס ער האָט פאַר זייער וויכטיק, הגם עס האָט נישט דירעקט צו טאָן מיט רעוואָלוציאָנערע קאַמפּן. גאָרקי שטאַמט פונעם „דעק". ער קען אַלט־רוסלאַנד אויסגעבונדן. ער האָט פאַרזוכט נישט נאָר הונגער און אומזיכערקייט, נאָר אויך אַ לעבן, וואו עס פעלט קולטור.

גאָרקי, דער מענטש וואָס לערנט זיך און וואַקסט מיט יעדן טאָג, דער מענטש וואָס טרינקט זשעדנע פון די קוואַלן פון דער וועלט־קולטור, דאַרף ערשט איצט דערציילן, ווי עס זעט אין אמתן אויס די „ערד" פון זיין לאַנד. אַ שלעכטע ערד, אַ פאַרדאַרבענע. מענטשן אומגעבילדעט, אומגעלערנט, פאַרגרעבט; מענטשן טרינקען, שכורן, שלאָגן זייערע ווייבער, באַליידיקן זייערע קינדער, גייען אויס פון לאַנגווייל. מענטשן זיינען שמוציק, וויסט, פאַרוואָרלאָזט. מענטשן פאַרמאָגן ערגעץ אין דער טיף אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך אַ שענער לעבן און אַ גרויסע טרייב־קראַפט, אַן אומגעהויערע לעבנס־קאַרפט, אָבער דאָס דריקט זיך אויס אין ווילדע אויסברוכן, אין הוליען וואָכן נאָכאַנאַנד, אין באַליידיקן אומשולדיקע מענטשן. אַ מיאוס לעבן. אַ שלעכטער צעפוילטער באָדן. מען וועט אים דאַרפן אַקערן און קאַנאַליזירן און באַלויכטן מיט זון־שטראַלן און ענערגיש קולטיווירן, ביז ער וועט קענען טראָגן געזונטע פרוכט.

גאָרקי לאָזט זיך אַוועק גראָבן אָט־דעם יאָרהונדערטער־אַלטן באָדן. עס באַקומען זיך ווערק, וואָס זיינען פול מיט אומגעהויערן אמת. אָבער דאָס איז נישט דער אמת פון איינעם, וואָס ווייזט גראָטעסקערייען אין אַ מוזיי: דאָס איז דער אמת פון איינעם, וואָס וויטיקט און בלוטיקט איבער דעם, וואָס ער זעט. „קינדהייט", „דאָס שטעטל אָקוראָוו", „דאָס לעבן פון מאַטווײַ קאָזשעמיאַקין" — די זאַכן זענען נישט אויס רעוואָלוציאָנער. אָבער נאָר אויבן־אויף. „פאַרוואָס דערצייל איך אָט־די העסלעכע זאַכן?" פרעגט גאָרקי. און ער ענטפערט: „כדי איר, מיינע הערן, זאָלט וועגן זיי וויסן, וואָרום זיי זיינען נישט די פאַרגאַנגענהייט, זיי זיינען וויט נישט דער נעכטן. איך געפעלן לידער וועגן אויסגעטראַכטע זאַכן, איר האָט ליב שרעקן וואָס ווערן חנ'עוודיק דערציילט; דאָס פאַנטאַסטיש־מוראַדיקע רודערט אייך אויף אָנגענעם. איך אָבער קען דאָס שרעקלעכע, וואָס איז

רעאַל, דאָס מוראַדיקע, וואָס איז געוויינטלעך, און עס איז מיין אומבאַ־שטרייטבאַר רעכט אייך אויפצורודערן אומאַנגענעם דורך דערציילונגען וועגן די־אָ זאַכן, כדי איר זאָלט וויסן, ווי אַזוי מענטשן לעבן. מיר האָבן אַ געמיין און שמוציק לעבן, אָט־וואָס.״

שפּעטער, שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, שרייבט גאָרקי „מיינע אוניווערזיטעטן״: אויך אַ פּאַנאָראַמע פונעם אַלטן רוסלאַנד. אין דעם נאָמען פון דעם באַנד איז דאָ דער ביטערער סאַרקאַזם פון איינעם, וועמעס „אוניווערזיטעטן״ זיינען באַשטאַנען פון דינען ווי אַ שיק־ייִנגל, געשלאָגן ווערן פונעם באַלעבאָס איבער דער פּאַטילניצע און שלאָפן אַ הונגעריקער אויף אַ נאַסן דיל.

***

אַ גאַלעריי פון ווערק. אַ גאַלעריי פון מענטשן, טיפּן, געשטאַלטן. אָבער נישט קיין קאָלעקציע. זאָלן זיך ליידיקגייער־קאַפּיטאַליסטן און זייערע דינער־קינסטלער פאַרנעמען מיט זאַמלען קאָלעקציעס „צוליב קור־ריאָזיטעט״. גאָרקי שרייבט זיינע ווערק מיטן בלוט פון זיין האַרצן. כדי די מענטשן זאָלן וויסן, אַז דער סאַמע דעק פונעם לעבן, איז העסלעך, אַז מען דאַרף אים איבערבויען. איבערבויען קען אים נאָר דער פּראָלע־טאַריאַט, וועלכער קעמפט פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אונטער דער פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

נאָך גאָר פרי, אין אָנהייב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פאַר־בינדט זיך גאָרקי מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. צווישן 1908 און 1913 פירט לענין אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט גאָרקין. לענין שאַצט גאָרקין זייער הויך. לענין האַלט אים פאַר אַ מוסטער פון פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. „גאָרקי איז אָן צווייפל דער באַדייטונגספולסטער פאַרטרע־טער פון פּראָלעטאַרישער קונסט״, זאָגט לענין. זיין פּראָלעטאַרישע קונסט באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס ער מאָלט אַרבעטער אָדער רעוואָלוציאָ־נערן. זיין פּראָלעטאַרישקייט באַשטייט אין דעם, וואָס אַלצדינג וואָס ער שרייבט, איז געצילט צו העלפן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, צו העלפן דער ברייטער מאַסע פאַרשטיין איר אייגן לעבן און זיך אויפהויבן העכער, וואָס דאָס הייסט זיך אויפהויבן צו דער מדרגה פון קאַמף פאַר אַ נייער וועלט.

נאָך דער רעוואָלוציע שטעלט גאָרקי נישט אָפּ זיין קינסטלעריש שאַפן. פאַרקערט. ער שאַפט מאָנומענטאַלע ווערק, צווישן זיי „די אַרטאַמאָנאָוס״, „דאָס לעבן פון קלים סאַמגין״, די דראַמאַטישע סעריע „דאָסטיגאַיעוו און

אַנדערע״, אָבער אין דער זעלביקער צייט גיט ער אָפּ אַ מאָסע אַרבעט דער פּובליציסטיק. גאָרקי איז אַלעמאָל געווען אַ פּובליציסט. דאָס איז נאַטירלעך. ווען אַ קינסטלער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן וועגן געזעלשאַפט־לעכן לעבן און ווען ער פּילט, אַז ער וויל ריידן מער דירעקט, ווי דורך אַ קונסט־ווערק, נעמט ער זיך צום געווער פון פּובליציסטיק. גאָרקיס פּובלי־ציסטיק איז דורכגעוועבט מיט די פעדים פון קונסט. זי איז קרעפטיק, דירעקט און בילדלעך. די שפּראַך איז אויסערגעוויינלעך ריטמיש. דער ערשטער גאָרקישער פּובליציסטישער אַרויסטריט, וואָס האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק אין רוסלאַנד, איז געווען אין 1905, נאָך דעם „בלו־טיקן זונטאָג״. דאָס איז געווען „פּאַרצייכענונגען וועגן מיעשטשאַנסטוואָ״.

נאָך דער רעוואָלוציע ווערט גאָרקי איינער פון די וויכטיקסטע פּאַמ־פלעטיסטן אין קאַמף פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע אין אַנדערע לענדער און פאַרן באָלשעוויזם. מען האָט אים אָנ־גערופן „דער שלאָגלער פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַמפלעטן־ליטעראַ־טור״. גאָרקי רופט זיך אָפּ אויף אַלצדינג, וואָס עס טוט זיך סיי אין אויסלאַנד, סיי אין רוסלאַנד. ער זעט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט גייט אונטער. ער פאָדערט־אויף די אינטעליגענץ פון דער וועלט צו ברעכן מיטן קאַפּיטאַליזם. „די קאַפּיטאַליסטישע וועלט שטאַרבט, פּוילט. זי האָט מער נישט קיין קראַפט אויפצולעבן. אירע קרעפטן זיינען אויסגעשעפּט. די דאָזיקע וועלט האַלט זיך נאָך מעכאַניש, דורך אינערציע, דורך פאַר־לאָזן זיך אויף דער ברוטאַלער מאַכט פון דער פּאָליציי, דער אַרמיי — וואָס דאָס איז נישט קיין זייער זיכערע שטיצע, וואָרום די מערהייט פון די סאָלדאַטן זיינען פּראָלעטאַריער, וועמעס קעפּ מעגן זיין פּאַראומרייניקט מיטן מיסט פון פיליסטערישע פּאַראורטיילן, אָבער וועמעס פּאָליטישער באַוואוסטזיין, וועמעס רעוואָלוציאָנערער קלאַסן־באַוואוסטזיין מוז וואַקסן אונטער אַזוינע באַדינגונגען. די אַלוועלטלעכע סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נישט קיין פאַנטאַזיע; זי איז אַן אומפאַרמיידלעכע געשעעניש, וואָס ווערט צייטיק. אַחוץ דער פּאָליציי און דער אַרמיי, ווערן די קאַפּיטאַליסטן אין איראָפּע געשטיצט דורך די פירער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און דורך אַ געוויסן טייל פון די אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרנאַרט געוואָרן דורך די „פירער״, וואָס זוכן מאַכט און רום. די אויספירונג פון אַט־די „פירער״ ווערט אַלץ מער שענדלעך.״

אַנטקעגן אַט־דער שטאַרבנדיקער צעפוילטער וועלט שטעלט גאָרקי אין זיינע אַרטיקלען און פּאַמפלעטן אַוועק דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס לאַנד פונעם וואַקסנדיקן סאָציאַליזם. גאָרקי דערציילט די אַרבעטער פונעם

סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וועגן זייער אייגענער אַרבעט, וואָרום די אַרבעט איז גרויס, היסטאָריש, און נישט יעדער אַרבעטער קען דאָס פֿאַרשטיין פֿון זיך. גאָרקי ווערט דער איניציאַטאָר פֿון מאָנומענטאַלע קאָלעקטיווע ווערק וועגן דער געשיכטע פֿון די פֿאַבריקן און זאַוואָדן און פֿונעם בירגער־קריג — אונטערנעמונגען, וואָס דאַרפֿן ווייזן די סאָוועטישן אַרבעטער, ווי אַזוי זייער קלאַס האָט געוואונען די פֿרייהייט. אין דער זעלביקער צייט רעדט אָבער אויך גאָרקי צום פּראָלעטאַריאַט פֿון דער וועלט, צו די מאַסן פֿון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. און דערביי האָט ער ספּעציעל אין זינען די אינטעליגענץ, וועמען ער וויל אַריבערגעווינען אויף דער זייט פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

5.

וויל מען זיך אויסמאָלן גאָרקין, שטייט אויף פֿאַר די אויגן אַ ריז. דער מענטש איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, — דערציילער, דראַמאַטורג, ראָמאַניסט, עסקיזן־שרייבער, איינער פֿון די גרעסטע אין דער וועלט; אַ גרויסער מענטשן־פֿריינט, איינער פֿון די, וואָס האָבן ביז גאָר געאַכט און געשעצט די ווערדע פֿון דעם מענטשן; אַ גרויסער קעמפּער, אַ שותּף פֿון די באָלשעוויקעס אינעם קאַמף פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט; אַ גרויסער פּובליציסט און פּאַמפֿלעטיסט, וועמעס וואָרט איז געווען אי שאַרף, אי וואָגיק, אי צאָרנדיק, אי צערטלעך; אַ גרויסער פּאַרטיידיקער און אויסטייטשער פֿון דער קולטור־באַדייטונג פֿון דער נייער אָרדענונג, וואָס די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט איינגעפֿירט אין געוועזענעם רוסלאַנד; אַ גרויסער דעמאַסקירער פֿון דער קולטור־צעשטערערישער באַדייטונג פֿונעם פֿאַשיזם; אַ גרויסער פֿריינט און אַנטוויקלער פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, וועלכע ער האָט געהאָלפֿן גרינדן צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק אין רוסלאַנד, און וועלכע ער האָט געכאָוועט און געצערטלט ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן; אַ גרויסער פֿריינט און דערציער פֿון יונגע שרייבער, וועמען ער האָט געגעבן זיין ראַט און זיין פּראַקטישן אָנווייז, ווי דער גרויסער מייסטער, וואָס ער איז געווען; אַ גרויסער בויער פֿון די ליטעראַטורן פֿון די פֿעלקער, וואָס זיינען געווען אונטערדריקט אונטערן צאַריזם און האָבן אויפֿגעבליט אי קולטורעל, אי עקאָנאָמיש, אי געזעלשאַפֿטלעך אין דער זון פֿון דעם סאָוועטישן רעזשים; אַ גרויסער אָרגאַניזאַטאָר און פֿאַראייניקער פֿון אַלע ליטעראַרישע קרעפֿטן פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — און אַ גרויסער פֿריינט פֿון אַלצדינג, וואָס עס איז געווען שעפֿעריש און פֿאָראויסשטרעבנדיק אין דער גאַנצער קולטורעלער מענטשהייט.

שרייבן וועגן גאָרקין הייסט שרייבן וועגן העכער פינף־און־פערציק יאָר קולטור־געשיכטע און געזעלשאַפטלעכע געשיכטע פון רוסלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מאָלן גאָרקין אפילו אין אַ קורצן איבערבליק הייסט פאַרשטעלן אַ מענטשן־טורעם, וואָס איז מיטן פונדאַמענט פון זיין ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געשטאַנען טיף אינעם אַלטן אומ־מענטשלעך־שווערן אומדערבאַרמדיקן רוסלאַנד און מיטן שפּיץ פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע, געלויכטן ווי אַ פאַקל, ווי אַ שיין־וואַרפער, אין די שטראַלן פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איבערגעבן כאָטשבי דעם הויפּט־אינהאַלט פון זיינע קינסט־לערישע ווערק וואָלט געהייסן אַרויספירן אַ גאַלעריי מענטשן מיט בלוט און פלייש, מיט גייסט און שטרעבונג און זוכעניש און רייסן־זיך צו עפּעס העכערס אפילו ווען זיי, די מענטשן, זיינען צוריקגעשטאַנען און אומגע־לומפּערט און פאַרדאָרבן — אַרויספירן אַזאַ גאַלעריי און ווייזן, ווי אַזוי גאָרקי האָט מיט אַ גוואַלטיקער עכטקייט און טיפקייט און אַכטונג פאַרן מענטשלעכן מאַטעריאַל פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע געשטאַלטן שיער נישט אַלע טיפּן פון רוסלאַנד, פון דעם באָסיאַק און אונטערוועלט־מענטש אין די ערשטע דערציילונגען און דראַמען ביז די טיפּן פון דער אינטע־ליגענץ און פון דער אומקומענדיקער בורזשואַזיע אין דער צייט פון אָק־טאָבער. אַ פאַקט איז, אַז מען קען זעלטן געפינען אַ טיפּ — אַרבעטער, פּויער, באַטראַק, שטאָטישער קליינבירגער, סוחר, מאַגנאַט, שריפטשטע־לער, קינסטלער, שטאָטסמאַן און אַנד. — וואָס גאָרקי האָט נישט אַרויס־געפירט אין זיינע ווערק.

און גאָרקיס קינסטלערישע גרויסקייט איז דאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט אויף איין ליטעראַרישער פאָרמע, וואָס אויף איר זאָל ער פאַרגליווערט ווערן און ווייטער נישט גיין. גאָרקי איז געווען צו פאַרשיידנאַרטיק, צו רייך, צו לעבעדיק, צו נאָענט צו דער ווירקלעכקייט פונעם לעבן, אַז ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט איין זשאַנר. דעריבער זעען מיר ביי אים אי ראָמאַנטיש־טרוימערישע דער־ציילונגען, אי דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זיינען שיער נישט נאַ־טוראַליסטיש; דעריבער געפינען מיר ביי אים עסקיזן, וואָס זעען אויס ווי רעפּאָרטאַזש און זיינען דערביי די גרעסטע קונסט־ווערק, און ראָמאַנען, וואָס נישט־געקוקט אויף זייער רעאַליסטישן אויסזען, זיינען זיי פול מיט פאַנטאַסטיק. דאָס גרויסע אין גאָרקין איז דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געדינט דער „קונסט“: ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז בנוגע צו זיך אַליין; ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון די „פּריסטער פון

קונסט". ער, דער רעבעל, דער פּראָטעסטירער, דער שטורעם־פויגל, האָט געדינט דער מענטשהייט. אים איז געווען אַלץ איינס, וועלכן אינסטרו־מענט ער האָט געברויכט: דעם אַזוי־גערופענעם „אידעלן" אינסטרו־מענט פון קונסט אָדער דעם „גרעבערן" און וואָכעדיקערן אינסטרומענט פון סאַטירע און פּובליציסטיק און אויפרוף. ער האָט געדינט דער זאַך פון באַפרייען די מענטשהייט פונעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם; ער האָט געטראָגן אין קאָפּ און אין האַרצן דאָס בילד פון אַ באַפרייטער און קולטורעל־הויכער מענטשהייט, — און זיין דינסט מיטן וואָרט האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער באַדערפעניש פון צייט און אומשטאַנדן און צוועק.

אָבער אומעטום, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה איז ער דאָך געבליבן גאָרקי — דער איין־איינציקער, דער נישט־גלייכער צו קיינעם.

***

נאָך אין 1917, אין אַ בריוו צו אַ דיכטער אַן אָנפאַנגער, דעם אַרמענער טיגראַן אַכומיאַן, האָט גאָרקי געשריבן:

„פאַרשטייט זיך, עס איז נויטיק, אַז איר זאָלט שרייבן, און אַ סך, אָבער פונקט אַזוי נויטיק איז, אַז איר זאָלט זיך שטעלן נעענטער צום לעבן, איר זאָלט אוממיטלבאַר זיך באַנוצן מיט אירע איינפלוסן, געשטאַלטן, בילדער, מיט איר ציטער, איר בלוט און פליש. קאָנ־צענטרירט זיך נישט אויף זיך, נאָר קאָנצענטרירט די גאַנצע וועלט אין זיך.

„אין לעבן איז דאָ אַ סך גיפט. ס'איז אָבער דאָ האָניק אויך — געפינט אים. זייט נישט נאָר אַ ליריקער, פאַרשפּאַרט נישט אייער נשמה אין אַ שטייגל, וואָס איר אַליין האָט אויסגעבויט, — האָט דעם מוט צו זיין אי אַ הומאָריסט, אי אַן עפּיקער, אי אַ סאַטיריקער, אי גלאָט אַ פריילעכער מענטש. מען דאַרף אַלצדינג נעמען און אַלצדינג אָפּגעבן דעם לעבן, די מענטשן. די מערהייט פון די היינט־צייטיקע דיכטער לעבט ווי אויף אומבאַפּעלקערטע אינזלען, אויסער דעם לעבן, אויסער זיין כאַאָס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, לייכטער און באַקוועמער, איידער לעבן אינעם כאַאָס פון דערווירקלעכקייט. אָבער דאָס הייסט זיך אַליין באַרויבן. מען דאַרף נישט זיין קיין ראָבינזאָן (קרוזאָ), מען דאַרף נישט! מען דאַרף לעבן, שרייען, לאַכן, זידלען זיך, ליבן. מען דאַרף זוכן דאָס, וואָס ס'איז נאָך נישט גע־פונען געוואָרן, — אַ ניי וואָרט, אַ גראַם, אַן אימאַזש, אַ בילד. אַ

פּאָעט איז די עכאָ פון דער וועלט און נישט נאָר די ניאַנקע פון זיין אייגענער נשמה."

אין אָט־די גאָלדענע ווערטער האָט גאָרקי, נישט טראַכטנדיק וועגן זיך, געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון זיין אייגענער אַרבעט. נישט איינשפּאַרן די נשמה אין קיין שטייגל . . . נישט זיין די ניאַנקע פון דער אייגענער נשמה . . . אַריינגעמען אין זיך די גאַנצע וועלט און דעריבער קענען זיין דער אויסדרוק, דער אָפּקלאַנג פון דער וועלט . . . האָבן דעם מוט צו זיין אַ סך זאַכן מיטאַמאָל און דערביי בלייבן גלאַט אַ פּריילעכער מענטש... אַריינמישן זיך מיטן גאַנצן אימפּעט אין סאַמע כאַאָס פון דערווירקלעכקייט און זוכן דאָרט דאָס נאָך נישט געפונענע . . . דער ראָט איז פונקט אַזוי אָנגעמאָסטן פאַר די דיכטער פון היינט, ווי ער איז געווען צוריק מיט צוויי־און־צוואַנציק יאָר.

פון באַזונדער באַדייטונג איז גאָרקי פאַר די פּראָלעטאַרישע שריפט־שטעלער און דיכטער. וואָרום גאָרקי איז געווען איינער פון די קלאַסיקער, וואָס האָט געוואוסט, אַז אין אַרבעטער־קלאַס ליגן פּלאַסטן פון קינסטלע־רישן טאַלאַנט, אַז די אַרבעטער אַליין דאַרפן זיך נעמען צו ליטעראַרישער אַרבעט און אַז פון אָט־דער אַרבעט וועט אויפשטיין אַ נייע, אַ פּראָלעטאַ־רישע ליטעראַטור. נאָך לאַנג פאַר 1917 האָט ער געזאַמלט ווערק פון יונגע פאַבריק־אַרבעטער — שרייבער, מערסטנס אָנפאַנגער, כדי אַרויס־צוגעבן אַ זאַמלבוך. אונטער זיין פּריינטלעכער אויפזיכט און פירערשאַפט האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט די פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, און מיט זיין מיטאַרבעטערשאַפט האָט זי צום שלוס פון זיין לעבן געמאַכט גיגאַנטישע טריט.

וואָס האָט ער געפאָדערט פון אַ פּראָלעטאַרישן שרייבער? מייסטעריש האָט ער דאָס אויסגעדריקט אין עטלעכע ווערטער:

„אַ סאַטיריקער בנוגע דער פאַרגאַנגענהייט, אַן אומדערבאַרעמדיקער רעאַליסט אין דער געגנוואַרט און אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער אין פאַראויסזען, אין אָפּשאַצן די צוקונפט — אַזוי דאַרף זיין, לויט מיין מיי־נונג, אַ ליטעראַטאָר, וואָס רוקט זיך אַרויס פונעם אַרבעטער־קלאַס."

אויך אָט־דער פאָרמולע איז גאָרקי אַליין געטריי געבליבן ביז זיין לעצטן אָטעם.

וואָרום ביי גאָרקין איז קיינמאָל נישט געווען קיין ריס צווישן וואָרט און טאַט.